STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06279

# NETSAH YISROEL

David Ben-Gurion

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד בן-גוריון

# נצח ישראל

# א

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

קיום

דוד בן-גוריון

# נצח ישראל

בוענאס-איירעס, תשי״ד — 1954

משה פייגענבלום.

אַרויסגעגעבן מיט דער פינאַנסיעלער הילף פון:

די יידישע פאָלקס־באַנק (בוענאָס איירעס)
קאָוולער באַנק (בוענאָס איירעס)
צווייטע יידישע האַנדלס־געזעלשאַפט (בוענאָס איירעס)





מיט דער ספּעציעלער דערלויבעניש פון מחבר, דעם ערשטן פּרע־מיער־מיניסטער פון מדינת ישראל, חבר דוד בן־גוריון, טרעט אַרויס דער נייער פאַרלאַג „ק י ו ם" מיט אַ באַנד פון זיינע שריפטן, וואָס זענען ניט צוגענגלעך געווען פאַר דעם ברייטן יידיש־לייענער־דיקן קרייז אין אַרגענטינע.

מיר האַלטן דאָס פאַר אַ גרויסער זכיה, פאַר וועלכער די גאַנצע ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג אין אַרגענטינע דריקט אויס איר דאַנקבאַרקייט אונדזער טיף־געליבטן און אָן אַ גרענעץ פאַרהערטן חבר און מנהיג.

עס איז אמת, אַז דוד בן־גוריון איז גרויס און אומשטערבלעך גע־וואָרן אין דער יידישער געשיכטע מיט זיין טאַט און ניט דווקא מיט זיין וואָרט. אָבער בן־גוריונען געהערט דאָס ערשטע פּלאַץ נישט בלויז אַלס פאָלקס־פירער, נאָר אים געהערט אויך דער אויבן־אָן אין דער ערשט־קלאַסיקער העברעאישער פּובליציסטיק און עסעאיסטיק. זיין וואָרט איז ווי פון שטאָל אויסגעשמידט און איז ערנסט וואַגיק; זיין געדאַנק איז קלאָר און מוטיק געוואַגט.

און אונדזער פאַרלאַג „ק י ו ם" האָט נישט געקענט מאַכן קיין גליקליכערן אויסוואַל פאַר זיין „דעבוט", ווי פאַרעפנטלעכן אַ באַנד שריפטן פון דוד בן־גוריון, וואָס וועט האָפנטליך זיין די גליק־לעכע התחלה פאַר דעם אַרויסגעבן אין יידיש אַלע ווערק פון דעם גרינדער פון דער יידישער מלוכה, וואָס וועט זיין אַ גרויסע מתנה פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

אין דעם באַנד וואָס ווערט איצט פאַרעפנטלעכט איז איינע פון די גרעסערע אַרבעטן אונטערן נאָמען „נצח ישראל". און ס'איז באמת אַ טיף סימבאָלישער צופאַל, וואָס דער פאַרלאַג „ק י ו ם", וועלכער וויל זיין דער אויסדרוק פון דער יידישער נצחיות, פאַרעפנטלעכט אָט די אַרבעט. ווייל בן־גוריון איז דער מאַן פון שאַפן היסטאָרישן זכרון, און פון יעדן וואָרט זיינעם ווי פון זיין יעדן טאַט אָטעמט אַרויס דער נצח ישראל, פון וועלכן ער אַליין איז אַ סימבאָלישע פאַרקערפּערונג.

מיט דעם שטאַרקן גלויבן אַז אונדזער פאַרלאַג „ק י ו ם" וועט מיט דער צייט זיין אַ וויכטיקער וואָפן אין אונדזער קאַמף פאַרן

יידישן קיום און פאַר דעם נצחון פון אונדזער אמונה אין נצח ישראל, באַטן מיר אָן דעם יידישן לייענער אַט דעם באַנד פון די אינספּירי־רנדיקע און דערמוטיקנדיקע ווערק פון אונדזער גרויסן חבר און לערער, דעם שטאַטסמאַן פון ישראל, דעם אַרכיטעקט און בויער פון דעם יידנשטאַט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די טראַגישע פאַטאַליטעט האָט געוואָלט אַז ביים שרייבן די שורות זאָל אָנקומען די ידיעה וועגן דעם שווערן אומגליק וואָס איז געשען מיטן דירעקטאָר און אינספּיראַטאָר פון פאַרלאַג „ק י ו ם", ש מ ע ר ק ע ק אַ ט ש ע ר ג י נ ס ק י , וועלכער איז טראַגיש אומגעקומען אין אַ לופט־אַקצידענט.

דער טאַלענטירטער שריפטשטעלער און פּאָעט, וואָס האָט גע־הערט צו דער גלענצנדיקער ליטעראַרישער משפּחה פון „יונג־ווילנע" און האָט צענדליקער מאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגן, סיי אין ווילנער געטאָ, סיי בעת די פּאַרטיזאַנען־קאַמפן אין די וועלדער; וועמען דער טויט האָט ביז איצט זיבן מאָל זיבעציק מאָל געשוינט, איז אין דער רואיקער און פרידלעכער אַרגענטינע אַרויסגעריסן גע־וואָרן גרויזאַם אינמיטן פון זיין פּרוקטבאַרער אַרבעט.

עס וועט זיין דער ערן־חוב פון אונדזער באַוועגונג אַריינוואַרפן זיך אין דער אַרבעט און פאַרזיכערן דעם דערפאָלג פון „ק י ו ם", און אַזוי אַרום ווירדיק היילקן דעם אָנדענק פון אַ קעמפער, דיכטער, פּאַרטיזאַן און גרויסן קולטור־טוער.

מ. רעגאַלסקי

כ"ז ניסן תשי"ד.

# דוד בן־גוריון

## (שטריכן צו זיין פּערזענלעכקייט)

אויף וויפל עס לאָזט זיך בכלל אָפּשאַצן דער בייטראָג פון אַ יחיד צו
אַן היסטאָרישן אויפבוי־ווערק, אונטערליגט ניט קיין שום ספק, אַז דוד בן
גוריון איז דער מענטש, וועלכן עס פּאַסט געקרוינט צו ווערן ווי דער אַר־
כעטיקט און בויער פון בית־השלישי. ווייל ניט נאָר אויף איין שטח האָט
בן גוריון משפיע געווען אין דער תקופה פון נייעם יידישן אויפקום. ס׳איז ניט
פאַראַן קיין געביט ווו ער זאָל ניט האָבן געווירקט: ער איז געווען פון די
ערשטע יידישע יוגנטלעכע וואָס האָבן פאַראייניקט ציוניזם מיט סאָציאַ־
ליזם; ער איז געווען פון די ערשטע וואָס האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט
רייד, נאָר ער האָט די רייד פאַרוואַנדלט אין מעשים; ער איז עולה קיין ארץ
ישראל כדי זי אויפצובויען; ער אַקערט, זייט, גראָבט די ערד, פירט מויל־
אייזלען; ער איז דער מענטש וואָס שטייט אויף דער וואך און באַשיצט דאָס
דעראָבערטע; ער נעמט צונויף די ערשטע זאנגען פון דער חלוצישער עליה
כדי פון זיי צו מאַכן איין גאַרב; ער גיט אַרויס, צוזאַמען מיט זיינע
חברים, די ערשטע העברעאישע סאָציאַליסטישע צייטונג אין ארץ ישראל;
ער איז דער ערשטער וואָס זעצט איבער אויף עברית אַ בוך וועגן סאָציאַ־
ליזם; איז איינער פון די ערשטע צוויי שליחים פון ארבעטנדיקן ארץ־ישראל
וואָס ווערן געשיקט אין גלות; דער שעפער פון ערשטן לעגיאָן; איינער פון
די פונדאַמענט־לייגער און אָרגאַניזירער פון „החלוץ“; דער פאָראויסזעער
פון דער פאַראייניקטער אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד און דער פאַרווירק־
לעכער פון דער דאָזיקער פאַראייניקונג; איר שמידער אין משך פון אַ סך
יאָרן; ער איז דער מענטש וואָס האָט געלייגט די ציגל און אויפגעשטעלט
די ערשטע רושטעוואַניעס פון הסתדרות העובדים. און ניט בלויז פאַרן אַר־
בעטער קלאַס האָט ער אַ סך אויפגעטאָן, ער האָט געלייגט אויך דעם יסוד
פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון יידישן ישוב פון ארץ ישראל אויפן גרונט פון
אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אויף דער ערשטער זיצונג פון צווייטן לעגיס־
לאַטיוון ראַט (אסיפת הנבחרים) אין אָנהייב פון יאָר 1926 רעפערירט ער,
וועגן די יסודות פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פון די יידן אין ארץ־
ישראל. פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אָן איז ער געווען דער שטענדיקער
פאַרטרעטער פון דער יידישער אַרבעטער ־ באַוועגונג אין אַלע אינטער־
נאַציאָנאַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס; מדריך פון דער יידישער אַרבעטער־
שאַפט, וואָס ווערט אונטער זיין אָנפירונג פאַרוואַנדלט פון אַן אָפּאָזיציאָ־
נעלן כוח אין דער ציוניסטישער באַוועגונג צו אַ באַווירקנדיקן כוח מיט אַ

דעצידירנדיקער השפעה. אַ קלאַס, וואָס קעמפט פאַר זיינע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן ווערט אונטער זיין פירונג דער כוח וואָס בויט איבער דאָס פאָלק און זיין לאַנד און אין פועל יוצא דערפון קומט דער שפּעטערדיקער חותם פון דער אַרבעטער באַוועגונג אין דער מדינה.

מיט דער באַוועגונג איז ער געוואַקסן. ביי איר וויגל איז ער געשטאַנען, דורכגעמאַכט מיט איר אַלע גלגולים; פון דער צייט ווען זי איז נאָך באַשטאַנען פון אַ קליין הייפעלע מענטשן, אָרעם, אָן השפּעה, ביז דעם היינטיקן טאָג מיט אַלע אירע גייסטיקע כוחות און גרויסע פעאיקייטן. מיט אַ פלאַמיקן אייפער און אייזערנעם ווילן האָט ער זיך איבערגעגעבן צו דער שליחות פון דער באַוועגונג.

***

דוד בן גוריון איז געבוירן געוואָרן אין קאָנגרעס־פּוילן בשעת זי איז געווען אַ טייל פון מעכטיקן רוסלאַנד. אין דעם לאַנד האָט זיך מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און טראַגיזם געלאָזט פילן די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע. דריי פעלקער האָבן זיך קעגנזייטיק צוזאַמענגעשטויסן: די פאַרשקלאַפעריי־שע רוסישע מאַכט, וואָס האָט אונטערדריקט די פּאָליאַקן און יידן. אין דעם דרייאַנג האָט זיך צום ערגסטן געפילט דער ייד. ס׳איז לייכט געווען פאַר די רוסן אָפּצווענדן פון זיך די שינאה פון די אונטערדריקטע מאַסן און זי צו ריכטן קעגן יידן. אויך די פּאָליאַקן האָבן זייער צאָרן מחמת דעם אונטערדריקטן נאַציאָנאַלן געפיל זייער לייכט אויסגעלאָזן אויף די אומשולדיקע יידן. פאַר די רוסן איז ניט געווען קיין אונטערשיד פון אַ פּוילישן אָדער רוסישן ייד. זיי האָבן אַלעמען גלייך גערודפט און געפּלאָגט. די פּוילישע יידן האָבן אָבער צוליב זייער ספּעציפישער לאַגע מער געפילט דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם. דאָס פּוילישע יידנטום אין יענער צייט, דערהויפּט פון דער פּראָווינץ, האָט אָפּגעהיטן די ירושה פון דורות און זיך געקלאַמערט אין איר אייגענער קולטור. די מערהייט פון פאָלק האָט גערעדט יידיש. די קינדער זענען דערצויגן געוואָרן על ברכי התורה אין די חדרים און ישיבות, און אַפילו די וואָס האָבן באַקומען אַ וועלטלעכע דערציאונג אין די ניט־יידישע שולן, זענען אויך, אין דער גרעסטער מערהייט, ניט געווען אָפּגעריסן פון יידישן מקור. די ציוניסטישע באַוועגונג אין לאַנד וואָס האָט געוווּנען הערצער האָט געמאַכט אויפשטורעמען און אויפוואַכן די יידישע יוגנט. די יידן האָבן געקעמפט פאַר זייערע נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע רעכטן. די יידישע ראָמאַנטיק וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם באָדן, האָט איינגעפלאַנצט אַ ליבע און אַ פאַרערונג צו די יידישע גייסטיקע ווערטן. אין די דאָזיקע טעג פאַרשאַרפן זיך אויך די סאָציאַלע פּראָבלעמען. ס׳ברעכט אויס די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע, באַגלייט פון גרויסע שטרייקן, בלוטיקע דעמאָנסטראַציעס, מאַסן אַרעסטן און תליות. אין פּוילן ברייטערט זיך אויס דער סאָציאַלער קאַמף אין אַ נאַציאָנאַלער מלחמה. די יידישע יוגנט לעבט

און פילט דאָס אַלץ מיט. זי איז אַן אַקטיווע מיטבאַטייליקטע אין די קאַמפן. די צאָל יידן אין די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען בילדעט, פּראָפּאָרציאָנעל צו דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, אַ צו שטאַרקן כוח. די טיראַנישע צאַרישע מאַכט באַהערשט די לאַגע, פאַרטרינקענדיק די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין טייכן יידיש בלוט און מאסן־פּאָגראָמען וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין צענדליקער יידישע שטעט. די יידישע יוגנט האָט פון דעם קאַפּיטל אַ סך געלערנט. טיילן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס אירע לערערס און וועג־ווייזערס זענען געווען אַסימילאַטאָריש געשטימט, אָדער גלייכגילטיק צו די יידישע ענינים, האָבן זיך דורכגעבראָכן אייגענע וועגן, זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן צו געבן אַ פולן ענטפער אויף דער טאָג־טעגלעכער פראַגע פון די יידישע מאַסן: מיר זענען דאָס אַממייסטן ליידנדיקע פאָלק, און דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז דער אַממייסטן ליידנדיקער פון אַלע אַרבעטער. מען איז געוווינט געווען דעמאָלט צו באַנוצן די פראַזע: דער יידישער אַרבעטער איז דער פאַריער צווישן די אַרבעטער אין דער וועלט. ס'איז געמאַכט געוואָרן די גייסטיקע אָנשטרענגונג צונויפצופלעכטן ביידע אידעען, דער סאָציאַליזם מיטן ציוניזם זענען צוזאַמענגעגאָסן געוואָרן ווי איין אידעאַל. דאָס איז געשען קעגן די אויפפאַסונגען פון די אויטאָריזירטע לערער, בעלי־סמכא אין דער רוסישער אַרבעטער באַוועגונג און אויסער איר (פּלעכאַנאָוו, קויטסקי, לענין), וואָס האָבן געשטעמפּלט דעם ציוניזם ווי אַ רעאַקציאָנערע און קאָנטררעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. אויך יידישע משכילים אין ציוניסטישן און סאָציאַליסטישן לאַגער האָבן זיך באַמיט אויפצווייזן, אַז די ביידע אידעען, ציוניזם און סאָציאַליזם, זענען ווי פייער מיט וואַסער און זיי וועלן זיך קיינמאָל ניט צונויפפּאָרן. דוד בן־גוריון שליסט זיך אָן אין דער ציוניסטיש ־ סאָציאַליסטישער מחנה וואָס איז דאַן געווען נישטיק אין צאָל און צעשפּאָלטן אין פאַרשידענע גרופּקעלעך און שטרעמונגען און צוגאָב שטרעמונגען. די מחנה האָט געקעמפט; האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרדעקן דעם תהום וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן די צוויי לאַגערן: ציוניזם און סאָציאַליזם. און ווען זיינע חברים אין דער נייער ציוניסטיש ־ סאָציאַליסטישער באַוועגונג ראַנגלען זיך מיט די פּאַראַגראַפן פון די פאַרשידענע פּלאַטפאָרמעס אין זייערע פאַרשידענע נוסחאות און אַריינטייטשונגען, באַזירנדיק זיך אויף דער „סטיכישער עמיגראַציע״, וואָס וועט ברענגען מיט זיך מאַסן קיין ארץ ישראל צוליב די אָביעקטיווע באַדינגונגען, לערנט אונדז דוד בן גוריון: זעלבסט־פאַרווירקלעכונג, חלוצישע עליה באַוויזן דורך אַן אינערלעכער דערוואַכונג. דאָס איז די הויפּט אייגנשאַפט פון בן גוריונען, ער לערנט ניט און שאַפט ניט נוסחאות וואָס פאַרפליכטן ניט צו מעשים. אַלע אמונות און מיינונגען ווערן ביי אים געמאָסטן מיט איין מאָס: די גרייטקייט פון חלוצישער פאַרווירקלעכונג אין פערזענלעכן ווי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין איינע פון

זיינע רעדעס אויף דער אומפּאַרטייאישער ציוניסטיש ־ סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ אין יאַר 1944, האָט בן גוריון איבערגעגעבן די געזעלשאַפט־לעכע און פערזענלעכע שטימונגען פון דער צווייטער עליה:

„עס זענען געווען טעג פון יאוש וואָס האָט אַרומגענומען די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ פון רוסישן און וועלט ־ יידנטום. און אין די מענטשן פון דער צווייטער עליה האָט זיך אַריינגע־גאָסן דער טיפער יאוש פון דער תקופה. זיי האָבן ניט גע־גלויבט אין דעם העלסינגפאָרסער פּראָגראַם, זיי האָבן ניט גע־גלויבט אין באַראָכאָווס תורה, דעם שאַרפסטן טעאָרעטיקער פון אונדזער באַוועגונג וועגן גלות און ארץ ישראל. זיי האָבן זיך אין גאַנצן אנטוישט אין דעם גלות און זיך לחלוטין מיאש געווען אין דער עקזיסטירנדער אָרדענונג. זיי האָבן זיך אויך אַנטוישט אין דעם סאָציאַליזם ווי ער האָט אויסגעזען אין יענער צייט, זיי האָבן זיך אַנטוישט אין דעם ציוניזם וואָס פּריידיקט און האָט ניט דעם כוח בפועל ממש צו פאַרווירקלעכן דאָס געפּריידיקטע. זיי האָבן זיך אויך אַנטוישט אין דעם מויל־סאָציאַליזם וואָס איז צו גאָרניט מחייב".

זיי זענען אָבער ניט געווען בלויז דורכגעדרונגען מיט יאוש. דורך זייער טיפער פאַרצווייפלונג איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ נייער גלויבן, אין דעם שעפערישן מענטש, אין דעם פאַרווירקלעכער וואָס נעמט אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ניט צוליב היסטאָרישע סיבות, אָדער פּאָלי־טישע רעוואָלוציעס און שטיצט זיך ניט אויף די אָביעקטיווע באַדינגונגען, נאָר אויף דעם מענטש אַליין אויף וועלכן עס ליגט די אחריות פאַר דער גע־שיכטע. דאָס זענען מענטשן וואָס פאַרמאָגן איין אַדרעס: „זיך אַליין". די שטאַרקע אקצענטירונג אויף דעם שעפערישן מענטש, דעם רעאַליזירער, איז געבליבן ביי בן גוריונען איינע פון די הויפּט־ווערטן פון זיין וועלט־אויפ־פאַסונג. ער זעט ניט די געשיכטע מיט אויגן פון אן אידעאַליסט און איז ניט מגזם די ווערטן פון יחידים. ער איז געבליבן טריי הערצלען וואָס האָט גע־זען אין דער יידישער נויט אַ שטאַרקע טרייב־קראַפט צו ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג. אָבער דווקא אין דער סטיכיע וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך די באַדערפענישן פון די מאַסן, זענען נויטיק שעפערישע מענטשן וואָס זאָלן די מאַסן ריכטן און פירן.

ווו איז דער מקור פון אַזאַ חלוצישער אויפפאַסונג? קודם כל דער כאַ־ראַקטער פון מענטש, דער אַקטיוויסט אין אים, וואָס ווייסט ניט פון קיין רו, וואָס אים איז פרעמד די אייגנשאַפט פון זיין אַ „שב ואל תעשה". בן גוריון איז ניט פון די מענטשן, וואָס וואַרטן אויף אַ „נס", אָדער אויף דעם איי־זערנעם געזעץ, נאָר ער שטיצט זיך אויף מענטשלעכער טואונג און איבער־

מענטשלעכע אָנשטרענגונגען. ער האָט קיינמאָל זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דעם וואָס ס'איז שוין דערגרייכט געוואָרן, ווייל מען קען ניט זיין זיכער מיט דעם דעראָבערטן. מען דאַרף תמיד פאַרשטאַרקן די ארבעט. אין זיין לעבן האָט ער זוכה געווען צו פיל דערגרייכונגען אין דער באַוועגונג וואָס ער האָט אָנגעפירט, אָבער ער איז קיינמאָל ניט געווען צופרידן מיטן דערגרייכטן. די סטאַנציע איז ניט קיין פּלאַץ אויף אָפּצורוען, נאָר אַ גרייטן זיך צו אַ ווייטערדיקן וועג כדי מיט מער פאַרנעם זיך צו דערנענטערן צום ציל. אַ גרויסע השפּעה, ווייזט אויס, האָט אויף אים געהאַט די מוסטערהאַפטע יידישע דערציאונג ביי זיין טאַטן אין שטוב און די אַטמאָספערע פון רוסיש־פּוילישן יידנטום פון יענער צייט. אויב מען וויל קענען בן־גוריונען דאַרף מען וויסן דעם מקור פון וואַנען ער האָט געשעפּט זיינע גייסטיקע כוחות. ער קומט פון דעם רוסיש־פּוילישן יידנטום וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פאַרוואָרצלטע טראַדיציע און אַ לעבעדיקע קעגנוואַרט. אַ פעסט יידנטום קריסטאַליזירט פון דור דורות, אַ יידנטום מיט אַ „נוסח" און איבער אַלעם אַ יידנטום פון מצוות מעשיות.

אויף אַ יוגנט־כינוס אין רמת יוחנן אין 1949 האָט ער אויף אַזאַ אופן דעפינירט דעם כאַראַקטער פון יידנטום: „דער געבאָט פון טאַט איז די נשמה פון יידנטום. די יידישע תורה איז ניט באַזירט אויף אַבסטראַקטע פּרינציפּן וואָס פאַרפליכטן צו גאָרניט, אָדער אויף אַן אמונה וואָס האָט צו טאָן מיט האַרץ אליין, נאָר אויף געזעצן פון עשהס ולא תעשהס מיט וועלכע דער מענטש דאַרף לעבן".

דאָס יידנטום איז דער מקור פון וואַנען בן גוריון האָט געשעפּט יניקה, די באַזע פאַר דער סינטעזע וואָס ער האָט געשאַפן צווישן ציוניסטישן סאָציאַליזם און חלוציות. דער געבאָט פון טאַט באַגלייט בן־גוריונען אין אַלע זיינע וועגן און מעשים, דאָס איז די תורה פון וואַנען ער איז ניט אָפּגעטראָטן. אויף דעם וועג איז ער תמיד געגאַנגען און געפירט די באַוועגונג. אָפטמאָל דאַכט זיך אַז דער אייפער פון פאַרווירקלעכונג אין וועלכן בן גוריון איז תמיד אריינגעטאָן, קומט פון אַ ווילן מכפּר צו זיין די זינד פון אַלע אבלי ציון וואָס האָבן געהאָפט אויף גאולה אין דער גלות געשיכטע און וואָס האָבן ניט געקענט פאַרוואַנדלען די האָפענונג אויף אויסלייזונג אין אַ מצוות עשה און די ליבע און בענקעניש אין אַן אַנהויב פון פאַרווירקלעכונג. דעריבער ווערן ביי בן גוריונען אָפט איבערגעחזרט די וואָרענונגען ניט צו פאַרגעסן אין דער רעאַליזירונג פון ציוניזם ווי אַ מצוות עשה שהזמן גורמה. גלייכצייטיק שטאַרקט ער און דערמוטיקט די שוואַכע ווען די באַוועגונג מאַכט דורך פאַרשידענע שטרויכלונגען און שטערונגען אין דער אויפבוי־אַרבעט און ס'דאַכט זיך, אַז אַלץ איז שוין פאַרשפּילט. אין דעם זין האָט בן־גוריון געירשנט זיין טיפן גלויבן אין ציוניזם אויך פון די וואָס האָבן אַן אויפהער איבערחזרט אני מאמין בביאת המשיח ואף על פי שיתמהמה אחכה לו,

און אויך פון די, וואָס האָבן ניט שלום געמאַכט מיטן זען משיחס פאַרזאַמען זיך און האָבן דוחק געווען דעם קץ. דערפאַר האָט קיין שום זאַך און קיין שום מצב ניט דערשיטערט זיין גלויבן אין ציוניזם און קיין שום דערגרייכונגען האָט אים ניט אַוועקגערוקט פון זיין אַנגעצייכנטן וועג. דעריבער האָט ער געקענט באַגייסטערן צו אַרבעטן ווי מוראשקעס, מיט אַן איבערגעבנקייט וואָס פאָדערט אויסערגעוויינלעכן אויסדויער און אויך צו מעשים וואָס מען האָט אין זיי געקענט זען אַ מין „דחיקת הקץ“. ער האָט אָבער נעגירט און געקעמפט מיט די וואָס האָבן געוואָלט דוחק זיין דעם קץ דורך צוזאַמענשטעלן שמות און נוסחאות וואָס אַנטפּלעקן דעם „שם המפורש“. די אַלע זאַכן זענען שיין ווען זיי ווערן געזאָגט אין דעם ריכטיקן מאָמענט, אָבער זיי פאַרמאָגן ניט קיין שום פּראַקטישן ווערט, זיי זענען מסוכנדיק, ווייל זיי האָבן ניט צו טאָן מיט טאַט, מיט ממשותדיקע מעשים, און פערזענלעכער פאַרווירקלעכונג.

דוד בן גוריון געהערט צום דריטן דור פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. זיינע פאָרגייערס זענען געווען די חובבי ציון און די פּאָליטישע ציוניסטן. די טעאָריעס פון די צוויי דורות האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך און זיי זענען ביי אים געוואָרן איין טעאָריע. ער האָט קיינמאָל ניט אונטערגעשאַצט די „יום־קטנות“ פון די חובבי ציון. ער האָט תמיד אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון יעדן אַריינגעקלאַפּטן פּלאָקן אין דעם ארץ ישראלדיקן באָדן, יעדן עקאָנאָמיש ווירטשאַפטלעכן רכוש וואָס איז געשאַפן געוואָרן. און יעדער טפח פון אַ נייעם בוי וואָס האָט געשאַפן אַרבעט פאַרן יידישן אַרבעטער איז געווען וויכטיק ווי אַ ציל אין זיין וועלט־באַנעם. אַ סך יאָרן האָט ער געווידמעט זיינע כוחות דער דאָזיקער טעטיקייט. ער האָט אָבער ניט געזען אין דעם בלויז אַ ציל פאַר זיך, נאָר אַ אינסטרומענט צו ברענגען די באַנייאונג פון יידישן פאָלק און פאַרשטאַרקן דעם פּאָליטישן כוח פון דעם ישוב און פון ציוניזם. פּונקט ווי ער האָט ניט איבערגעטריבן דעם באַדייט פון דעם סאָרט פּאָליטישע טעטיקייט וואָס דריקט זיך אויס אין אַ טשאַרטער און דעקלאַראַציעס, אין דעם שטעלן זיך פאַר מיניסטאָרן, שרים א. א. וו. האָט ער, אָבער דאָס אַלץ אָפּגעשאַצט לויט דעם אויף וויפל עס קען ברענגען דעם פאָראויסגאַנג פון דעם אויפבוי־ווערק און אויף וויפל דאָס קען העלפן איינוואָרצלען אין דעם ארץ־ישראלדיקן באָדן.

דוקא אין דער תקופה פון גרויסע פּאָליטישע דערגרייכונגען, ביי דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, האָט ער אָפּט מיט ליבע און פאַרערונג דערמאָנט די געשטאַלטן פון די חובבי ציון, ווי פּינסקערן, דעם נדיב הידוע, אנשי מלבס (פּתח תקוה). ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן דערמאָנט ער דאָן כסדר הערצלען. דער אינטעגראַלער ציוניזם איז ביי אים ניט בלויז אַן ענין פון אַ וועלט־אַנשויאונג, נאָר אַ טייל פון זיין וועזן. דער ציוניזם פירט אים אין אַלע זיינע וועגן און שטעגן. לילייענבלום און הערצל האָבן זיך ביי אים צו־

גויפגעגאַסן אין איין סינטעז, אָבער דער סינטעז האָט ניט באַפרידיקט און געלייזט די באַדערפעניש פון אויפבוי. ס׳איז געווען נייטיק עפּעס אַ צוגאב אין איינקלאַנג מיט דער צייט אין וועלכער מיר לעבן. די אַלטע חיבת ציון איז איינגעשרומפּן געוואָרן מיט אירע באַגרענעצטע קליינע דערגרייכונגען. דער פּאָליטישער ציוניזם האָט באַפליגלט, ער האָט אָבער ניט געגעבן קיין אַרבעטס־הענט. ער האָט דערהויבן דעם גייסט, אָבער ניט געזאָרגט צו שאַפן די קאַוואַדלע אויף וועלכער ס׳זאָל אויסגעשמידט ווערן אַ צוגעגרייטער מענטשן־מאַטעריאַל צו מעשים. דעריבער האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין סתירות. ער האָט דערגרייכט ביז צו דעם זעלבסטפאַרלייקענענדיקן אוגאַנ־דיזם. אויך דעם פּראַקטישן ציוניזם האָט געפעלט שווונג ווייל ער איז גע־ווען באַגרענעצט, און אָן השראה.

דוד בן גוריון, צוזאַמען מיט אַ קליין הייפעלע חברים, האָבן אויף זיך גענומען צו דערפילן די גרויסע היסטאָרישע שליחות וואָס די נייע יידישע געשיכטע האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט, די שליחות צו פאַרריכטן אַלע ביז איצט באַגאַנגענע פעלערן. ס׳איז געווען אַ געוואַגטער פּרווו צו רעוואָלטירן קעגן דער צוויי־טויזנט יעריקער גלות־געשיכטע. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט שטרויכלונגען און ס׳איז ניט געווען קיין אָנשפּאַר ווי זיך אָנצוהאַלטן, די ווירקלעכקייט האָט פון פאָראויס אַרויסגעטראָגן דעם משפט קעגן די רע־וואָלטירער. נאָר אַ פאַנטאַסט, אַ מענטש מיט אַ העכערן גלויבן, מיט אַ שטאָלענעם ווילן, עקשנות און איבערמענטשלעכער טריישאַפט האָט געקענט דורכברעכן און אויספלאַסטערן אַ וועג פאַר די שפּעטערדיקע, זיי זאָלן גיין אויף אים ביז צום סוף.

דוד בן גוריון און זיינע חברים זענען געבענטשט געווען מיט די אויבן דערמאָנטע אייגנשאַפטן און זיי האָבן דעריבער דעם גרויסן היסטאָרישן זכות.

***

בן גוריון איז געווען איינער פון די הויפּט־גרינדער פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי (אין סוכות 1906). דאָס איז געווען דער ערשטער יידישער אָרגאַ־ניזירטער כוח אין לאַנד וואָס האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט קלאָרע פּאָלי־טישע צילן. ביז איר אַנטשטייאונג האָבן דאָ און דאָרט עקזיסטירט אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע גרופּן, די וועדי מושבות, און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס וואָס האָבן זיך אויסגעהאַלטן פון חוץ לאַרצדיקער שטיצע. אויך דער אַרבע־טער־אָרגאַניזם וואָס האָט זיך געפונען אין לאַנד פאַר דער צווייטער עליה האָט נאָר געזאָרגט צו קאָלאָניזירן די חברים אויפן באָדן. די הפועל הצעיר־פּאַרטיי וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ קורצע צייט פריער האָט ניט געהאַט

פאַר זיך קיין קלאָרן פּאָליטישן פּראָגראַם, כאָטש זיי האָבן שטענדיק געהאַט ברייט־פּאַרנעמיקע צילן און אויפגאַבן. שוין אין די ערשטע כנוסים פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי, פאַרגעקומען אין דעם ערשטן יאָר פון בן גוריונס עליה קיין ישראל, פאַרמולירט די פּאַרטיי אירע שטרעבונגען און אויפגאַבן, וואָס זיינען די זעלבע פון יעדער סאָצ. לאַנדעס פּאַרטיי („אויפבוי פון דער געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות״; פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט פאַרן יידישן פאָלק אין דעם דאָזיקן לאַנד״). אָבער עס ווערן אויך אויסגעאַרבעט פּאָליטישע פאָדערונגען, ווי למשל: באַזייטיקן אַלע שטערונגען פאַר עליה, אַ פאָדערונג צו די יידישע און ציוניסטישע אינסטאַנצן איינצואָרדענען די עליה, אַלגעמיינע וואַל־רעכט צו אַלע זעלבסט־פאַרוואַלטונגס אינסטיטוציעס אין שטאָט און אין דאָרף, אָרגאַניזירן אין אַ ברייטן פאַרנעם דעם אַרבעטער אין די אומפּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען; קאַמף קעגן די פילאַנטראָפּישע איינשטעלונגען אין ישוב „וואָס האַלטן אָפּ די שעפערישע כוחות אין זייער אַנטוויקלונג״ אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט ווערט געלייגט צו אָרגאַניזירן דעם ישוב און די זיכערקייטס - באַדערפעניש.

די פּאַרטיי האָט זינט איר אַנטשטייאונג געקעמפט פאַר אַנקניפּן פאַרבינדונגען מיט די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער, ניט בלויז צוליב טעמים פון אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער סאָלידאַריטעט, נאָר בכדי די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָל באַקומען די אינטערנאַציאָנאַלע אָנערקענונג פון דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער אַרבעטער באַוועגונג, — פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט זיך פאַרשטאַרקט און זיין איינפלוס איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. און ס׳איז דעריבער ניט קיין צופאַל וואָס פון דער פּאַרטיי, איז געקומען דער מענטש וואָס האָט סימבאָליזירט און אויסגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס דעם שווערן קאַמף פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, פון דעם ישוב און פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג פאַר זיין פּאָליטישער דערגרייכונג פון אַ פרייער מדינה. אין די ערשטע צייטן איז די פּאַרטיי ניט געווען זעלבשטענדיק אין איר צוגאַנג צו פאַרשידענע פּראָבלעמען. זי איז נאָך אַלץ געווען פאַרבונדן מיט דער אַנגענומענער טערמינאָלאָגיע פון דער רוסישער פּועלי ציון באַוועגונג פון וועלכער עס זענען געקומען די מערהייט חברים. אָבער מיטן איינוואָרצלען זיך אין דער ארץ־ישראלדיקערווירקלעכקייט האָבן זיך די פּאַרטיי־קרייזלעך באַפרייט פון דער השפּעה פון דער מוטער־באַוועגונג און ס׳האָבן זיך מיט דער צייט אויסגעקריסטאַליזירט אייגענע וועגן. אין אייניקע פראַגן האָבן זיי זיך אַפילו קעגנגעשטעלט די אויפפאַסונגען פון די רוסישע חברים. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט עברית, אין דער צייט ווען די רוסישע פּועלי ציון זענען געווען מער גענייגט צו יידיש. אַזוי איז אויך געווען ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן קאָאָפּעראַטיוויסטישער קאָלאָניזאַציע לויט אָפּענהיימערס פּלאַן. די „טאָכטער״ אין ארץ ישראל האָט רעוואָלטירט קעגן דער „מוטער״ וואָס איז

געוועזן אין רוסלאַנד. זי האָט געקעמפט פאַר אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע און דער קאָלאָניזאַציע און געפּרוווט זי צו רעאַליזירן אין לעבן. אָט אַזוי איז אָנגעצייכנט געוואָרן דער וועג פון יידישן אַרבעטער אין לאַנד.

אין איינער פון די צירקולאַרן פון דער פּאַרטיי־צענטראַלע פון יאָר 1910 ווערט געזאָגט:

„מיר מוזן מודה זיין, אַז דער פּראָגראַם פון רוסישן פּועלי־ציוניזם און דאָס נאָכקאָפּירן אים ווי אַין פאַל פון רמלה און פון יפו, קאָנען אונדז ניט צופרידנשטעלן, ווייל אין דער צווישנצייט זענען פאָרגעקומען שטאַרקע אָביעקטיווע ענדערונגען ניט בלויז אין דער פּאָליטישער פאָרם פון דעם טערקישן רעזשים, נאָר אויך אין דעם עקאָנאָמישן מצב און אין זיינע כוחות־פאַרהעלטענישן, און ס׳זענען פאַראַן נאָך וויכטיקע סיבות וועלכע פאַרפליכטן אונדז צו רעווידירן אונדזער טעאָרעטישן פּראָגראַם און אַריינברענגען געוויסע שינוים״.

דוד בן גוריון איז תמיד געוועזן באַקאַנט ווי אַ קעמפער פאַר דעם אַז די פאַרטיי אין לאַנד זאָל זיך אויסקריסטאַליזירן ווי אַן ארץ־ישראלדיקע פאַרטיי, פאַרוואָרצלט אין איר באָדן און מיט איר ווירקלעכקייט. און דאָס — ניט צוליב אָפּפרעמדונג צו דער מוטער־באַוועגונג אין גלות, מיט וועלכער די פאַרבינדונגען זענען כסדר געווען פעסטע, נאָר מחמת אַ קאָנסעקווענטער „פּאַלעסטינע־צענטריש ער״ אויפפאַסונג וואָס האָט זיך געשטיצט אויפן באַוווסטזיין פון דער ספּעציעלער היסטאָרישער באַשטימונג וועלכע עס האָט דער יידישער אַרבעטער אין לאַנד אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם און סאָציאַליזם.

דעם דאָזיקן קאַמף, תחילת פאַר דער זעלבשטענדיקייט פון ארץ־ישראל אין דער פּועלי־ציון־ וועלט באַוועגונג, און שפּעטער פאַר איר העגעמאָניע, איז ער אויך ממשיך אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל. ער איז דער וועלכער פירט אַריבער דעם שווערפּונקט פון לאָנדאָן קיין ירושלים. ביי אייניקע געלעגנהייטן און אויף דער קאָנפערענץ פון די אומפּאַרטייאישע ציוניסטן ־ סאָציאַליסטן האָט בן גוריון איבערגעגעבן, ווי אַזוי ער מיט יצחק בן צבי, די פאָרשטייער פון די ארץ־ישראלדיקע פּועלי ציון, האָבן זיך געטראָפן מיט די פאָרטרעטער פון דער צווייטער וועלט־באַוועגונג פון די פּועלי ציון. די ארץ־ישראלדיקע זענען ביי די לעצטע אין די אויגן געווען אפּיקורסים. מען האָט זיי חושד געווען אין סעפּאַראַטיזם און אין אָפּנויגונגען פון דער ליניע און דאָס אַלץ איז געקומען צום אויסדרוק אין די רעזאָלוציעס פון דעם צוזאַמענפאָר.

„די חברים אין לאַנד האָבן דאַן געזען, אַז לויט די ביכער און

די עקזיסטירנדיקע שלחן ערוכס וועלן סיי די ציוניסטן און סיי די סאָציאַליסטן ניט האָבן קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג און זיי האָבן באַשלאָסן צו שרייבן אַ נייעם שלחן־ערוך וואָס לויט אים זאָל מען קענען לעבן און שאפן, קעמפן און רעאַליזירן. און זייער תורה האָבן זיי ניט געשריבן אין קיין ביכער און בראָשורן — נאָר אי זייער לעבנס־ווערק, אין דער קוזשניע פון ארבעט״.

(„דבר״, 13טער יולי 1944).

**
*

אין זיינע ערשטע יאָרן אין לאנד האָט ער געטאָן פשוטע פיזישע אַר־בעט. ער איז געווען אַן אַרבעטער אין די מושבות פון יהודה אין גליל און אין שומרון. ער האָט געארבעט אין פתח תקוה, אין כפר סבא, אין ראשון לציון, אין סעדזשעראַ און אין כנרת, אין יבניאל און אין זכרון יעקב און אין אנד. פלעצער. פון זכרון יעקב ווערט ער אַרויסגערופן דורך זיינע חברים קיין ירושלים מיטצוארבעטן אין דער רעדאקציע „האחדות״, די צייטונג וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די פ״צ אין לאנד. אין עטלעכע חדשים אַרום באַשליסט ער צו פאָרן קיין אויסלאנד שטודירן יוריספרודענץ. וואָס האָט אים געשטויסן צו אָט דעם באַשלוס? וואָס עפעס האָט ער געוואָלט פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער גאָר ווערן אַן אַדוואָקאַט? ניט ווייל ער האָט גרינגעשעצט דעם ווערט פון ערד־אַרבעט, אָדער ווייל ס׳האָט אים גע־לאָקט די קאַריערע פון אַ פרייער פּראָפעסיע. אַלע זיינע בריוו צו זיין פאָטער זענען פול מיט אַ געזאַנג צו פעלדאַרבעט. דער זעלבער אינערלעכער דראַנג וואָס האָט אים געבראַכט צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, דער זעלביקער דראנג האָט אים געשטויסן צו דער שול־באַנק און דווקא אין אַזאַ ווייטער און פרעמדער שפראך וואָס ניט ער און ניט זיינע אבות האָבן זי געהערט, אין דער טערקישער שפראך. אין זיינע נאָך ניט פאַרעפנטלעכע אויטאָביאָגראַ־פישע נאָטיצן שרייבט דוד בן גוריון:

„איך האָב געזען, אַז אין קיין שום אָרט אין דער וועלט איז דער יידישער ישוב ניט אַזוי אָפגעריסן פון דעם לעבן פון לאנד און אַזוי פרעמד צו דעם פאָלק פון דעם לאנד ווי מיר דאָ. כאָטש מיר בילדן אין אייניקע שטעט אַ מערהייט האָט דאָס ניט קיין פּאָליטישן ווערט, און טראָץ דעם וואָס מיר שטייען אינטעלעק־טועל העכער פון די געבוירענע אין לאנד זענען מיר אין בירגער־לעכן זין הינטערשטעליקער פון זיי. איך האָב געזען, אַז דאָס פילן זיך ווי פרעמדע, דאָס ניט קענען זיך איינבירגערן, שטערט אונדז זיך צו פאַרפעסטיקן אין לאנד און איז גורם צו אַ ספּעציע־לער אָפּשוואכונג אויפן געביט פון אונדזער פּאָליטישער טעטי־

קייט. האָב איך דאַן באַשלאָסן ביי זיך צו פאָרן אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל און לערנען די טערקישע שפּראַך, זיך פּערפעקציאָנירן אין דער אָטאָמאַנער יוריספּרודענץ בכדי צו זיין אַן אַדוואָקאַט און אַזוי אַרום קענען ווידמען מיין לעבן צו ברענגען די בירגערלעכע און פּאָליטישע פאַרפעסטיקונג פון דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל״.

ניט נאָר אַ טיפע נשמהדיקע באַציאונג צו זאַכן, אַ זעלבסטבאַפרידיקונג און ראָמאַנטישער צויבער האָט אַנטשיידן ביי בן גוריונען, נאָר די נויטן פון דער באַוועגונג, די באַדערפעניש פאַר דער זאַך צו וועלכער ער האָט גע־שוואָרן טריישאַפט נאָך אין זיין פריסטער יוגנט. די דאָזיקע זאַך איז: „יידישע זעלבשטענדיקייט אין יידישן פאָטערלאַנד״.

לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער און אדוואָקאט? דוד בן גוריון זעט ניט אין דעם קיין שום קעגנזאַץ און ניט קיין שום אָפּנויג. אַלץ ווערט גע־מאָסטן ביי אים לויט דעם ביישטראָג וואָס ער וועט ברענגען דער באַוועגונג פאַר איר פאַרשריט, פאַר איר דערפאָלג. פאַר זיין אַרויספאָרן שטודירן שרייבט ער צו זיין פאָטער:

„איך בלייב דעריבער אין דער צוקונפט, אָדער אַן ערד אַר־בעטער, אָדער אַן אַדוואָקאַט. איך פיל אין זיך אַ פעאיקייט צו ביידע. צו ביידע האָב איך אַ נייגונג; און ביידע צוזאַמען זענען פאַר מיר אי לייכט, אי שווער. קיין איינע גייט ניט איבער די צווייטע ניט מיט איר לייכטקייט אָדער מיט איר שווערקייט. אָן אַ וויץ, מיט טיפער ערנסטקייט זאָג איך עס: סיי אַלס אַרבעטער, אָדער אויב כ׳וועל זיין אַדוואָקאַט האָב איך איין ציל: טעטיק זיין פאַר די יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל״.

עס דאַכט זיך, אַז דער אויסצוג שעפּט אויס און ווייזט אונדז דעם פולן צוגאַנג פון בן גוריונען צו די ענינים פון דער באַוועגונג, און ניט נאָר אין יענע טעג, נאָר אויך אין די קומענדיקע טעג דאַרף מען אונטערשיידן צווישן ווערטן און אויפגאַבן. די ווערטן זענען פעסטגעשטעלטע, באַשטימ־טע און די אויפגאַבן ענדערן זיך. ס׳זענען פאַראַן ווערטן וואָס ביי געוויסע אומשטענדן ווערן זיי איבערגעוואויגן פון אַנדערע און זיי פאַרלירן דאָך גאָרניט פון זייער חשיבות. קיינער וועט ניט דיסקוטירן דעם ווערט פון אַרבעט, אָבער פאַראַן אַ צייט, ווען דער ענין פון זעלבסטשוץ שטייט העכער פון אַרבעט... ווייל ווער ס׳מיידט אויס זיין שווערד אין קאַמף פאַר עקזיס־טענץ, ווערט ער דערוויטערט פון זיין אַרבעט. ס׳איז פאַר אַלעם פאַראַן אַ צייט, אַ צייט צו פלאַנצן, אַ צייט צו קעמפן, אַ צייט צו אַקערן, אַ צייט צו רופן די קאָלאָניסטן זיי זאָלן אָנטאָן זיך פליגל פון אַ פליער און אַ צייט אויך זיי זאָלן זיין די טויכער אין דער טיפעניש פון ים. אַלץ לויט די אומ־

שטענדן. און פון זיין גיין אין אוניווערזיטעט וואָס איז ביי אים געווען אַזוי הייליק ווי די אַרבעט אין גליל און דאָס שיצן יידיש פּאַרמעגן און יידישן כבוד אין לאַנד, ביז צו זיין גרויסן וויכוח מיט די מענטשן פון די קבוצים וועגן באַשעפטיקן נייע עולים אין זייערע ווירטשאַפטן, מיט לוין אָדער אַנדערע פּאַרמען, איז ביי אים פאַראַן איין גלייכע ליניע טריי צו איין זאַך: אַרבעטן לטובת דעם יידישן אַרבעטער אין לאַנד. ביי דוד בן גוריונען אידענטיפיצירן זיך פון תמיד אָן די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער מיט די אינטערעסן פון פאָלק.

**
*

ווער עס זוכט אַן אויסשעפּנדיקע דעפיניציע פאַר דער בן גוריון פּערזענלעכקייט און זיין אַקטיוויטעט פאַר דעם יידישן אויפקום, וועט ניט געפינען קיין ריכטיקערע דעפיניציע פון דער פאָלגנדיקער: ער איז דער מענטש פון דערהויבענעם און העכערן סינטעז. ניט בלויז טעאָרעטיש, נאָר אויך פּראַקטיש קען ער צונויפגיסן צוויי קעגנזעצלעכע זאַכן וואָס זענען אויס צו זיין סתירהדיק איינע צו דער צווייטער אין אַ פולן ארומנעמענדיקן סינטעז וואָס פאַרט צונויף געדאַנק מיט טאַט, וויזיע מיט פאַרווירקלעכונג. נאָך מער: יעדע תורה וואָס ער האָט געלערנט האָט ער קודם כל פריער אויסגעפּרוווט אויף זיך אליין. ער איז געווען אַן אומר ועושה. אַ גוזר און אַ מקיים. ער האָט ניט געראַטן בלויז אַנדערע, ניט געלערנט און געפּריידיקט בלויז פאַר יענעם. ניט אַרויפגעצוווּנגען זיין תורה אויף קיינעם. תמיד איז ער פון די ערשטע טוערס וועלכע נעמען אויף זיך דעם עול, און אין דער איינגעשפּאַנטקייט רופט ער אַנדערע אונטערצושטעלן אַ פּלייצע און דערפאַר ענטפערט מען אים און מען העלפט פרייוויליק טראָגן די לאַסט. און אויב זיין רוף צעטומלט אַביסל און געפינט ניט אין דעם ערשטן מאָמענט דעם געהעריקן אָפּקלאַנג דויערט עס ניט לאַנג און ער בלייבט ניט אליין אין קאַמף. בן גוריון זעט אין ציוניזם ניט קיין געוויינלעכע נאַציאָנאַלע, אָדער סאָציאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונג, נאָר אַ העכערן יידיש־מענטשלעכן ענין. דער ציוניזם ציט זיין יניקה פון פאַרשידענע מקורות און ער איז כולל אַ גאַנצע וועלט. ער איז דער טראַדיציאָנעלער ירושה־אוצר פון ווייטן אַמאָל און איז דורכגעזאַפּט מיט גלויבן אין דער צוקונפט. ער איז אַ מצוה פון דער תורה און אַ לעבנסגעבאָט פאַר די דורות. ער שטעלט זיך קעגן אונטערדריקונג, באַגערט צו פרייהייט און צו אַ פאָטערלאַנד. ער איז אַ בליץ־אַפּלייטער פאַר רדיפות. ס׳איז אַן אידעאַל וואָס ברענגט דעם ווידערגעבורט פון אַ פאָלק און גלייכט אויס דעם אונטערדריקטן מענטש. יעדער איינער קען אנדערש פילן, אַנדערש אויסטייטשן דעם ציוניזם. ער איז ווי דער „מן" אין מדבר וואָס יעדער האָט געפונען אין אים זיין געוווּנטשענעם טעם, און אַלע דעפיניציעס זענען ניט אין סתירה איינער צו דער אַנדערער, נאָר זיי דערגאַנצן זיך. און אַזוי ווי

ס׳צעצווייגן זיך די וואָרצלען פון ציוניזם, פונקט אַזוי צעצווייגן זיך די אַנט־פלעקונגען פון דער יידישער אויפלעבונגס־באַוועגונג. דוד בן גוריון אונטער־שאַצט ניט און פאַרלייקנט ניט קיין איינעם פון די יסודות און ער קומט צו דעם סוד פון דעם אויסגעשליפענעם סינטעז. דעריבער גיסט זיך צונויף ביי אים די דערשיינונג פון „העפלה״ מיט דער וויזיע פון „אחרית הימים״. דער ציוניזם אַליין איז פאַר זיך בכן אַ סינטעטישע אידעע. בן גוריון האָט אויס־געשליפן זיינע יסודות און אים פאַרוואַנדלט אין איין גאַנצקייט.

זיינע פאָרגייערס זענען געווען נחמן סירקין און בער באָראָכאָוו, און פונדעסטוועגן איז דוד בן גוריון געווען פון די אבות, ווייל ער האָט געשאַפן דעם סינטעז פון דער ציוניסטיש - סאָציאַליסטישער תורה. מיט דער תורה פון פאַרווירקלעכונג איז זי געוואָרן אַ תורת חיים, אַ לעבנס־ווערק פאַר דעם יידישן אַרבעטער אין לאַנד און פאַר דעם אַלגעמיינעם ציוניסטישן אויפבוי־ווערק. די טעאָריע איז ניט געגעבן געוואָרן קיין גאַנצע און פאַרחתמעטע, נאָר קאַפּיטלעכווייז, און ניט ווי פאַרטיקע דאָגמעס וואָס מען טאָר ניט נאָכטראַכטן וועגן זיי, נאָר באַהאַנדלענדיק די אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג, פונקט נאָך פונקט זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן די נייע באַוועגונגס־געזעצן. צוזאַמען מיט איר פאַרווירקלעכונג איז אויפגעגאַנגען די תורה פון שטאַפּל צו שטאַפּל און דוד בן־גוריון איז געווען דער טעאָרעטי־קער און מפרש, ער איז געווען דער אָריגינאַל און דער איבערזעצער אין דער שפּראַך פון טאַט, ער איז געווען דער לערער און דער דירעקטאָר פון דער אַרבעט, ער איז געווען דער מפקד און דער סטראַטעג און גלייכ־צייטיק דער ה ו י פּ ט - א ו י ס פ י ר ע ר. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די עליה קיין ארץ ישראל איז געגאַנגען טראָפּנווייז, איז די ציוניסטישע אַקטואַציע געווען אַ באַגרענעצטע, זי איז געווען מער אַרייג־געטאָן אין די מאָמענטאַלע אויפגאַבן: אין קאַמף פאַר אָפּהיטן דאָס עק־זיסטירנדיקע; אין קאַמף פאַר יידישער אַרבעט; פאַר אָרגאַניזירן דעם אַר־בעטער אין דעם ישוב און פאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס מיטן אויסבליק אויפן עתיד. די ערשטע וועלט־מלחמה עפנט ערשט נייע, ברייטע האָריזאָנטן פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. ניט דער נעבעכדיקער יש, נאָר דאָס גרייטן זיך צום מאָרגן נעמט דעצידירן. בן גוריון קומט פרילינג 1915 קיין אַמעריקע און מען רעדט מיט אים וועגן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין אַ ריי אַרטיקלען אין דער פּועלי־ציוניסטישער פּרעסע ברענגט ער אַרויס דאָס פּראָבלעם פון ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג און די אויפגאַבע פון דער יידישער אַרבע־טער באַוועגונג אין דעם פאַרווירקלעכונגס־פּראָצעס, ער פילט דאָ אויס אַ בלויז אין דער טעאָריע פון זיינע פאָרגייערס, די אבות פון ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישן געדאַנק. ווי אַזוי וועט אויפגעשטעלט ווערן אַ סאָציאַליסטיש ארץ־ישראל? דאָס איז די טעמע וועלכע ער באַהאַנדלט אַ סך מאָל. ער פאַרטיפט זיך אין איר און זעט אין איר אַן ענד־ציל, אַ געבאָט פון דער שעה אין וועל־

כער מיר לעבן. בן גוריון באַהאַנדלט פיל מאָל אַ יסודותדיקן געדאַנק און ער פאַרמאָגט אַ ספּעציעלע פּעאיקייט דעם איבערגעחזרטן געדאַנק שטענדיק אָנ־צוטאָן אין אַ נייעם לבוש. ער גיט תמיד צו אַ נייעם ניואַנס וואָס פאַרטיפט און פאַרפּעסטיקט דעם רעיון. ס׳דאַכט זיך, אַז שטענדיק שטורעמט ער ווי פונדאַסניי די פעסטונג וואָס ער וויל איינבעמען און גורט אָן די לענדן דורכ־צופירן זיין פּלאַן.

שוין אין זיין ערשטן אַרטיקל וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1915 זענען פאַראַן די פּרינציפּן פון זיין אני־מאמין וועלכן ער איז געבליבן טריי ביזן היינטיקן טאָג. שוין דאַן האָט ער געשלאָגן טרעוואָגע קעגן די, וואָס גלויבן אין אַן אויסערלעכן כוח. דאָס מיינט די, וואָס גלויבן אַז די שלום־קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך געגרייט צונויפצוקומען נאָכן קריג און וואָס האָט געדאַרפט באַשטימען דעם גורל פון פעלקער און לענדער, וועט אונדז געבן אונדזער לאַנד בלויז צוליב אונדזערע ליידן און בלויז דעמאָלט וועט מיר וועלן לאָזן הערן אונדזער היוכע שטים. און ניט ווייניקער שטורעמט ער קעגן די, וואָס באַנוגענען זיך „בשב ואל תעשה״ און שטיצן זיך אויפן „סטיכישן פּראָצעס״ — אַן איינגעחזרטע לערע פון יאָרן ביי די פּועלי ציון — און דאָס זענען זיינע ווערטער:

> „דער אויסקוק אויפן „סטיכישן פּראָצעס״ איז ניט מער ווי אַ צבועקישער אויסרייד פון שוואַכע מענטשעלעך. ניט דער פאַטאַ־לער גורל ווירקט אין דער געשיכטע און דאָס לעבן איז ניט קיין שפּיל פון בלויז בלינדע כוחות, נאָר די ווייטזעעוודיקייט פון דעם אַקטיוון שעפערישן ווילן מיטן באַוווסטזיין און דעם גאַנג פון דער געשיכטע זענען די גורמים, וואָס באַוועגן דעם „סטיכישן פּראָצעס״.
>
> („ממעמד לעם״, זייט 5).

די פאָלקס־מאַסן וועלכע זוכן פאַר זיך אַ מקום מקלט פון די רדיפות און דער אונטערדריקונג זענען אומגעדולדיק און זיי שטעלן זיך ניט קיין היס־טאָרישע צילן. זיי שטראָמען אומעטום צו בעסערע באַדינגונגען, צו אַ באַל־דיקער איינגלידערונג און זיי זוכן ניט דאָס באַשטימטע היסטאָרישע לאַנד וואָס ווערט דעראָבערט דורך ליידן און יסורים. דעריבער זעט דוד בן גוריון די אויפגאַבע פון דער מחנה מגשימים ווי חלוצים וואָס גייען פאַרן פאָלק, צוצוגרייטן דאָס לאַנד, אויפצונעמען דאָס פאָלק.

דוד בן גוריון איז ניט מזלזל דעם ווערט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָנערקענונג. ער איז דאָך אַ פּאָליטישער ציוניסט זייט ער איז געקומען צו זיין פּאָליטישער רייפקייט, אָבער די ציוניסטישע פאַרווירקלעכונג איז דער הויפּט אינטערעס פון יידישן פאָלק. ס׳האָט ניט קיין האַפט די אָנערקענונגס־רעכט אויב מען פאַרוואַנדלט זי ניט אין אַ לעבעדיקן פאַקט דורך יידישער אָנשטרענגונג.

אַט די ליניע ציט זיך פון דעמאָלט ביז הײַנט. אין דעם גײַסט האָט ער אױפגענומען און אױסגעטײַטשט די „און" רעזאָלוציע פון נאָװעמבער 1947 װעגן אױפשטעלן די ייִדישע מדינה.

װער איז דער טרעגער פון די פֿאָלקס־אינטערעסן? כל ישראל יש להם חלק בארץ ישראל! פון דאנען די נױטװענדיקײט צו אַ בשותפותדיקער צו־זאַמענאַרבעט אױף לאַנגע יאָרן פון אַלע קלאַסן בײַ ייִדן, בכדי צו רעאַליזירן דעם ציוניזם. װײַל פאַרװירקלעכן די ציוניסטישע װיזיע איז ניט אַן אײנ־מאָליקער אַקט, נאָר אַן אומאױפהערלעכער פּראָצעס פון קאַמף און אױפבױ. יעדער שיכט זעט אין ציוניזם װאָס זײַן האַרץ װיל און שטרעבט צו לײגן דעם חותם אױף די װעגן פון זײַן פאַרװירקלעכונג.

„יעדער קלאַס זעט דורך זײַן פּריזמע די רעאַליזירונג פון ציו־ניזם און זײַנע טעטיקײטן װערן באַשטימט לױט זײַנע קלאַסן נײ־גונגען און קלאַסן־אינטערעסן. פאַרן אױפבױ פון לאַנד און צו־גרײטן איר אױפנאַמספעאיקײט פאַר מאַסן עולים װעט זיך פאָ־דערן גרױסע סומעס און די קאַפּיטאַלן װעט מען קענען אַרײנ־ברענגען דורך פאַרשידענע װעגן, סײ דורך אינטערנאַציאָנאַלע אינװעסטירונגען און סײ דורך אױסערלעכע הלוואות פון ניט ייִדי־שע קװאַלן. די פעלקער װעלן אונדז ניט אַװעקשטעלן אַרבעטער אױפצובױען אונדזער פאַטערלאַנד אױף פאַכט, אָדער באָרג. די אַרבעט איז דעריבער דאָס, װאָס לײגט איר שטעמפּל אױפן לאַנד. ס'איז ניטאָ קײן ציוניזם, קײן פאָלקס־באַפרײַאונג אין לאַנד אָן ייִדישער אַרבעט. זי איז אַ פאָרבאַדינג פאַר דער רעאַליזירונג פון דער ציוניסטישער װיזיע און דער ייִדישער אַרבעטער װעט זיך אײַנשפּאַנען אין דער אַרבעט פאַרן פאָלק. זײַן אַרבעט װעט ער אָבער טאָן ניט פאַר די קעשענע־אינטערעסן פון די עקספּלואַטי־רער. ער װעט ניט פאַרטראָגן קײן אונטערדריקונג אין זײַן לאַנד. דער שטאַרקער באַגער פון די אַרבעטער װעט זײַן אױפצושטעלן אַ מדינה פון אַרבעט לױט דער װיזיע פון די נביאים.

(„דאָרט, זײַט י"ז, פאַרעפנטלעכט יאַנואַר 1918)

און דאָ גײען זיך פונאַנדער די װעגן פון די פאַרשידענע לאַגערן אין דער ציוניסטישער באַװעגונג:

„דער אונטערשיד איז ניט אין דעם װאָס אײנער װיל נאָר ציוניזם, און אַ צװײטער שטרעבט אױך צום סאָציאַליזם. נאָר קודם כל איז פאַראַן אַן אונטערשיד אין דער פאָרם פון ציוניזם גופא. די פראַגע שטײט ניט אױב נאָך דעם װי ארץ־ישראל װעט געבױט װערן װעט אין איר אײַנגעפירט װערן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג,

נאָר די פראגע איז: וואָס זענען די סאָציאַלע יסודות אויף וועלכן ס׳וועט געבויט ווערן דאָס לאַנד, די מחלוקת איז ניט בלויז וועגן ענד־ציל, נאָר אויך וועגן דעם וועג צום ציל״. (דאָרט).

דעריבער צייכנט זיך די אַרבעטער־באַוועגונג אָן די וועגן, ניט בלויז פארן „אחרית הימים״, ווען דאָס פאָלק וועט שוין זיצן אין זיין לאַנד, יע־דער אונטער זיין פייגנבוים אין זיכערקייט; נאָר זי צייכנט זיך אָן וועגן פאַר דער רעאַליזירונג פון ציוניזם וואָס זאָלן ברענגען צום אויסדרוק די ספּע־ציעלע שטרעבונגען פון יידישן אַרבעטער, וועלכער וויל ניט זיין קיין אינ־סטרומענט אין די הענט פון קאַפּיטאַליסט, מעג ער אַפילו זיין אַ ציוניסט. דער יידישער אַרבעטער וועט זיך ווידמען דעם אויפבוי פון לאַנד, ער וועט אַנטפּלעקן זיין שעפערישע זעלבשטענדיקע איניציאַטיוו. בויענדיק דאָס לאַנד וועט ער אַליין זיך איבערבויען און איבערקנעטן און בויען ניט נאָר זיין אייגענע היים, נאָר אַ יידישע היים פאַר אַלע יידן:

„דער אויפבוי פון ארץ־ישראל אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות איז ניט בכוח צו ברענגען די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם, ווייל דאָס פאַרזיכערט ניט דעם פּרינציפּ פון יידישער אַרבעט. די יידישע קאַפּיטאַליסטן זענען ניט בעסער פון אַנדערע. זיי זעען נאָר די פאַרדינסטן. אויב ס׳וועט זיי לוינען וועלן זיי נוצן פרעמדע אַרבעטער און זיי וועלן זיך ניט אָפּשטעלן צו פאַרקויפן דעם באָדן צו ניט־יידן, אַבי ס׳וועלן פאַרגרעסערט ווערן זייערע פאַרדינסטן. אָן יידישער אַרבעט און אָן יידישער ערד ווערט דער ציוניזם פאַרקריפּלט און פאַרוואַנדלט אין אַ פאַלשער ווי־זיע. דער ציוניזם איז פאַראינטערעסירט צו שאַפן אַ נייע באַזע פאַר דעם נאַציאָנאַלן אויפבוי. די באַזע איז געגעבן געוואָרן דורכן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק און דורך די מעשים פון ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער: נאַציאָנאַליזאַציע פון באָדן און בשותפות־דיקע ארבעט״.

(דאָרט, זייט יח׳.)

אויסער קאַפּיטאַל און אַרבעט וועלכע זענען נייטיק כדי אויפצושטעלן אַ נאַציאָנאַלע היים, דאַרף פאַרזיכערט ווערן די יידישע מלוכה־רעכט, וואָס זאָל אָנערקענט ווערן דורך די פעלקער. אָט־די פאָרמולע איז נאָך אויסגעאַר־בעט געוואָרן אין דעם באַזעלער פּראָגראַם און די ציוניסטישע באַוועגונג איז געוועזן געוווינט אָנצורופן זי פאַרקירצט: „דערגרייכונג פון טשאַרטער״. דאָס יידישע פאָלק אָבער שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין מלוכהשע קערפּער־שאַפט. עס פאַרמאָגט ניט קיין אָנערקענטע פאַרשטייער צו אונטערהאַנדלען אין נאָמען פון פאָלק. ביז ס׳וועט ניט געשאַפן ווערן אַ יידישער וועלט־קאָנגרעס וואָס זאָל רעפּרעזענטירן אַלע טיילן פון וועלט־יידנטום איז קיין

צווייטע אָנערקענטע קערפּערשאַפט ניט פאַראַן חוץ דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. זי דאַרף אויף זיך נעמען די „טשאַרטער רעכט". דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז די העכסטע אויטאָריטעט וואָס דאַרף אָנפירן די גאַנצע אויפבוי־אַרבעט. די אויפגאַבע פון ציוניזם איז צו בויען דאָס לאַנד און ניט מושבות. ער דאַרף באַזעצן דאָס פאָלק און ניט משפחות, און גיט אין דער צוקונפט, נאָר אין אונדזערע טעג. זענען דערויף נייטיק ריזיקע סומעס, און ס'איז ספּעציעל וויכטיק די אַקטיווע באַטייליקונג פון יידישן אַרבעטער אין אַלע ציוניסטישע אינסטאַנצן און איבערהויפּט אין ציוניסטישן קאָנגרעס.

„דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז בכן דער פּאַרלאַמענט וואָס גרייט צו די נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל. ער פאַרמאָגט דעם רעגירונגס־כוח פון פאָלק אויף וויפל ס'האָט צו טאָן מיטן אויפבוי פון יידישן לאַנד. דורך דעם אַנטייל פון יידישן אַרבעטער אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע באַקומט דער ציוניזם אַ נייעם היסטאָרישן ווערט. פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס וועט זיך אויסקריסטאַליזירן דער פּאָליטישער כוח פון אַרבעטער־קלאַס און פון דאַנען וועט באַווירקט ווערן דער גאַנג פון דער ציוניסטישער אַרבעט און אָנפירונג פון לאַנד, דאָס אויפבוי־ווערק וועט זיין דורכגעדרונגען מיט אַרבעטער־גייסט. מיט דעם גרויסן כוח פון אַרבעטער און מיט זיין השפעה אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס וועט אים געלונגען צו פירן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, צו ריכטן די אַרבעט אין לאַנד און צו פאַרזיכערן איר געוווּנטשענעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן כאַראַקטער".

(דאָרט, זייט כא׳, אָנהייב 1918)

דוד בן גוריון רעכנט אויס די אויפגאַבן וואָס ווערן אַרויפגעלייגט אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג ביים פאַרווירקלעכן איר שליחות: זי דאַרף אויסטרוקענען בלאָטעס, רייניקן, באַוואַלדיקן, פלאַסטערן שאָסייען, בויען באַן־ליניעס, אויסנוצן די טייכן און וואַסער־אויסגוסן פאַר עלעקטרישער ענערגיע, בויען שיפן און אַזוי ווייטער. ער גלויבט אין דער פּריוויליקייט פון פאָלק נאָך דעם ווי ס'וועט דערגרייכט ווערן די אינטערנאַציאָנאַלע אָנערקענונג פאַר די רעכט פון יידישן פאָלק אויף זיין לאַנד, אָבער ער פאַרלאָזט זיך ניט בלויז אויף דער פּריוויליקייט, ער פאָדערט צו זוכן מיטלען וועלכע זאָלן באַוועגן דעם יידישן פּריוואַט־קאַפּיטאַל צו קומען אין לאַנד פאַרדינען. דאָס קאַפּיטל פון יידישע פאָלקס־רעכט וועט דערמעגלעכן צו באַקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלן קרעדיט, דער יידישער אַרבעטער איז מחויב צו זיין אַן אַקטיווער שותף אין אַלע אַרבעטן.

„דער כאַראַקטער פון אונדזער צוקונפטיקער יידישער היים

וועט זיין אָפּהענגיק פון די ממשותדיקע כוחות און פון די עקאָ־נאָמישע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן וואָס וועלן ריכטן דעם אויפבוי פון לאנד, און נאָר דער אָרגאַניזירטער כוח פון יידישן אַרבעטער אין ציוניזם איז מסוגל צו פאַרזיכערן די פאַרווירקלע־כונג פון דעם נאַציאָנאַל פּראָגרעסיוון קאָלאָניזאַציע־ווערק, נאָר די אַרבעטער־געזעלשאַפט וועט שטיין אויף דער וואַך און זאָרגן אַז דער ציוניזם זאָל ניט אויסגענוצט ווערן לטובת דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַל, נאָר פאַרקערט: דער קאַפּיטאַל זאָל דינען די אמתע צילן פון ציוניזם, צו שאַפן אַ פריי פאָטערלאַנד פאַרן יידישן פאָלק״.

(דאָרט, זייט כט׳, אדר 1918)

די עיקר אויפגאבע צו רעאַליזירן דעם דאָזיקן ציל וועט דערפילן די אַר־בעטער ־ קאָלאָניזאציע אויף נאַציאָנאַלן באָדן. אויף דעם זיבעטן לאנד־ווירטשאַפטלעכן צוזאמענפאָר, פאָרגעקומען פורים 1918, האָט בערל כצנלסון ע״ה, אין זיין באַקאַנטן רעפעראַט „לקראת הימים הבאים״ ניט צו־בויפרעדנדיק זיך פריער מיט בן גוריונען, ווייל זיי זענען געווען טויזנטער מיילן ווייט איינער פון צווייטן און געלעבט ביי פאַרשידענע אומשטענדן, דאָך געקומען צו אידענטישע מסקנות און זיך באַזירט אויף די זעלבע יסודות. ס׳איז נאָר געווען אַן אַנדער סטיל, אַן אַנדער פאָרם, בן גוריון האָט פאַר־עפנטלעכט זיינע ווערטער פריער.

אן אינטערעסאנטער אויסצוג פון כצנלסון וועגן זיינע צוזאמענטרעפן מיט דוד בן גוריון:

„ביז בן גוריונס אַרויספאָרן קיין אַמעריקע האָב איך זיך ניט געטראָפן מיט אים. איינמאָל זענען מיר ביידע געגאנגען צופוס קיין יפו און מיר האָבן זיך פונדעסטוועגן ניט דורכגעשמועסט. ווען בן־גוריון איז צוריקגעקומען ווי אַ לעגיאָנער פון אַמעריקע איז ער קראַנק געוואָרן און געלעגן אין שפּיטאָל. דאָרט איז צו אים אָנ־געקומען דער זאמלהעפט „בעבודה״. ווען ער האָט אים איבערגע־לייענט האָט ער געזאָגט: וואָס פאַר אַ מאָטיוו האָבן מיר צו זיין איין רגע אפילו צעשיידט, אויב דאָס איז דער זאמלהעפט וואָס דריקט אויס די אָנשויאונגען פון ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער? פון דעם מאָמענט אָן איז בן־גוריון צוגעטראָטן צו דער אַרבעט פאַרן איחוד״.

(כתבי ב. כצנלסון, כרך, י״א, זייט 198)

פון דאַן אָן ווערט איינע פון די הויפּט־יסודות פון דער ציוניסטיש־סאָ־ציאַליסטישער טעאָריע די פאַראייניקונג פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אין לאנד. שוין אין זיינע פריערדיקע דערשינענע אַרטיקלען רעדט ער וועגן דער

אַרבעטער באַוועגונג ווי וועגן איין גאַנצער קערפּערשאַפט, אַזוי ווי זי וואָלט ניט געווען צעטיילט אין פּאַרטייען, ווי וועגן אַ קלאַס וואָס האָט צו דערפילן אַ גרויסע היסטאָרישע שליחות. די פּאַראייניקונג איז אַ גורלדיקער געבאָט ווייל דאָס לעבן פון דעם אַרבעטער איז וויכטיקער פון יעדן פּאָליטישן פּראָגראַם. ס'איז אויך אַ מאָראַלישער געבאָט, ווייל די צעשפּליטערונג עסט אויף דעם בעסטן טייל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פאַרדאַרבט די נשמה פון יונגן דור. אויב די אַרבעטער־באַוועגונג וועט זיין צעשפּאָלטן און צעפּיצלט וועט זי ניט פירן דעם פאָלק צו זיין היסטאָרישן ציל. אויך דער גלויבן אין הארצן אַז יעדער יידישער אַרבעטער, אָן אונטערשיד פון זיין קולטורעלן ניוואָ האָט אַ חלק אין דעם וווּנדער וואָס גייט אויף אין לאַנד.

זינט דער שאַפונג פון אחדות העבודה אין יאָר 1919, האָט בן גוריון אָן אויפהער גערופן צו אַ נייער פאַראייניקונג וואָס זאָל אַרומנעמען וואָס מער אַרבעטער. דער איחוד איז לויט זיין קיין אויפפאַסונג ניט קיין איינמאָליקע דורכפירונג. ס'איז אַ לאַנגער פּראָצעס, פּונקט ווי דאָס פאַרמירן זיך פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אין לאַנד. יעדער נייער עליה־שטראָם שטעלט אוועק די פּראַגע פון איחוד פונדאָסניי און ווען מיר זענען נאָך פאַרנומען מיט אַבסאָרבירן עולים צווישן אונז, קלאַפּט שוין אין די טויערן פון לאַנד א נייער שטראָם פון עולים וואָס מיר דאַרפן אים צונויפשמעלצן אין אונדזער שאַפונגס־קעסל. די פּראַגע פון איחוד וועט ניט אַראָפּגיין פון טאָג־אָרדענונג כל־זמן עס וועט ניט דורכגעפירט ווערן דער קיבוץ גלויות.

דער ספּעציעלער כוח פון בן גוריונען ליגט אין דעם וואָס זיין תורה קען מען ניט איינוויקלען און אַוועקשטעלן אין אַ ווינקעלע. תורה און עבודה, טעאָריע און טאַט זענען ביי אים געפּאָרט און אומצושיידבאַר און ס'איז שווער צו באַשטימען וועלכע פון דיביידע באַגריפן ס'האָט ביי אים די בכורה, די טעאָריע, צי די טאַט? ביידע ווערן געפּלעגט און באַפּרוכפּערט דורך אַ קעגנזייטיקייט. אין יעדער טאַט וואָס בן גוריון טוט איז פאַראַן אַן אָנהויב פון דער פאַרווירקלעכונג. פון זיין טעאָריע וואָס שטראַלט אַרויס פון דער צוקונפטס־וויזיע. אין דעם אָפּקלאַנג פון די האמערס פון די ששת ימי המעשה זעט ער אַן אָפּשיין פון דער דאָזיקער וויזיע, ער איז ניט אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט אויך דאַן ווען זיינע געדאַנקען גרייכן אין די הימלען און אויך אויף דער טאַט וואָס זעט אויס לפי ערכדיק גרוי, שוועבט תמיד די הייליקייט פון דער אידעע. בן גוריון האָט תמיד געווירקט אויף צוויי פראָנטן צוזאמען: פאַרן קלאַס און פאַרן פאָלק. פון דער לאַנדאָנער קאָנפערענץ אין 1920 און ווייטער האָט ער זיך באַטייליקט אין אַלע גרויסע אנטשיידונגען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער דעם עיקר פון זיין אַרבעט פון יאָר 1921 ביזן יאָר 1935 האָט ער געווידמעט דער הסתדרות העובדים. די אַלע יאָרן איז ער געווען איר גענעראַל סעקרעטאַר. ס'זענען געווען יאָרן פון פאַרמירונג פון דער הסתדרות, יאָרן פון לייגן דעם גרונטשטיין און אויפשטעלן די ערשטע רויש־

טעוואניעס. בן גוריון איז ניט נאָר איינער פון אירע בויער, נאָר אויך איר אַרכיטעקט. צום קענטיקסטן איז געווען זיין אַרבעט ביים געשטאַלטיקן און ריכטן איר טעטיקייט.

די גרויסע דערוואַכונג וואָס איז געקומען נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע אין 1917 האָט ניט געגעבן די געהעריקע געהאָפטע רעזולטאַטן. דער ־ קרן היסוד האָט, לויט זיינע איניציאַטאָרן, געדאַרפט זאַמלען אין משך פון פינף יאָר 25 מיליאָן פונט שטערלינג און האָט געזאַמלט נאָר אַ טייל פון דער סומע. די גרויסע פּלענער פאַרן אויפבוי, פאַרן דעראָבערן באָדן, פאַר עליה, זענען נאָר טיילווייז דערפילט געוואָרן. די פירער פון דער ציוניסטישער באַ־וועגונג האָבן נישט שטענדיק געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר די לעבנס־באַדערפענישן פון דעם ארץ־ישראלדיקן אויפבוי און די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט געזוכט אירע אייגענע וועגן. מיט אירע אייגענע מיטלען און אינסטרומענטן האָט זי דערפילט די אויפגאַבן וואָס צוליב מאַנגל אין מיטלען האָט זיי די ציוניסטישע באַוועגונג ניט געקענט דערפילן.

די אַרבעטער־באַוועגונג, אונטער דער אָנפירונג פון דוד בן גוריון האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט דער געוויינלעכער טעטיקייט פון די ארבעטער־אָר־גאַניזאַציעס אין אַנדערע לענדער. זי האָט געווירקט און זיך באַזירט אויף די צוויי הויפּט עלעמענטן:

א) פּראָפעסיאָנעלער געביט: ניטאָ קיין אַרבעט פון די פּראָפעסיאָנעלע אַקטיוויטעטן ווו דוד בן גוריון זאָל ניט זיין באַשעפטיקט. אָרגאַניזאַציע, קאַמף פאַר יידישער אַרבעט, ענינים פון אנטשעדיקונגס ־ רעכט פון אַרבע־טער, אַרבעטס־ביוראָ, שטרייקן, בוררות, אַרבעטער־געזעץ פאַר דעם יונגן אַרבעטער. אין דעם וועלט־ווינקל וואָס איז פאַרפלייצט מיט אַ שענדלעכער אונטערדריקונג פון אַרבעטער־פאָלק האָט געמוזט געפירט ווערן אַ קאַמף מיט אינערלעכע און אויסערלעכע פאַקטאָרן, מיט קאָלאָניסטן וואָס באַשעפטיקן אין זייערע ווירטשאַפטן ביליקע אַראַבישע אַרבעטער פון נאָענט און פון ווייט, מיט פאַבריקאַנטן און אינדוסטריאַלן וואָס האָבן מיט זיך געבראַכט אַן איינגעוואָרצלטע טראַדיציע גרינגצושעצן די אַרבעטער אָרגאַניזאַציע און אויך מיט ענגלישע רעגירונגס באַאַמטע וואָס זייערע באַגריפן וועגן די אַר־בעטער באַציאונגען האָבן זיי באַקומען אין קאָלאָניאַלע לענדער. ס׳איז אויך געווען אַ נויטווענדיקייט צו דערציען דעם יידישן אַרבעטער, וואָס זיין אָפּ־שטאַם איז געווען ווייט ניט פּראָלעטאַריש. אונדזער באַוועגונג איז פאַראינ־טערעסירט אין דער אַרבעט ניט וויניקער ווי אין אירע באַדינגונגען, די אַר־בעט איז ניט נאָר אַ מיטל פאַר עקסיסטענץ, נאָר זי איז אויך אַן עקסיסטענץ־צייגעניש. אונדזער באַוועגונג איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַרבעט גופא, נוצט אויס אירע פעאיקייטן פאַר דעם אַנטשפּרעכנדיקן תכלית. דוד בן גוריון האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין צווייג פון די דאָזיקע אַרבעטן.

ב) די קאָנסטרוקטיווע טאַט: ס׳איז ספּעציפיש און כאַראַקטעריס־

טיש פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד איר איניציאַטיוו, איר אָנפירן און מוטיקן, איר סטימולירן די שאַפונגס־אַרבעט, איר העלפן די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע און ווו ס'איז געווען נייטיק האָט זי זיך באַנוצט אויך מיטן נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. דאָס האָט געבראַכט צו אַ קאַמף מיט די איינ־סטאַנצן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג וואָס אין איר שפּיץ זענען געשטאַנען בעלי־בתּישע ציוניסטן וואָס האָבן ניט גערן אויפגענומען דאָס פאַרפעס־טיקן זיך פון די אַרבעטער מיט דער הילף פון די נאַציאָנאַלע מיטלען און אויך מיט דער הילף פון די אַרבעטער ־ אָנשטרענגונגען אין לאַנד און פון אירע פריינט אין גלות.

דוד בן גוריון פאַרלאַנגט אַז מען זאָל קומען צו די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע מיט שטאַרקע פאָדערונגען צו העלפן פינאַנסירן די קאָנסטרוק־טיווע איניציאַטיוו פון די אַרבעטער אין לאַנד, ער האָט ניט געזען קיין קע־גנזאַץ צווישן פּריוואַטן און נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, ביידע דערגענצן זיך און העלפן איינער דעם אַנדערן.

„ניט צוליב פסלענען די נאַציאָנאַלע מיטלען און ניט צוליב קאָנקורענץ קומען מיר צו דער פראַגע פון שאַפן אַן אייגענעם קאַפּיטאַל. דיווירטשאַפטלעכע אַרבעט וואָס ווערט געריכט בכדי איינצוגלידערן די עולים ביי לאַנד־אַרבעט איז די הויפּט־אויפ־גאַבע פון ציוניזם. די ציוניסטישע באַוועגונג איז פאַראינטערע־סירט אין דעם אויפבוי־ווערק. דער ציוניסטישער ציל באַזירט זיך אויף אים. אין אַלע אונדזערע אַקציעס זענען מיר די פאָרגייערס, די וואָס איילן זיך און פאַרפעסטיקן דאָס אַלגעמיין ציוניסטישע ווערק. מיר באַגנוגענען זיך ניט מיטן געצוימטן פאַמעלעכן גאַנג. מיר זענען פורצי גדר, ווייל מיר זענען דוחק דעם קץ, מיר האָבן זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט אַ ציוניזם פון שקלים און קאָנ־גרעסן — און מיר האָבן געשאַפן אַ ציוניזם פון פאַרווירקלעכונג. ניט חלילה צו פסלענען דעם שקל און דעם קאָנגרעס זאָגן מיר דאָס, נאָר ווייל מיר באַגנוגענען זיך ניט מיט דעם, מיר האָבן גע־זאָגט: ציוניזם באַטייט עליה אין ארץ ישראל און אַרבעט אין ארץ־ישראל! מיר האָבן דערנאָך צוגעגעבן: ציוניזם באַטייט: אַרבע־טער קאָלאָניזאַציע! מיר האָבן דאָס געפאָדערט פון אַלגעמיינעם ציוניזם, אָבער אונדזער באַוועגונג באַגרענעצט זיך ניט מיט פאָדע־רונגען צו אַנדערע, קודם כל פאָדערן מיר פון זיך אַליין, און אונד־זער חוב איז ניט צו זיין בלויז טוערס, נאָר מיט אונדזער אַרבעט צו באַווירקן אַנדערע".

(„ממעמד לעם", זייט קמ"ה, 1923)

בן גוריון האָט זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט דער לאַנדווירט־

שאַפּטלעכער קאָלאָניזאַציע, ער האָט אין אָנהייב 1924 געפאָדערט אָנצוהויבן אַן אַקציע אויפצושטעלן אַ גרויסע אינדוסטריע וואָס זאָל באַשעפטיקן טויזנטער אַרבעטער, און ער פאָדערט צו שאַפן „אַ אינדוסטריע פאָנד" צו פאַרווירקלעכן די אויפגאַבע, ער האָט דאָס פאַרבונדן מיט אַ פּלאַן פון „שכונות עובדים", אַרבעטער־קוואַרטאַלן נעבן די שטעט. ס'איז אים אויסגעקומען צו קעמפן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג קעגן די, וואָס האָבן זיך באַנוגנט בלויז מיט אַן אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין דאָרף. ער האָט געחלומט, אַז:

„די אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט, די מאַשין און די נאַטור, די פאַבריק און דער גאָרטן, דער מאָטאָר און די קו, דער האַמער און דער רידל וועלן זיך פאַראייניקן צוזאַמען אין דער נייער אַרבעטער־שטאָט אין דעם טאָל פון אינדוסטריע".

(דאָרט, זייט קנ"ג)

דוד בן גוריון האָט געטראַכט צו פאַראייניקן די צוויי עלעמענטן. ער האָט פעסטגעשטעלט די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן זיי, ניט ווי צוויי באַזונדערע געביטן, נאָר ווי איין גאַנצקייט וואָס איז געווענדט צו איין זאַך. דאָס פאַרווירקלעכן דעם היסטאָרישן ציל פון יידישן אַרבעטער: אַרבעט און קאָלאָניזאַציע, דער פּראָפעסיאָנעלער קאַמף און די קאָנסטרוקטיווע טאַט זענען ווי די צוויי לוחות הברית פון דער באַוועגונג וואָס מען קען זיי ניט פונאַנדערטיילן. דוד בן גוריון איז דער מחבר פון די רעגלאַמענטן פון „חברת העובדים" וואָס איר אויפגאַבע איז: אָרגאַניזירן, אַנטוויקלען, פאַרשטאַרקן דאָס עקאָנאָמישע און לאַנדווירטשאַפטלעכע ווערק פון די אַרבעטער אין אַלע צווייגן פון אַרבעט און קאָלאָניזאַציע אין שטאָט און אין דאָרף, אויף דער באַזע פון קעגנזייטיקער הילף און פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

די אַקטיוויטעט פון דער אַרבעטער באַוועגונג אויף אַלע פראָנטן, איינעווייניק און אין דרויסן, האָט געשאַפן די סטראַטעגישע קאָנסטרוקטיווע באַזע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, דעמאָלט ווען ס'איז נאָך קליין געווען איר השפעה אין די אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווייל די גאַנצע מאַכט איז געווען אין די הענט פון די בירגערלעכע ציוניסטן. אַזוי פאַרשטאַרקט זיך דער כוח פון אַרבעטער און זיין העגעמאָניע אין ישוב. דוד בן גוריון האָט אויך צוגעגרייט די אינסטרומענטן פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג און זי צוגעגרייט צו ווערן אַ באַווירקנדיקע קראַפט דורך זיין שטענדיקן דערמאָנען די באַשטימונג און די היסטאָרישע שליחות פון דעם אַרבעטער אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם.

בן גוריון שאַצט אָפּ דעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל פאַרן ארץ־ישראל אויפבוי און פאַרן שטאַרקן די פּאָזיציע פון דעם אַרבעטער, ער שטורעמט קעגן

דער אויפפאסונג וואָס זעט אין ציוניסטישן קאָנגרעס נאָר די ענגע אינטע־רעסן צו באַקומען עפּעס פון אלגעמיינעם ביודזשעט:

„די אָנשויאונג זעט ניט דעם וואלד צוליב די ביימער און זאָגט עדות פון פלאכע באַגריפן און קורצזיכטיקייט. צו וואָס איז גלייך דער משל? צו אַ מענטש וואָס שטעלט אַריין אַ קראַן פאַר וואַסער און פאַרבינדט אים ניט מיט די רערן וואָס פירן צום קוואל, אָדער זאָרגט ניט אַז דער קוואל זאָל ניט פאַרשטאָפּט ווערן.

(דאָרט, זייט רל״ד).

ער פאָדערט, בכן אַלץ צו זען פון דער היסטאָרישער פערספּעקטיוו וואָס וויל ניט בלויז באַפרידיקן די נויטן פון דעם מאָמענט און באַגרענעצט זיך ניט אויף אָפּצוהיטן און פלעגן דאָס עקסיסטירנדיקע, נאָר שטייט אויף דער וואָך פאַר די היסטאָרישע באַדערפענישן און ציטערט איבער דעם גורם פון דעם גרויסן „אַין" וואָס פאָדערט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג צו פאַר־וואנדלען אים אין אַ „יש".

(דאָרט, רל״ה)

די דאָזיקע ווערטער האָט דוד בן גוריון געלאָזט הערן נאָך אין 1925 פאַרן 14טן ציוניסטישן קאָנגרעס. ער פאָדערט אויף זיך אָנצושטרענגען און צו שאַפן די גרויסע פאָלקס־באַוועגונג „וואָס זאָל מאָביליזירן און באַווירקן מיליאָנען — ניט פון פונטן, נאָר פון מענטשן". די באַוועגונג דאַרף זיין דורכגעדרונגען מיט דער מאָראַלישער קראַפט וואָס זאָל זיך ניט אָפּשרעקן פאַר קיין שום שוועריקייטן און דער יידישער אַרבעטער איז דער, וואָס דאַרף דערפילן די דאָזיקע שליחות.

קיינער פון דער באַוועגונג האָט ניט אַזויפיל מאָל און אַזוי כסדר גע־בראַכט צום אויסדרוק די היסטאָרישע שליחות פון דעם אַרבעטער. מיט זיין רייכער פילפאַרביקער תנכישער שפּראַך האָט ער דעם אַרבעטער דערהויבן, אין זיין באַשטימונג און אין זיין מיסיע, צו רעאַליזירן די יידישע וויזיע פון גאולה. ער אידעאַליזירט ניט דעם אַרבעטער ווי איינעם וואָס איז אויסגע־טאָן פון מאַטעריאַליזם און דורכגעדרונגען מיט רוח הקודש. מיט זיין פלאַ־מיקן גלויבן אין דעם אַרבעטער, זעט ער אים ניט ווי עפּעס אַ העכער וועזן וואָס מאַכט ניט קיין טעותן און איז שטענדיק נאָר באַהויכט מיט העכערע שטרעבונגען און עקידה־גרייטקייט. זיין צוגאַנג צום יידישן אַרבעטער איז אַ נאַטירלעכער. ער זעט אין אים אַ באַשטאַנדטייל פון פאָלק. אויך דער אַר־בעטער פאַרמאָגט אין זיך נעגאַטיווע אייגנשאַפטן וואָס ער האָט געירשנט ווי אַ רעזולטאַט פון אונדזער גלות־געשיכטע.

„דער יסוד וואָס שטעלט אַוועק דעם אַרבעטער העכער זענען ניט זיינע גרעסערע פעאיקייטן, נאָר די אויפגאַבע וואָס ער דער־

פילט אין דער ווירטשאַפט, אין דער געזעלשאַפט און אין לאַנד.
ניט ווייל דער אַרבעטער שטייט העכער פאַרנעמט ער אַ פאַר־אַנטוואָרטלעכן אָרט. ער פאַרנעמט אַ פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציע ווייל ער דערפילט די אַנטשיידנדיקע אויפגאַבן, מיט זיינע פעאי־קייטן אין אָרגאַניזאַציע, מיט זיין אחריות און טריישאַפט שטעלט ער זיך אַוועק אין אַ העכערער פּאָזיציע".

די פערטע עליה, אין די יאָרן 1924־1925, האָט זיך אַנטפּלעקט מיט דער אָפּהענטיקייט פון בעלי־בתישן ציוניזם. ס'זענען געקומען יידן ניט צוגעגרייט צו ענדערן זייערע אַמאָליקע געוווינהייטן און באַשעפטיקונגען און האָבן געדראָט אונטערצוגראָבן די יסודות פון ציוניזם, וואָס וויל איבערבויען דאָס פאָלק דורך שעפערישער אַרבעט. דאַן האָט בן גוריון גערופן דעם יידישן אַרבעטער צו זיין שליחות אין דער באַוועגונג. און דער ענין איז געוואָרן אַקטועל ווען דער דורכפאַל פון דער פערטער עליה האָט מיט זיך געבראַכט אַ גרויסן קריזיס אין לאַנד און אין ציוניזם. ס'איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די ציוניסטישע טעטיקייט אין לאַנד. ס'איז איינגעשרומפּן געוואָרן די קאָלאָני־זאַציע אַרבעט. ס'זענען כמעט געשלאָסן געוואָרן די טויערן פון לאַנד. טוי־זנטער חלוצים זענען אַרומגעגאַנגען אַרבעטסלאָז און געהונגערט און די ציוי־ניסטישע באַוועגונג האָט ניט באַוויזן צו מאַכן די געהעריקע אָנשטרענגונג אַרויסצוגיין פון דעם קלאָגעדיקן מצב. דוד בן גוריון האָט געזען, אַז די עיקרדיקע סיבה פון דעם קריזיס איז דער שרייענדיקער ווידערשפּרוך וואָס איז פאַראַן צווישן דעם וואָס טראָגט אויס אויף זיינע פּלייצעס און פאַר־ווירקלעכט דעם ציוניזם בויענדיק דאָס לאַנד, דעם יידישן אַרבעטער און דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג וואָס ווערט אָנגעפירט פון בירגערלעכע יידן.

„אין דעם ציוניסטישן פאַרווירקלעכונגס־ווערק האָבן זיך אָנ־געהויבן מערקן די קעגנזעצלעכע קלאַסן־אינטערעסן פון באַלעבאָס און זיין נאַציאָנאַלן אידעאַל. דער אינערלעכער ויתרוצו צווישן דעם קלאַסן־אינסטינקט און זיין נאַציאָנאַלן געפיל האָט אָפּגע־שוואַכט זיין כוח אין דעם אויפבוי־ווערק. דער בירגערלעכער קלאַס איז נאַציאָנאַל־אידעאיש אויסגעליידיקט געוואָרן. קיין שום קלאַס איז ניט ביכולת זיך צו שטעלן אין דער שפּיץ פון פאָלק און פאַר־נעמען די פּאָליטישע מאַכט אָדער די גייסטיקע העגעמאָניע, ווען ער באַווייזט זיך ניט ווי אַ נאַציאָנאַלער וועג־ווייזער און נעמט ניט אַריין אין די טעטיקייטן פון זיין קלאַס די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק. אָן דעם דאָמינירנדיקן מלוכהשן געדאַנק, אָן דעם נאַציאָנאַל־היסטאָרישן צייכן קען קיין שום שיכט זיך ניט קאָנצענטרירן און

אַרויפליי̈גן זיין געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע השפּעה אויף די איבעריקע קלאסן פון פאָלק״.

(דאָרט, זייט רל״ח, 1927).

יחידים פון די בירגערלעכע ציוניסטן האָבן געאַרבעט און ווידמענען אויך איצט זייער ענערגיע פאַרן אויפבוי פון לאַנד, אָבער אין אַלגעמיין גע־נומען, ווי אַ קלאַס, האָבן זיי ניט באַוויזן זייער כוח אין נאַציאָנאַלן זין. דע־ריבער קען דער בירגערלעכער ציוניסט ניט פאַרטראָגן די ראָל און די פּאָ־זיציע פון דעם יידישן אַרבעטער אין דער רעאַליזירונג פון ציוניזם, אַ ראָל און אַ פּאָזיציע, וועלכע לייגט איר חותם אויף דעם ארץ־ישראל־אויפבוי, און ער, דער בירגערלעכער ציוניסט, שטרעבט צו פאַרבייטן די פּאָסטנס, כאָטש אַזאַ בייט קען אונטערהאַקן די וואָרצלען פון ציוניזם, ווייל נאָר דורך דער שעפערישער טאַט פון דעם אַרבעטער האָט ער געקענט ווירקן און האָבן די העגעמאָניע אינערהאַלב דעם פאָלק און אין לאַנד וואָס איז אַ פאַרבאַדינג פאַר דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט ביז איצט געזען איר שווער־פּונקט אין דעם אינערלעכן קאַמף אין לאַנד פאַר כבוש עבודה ביים אויפבויען אַרבעטער־ווירטשאַפטן, ביים אויפלעבן די שפּראַך, ביים שאַפן אַ נייע ווירק־לעכקייט, ווערט גערופן דורך בן גוריונען זי זאָל מיט דער זעלביקער קראַפט ווי זי האָט געשטורעמט איבער די וויסטעניישן פון לאַנד זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די תפוצות, כדי צו ענדערן איר פאָרם און כדי זי צו פירן אין ליכט פון די היסטאָרישע צילן פון דער פאָלקס־באַפרייאונג, ווייל דער גורל פון אויפבוי־ווערק און פון דער באַוועגונג זענען געקניפּט און געבונדן און עס ליגט די שווערע אחריות פוןביידע אויף די, וואָס האָבן זיך אליין אויסגעקליבן צו זיין די שליחים פון פאָלק, און צו טאָן די ציוניסטישע אַרבעט אין לאַנד. ווייל נאָר דער אַרבע־טער איז ביכולת פולשטענדיק זיך צו אידענטיפיצירן מיטן פאָלק. עס איז ניט קיין געוויינלעכער קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, צווישן דעם אַר־בעטער און אַרבעטסגעבער וועגן דעם געניוס פון די געשאַפענע און עקזיס־טירנדיקע ווערטן.

„דער סאָציאַלער פּאַטאָס פון דעם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער איז באַהויכט מיטן גייסט פון די אַמאָליקע דעראָבערער פון לאַנד. זיין קלאַסן־באַוווסטזיין ווערט באַלויכטן מיט דער וויזיע פון גאולה. עס זענען אים ניט פרעמד די אוצרות און היסטאָרישע ווערטן פון דעם יידישן פאָלק און ער שטרעבט זיי צו דעראָבערן. זיין פּאָליטישער גאַנג איז זיך ניט אָפּצוזונדערן פון גאַנצן פאָלק, נאָר זיך צו שטעלן בראש פון דעם פאָלק. אין זיינע ראַנגלעניש, אין זיין קאַמף, אין זיינע דעראָבערונגען און אין זיין שאַפן זעט

ער פאַר זיך זיין היסטאָרישע אויפגאַבע צו ווערן פון אַן אַרבע־טער קלאס אן ארבעטס־פאָלק. דאָס איז די נאַציאָנאַלע שליחות פון דער אַרבעטערשאַפט״.

(דאָרט, זייט רנ״ד, 1929)

נאָך אַ ברייט פאַרצווייגטער אַקטיוויטעט אינערהאַלב דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, אין דער פאַרטיי, אין דער הסתדרות, פאָרט ער ארויס איבער די גלות־לענדער צו געווינען מענטשן פאַר דעם געדאַנק „ממעמד לעם״ וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אַקטועלע לאָזונג. אין זומער 1930 איז דוד בן גוריון געשטאַנען אין שפּיץ פון דעם וועלט־קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל וואָס האָט ארום זיך קאָנצענטרירט פאַרשטייער פון הונדערטער טויזנטער יידישע אַרבעטער, יוגנט, אינטעליגענץ און פּערזענ־לעכקייטן נאָענטע צו דעם אַרבעטער געדאַנק. דאָס יאָר 1933 איז געווען אַנטשיידנדיק פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. די רעוויזיאָניסטישע באַ־וועגונג האָט זיך געשטאַרקט. זי האָט פאַרפעלשט דעם ציוניזם מיט אידעען און וועגן וואָס זענען גענומען געוואָרן פון פרעמדע ניט־ריינע קוואַלן. דוד בן־גוריון קומט אין קאָנטאַקט מיט די יידישע אייראָפּעאישע צענטערן און נעמט איין מיט שטורעם די רעוויזיאָניסטישע פּעסטונגען. אין דעם אינטענ־סיוון קאַמף מיט די רעוויזיאָניסטן פירט ער דורך די אָרגאַניזאַציאָנעלע און אויפקלערנדיקע אַרבעט אונטער דער לאָזונג „פון קלאַס צו פאָלק״. די אַר־בעטער באַוועגונג גייט אַרויס געשטאַרקט, באַקומט אַ פאָרשטייערשאַפט צום קאָנגרעס פון 44 פּראָצענט, און פון דאַן אָן הויבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. די אַרבעטער באַוועגונג נעמט איבער די אָנפירונג פון ציוניזם און ווערט פאַרוואַנדלט אין דעם באַווירקנדיקן כוח, ניט נאָר ווי אַ רעאַליזירנדיקע קראַפט אין לאַנד, נאָר אויך ביים ריכטן און אָנ־צייכענען די וועגן כלפּי חוץ און כלפּי פנים. ער, דוד בן גוריון, וואָס האָט צום מערסטן געבערענגט צום אויסדרוק די שטרעבונג פון דער אַרבעטער העגע־מאָניע אין ציוניזם, דערגרייכט צו דער אָנפירונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

***

דער וועג פון בן גוריון איז תמיד געווען אַרויסצוגיין פון די ענגע קליינע ראַמען צו אַ מער פאַרנעמיקער גרויסצוגיקער אַרבעט. זיין ערשטע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט איז געווען אין דער פאַרטיי. יאָרנלאַנג איז ער מחוץ דער פאַרטיי כמעט ניט געווען באַקאַנט. פון דער פאַרטיי איז ער אַרי־בער אַרבעטן אין הסתדרות העובדים, פון וועלכער ער איז געווען איינער פון די גרינדער און איר מנהיג אין משך פון אַ סך יאָרן — פון דער אָנפירער־

שאַפט אין דער הסתדרות איז ער געוואָרן דער פירער פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג און דערנאָך דער מנהיג פון פאָלק אין ישראל. שטענדיק האָט ער זיך אידענטיפיצירט מיט זיין אויפגאַבע. אַלץ וואָס בן גוריון טוט, טוט ער בשלימות. דאָס איבערגיין פון אויפגאַבע צו אויפגאַבע, פון אָנפי־רערשאַפט צו אָנפירערשאַפט רייסט אים ניט אָפּ פון זיין מקור. די קוואלן פון וואַנען ער האָט געשעפּט יניקה זענען געבליבן ווי געווען. ער איז פונקט ווי דאַן דער מענטש פון „מפא׳י״ וואָס זעט אין איר ניט קיין געוויינלעכע פּאָליטישע ראַם פון דעם יידישן אַרבעטער, נאָר די טרעגערן פון היסטאָרי־שער שליחות וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף איר דורך דעם שר האומה. אַזוי ווי אַמאָל איז ער אויך איצט פאַרבונדן מיט זיין גאַנצן וועזן, מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה מיטן יידישן אַרבעטער־קלאַס און זיין הסתדרות.

ניט בלויז וואָס ער האָט ניט אויפגעהערט אָפּצושאַצן דעם קאָנסטרוקטיוון כוח פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, נאָר ס׳איז אויך ניט אָפּגעשוואַכט גע־וואָרן זיין גרויסע ליבע צו אים. די יוגנט־ליבע איז ניט אויסגעוועפּט געוואָרן, און כאָטש ער האָט געמוזט איבעררייסן זיין אַרבעט אין דער הסתדרות צוליב זיינע פילפאַכיקע באַשעפטיקונגען איז ער געבליבן נשמהדיק פאַרבונדן מיט איר.

די גרינדונג פון דער מדינה האָט באַפרייט די הסתדרות פון איניקע אויפגאַבן וואָס זי איז געווען געצוווּנגען צו נעמען אויף זיך צוליב דער פרעמדער מאַכט, אָבער ס׳איז מיט גאָרניט געמינערט געוואָרן איר אויפגאַבע ווי אַן אינסטרומענט פון ציוניסטיש - סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג. אויפן לאַנד צוזאַמענפאָר פון די וועדי הפועלים וואָס איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1949 שטעלט דוד בן גוריון פעסט:

„דער גורל פון דער מדינה און פון דער הסתדרות זענען ענג פאַרבונדן איינע מיט דער אַנדערער. נאָך מער: דער גורל פון דעם אַרבעטער איז אָפּהענגיק פון דעם גורל פון דער מדינה און דער גורל פון דער מדינה איז אָפּהענגיק פון דעם אַרבעטער־קלאַס. אונדזער נאָענטע צוקונפט איז אָפּהענגיק דערפון אין וועלכער מאָס דער אַרבעטער וועט פאַרשטיין די נויטן פון דער מדינה און אירע אויפגאַבן, און אויף וויפל ער וועט צולייגן אַ האַנט צו דערפילן זיין שליחות לויט די באַדערפענישן פון דעם מאָמענט און פון דעם דור. און אויך אין וואָס פאַראַ מאָס די מדינה וועט אויפנעמען די באַדערפענישן פון די אַרבעטער און וויסן ווי אַזוי נאָכצוקומען די אַלע נויטן מיט ליבע און טרייהייט. נאָר ווען מיר וועלן וויסן צו־נויפצופלעכטן די „קליינע״ און „גרויסע״ מעשים וועלן מיר האָבן דערפאָלג אין דער מדינה, און אין דער הסתדרות. נאָר אַ פאַסיקע און האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט צווישן דער מדינה און הסתדרות

וועט פֿאַרזיכערן דעם דערפֿאָלג פֿון דער הסתדרות און דער מדינה און אין זיינע טאָג־טעגלעכע ענינים וועלן דערפֿילט ווערן די אויפֿ־גאָבן פֿון דור".

(„חזון ודרך", באַנד א' זייט 285)

פּונקט ווי אין דער הסתדרות און אין דער מדינה, אַזוי אויך אין דער פּאַרטיי זעט בן גוריון די צענטראַלסטע אויפֿגאַבע אין דעם דערציען דעם אַרבעטער און יוגנטלעכן צו חלוציזם. אַפֿילו אין צבא הגנה לישראל, וואָס איז באַזירט אויף באַפֿעלן, היעראַרכיע און דיסציפּלין, איז פֿאַראַן פּער־זענלעכע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט וועלכע לייגט דעם חלוציזשן שטעמפּל. ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן האָט דוד בן גוריון געדרופֿן צו אַנטוויקלען ביי דער יוגנט די חלוצישע פֿיזאָנאָמיע, אָבער דאָס הייסט ניט, אַז אַ יחיד, אָדער אַ געוויסער שיכט זאָל זיך האַלטן ווי דאָס אייבערשטע פֿון שטויסל. קיינער ווי בן גוריון קעמפֿט ניט אַזוי קעגן „אוואַנגאַרדיזם" וואָס וויכטיקע קרייזן פֿון דער אַרבעטער באַוועגונג האָבן אים געפּרעדיקט און דערמיט גורם געווען צו אַנטוויקלען נטיות פֿון אָפּזונדערן זיך פֿון דער אַרבעטער־געזעלשאַפֿט. ניט קיין „אוואַנגאַרדיזם", נאָר אַ חלוציות אין אַ ישראלדיקער אויפֿלאַגע וועמען עס איז ניט גענוג דער לאָזונג „פֿאַרן פֿאָלק" ווען אַפֿילו ער ווערט באַגלייט מיט גוטע כוונות, נאָר ווען ער פּרעדיקט און פֿאַרווירק־לעכט די תורה „עם העם ובתוכו". דער גאַנג מ י ט ן פֿאָלק גיט ערשט דאָס רעכט צו גיין פֿאַראויס. ער פֿאַרורטיילט דאָס אָפּזונדערן זיך פֿון פֿאָלק ווי דער אורשפּרונג פֿון די אַלע אָפּנויגונגען וועלכע פֿירן אויף שלעכטע וועגן פֿון אויפֿהויבן זיך איבער דעם קלאַס און פֿאָלק און זיי פֿאַרוואַנדלען אין אַן אָביעקט פֿאַר פֿאַרשיידענע עקספּערימענטן. בן גוריון איז אויסגעהאַלטן אין זיין אָנגעצייכנטער ליניע פֿון דער צייט פֿון „השומר" ביז דער גרויסער פּאָלעמיק וועגן „פּלמח". בן גוריון האָט ניט מוותר געווען אָדער זיך אָפּגע־זאָגט פֿון די גרויסע פּאָזיטיווע ווערטן פֿון „השומר", „פּועלי ציון", „אחדות העבודה" און „פּלמח". ער האָט זיי נאָר געוואָלט מאַכן פֿאַר אַן אַלגעמיינער זאַך. די תורה וואָס איז דעפֿינירט געוואָרן אין זיין „ממעמד לעם" דאַרף ניט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אָפּווענדונג פֿון קלאַס, פֿון זיינע ווערטן און באַגערן, נאָר ווי אַ ווילן די אַלע ווערטן אַריבערצוטראָגן צו אַלע ברייטערע קרייזן פֿון גאַנצן פֿאָלק. אַ באַוועגונג וואָס קען זיך ניט אַרויסשיילן ווען ס'קומט דער מאָמענט, און אַרויסגיין אויף דער ברייטער וועלט, טוט ניט בלויז ניט קיין טובה דעם פֿאָלק, נאָר זי דריקט אויך אונטער איר אייגענעם גייסט. דוד בן גוריון האָט דעם פֿולן גלויבן אינעם פֿאָלק, און ניט נאָר צו יחידים אַליין, נאָר אין יעדן ייד פֿון אַלע שבטים און פֿון וועלכן גלות ער זאָל ניט זיין. דער גלויבן אין פֿאָלק איז מחייב די חלוצים זיך איינצושפּאַנען אין דינסט פֿון פֿאָלק.

**
*

ווי ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן, איז דוד בן גוריון דער מענטש פון סינטעזע און ניט נאָר ווען ס'האַנדלט זיך אין מיינונגען און אַנשויאונגען, נאָר אויך אין דער טאַקטיק און סטראַטעגיק. קיינמאָל פאַרגעסט ער ניט דעם ציל און גלייכצייטיק האָט ער ניט קיין מורא פאַר דער ווירקלעכקייט וועלכע צייכנט אָן אירע באַשרענקטע גרענעצן. אָבער די גרענעצן צו וועלכע ער מוז זיך צופּאַסן אין דעם פּראָצעס פון פאַרווירקלעכונג האקן ניט אונטער זיינע פליגל און ער פאַרלירט זיך ניט. דאָס וועלן דעראָבערן אַ סך פאַרמינערט גאָרניט די געשפּאַנטקייט אין געראַנגל איבער זאַכן וועלכע זעען אויס אין פלוג ווי אומוויכטיקע ענינים, אָבער צום סוף בילדן זיי אַ יש וואָס האָט אַ יסודותדיקן ווערט.

דער פּרינציפּ פון „אחוז בזה וגם מזה אל תנח ידך" האָט אים תמיד באַלויכטן זיין וועג. ער פאַרלאָזט קיינמאָל קיין זאַך, ביז ער ציט פון דעם ניט אַרויס דעם געהעריקן נוצן. אויך ווען ער איז געווען איינגאַנצן פאַרכאַפּט פון דעם געדאַנק וועגן אַ יידישער מדינה האָט ער זיך ניט געאיילט צו שטירצן די מאַנדאַטן־מאַכט, ניט וויסנדיק געווי וואָס פאַראַ נוצן דאָס קען ברענגען אונדזער זאַך. און אין מאָמענט ווען ער האָט זיך איבערצייגט אַז די מאַנדאַטן־מאַכט העלפט אונדז ניט צו, דערגרייכן אונדזער ציל, נאָר פאַרקערט — זי באַשווערט, זי שטערט אונדזער אַרבעט, האָט ער געלאָזט הערן דעם רוף: ענגלענדער אַרויס! אַזוי האָט ער זיך באַצויגן צו יעדער סיטואַציע וואָס האָט זיך געשאַפן. ווען ער האָט געזען אַ שטער אויסצוברייטערן דאָס אויפבוי־ווערק האָט ניט געהאָלפן דער שיינער עבר פון קיין גרופּירונג מיט אירע אַמאָליקע רעכטן. זיין גאַנג האָט אים ניט איינמאָל געבראַכט צו שווערע צוזאַמענשטויסן מיט חברים און פריינט וואָס האָבן זיך ניט געקענט באַהערשן איבער זייערע סענטימענטן און געוווינהייטן. ער האָט זיך ניט געקווענקלט מוותר צו זיין אויף דעם נאָמען „פּועלי ציון" מיט וועלכן ער איז פאַרבונדן געווען פון זיין יוגנט אָן און ער, בן גוריון מיט זיינע חברים (בערל כצנלסון, דוד רמז, ויבדלו לחיים: יצחק בן צבי, יבנאלי און טבנקין) זענען עס געווען די איניציאַטאָרן צו פאַראייניקן אַלע ציוניסטן־סאָציאַליסטן אונטערן נאָמען אחדות העבודה. און ווידער האָט ער זיך ניט געשראָקן מוותר צו זיין אויף דעם באַליבט־געוואָרענעם נאָמען און נאָך דער פאַראייניקונג פון „אחדות העבודה" מיט „הפּועל הצעיר" איז געשאַפן געוואָרן די מפלגת פּועלי ארץ־ישראל וואָס רופט זיך פאַרקירצט „מפא"י" — אזא איז ער. ער האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט אָפּצושאַצן דעם „השומר" מיט וועלכן ער איז געווען פאַרבונדן זייט דער צייט פון זיין גרינדונג ביז דעם היינטיקן טאָג. אָבער ווען עס איז געקומען דער טאָג און די דאָזיקע ראָם האָט אויפגעהערט צו שפּילן די ראָל צוליב וועלכער זי איז געשאַפן געוואָרן, דאַן קומט דוד בן גוריון מיט זיינע חברים און שטעלן אויף די „הגנה", פריער

ווי אַן אַרבעטער - אָרגאַניזם און נאָך דעם ווי אַן אויסגעברייטערטן אָרגאַ־ניזם אין וועלכן ס׳גייען אַריין אויך אַנדערע קרייזן פון ישוב. דאָס זעלביקע איז פאָרגעקומען מיט יאָרן שפּעטער אין באַצוג צום „פּלמח״. ער האָט קיינ־מאָל ניט פאַרהערלעכט אַ קערפּערשאַפט אַפילו ווען ער האָט אין איר געזען אַ טייערן אינסטרומענט צו רעאַליזירן זיינע שטרעבונגען. די אויפ־גאַבע פון מ אָ מ ע נ ט האָט אַנטשידן און דער אינטערעס פאַר דער צ ו ק ו נ פ ט האָט אים געפירט און ניט ווייל זיין האַרץ איז אָן סענטי־מענטן פאַר דעם עבר אָדער פריי פון „שוואכקייטן״ און פון יוגנט־זכרונות. עס זענען פאַראַן יידן וואָס ווילן זיך פון זיין אָפּטן דערמאָנען סעדזשערא און די ערשטע חלוצים. ביי אים איז אָבער פאַראַן איין זאַך וואָס שטייט העכער פון אַלץ. ער וועט מנצח זיין אַלע שטערונגען וואָס שטעלן זיך אים אין וועג, כדי זיך דערנענטערן צום ציל.

אינעם גייסט פון דער תשובה פון רבן גמליאלס טאָכטער דעם קיסר וואָס האָט אָנגעקלאָגט דעם אלוהי ישראל אז ער איז אַ גנב, ווייל ער האָט איינ־געשלעפערט אדם הראשון און אים בעת מעשה צוגעגנבעט אַ ריפּ — קען מען זאָגן אַז בן גוריון האָט צייטנווייז „צוגעגנבעט״ אַ „ריפּ״, אָבער ער האָט תמיד „צוגענומען אַ זילבערנעם קרוג, בכדי אַוועקלייגן אַ גאָלדענעם״, ער האָט צוגענומען אַ „ריפּ״ און געגעבן אָן „עזר כנגדו״.

אַנשטאָט אַ קליינע גרופּע פון פּועלי ציון האָט ער אונדז געגעבן „אחדות העבודה״, וואָס האָט אַרומגענומען מאסן אַרבעטער. ער האָט אויסגעברייטערט אירע ראַמען און געבויט די ארץ־ישראלדיקע אַר־בעטער פאַרטיי וואָס האָט אַריינגענומען די מערהייט פון די אַרבעטער אין לאַנד, און איז געוואָרן בכוח איבערצונעמען די אָנפירונג פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג און פון דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. אויפן אָרט פון „השומר״ האָט ער אויפגעשטעלט די הגנה און אַנשטאָט דעם „פּלמח״ האָט ער געשאַפן דעם „נחל״ ווי די אָרגאַניזירטע ראָם פון דער גאַנצער מאָביליזירטער ישראלדיקער יוגנט.

בן גוריון האָט ביז די לעצטע יאָרן זיך ניט באַנוצט צופיל מיט גייס־טיקע טערמינען און באַגריפן. ער האָט זיך ניט גערעכנט צווישן אחד העמס חסידים, ניט ווייל ער האָט חלילה גרינגגעשעצט די גייסטיקע ווערטן אין די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, און געוויס האָט ער זיי ניט גרינג־געשעצט אין דער אויפקום־באַוועגונג פון יידישן פאָלק. תמיד האָט ער באַטאָנט די היסטאָרישע מקורות און די גייסטיקע ווערטן וואָס האָבן גע־ווירקט אין דעם אויפלעבונגס־געדאַנק. אָבער ביי בן גוריונען איז די וויזיע און די טאַט געקניפּט און געבונדן, און אָן דעם טיפן קשר צו די גייסטיקע אוצרות וואָלט ניט געקענט קומען צו אזא סינטעז. ער זעט ניט אין יהדות קיין סכום פעסטגעשטעלטע ווערטן, נאָר ער זעט יהדות ווי אַ גייסטיקע פאָרמירונג וואָס וואַקסט אַרויס פון די ווייטע דורות פון זינט ישראל איז

נאָך געווען אַ וואַנדערנדיקער שבט ביזן היינטיקן טאָג. ס׳זענען געווען פאַלן, ווען דאָ און דאָרט זענען פאַרטריקנט געוואָרן די וואָרצלען צוליב אומטערדריקונג, שחיטות און פאַרטיליקונג. יידן זענען אָבער קודם פון יידישקייט, אָן יידן איז ניטאָ קיין יידישקייט. יידישקייט, אָדער ווי מען פלעגט עס רופן: חכמת ישראל איז אַ דינאַמישער באַגריף. די נייע און גינס־טיקע באַדינגונגען וואָס זענען געשאַפן געוואָרן מיט דער אַנטשטייאונג פון דער ישראל־מדינה דערמעגלעכן ערשט דעם אויפבלי פאַר יידישקייט אָדער חכמת ישראל.

אין די לעצטע יאָרן רעדט ער אָפט וועגן גייסט און וועגן זיין ווערט. אין זיינע רייד שטעלט ער אָפטמאָל אַוועק דעם גייסט איבער די פיזישע כוחות, און דאָס דווקא לעצטנס ווען יידן האָבן אַנטפּלעקט זייערע כוחות אין פשוטן זין פון וואָרט. דוד בן גוריון איז אַ גרויסער פאַרערער פון מענטשלעכן און יידישן אינטעלעקט, און ס׳איז ניט קיין צופאַל וואָס ער האָט פאָרגעשלאָגן איינשטיינען ווי דעם פרעזידענט פון דער מדינה. דאָס איז אַ לאָגישער אויספיר פון זיין דענקען. בן גוריון גלויבט אַז אין אונדזער מדינה וואָס בויט זיך, וועט די יידישע קולטור ניט פאַרשטופט זיין אין אַ ווינקל פון דעם מענטשלעכן און פאָלקס־לעבן, אַזוי ווי זי איז געווען פאַר־שטופט און זיך ניט געקענט אַנטוויקלען אין משך פון אונדזער גלות־לעבן. איצט באַקומט זי דעם געהעריקן באָדן צו שלאָגן וואָרצלען אויף אַלע געביטן, דער יידישער זשעני דאַרף קומען צום אויסדרוק אין אַלע זיינע פאָרמען וואָס וואַקסן אַרויס פון די זעלביקע וואָרצלען און זענען פילפאַרביק אין זייערע אַנטפּלעקונגען אין גייסטיקן און מאַטעריעלן זין.

אָבער וויסנשאַפט אַליין, מיט אַלע אירע ריזיקע דערגרייכונגען, קאָן ניט פאַרזיכערן קיין גליק דעם מענטש, דעם פאָלק און דער מענטשהייט. זי קען אָפטמאָל פאַרערגערן דעם מענטשלעכן מצב. לויט בן גוריונען דאַרף מען די „ציוויליזאַציע“ פאַרבינדן מיט העכערע מאָראַלישע ווערטן, מיט די יידישע נביאים; אָבער בן גוריון באַגנוגנט זיך ניט מיט דעם אַבסטראַקטן סינטעז צווישן ציוניזם און סאָציאַליזם און ער גיט צו צו זיי — חלוצישע זעלבסטפאַרווירקלעכונג. אַזוי גיט ער אויך צו צום סינטעז פון ציוויליזאַציע און מאָראַל דעם יסוד פון חלוצישער טאַט, ווייל וואָס פאַראַ נוצן קאָן אונדז אַרויסקומען פון די ציוויליזאַטאָרישע דערגרייכונגען, פון די שיינע רייד, ווען זיי גייען ניט געפּאָרט מיט חלוצישער פאַרווירקלעכונג? נאָר דער פאַרווירקלעכנדיקער חלוציזם קען באַקרעפטיקן אונדזערע מאָראַלישע ווערטן. בן גוריון גייט קיינמאָל ניט אויף קיין אויסגעטראָטענעם וועג. פון תמיד אָן האָט ער געהאַט דעם מוט צו שטיין אַליין אין קאַמף. צו פּראָקלאַ־מירן און צו קעמפן פאַר ניט פּאָפּולערע לאָזונגען. ער פאַרשטייט און נעמט אויף די שטימונגען פון דער גאַס, אָבער ניט דווקא צו דער טומלדיקער גאַס הערט ער זיך צו, נאָר צו די פאַרהוילענע געפילן וואָס קומען ניט צום

אויסדרוק. ער האָט אַ נשמהדיקן קאָנטאַקט מיט די פאָלקס־מאסן, מיטן אַר־בעטער, און ווען אַפילו די פליכטן פון דער באַוועגונג רייסן אים אַוועק פון דער דירעקטער פאַרבינדונג מיט אים איז ער אָבער תמיד אין די אנטשיי־דנדיקסטע מאָמענטן דער וואָרט־זאָגער פון די מאַסן. אויך אין זיין פרי־וואטן לעבן איז ער ניט געווינט צו גיין אין דעם אָנגענומענעם וועג. ער וועט קיינמאָל זיך ניט צופּאסן צו קיין אָנגענומענער מיינונג. ער איז געווען אַ העברעאיסט ווען די מערהייט פון זיינע חברים זענען געווען יידישיסטן. מיט וואָס פאַר אַ פעדאַנטישקייט ער האָט אין זיינע בריוו צו זיין פאָטער אָפּגעהיטן די יידישע דאַטע! קיין איין מאָל איז ער ניט נכשל געוואָרן צו שרייבן די ניט יידישע דאַטע. ביי אים איז ניט געווען בנמצא קיין שמץ פון אויסערלעכן ניהיליזם פון וועלכן פיל פון די מענטשן פון דער צווייטער עליה זענען געווען פאַרכאַפּט אין יענער צייט, און ספּעציעל די מענטשן פון „השומר״. אין דעם ניהיליזם איז געווען אַ סך יוגנטלעכע ווידערשפּעני־קייט, רעוואָלוציאָנערישקייט און ווילן זיך צו באַפרייען פון די קליינביר־גערלעכע געוווינהייטן, פון דעם שטעטל, פון צופיל אינטעלעקטואַליזם. אויך אין די טעג ווען ער איז געווען פאַרנומען ביי זיין געליבטער אַרבעט אין פעלד האָט ער ניט אויפגעהערט צו לערנען. ער האָט שטענדיק געפונען צייט צו שטודירן. אויך נאָך שווערע אַרבעטס־שעהן. ער האָט אַ סך גע־לייענט, געלערנט שפּראַכן, באַרייכערט זיין וויסן און ביז היינט האָט ער זיינע באַשטימטע שעהן צו לערנען, אויך ווען ער האָט אויף זיך שווערע לאַסטן און גרויסע אַנטשיידונגען.

אין דער תקופה פון דער צווייטער עליה האָבן זיך די אַרבעטער אָפּגע־זאָגט פון דער שטיצע פון זייערע עלטערן, יעדע הילף וואָס איז זיי גע־שיקט געוואָרן דורך די משפחה־מיטגלידער פון גלות האָבן זיי צוריקגעשיקט אַפילו ווען זיי האָבן געהונגערט. אויך בן גוריון האָט צוריקגעשיקט זיין פאָטער דאָס געלט וואָס ער האָט אים געשיקט קיין פתח תקוה, אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זיין שטיצע אין דער צייט ווען ער האָט גע־לערנט אין אוניווערזיטעט. הילף אויף טעגלעכע זאַכן — דאָס ניט! אַנדערש איז ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן דער אויפגאַבע פון זיין שליחות. ער האָט געפילט אז ער דאַרף זיך גרייטן צו זיין באַשטימונג, און ער דאַרף דעריבער לערנען, זיך פּערזענלעך צוגרייטן.

די זאַכן זענען אפשר מינדערוויכטיק אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּערזענלעכקייט. ער קומט אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען מיט קראַ־וואַט, ווען די אַרבעטער האָבן געלאַכט פון די וואָס טראָגן אַ „דג מלוח״. פון דער אַנדערער זייט איז ער ניט מקפיד אויף דער עטיקעט און קומט אויף אַן אָפיציעלן צוזאַמענטרעף מיט אַן אָפּענעם אויסלייג־קאָלנער. ער רעדט ניט וועגן ציוניזם צו ציוניסטן און סאָציאַליזם צו סאָציאַליסטן, פון תמיד אָן קען

ער נאָר „איין שפּראַך און איין זאַך“ וואָס דריקט אויס זיין אמת און זיין גלויבן, אַ השלמה וואָס לאָזט זיך ניט צעטיילן.

ביים פאָלק איז ער ווי אַן „אורים ותומים“ אָבער קיינמאָל וועט ער ניט אַרויפצווינגען זיין מיינונג אויף אַנדערע. ער האַלט פון איבערצייגן זיינע צוהערער און דאָס געלינגט אים, ווייל מען גלויבט בן גוריונען. און אפשר שטעקט דער סוד פון בן גוריונס קראַפט אויף די מאַסן ניט דווקא אין דעם צוטרוי וואָס מען ווייזט אַרויס צו אים, נאָר אין זיין גלויבן אין זיי און אין זייער שכל הישר? אין דעם באַהאַלטענעם כוח, אין דעם משי־חישן פונק וואָס נעסטיקט אין די אָרעמע שיכטן? ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דוד בן גוריונען, אַז נאָך דעם ווי ער איז געווען צען יאָר אָפּגעריסן פון דער הסתדרות־אַרבעט, קומט ער צו דער זעקסטער ועידה וואָס איז פאָרגע־קומען אין אָנהייב 1945 און אין זיין אַלזייטיקן רעפעראַט ברענגט ער אַרויס די נויטיקייט צו אָרגאַניזירן „די לוין־אַרבעטער אין לאַנד־פעדע־ראַציעס, לויט זייערע אינדוסטריעס און זיי אַקטיוויזירן ווי אַ פאַר־אַנטוואָרטלעכער חלוצישער קולטורעלער כוח אין דער הסתדרות אין דער באַוועגונג, אין ישוב און אין ציוניזם“. און צו די וואָס זענען דאַן געווען באַזאָרגט ביים שאַפן די אָרגאַניזאַציעס, טאָמער וועלן פאַרמאַכט ווערן די טירן פאַר די נייע עולים, און ס׳וועט קומען צו אַ סתירה צווישן די זעלבסט פאַראַנטוואָרטלעכקייט און דער אַלגעמיינער הערשאַפט, האָט ער געזאָגט: ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן, מיר קאָנען זיך שטיצן אויף דער געזעלשאַפט, דאָס וועט פאַרשטאַרקן איר אחריות און ס׳איז בעסער אַז די אַרבעטער זאָלן קענען אָרגאַניזירן אַ ניט־נויטיקן שטרייק, איידער זיי זאָלן דאָס ניט קענען קיין איין מאָל מאַכן לויט זייער מיינונג און אויף זייער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט.

דעריבער האָט ער תמיד געוווסט צו אנטשיידן ווען מען איז געווען קעגן אים, און זיין שטאָלץ אויף דעם. עס געדענקט זיך נאָך זיין מיינונג וועגן אַן אַרבעטס־הסכם מיט די רעוויזיאָניסטן. ער וואַרפט זיך אונטער דער מערהייט, ווען מען איז קעגן דעם, אָבער ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט ברענגט ער נאָכאַמאָל אַרויס זיין מיינונג.

די פּראָבלעמען פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די פאַרשיידענע עדהס אין דעם יידישן ישוב עקסיסטירן פון דעם מאָמענט אָן ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ציוניסטישע עליה אין לאַנד. און אויך אין דעם אַלטן ישוב האָבן די פאַרשידענע עדות פאַרנומען אַ חשובן אָרט. קיין שום ציוניסטי־שער מנהיג אָדער פאַרשטייער פון ישוב קען זיך ניט באַרימען אַז ער איז דער אמתער רעפּרעזענטאַנט פון אַלע עדות, אַפילו די אַשכנזישע שבטים אַליין זענען נאָך ניט אייניק צווישן זיך. דער פּוילישער ייד אין לאַנד איז ניט ווי דער אמעריקאַנער. יעדער שבט ברענגט מיט זיך עפּעס אייגנאַר־טיקט. נאָר זיין גרויסער חשבון פאַר דער באַוועגונג און ניט קיין שום צופאַל

פירט בן גוריונען אַנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט פאַרשידענע שבטים. נאָך 5—6 יאָר אַרבעטן אין לאַנד פאָרט ער לערנען, ניט קיין בערלין און ניט קיין ווין, און אויך ניט אין איינע פון די שווייצאַרישע שטעט וואָס האָבן אין יענער צייט צוגעצויגן די יידישע יוגנט פון רוסלאַנד, און אַפילו קאָנסטאַנטינאָפּאָל, די הויפּטשטאָט פון טערקיי, קלייבט ער ניט אויס. נאָר ער פאָרט קיין סאַלאָניק, אַ טערקישע פּראָווינץ־שטאָט. ער האָט זיך זיינע מאָטיוון, לויט ווי ער קלערט דאָס אויף אין זיינע ביז איצט נאָך ניט פאַרעפנטלעכע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן:

„איך האָב אויסגעקליבן סאַלאָניק אַנשטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צוליב איר גרויסן יידישן ישוב און דער גרויסער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג וואָס איר צענטער איז געווען יענע שטאָט. איך האָב גערעכנט אַז די באַציאונג פון די ספרדים צו אונדזער באַוועגונג איז זייער וויכטיק פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט. און אין דער ספרדישער אַרבעטער־באַוועגונג האָב איך געזען דעם שטאַרקסטן און וויכטיקסטן כוח צווישן די ספרדים".

פון סאַלאָניק איז ער אַריבערגעפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אויך דאָ שטעלט ער זיך אין פאַרבינדונג מיט יידן פון דער שטאָט, מיט יידישע תלמידים וואָס קומען פון פאַרשידענע טיילן פון דער טערקישער אימפּעריע. ווען טערקיי שליסט זיך אָן אין דער מלחמה ווערט בן גוריון אַרויסגעשיקט פון לאַנד און ער קומט אין די פאַראייניקטע שטאַטן מיט אַ קלאָרן ציל: שאַפן אַ יידישע אַרמיי וואָס זאָל העלפן פאַרטרייבן די טערקן, זיך באַטייליקן אין קאַמף פאַר דער דעראָבערונג פון לאַנד. אין משך פון דריי יאָר איז ער געווען אַקטיוו אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע און זיך איינגעבירגערט אין אים. ער איז די ערשטע יאָרן געווען פאַרבונדן אין פאַרשידענע פאָרמען מיטן רוסיש־פּוילישן יידנטום פון וואַנען ער שטאַמט, און אויך מיט די ספרדישע, גריכישע און טערקישע יידן און פאַרשטייט זיך מיטן אַמעריקאַנער יידנטום, פאַקטיש — מיט דער גרעסטער מערהייט פון וועלט־יידנטום. ער דערמאָנט תמיד ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן דאָס צונויפשמעלצן דעם קבוץ־גליות און ער טאַדלט שאַרף די אַשכנזים וואָס האַלטן זיך העכער פון די מזרח יידן, ער הערט ניט אויף צו פאָדערן אַ בעסערע באַציאונג צו די עולים וואָס קומען פון מזרח. אַלע עליות, אויך די עליה פון די ביל־מענטשן, האָבן געגעבן דעם ריכטיקן שטויס צו זען, אַז אין יעדער עליה וואָס קומט אַפילו פון דעם צוריקגעשטאַנענעם לאַנד ווו עס הערשט נויט און פינצטערניש, הערט זיך דער אָפּקלאַנג פון שופר של משיח:

„אויך דער עולה פון מאַראָקאָ וואָס האָט קיינמאָל קיין ביכל ניט אַנגעקוקט און ער קען אַפילו ניט דאַווענען, רוט אויף אים,

אַפילו ווען ער ווייס דאָס ניט, די טויזנט־יעריקע שכינה. די יידי־שע געשיכטע ליגט אין זיין בלוט און אין זיין נשמה. דאָס פּאָלק איז געקרוינט מיט אַ כתר מלכות און די שכינה שיינט אויף איר קאָפּ און אין יעדן זון אירן זענען פאַרבאָרגן גרויסע גייסטיקע כוחות״.

(„חזון ודרך״, באַנד א׳ זייט 280).

אָן אמונה שלמה וואָס ווייסט ניט פון קיין פּגימה איז דער יסודותדי־קער כאַראַקטער־שטריך ביי בן גוריונען, אַנדערש וואָלט ער ניט געקענט באַווירקן אַנדערע זיי זאָלן זיך צובונדן צו זיין גלויבן. זיין אמונה איז תמיד באַגלייט מיט באַזאָרגטקייט און ער זעט פאָראויס יעדע מעגלעכע שטע־רונג, אויך ווען ס׳איז ספקדיק די שטרויכלונג, זעט ער געפאַרן פאַר וועלכע ער וואָרנט. די אמונה איז פאַרבונדן מיט אָפּטימיזם, וואָס אָן דעם איז ניט מעגלעך, קיין אמונה. בן גוריון רעדט מיט ליבע וועגן אָפּטימיזם:

„אָפּטימיזם איז אַ גוטע מידה: פאַר מיר אַליין דערקלער איך, אַז קיין יידישער מענטש קען ניט זיין קיין ציוניסט אויב ער איז ניט קיין אָפּטימיסט״.

אָבער באַלד דערקלערט ער מיט אַ רעזערוואַציע:

„אין אָפּטימיזם איז פאַראַן אַ ברכה ווען ר׳איז אָנגעווענדעט כלפּי זיך אַליין, און ניט ווען ער ווערט אָנגעהאַנגען אויף אַנדערע; אויף אַנדערע דאַרפן מיר קוקן רעאַליסטיש, אַזוי ווי זיי זענען, און ניט אַזוי ווי מיר וואָלטן געוואָלט אַז זיי זאָלן זיין״.

אַזאַ מין אָפּטימיזם איז מחייב ניט צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. ער איז מחייב זיך צו שטעלן קעגן אַ ווירקלעכקייט וואָס ברענגט דעם פּעסימיזם אין די הערצער פון די מאַסן. אין אַן אַנדער אָרט שטעלט בן גוריון אַוועק אַנטקעגן דעם רעאַליזם דאָס וואָס ער רופט אָן „מיסטיק״:

„זאָל מען ניט אַוועקשטעלן דעם רעאַליזם און מיסטיק איי־נעם אַנטקעגן דעם צווייטן. מיר דאַרפן אָננעמען אי דעם רעאַ־ליזם און אין די מיסטיק. און מיסטיק הייסט ביי מיר דער גלויבן און ווילן. דעם רעאַליזם דאַרפן מיר אָננעמען אין דעם קריטישן אַנאַליטישן זין אין באַצוג צו פרעמדע, צו ענגלענדער, צו אַראַ־בער און דאָס גלייכן. מיר דאַרפן אָבער אויסנוצן די מיסטיק אין באַצוג צו זיך, און מיר דאַרפן זיין רעאַליסטן אַנאַליטיקער אין באַצוג צו יעדן ממשותדיקן שריט וואָס מיר טוען אין דער קעגנ־וואַרט און אין דער נאָענטער צוקונפט.

(דאָרט, זייט 243).

דער קריטישער רעאַליזם כלפּי חוץ איז ווי אַ קעגנגעוויכט צו דעם מיסטישן גלויבן כלפּי פּנים, בכדי ניט צו פאַרוואַנדלען די ציוניסטן אין משי־הישע פאַנטאַזיאָרן. די מיסטישע אמונה גיט פון דער אַנדער זייט דעם כוח זיך צו שטאַרקן און איבערצוהאַלטן די ביטערע ווירקלעכקייט וואָס שטייט קעגן אונדז. דוד בן גוריון האָט דאָס מיסטישע אין ציוניזם פאַרוואַנדלט אין אַ רעאַלן כוח כלפּי חוץ. די דאָזיקע מיסטיק האָט דערשלאָגן דעם אַבער־גלויבן פון די פעלקער וועלכע האָבן געזען אין די יידן אַ פרעמדע דערשיי־נונג וואָס הייסט „דער אייביקער ייד". דער ציוניסטישער מיסטיציזם דאַקעגן האָט אונדז אַריינגעפירט אין דער פעלקער משפּחה.

***

די יידישע מדינה איז געווען זיין אידעאַל פון זיין פריסטער יוגנט. נאָך אין זיין פאַטערס הויז האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט דעם חלום וואָס באַ־גלייט אים אַלע טעג פון זיין לעבן. אין זיין בריוו צו דער מועצת מפלגת פועלי ארץ־ישראל פון 1טן יולי 1937, נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם באַריכט פון דער פּיל־קאָמיסיע שרייבט ער:

> „כ'האָב זיך נאָך ניט באַפרייט פון „אילוזיעס" און „אוטאָ־פּיעס" אַז איך זאָל ניט ווערן איבערגעראַשט און אויפגעציטערט ביז אין די טיפעניש פון מיין וועזן פון דער גרויסער און וווּנדער־לעכער וויזיע, אַז ס'איז געקומען די שעה פון אַ יידישער מדינה, ווען אַפילו אין אַ רעדוצירטן אַנהייב".
>
> (דאָרט, זייט 221).

ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן אַז די פועלי ציון אין ארץ ישראל האָבן זיך ניט געשראָקן צו פּראָקלאַמירן אין יאָר 1907 זייער שטרעבונג צו פּאָלי־טישער זעלבשטענדיקייט פון יידישן פאָלק אין דעם דאָזיקן לאַנד און ביי דער גרינדונגס - פאַרזאַמלונג פון „אחדות העבודה" אין 1919 איז קלאָר באַשלאָסן געוואָרן וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַרפליכטונג צו גרינדן אַ פרייע יידי־שע מדינה אין ארץ ישראל וואָס זאָל ביזן שאַפן אַ יידישע מערהייט אין לאַנד זיך געפינען אונטערן שוץ פון די פאַרשטייער פון די פאַראייניקטע פעלקער.

און אין 1924, אין דעם וויכוח מיט די ברית שלומניקעס, האָט בן גוריון פעסטגעשטעלט: „דאָס יידישע פאָלק וויל זיין אַ פריי פאָלק אין זיין לאַנד און אַליין זיך רעגירן! דאָס הייסט: אַ יידישע מדינה".

אין עטלעכע חדשים אַרום אין זיין רעדע אויף דעם 14טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין, האָט ער באַטאָנט: „דער זין פון ציוניזם איז בויען אַ מדינה, און מיט דעם מאָמענט ווען מען נעמט אַוועק פון ציוניזם דעם אינער־לעכן יסוד ווערט ער געפעלשט און אויסגעליידיקט פון זיין אינהאַלט. „דער

ענין פון אַ יידישער מדינה האָט ניט נאָר אַנטהאַלטן אַ פּאָליטישע פּראָגראַם פאַר דער צוקונפט, נאָר איז געווען פאַר אים אַ מין פערזענלעכע גאַרונג. אַ דורשט און אַ טיפע בענקשאַפט נאָך גאולה".

אָבער דאָס אַלץ שטערט אים ניט אויפן 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס צו קעמפן קעגן דער פאָדערונג פון די רעוויזיאָניסטן אַז ס'זאָל פּראָקלאַמירט ווערן דער ענד־ציל פון ציוניזם:

„פאַר אונדז איז דער ציוניזם תמיד געווען די פולע לייזונג פון דער יידן־פראַגע. אין קבוץ גלויות און אין דעם אויפקום פון אַ מלוכה אין אונדזער פאָטערלאַנד האָבן מיר געזען דעם ציוניסטישן ציל. אין קעגנזאַץ צו די רעוויזיאָניסטן האָבן מיר ניט געזען קיין נויטיקייט און באַדערפעניש צו פּראָקלאַמירן די מדינה. אין יעדער דעראָבערונג אין ישוב, אין יעדן אויפבוי פון אַ נייעם פונקט, אין יעדן יידישן עולה און אין יעדערווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרפעסטיקונג און אין שאַפן דעם מינדעסטן גרעין פון אַ יידישן כוח, האָבן מיר געזען נאָך אַ רושטעוואַניע אין דעם אויפבוי פון דער מדינה. מיר ווילן ניט פאַרבייטן די ממשות־דיקע אַרבעט אונדזערע פאַר דער מדינה, אויב אַפילו עס גייט צו בהדרגהדיק און פּאַמעלעך. דאָס איז בעסער איידער זיך צו פאַרנעמען מיט מויל־מלאכה מיט פּראָקלאַמירן און דעקלאַמירן וועגן אַ יידישער מדינה. מיר האָבן געוווסט אַז דער קלענסטער פונקט וואָס קומט אונדז צו אין לאַנד דערנענטערט אונדז מער צו דער מדינה ווי די שרייערישע פּראָקלאַמירונגען וועגן אַ יידישער מדינה אויף ביידע זייטן פון ירדן".

(„במערכה" ב' א' זייט 271).

אָבער, אַט זענען געקומען די געשעענישן פון 1936, ס'ווערט געשיקט קיין ארץ־ישראל די באַקאַנטע פּיל־קאָמיסיע וואָס האָט פאָרגעשלאָגן צו צעטיילן דאָס לאַנד און גרינדן אין אַ טייל פון איר אַ יידישע מדינה. דוד בן־גוריון איז אַרויס אין קאַמף אין זיין פּאַרטיי און אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, וועגן אַ פּרינציפּיעלער הסכמה אויף אַ יידישער מדינה אין דעם טייל פון לאַנד. און ניט ווייל ער איז געווען גרייט מוותר זיין אויף אַ וועלכן ס'איז טייל פון לאַנד, נאָר ווייל ער האָט אונטערגעשיידט צווישן די גרענעצן פון אַ יידישער מדינה און די תחומים פון דער ציוניסטישער שטרעבונג.

מיט זיין גאַנצן התלהבות צו אַ מדינה, מיידט ער ניט אויס צו וואָרענען:

„איך וואָרף קאַטעגאָריש אָפּ די שטעלונג פון די וואָס זעען אין דעם אויפקום פון אַ יידישער מדינה — זאָל איר שטח זיין ווי ער זאָל זיין — אַ פּאָזיציע וועלכע אַליין און פאַר זיך, ווייל אַ

יידישע מדינה גיט לויט זייער מיינונג דעם יידישן פאָלק אַן אינ־טערנאַציאָנאַלן סטאַטוס און מלוכהשן פּרעסטיזש. איך זע אין דעם אַ פעלשונג פון ציוניסטישן געדאַנק. ניט אין מלוכהשע אַטריבוטן, נאָר אין קאָנצענטרירן דאָס יידישע פאָלק, און דאָס איינוואָרצלען זיך אין לאַנד ווי אַ גלייכבארעכטיקטע נאַציע אין די פרייע פעל־קער־משפחות. אין איר זע איך דעם מהות פון ציוניזם".
(דאָרט, זייט 230).

די חשיבות פון דער יידישער מדינה באַשטייט אין געבן מער שוואונג דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם, פאַר נייע דערגרייכונגען, נייע אַקציעס. די יידישע מדינה איז אויך אַ בעסערער אינסטרומענט צו ברענגען אַ דער־נענטערונג צווישן די יידן מיט די אַראַבער.

נאָכדעם ווי ס'איז אָנגענומען געוואָרן ביי דער פראַקציע פון איחוד עולמי, אויפן 20טן ציוניסטישן קאָנגרעס אַ רעזאָלוציע וועגן געבן פולמאַכט דער ציוניסטישער אָנפירערשאַפט קלאָר צו מאַכן דעם אינהאַלט פון דעם פאָרשלאָג פון דער ענגלישער מלוכה וועגן גרינדן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל, מאַכט ער באַקאַנט:

„איך שלאָג פאָר דאָס ערשטע מאָל מיין קאַנדידאַטור אין דער ציוניסטישער לייטונג צו קעמפן פאַר אַ יידישער מדינה. דאָס וועט זיין דער ציל פון מיין לעבן אין דער נאָענטער צוקונפט".
(„על דרכי מדינותינו", ז' 220).

און פון דאַן אַרבעט ער אוןווידמעט זיין לעבן אין קאַמף פאַר אַ יידי־שער מדינה, אַ וואָך נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה רופט ער אויס:

„עס פאָדערט זיך פאַר אונדז אַ ליכטיקער פונקט אויף דעם היסטאָרישן האָריזאָנט וואָס זאָל אונדז באַלייכטן דעם וועג אין דער פאַר אונדז פאַרשטייענדיקער פאַרפלאָנטערטער לאַגע. דער פּאָלי־טישער קאַמפּאַס ווייזט מיר דעם קאַמף פאַר אויפשטעלן אַ יידישע מדינה".
(„במערכה" ג', ז' 19).

און אַזוי האָט ער אָן איבעררייס געקעמפט מיט אַלע זיינע גייסטיקע כוחות, געקעמפט פאַר דעם אין זיין פאַרטיי, מיט די מענטשן פון סיעה ב' מיט סתם צווייפלער. ער רוט נישט. ער קומט אין גלות צו דער באַוועג־גונג, ער געווינט די אַמעריקאַנער ציוניסטן פאַר דעם געדאַנק. אויפן באַ־קאַנטן בילטמאָר צוזאַמענפאָר ברענגט ער דאָס וואָרט פון ישראל, און די פאָדערונג פון אַ יידישער מדינה אויך פאַר דער ענגליש־אַמעריקאַנער קאָ־מיסיע און פאַר דער „און"־קאָמיסיע, און צום סוף אויך אין לייק־סוקסעס.

און ס'איז געווען אַזוי נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך פון זיך אַליין, אַז ער איז דער פּאַסיקער מענטש וואָס זאָל זיך שטעלן בראש פון דער ערשטער יידי־שער מלוכה. ער, וואָס האָט דעם וועג צו איר אויסגעטראָטן מיט אַן איבער־מענטשלעכער אָנשטרענגונג אין משך פון 40 יאָר אַרבעט אין לאַנד, איבער דעם לאַנגן קאָרידאָר, פול מיט שטרויכלונגען און שוועריקייטן. איז פאַראַן אַ פּאַסיקערער פון אים, וואָס זאָל נעמען דעם שליסל צו עפענען און אונדז אַריינפירן אין דעם טרקלין פון דער יידישער מדינה?

אויך איצט ווערט בן גוריון ניט מיד איבערצוחזרן און צו וואָרענען, אַז די מדינה איז ניט קיין ציל פאַר זיך, נאָר אַ בלויזער מיטל פאַר דער פולער און גאַנצער לייזונג פון יידן־פּראָבלעם אין דער וועלט דורך קיבוץ־גלויות. און דאָס איז אויך ניט קיין ענד־ציל. ער זעט ניט קיין אַנדערע דעפיניציע פאַר דעם ענד־ציל ווי נאָר די וויזיע פון די יידישע נביאים, פון דעם והיה באַחרית הימים, — די אייביקע פאָלקס־וויזיע פאַרן אייביקן פאָלק.

**
*

ווי אַ לעגענדע איז געווען די גאַנצע באַפרייאונג־מלחמה וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אַ שיעור וווּנדערבאַרע עפּיזאָדן וועלכע מיר זענען געניגט צו באַצייכענען ווי נסים. מעגלעך אַז דערפאַר זענען ביי אונדז ניט געוועבט געוואָרן קיין ספּעציעלע לעגענדעס אַרום יחידים, סאָלדאַטן צי קאָמאַנ־דירן, ווי עס פּאַסירט אין אַנדערע מלחמות. אויף וויפל אָבער, עס לאָזט זיך, פאַרקערפּערן דעם מאַסן־קאַמף אין איין פּערזענלעכקייט, ווייסן אַלע, אַז די פּאַסנדיקסטע פּערזאָן צו ווערן דער סימבאָל, — אויף דעם ריינסטן אידעאַלן אופן, — פון דעם העראָישן געראַנגל וואָס האָט ניט זיין גלייכן, פון דעם קאַמף פון די יידן פאַר זייער לאַנד, איז, דוד בן גוריון.

מיר ווילן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף קיין איינעם פון די שלאַכטן, פון דער הגנה און שפּעטער פון צה"ל, אין וועלכע דער שונא איז באַזיגט געוואָרן. עפּעס פון דעם, וועט דער לייענער געפינען אין עטלעכע קאַפּיט־לעך פון דעם בוך. דאָ רעדן מיר אין אַלגעמיין, וועגן דער פּאָליטישער און מיליטערישער אויסוויקלונג פון די קאַמפן אין דער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה.

דוד בן גוריון איז ניט קיין מיליטערמאַן, ניט לויט זיין פאַך, ניט לויט זיין געדאַנקענגאַנג און ניט לויט זיינע נייגונגען. ער איז דער מענטש פון אַרבעט און פרידן, אַ מענטשן־ליבהאָבער וואָס זעט אין יעדן מענטש אַן עצם־ציל פאַר זיך, ער זעט אין אים דעם „צלם אלהים".

מיט אַלע סטרונעס פון זיין נשמה האָסט ער די מלחמה צווישן מענטש און מענטש, אָבער דער שר הגעשיכטע האָט געראָד אויף אים, דעם סאָציאַ־ליסט און אַרבעטער, וואָס האָט שטענדיק געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן

הומאַניזם און פּאַציפיזם, גראָד אויף אים, אַרויפגעלייגט, די מיסיע פון אָנפירן מיט דעם קריג פּאַר באַפרייאונג און אומאָפּהענגיקייט. בן גוריון איז געווען דער, וואָס האָט נאָך אין די לעצטער יאָרן פאַרן אויסברוך פון באַ־פרייאונגס־קריג, זיך אָפּגעגעבן מיט פּאַרפעסטיקן דעם פּאַרטיידיקונגס־כוח פון ישוב און ע ר איז געשטעלט געוואָרן אין שפּיץ פון ישראלס קעמפער.

אין איינעם פון זיינע רעפעראַטן, געהאַלטן אין יוני 1948, דערציילט ער וועגן זיין „מיליטערישער קאַריערע":

„15 יאָר בין איך געווען אין דער לייטונג פון דער אַגענץ און די גאַנצע צייט ניט אָנגענומען קיין פּאָרטפעל. צום ערשטן מאָל האָב איך אָנגענומען אַן אַמט נאָכן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס. מ'האָט מיר אָנגע־טרויט דאָס קריגס־מיניסטעריום, אָדער ווי מיר רופן עס דעם זיכערקייטס־פּאָרטפעל. כ'האָב זיך געפּאַסט צו דעם אַמט, ווייניקער ווי אימיצער אַנ־דערש און דאָס זעלבע דער אַמט צו מיר. אָבער דאָך האָב איך דעם אמט אָנגענומען, ווייל אַ שטיק צייט פאַרן קאָנגרעס, האָט איך איינגעזען, אַז אונדז דערוואַרט אַן אָנגריף ניט בלויז מצד די פּאַלעסטינער אַראַבער, נאָר אויך פון אַלע אַראַבישע שטאַטן און מיר מוזן זיך צו דעם גרייטן. ניט זייענדיק קיין גענעראַל און ניט קיין גרויסער בקי אין דער מיליטערישער וויסנשאַפט, האָב איך דעם אַמט אָנגענומען, ווייל דער מיליטערישער ענין ווי אַנדערע פּראַקטישע ענינים, קענען אָנגעפירט ווערן נישט דוקא דורך ספּעציאַליסטן וואָס זענען קלאָר אין דער טעכניק, הגם זייער עצה און זייערע אָנווייזונגען זענען לעבנס־נויטיק, נאָר דורך אַלע, וואָס באַזיצן אָפענע אויגן און אַ גראַדן שכל, — אייגנשאַפטן וואָס יעדער נאָרמאַלער מענטש באַזיצט זיי, מער אָדער ווייניקער. מיין קאַריערע האָב איך אָנגעפאַנגען מיט שטודירן די ענינים פון דער הגנה. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך בין שטענדיק געשטאַנען נאָענט צו דער הגנה און ניט פרעמד געווען צו איר אַרבעט, האָט עס גענומען ביי מיר מערערע חדשים, ביז כ'האָב זיך באַקענט מיטן ריכטיקן מצב פון אַלע פּראָבלעמען אין אונדזער פּאַרטיידיקונג".

געווען צייטן, ווען ער האָט בכיוון זיך אַרויסגעטאָן פון אַלע אַנדערע ענינים און מיט לייב און לעבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אייך־איינציקער אַרבעט: פּאַרפעסטיקן דעם יידישן כוח. ער האָט געפאָרשט און שטודירט די מיליטערישע לערע פון ביכער און פון צוזאַמענטרעפן זיך מיט עקס־פּערטן, קאָמאַנדירן און סתם חברים פון די הגנה־רייען; ער האָט אונטער־זוכט יעדע איינצלהייט אין דער שורה, סיי בנוגע דעם צוזאַמענשטעל פון די כוחות און סיי וואָס אַנבאַלאַנגט דעם געווער־צוגרייט, ווייל ער האָט פאַראויסגעזען אַז די מלחמה מיט די שכנים איז נאָענט, זי שטייט ממש ביי דער טיר. ער איז ניט מיד געוואָרן צו וואָרענען די ציוניסטישע באַוועגונג און דעם ישוב אויף דער אָנקומענדיקער סכנה. ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט די פּראָיעקטן צו באַקומען וואָפן, וואָס די הגנה־לייטונג האָט אויסגע־

אַרבעט און אים צוגעשטעלט, נאָר ער האָט אויך צוגעגעבן אַליין־געשאַפענע פּראָיעקטן. ער האָט זיך געלאָזן קיין אויסלאַנד, דאָרט אויפגעמונטערט נאָענטשטייענדיקע אָבער גלייכגילטיקע און זיי באַווירקט, אַז אויך זיי זאָלן צולייגן אַ האַנט צו שאַפן אין ארץ־ישראל אַן אינדוסטריע, וועלכע זאָל באַזאָרגן דעם ישוב מיט געווער. אַ שטיק צייט פאַר דער מלחמה האָט ער שוין ניט גערוט.

דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פונקט האָט ער אָבער אין די מלחמה־יאָרן, ווען די אַרמייען פון פינף אַראַבישע לענדער: מצרים, טראַנסיאָר־דאַניע, סיריע, לבנון און איראַק זענען באַפאַלן מדינת ישראל. און אויך די פּאַלעסטינער אַראַבער האָבן געהאַסט די יידן ניט ווייניקער פון די אַריינדרינגער. פאַרמאָגט האָבן די אַראַבער ריזיקע טעריטאָריעס, 84 מאָל אַזוי גרויס ווי גאַנץ מדינת ישראל און אַ באַפעלקערונג פון 31 מיליאָן נפשות, וואָס מאַכט אויס 48 מאָל אַזויפיל ווי די דעמאָלטדיקע באַפעלקע־רונג פון ישראל. מדינת ישראל האָט געמוזט זיך פאַרטיידיקן אַלט־זייענדיק נאָר איין טאָג, ווען איר אָרגאַניזאַציע און סטרוקטור זענען נאָך געווען שוואַך, ווען איר געווער איז באַשטאַנען פון בלויז לייכטע וואָפן (אין די צייטן פון פרעמדן רעזשים איז די הגנה געווען אומלעגאַל און אַלס אַזעלכע, האָט זי געקענט איבערקליגן דער מאַכט און פאַרגרייטן לייכטע וואָפן, אָבער בשום אופן ניט אַוויאָנען, קאַנאָנען, טאַנקן, א. ד. ג.). געפעלט האָט נאָך דער יונגער אַרמיי איינהייטלעכקייט און דיסציפּלין.

דעם 23־טן יולי 1948 האָט דוד בן־גוריון איבערגעגעבן אויף אַ זי־צונג, אַז ווען ער האָט אין אַפּריל 1947 קאָנטראָלירט דעם צושטאַנד פון דער באַוואָפענונג פון דער הגנה, האָט ער געטראָפן 3700 ביקסן אין פאַר־שידענע פונקטן, באַשטימטע פאַר דער לאָקאַלער פאַרטיידיקונג און 1.355 פאַר נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג. שיס־מאַשינען זענען געווען אין סך־הכל 186., אויך 1.900 אויטאָמאַטישע ביקסן פון איינפאַכן קאַליבער און 444 קאָמפּליצירטע פון העכערן קאַליבער.

„די גאַנצע שווערע באַוואָפענונג — די אַרטילעריע, מ'שטיינס געזאָגט, — איז באַשטאַנען פון 672 קוילן־וואַרפער פון 2 אינטשן (5 צענטימעטער) און 96 פון 3 אינטשן (7 און אַ האַלבן צענטימעטער). זעלבסטפאַרשטענד־לעך, אַז עס זענען ניט געווען קיין קאַנאָנען, קיין מערזערס, קיין שום פאַר־טיידיקונגס־מיטל קעגן לופט־אַטאַקעס און קיין אַנטי־טאַנקס. מיר האָבן ניט געהאַט קיין אַוויאַציע און קיין פלאָט, אין דער צייט וואָס דורך דער יבשה, האָבן מיר כמעט ווי ניט געהאַט קיין קאָמוניקאַציע־מיטל".

אויסער־דעם וואָס דער באַשטאַנד פון דער ישראל־אַרמיי איז געווען ווייניקע קעגן אַ סך, האַלב־פּאַרטיזאַנער קעגן רעגולערע אַרמייען, שוואַך באַוואָפנ־טע קעגן סופּער־באַוואָפנטע, האָט נאָך דער שונא געהאַט אַ פאָרצוג וואָס ווי אַן

אַנגרייפער איז די איניציאַטיוו געלעגן אין זיינע הענט. דאַקעגן די ישראל־אַרמיי אַלס אַנגעגריפענע, האָט געהאַט שטאַרק־באַגרענעצטע מעגלעכקייטן צו זיין די איניציאַטאָרן פון די שלאַכט־צוגן. יעדער קעגן־אַטאַקע פון ישראלס צד האָט געמוזט שטאַרק פאַרזיכטיק געמאָסטן און געוויגן ווערן ביז אויף דעם לעצטן פּונקט, זאָל עס זיין דורך אַנטדעקן אַ שוואַכע פּאָזיציע אין שונאס לאַגער, צי דורך אויסנוצן די קעגנזייטיקע רייבונגען צווישן די אַראַבישע מלוכות, וואָס זענען, צום גליק, פאַרגעזעצט געוואָרן אויך אין דער צייט פון זייער געמיינזאַמען קריג קעגן ישראל; ווי דורך אָנהאַלטן אַ מאַקסימאַלע שפּאַרזאַמקייט מיט די ווייניקע כוחות, וואָס זענען שטענדיק גרייט געווען צו דעקן אויף וועלכן ס'איז פראָנט אַ מעגלעכן איינברוך. עס איז אַ פראַגע, אויב ס'האָבן אַמאָל מלחמה־פירער, ווען עס איז, אין דער געשיכטע פון פעלקער, געהאַט צו לייזן אַזעלכע שווערע, קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען ווי די פירער פון פראָנט אין ישראל.

דערצו דאַרף מען אין זין האָבן אַז די באַפרייאונג־מלחמה איז געווען ניט בלויז אַ מיליטערישער קאַמף נאָר אַ קאָאָרדינירטער פּאָליטיש־מיליטערישער, ווו איינס באַווירקט דאָס צווייטע.

בן גוריון זאָגט: „פון דער ערשטער מינוט איז פאַר אונדז קלאָר אַז מיר שטייען פאַר אַ פאַרוויקלטן און קאָמפּליצירטן געראַנגל, אַ מיליטערישן ווי אַ פּאָליטישן; און עס איז נישט בלויז אַ קאַמף מיט די אַראַבער. מיר געפינען זיך אין צוויי קרייזן, אין קלענערן קרייז פון מיטעלן מזרח שטייען מיר קעגן די אַראַבער און אין גרעסערן, אין וועלט־קרייז, ראַנגלען זיך מעכטיקע כוחות. און אויך זייער געראַנגל רופט זיך אָפּ אויף ישראל און אויפן גאַנצן מיטעלן מזרח. מ'האָט אונדז אָנגעוואָרפן אַ קאָמפּליצירטן קאַמף און דערצו מוזן מיר באַנוצן ביידע אָרעמס: דעם מיליטערישן ווי דעם פּאָליטישן. מיר מוזן אויף ביידע פראָנטן זיגן, ניט פאַרלאָזנדיק זיך אויף איינעם בלויז, ווייל יעדער איינער פון די צוויי קאַמפן, אויב ער זאָל אפילו ברענגען נוצן און אַ זיג, קען ער באַווירקן בלויז איינעם פון די צוויי קרייזן און אויך ניט אינגאַנצן און דעפיניטיוו".

דער באַשלוס פון דער „און" דעם 29־טן נאָוועמבער 1947, אויפצושטעלן אַ יידישע מדינה, האָט ניט בלויז פּאָליטיש פאַרשטאַרקט דעם יידישן צד אין זיין געראַנגל פאַר ארץ־ישראל, נאָר האָט אים אויך מיליטעריש געבראַכט אַן ערשט־קלאַסיקן זיג, מיט דעם וואָס ער האָט דערמעגלעכט אויפצושטעלן אַ לעגאַלע, יידישע אַרמיי און צו באַנוצן די כלים און סטראַטעגישע פּאָזיציעס, וואָס פריער, ניט זייענדיק אָנערקענט אַלס שטאַט, האָט דאָס יידישע פאָלק און דער ישוב, זיי ניט געטאָרט באַנוצן. לויט דער „און"־רעזאָלוציע, נעמט אַרום די יידישע מדינה 15 מיליאָן דונאַם באָדן,

אָבער אין צוויי־דריטל פון דעם שטח — אין גאַנצן דרומדיקן טייל פון לאַנד — האָבן פריער די יידן כמעט ווי ניט געהאַט קיין אָנהאַלט: דאָ און דאָרט האָבן זיך געפונען יידישע ישובים איינזאַמע און שטאַרק צעוואָרפענע. און אין דער „און" האָבן ניט געפעלט קיין כוחות — אויסער די אַראַבער — וואָס האָבן געזוכט אונטערצושטעלן די יידן אַ פיסל. די פאַרשידענע מיליטערישע שלאַכטן, וואָס האָבן מיט איבעררייסונגען עקזיסטירט פון ענדע נאָוועמבער 1947 ביז יאַנואַר 1949, האָבן פאַרגרעסערט מדינת ישראל מיט נאָך 5 מיליאָן דונאַם באָדן. (מדינת ישראל פאַרנעמט אַ שטח פון 20.662.000 דונאַם).

די „און" האָט באַשלאָסן וואָס זי האָט באַשלאָסן, זי האָט אָבער ניט געשאַפן קיין מיליטערישע מאַכט, וואָס זאָל צווינגען די קעגנער זיך אונטערצווואַרפן דעם באַשלוס. באַלד צומאָרגנס, נאָך דער רעזאָלוציע פון דער „און", דעם 30־סטן נאָוועמבער, זענען די אַראַבער אַרויס אין קריג.. און באַלד נאָכן אויסגיין פון ענגלישן מאַנדאַט, די נאַכט פון 16־טן מאַי, האָט אָנגעפאַנגען די אַראַבישע אינוואַזיע. די אַראַבער האָבן קיין מורא ניט געהאַט זיך אַקעגנצושטעלן דער „און"־רעזאָלוציע. וואָלטן זיי געהאַט גענוג כוח, וואָלטן זיי פאַרניכטעט דעם יידישן ישוב; אַנדערש האָבן אָבער געמוזט האַנדלען די יידן. זיי האָבן ניט געקאָנט דורכפירן קיין אַקציע וואָס זאָל זיין קעגן די באַשלוסן פון דער „און", ניט בלויז אויס דאַנקבאַרקייט צו דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע פאַר איר אָנערקענען דאָס רעכט פון די יידן אויף אַן אייגענער מדינה און ניט נאָר בלויז אויס רעספּעקט צו דער פאַרשטייערשאַפט פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, נאָר פשוט אויס מורא, אַז אין פאַל פון ניט אויספאָלגן דער „און" זאָל אַ געוויסע פיינטלעכע ניט־אַראַבישע מלוכה אַרויסטרעטן מיליטעריש קעגן ישראל, אָן דער אויטאָריזאַציע פון דער „און".

אויף אַלע באַראַטונגען אין די פאַרשידענע אינסטאַנצן, יעדעס מאָל פאַר אַ מיליטערישן אַרויסטריט, האָט דוד בן גוריון קאַלקולירט ווי אַזוי די „און" וועט אויף דעם רעאַגירן און געזוכט דעם מאָדוס ניט צו דערצערנען די קאָמיסיעס פון דער „און" און גלייכצייטיק ניט מוותר זיין אויף קיין מיליטערישן דערפאָלג. אַזעלכע קאָמבינאַציעס האָבן געמוזט אַ סך מאָל האַמעווען די מיליטערישע איניציאַטיוו פון צה"ל.

נאָכן אונטערשרייבן דעם וואַפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך מיט די אַראַבישע שכנים, האָט אין זיין רעדע אויף דער טריבונע פון דער ערשטער כנסת, דוד בן גוריון געזאָגט:

„מיר האָבן קיין איין רגע ניט געטראַכט אַז אונדז גייט נישט אָן, וואָס דער זיכערקייטס־ראַט וועט זאָגן. ישראל טאָר ניט גרינגשעצן די אינסטיטוציעס פון דער „און". האָבנדיק אָבער פאַרגליכן די געפאַרן (פון

איין זייט) און די מעגלעכקייטן (פון דער אַנדערער), זענען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז אין די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען, מוזן מיר אָנהאַלטן סיי אונדזער פּאָליטישע טעטיקייט און סיי די מיליטערישע, ווייל די רע־זאָלוציעס פון דער „און" און דעם זיכערקייטס־ראַט, שטענדיק ווען זיי זענען קעגן די אַראַבער, ווערן זיי ניט רעספּעקטירט און ניט דורכגעפירט".

דער גרעסטער פאַרדינסט פון דוד בן גוריון, וואָס וועט פאַראייביקט ווערן אין דער יידישער געשיכטע איז, זיין קענען ביי אַלע סיטואַציעס ריכ־טיק האַנדלען. קאָמבינירנדיק אויף אַ געניאַלן אופן און אויסנוצנדיק די דריי מאָמענטן וואָס האָבן געצאָלט זיך שטערן קעגנזייטיק, אַז זיי זאָלן גאָר זיך אַרויסהעלפן איינס דאָס אַנדערע:

1) אַטאַקירן דעם שונאס מיליטער אויף אויסערהאַלב די גרענעצן וואָס די „און" האָט באַשטימט פאַר יידן און דאָך דער „און" קיין פּתחון־פּה צו טאַדלען מדינת ישראל. ווייל עס איז געווען אויסגערעכנט, אַז די יידישע אַטאַקעס זאָלן פאָרקומען ערשט נאָכדעם ווי דער שונא פאָלגט ניט אויס די דייטלעכע אָנווייזונגען און די פאַראָרדענונגען פון די 'און"־אינסטיטוציעס אָדער אירע פאַרטרעטער אין ארץ־ישראל. צוויי מאָל האָט ישראל אָנגענומען די פאָדערונג פון דער „און" אָפּצושטעלן די מיליטע־רישע אָפּעראַציעס. ניט צוליב שוואַכקייט האָט זי עס געטאָן, נאָר כדי אַרויס־צווייזן איר באַציאונג צו דער „און". ווען די מצרים האָבן אָבער גע־פּרווט בלאָקירן אונדזער פאַרבינדונג מיטן נגב און צו אַטאַקירן אַ קאַ־ראַוואַנע, וואָס האָט צוגעשטעלט לעבנסמיטלען די דאָרטיקע ישובים און מיט דעם געבראָכן די פאַראָרדענונגען וואָס די „און"־פאַרטרעטער האָבן באַשטימט, האָט באַלד אינטערווענירט יידיש מיליטער, געשטורעמט און צעקלאַפּט דעם שונא און אויסגענוצט די סיטואַציע צו דעראָבערן די שליסל־פּאָזיציעס פון נגב און פאַרנעמען באר־שבע, אין אָקטאָבער 1948.

נאָכדעם האָט שוין ישראל געהאַט פולע רעכט צו איגנאָרירן דעם פאַר־לאַנג פון דער „און" צוריקצוקערן זיך צו די פריערדיקע פּאָזיציעס, פון פאַר די דעראָבערונגען פון אָקטאָבער, ווייל די „און" האָט ניט פאַרזיכערט און ניט געקענט פאַרזיכערן די יידן אַ פרייען צוגאַנג צום נגב אין דער צייט, וואָס לויט דער מיינונג פון די „און"־אָבסערוואַטאָרן זענען די יידן געווען באַרעכטיקט אויף דעם. דאָס ענלעכע איז פאָרגעקומען מיט דער מיליטערי־שער אָפּעראַציע, אין פעריאָד פון 23־טן דעצעמבער 1948, ביז דעם 7־טן יאַנואַר 1949. נאָכדעם ווי מצרים האָט אָפּגעשלעפּט, ניט אויספאָלגנדיק דעם באַשלוס פון זיכערקייטס ־ ראַט, צו פירן שלום־פאַרהאַנדלונגען מיט ישראל, האָט די יידישע אַרמיי עס אויסגענוצט און באַפרייט דעם גאַנצן נגב.

2) די דערמאָנטע קעגן־אַטאַקעס וואָס ישראל האָט דורכגעפירט זענען

אויך אַ רעזולטאַט פון אויסנוצן דעם הערשנדיקן אַנטאַגאָניזם צווישן די אַראַבישע מלוכות וואָס האָבן צוזאַמען אינוואַדירט ארץ־ישראל, האָבן אָבער ניט געעפנט גלייכצייטיק אַלע פראָנטן. און די דאָזיקע קעגן־אַטאַקעס האָבן אויך געצילט צו ברעכן די אַראַבישע מלחמה־קאָאַליציע.

3) גלייכצייטיק מיט די מיליטערישע און פּאָליטישע טעטיקייטן, איז אויך פיל געטאָן געוואָרן צו פאַרפעסטיקן די יידישע אַרמיי, צו פאַרגרעסערן איר מעגלעכקייט צו אַטאַקירן. צו שאַפן די באַוואָפענונגס־כוחות אויף דער יבשה, לופט און ים, וועלכע האָבן געפעלט; צו פאַרטיילן יעדן סאָלדאַט געווער, צו פאַרגרעסערן די מיליטערישע רייען מיט הי־געבוירענע און מיט יידן פון חוץ־לארץ וואָס זענען געקומען העלפן, צונויפצוגיסן די ישראל־אַרמיי מיט פרייוויליקע עולים, ניט אָפּצודעקן קיין שום פראָנט ווו ס׳איז נאָר פאַראַן אַ סכנה פון אַן אָנגריף, אַפילו ווען אַנדערע פראָנטן זענען באַדראָט מיט אַ שווערן דרוק.

די הויפּט־קאָמאַנדע פון דעם דאָזיקן דרייפאַכן צוזאַמענגעוועבטן פראָנט — פּאָליטישן, מיליטערישן און בויענדיקן (דאָס פאַרוואַנדלען די אונטער־ערדישע הגנה אין אַ רעגולערער אַרמיי) — האָט זיך געפונען אין די הענט פון דוד בן גוריון. און ער האָט אין דעם אַריינגעבלאָזן זיין פלאַם־פייערדיקן גלויבן, זיין דינאַמישע אַרבעטסזאַמקייט, זיין טאַלאַנט צו טרעפן דעם ריכטיקן אופן פון האַנדלען, אין די גרויסע היסטאָריש־דעצידירנדע מאָ־מענטן, ווי דער לייענער קען עס זען לייענענדיק וועגן דער „נחשון־אַקציע“, אַ דאַנק וועלכער עס איז געשען דער גרויסער וווּנדער פון ישראל נצחון.

ווי געזאָגט, איז דוד בן גוריון גאַנץ ווייט פון זיין אַ מיליטאַריסט, און עס איז קעגן זיין גייסט צו באַטראַכטן מענטשן אַלס „קאַנאָנען פלייש“. ער דערציילט מערערע מאָל, אַז ער האָט ניט געקענט אָנטייל נעמען אין די פייערונגען, ווען מען האָט זיך געפרייט מיט די „און“־באַשלוסן אין לייק־סוקסעס און שפּעטער, ביים פּראָקלאַמירן מדינת ישראל, וויסנדיק אַז פאַר דער אומאָפּהענגיקייט וועט מען מוזן באַצאָלן אַ טייערן פרייז. דערפאַר באַקלאָגט ער, אין זיינע מאמרים, די קינדער וועלכע זענען געפאַלן אויף ישראלס שלאַכטפעלד. זיין אַרט באַקלאָגן, דערמאָנט מיט זיינע שטאַרקע אויסדרוקן און צאַרטע געפילן דוד המלכס באַקלאָגן — דעם טויט פון שאול און יהונתן. ווי אַ גרויסער פּאָעט באַוויינט ער „די מענטשלעכע שיינקייט“ וואָס איז פאַרלאָרן געגאַנגען מיטן טויט פון די קינדער וועלכע האָבן מקריב געווען זייער יונג לעבן, כדי אויסצולייזן זייער פאָטערלאַנד. ער פאַרגלייכט זיי צו נאַכטיגאַלן און צו יונגע לייבן־קינדער, וואָס באַזיצן אינערלעכע ער־לעכקייט און שיינקייט, גבורה און ליבע, צאַרטקייט און קראַפט.

דערפאַר האָט ער געפונען די הומאַניטאַרסטע אויסדרוקן פון טיפן האַרצן, צו טרייסטן די עלטערן — די העלדישע „לייבן“ און „נשי סגולה ואנשי מעלה“, וועלכע האָבן אויסגעהאָדעוועט אַזעלכע קינדער, וועמענס

אַנדענק וועט באַלייכטן די קומענדיקע דורות, זיי דערציִען און זיי דערהייבן.

***

דאָס אומקערן זיך פון די יידן צו זייער פאָטערלאַנד און די אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה אין אונדזער דור, האָבן ניט זייער גלייכן אין דער לאַנגער געשיכטע פון אונדזער פאָלק וואָס האָט שוין אַדורכגעמאַכט פאַרשידנס. אמת, דאָס יידישע פאָלק איז שוין אַמאָל געפּרואווט געוואָרן מיט אַ „שיבת ציון“. אומגעפער 70 יאָר נאָכן ערשטן חורבן, האָבן צוזאַמען מיט עזראַן און נחמיהן עולה געווען 40 טויזנט יידן פון בבל קיין ארץ־ישראל; אָבער יענע עליה איז געווען אין אַ פיל קלענערן מאַסשטאַב ווי ס׳איז די היינטיקע. דערצו זענען יענע עולים פון בבל געווען אָפּגעריסן פון זייער פאָטערלאַנד בלויז זיבעציק יאָר און פיל פון זיי האָבן נאָך געדענקט דעם ערשטן בית־המקדש מיט זיין גלאַנץ און פּראַכט; און געקומען זענען יענע עולים פון איין גלות נאָר. היינט קערן זיך אום גרויסע ברייטע מאַסן, נאָכן זיין אָפּגעריסן פון לאַנד צוויי טויזנט יאָר; זיי קומען פון אַלע עקן וועלט, פון צענדליקער גלותן וואָס זענען פאַרשידן איינער פון צווייטן מיט זייער טראַדיציע, אַרט לעבן, געוואוינהייטן, אויפפאַסונגען, געדאַנקען־גאַנג און געפילן.

אויך אין דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן אויסגעקעמפט זייער נאַציאָנאַלע באַפרייאונג, איז ניטאָ קיין ענלעכעס צו דער רענעסאַנס־באַוועגונג פון יידישן פאָלק. קיין שום נאַציע איז ניט געשטאַנען פאַר אַזעלכע פּראָבלעמען ווי די יידישע, וועלכע האָט זיך צוריקגעקערט קיין ציון. אַלע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פאַר אומאָפּהענגיקייט האָבן פאַר זיך איין פּראָבלעם נאָר: דאָס באַפרייען זיך פון פרעמדן יאָך, ווערן זעלבסטשטענדיק, כדי דאָס פאָלק, וואָס זיצט פון פריער אויף זיין אייגענעם באָדן און רעדט זיין אייגענע שפּראַך, זאָל באַקומען די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען די אייגענע כוחות אין דער ווירטשאַפט, געזעלשאַפט און קולטור, אָן קיינעמס שטערונג פון דרויסן. די יידישע רענעסאַנס־באַוועגונג האָט אָבער געהאַט אייגנאַרטיקע, ספּעציפישע אויפגאַבן צו פאַרווירקלעכן: צונויפזאַמלען אַ פאָלק וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע עקן וועלט און אים ברענגען קיין ארץ־ישראל; זי האָט אויך געהאַט די פליכט נאָך פאַר דער באַפרייאונגס־מלחמה, וועלכע האָט אויסגעלייזט דעם גאַנצן פאָטערלענדישן באָדן — די גאַנצע 70 יאָר זינט עס עקזיסטירט די ציוניסטישע באַוועגונג — צונויפצוזאַמלען דעם באָדן, אויסלייזן דונאַם נאָך דונאַם פון זיינע פרעמדע בעלי־בתים פאַר דעם יידישן פאָלק.

חוץ דעם, האָבן די טויזנטער גלות־יאָרן אָפּגעוויינט דעם יידן פון ערד־אַרבעט און פון די ערשטע שאַפונגס־קוואַלן, און אים געמאַכט פאַר

אַ פאָלק פון בלויז פּאַרמיטלערס, פרייע פּראָפעסיעס, קליינע האַנטווערקער און שטאַנדלאָזע מענטשן, אַן פּראָפעסיעס. דאָס צוריקקערן זיך צו דעם אייגענעם באָדן און מאַכן אַז דער באָדן זאָל אויפבליען פאָדערט אַן אַבּ־סאָלוטע ענדערונג אין די געוווינהייטן, באַשעפטיקונגען און אין דער גאַנצער פּסיכיק; דאָס אַלץ איז פאַרבונדן מיט גרויסע אָנשטרענגונגען, וועלכע רופן אַרויס אַלערליי פאַרשידנאַרטיקע גייסטיקע רעאַקציעס.

די נייע עולים רעדן אויף פאַרשידענע שפּראַכן און דיאַלעקטן. עולים פון איין לאַנד פאַרשטייען ניט די שפּראַך פון די, פון אַנדערע לענדער. פאַרשידן זענען די עולים ווי פאַרשידן עס זענען די איינוואוינער פון וואַ־שינגטאָן און לאָנדאָן פון אַ בעדואינער ערגעץ אין דרום־אַראַביע; ס'איז אַ וועלט פון כלערליי געמיינדעס און שבטים, ווו עס הערשן אָפּטמאָל פאַר־אורטיילן פון איין גרופּע קעגן דער צווייטער, אפילו ביי עולים פון זעלבן לאַנד.

דער קלאַסן־אַנטאַגאָניזם איז אויך אין ישראל גרעסער ווי ערגעץ אַנ־דערש, ווייל אין אַן אימיגראַציע־לאַנד זענען די פאַלן פון אַרויפאַרבעטן זיך פון אייניקע און פאַראָרעמט ווערן פון אַנדערע אָפטער ווי אין נאָרמאַלע לענדער, און אין טאָג־טעגלעכן לעבן, זוכט יעדער קלאַס זיך באַקוועמער צו מאַכן אויפן חשבון פון אַנדערן.

אויך די סטרוקטור און כאַראַקטער פון דער מדינה איז אַנדערש מיט דעם, וואָס זי איז די איינציקע מדינה וואָס געהערט ניט בלויז אירע איינ־וואוינער און איז ניט אַנטשטאַנען בלויז צו באַזאָרגן אירע בירגער, זי מוז זאָרגן אויך פאַר די מיליאָנען יידן וואָס לעבן פאַרלויפיק אויסער דער מדינה און בילדן די מערהייט פון יידישן פאָלק. אין דער מדינה עק־זיסטירט דער „חוק השבות" וואָס גיט רעכט יעדן יידן, ווער עס זאָל ניט זיין — צו קומען און זיך באַזעצן אין לאַנד, אפילו ווען זיין עליה זאָל פאַרשאַפן שוועריקייטן דער מדינה.

דער היינטיקער דור וואָס בויט די מדינה האָט איבערגענומען אַ גאָר אָרעמע ירושה פון די פאַרגאַנגענע דורות, און דאָס פאָדערט פון דעם נייעם עולה צו אַרבעטן שווערער, ווייל אַ טייל פון דעם פּראָדוקט פון זיין אַרבעט מוז פאַרווענדעט ווערן אויף נויטווענדיקייטן וואָס פעלן אין לאַנד. אין אַ לאַנד וואָס האַלט זיך אין בויען, און ווו עס מוז געשאַפן ווערן אַ יש מאין, פאָדערט זיך פון יעדן בירגער מער קרבנות ווי אין אַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט שוין קאַפּיטאַלן, אָנגעזאַמלטע דורך פאַרגאַנגענע דורות.

קליין איז די מדינה, און פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט שונאים און זי מוז אַ גרויסן חלק פון אירע הכנסות פאַרווענדן אויף איר זיכערקייט און די הוצאה גייט אויפן חשבון פון אַנדערע הצטרכותן.

צו זיין דער שעף פון אַזאַ מדינה — מעג זי זיין ווי קליין — מוז מען

זיין באַשאַנקען מיט ספּעציעלע טאַלאַנטן פון אַ געבוירענעם פאָלקס־פירער און מען מוז קודם־כל זיין אן אויסערגעוויינלעכע אויטאָריטעט וועלכער זאָל אימפּאָנירן און וועמענס מיינונג זאָל זיין מאָסגעבנד. ער מוז באַזיצן אַ שטאָלענעם ווילן, ער זאָל קענען מיט זיכערקייט האַלטן דעם רודער און גלייכצייטיק פאַרמאָגן געגונג עלאַסטישקייט כדי צו קענען פאַרמיטלען און פאַרוואַרפן בריקן צווישן די קעגנזעצלעכע סאָציאַלע און רעליגיעזע ריכ־טונגען, צווישן מענטשן מיט קעגנזעצלעכע מיינונגען אין פראַגן פון רעליגיע און מאָראַל און אויך צווישן דעם איינגעוואָרצלטן בירגער און דעם נייעם עולה.

עס איז אַ פראַגע, אויב עס געפינט זיך כאָטש איין ערנסטער מענטש, אפילו פון דער אָפּאָזיציע, וואָס זאָל דענקען אַז ביי היינטיקן טאָג און אין דער נאָענטער צוקונפט, האָבן מיר אין דער מדינה נאָך אַ מענטש וואָס זאָל קענען קאָנקורירן מיט דוד בן־גוריונען. און דאָס איז ניט בלויז דערפאַר וואָס ער איז דער גלענצנדער מנהיג פון דער גרעסטער פאַרטיי, וואָס פאַר־נעמט דעם אויבנאַן אין לעבן פון דער מדינה; און אויך ניט בלויז דערפאַר, וואָס ער פּערזענלעך האָט ריזיקע פאַרדינסטן פאַר דעםווידערגעבורט פון יידישן פאָלק, נאָר אויך צוליב זיינע זעלטענע אייגנשאַפטן, וואָס שטעלן אים אַוועק „משכמו ומעלה" העכער פון גאַנצן פאָלק. דאָס איז ניט בלויז אויסערגעוויינלעכע פּאָפּולאַריטעט; עס איז אויך ניט ליבשאַפט צו זיין פּערזאָן. דוד בן גוריון געהערט ניט צו די, וואָס זוכן מיט חניפה און דעמאַ־גאָגישע רייד, זיך איינצוקויפן ליבע ציים פאָלק. ער איז גראָד אַ מענטש וואָס זאָגט אַריין און באַקעמפט יעדן איינעם. וועמען האָט ער דען ניט דער־צאָרנט און ניט אַרויפגעטראָטן אויפן הינער־אויג אין משך פון זיין פּיליאָרי־קער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט? די באַציאונג צו אים, איז אין אַ גע־וויסן זין ביי זיינע אָנהענגערס ווי אויך ביי זיינע קעגנער ניט־ראַציאָנעל, נישטאָ קיין לעבלעכע באַציאונג צו אים. אָבער דאָס מוז געזאָגט ווערן: אויך זיינע גרעסטע חסידים קומט אויס צו קריטיקירן אים אַמאָל פאַר אייניקע האַנדלונגען; פאַרקערט ווידער, איז נישטאָ קיין איין אָפּאָנענט זיינער וואָס זאָל ניט האָבן טיף אין האַרצן געוויסע סענטימענטן צו אים. אַרויסגעוויזן האָט זיך עס בולט, ווען בן־גוריון האָט פאַרלאָזט זיין אַמט אַלס רעגירונגס־שעף, און מיט דעם אויפגערודערט אַלע קרייזן.

בכלל זעט מען, אַז קיינער, אפילו פון די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען, האָט ניט געוואָלט זיין רעזיגנאַציע.

***

נאָך ביי זיינע פולע כוחות, האָבנדיק דערוואָרבן די גרעסטע פּאָפּולאַ־ריטעט אין דער מדינה און ביים פאָלק, האָט דוד בן גוריון זיך צוריקגעצויגן

פון זיין הויכן פּאָסטן אַלס דער פּרעמיער פון ישראלס רעגירונג און איז אַוועק אין קיבוץ פון אַרבעטער וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין די סטעפּעס פון נגב, כדי צו לעבן און אַרבעטן מיט זיי אינאיינעם. אין אַ געגנט וווּ, אויף וויפל דאָס אויג נעמט אַרום, איז ניט צו זען ניט קיין שאָטן פון אַ בוים, ניט קיין גרינס און ניט קיין סטאַבילע געביידע, אין אַ לאַגער פון צריפים, שטייט אויך דער באַשיידענער צריף וווּ דוד בן גוריון פאַרברענגט צוזאַמען מיט זיין פרוי טעג און נעכט. די טעג פאַרווענדט ער העלפט אויף אַרבעט (פון 8 ביז 12, ער איז אויף אַזוי פיל פּינקטלעך און אַרבעטסזאַם, אַז די איינוווינער פון דאָרף קענען אַנשטעלן זייערע זייגערס לויט זיין גיין צו דער אַרבעט און צוריקקערן פון איר) און העלפט צייט אויף שטודירן און אויפנעמען פערזענלעכקייטן און חברים וואָס קומען אים באַזוכן אין זיין באַשיידענער וווינונג. די נעכט ווידער, — זענען, לויט זיין שטענדיקער געוווינהייט, ספּעציעל באַשאַפן אויף צו לערנען. פאַרטריקנט איז דער באָדן אין נגב, זעלטן ווען עס רעגנט. קיין וואַסער־קוואַל האָט מען נאָך דערוויילע דאָ ניט אַנטדעקט. דערפאַר קען מען דאָ קיין אַנדער אַגראַר־ווירטשאַפט ניט שאַפן, אויסער דעם איינציקן ווירטשאַפטלעכן צווייג, מיט וואָס אויך אונדזערע פאַרצייטיקע אבות־אבותינו האָבן זיך באַשעפטיקט, — פיצוכט. אויף די וואַדיס פון די בערג זעט מען דאָ און דאָרט ראַנדן פון גרינעם גראָז, פּאַשע פאַרן שאָף. דערפאַר גיט זיך אָפּ בן גוריון אין זיינע אַרבעטס־שעהן מיט האָדעווען שאָף.

פאַרוואָס האָט ער פאַרלאָזט זיין אַמט אַלס רעגירונגס־שעף און פאַרוואָס איז ער אַוועק דווקא אין וויטן נגב? די איבערראַשטע פון זיין שריט האָבן פאַרשידנאַרטיק אויף דעם רעאַגירט. אַ סך האָבן מיט טיפן דרך־ארץ באַוווּנדערט דעם גרויסן מאָראַלישן זשעסט, וואָס ער האָט באַוויזן. אַנ־דערע אָבער האָבן זיך צו דעם באַצויגן מיט פאַרדאַכט. אָפּאָזיציאָנעלע צייטונגען האָבן צוגעשריבן דעם דאָזיקן שריט, ספּעציעלע אויסרעכענונגען און פערזענלעכע אָדער פאַרטייאישע כוונות. זיי האָבן אָבער ניט געקענט פאַר־ענטפערן, ניט זיך און ניט פאַר אַנדערע די פראַגע: וועלכער מענטש וועט עס באַנוצן די פּאָליטישע טאַקטיק וואָס זאָל אים אַליין ארויפצווינגען אַ כמעט פאַנטאַסטישע וואָגלעניש — פיזיש און גייסטיק? פאַרוואָס צאָלט אַ מענטש, וואָס איז שוין קרוב צו די זיבעציק, מיט זיין אייגענעם איך, אַזאַ טייערן פרייז, ווי פאַרטריבן צו ווערן פרייוויליק אין אַ מדבר און טאָן פיזישע אַר־בעטן, פון וועלכע ער איז שוין 40 יאָר אָפּגעוווינט און פונקט דאַן ווען ער געניסט דעם גרעסטן פּרעסטיזש אין לאַנד און ביים פאָלק?

די זעלביקע צייטונגען האָבן געוואָלט אויפקלערן זיין האַנדלונג מיט כלומרשטע חלוקי־דעות צווישן אים און זיינע פאַרטיי־חברים. דאָס ווערט צו־געשריבן אַ פערזאָן וואָס איז אַממערסטן פאַרהערלעכט אין דער פאַרטיי, אַ מענטש וואָס צו זיינע רייד הערט מען זיך צו מיט דער גרעסטער אויפ־

מערקזאַמקייט און דאָס ניט בלויז זיינע חברים, נאָר אויך ברייטע פאָלקס־מאַסן און אַפילו פון קעגנערישע פּאַרטייען; לגבי איינעם וואָס איז שטענדיק געגנוג דרייסט געווען צו פאַרטיידיקן זיין מיינונג אַפילו ווען עס איז אים אויסגעקומען צו זיין איינער אַליין קעגן אַלעמען — און האָט אָבער אויך געקענט זיך אונטערוואַרפן דעם באַשלוס פון אַ קעגנערישער מערהייט.

ווענן זיין באַציאונג צו די פּאַרטיי־חברים, שרייבט ד. בן גוריון צום פּרעזידענט פון מדינת ישראל, זיין יוגנט־חבר יצחק בן צבי, פאָלגנדעס:

„איך אָנערקען די שוואַכקייטן און פעלערן פון דער פּאַרטיי, אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער קעגנוואַרט, פּונקט ווי איך קען לויט מיין מיינונג, מיינע אייגענע פעלערן און שוואַכקייטן. איך קען אָבער ניט אין לאַנד און אין פאָלק קיין באַוועגונג וואָס זאָל זיין אַזוי געטריי איר מיסיע צו מדינת ישראל, צום יידישן פאָלק און צו דער וויזיע פון יידישער און אַל־מענטשלעכער גאולה ווי די באַוועגונג פון מפא״י, וואָס איך בין איינער פון אירע טרע־גער. איך בויג מיין קאָפּ פאַר דער דאָזיקער באַוועגונג, צוליב אירע עטישע כוחות, חלוצישע מעגלעכקייטן און דער רעזערוואַר פון איבערגעבנקייט און קאָנסטרוקטיוויזם אין אירע צענער טויזנטער וועטעראַנען און יוגנטלעכע אין דאָרף און אין שטאָט. זיי זענען דער אָנשפּאַר און די געטרייע וועגווייזערס פאַר די יידישע אַרבע־טער־מאַסן. די, וואָס שאַפן זייערע גרויסע ווערטן און פאַרווירק־לעכן זייערע היסטאָרישע שטרעבונגען. עס איז אַ גרויסער זכות פאַר אַ מענטשן ווי איך צו זיין אַ חבר און אַ פאָרשטייער פון אַזאַ באַוועגונג.

מיין באַשלוס צו פאַרלאָזן איצט די רעגירונגס־אַרבעט — שטעקט אויסשליסלעך אין דער אוממעגלעכקייט מיינער פאַר־צווזעצן איצט די גייסטיקע שפּאַנונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אין מיר די לעצטע 16־17 יאָר״.

פאַרוואָס האָט פאַקטיש בן־גוריון פאַרלאָזט זיין פּאָסטן? די גייסטיקע עקזיסטענץ פון מענטשן איז אונטערגעוואָרפן און דרינגט אַרויס פון מיליאָ־נען באַווירקונגען און קאָמפּלעקסן, פיל פון זיי פאַרבייגייענדיקע, וואָס דער מענטש פילט גאָרניט זייער עקזיסטענץ. דאָס איז געזעצט געוואָרן פון אַ מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר, אַ פּשיטה שוין פון אַזאַ גייסטרייכער, פילזייטיקער און גרויסער פערזענלעכקייט ווי בן גוריון. דערפאַר זענען מיר ניט באַרעכ־טיקט צו גריבלען זיך אין זיין נשמה און זוכן סיבות פאַר זיין אַנטשלאָסענעם שריט אויסער די וואָס ער אַליין גיט אָן.

אין אַלגעמיין איז דוד בן גוריון באַקאַנט ווי אַן אָפנהאַרציקער מענטש, וואָס באַהאַלט ניט אויס קיין זאַך. דערפאַר וועלן מיר טאָן צום בעסטן, ווען

מיר וועלן אויסהערן זיין אייגענע דערקלערונג אין דעם דערמאָנטן בריוו צום פּרעזידענט פון ישראל:

„שוין אַ יאָר, ווי איך שפּיר, אַז איך קען מער ניט אויסהאַלטן די גייסטיקע שפּאַנונג מיט וועלכער איך טו מיין אַרבעט אין דער רעגירונג און אַנדערש קען איך ניט און טאָר ניט אַרבעטן. עס איז ניט קיין סתם־מידקייט. פאַרקערט, באַפרייענדיק זיך אויף אַ פּאָר טעג פון מיין מלוכהשער אַרבעט — פיל איך ניט קיין מידקייט און מיר דוכט דאַן, אַז איך וואָלט נאָך געקענט סיי פיזיש, סיי גייסטיק אַרבעטן ווי מיט 20—30 יאָר צוריק. עס זענען אָבער דאָ באַשטימטע גרענעצן, אויף יעדן פאַל זענען זיי פאַר מיר באַשטימט, ביז וואַנען איך קען אָנהאַלטן גייסטיקע אָנשטרענגונגען.״

פאַרוואָס האָט ער אויסגעקליבן דווקא שדה־בוקר?

אויך דאָס האָבן פיל געפרעגט און דאָס מאָל, זענען עס געווען גראָד חברים און גוטע פריינט וואָס האָבן זיך געוווּנדערט הלמאי איז ער ניט געגאַנגען אין קיין לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב (א קיבוץ אָדער אַ מושב) וווּ ער האָט גוטע פריינט און איבערגעגעבענע תלמידים, נאָר האָט אויסגעקליבן גראָד אַ קבוץ וווּ די חברים זענען אַלע יונגע און ס׳הערשט אַ גרויסע דיפערענץ אין עלטער צווישן זיי און אים.

אויך דאָ איז געזונטער ניט צו פאַרנעמען זיך מיט השערות אָדער סתם זיך לאָזן טרעפן, נאָר בעסער הערן וואָס בן־גוריון אליין זאָגט. אין זיין בריוו צו אַ חבר פון דער קבוצה „חולדה״, וואָס האָט אים אָנגעפרעגט די סיבה פון זיין באַזעצן זיך אין שדה־בוקר ענטפערט ער:

„ווען איך האָב דעם ערשטן מאָל געזען שדה־בוקר — שוין העכער אַ יאָר ווי מיר דוכט — האָט מיר דאָרט ניט אינטערעסירט קיין פּאָליטישע און פּאַרטייאישע פראַגע, כ׳האָב דאָרט בלויז געזען אַ חלוצישע טאַט פון גרויסער באַדייטונג און אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר פאַרן אויפלעבן דעם נגב. כ׳האָב קיין חבר פון שדה־בוקר ניט געקענט. איך האָב אָבער יאָ געקאָנט דעם ווערט פון דעם פּלאַץ און פון דער סביבה״.

ווייטער שרייבט ער אַזוי:

„ס׳איז אַ טעות צו זען אין מיין באַזעצן זיך אויף דעם פּלאַץ, אַ וועלכע ס׳איז פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע. ס׳האָט מיר געצויגן אַהער צוליב דער פּאָזיציע וואָס דער קיבוץ פאַרנעמט. ער געפינט זיך אויף דעם ווייטסטן דרומדיקן פונקט און אין פיל היגזיכטן דער פּאַסנדיקסטער פּלאַץ צו האָדעווען שאָף און צו זאמ־

> לען וואַסער דורך דאמבעס און גריבער און אַזוי אַרום פאַרוואַנדלען דעם מדבר אין אַ בליענדיקן פעלד״.

אין לעבן פון דוד בן גוריון איז עס ניט געווען קיין נייעס. פון ערשטן טאָג, זינט ער געפינט זיך אין ארץ־ישראל, אַרבעטנדיק אין פתח־תקוה און סעדזשערא, האָט ער שטענדיק געזוכט צו פאַרנעמען די ערגסטע פּאָזיציעס, דאָרט ווו ס׳פּאָדערט זיך מער חלוצישער אידעאַליזם. איצט האָט זיך בן־גוריון צוריקגעקערט צו זיין אייגענעם איך: צו די אידעאַלן פון זיינע פריי־לינגס־יאָרן, וואָס ער האָט ניט פאַרלאָזט אויך אין די רייף־געוואָרענע ווינ־טער־יאָרן. נאָך די אַלע אָנגעגעבענע סיבות איז נאָך אַ ספק צי מיט זיי שעפּן זיך שוין אויס די מאָטיוון צוליב וועלכע ד. בן גוריון האָט געטאָן זיין שריט.

ווער ס׳האָט אים געקענט אינטימער, ניט בלויז ווי אַן אַקטועלער פּאָלי־טיקער און אויך געזען זיין צריף אין טיפן מדבר און דעם „פאַרמעגן״ וואָס ער האָט מיטגענומען קיין שדה־בוקר (איבערהויפּט ווינסנשאַפטלעכע ביכער פון דענקערס פון אַלטערטום: יידישע, גריכישע, פּערסישע, הינדואישע און כינעזישע וואָס בילדן די מערהייט אין זיין דאָרטיקער ביבליאָ־טעק״, דער קומט צו דער איבערצייגונג, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ פּער־זענלעכקייט מיט אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, וואָס לעבט זיך אויס מיט דער חכמה פון אלטערטום. אויך דארף מען אין אַכט נעמען, אַז דער מענטש האָט דערגרייכט אַזוינס וואָס אין משך פון צוויי טויזנט יאָר, האָט קיינער פון זיין פאָלק ניט דערגרייכט.

דערפאַר איז גלייכער ניט באַשעפטיקן זיך מיט פּירושים און סתם אויסטייטשונגען, אָדער טרעפענישן, נאָר גלויבן אַז דוד בן גוריון האָט נאָך ניט פאַרענדיקט זיין טעטיקייט, ווייל ער האָט נאָך ניט פאַרלאָזן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן און לאָזט הערן זיין שטים, און אין אַ טאָג פון די טעג וועט נאָך ווידער קומען אויך זיין טאַט.

**יהודה ארז.**

גבעת־חיים.

# אין קאַמף פאַר אַ יידישער מדינה

## (פראַגמענטן)

— — — און שטייענדיק איצטער אין אָנהייב מלחמה דאַרפן מיר זיך אַליין קלאָר מאַכן דעם וועג אויף וועלכן מיר וועלן גיין, און דעם ציל צו וועלכן מיר וועלן שטרעבן. די וועלט־מלחמה אין די יאָרן 1914—1918 האָט אונדז געבראַכט די באַלפור־דעקלאַראַציע: דאָס מאָל דאַרפן מיר דערפירן צו אַ ייִדישער מדינה.

די באַלפור דעקלאַראַציע איז געווען בלויז אַ ניט פולקאָמע און ניט קיין אידעאַלע פאָרמולירונג, אָבער אַ וויכטיקע און געהאַט ווייטגייענדיקע רעזולטאַטן. אונדזער היינטיקער ציל קאָן ניט זיין אַ פאָרמולירונג, זאָל עס זיין די פאַרפולקומסטע און אידעאַלסטע. דאָס מאָל דאַרפן מיר שטרעבן צו דער פאַרווירקלעכונג פון פאַקט: דער פאַקט פון אַ ייִדישער מדינה! דער ציל דאַרף קערעווען און ריכטן פון איצט אָן אַלע אונדזערע טואונגען און טריט. — דער ציל דאַרף פון איצטער אָן אָנרעגן אונדזער גאַנץ וועזן, אויפפירונג, אונדזערע אינערלעכע אָנשטרענגונגען און אונדזערע באַציאונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט. (8טער סעפּטעמבער 1939).

***

מיר שטייען אין אָנהייב מלחמה. דאָ אין לאַנד איז מען נאָך ווייט פון פראָנט. אָבער די מיליאָנען יידן אין פוילן — יעדער טאָג ברענגט זיי ביי קרבנות. אויב די מלחמה וועט געדויערן, וועלן מיר זי דערפילן אויך דאָ און מיר וועלן שטיין פאַר שווערע און קאָמפּליצירטע לאַגעס; עס איז אונדז נייטיק אַ פּאָליטישער קאָמפּאַס וואָס זאָל ריכטן אונדזער וועג אין דעם פינצטערן פלאָנטער אין וועלכן מיר טרעטן אַריין. מיר קאָנען ניט וויסן ווי אַזוי עס וועלן זיך פונאַנדערוויקלען די געשעענישן, אָבער ס'איז אונדז נייטיק אַ לייכטנדיקער פונקט אויפן היסטאָרישן האָריזאָנט, וואָס זאָל אונדז

ווייזן דעם וועג אין די פֿאַרפּלאָנטערטע לאַגעס וואָס שטייען אונדז פֿאַר. אין מיינע אויגן איז דער־אָ פּאָליטישער קאָמפּאַס — די שטרעבונג אויפֿצוריכטן אַ יידישע מדינה אין ארץ. (12טער סעפּטעמבער 1939).

***

אונדז שטייען אפשר פֿאַר שווערע נסיונות ווי אַלע אַנדערע פֿאַרבינדעטע פֿון ענגלאַנד: איך גלייב, אַז דער ענדגילטיקער ניצחון וועט אָנקומען, אָבער מיר וועלן זיך פֿאַרשולדיקן פֿאַר אונדזער פֿאָלק, אויב מיר וועלן ניט וויסן אויך איצטער, אַז נאָכן ניצחון, נאָכן פֿאַרטיליקן די נאַצישע רישעותדיקע הערשאַפֿט און נאָכן באַפֿרייען אייראָפּע און דאָס יידנטום פֿון אייראָפּע פֿון דעם נאַצישן טיראַניזם און אומקערן די רעכט פֿאַר יידן אין אַלע לענדער, וועט שטיין פֿאַר אונדז אַ גרויזאַמע פֿראַגע פֿון מיליאָנען יידן אין דער פֿאַראָרעמטער און צעטרייסלטער אייראָפּע. אויך די אַנדערע אייראָפּעאישע פֿעלקער וועלן זיין — נאָכן פֿאַרטיליקן דעם נאַצישן רעזשים און נאָכן סוף פֿון דער מלחמה — פֿאַראָרעמט און אויסגעשעפּט מחמת היטלערס רויב און מחמת דעם מלחמה־חורבן; אָבער צוויי זאַכן וועלן פֿאַרבלייבן ביי די אייראָפּעאישע פֿעלקער אויך נאָך אַלע צעשטערונגען: פֿ אָ ט ע ר ל א נ ד און ז ע ל ב ש ט ע נ ד י ק י י ט.

און נאָר די יידן אין אייראָפּע — די וואָס וועלן איבערבלייבן נאָך דער גרויליקער מלחמה און דעם נאַצישן פּאָגראָם, — וועלן פֿאַרבלייבן מיט גאָרניט, אָן אַ וועלכן עס איז אָנשפּאַר, אָן אַ וועלכן עס איז אָנהאַלט. זייער עלנט און חורבן אין דער מלחמה וועט שטאַרק איבערשטייגן דעם פֿון אַנדערע פֿעלקער, ווייל אויף זיי ווערט אויסגעלאָזן די גאַנצע סם־העצע פֿון די נאַציס און זייערע נאָכשלעפּער און זייערע קנעכט און זייערע באַדינער אין די איינגענומענע לענדער, און דער ניצחון וועט זיי באַפֿרייען נאָר פֿון דער נאַצישער שווערד און דער געלער לאַטע...

און מיר דאַרפֿן באַצייטנס וויסן, אַז אויך דער אומגליק פֿון יידישן פֿאָלק אין דעם היינטיקן וועלטקריזיס וועט ניט אויסגעהיילט ווערן סיידן מיט ז ע ל ב ש ט ע נ ד י ק י י ט און פֿ אָ ט ע ר ל א נ ד. ניט אין דער צוקונפֿט, ניט אין דורות אַרום, ווי מיר האָבן געמיינט מיטן אָנקום פֿון דעם איצטיקן בראָך, נאָר ב אַ ל ד, ווי איינער פֿון די גרונט־יסודות פֿון דער גרויסער פֿאַרבעסערונג, וואָס די וועלט דערוואַרט נאָכן פֿאַרטיליקן די רישעותדיקע און פֿאַרברעכערישע הערשאַפֿט פֿון היטלערן און זיינע פֿאַרבינדעטע. פֿאַר די מיליאָנען חרוב געוואָרענע און אויסגעוואָרצלטע יידן וועט ניט זיין קיין שום גוטס אויסער דער תיכּפֿדיקער איינגלידערונג אין פֿאָטערלאַנד, — און צוליב דעם איז נויטווענדיק אַ יידישע זעלבשטענדי־

קייט אין פּאַטערלאַנד, ווייל נאָר אַ יידישע זעלבשטענדיקייט וועט קאָנען שאַפן דעם גרויסן אויפטו, דעם שווערן און נייטיקן: **גיך אַריבערפירן די יידישע מאַסן און זיי איינוואָרצלען אין פּאַטערלאַנד.**

און פון איצטער אָן דאַרף מען זיך גרייטן — צוגרייטן זיך און צוגרייטן די קעמפערישע דעמאָקראַטישע וועלט — צו דער לייזונג, דער איינציקער, דער בויטוועגדיקער. ווייל אויך די יידן־פראַגע, אַזוי גוט ווי די פראַגע פון אַלע איבעריקע פעלקער, וועט געלייזט ווערן נאָכן פּאַרטיליקן דעם נאַציזם נאָר אויפן מלוכהשן שטייגער, אויפן וועג פון זעלבשטענדיקייט און פּאַטערלאַנד. (26טער פעברואר 1941).

***

— — — די עליה וואָס שטייט אונדז פאָר נאָך דער מלחמה פאָדערט אָן עקאָנאָמישע פּלאַנירונג, אַ ווירטשאַפט־אויפטו אין אַ קאָלאָסאַלן פאַרנעם. דאָס וועט מען ניט קאָנען באַהויפּטן אויב דער גאַנצער רעזשים און די מאַכט אין לאַנד וועט ניט זיין געווענדט דער עיקר צו די באַדערפענישן פון פּלאַנירונג, בוי און אויפנעם. אַ גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע פאָדערט אויסנוצן אויפן מאַקסימאַלסטן אופן אַלע וואַסערקוואַלן — דאָס וואַסער פון אָפּגרונטן, קוואַלן און טייכן. די וויסטענישן פון נגב דאַרף מען אויפלעבן און באַוואַסערן מיט די וואַסערן פון ירדן, פון ירמוק, פון ירקון און פון אַנדערע טייכן, אויב מען וועט ניט אַנטדעקן גענוג וואַסער אויפן אָרט. צו דעם איז נייטיק אַ געהעריקע **געזעצגעבונג** און ס'איז נייטיק די מאַכט איבער די וואַסערקוואַלן אין לאַנד. די עצם קאָלאָניזירונג און באַאַרבעטונג פון די וויסטע שטחים — און זיי זענען דאָס רוב באָדנס אין לאַנד — וועט ניט מעגלעך זיין אָן אַ גרינטלעכער ענדערונג אין דער געזעצגעבונג פון באָדן און פון דעם באָדן־סיסטעם אין לאַנד.

אַפילו די אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע וועט ניט מעגלעך זיין אָן אַ צאָלסיסטעם, האַנדלס־אָפּמאַכן, אַרבעטער־שו־געזעצן, אָן אַ רעזשים וואָס איז אויסן די מאַקסימאַלע אַנטוויקלונג פון דער לאַנד־פּראָדוקציע און פאַרזיכערט אַ סאָלידן לעבנס־סטאַנדאַרט און אַרבעטס־באַדינגונגען פאַר די מאַסן עולים.

אַ נייע קאָלאָניזאַציע אין די בערג פון גליל און אין די וויסטענישן פון נגב פאָדערט זיכערקייט און שוצסיסטעם וואָס זאָלן דערמעגלעכן די קאָלאָניסטן אָוועקצוגעבן זייער גאַנצע ענערגיע כדי אויפצובויען די חורבות און אויפלעבן דעם מדבר — ניט זייענדיק אויסגעשטעלט אַלע ווײַלע אויף לעבנס־געפאַר.

דאָס איז בלויז אַ טייל פון די ערנסטע פּראָבלעמען וואָס זענען פאַר־

בונדן מיטן אויפנעמען אַ גרויסע עליה. צו זיי דאַרף מען צוגעבן די פּי־באַנציעלע פּראַגעס — די אומגעהויערע מיטלען וואָס זענען נייטיק אויף צו פירן די עולים, די קאָלאָסאַלע אינוועסטיציעס וואָס זענען נייטיק צוצוגרייטן דעם באָדן, אויסנוצן די וואַסערן, דורכפירן וועגן, בויען הייזער, לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, קרעדיטן פאַר דער פּראָדוקציע. צי קאָן מען זיך דען פאָרשטעלן אַז אָן אַ מלוכהשער מאַכט און אַ מלוכהשן אַפּאַראַט קאָן מען פאַרווירקלעכן אַזאַ קאָמפּליצירטע און מעכטיקע שאַפונג?

דער ציוניזם איצטער איז ניט ווי דער ציוניזם אין דער פאַריקער מלחמה. דעמאָלט האָבן מיר זיך גענייטיקט אין אָנערקענען אונדזערע רעכט אויף אַ פאָטערלאַנד אין ארץ. וואָס מיר דאַרפן היינט איז די מלוכהשע פולמאַכט צו בויען דאָס פאָטערלאַנד. די זאַך וואָס מיר וועלן דאַרפן טאָן נאָך דער מלחמה וועט ניט געטאָן ווערן פון זיך — נאָר מיט אונדזערע אייגענע הענט. נאָר דאָס יידישע פאָלק, וואָס וועט האָבן די הערשאַפט איבערן לאַנד, וועט קאָנען פאַרווירקלעכן די דאָזיקע גרויסע און שווערע מלאכה.

— — — און אויב מיר ווילן איצטער ניט קיין דעקלאַראַציע אויף אונדזער רעכט אויף אַ פאָטערלאַנד נאָך די פאַרווירקלעכונג פון די רעכט, כדי צו לייזן אין לאַנד די גרויסע איינוואַנדערונגס־פּראַגע נאָך דער מלחמה — דאַרפן מיר באַשטיין דערויף אַז דער מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל זאָל דאָס מאָל איבערגעגעבן ווערן דעם יידישן פאָלק. אַ יידישע מאַכט איז איצטער בילכער ווי די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. ארץ־ישראל ווי א יידישע מדינה — ניט ווי אַן ענדגילטיקער ציל, נאָר ווי אַ נייטיקער מיטל פון ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג — דאָס איז ערשט די פאָדערונג פון דער שעה. — (אָקטאָבער 1941).

***

מען זאָגט אונדז אַז די פאָדערונג איז פּסול פון מאָראַלישן און סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, אַז ס'איז פאַראַן אין איר „געוועלטיקונג“. די קעגנערס פון דער מדינה פּרווון שילדערן די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס איז איצט אייניק אין איר פּאָליטישן געדאַנק מער ווי אַלע מאָל, ווי זי וואָלט וועלן אונטערדריקן די אַראַבער, אַוועקנעמען זייערע בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט אין דעם לאַנד. אַקוראַט אַלע ציוניסטן פון אַמעריקע, ענגלאַנד, קאַנאַדע א. אז. וו. אין דער שפּיץ מיט ווייצמאַנען, וויזן, בראַדעצקין

און אַלע אנדערע עקזעקוטיוו־מיטגלידער וואָלטן פאַרכאַפּט געוואָרן פון רעוויזיאָניזם.

איך וואַרף אָפּ קאַטעגאָריש די פאַלשע באַשולדיקונגען. פאַרשטעלן די פאָדערונג פון אַ יידישער מדינה ווי אַ ווילן צו געוועלטיקן און אונטערדריקן — איז אַ פאַרקרימונג פון דעם אמת. אין אַ סך לענדער זענען פאַראַן ישובים ניט פון איין פאָלק, און קיינער זאָגט ניט אַז דאָרט איז פאַראַן אַ געוועלטיקן. אַמעריקע האָט אַ סך מיעוטים: פאַראַן אַ יידישער מיעוט, אַן אירלענדישער מיעוט, אַן ענגלישער מיעוט, און אַ דייטשער מיעוט, און ס׳איז פאַראַן אַן איטאַליענישער מיעוט. אָבער מיר האָבן ניט געהערט אַז ס׳איז פאַראַן אַ געוועלטיקן. פאַראַן אין דעם סאָוועטישן רוסלאַנד לענדער, ווו ניט אַלע זענען פון איין שטייגער, ניט אַלע זענען גרויסרוסן, ניט אַלע ווייסרוסן, און מיר האָבן ניט געהערט אַז ס׳איז פאַראַן דאָרט אַ געוועלטיקן. אויך דאָרט לעבן יידן און פאַראַן אַנדערע מיעוטים, זיי האָבן אַן אינדיווי־דועלע, פאָליטישע, בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג. מען זאָגט ניט אַז דאָס איז געוועלטיקן, איז פאַרוואָס זשע וועלן נאָר יידן „געוועלטיקן״, אויב ס׳וועט זיין אַ יידישע מדינה?

אַלע פעלקער האָבן רעכט אויף אַ מדינה. און עפּעס, ווי מיר וואָלטן געווען אַ קרעציק פאָלק, נאָר קעגן אונדז דאַרף מען מאַכן ספּעציעלע באַ־גרעניצונגען, כדי מיר זאָלן ניט אונטערדריקן. מיר זענען ניט בעסער פון אַנדערע, אָבער מיר זענען אויך ניט ערגער פון אַנדערע. וואָס טויג ניט אין דעם עצם געדאַנק פון אַ יידישער מדינה? דאָס פאַרלייקענען די יידישע רעכט אויף אַן אייגענער מדינה מיינט פאַרלייקענען די גלייכבאַרעכטיקונג פון יידישן פאָלק, מיינט אָוועקנעמען דעם כבוד פון יעדער יידן ווייל ער איז אַ ייד. דאָס מיינט אונטערגראָבן די ציוניסטישע אידעע, ווייל די ציוניס־טישע אידעע הייבט אָן מיט דעם, אַז מיר זענען גלייכע אין אַלץ — ווי יחידים און ווי אַ פאָלק. אונדז, ווי יחידים, קומט אומעטום אויף דער וועלט דאָס רעכט וואָס עס קומט יעדער אַנדערן יחיד — ניט אַ האָר מער אָבער אויך ניט אַ האָר ווינציקער. איך ווייס ניט צי וועלן מיר עס דערגרייכן, אָבער דאָס איז אונדזער רעכט און מיר וועלן באַשטיין דערויף. אין מאָמענט ווען מיר זאָגן זיך אָפּ דערפון — האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט פון דער מענטש־לעכער געשטאַלט. מען זאָגט אונדז, אַז די יידישע מדינה איז פסול פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט — דאָס איז אַ פאַרשוועכונג פון סאָציאַ־ליזם. דער סאָציאַליזם זאָגט ניט אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל באַהאַנדלט ווערן ערגער פון אַלע אַנדערע פעלקער אויף דער גאַנצער וועלט. מען האָט אונדז געזאָגט אַ מאָל מיר זאָלן זיין שמיראַייל אויף די רעדער פון דער רעוואָלוציע — די אַרבעטער מאַסע אין לאַנד וועט ניט צושטיין צו אַזאַ זאָגעכץ.

מען זאָגט אונדז: דאָס וועט ניט זיין, דאָס איז ניט פּראַקטיש, אומ־

מעגלעך עס זאָל זיין אַ יידישע מערהייט. — וואָס איז די פּראַקטישקייט? איז דען ניטאָ קיין אָרט? פעלט אויס באָדן אויף צו באַזעצן אַ סך יידן? צי זענען ניטאָ קיין אַרבעטס־מעגלעכקייטן? איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו שאַפן פּראָדוקציע? וואַרט ניט דער ים אויף זיין אויסלייז דורך שיפערס, פישפאַנגערס און יידישע פּאָרט־אַרבעטער? פון וואַנען נעמט זיך דאָס די „פּראַקטישקייט", אַז עס קאָן ניט געמאָלט זיין קיין יידישע מערהייט? (מערץ 1944).

***

— — — ניט נאָר די רעשטלעך פון אייראָפּעאישן יידנטום דער־וועקן אַ טיפע אומרו. פאַראַנען אַ תימנער יידנטום — אַ 40—50 טויזנט מענטשן; פאַראַנען אַ פּערסיש יידנטום — אַ 100 טויזנט מענטשן; פאַראַן אַן עגיפּטיש יידנטום — אַ 70 טויזנט מענטשן; און פאַראַן נאָך יידישע קיבוצים אין דעם נאָענטן מזרח. ווער וועט אונדז גאַראַנטירן אַז אין דער שפּאַנונג און די צוזאַמענשטויסן, וואָס קאָנען פאָרקומען אויך נאָך דער מלחמה — מיר הערן דערוויל, ווי פון דער ווייט, פון די טיפענישן, טעמפּע אָפּקלאַנגען פון די קומענדיקע דונערן — וועלן פאַרשווינט ווערן די יידישע קליינע קיבוצים? מיר האָבן ניט קיין שום זיכערקייט אַז דער שטורעם וועט אַדורך נאָר איבער אייראָפּע און וועט ניט דערגיין קיין פּערסיע, מצרים און תימן.

וואָס וועט זיין דער גורל פון די קיבוצים, אויב אויך אָט־די לענדער וועלן אַריינגעשלעפּט ווערן אין דעם וועלט־געווירבל?

מיר קאָנען נאָך ניט אָפּשאַצן, צי ווייל די זאַך איז אַזוי נאָענט, צי דערפאַר, ווייל מיר זענען אַזוי געפּלעפט, וואָס עס איז אונדז געשען אין די יאָרן, ניט נאָר אין דער צאָל אויסגעקוילעטע און פאַרברענטע, נאָר אויך וואָס פאַר אַ השפּעה עס וועט האָבן דער בלוטבאָד, וואָס אַזעלכעס איז נאָך ניט געווען, אויף די פעלקער און אויף דער שארית־ישראל. איך האָב מורא אַז היטלערס מעשים האָבן זיך ניט געענדיקט. ניט נאָר ווייל עס וועט פאַר־בלייבן דער טריפנדיקער גיפט, וואָס איז פאַרזייט געוואָרן איבער דער וועלט. אונדזערע שונאים וועלן וויסן אַז ס'איז הפקר אַ וועלט: אַז אונדזער בלוט איז הפקר. מיט אַ דור צוריק האָבן אונדזערע גרעסטע שונאים אַפילו ניט דערוועגט אַרויסצוברענגען אַזאַ זאַך פון מויל. פון איצטער אָן וועלן זיי זיך שטיצן אויף אַ „פּרעצעדענט".

און איך פרעג: וועט עס זיין אַזוי שווער אין דעם אָדער יענעם לאַנד ווען עס וועלן אויסברעכן אומרוען, זיך אָפּצורעכענען דערוויל מיט יענעם פאַרמיאוסטן און איבעריקן מיעוט, וואָס רופט זיך יידן? און ווי וועלן אויסזען די יידן, וואָס וועלן זיך אייביק געפינען אין אַזאַ סכנה? אפריער

איז געווען אַ שוץ און אַן אָנשפּאַר אין דעם עצם זיין פון אַ קאָמפּאַקטער יידישער מאַסע. איצטער — אויסער די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע זענען פאַראַנען נאָר קליינע רעשטלעך, קיבוצים פון בלויז טויזנטער און צענער טויזנטער; און מען דאַרף פרעגן: וואָס פאַר אַן אויסזען וועט האָבן דאָס יידנטום, אַ קליינס אין צאָל, אַן אָפּגעריסנס, ווי וועט עס אויסהאַלטן די סכנות פון פּאָליטישע פלאָנטערס און געזעלשאַפטלעכע שטורעמס, וואָס שטייען פאַר אַ סך לענדער אויף דער וועלט? און אויב מיר דערוועגן זיך צו זען די נייע יידישעווירקלעכקייט, וועלן מיר דערגיין צו איין אומבאַדינגטן אויספיר: עס איז ניטאָ קיין אויסוועג פאַרן אייראָפּעאישן יידנטום און פאַרן יידנטום אין אייניקע מזרח־לענדער ווי אַ גיכע און פולע עליה קיין ארץ. (דעצעמבער 1944).

***

אונדזער פּראָבלעם איז ניט דאָס פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם. די טענדענצן און געזעצן פון אַנטוויקלונג פון די פעלקער צווישן וועלכע מיר לעבן זענען ניט צוגעפּאַסט און ניט אין איינקלאַנג צו די יידישע באַדערפעניש — מאָדנע באַדערפענישן פון אַ פאָלק וואָס האָט ניט קיין גלייכן צו זיך אויף דער וועלט. און מיר האָבן ניט קיין לאָגישן אָדער מאָראַלישן גרונד, צו פאָדערן אַז די וועלט זאָל צופּאַסן איר געדאַנקען־גאַנג, לעבנס־פאָרמען און אירע פּאָליטישע איינפירונגען צו די באַדערפענישן פון אַ צעזייטן און צעשפּרייטן מיעוט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ וועלטאייגנהייט וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע.

מיר ווילן זיין אַנדערש פון אַלע פעלקער. — יעדער פאָלק איז אַנ־דערש פון אַנדערן. אָבער כדי מיר זאָלן זיין אַנדערש איז נייטיק מ י ר ז אָ ל ן  ז י י ן — א ו ן  מ י ר  וו ע ל ן  נ י ט  ז י י ן  אויב מיר וועלן ניט האָבן קיין מדינה. (2טער אויגוסט 1945).

***

מיר פּרווון בויען אַ נייע געזעלשאַפט, אַ פרייע, געבויט אויף די פּרינ־ציפּן פון גערעכטיקייט, אַ געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע גערעכטיקייט, און די דערהויבנסטע מאָראַלישע און גייסטיקע ווערטן: ברידערלעכקייט, שלום, פרייהייט. אויב איר וועט באַזוכן אונדזערע ישובים און דערקענען זייער געזעלשאַפטלעכן און מאָראַלישן כאַראַקטער וועט איר וויסן צו וואָס מיר שטרעבן. כדי מיר זאָלן קאָנען לעבן ווי אונדז געפעלט, אָן קיין שום דרוק און פרעמדער אַריינמישונג, נייטיקן מיר זיך אין זעלבשטענדיקייט, דאָס הייסט אין אַ יידישער מדינה. אָבער אַ יידישע מדינה האָט נאָך אַ באַ־

שטימונג: מיר ווילן אַ מדינה ניט נאָר פאַר די יידן וואָס זיצן שוין אין לאַנד, זיי זאָלן קאָנען שטיין אויף די אייגענע פיס; עס איז נייטיק אַ יידישע מדינה ווי אַ מכשיר צו לייזן דאָס טראַגישסטע פּראָ־בלעם אויף דער וועלט — דאָס יידישע פּראָבלעם. נאָר אַ יידישע מדינה וועט זיין בכוח צו בויען אָן שטע־רונגען און אין נייטיקן פאַרנעם די נאַ־ציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק.

...מיט אַ הונדערט און פופציק יאָר צוריק האָבן די ענגלענדער וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַמעריקע רעוואָלטירט קעגן דער ענגלישער אַדמיניס־טראַציע וואָס איז געשיקט געוואָרן צו זיי פון לאָנדאָן. דאָס זענען געווען מענטשן פון איין פאָלק. די באַזעצטע זענען געווען ענגלענדער, און די באַ־אמטע זענען געווען ענגלענדער. אָבער די באַזעצטע האָבן געמיינט — און ניט אָן אַ גרונד, — אז די באַאמטע וואָס ווערן געשיקט צו זיי פון לאָנדאָן זענען ניט אויסן די טובה פון די באַזעצטע און טוען ניט זייער ווילן, נאָר דעם ווילן פון די לאָנדאָנער — און זיי האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט. צי איז ניט קיין איבערגעטריבענער אָפּטימיזם אָנצונעמען אַז דאָס וואָס ענגלישע באאמטע האָבן ניט געקאָנט מאַכן פאַר זייערע אייגענע ברידער אין אַ שוועסטערלאַנד — וועט זיי געראָטן צו טאָן פאַר די יידן דאָ אין לאַנד? די אויפגאַבע פון די באאמטע דאָ איז ניט ענלעך צו די אויפגאַבעס פון גע־וויינטלעכע קאָלאָניאַלע באַאמטע. דאָ האָט די רעגירונג אַ דינאַמישע אויפ־גאַבע, אַ קאָנסטרוקטיווע, אַ שאַפערישע, וואָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. די שוועריקייטן זענען אין אונדז און אין לאַנד, מיר קאָנען און מיר וועלן זיי בייקומען — ווייל מיר פאַרמאָגן איבערגעגעבנקייט אין ליבע. מען קאָן ניט אָנטרויען אַ קינד יעדער פרוי — מעג זיין אַן אָרנטלע־כע און פיינע פרוי. אָבער מען קאָן אָנטרויען יעדעס קינד זיין מוטער...

די יידישע מדינה וועט האָבן צוויי אויפגאַבעס:

א. די זאָרג פאַר די באַדערפעניש פון די איינוווינער, אָן אונטער־שייד — יידן, אַראַבער אָדער אַנדערע, די זאָרג פאַר זייער זיכערקייט, וווילזיין און נאָכאַנאַנדיקן פּראָגרעס פון עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און קולטו־רעלן שטאַנדפּונקט.

ב. דער המשך פון בויען די נאַציאָנאַלע היים — אויפנעמען די יידישע עליה און שאַפן נייע פּרנסה־קוואַלן פאַר די נייע עולים דורך אַנט־וויקלונג און בוי, ניט אָנרירנדיק די אינטערעסן פון דעם פאַראַנענעם ישוב, דעם אַראַבישן און דעם יידישן. (11טער מערץ 1946).

***

מיר קאָנען אַרויסשטעלן נאָר איין פאָדערונג, די היסטאָרישע פאָדע־

רונג פון יידישן פאָלק אויף מלוכהשער אויפריכטונג פון ארץ־ישראל ווי אַ יידישע מדינה.

אָבער די פאָדערונג אַליין איז היינט ניט גענוג, ווייל זי איז הויל און טעאָרעטיש. עס איז ניטאָ די מעגלעכקייט צו פארוואנדלען שוין גאַנץ ארץ־ישראל אין אַ יידישער מדינה. מיר טאָרן טאַקע ניט איינוויקלען די פאָן און באַגרענעצן אונדזערע פאָדערונגען און רעכט, אָבער מיר טאָרן זיך אויך ניט באַנוגענען מיט הוילע פאָדערונגען אַליין, וואָס לאָזן זיך ניט דורכפירן גלייך. דער צייט־גורם אין אַן אַנטשיידנדיקער גורם אין אונדזער גורל, סיי אין לעבן פון ישוב, סיי אין לעבן פון די פאַרבליבענע אין אייראָפּע און סיי אין לעבן פון די יידישע קיבוצים אין תימן, פּערסיע און אַנדערע לענדער, וואָס ווילן ניט און קאָנען ניט זיין אָפּהענגיק פון בלויז פרעמדן גנאָד. צי דער פרעמדער איז די מאַנדאַט־רעגירונג, צי דער פרעמדער איז אַן אַראַבּישע פּאַרטיי. (22טער מיי 1947).

**
*

דער צוזאָג וואָס איז געגעבן געוואָרן די יידן איז דערווייל ניט דער־פילט געוואָרן. עס איז ניטאָ קיין ספק אין דעם וואָס איז געווען דער אינ־האַלט פון דעם צוזאָג: ניט בלויז אַ יידישע אוניווערסיטעט, ניט אַ גייס־טיקער צענטער, ניט אַ געמיינדע פון 600.000 נפשות, ניט אַ מיעוט. די ענגלישע און אַראַבּישע פּאָליטיקער האָבן דעמאָלט ווויל געוווסט די באַדיי־טונג פון דעם צוזאָג וואָס איז געגעבן געוואָרן די יידן. די אָריגינעלע כוונה פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און פון דעם מאַנדאַט וואָלט פאַרווירק־לעכט געוואָרן, און די יידישע קאָמאַנוועלט וואָלט געוואָרן אַ לעבעדיקער פאַקט נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה — ווען די מאַנדאַטאַרישע מאַכט וואָלט אויסגעפירט אירע התחייבותן לויטן מאַנדאַט אַנטשלאָסן און אויסגעהאַלטן. איך בעט אייך, רבותי, זיך פאָרשטעלן אויף אַ ווײַלע, אַז פאַרן אויסברוך פון דער לעצטער מלחמה וואָלטן זיך געפונען אין דער יידישער מדינה אין ארץ־ישראל צוויי אָדער דריי מיליאָן יידן; מיינט איר דען אַז דער אומגליק וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק אין אייראָפּע — וואָלט פאָרגעקומען? היטלער האָט אונטערדריקט און פאַרשקלאַפט אַלע פעלקער וואָס ער האָט איינגענומען — די האָלענדער, די טשעכן, די יוגאָ־סלאַוון און אַנדערע — אָבער ער האָט אויסגעטיילט נאָר איין פאָלק פאַר טאָטאַלער פאַרטיליקונג — דאָס יידישע, ווייל דאָס פאָלק איז געווען הפקר; אָן אַן אייגן לאַנד, אָן אַן אייגענער רעגירונג, אָן אַן אייגענער מדינה, וואָס וואָלט געקאָנט פאַרטיידיקן, אַריינמישן זיך, ראַטעווען און מלחמה האַלטן.

רבותי, איך פרעג אייך אַ שאלה: ווער איז גרייט און פעאיק אונדז

צו גאַראַנטירן אַז דאָס וואָס האָט פּאַסירט מיט יידן אין אייראָפּע וועט זיך ווידער ניט איבערחזרן? קאָן דען דאָס מענטשלעכע געוויסן — און מיר גלייבן אַז ס'איז פאַראַן אַ מענטשלעך געוויסן — אָפּטרייסלען פון זיך יעטוועדע אחריות פאַר יענעם אומגליק? פאַראַן נאָר איין זיכערונג: אַ היימ־לאַנד און אַ מדינה. אַ היימלאַנד, צו וועלכן אַ ייד וועט זיך קאָנען אומקערן רעכטלעך און אין פולער פרייהייט; אַ מדינה, ווו ער וועט זיין דער באַ־לעבאָס איבערן אייגענעם גורל.

די צוויי זאכן קאָנען געמאָלט זיין דאָ און בלויז דאָ. אויף די צוויי גרונטרעכט וועט דאָס יידישע פאָלק ניט קאָנען מוותר זיין און וועט זיך ניט אָפּזאָגן פון זיי, פאַר קיין שום פרייז! (4טער יולי 1947).

***

די זעלבשטענדיקייט וואָס שטייט אונדז פאַר — און אפשר גאָר אין גיכן — באַטייט ניט נאָר אַ באַפרייען זיך פון פרעמדן יאָך. דאָס באַפרייען זיך פון פרעמדער הערשאַפט איז ניט מער ווי דער נעגאַטיווער כאַראַקטער פון דער זעלבשטענדיקייט, דער ניט־עיקרדיקער. די זעלבשטענדיקייט האָט אַ פּאָזיטיון באַטייט, און דאָס איז דער עיקר. און דער פּאָזיטי־ווער אינהאַלט פון דער זעלבשטענדיקייט מיינט — אַחריות, אַ שווע־רע און גרויסע אחריות, אַ קאָלעקטיווע אחריות פון יידישן קיבוץ, און דאָס טראָגן דעם עול פון עליה, אַנטוויקלונג, גלייכקייט און שלום — פיר גרונטזיילן אויף וועלכע עס וועט זיך באַזירן די יידישע מדינה ווען זי וועט אַנטשטיין.

אין דער יידישער מדינה וועלן מיר זיין פאַראַנטוואָרטלעך ניט נאָר פאַר די יידן — נאָר פאַר אַלע איינוווינער פון לאַנד, און פאַר אַלע איינוווינער פון לאַנד אין אַ גלייכער מאָס. אונדזער זאָרג וועט ניט זיין קאָנצענטרירט בלויז אויף יידישע ישובים און בלויז אויף דערציאונג און געזונט־פאַרזאָרגונג פון דעם יידישן ישוב אַליין — נאָר אויף יעדן ישוב, אַ יידישן אַזוי גוט ווי אַן אַראַבישן אין אַ גלייכער מאָס... (29טער אָקטאָבער 1947).

***

די גרינדונג פון דער יידישער מדינה, ווי געזאָגט, וועט ניט געשען און וועט ניט פאַרזיכערט ווערן אָן אַ גרויסער און וואַקסנדיקער עליה און קאָלאָניזאַציע־שאַפונג. דאָס ווילזיין און די זיכערקייט פון דער מדינה וועלן

זיין אָפּהענגיק אויך פון איר  א ו י ס ע ר ן - פּ אָ ל י ט י ק : לגבי אירע אַראַבישע שכנים און לגבי דער וועלט.

אָן אויסגעהאלטענע, ענערגישע און דינאמישע באַמיאונג צו פאַרזי־כערן די פריינדלעכע באַציאונגען און קעגנזייטיקע הילף מיט די שכנותדיקע לענדער — און אין דער ערשטער ריי מיט די אַראַבישע לענדער — איז דער ערשטער און וויכטיקסטער געבאָט אין דער אויסערן־פּאָליטיק פון מדינת־ישראל. די פיינטלעכע באַציאונגען וואָס עס ווייזן איצטער אַרויס די אַראַ־בישע לענדער צו דעם יידישן ארץ־ישראל זענען אין אַ גרויסער מאָס גע־מאַכטע און צעבלאָזענע, און ס'איז ניט געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך לאַנג ציען אויך נאָך דער אנטשטייאונג פון דער מדינה. די באַציאונג פון דער יידישער מדינה צו אירע אַראַבישע בירגער וועט גילטן ווי אַ וויכטיקער גורם — הגם ניט דער איינציקער — אין אָנבינדן שכנותדיקע באַציאונגען מיט די אַראַ־בישע לענדער. אויף וויפל דער אַראַבישער בירגער אין אונדזער מדינה וועט זיך פילן ווי ביי זיך אין דער היים, און זיין שטאנד וועט זיין ניט אַ האָר אַנדערש פון שטאנד פון דעם יידן, און אפשר בעסער פון דעם שטאנד פון אַן אראַבער אין אַן אַראַבישער מדינה, און די מדינה וועט אים געטריי און נאָכאנאנד צוהעלפן דערגיין צו דעם עקאָנאָמישן, סאָציאלן און קולטורעלן לעבנס־ניוואָ פון דעם יידישן ישוב, אויף אַזויפיל וועט שוואכער ווערן דער אראבישער חשד און עס וועט אויסגעבויט ווערן אַ בריק  צו אַ  סעמיטישן בונד, יידיש־אַראַבישן אין דעם נאָענטן מזרח. אויך דער בוי אוז די פאַר־פעסטיקונג פון דער מדינה דורך גרויסע שאַפונגען פון עליה און קאָלאָני־זאציע — אויך זיי וועלן מיטהעלפן אויסצוואָרצלען די קעגנערשאַפט און פיינדלעכע אינטריגעס וואָס פאַרסמען היינט צו טאָג די אַראַבישע פּאָלי־טיק לגבי אונדז. אין דער מאָס וואָס עס וועט וואקסן דער אינעווייניקסטער כוח פון דער יידישער מדינה אַלץ מער  וועט שטייגן איר אָנזען ביי  די שכנים.

און אויב צו די צוויי, — דעם אינעווייניקסטן וווקס פון אונדזער מדינה און דעם פּראָגרעס פון אירע אַראַבישע בירגער — וועט צוקומען אַ  קלוגע און אויסגעהאלטענע פּאָליטיק פון קעגנזייטיקער הילף און גוטע  שכנישע באַציאונגען מיט די אראבישע לענדער, איז דאָ  אַ גרונט צו גלייבן,  אַז פריער אָדער שפּעטער וועט געשאפן ווערן אַ יידיש־אַראַבישער בונד,  וואָס וועט זיין אַ ברכה פאַרביידע פעלקער  און  פאַרן  נאָענטן מזרח  בכלל.

אָבער די שטרעבונג צו אַ  יידיש־אראבישער קאָאָפּעראציע ניט נאָר אין דער מדינה, נאָר אויך אין גאַנצן נאָענטן מזרח — וועט אונדז מחייב זיין צו זאכן וואָס מען דאַרף אויך  נ י ט  טאָן. די ערשטע זאך איז אָפּ־האַלטן זיך פון יעדער פּראָפּאגאנדע און העצעריי פון אירידענטע.

אַ ליאדע חדר־ייִנגל ווייסט, אַז עס זענען ניט פאַראן אין דער געשיכטע קיין ענדגילטיקע באַשטימונגען. די געשיכטע אַזוי גוט ווי די נאַטור  ענ־

דערט זיך און בייט זיך, און די פעסטע זאַך, די איינציקע אפשר, איז די ענדערונג. דאָס לעבן איז אַן אייביקער פּראָצעס פון ענדערונג, צעטיילונג און פאַראייניקונג, צעשפּרייטונג און קאָנצענטרירונג. יעדער מענטש וואָס וועט נאָכקוקן זיין לעבן און יעדער פאָלק וואָס וועט פאָרשן זיין געשיכטע וועט זיך גלייך אָנשטויסן אָן דעם פּשוטן און עלעמענטאַרן אמת.

אָבער אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן לעבן ווערן באַשטימט איינאָרדע־נונגען און איינפירונגען — און אַזוי לאַנג ווי זיי עקזיסטירן דאַרף מען זיי אַכטן און זיין געטריי צו זיי, אויב זיי זענען אין גרונט געוווּנטשן און פירן צו פּראָגרעס. די באַשטימונג פון די פאַראייניקטע פעלקער צו שאַפן אַ יידישע מדינה איז איינע פון די גרעסטע און וויכטיקסטע איינאָרדענונגען אין אונדזער צייט. און דער גרונטגעבאָט פון ווילזיין פון דער מדינה, איר זיכערקייט און וווּקס, איז אַזאַ אויסערן־פּאָליטיק, וואָס זאָל שאַפן פריינדלעכע באַציאונגען און אַ בונד מיט דער אַראַבישער וועלט.

און דער צווייטער יסוד פון אונדזער אויסערן־פּאָליטיק — איז אָריענ־טאַציע אויפן וועלט־שלום און די אייניקייט פון דעם מענטשלעכן מין. דאָס באַטייט, אַז די פריינדשאַפט פון דער יידישער מדינה און איר סימפּאַטיע איז אַ גלייכע לגבי אַלע פעלקער פון דער וועלט, און אַז די יידישע מדינה לייגט צו אַ האַנט צו יעטוועדן אינטערנאַציאָנאַלן שריט און אַקט וואָס פאַרשטאַרקט דעם וועלט־שלום, פאַרפעסטיקט די אינטערנאַציאָנאַלע ברי־דערלעכקייט און פאַרגרעסערט די השפּעה און טעטיקייט פון דעם פאַרבאַנד פון די פאַראייניקטע פעלקער, און זי מיידט אויס אַלץ וואָס קאָן דערפירן צום איינזייטיקן צושטיין צו קעגנערס און קאָנקורענטן, און דערווייטערט זיך פון יעדער זאַך וואָס קאָן טיפער מאַכן די אָפּגעזונדערטקייט און אָפּגע־טיילטקייט פון די פעלקער.

אין דער גרויסער געשעעניש וואָס איז אויסגעפאַלן אויף דער פעלקער־פאַרזאַמלונג, ווו די מלוכות וואָס האָבן געשטימט פאַרן שאַפן די יידישע מדינה האָבן אויסגעמאַכט אַ מערהייט פון 33 קעגן 13, איז געווען אַריינ־געפלאָכטן א צווייטע גרויסע געשעעניש, — אז אין דער מערהייט האָבן זיך געפונען צוזאַמען סיי די פאַראייניקטע שטאַטן און סיי דער ראַטנפאַרבאַנד. דער פאַקט אַליין איז אונדז מחייב. דער פאַקט איז אויך באַלערנדיק: ער ווייזט אַז עס איז ניטאָ קיין אומבאַדינגטער קאָנטראַסט צווישן דעם מערב און דעם מזרח, און אַמעריקע און ראַטנפאַרבאַנד קאָנען געפינען אַ צוזאַ־מענדיקע שפּראַך. מיר מוזן ניט אָננעמען דעם באַקאַנטן שאַבלאָן וועגן דער צעטיילונג פון דער וועלט אויף צוויי בלאָקן — ווי אַ היסטאָרישע גזירה, און דאַרפן זיך ניט צואיילן אין באַשליסן, צו וועלכן בלאָק מיר שטייען צו. מיר שאַצן סיי אַמעריקע און סיי ראַטנפאַרבאַנד. די יידישע מדינה וועט זיך אָנשליסן אָן די פאַראייניקטע פעלקער — און זי וועט קומען אַהין מיטן גרויסן באַגאַזש פון די ישראל־נביאים וואָס האָבן גע־

פריידיקט שלום צווישן די פעלקער. מיר וועלן זען אין יעדער מדינה דאָס גוטע און דאָס בעסטע ביי איר, און מיר וועלן געפינען דאָס פאַראייניקנ־דיקע און דאָס שותפותדיקע אין יעדער פאָלק. ווי פרייע מענטשן וועלן מיר אָפּשאַצן די מעלות און חסרונות פון אַלע סיסטעמען, אָבער איבער יעדער סיסטעם, וואָס האַלט זיך אין בייטן אין יעדער לאַנד, ווי אַ נאַטירלעכע און היסטאָרישע דערשיינונג, וועלן מיר זען דעם גאַנצן מענטשלעכן מין, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט, און מיר וועלן שטיצן מיט אונ־דזערע באַשיידענע מעגלעכקייטן די כוחות וואָס שטאַרקן דעם שלום אויף דער וועלט.

ניט נאָר אונדזער היסטאָרישע טראַדיציע און אונדזער באַגייסטע מלוכהשע עקסיסטענץ פאָדערן אַ שלום־פּאָליטיק און די פאַראייניקונג פון מענטשלעכן מין — נאָר אויך די ל א ג ע פ ו ן י ש ר א ל צ ו י־ש ן ד י פ ע ל ק ע ר. צוויי דריטל פון אונדזער פאָלק אין גלות זענען צעשפּרייט אין די מערב־לענדער, ביי אַ דריטל — אין די מזרח־לענדער. דער בולטער פאַקט, וואָס וועט זיך ניט פיל ענדערן אין דער נאָענטסטער צייט, איז אַליין גענוג אויף אָנצומערקן אַן אויסערן־פּאָליטיק פון שלום און גוטן ווילן לגבי אַלע פעלקער פון דער וועלט, גרויסע און קליינע, סיי די וואָס זענען אין מזרח און סיי די וואָס אין מערב. יעדע איינזייטיקע אָריענטאַציע, יעדער אָנלענען זיך אויף אַ נייער וועלט־מלחמה, יעדע איינשטימיקייט מיט פיינטלעכע צדדים — איז אַ פאַרלייקענונג פון דעם יידישן היסטאָרישן געבאָט, פון דער אמתער זעלבשטענדיקייט פון מדינת ישראל, פון די וויכטיקסטע באַדערפעניש פון יידישן פאָלק אויף דער וועלט, און פון וויכטיקסטן אינטערעס פון דער גאַנצער מענטשהייט — דער שלום צווישן פעלקער.

און אַזוי ווי מיר וועלן אויסגעפּרווּוט ווערן אין אונדזער אויסערן־פּאָליטיק — אַזוי אויך וועלן מיר אויסגעפּרווּוט ווערן אין דער א י נ ע ר־ל ע כ ע ר פ אָ ל י ט י ק. מיר מוזן ניט — און ס'איז ניטאָ קיין מעג־לעכקייט דערצו — אָנצייכענען אונדזער פּאָליטישע ליניע ביזן סוף פון אַלע דורות. דאָס לעבן איז אַ כסדרדיקער שטראָם פון ענדערונגען און בייטונגען, און מען קאָן ניט פאָראויסזען אַלע גורמים און די אומשטענדן וואָס וועלן קערעווען מיט אונדזערע מעשים אין דער צוקונפט. אָבער פאַר דער תקופה פון פאַרווירקלעכונג און לייגן גרונטשטיינער — די תקופה פון די ערשטע צען יאָר פון מדינה־קיום, — ביז מיר וועלן דערגיין צו צוויי מיליאָן יידן און ביז מיר וועלן לאָזן וואָרצלען אין אַלע מדינה־שטחים, פון דן ביז אילת, און פון חיפה ביז עין־גדי, דאַרפן מיר פאַרזיכערן אַן אינעווייניקסטע ס ט א ב י ל ק י י ט און מאַקסימאַלע א ח ד ו ת, און דאָס קאָן גע־מאָלט זיין נאָר דורך דער עקזיסטענץ פון אַ נאַציאָנאַלער קאָאַליציע וואָס

באַזירט זיך אויף דריי צענטראַלע פּרינציפּן וואָס באַשטימען די מיסיע, קיום און זיכערקייט פון דער מדינה.

א. דער ציוניסטישער פּרינציפּ — וואָס זעט אין דער מדינה אַ מיטל צו לייזן די יידישע פראַגע דורך קיבוץ־גלויות און פאַר־וואָרצלען אים אין היימלאַנד ווי אַ גלייך פאָלק אין דער פעלקער־משפּחה. לויט דעם פּרינציפּ באַנוגנט זיך ניט די מדינה מיטן באַקומען זעלבשטענדי־קייט פאַר די יידן אין ארץ־ישראל, נאָר זי דינט ווי אַ מכשיר און סטימול פאַר אַ גרויסער און שטענדיקער עליה און באַזעצן זיך.

ב. דער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ, — וואָס פאַרזיכערט די פרייהייט פון יחיד, פרייע און גלייכע וואַלרעכט פאַר יעדן בירגער, אָן אונטערשייד פון קלאַס, געשלעכט און פאָלק, צו אַלע מלוכהשע אינסטיטו־ציעס, צענטראַלע און לאָקאַלע, און דער פּרינציפּ פון דער מערהייט. יעדער פּרווו פון די מיעוטים צו באַנוצן כוח, יעדער אונטערדריקונג פון פרייען אויסדרוק, פרייהייט פון געווויסן, פרייהייט פון גלויבן, פרייהייט פון אָר־גאַניזירן זיך, פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, פרייהייט פון פּרעסע; יעדע דיסקרימינאַציע בנוגע די גרונטרעכט פון דעם בירגער — די רעכט צו וויילן זיינע פאָרשטייער, שטערן און פּענטען די יידישע מדינה שוין פון אָנהייב אָן.

ג. דער פּרינציפּ פון יידיש־אַראַבישער קאָאָפּע־ראַציע. די יידישע מדינה שטייט פאַר קאָלאָסאַלע שוועריקייטן אין איר אַנטוויקלונג, ווען אַפילו אַלע בירגער אירע וואָלטן זיין פון איין פאָלק — יידן בלויז. ווייל שוין אין אָנהייב פון איר שאַפונג האָט פאַר זיך די מדינה צוויי שווערע אויפגאַבעס, וואָס שטייען ניט פאַר קיין שום אַנדער מדינה: פיר פינפטלען פון די לאַנד־שטחים זענען וויסט — און אויב זיי וועלן אויף אַ לאַנגער צייט פאַרבלייבן אַזוי, וועט די מדינה ניט עקזיסטירן. על כל פּנים וועט זי ניט איינהאַלטן די וויסטע שטחים; אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס פאַר איר איז באַשטימט די מדינה — זיצט נאָך ניט אין איר, נאָר איז צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

ניט קיין קליינע שוועריקייט — און אפשר די גרעסטע פון אַלע — איז דער אַראַבישער גורם, און אָן אַ דורכאויסיקער מי צו דערנענטערן זיך און צום קעגנזייטיקן צוטרוי און קעגנזייטיקע באַציאונגען וועט ניט פאַרפעס־טיקט ווערן די זיכערקייט. און די יידיש־אַראַבישע דערנענטערונג וועט ניט דערגרייכט ווערן דורך פּראָפּאַגאַנדע און דעקלאַראַציעס — נאָר דורך אַ פּערמאַנענטער פּאָליטיק פון גלייכקייט און גלייך מאַכן, מיט אַ פּאָליטיק פון איין און דעם זעלביקן געזעץ פאַרן יידן און אַראַבער, מיט אַ פּאָליטיק פון גוטער און געטרייער פריינדשאַפט צו די שכנישע לענדער.

אַלע קערפּערשאַפטן, פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אין ישוב, וואָס נעמען אָן מיטן גאַנצן האַרצן די דריי פּרינציפּן, הגם זיי גייען זיך פונאַנדער

אין אייניקע פראגעס און באציאונגען — דארפן זיך צוזאמענגעמען כדי צו פירן די יידישע מדינה אין דער שווערסטער און סכנהדיקסטער תקופה — אין דער תקופה פון גרינדונג און פאַרווירקלעכונג.

נאָר מיט דער פאַראייניקטער באַמיאונג פון אַ נאַציאָנאלער קאָאַלי־ציע, וואָס איז געבויט אויף די פרינציפּן פון דעמאָקראַטישן און פּראָגרע־סיוון ציוניזם, קאָן געמאָלט זיין דער בוי, שלום און פראָגרעס פון דער יידי־שער מדינה — מיט אירע אַראַבישע בירגער און שכנים.

כדי צו פאַרזיכערן דעם ציוניסטישן, דעמאָקראַטישן און פּראָגרעסיוון כאַראַקטער פון דער נאַציאָנאַלער קאָאַליציע, איז אומבאַדינגט נייטיק די חלוצישע העגעמאָניע אין דער יידישער מדינה, אַזוי ווי זי איז געווען נייטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין ישוב.

אויפן יידישן אַרבעטער האָט די געשיכטע אַרויפגעלייגט אַ בכבודיקע שליחות: בויען דאָס לאַנד. די שליחות האָט זיך דאָס מאָל דערהויבן: ער דאַרף פון איצטער אָן בויען די מדינת ישראל, און בויען זי וועדליק זיין געשטאלט. דאָס יידישע פאָלק אין זיין לאַנד וועט זיין אַן ארבעטער־פאָלק, אַ פריי פאָלק, וואָס שאַפט מאַטעריעל און גייסטיק, מיט פראַצע און מוח, אַ פאָלק פון גלייכע, מיט גלייכע רעכט און התחייבותן, אַ פאָלק, וואָס האָט ניט קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע, אויסנוצער און אויסגענוצטע, פאַרשקלאפער און פאַרשקלאפטע, נאָר שותפים און חברים אין דער אַרבעט און אין דער ווירטשאַפט, אין קולטור און דערציאונג, אין דער געזעלשאַפט און אין דער מדינה.

אין אויספורעמען די געשטאלט פון זיין פאָלק, דעם באַנייטן און באַ־פרייטן, וועט דער יידישער אַרבעטער זיך ניט אונטערוואַרפן צו אַ מוסטער וואָס איז אויפגעצווונגען פון דרויסן און וועט ניט נאָכטאָן בלינדערהייט, נאָר ער וועט באַשטימען זיין וועג, ווי אַ פרייער בירגער אין דער אַרבעטנ־דיקער מענטשהייט. (13טער דעצעמבער 1947).

***

...קאָן זיין אז מיר גייען איצט אַריבער פון דער „גרויסער" תקופה, די תקופה פון העלדישע מעשים און ניצחונות אויפן מיליטערישן און פּאָליטישן געביט, וואָס האָט געענדערט די יידישע און די ארץ־ישראלדיקע געשיכטע און באַנייט אונדזער לעבן פון אַמאָל, — צו דער תקופה פון „קליינקייטן", די תקופה פון גראָער און נאָכאַנאַנדיקער באַמיאונג, פון לאַנדווירטשאַפט־לעכן אויפבוי און מלוכהשער אָרגאַניזאַציע אין וועלכער עס איז אפשר ניטאָ קיין פּוץ און קיין גלאַנץ און קיין דראַמאַטישע גבורה, נאָר בלויז אַ שווערע, שטענדיקע און איבערגעגעבענע פּראַצע: די באַמיאונג צו באַזעצן עולים און זיי איינוואָרצלען, באַפרוכפּערן פאַרלאָזענע און וויסטע באָדנס און זיי

אויפלעבן, אויפשטעלן פאַבריקן און וואַרשטאַטן און זיי פאַרגרעסערן, שאַפן קאָמוניקאַציע־מיטלען אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופטן, אויפ־האַלטן בילדונג, געזונט און פאָלקס־פאַרזיכערונג און זיי פאַרפולקומען, מאַ־בילוזירן געלטמיטלען אין אַזאַ מאָס ווי מיר האָבן ביז איצט ניט געוווסט — פאַר זיכערקייט, אויפנעמען עולים און נאָכקומען די באַדערפענישן פון מדינה און פאָלק.

אָבער ווער עס מיינט אַז די „קליינקייטן" וואָס ווערן איצט געפאָ־דערט פון אונדז זענען צווייטראַנגיקע און ווינציקער וויכטיקע און באַשטי־מענדיקע פון די „גרויסע זאַכן" — דער האָט אַ ביטערן און געפערלעכן טעות. דער עקאָנאָמישער און דער אָרגאַניזאַטאָרישער נסיון פאַר וועלכן מיר וועלן זיך אַצינד געפינען איז ניט ווינציקער ערנסט און וויכטיק ווי די מלחמה־פּראָוווּנג — נאָר זי איז דויערנדיקער, און אין אַ ריי פּרטים שווערער.

מיט זייער פאַרברעכערישן און אכזריותדיקן איבערפאַל האָבן אונ־דזערע שונאים געמיינט אַרויסצורייסן ביי אונדז ניט נאָר די רעכט אויף זעלבשטענדיקייט און מלוכהשע אויפריכטונג, נייערט אויך אונדזער עצם עקזיסטענץ און אונדזער לעבן אין היימלאַנד. פון דער בלוטיקער פּראָוווּנג זענען מיר אַרויס בשלום און בכבוד, הגם עס איז נאָך ניט קלאָר דערוויל, צי דער קאַפּיטל האָט זיך אין גאַנצן פאַרענדיקט. מיר זענען גרייט צום קאַמף, און אויב מיר וועלן ווידער אַמאָל באַפאַלן ווערן — וועלן מיר ווידער קאָנען ביישטיין, כאָטש מיר וועלן ניט זשאַלעווען קיין מי און מיר וועלן ניט מיד ווערן צו מאַכן יעדער פּרווו כדי צו דערפירן צו אַ בכבודיקן שלום און זיכערקייט מיט אונדזערע אַלע שכנים. אָבער לאָמיר זיך ניט נאַרן — נאָך דעם ווי דער שלום וועט שוין קומען וועלן מיר נאָך אַלץ ניט האָבן קיין רו, אונדזער היסטאָרישע אויפגאַבע וועט זיך ערשט דעמאָלט אָנהייבן מיטן גאַנצן פאַרנעם. די אויפריכטונג פון מדינת ישראל איז נאָר די ערשטע מדרגה אין דער פאַרווירקלעכונג פון אונדזער היסטאָרישער וויזיע. דורות אויף דורות האָבן געליטן, געפּייניקט געוואָרן און אַוועקגעגעבן די לעבנס פאַר זייער גלויבן אין דער וויזיע פון אחרית־הימים. דער גלויבן וועט ניט פאַרפירן, און די וויזיע פון אחרית־הימים וועט דערשיינען. אַ קיבוץ גלויות איז דער פאַרבאַדינג צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער וויזיע מיט איר גאַנצן, גרויסן מענטשלעכן אינהאַלט. און די ערשטע און הויפּטמיסיע פון מדינת ישראל הייננט צו טאָג איז קיבוץ גלויות. אין די ערשטע ניין חדשים פון מדינה־קיום — ווען די מלחמה אויף לעבן און טויט האָט געפלאַקערט ביי אונדז — זענען אַריין אין לאַנד איבער הונדערט און פופציק טויזנט עולים, כמעט פיר מאָל אַזויפיל ווי די עולי־בבל. און דאָס איז נאָר אַן אָנהייב. אַלץ וואָס אַ מענטש איז אומשטאַנד צו טאָן וועט געטאָן ווערן כדי דער עליה־שטראָם זאָל ניט שוואַכער נאָר שטאַרקער ווערן. אָבער עליה איז ניט אַרי־בערפירן יידן פון די גלות־לענדער קיין ארץ. די עליה אָפּקומענישן הייבן זיך

אָן ערשט דאָ, אין לאַנד, און לאָמיר זיך ניט אָפּשרעקן פאַר די קאָלאָסאַלע און שרעקלעכע שוועריקייטן פון אויפנעמען די עליה. לאָמיר געדענקען אַז די עליה שטראָמט ניט צו קיין איינגעפונדעוועטער, אויסגעבויטער, רואיקער און איינגעאָרדנטער מדינה — נאָר צו אַ צאַרטער און יונגער מדינה וואָס איז אויפגעקומען אין דעם תוהו־ובוהו און דעם מיש־מאַש און פלאָג פון אינ־טערנאַציאָנאַלע מלחמות און צוזאַמענשטויסן, און דער קליינער, אָרעמער יישוב דאַרף אויפנעמען אין אַ קורצער צייט אַן עליה, וואָס איז גרעסער פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד.

...רבותי, מיר ווייסן, אַז עס איז אַ סך גרינגער צו פאָרמולירן אַ גע־געוווּנטשענע און שיינע פּראָגראַם — איידער זי אויסצופירן, און מיר רע־כענען זיך מיט די שוועריקייטן פון אויספירן. דער רעאַליסט ווערט אונדז אפשר זאָגן אַז די זאַכן לאָזן זיך ניט דורכפירן. דער פּרווו צו טאָן פאַר אַ מאָל דריי זאַכן וואָס זענען סותר כביכול איינע די אַנדערע — זיכערקייט, אַ גרויסע עליה און אַ לייטישער לעבנס־ניוואָ — איז אָן שום ספק אַ ניט קיין געוויינטלעכער פּרווו און אַ גאַנץ דרייסטער. וועלן מיר קאָנען באַ־הייבן די דאָזיקע דרייפאַכיקע משא? מיר — די רעגירונג, די כנסת, דאָס פאָלק?

דער ענטפער איז: ניטאָ קיין ברירה. דאָס איז אונדזער גורל. מיר מוזן זיך פאַרנעמען מיט אונדזער זיכערקייט אויך נאָכן פאָרמעלן שלום, ווייל אין איר שטעקט אונדזער קיום. מיר מוזן צואיילן און פאַרשטאַרקן דעם עליה־שטראָם ביז צו די מעגלעכע גרענעצן — ווייל קיבוץ גלויות איז דער זינען פון אונדזער קיום, און אויך דער תנאי פון אונדזער קיום. ניט די ביקס, דער האַרמאַט און דער מלחמה־עראָפּלאַן האָבן געראַטעוועט ישראל — דאָס האָט אויך אונדזער שונא געהאַט — נאָר דער יידישער מענטש, וואָס האָט געהאַלטן די ביקס און געשאָסן פון האַרמאַט און געפלויגן מיטן עראָפּלאַן. ניט דער אַקער און דער רידל און די מאַשין האָבן אויפגעשטעלט און געבויט דעם ישוב — נאָר דער שאַפנדיקער, חלוצישער מענטש, וואָס האָט געהאַלטן דעם אַקער און דעם רידל און די מאַשין און האָט באַלעבט מיט זייער הילף דעם מידבר — און געבויט פאַבריקן און שולן און אַריינ־געגעבן אין האַרצן פון פאָלק און יוגנט — די וויזיע און די גבורה.

...און אויב איר ווערט פרעגן: האָבן מיר אַ גוט און אויסגעפּרווט מיטל, און דער עיקר — די מאַטעריעלע מיטלען בייצוקומען גרינג די קאָלאָסאַלע שוועריקייטן וואָס זענען פאַרבונדן מיט די דריי אויפגאַבעס וואָס שטייען פאַר מדינת ישראל אין דער תקופה — וועל איך אויסזאָגן דעם אמת: מיר האָבן ניט אַזאַ מיטל. און די אַרבעט ווערט ניט גרינג זיין — ניט אונדז, ניט אייך, חברים פון כנסת, און ניט אונדזערע וויילערס. און קאָן זיין, אַז מיר וועלן ניט איין מאָל געשטרױכלט ווערן — און דאָך האָבן מיר זיך ניט אָפּ־געשראָקן און וועלן זיך ניט אָפּשרעקן פון דער שליחות וואָס איז אויף אונדז

אַרויפגעלייגט געוואָרן. ווייל מיר האָבן זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן. מיר פאַרלאָזן זיך קודם כל אויפן קוואַל פון שאַפערישקייט און ליבע וואָס איז פאַרבאָרגן אין דעם יידישן פאָלק ווו ער זאָל ניט זיין, אַ קוואַל וואָס כאָטש ער איז געווען אַ היפּשע צייט און אין גרעסטן טייל פאַרמאַכט און פאַר־זיגלט — האָט דער אויפקום פון מדינת ישראל, און איר דרייסטע מלחמה — אַראָפּגעקייקלט דעם שטיין פון קוואַל, און אין האַרצן פון גאַנצן יידישן פאָלק, אין אַלע טיילן פון יידנטום, אָן אונטערשיד פון אַ ציוניסט אָדער ניט ציוניסט, אויסער סיידן קליינע גרופּעס רשעים — שפּרודלט איצטער אַ גרויסע געטרייע ליבע צו מדינת ישראל, און פאַראַן אַן אויפריכטיקער ווילן צו העלפן איר בוי און שוץ. און אויב מיר וועלן קאָנען אַקטיוויזירן די ריי־כע, פאַרבאָרגענע כוחות און מיר וועלן זיי צובינדן צו די גרויסע עליה־ און בוי־שאַפונגען וואָס מיר דאַרפן דורכפירן, — וועלן מיר זיך ניט אָפּנאַרן.

מיטן אויפקום פון מדינת ישראל איז ניט פאַרשוווּנדן די חלוצישע תקופה, אַדרבא, פון איצטער אָן וועט זי זיך צעוואַקסן און ווערן וואָס אַ מאָל שטאַרקער — ווי זי איז נאָך קיין מאָל ניט געווען, ווייל עס האָט זיך געפונען די קאָוואַדלע פאַרן חלוצישן האַמער — די פאַרלאָזטע גליל־בערג און די וויסטעס פון נגב די צעשטערטע איינגענג קיין ירושלים און די ים־ברעגן, וואָס רופן יעדער מוטיקן: קום און באַצווינג אונדז.

און נאָך אַ זאַך וואָס וועט אויפטאָן דעם וווּנדער — דאָס איז די קראַפט פון וויסנשאַפט און טעכניק וואָס מיר וועלן צושמידן צו אונדזער אַרבעט. אין אונדזער דור קומט אפשר פאַר די גרעסטע איבערקערעניש אין דעם מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט, — ניט קיין מאַכט־איבערקערעניש וואָס דריקט זיך אויס אין דער הערשאַפט פון אַ מענטשן איבער אַ מענטשן און אַ פאָלק איבער אַ פאָלק, נאָר די איבערקערעניש אין דער מאַכט פון מענטשן איבער די מעכטיקע און פאַרבאָרגענע כוחות פון דער נאַטור — אין דער אטאָם־קראַפט און אין באַהערשן די לופט און דעם רוים און די סודות פון קאָסמאָס. מיר קאָנען זיך ניט פאַרגלייכן מיט אַ סך פעלקער אין כוח, אין רייכקייט, אין צאָל און מאַטעריע — אָבער עס איז ניטאָ קיין סיבה אויף דער וועלט מיר זאָלן זיין נידעריקער פון אַ וועלכן עס איז פאָלק אויף דער וועלט מיט אונדזער אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער מעגלעכקייט, די־אַ איינציקע און גרויסע ירושה וואָס עס האָט אונדז איבערגעלאָזט די יידישע געשיכטע, אַ דורכגעווייקטע מיט פּיין, צער און אַ העלדישע אין גייסט.

ווי די פיינערע פעלקער אויף דער וועלט דאַרפן מיר דערפירן די וויסנ־שאַפטלעכע פאָרשונג, די אַבסטראַקטע און די פּראַקטישע, צום העכסטן פונקט פון איר מעגלעכקייט, אָבער ניט ווי אַן אייגנס פון עטלעכע, אָפּגעז־זונדערטע גאונים — נאָר ווי אַן אייגנס פון כלל, אַן אייגנס פון אַלע שאַ־פערס און בויערס, אַן אייגנס פון דער ווירטשאַפט און פון דער קולטור וואָס מיר וועלן שאַפן אין לאַנד, אַן אייגנס פון דער לאַנדווירטשאַפט און פון דער

אינדוסטריע, בוי־און ים־וועזן, בילדונג און געזונט. בכדי די זאַך וואָס מיר וועלן טאָן מיט מאַטעריע און גייסט, צו פאַרשטאַרקן אונדזער זיכערקייט און פאַרברייטערן אונדזערווירטשאַפט, צו בילדן אונדזערע קינדער און אויפנעמען די עולים — זאָל זיין באַזירט אויף די לעצטע און וויכטיקסטע דערגרייכונגען פון דער אַבסטראַקטער און פראַקטישער וויסנשאַפט און אויף דער פאַרפולקומסטער טעכניק, כדי מיר זאָלן מיט דער קוואליטעט פון אונדזער אויסאַרבעטונג און אונדזער אַרבעט, איר אויפטו, שאַפונג און אייגנשאַפטן — ניט זיין נידעריקער פון דיאַנטוויקלטע און פליסיקע פעלקער אויף דער וועלט.

אַזוי זעען מיר אונדזער שליחות, און מיר וועלן פרווון זי אויספירן מיט גלויבן און מיט אַלץ וואָס מיר וועלן נאָר קאָנען. (8טער מערץ 1949).

***

אין דעם טאָג, מיט אַ יאָר צוריק, האָבן מיר אויפגעשטעלט די מדינת ישראל און היינט פייערן מיר דעם יום־טוב פון אומאָפּהענגיקייט. דעם ערשטן נאַציאָנאַלן יום־טוב, וואָס איז באַניט געוואָרן נאָך אַ תקופה פון העכער צוויי טויזנט און הונדערט יאָר, זינט יהודה המכבי.

אויף צוויי אָרעמס האָט זיך אָנגעלענט דער גבורה־גייסט פון די מדינה־גרינדערס און אירע קעמפערס אין דעם וווּנדערלעכן יאָר: אויף דער חלוציש׳ער שאַפונג פון די בויערס און פאַרטיידיקערס פון ישוב אין די לעצטע זיבעציק יאָר, און אויף דעם אומגעהייערן גלויבן פון אַן עקשנותדיק פאָלק, וואָס האָט געטראָגן אין האַרצן אין משך פון פערציק יובלס, דורכגעזאַפּטע מיט פיין און גזירות, די וויזיע פון גאולה און אויפריכטונג. דווקא אין די שוואַרצסטע טעג פון זיין טראַגישער געשיכטע, ווען אַ דריטל פון זיינע זין איז אויסגעשאָכטן געוואָרן פון די נאַצישע וועלט־תלינים, האָט אונדזער פאָלק דערקלערט, מיט אויסגעליטענער גבורה, זיין פעסטן ווילן צו באַנייען און שוין אויפצוריכטן די מדינת ישראל. און די מדינה איז געשאַפן געוואָרן.

און כאָטש אונדזער אַלעמענס האַרץ איז איבערפולט מיט ליוב און דאַנקבאַרקייט צום צור ישראל — לאָמיר זיך ניט טרייסטן, אַז אונדזער שאַפונג איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. מיר געפינען זיך נאָך אין אָנהייב פון דער אַרבעט, עס שטייט נאָך אונדז פאָר אַ לאַנגער און שווערער וועג און מיר זענען נאָך אויסגעשטעלט אויף גרויסע סכנות. מיר וועלן זיך ניט אָפּשרעקן — אָבער מיר וועלן אויך ניט זיין זאָרגלאָז; אונדזערע לענדן זענען נאָך אָנגעגורט, און ס׳איז נאָך פריצייטיק צו פרייען זיך.

מיר האָבן זיך געפונען אין שווערע מיליטערישע קאַמפן — מיר זענען אַרויס פון זיי בשלום און מיט כבוד. אָבער די סכנות וואָס לויערן אויף אונדזער זיכערקייט — און אפילו אויף אונדזער עקזיסטענץ — זענען ניט

אַוועק און וועלן נאָך לאַנג ניט פאַרשווינדן, און נאָך אַ סך יאָרן וועלן מיר דאַרפן זיין אויף דער וואַך און אַריינטאָן אַ סך מיטלען און ענערגיע צו פאַרפעסטיקן אונדזער באַשיץ־כוח אויף דער יבשה, אין דער לופטן און אויפן ים. אַלע אונדזערע ביז איצטיקע דערגרייכונגען וועלן זיי צו נישט, אויב מיר וועלן ניט קאָנען פאַרשטאַרקן מיט אויסדויער און פלינקייט אונדזערע כוחות אין כמות און איכות, אין אויסשולונג און מאַטעריאַלן, אין פאָרשונג און אָרגאַניזאַציע, ניט אָפּשטייענדיק פון דעם גיכן, אומאויפהערלעכן פּראָגרעס וואָס איז פאַראַן אויף דעם געביט. אָבער אונדזער זיכערקייט וועט זיך ניט שטיצן נאָר אויף כוח, נאָר וועט זיך באַזירן אויף אַ רעזשים פון גערעכטיקייט און פּראָגרעס אין לאַנד און אויף אַן אויפריכטיקער שטרעבונג צו שלום און קעגנזייטיקע באַציאונגען מיט אונדזערע דרויסנדיקע שכנים.

— — — פון די באַשלוסן פון דער היסטאָרישער פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניקטע פעלקער דעם 29סטן נאָוועמבער 1947 — וואָס מען דאַרף ניט אַוועקנעמען זייער מאָראַלישן פאַרדינסט און פּאָליטישן ווערט, כאָטש היני־טער זיי איז ניט געשטאַנען קיין אינטערנאַציאָנאַלער אויספיר־כוח — איז דער וויכטיקסטער געווען דער באַשלוס וועגן אילת. די ים־סוף־בוכטע אין דעם שטח פון מאַנדאַט און דער גאַנצער הינטערלאַנד אויף צפון איז גע־געבן געוואָרן דער מדינת ישראל. דער באַשלוס, ווי אַלע אַנדערע גינסטיקע פאַר אונדז באַשלוסן פון די פאַראייניקטע פעלקער, איז ניט פאַרווירק־לעכט געוואָרן דורך די פאַראייניקטע פעלקער, און וואָלט ניט געוואָרן אַ פאַקט ווען ניט אונדזער ווילן און מעגלעכקייט.

— — — מיר זענען געשטאַנען דאָס יאָר אין אַ געמישטן קאַמף, אַ מיליטערישן און פּאָליטישן: צייטנווייז האָט דער מיליטערישער כוח צוגע־האָלפן אין אונדזערע פּאָליטישע דערגרייכונגען, צייטנווייז האָט דער פּאָ־ליטישער קאַמף אויסגעפלאַסטערט דעם וועג פאַר אונדזער מיליטער. דאָס לעצטע איז גילטיק לגבי אילת. אַ דאַנק דעם וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך מיט מצרים, וואָס מיר האָבן אונטערגעשריבן אין ראָדאס — איז אונדזער מילי־טער געראָטן צו דערגיין אָן איין שאָס, און ניט פאַרגיסנדיק קיין איין טראָפּן בלוט, קיין אילת — די קרוין פון דעם נגב, און אפשר פון גאַנץ מדינת ישראל. דאָס איז אונדזער אַרויסגאַנג דורכן ים צום קאָנטינענט וואָס איז צום געדיכטסטן באַפעלקערט אויף דער וועלט, צום אַזיאַטישן קאָנטינענט. מיט אונדזער באַהערשן אילת זענען מיר דאָס אייניציקע לאַנד אויף דער וועלט וואָס דאַרף ניט אָנקומען צום סועץ־קאַנאַל כדי דורכצוגיין פון מיטל־לענדישן ים צום אינדישן אָקעאַן.

אונדזער פאָלק האָט אַ לאַנגע צייט ניט געוווּסט ווי אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פון ים. אין די אוראַלטע צייטן איז אונדזער פאָלק געקומען אין לאַנד פון דרום און פון מזרח — סיי אין די צייטן פון יהושע בן־נון און די שופטים, און סיי אין די צייטן פון עזרא און נחמיה. די צוויי ימען פון אונ־

דזער לאַנד: דער מיטללענדישער ים און דער ים־סוף, זענען פאַרבליבן אין פרעמדע הענט — ביי די כנענים, פלשתים און אדומים. נאָר דריי מלכים פון יהודה: שלמה, יהושפט און עוזיה, זענען דערגאַנגען אויף אַ קורצער תקופה קיין אילת, אָבער זיך ניט איינגעהאלטן קיין לאַנגע צייט. צום ערשטן פאָרט אויפן ברעג פון מיטללענדישן ים אין יפו זענען מיר דערגאַנגען ערשט אין די צייטן פון די חשמונאים.

אין אילת איז געשאַפן געוואָרן דער ערשטער יידישער פלאַט מיט אַ דריי טויזנט יאָר צוריק, און דערביי, אין עציון־גבר, איז אויסגעבויט געוואָרן אין די צייטן פון שלמה המלך די ערשטע מעטאַל־גיסעריי אויף צו שמעלצן קופער פון די פינון־גרובן אין דער וויסטע — יענע פינון ווו משה רבנו האָט געמאַכט די קופערנע שלאַנג. און אילת אויב מיר וועלן געניג זאָרגן — קאָן ווערן אין דער צוקונפט דער צענטער פון פישעריי, פליערייי, שיפעריי און אינדוסטריע אין מדינת ישראל. (3טער מיי 1949).

# שליחות און אייגנאַרטיקייט

„ניט ווייל איר זייט מער פון אַלע פעלקער, האָט גאָט געגלוסט צו אייך און אייך אויסדערוויילט; וואָרום איר זייט דאָס ווינציקסטע פון אַלע פעלקער, נייערט ווייל גאָט האָט אייך ליב" (דברים ז׳ ז—ח).

„פון מזרח וועל איך ברענגען דיין זאָמען, און פון מערב וועל איך דיך איינזאַמלען: איך וועל זאָגן צו צפון: גיב אַהער! און צו דרום: זאָלסט ניט צוריקהאַלטן! ברענג מיינע זין פון דער ווייט און מיינע טעכטער פון עק ערד" (ישעיה מ"ג, ה—ו).

דאָס מיליטער האָט אויף זיך אָרגאַניזאַציאָנעלע פונקציעס, ווירט־שאַפטסלייטונג, אויסשטאַטונג און אַפּראָוויזאַציע. די אַלע פונקציעס ליגן אויף *באַזונדערע* מיליטער־טיילן, אָדער אויף געוויסע דע־פּאַרטאַמענטן אינעם שטאַב. אָבער ס'איז פאַראַן אין מיליטער אַן *אַל־געמיינע* פונקציע, וואָס ליגט אויף יעדן מיליטערישן קאָמאַנדיר פון אַלע ראַנגן, פון דעם נידעריקסטן ביז דעם העכסטן, און אויף אַלע קאַטעגאָריעס פון מיליטער אָן שום אויסנאַם, אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט. דאָס איז די *דערציערישע* פונקציע. טיילוויז איז זי אַ דערציעריש־טעכנישע: איינאיבן זעלנער זיך צו באַנוצן מיט שיס־ און אָנגריף־געווער: טיילוויז איז זי אַ דערציעריש־פּערזענלעכע, אַ קערפּערלעכע און גייסטיקע, דאָס הייסט: דערציען זעלנער צו אָרדענונג, ריינקייט, פּינקטלעכקייט, אויסהאַלטעוודיקייט, פאַראַנטוואָרטלעכקייט, שפּאָרזאַמקייט, אָריענטירונג, דיסציפּלין, קאָלעגיאַליטעט, קאָאָרדינירטע טע־טיקייט, מוטוויליקייט און ניט אָפּשרעקן זיך פאַר קיין שום סכנה.

די דאָזיקע דערציערישע פונקציעס זענען אייגן פאַר אַלע אַרמייען אין דער וועלט. אָבער צבא הגנה לישראל האָט אַ *ספּעציפיש דער־ציערישע פונקציע*, וואָס איז ניט נויטיק, אָדער פּאַסט זיך ניט אריין אין אנדערע ארמייען. צבא הגנה לישראל קען זיך ניט באַגנוגענען מיטן חינוך, וואָס ווערט געגעבן אין יעדער אַרמיי — און דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ גוטן און מאָדערנעם חינוך — נאָר נויטיקט זיך אין אַ ספּעציעלן צוגאָבלעכן חינוך צוליב דער *היסטאָרישער אייגנאַרטי־*

פון אַ רעפעראַט געהאַלטן פאַר אָפיצירן פון צבא הגנה לישראל.

ק יי ט פון אונדזער פאָלק און צוליב דער שליחות וואָס אונדזער תקופה לייגט אויף אונדז אַרויף.

אונטער היסטאָרישער אייגנאַרטיקייט בין איך אויסן דעם אידעאישן און מאָראַלישן גוראַנגל, אין וועלכן אונדזער פאָלק שטייט מיט אַלע זיינע שכנים, זינט ער איז געוואָרן אַ פאָלק ביז היינטיקן טאָג; ווי אויך די אחרית־הימים־וויזיע, וואָס האָט באַזעלט די פאָלקס־נשמה אין אַלע דורות.

אונטער שליחות פון אונדזער תקופה בין איך אויסן — ק י ב ו ץ ג ל ו י ו ת, אָט דעם צענטראַלן פאַקט פון אונדזער צייט, וואָס האָט נאָך ביזט געהאַט קיין גלייכן קיינמאָל אין דער וועלט־געשיכטע און אַפילו ניט אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. אַ פאַקט וואָס פון אים ציען זיך קאָנסעקווענצן פאַר אונדזער גאַנצער פאָלקס־צוקונפט, פאַר אונדזער זי־כערקייט און סטאַטוס — דעם נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן — און אפשר אויך, ניט אין אַ קלענער מאָס, פאַר דער צוקונפט פון דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט.

אין דער וועלט - געשיכטע גייט אָן ביז אונדזערע צייטן אַ פּאָליטישער קאַמף צווישן נאַציעס. און דער דאָזיקער קאַמף ווערט פון צייט צו צייט פאַרוואַנדלט אין אַ פיזישן פאַרמעסט צווישן מדינות, דאָס הייסט — אין אַ מיליטערישן קאַמף.

דאָס יידישע פאָלק איז, פּונקט ווי אַנדערע פעלקער, געשטאַנען אין אַ פּאָליטישן גוראַנגל מיט זיינע שכנים און ניט איינמאָל — אין אַ מיליטע־רישן קאַמף. אזוי איז עס געווען אין די צייטן פון די שופטים, אזוי איז עס געווען אין דער תקופה פון די מלכים, אין די צייטן פון בית־ראשון און בית־שני; נאָך צענדליקער דורות און יובלות זענען מיר איצט ווידער גע־וואָרן אַ זעלבשטענדיק פאָלק. נאָך איידער ס׳איז אַנטשטאַנען די מדינה איז אונדז דערקלערט געוואָרן אַ מלחמה. און מדינת ישראל איז געגרינדעט און אויפגעבויט געוואָרן אין מלחמה־שטורעמס. אַפילו נאָך דעם ווי דער מי־ליטערישער קאַמף האָט זיך — פאַרלויפיק — פאַרענדיקט, האַלט נאָך ווײַ־טער אָן דער פּאָליטישער גוראַנגל, און קיינער ווייסט ניט, ווי לאַנג דאָס קען דויערן און צי וועט ער ווידער ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מיליטע־רישן קאַמף.

דער פאַרבאַדינג אויסצושטיין דעם גוראַנגל, סיי פּאָליטיש און סיי מי־ליטעריש, איז — זען זיך אַליין, זען אונדזער מצב, זען די אומשטענדן און תנאים פון אונדזער קיום, די סטאַבילע לאַנגווירקנדיקע און גרונטיקע פאַק־טאָרן, און די אָרט־און צייט פאַקטאָרן, וואָס בייטן זיך און אומאויפהערלעך און זענען אַ תנאי פאַר אונדזער קיום און אַ ראַם פאַר אונדזער היסטאָרישער טעטיקייט.

מיר וועלן ניט קענען איינזען אונדזער אמתן מצב און עס וועלן ניט פאַרשטאַנען ווערן פיל קאַרדינאַלע דערשיינונגען אין אונדזער געשיכטע —

ניט נאָר פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך די געשיכטע פון דער קעגנוואַרט און צוקונפט — און מיר וועלן ניט זיין צוגעגרייט און באַוואָפנט (און די דעצידירנדיקע באַוואָפנונג איז די נ ש מ ה־באַוואָפנונג) ניט צום פּאָליטישן און ניט צום מיליטערישן געראַנגל, אויב מיר וועלן ניט באַנעמען און גרונטיק דערקענען דעם מאָראַלישן און אידעאישן געראַנגל, וואָס קומט פּאָר אין דער מענטשלעכער געשיכטע, און אויב מיר וועלן נישט איינזען אונדזער פּלאַץ אינעם דאָזיקן געראַנגל.

***

כדי ריכטיקער צו זען דעם אידעאישן געראַנגל און צו פאַרשטיין זיין באַדייט אין די היסטאָרישע צוזאַמענשטויסן, איז ניט נייטיק זיך אַריינצולאָזן אין חקירות און צו דעצידירן אין דעם פילאָסאָפישן וויכוח, צי איז אַן אידעאישער קאַמף אַ סיבה אָדער אַ פּועל־יוצא פון עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע קאָנטראַסטן; אָדער די עקאָנאָמישע און געדאַנקלעכע קאָנטראַסטן זענען געקניפּט און געבונדן איינער מיטן צווייטן און מ׳קען זיי ניט פונאַנדערטיילן. ס׳איז קיין נפקא־מינה ניט, פונקט ווי ס׳איז קיין נפקא־מינה ניט, צי איז די ה ו ן געקומען פ א ר דעם איי אָדער דאָס א יי פאַר דער הון. קלאָר, אַז איינס קען זיך ניט באַגיין אָן אַנדערן: ס׳איז אוממעגלעך צו האָדעווען הינער, איידער ס׳זענען געלייגט געוואָרן אייער, און ס׳איז נישטאָ קיין שום מיטל צו באַקומען אייער, ווען מ׳האָדעוועט ניט קיין הינער. מיר האָבן אין דער געשיכטע געזען אידעען, וואָס האָבן געענדערט רעזשימען, פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע — און מיר האָבן געזען רעזשימען, וואָס האָבן געבוירן אידעען און מיט זיי דאָמינירט. מענטשן קעמפן פאַר זייערע אידעען נישט ווייניקער ווי פאַר זייער מאַכט און פאַרמעגן. און זינט דער מענטש איז געוואָרן אַ בר־דעת האָט ניט אויפגעהערט דער אידעאישער געראַנגל. אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק פאַרנעמט ער אפשר אַ ברייטערן פּלאַץ, ווי אין דער געשיכטע פון יעדן אַנדערן פאָלק. אין אונדזער געשיכטע איז כמעט ניט געווען קיין איין פּאָליטישער אָדער מיליטערישער קאַמף, וואָס זאָל ניט זיין פאַרבונדן מיט אַן אידעאישן קאַמף.

מיר שטייען איצט אין אַ סיכסוך ניט נאָר מיט אונדזערע אַראַבישע שכנים, נאָר אין אַ געוויסער מאָס מיטן רוב פון דער מענטשלעכער וועלט, אויף וויפל זי איז אָרגאַניזירט אין די פאַראייניקטע נאַציעס, — צוליב ירושלים. און נאָר אַ בלינדער זעט ניט, אַז דער מקור פון דאָזיקן סיכסוך איז ניט נאָר אַ פּאָליטישער, ווירטשאַפטלעכער אָדער מיליטערישער, נאָר אויך אַן אידעאישער.

ווען סיריע, איראַק און עגיפּטן שטיצן כלומרשט מיט התלהבות די אינטערנאַציאָנאַליזירונג פון ירושלים, זענען דאָך זייערע מאָטיוון קלאָר: בע־

סער איז, אַז דער אַמאַר־מעטשעט זאָל זיך געפינען אונטער אַ קריסטלעכער מאַכט, אײדער אַ גרויסער טייל פון ירושלים — אונטער אַ יידישער. אָבער בלויז מיט פּאָליטישע מאָטיוון איז שווער צו דערקלערן די שטעלונג פון אייניקע דרום־אַמעריקאַנישע אומות, וואָס האָבן אין דער „און" אונז בדרך כלל געשטיצט אין אונדזער פּאָליטישן קאַמף, און אין דעם ענין ירושלים האָבן זיי זיך געשטעלט קעגן אונדז. מיט פּאָליטישע מאָטיוון איז אויך ניט צו דערקלערן פראַנקרייכס שטעלונג, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן פּאָליטישן און מיליטערישן אינטערעס אונדז צו העלפן — און זי האָט אונדז טאַקע ניט ווייניק געהאָלפן —ניט נאָר אין דער פולפאַרזאַמלונג פון דער „און", נאָר אין פיל מער־ממשותדיקע און נוצלעכע ענינים. דאָס זעלבע איז מיט טשע־כאָסלאָוואַקיע. און פונדעסטוועגן זענען אין ענין ירושלים די דאָזיקע אומות אַרויסגעטראָטן קעגן אונדז. מ'קען ניט אַוועקמאַכן דעם פאַקט, אַז ס'איז פאַראַן אין דער וועלט אַן א י ד ע א י ש ע ר קאַמף.

אין ענין ירושלים האָבן מיר געזען אַ זייער משונהדיקע און אויסטער־לישע קאָמבינאַציע. פון איין זייט איז געשטאַנען — אמת ניט די גאַנצע קריסטלעכע וועלט, אָבער דער גרעסטער אוניווערסאַלער בלאָק פון דער קריסטלעכער וועלט, דער קאַטוילישער בלאָק; פון דער צווייטער זייט — דער מוסולמענישער בלאָק; פון דער דריטער זייט — דער קאָמוניסטישער בלאָק.

ס'איז קיין צווייפל ניט, אַז יעדער פון די דאָזיקע בלאָקן האָט געהאַט זיינע אייגענע מאָטיוון. אָבער ס'איז אויך קיין ספק ניט, אַז ביי די דאָזיקע דריי בלאָקן איז געווען אַ גלייכע שטעלונג, הגם ניט קיין בשותפותדיקע. דאָס וואָס פאַראייניקט יעדן בלאָק, איז ניט נאָר דער ווירטשאַפטלעכער איג־טערעס, נאָר אויך די אידעע. פאַראַן אַן אידעע אין איסלאַם, פאַראַן אַן אי־דעע אין קאַטאָליציזם, פאַראַן אַן אידעע אין קאָמוניזם. און ווידעראַמאָל: ס'איז ניט וויכטיק, כדי צו פאַרשטיין די פּראָבלעם — צי די אידעע באַ־שטימט די פּאָליטיק, אָדער די פּאָליטיק באַשטימט די אידעע. ביידע שטאַמען פון איין מקור. אוועקמאַכן די אידעע הייסט, אַוועקמאַכן איינעם פון די צענטראַלע פאַקטאָרן און אַנטפלעקונגען אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

די יידישע אומה איז ניט נאָר אַ נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע איינהייט. זי פאַרקערפּערט אין זיך אַ מאָראַלישן רצון און זינט זי איז דערשינען אויף דער היסטאָרישער אַרענע טראָגט זי אין זיך אַ היסטאָרישע וויזיע. דער רצון און די וויזיע פון דער יידישער אומה אידענטיפיצירן זיך ניט מיט קיין איי־נער פון די דריי גרויסע אידעען, וואָס זענען געקומען צום אויסדרוק אין „און"־פּלענום וועגן דער ירושלים־פּראָבלעם. זיי אידענטיפיצירן זיך ניט מיט דער קריסטלעך־קאַטוילישער, ניט מיט דער מוסולמענישער און ניט מיט דער קאָמוניסטישער, און אויך ניט מיט אַנדערע וועלט־אידעען, וואָס האָבן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, פון אַלטערטום ביז היינט־צו־טאָג, געקעמפט פאַר וועלט־הערשאַפט.

מ׳קען ניט פאַרשטיין די יידישע געשיכטע, דעם קאַמף פאַרן קיום פון יידישן פאָלק, די שטעלונג פון פאָלק אין אַלע תקופות און אין אַלע לענדער, סיי ווען ס׳איז געווען פאַרוואָרצלט אין זיין לאַנד און איז געווען מער אָדער ווייניקער אומאָפּהענגיק, סיי ווען ס׳איז געווען צעזייט און צעשפּרייט אי־בערן גלות, — אויב מיר וועלן ניט איינזען די אידעאישע אייג־ציקאַרטיקייט פון דער יידישער אומה און דעם האַרטנעקיקן קאַמף, ניט נאָר פיזישן, ווירטשאַפטלעכן, פּאָליטישן און מיליטערישן, נאָר אויך דעם גייסטיקן, מאָראַלישן און אידעאישן קאַמף, אין וועלכן ס׳איז גע־שטאַנען און ס׳שטייט דאָס יידישע פאָלק, פון אַמאָל ביז היינט, און וועט שטיין אין אים ביז סוף כל הדורות. ביז ס׳וועט פאַרווירק־לעכט ווערן די נבואה פון אחרית הימים.

דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן אין דער עלטסטער תקופה פון אונדזער געשיכטע, און פון יענער צייט זענען געבליבן מער אָדער ווייניקער קלאָרע דאָקומענטן און היסטאָרישע באַווייזן.

פאַראַן אין אונדזער געשיכטע אַ פעסטער פיזישער פאַקט, וואָס דינט ווי אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר פיל דערשיינונגען אין אונדזער געשיכטע אַמאָל און איצט: מיר זענען געווען און זענען געבליבן עד היום קוואַנטיטאַטיוו אַ קליינע אומה. ס׳איז קיין ספק נישט, אַז אונדזער גורל איז צו בלייבן אויך ווייטער אַ קליינע אומה, קליין אין פאַרגלייך מיט אירע שכנים און קליין אין פאַרגלייך מיט די אומות אַן וועלכע זי שטויסט זיך אָן אין דער וועלט. פון דעם דאָזיקן פיזיש־מאַטעמאַטישן פאַקט ציען זיך פיל קאָנ־סעקווענצן פאַר אונדזער גורל, — הן נעגאַטיוו, הן פּאָזיטיוו.

פאַרצייטנס זענען אונדזערע גרויסע שכנים געווען — מצרים און בבל. די דאָזיקע צוויי פעלקער האָבן איבערגעשטיגן די יידן נישט נאָר מיט זייער צאָל, רייכקייט, מיליטערישן כוח און מאַכט־פאַרנעם, נאָר אויך מיט געוויסע גייסטיקע און וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען.

דער באַגריף וואָס מיר האָבן פון חומש וועגן מצרים — איז איינזייטיק. לויט ווי מיר האָבן אַמאָל געלערנט, איז מצרים געווען אַ „הויז פון קנעכט־שאַפט" ווו אונדזערע אבות האָבן שווער און ביטער געהאָרעוועט. יציאת מצרים איז נאָך ביז היינט־צו־טאָג אָנגענומען ביי יידן, ווי דער אַרויסגאַנג פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט. אָבער דאָס פאַרצייטיקע מצרים איז געווען איינע פון די ווינציקע נאַציעס אין דער וועלט, וואָס האָבן פאַרהעלטניסמע־סיק געהאַט אַן אָריגינעלע און הויכע קולטור. נאָך מיט פינף טויזנט יאָר צו־ריק האָט דאָס דאָזיקע לאַנד דערגרייכט אַ הויכע קולטורעלע מדרגה און האָט געלייגט אַ יסוד פאַר געוויסע צווייגן פון דער וויסנשאַפט, אַריטמעטיק, געאָ־מעטריע, כעמיע, מעדיצין. אין משך פון טויזנטער יאָרן האָט עס באַשאַפן אַ רייכע און פילפאַרביקע ליטעראַטור אויפן געביט פון רעליגיע, געשיכטע, מאָראַל, וויסנשאַפט, פּאָעזיע און פּראָזע. וואָס, אמת, נאָר אַ קליינער טייל

דערפון איז עד היום געבליבן און אַנטדעקט געוואָרן, אָבער דאָס קליינע איבערבלייבעניש זאָגט עדות וועגן אַ גרויסער גייסטיקער אַקטיוויטעט און קולטורעלער אָריגינאַליטעט. אין איינער פון זייערע דערציילונגען וועגן צוויי ברידער איז פאַראַן דער מאָטיוו פון יוסף און פּוטיפרעס ווייב, און זייערע ראָמאַנסן דערמאָנען אונדזער שיר־השירים. פאַראַן אויך הימנען, וועלכע זע־נען ענלעך אין אַ געוויסער מאָס צו אונדזער תהילים. די עגיפּטער זענען גע־ווען אויך גרויסע אַרכיטעקטן, ווי ס׳איז צו זען פון די פּיראַמידן. זיי האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט אין סקולפּטור און מאָלעריי.

דאָס זעלביקע איז אויך מיט ב ב ל. זי האָט נאָך אַריבערגעשטיגן מצרים מיט איר רייכער ליטעראַטור. עס זענען איבערגעבליבן און האָבן זיך קאָנסערווירט דער גרויסער עפּאָס פון גילגמש (איבערגעזעצט אין העברע־איש דורך ש. טשערניכאָווסקי), דערציילונגען וועגן בריאת־העולם, דאָס גע־דיכט פון עישתר, עלעגיעס, תפילות, מוסר־ און חכמה־ביכער, הימנען, אויפ־שריפטן און היסטאָרישע נאָטיצן. בבל האָט אַנטוויקלט די אַסטראָנאָמישע וויסנשאַפט, מעדיצין, מאַטעמאַטיק, און האָט פריער פון אַנדערע פעלקער פאַרפולקאָמט די יוריספּרודענץ. די שפּראַך פון בבל איז אַ לאַנגע צייט גע־ווען די אינטערנאַציאָנאַלע דיפּלאָמאַטישע שפּראַך פון אַלע לענדער פון תנך, וואָס זענען באַקאַנט אין די הײַנטיקע צייטן אונטערן נאָמען „דער נאָענטער מזרח״.

דער געראַנגל פון דער יידישער אומה מיט די דאָזיקע צוויי מעכטיקע שכנים איז געווען נישט נאָר אַ פּאָליטישער און מיליטערישער — נאָר אויך אַ גייסטיק־קולטורעלער. די טעטיקייט פון די יידישע נביאים איז אין דער ערשטער ריי געווען געווענדט קעגן דער גייסטיקער השפּעה, וואָס די שכנות־דיקע פעלקער האָבן אויסגעאיבט אויף ישראלס רעליגיעזער און עטישער אויפפאַסונג, און אויף זיין סאָציאַלן לעבן. דער וויכוח וועגן אָריענטאַציעס, וואָס איז, כאילו, באַנייט געוואָרן אין אונדזערע טעג, איז אַן אוראַלטער ווי־כוח אין אונדזער געשיכטע. אין ספר ירמיהו געפינען מיר אַ קלאָרן אויסדרוק פון דאָזיקן וויכוח.

די מיליטער־קאָמאַנדירן מיט יוחנן בן קרח און יזניה בן הושעיה בראש האָבן געהאַט אַן אָריענטאַציע אויף מצרים קעגן בבל. אָבער ירמיהו האָט גע־האַט אַן אָריענטאַציע אויף ישראל און אויף גאָט פון ישראל און האָט גע־זאָגט צו די מיליטערישע מנהיגים מיט אַ נביאישן צאָרן: „אויב קערן וועט איר קערן אייער פּנים צו קומען קיין מצרים און איר וועט קומען וווינען דאָרטן; איז, די שווערד וואָס איר האָט מורא פאַר איר, וועט אייך דאָרטן דערגרייכן אין לאַנד מצרים, און דער הונגער, וואָס איר דאגהט זיך וועגן אים, וועט אייך אָניאָגן דאָרטן אין מצרים, און דאָרטן וועט איר שטאַרבן — — — אויב בלייבן וועט איר בלייבן אין דעם דאָזיקן לאַנד, וועל איך אויפבויען און נישט צעשטערן, און וועל אייך איינפלאַנצן און ניט אויס־

רייסן — — — איר זאָלט ניט מורא האָבן פאַר דעם מלך פון בבל, וואָס איר האָט מורא פאַר אים, איר זאָלט ניט מורא האָבן פאַר אים, זאָגט גאָט, וואָרום איך בין מיט אייך, אייך צו העלפן, און אייך מציל צו זיין פון זיין האַנט.״ (ירמיה מ״ב).

קיין צווייפל ניט, אַז דער דאָזיקער וויכוח איז ניט אויפגעקומען ערשט אין ירמיהוס צייטן, נאָר האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט. און די גאַנצע געשיכטע פון ישראל אין די צייטן פון בית־ראשון איז געווען פול מיט וואַק־לעניש צווישן די פאַרשיידענע פרעמדע השפעות מצד ישראלס שכנים — פון איין זייט, און דעם פאָלקס־גייסט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק ביי די נביאים פון ישראל — פון דער צווייטער זייט. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס אין די רייד פון די נביאים האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן פאָליטישע אי־בערזיכטן און מיינונגען וועגן די צווישנפעלקערלעכע באַציאונגען אין די שכנותדיקע לענדער מיט סאָציאַלע און עטישע אָפּהאַנדלונגען און וויזיעס פון אחרית הימים. די קליינע אומה, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון מעכ־טיקע שכנים, וועלט־הערשער (פון דער „וועלט״ וואָס איז געווען באַקאַנט אונדזער פאָלק אין יענע צייטן), האָט זיך געפונען די גאַנצע צייט אונטערן טאָפּלטן דרוק: אַ פּאָליטיש־מיליטערישן פון איין זייט און אַ גייסטיק־קול־טורעלן — פון דער צווייטער זייט. די שטאַרקע שכנים האָבן נישט נאָר אָנ־געוואָרפן אַן אימה, נאָר האָבן אויך באַצויבערט און געלאָקט מיט זייער הויכער קולטור. און דער דאָזיקער צויבער, איז געווען דער מקור פון אינער־לעכן געראַנגל, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין לעבן פון פאָלק פון די ערשטע צייטן ביז גלות בבל, און פון גלות־בבל ביז היינט. געדעמפטע אָפּקלאַנגען פון דאָזיקן אינערלעכן געראַנגל, האָבן דערגרייכט צו אונדז אין דעם צוזאַ־מענשטויס צווישן די נביאי־השקר און נביאי־האמת. די רייד פון די נביאי־השקר זענען ניט געבליבן און מיר ווייסן ניט זייער אינהאַלט און טענדענץ, אָבער אַלץ וואָס איז איבערגעבליבן ביי אונדז פון די נ ב י א י ־ ה א מ ת, באַווייזט גרויסע גייסטיקע אָנשטרענגונגען זיך אנטקעגנצושטעלן ניט נאָר דער פרעמדער מאַכט, נאָר דער פרעמדער גייסטיקער השפעה פון מעכטיקע שכנים — אַ השפעה אויף אַ פאָלק, וואָס איז געווען קליין און שוואַך אין פאָליטישער און מיליטערישער הינזיכט, אָבער אויסערגעוויינלעך באַגאַבט מיט גייסטיקער תקיפות און מאָראַלישער זעלבשטענדיקייט.

**
*

דאָס פאָלק ישראל, וואָס מיר זענען זיינע יורשים, איז ניט געווען אין ארץ־ישראל און די אַרומיקע געביטן דאָס איינציקע פאָלק וואָס איז געשטאַ־נען אונטער אַזאַ טאָפּלטן דרוק. אין ארץ־ישראל האָבן געלעבט אייניקע סע־מיטישע פעלקער, וואָס זייער שפּראַך איז געווען העברעאיש — ווי עס איז

קלאָר צו זען פון די פּאַרצייכענונגען פון די אוראַלטע כנענים און פון דער איבערשריפט פון מ י ש ע, דעם קעניג פון מואב. אָבער פון די דאָזיקע פעלקער איז קיין שריד און פּליט ניט געבליבן, ווייל זיי האָבן ניט געקענט לאַנג ביישטיין דעם קולטור־דרוק פון זייערע גרויסע און מעכטיקע שכנים און זענען דורך זיי פאַרשלונגען געוואָרן, ניט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שפורן.

דאָס יידישע פאָלק האָט געקעמפט און אויסגעהאַלטן — און ווידער דערשיינט עס אין דאָזיקן אויסדערוויילטן וועלט־ווינקל, ווו עס האָט צוערשט, מיט פיר טויזנט יאָר צוריק באַטראָטן די געשיכטלעכע אַרענע. די גאַנצע עטנישע, פּאָליטישע און קולטורעלע סביבה אין דאָזיקן געביט פון דער פּאַרצייטיקער תנכישער וועלט האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט. עס איז לחלוטין איבערגעריסן געוואָרן די אַנטוויקלונגס־ליניע פון די פּאַרצייטיקע פעלקער: זייער שפּראַך, רעליגיע, קולטור, טראַדיציע און נאָמען זענען אין גאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד, און נאָר דאָס פאָלק ישראל, הגם עס איז פיזיש אָרויסגעריסן געוואָרן מיט אַן ערך צוויי טויזנט יאָר צוריק פון זיין אוראַלטן היימלאַנד, איז דאָס איינציקע פאָלק, וואָס איז ממשיך די פּאַרצייטיקע טראַדיציע אין שפּראַך און קולטור, פּונקט ווי אינעם גאַנג פון זיין געשיכטע וואָלט ניט געשען קיין שום איבערייס.

***

אָבער עס איז קלאָר, אַז דאָס יידישע פאָלק אין אונדזערע טעג איז ניט דאָס וואָס אין די צייטן פון בית־ראשון אָדער אַפילו בית־שני. די גאַנצע וועלט האָט זיך זינט דעמאָלט געענדערט. מיר האָבן ניט בדעה און מיר ווילן זיך ניט אומקערן צו יענער שטופע, אויף וועלכער עס איז איבערגעריסן געוואָרן, דורך בבל, דער קיום פון מלכות יהודה אָדער די הערשאַפט פון בר־כוכבא — דורך די רוימער. אין גלות־בבל אַליין און אומעטום, זינט דעמאָלט ביז היינט, האָט אונדזער פאָלק, ווערנדיק באַאיינפלוסט פון די פעלקער מיט וועלכע עס האָט זיך אָנגעשטויסן אויף זיין וועג — איינגעזאַפּט אין זיך תורות, מידות, נייע געווויינהייטן; דאָס איז אויך געווען אַ רעזולטאַט פון די שינויים אין די לעבנס־באַדינגונגען פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט בכלל. די פּאַרצייטיקע יידישע אויפפאַסונג איז געווען אינטואיטיוו און ט ע אָ ק ר אַ ט י ש. אין מיטלאַלטער האָבן חכמי־ישראל, אָנהייבנדיק פון סעדיה גאון און ווייטער, געפּרווט צונויפשמעלצן דעם יי ד י ש ן טעאָקראַטישן געדאַנק מיט דער ה ע ל ע נ י ס ט י ש ע ר פילאָסאָפישער אויפפאַסונג, וואָס האָט געהערשט צווישן דער אינטעליגענץ פון יענע צייטן. אין דער נייער תקופה, אָנהייבנדיק פון ש פּ י נ אָ ז אַ ן און ווייטער, האָט זיך ביי אונדז, ווי ביי אַלע מאָדערנע קולטור־פעלקער, גע־

שטאַרקט און פאַרטיפט די עמפּירישע וויסנשאַפטלעכע אויפפאַסונג. אינעם פראָגרעס פון דער וויסנשאַפט פאַר די לעצטע 150 יאָר האָבן יידן פאַרנומען אַ בכבודיקן און קענטיקן אָרט, פּראָפּאָרציאָנעל אפשר העכער ווי זייער צאָל, און זענען געווען פולע שותפים צו דער טיפער אידעאישער רעוואָלוציע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויפן שטח פון אויפפאַסן די ממשותדיקע וועלט און אין דער נאַטור־וויסנשאַפט. אָבער אַלע מאַטעריעלע און גייסטיקע ענדערונגען אין די פּאָליטישע און סאָציאַלע באַדינגונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען פאַר די טויזנטער יאָרן פון אונדזער קיום, האָבן ניט אָנטווארצלט און ניט צעטרייסלט דעם ווונדערלעכן לעבנס־כוח וואָס האָט אויפגעהאַלטן אונדזער פאָלק אין די אַלע צייט־קאַפּריזן און האָבן ניט פאַרווישט זיין נאַציאָנאַלע אייגנציקאַרטיקייט — ניט ווי זיינע היסטאָרישע מיטבאַגלייטער אין פאַרשיידענע לענדער. אין דער דאָזיקער אומה שטעקט אַ ווונדערלעכער וויטאַמין, וואָס היט אויס איר קיום און זעלבשטענדיקייט און גיט איר אַן עקשנותדיקן כוח בייצושטיין אַלע פרעמדע השפעות וואָס שטייען אין סתירה מיט איר נאַציאָנאַלן און מאָראַלישן מהות.

**
*

ס'איז קלאָר, אַז נישט יעדער יידישער יחיד איז באַשאָנקען מיט אָט דער ווונדערלעכער סגולה. אין משך פון דורות זענען אָפּגעפאַלן פיל יחידים, קהילות, שבטים און גאַנצע קיבוצים. אין יעדן דור און אין יעדן לאַנד, אויך אין אונדזער היימלאַנד זענען געווען יידן, וואָס האָבן ניט געקענט אויסשטיין דעם פרעמדן פיזישן אָדער גייסטיקן דרוק, און זיי זענען פאַרטיליקט געוואָרן אָדער האָבן זיך אויסגעמישט. אָבער דער חוט־השדרה פון דער אומה האָט דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן. האָט געקעמפט, זיך געראַנגלט — און איז בייגעשטאַנען. די געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז די געשיכטע פון דאָזיקן טיטאַנישן געראַנגל, און דער געראַנגל איז נאָך נישט פאַרענדיקט, אויך נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

מיר ווייסן זייער ווייניק פון אונדזער געשיכטע אין דער תקופה פון דער פערסישער הערשאַפט, פון שיבת־בבל, אין די צייטן פון זרובבל, עזרא און נחמיה ביזן דערשיינען פון אלכסנדר מוקדון. דאָס איז געווען אפשר די איינציקע תקופה אין לעבן פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד, ווען עס איז נישט געשטאַנען אונטער אַ דרויסנדיקן שאַרפן דרוק און האָט נישט געדאַרפט קעמפן פאַר זיין פּאָליטישן און קולטורעלן קיום. ווייל דער פערסישער רעזשים, איז בדרך כלל, געווען באַזירט אויף טאָלעראַנץ און אויטאָנאָמיע און האָט געלאָזן יעדן פאָלק זיך נוהג צו זיין לויט זיין אייגענעם דרך און גלויבן, איבערלאָזנדיק זיי אַ גרויסע מאָס אינערלעכע זעלבסטפאַרוואַלטונג.

און הגם ס׳זענען געווען, ווי ס׳איז צו זען פון מגילת אסתר און פון היסטאָרישן רמז פון אַ גריכישן שריפטשטעלער, אויך פאַלן פון רדיפות און דרוק — קען מען בדרך כלל אָננעמען, אַז די פערסישע תקופה, וואָס האָט זיך געצויגן איבער 200 יאָר, איז געווען אַ תקופה פון אַן אינערלעכער קאָנסאָלידאַציע אין יידנטום, ווען די גייסטיקע געשטאַלט פון יידישן פאָלק האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אפשר מער ווי אין אַן אַנדער צייט. טראָץ דעם, וואָס אויך דעמאָלט פאַרשטייט זיך, איז ניט געווען אויסצומיידן אין גאַנצן די פערסישע השפעה, וואָס איז אומבאַוווסטזיניק אַריינגעדרונגען אין יידנטום.

נאָך דעם ווי אַלעקסאנדער מוקדון האָט איינגענומען דעם מזרח (אין דעם אויך די פערסישע מלוכה), אין יאָר 331 פאַר קריסטוס — הייבט זיך אָן די ה ע ל ע נ י ס ט י ש ע תקופה. דעמאָלט זעען מיר אַ פאַרצווייפלטן קאַמף צווישן יהדות און דער רייכער קולטור, וועלכע האָט נאָך ניט געהאַט איר גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע ביז דאַן, און וועלכע האָט מער ווי יעדע אַנדערע קולטור באַווירקט די מענטשלעכע געזעלשאַפט פון דעמאָלט ביז היינט, און האָט געגעבן דער וועלט — אין פּאָעזיע, ליטעראַטור, פילאָסאָפיע וויסנשאַפט, סקולפּטור, מאָלעריי און אַנדערע קונסט־צווייגן — אַזעלכע גייסטיקע אוצרות, וועלכע האָבן געשלאָגן דעם רעקאָרד פון דער מענטשלעכער יצירה אין אַלע דורות.

***

דער געראַנגל צווישן די חשמונאים און דער גריכישער מאַכט איז געווען ניט נאָר אַ פּאָליטישער און מיליטערישער געראַנגל פון אַן אונטערדריקטן פאָלק קעגן פרעמדע הערשער און אונטערדריקער. דאָס איז געווען בעיקר אַ ק ו ל ט ו ר ־געראַנגל, איינער פון די סאַמע דראַמאַטישסטע קאַמפן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, צווישן צוויי אָריגינעלע נאַציעס, וואָס אונטערשיידן זיך גרינטלעך מיט זייערע מאַטעריעלע לעבנס־באַדינגונגען, מיט זייער פּאָליטישן כוח, מיט זייער וועלט־באַנעם, אָבער זענען זיך ענלעך, יעדע אויף איר שטייגער, מיט זייער גייסטיקער גרויסקייט. די יידישע נאַציע איז געווען קליין, אָרעם, איינגעשרענקט אין די ענגע תחומים פון אַ טייל פון איר אוראַלטן היימלאַנד און האָט גענאָסן נאָר פון אַן אינערלעכער זעלבסטפאַרוואַלטונג. די העלעניסטישע נאַציע אָבער האָט געהערשט איבער דער וועלט, איבער די דעמאָלט באַקאַנטע טיילן פון אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע. איר שפּראַך און קולטור זענען געווען פאַרשפּרייט צווישן אַלע פאַרצייטיקע פעלקער, אָנהייבנדיק פון מערב־טייל פון מיטללענדישן ים ביז אינדיע און אַזיע און די ברעגעס פון נילוס אין אַפריקע.

די גריכן האָבן איינגענומען ניט נאָר מיט זייער שווערד, נאָר אויך מיט זייער רייכער און העכערער קולטור. און ווען די גריכישע מאַכט פון

אלכסנדרס יורשים האָט זיך פאַרפעסטיקט אין מצרים און סיריע, און אַלעק־סאַנדריע און אַנטיאָכיע זענען געוואָרן צענטערן פון דער העלעניסטישער קולטור — איז געוואָרן אוממעגלעך, אַז די קליינע און אָרעמע יהודה זאָל ניט באַאיינפלוסט ווערן פון דער דאָזיקער העכערער קולטור, אַפילו אין איר מינדערוואַרטיקער העלעניסטישער פאָרם. די אַזוי גערופענע „ה ע ל ע־נ י ז י ר נ ד י ק ע" שיכטן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין ישראל, זענען ניט געווען בלויז טעלער־לעקער, וואָס חנפנען זיך אונטער צו פרעמדע הער־שער. גריכנלאַנדס דערשיינען אין דער וועלט־געשיכטע איז ניט געווען, ווי דאָס דערשיינען פון רוים שפעטער, בלויז אַן אויפקום פון אַ מיליטעריש־ן און מלוכהשן כוח, — נאָר אַ מעכטיקע קולטור־דערשיינונג, וואָס האָט געעפנט אַ נייע ערע אין דער געשיכטע פון גייסט, און האָט מער פון יעדן אַנדערן פאָלק באַרייכערט דעם מענטשלעכן קולטור־אוצר.

אונדזער ליטעראַטור האָט קאָנסערווירט נאָר די רייד פון די יעניקע, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט און באַקעמפט די „העלעניזירנדיקע", און דאָס בילד וואָס מ׳קען באַקומען פון זייערע רייד און לגמרי ניט אָביעקטיוו און ניט פול. קיין צווייפל ניט, אַז די דאָזיקע באַגעגעניש פון צוויי קולטורן האָט באַרייכערט און דערהויבן דעם יידישן גייסט און האָט איבערגעלאָזן ניט ווייניק שפורן אין דער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס איז דעמאָלט גע־שאפן געוואָרן אינעם לאַנד, נאָכן דערשיינען פון אלכסנדר דעם גרויסן, און האָט געבאָרן אַ רייכע און פילפאַרביקע יידיש־העלעניסטישע ליטעראַטור, — אין געשיכטע, פאָעזיע, קאָמענטאַר און פילאָזאָפיע. אָבער אויך די דאָזיקע מעכטיקע גריכישע קולטור איז ניט געווען ביכולת צו אַסימילירן די יידישע אומה, ווי זי האָט אַסימילירט פיל נאַציעס אין מזרח. דאָס יידישע פאָלק איז בייגעשטאַנען דעם דאָזיקן קאַמף און האָט מנצח געווען. דאָס פאָלק האָט ניט נאָר אויסגעהיטן זיין אייגנציקאַרטיקייט און זעלבסטשטענ־דיקייט, נאָר האָט זיי נאָך פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט. אמת, מנצח געווען האָט ניט דאָס ג א נ צ ע יידישע פאָלק. מיר ווייסן ניט, וויפל יידן זענען פ א ר ל אָ ר ן געגאַנגען אינעם דאָזיקן קאַמף — צי דורך פיזישער אויס־ראָטונג, צי דורך אַסימילאַציע. אָבער דאָס פאָלק אין א ל ג ע מ יי ן האָט מנצח געווען, און די תקופה פון די חשמונאים וועט אויף אייביק בלייבן, ווי איינע פון די וווּנדערלעכסטע פּאָליטישע, מיליטערישע און גייסטיקע נסיונות אין אונדזער געשיכטע. ווען ווייניקע האָבן גובר געווען אַ סך, אָרעמע — די רייכע. נאָר אַ דאנק די מעכטיקע גייסטיקע כוחות, וואָס האָבן פולסירט אין די פאָלקס־אויסדערוויילטע און אין די פאָלקס־מאַסן, הגם ניט אין די הערשנדיקע קרייזן פון נאָטאַבלען און טעאָקראַטן.

***

דער שווערסטער און לענגסטער נסיון אינעם געראנגל פון דער יידי־שער אומה, איז געקומען מיטן אויפשפראָץ פון קריסטנטום. די מצרישע און בבלישע קולטור, און שפּעטער די קולטור פון גריכנלאַנד און רוים, זענען געווען אַ פרעמד געוויקס פאַרן יידנטום. ניט אַזוי איז געווען דאָס קריסטנטום, וואָס איז אויפגעקומען אין און פון דעם יידנטום. דער מענטש, וואָס אים איז צוגעשריבן געוואָרן די נייע רע־ליגיע, איז געווען אַ ייד אַ תמים, וואָס האָט געלעבט צווישן זיין פאָלק, און זיין רעליגיעזע און עטישע אויפפאסונג אין יענע טעג איז ניט געווען יוצא־דופנדיק פון דער יידישער אויפפאסונג. אַפילו די באַזונדערע אַקצענ־טאַציע פון ישו איז, אין איר מהות, נישט געווען אַנדערשדיק פון די געדאנקען וועלכע האָבן קורסירט אין די פאַרשיידענע כסדר־וואקסנדיקע סעקטעס אין ישראל, אין דער תקופה פון פאַרן חורבן. ווי אַ ייד פון זיין צייט, האָט ישו זיך אָפּגעזאָגט „צו נעמען דאָס ברויט פון די קינדער און עס וואַרפן פאַר די הינט״, און ווען מ׳האָט אים געבעטן געבן הילף אַ כנענישער פרוי, האָט ער געענטפערט: „איך בין געשיקט געוואָרן נאָר צו די פאַרלאָ־רענע שעפּעלעך פון בית־ישראל״.

די אנטי־יידישע ריכטונג דער נייער רעליגיע האָט געגעבן שאול הטרסי. ער איז דאָס געווען דער הויפּט ־ פאַרשפּרייטער און אפשר אויך דער הויפּט־מחבר פונעם „נייעם טעסטאַמענט" — אין קעגנזאַץ צום אַלטן העברעאישן טעסטאמענט. שאול הטרסי, אַ זון פון אַ רוימישן ביר־גער, וואָס האָט געוווינט אין חוץ לארץ, איז אויך דערצויגן געוואָרן אין יידישקייט און איז געווען אַ תלמיד פון רבן גמליאל. און פונקט ווי אַלע אנדערע תלמידים, איז ער געווען אַ פאַנאַטישער פרוש. אָבער ער איז געווען אַ דיאַספּאָרע־ייד און האָט איינגעזאַפּט אין זיך עפּעס פון דער גרי־כישער קולטור. לכתחילה איז ער געווען פון די פאַנאַטישע קעגנער פון דער קריסטלעכער סעקטע, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין ירושלים. אָבער זינט „עס האָט זיך צו אים אַנטפּלעקט דאָס ליכט״, אויפן וועג קיין דמשק, און האָט אָנגעהויבן גלויבן אין ישו אַלס זון פון גאָט — האָט ער געגעבן אַ נייע ווענדונג דער נייער סעקטע. אין קעגנזאַץ צו ישוס ארץ־ישראל־דיקע תלמידים, וואָס האָבן זיך באַטראַכט אַלס יידן אין יעדן פרט — האָט שאול הטרסי, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן פּאול, איינגעזען זיין עיקרדיקע שליחות ביי די גוים. ער האָט פאַרוואַנדלט די נייע סעקטע אין אַ רעליגיע און אין אַ קירך, וואָס שטייט אין סתירה צו אַלע יסודות פון יהדות, אַלס אומה, אַלס רעליגיע און אַלס אידעאַל.

בשעת אין נאָמען פון ישו ווערט געזאָגט: „מיינט ניט אַז כ׳בין געקו־מען מבטל זיין די תורה, אָדער די נביאים. ניט צו צעשטערן בין איך געקו־מען נאָר צו דערגאַנצן. און באמת זאָג איך אייך: כל־זמן הימל און ערד וועלן ניט בטל ווערן, וועט ניט בטל ווערן קיין איין אות פון דער תורה, קיין איין

שטריכעלע, ביז אַלץ וועט מקוים ווערן״ (מאטיאס 5, 17—18), — האָט שאול־פּאול זיך באַמיט אויסצוואָרצלען די תורה און אירע מצוות און מבטל צו מאכן יהדות אַלס נאַציאָנאַלע איינהייט, וואָס גאָרט נאָך דער וויזיע פון אחרות־הימים. שאול איז אפשר געווען דער גרעסטער אַסימילאַטאָר וואָס איז אויפגעקומען ביי יידן. ער האָט נעגירט די מצוות מעשיות, וואָס האָבן בעצם געבילדעט דעם גאַנצן יסוד פון יהדות און האָט — אין קעגנזאַץ צו תורת־ישראל — אָוועקגעשטעלט דעם גאנצן דת בלויז אויף דער א מ ו נ ה אין ה אַ ר צ ן. ער האָט ניט אָנערקענט די אומה, נאָר דעם י ח י ד. און האָט געפּרוּווט אויסוואָרצלען די אמונה פון יידישן פאָלק און זיין האָפנונג אויף טעריטאָריעלער און נאַציאָנאַלער גאולה. אנשטאָט די אחרית־הימים־וויזיע פון די יידישע נביאים, וואָס טראָגט אירע אויגן צום עתיד און פלעכט צונויף די פאָלקס־גאולה מיט דער וועלט־גאולה, דעם אויפקום פון ישראל — מיט דער הערשאָפט פון שלום און צדק צווישן אַלע פעלקער — האָט שאול הטרסי איינגעשטעלט דאָס קריסטנטום אויף דער אמונה אין אַ ה י מ ל י ש ע ר א ו י ס ל יי ז ו נ ג דורך אַ שוין־געקומענעם משיח.

**
*

דער אויפשפּראָץ און די פאַרשפּרייטונג פון קריסטנטום זענען אויסגעפאַלן אין אַ תקופה בשעת דאָס איבערבלייבעכץ פון דער ישראלדיקער זעלבסטשטענדיקייט איז צעטרייסלט געוואָרן אין די מוטיקע און פאַרצווייפלטע מלחמות, וואָס יידן האָבן געפירט קעגן זייערע רוימישע אונטערדריקער, פון יהודה הגלילי און צדוק ביז שמעון בר־כוכבא און רבי עקיבא, — מלחמות, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט אַ מפּלה פאַר יידן און מיטן פאַרלירן זייער זעלבשטענדיקייט. דאָס פאָלק האָט דורכגעמאַכט טיפע גייסטיקע, סאָציאַלע און פּאָליטישע אויפטרייסלונגען, וואָס האָבן ביז דאַן ניט געהאט זייער גלייכן. די פאַנאַטישע און מוטיקע קעמפער זענען געפאַלן אין די קאמפן, אָדער זענען גענומען געוואָרן אין געפאנגענשאַפט. די פרייהייט פון פאָלק איז רואינירט געוואָרן ביזן גרונט. דער בית־המקדש איז פאַרברענט געוואָרן, דאָס היימלאנד איז על פי רוב חרוב געוואָרן. ירושלים איז אָפּגעווישט געוואָרן און אַפילו איר נאָמען איז געענדערט געוואָרן. עס האָט זיך געדוכט, אַז יהודה איז אונטערגעגאנגען, אַז זי וועט שוין מער קיין תקומה נישט האָבן, און אַ זכר וועט אַפילו ניט בלייבן פון יידישן פאָלק. געבליבן איז נאָר די יידישע אמונה — און אויך זי איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ ביטערן נסיון ניט נאָר דורך אויסערלעכע גזירות. דער קיסר א ד ר י א נ ו ס, וואָס האָט באַזיגט ב ר ־ כ ו כ ב א ן, האָט פאַרבאָטן ברית־מילה און תורה־לערנען. די דאָזיקע גזירות זענען דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס אכזריות. די גדולי ישראל האָבן זיך מוסר־נפש געווען

פאַר לימוד התורה, און זענען אויסגעהרגעט געוואָרן („עשרה הרוגי מל־כות״), צווישן זיי  ר ב י  ע ק י ב א , וואָס איז געווען דער לעבעדיקער גייסט אין דער מלחמה פון בר־כוכבא.

דער געפּערלעכסטער אַטענטאַט אויפן יידנטום איז געקומען פון  א י־נ ע ו ו י נ י ק , פון דער קריסטלעכער לערע, וואָס האָט צום אָנהויב אויפגעשפּראָצט אין סאַמע האַרץ פון יידנטום און האָט זיך כלומרשט גע־שטיצט אויף די נביאים און אויף אמונות, אידעען און האָפענונגען, וועלכע האָבן זיך פאַרוואָרצלט אין יידנטום אין די צייטן פון בית־שני, און באַזונ־דערס — אויף דער אמונה אין  מ ש י ח  און אין  ת ח י ת ־ ה מ ת י ם . די ערשטע תלמידים פון ישו האָבן אַ לאַנגע צייט זיך אויפגעפירט ווי יידן אין יעדן פּרט, און האָבן מקיים געווען די מצוות פון דער תורה און די יידישע מנהגים. זיי האָבן אָבער געלייקנט אין דער נאַציאָנאַלער האָפענונג פון יידישן פאָלק און אין דער קומענדיקער גאולה, ווייל לויט זייער מיי־נונג איז משיח שוין געווען געקומען. דאָס וואָס די נייע רעליגיע האָט צוגעצויגן פיל יידן פון דער דיאַספּאָרע, וואָס זייערע ידיעות און יהדות און זייערע פאַרבינדונגען מיטן יידישן פאָלק זענען געווען שוואַך; דאָס וואָס די גריכן און אַנדערע געצנדינערישע פעלקער האָבן אָנגענומען די נייע רע־ליגיע, און באַזונדערס די „מיסיאָנערישע״ טעטיקייט פון שאול הטרסי — דאָס אליין האָט פאַרשאַרפט די קאָנטראַסטן צווישן דעם יידנטום און דער נייער רעליגיע.

***

די  י י ד ן ־ ק ר י ס ט ן  האָבן ניט אָנטיילגענומען אין נאַציאָנאַלן קאַמף פון די יידן קעגן רוים. זיי פלעגן אַפילו בפירוש באַטאָנען פאַר דער רוימישער מאַכט, אַז זיי האָבן ניט קיין שום פאַרבינדונג און באַציאונג צו יידן וואָס זענען מורד במלכות. שאול הטרסי האָט געהייסן זיינע תלמידים זיך אונטערצוגעבן דער מאַכט און אָננעמען איר גזר־דין. אין נאָמען פון ישו איז שוין געווען געזאָגט: „וואָס צום קייסער איז צום קייסער און וואָס צו גאָט — איז צו גאָט״. (מאַטיאס 22, 21). אָבער שאול הטרסי איז געגאַנ־גען נאָך ווייטער. „יעדער מענטש — האָט שאול געלערנט אין איינעם פון זיינע בריוו — איז מחויב זיך אונטערצוואַרפן דער אויבער־מאַכט, ווייל עס איז ניטאָ קיין מאַכט וואָס איז ניט פון גאָט. אַלע מאַכט־אָרגאַנען עק־סיסטירן לויט גאָטס־באַפעל, אַזוי, אַז יעדער וועלכער שטעלט זיך אַקעגן דער מאַכט, שטעלט זיך ממילא קעגן גאָטס באַפעל״ (אַ בריוו צו די רוימער, 13, 1—2).

די שרעקלעכע פאַרלוסטן און מפּלות- וואָס יידן האָבן געליטן אין די צייטן פון  ע ס פ אַ ס י אַ נ ו ס  און  ט י ט ו ס,  און דערנאָך אין די

צייטן פון אדריאנוס, און די ביטערע אנטוישונגען וואָס זענען געקומען נאָך זיי, האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר די דאָזיקע לערעס פון קריסטנטום, און פיל פון ארץ־ישראלדיקן יידנטום און נאָך מער — פון דער יידישער דיאַס־פּאָרע אין דער רוימישער אימפּעריע — האָבן זיך אָנגעשלאָסן דער נייער רעליגיע. מיט דער צייט, אין אַן ערך 200 יאָר נאָכן פאַלן פון בר־כוכבא, איז די קריסטלעכע רעליגיע געוואָרן די הערשנדיקע רעליגיע אין דער רוימישער אימפּעריע און איז מיט כוח אויפגעצוווּנגען געוואָרן אַלע פעלקער פון דער רוימיש־גריכישער וועלט אין אייראָפּע, אין דער פאָדער־שטער אַזיע און אין צפון אפריקע. נאָר דאָס יידישע פאָלק איז געבליבן ווי־דערשפּעניק, ניט אַן לאַנגדויערנדיקע און פּילצאָליקע אַבידות, און האָט אויסגעהיטן זיין אייביקאַרטיקייט.

דאָס פאָלק, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אָנגעזאָגט די אוניווערסאַלע גאולה־וויזיע, שלום, פרייהייט און יושר פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט, און האָט זיין תורה איינגעשטעלט אויף איין גרויסן כלל: „ואהבת לרעך כמוך" (דו זאָלסט ליב האָבן דעם מיטמענטשן ווי זיך אַליין) — איז ניט פאַרפירט געוואָרן פון דער נייער רעליגיע, וואָס האָט זיך געפּוצט מיט אוניווערסאַלישקייט און געפּריידיקט אַז מ׳טאָר זיך ניט אַנטקעגנשטעלן דעם יעניקן וואָס קומט דיר שלעכטס טאָן. אָבער ווען זי איז געקומען צו דער מאַכט האָט זי אונטערדריקט און גערודפט יעדן איינציקן, וואָס האָט זיך איר ניט אונטערגעוואָרפן.

דאָס מאַכטהאָבנדיקע קריסטנטום האָט, באַהערשנדיק די גאַנצע וועלט, וואָס איז געווען אונטערגעאָרדנט רוים און אירע יורשים, ניט מוחל גע־ווען דעם יידישן פאָלק זיין עקשנות. אין נאָמען פון דער ליבע־רעליגיע זענען אויסגעפירט געוואָרן אכזריותדיקע רדיפות אויף יידן, און פיל קהילות האָבן זיך מוסר־נפש געווען אויף קידוש־השם. דאָס יידישע פאָלק האָט זיך ניט אונטערגעגעבן און איז געשטאַנען אין אָט דעם היסטאָרישן געראַנגל אייינציק און אַליין אין משך פון הונדערטער יאָרן, און איז בייגעשטאַנען. עד־היום זענען נאָך פאַראַן טיילן אין קריסטנטום וואָס קענען אונדז ניט מוחל זיין אונדזער דאָזיקע ווידערשפּעניקייט.

***

אין 500 יאָר נאָכן פאַלן פון בר־כוכבא איז ארץ־ישראל אָקופּירט גע־וואָרן דורך די אַ ר אַ ב ע ר. דער דאָזיקער אָקופּאַנט האָט זיך אונ־טערשיידט פון די פריערדיקע דעראָבערער דערמיט וואָס ער איז געווען ניט נאָר אַ מיליטערישער כוח, נאָר איז געקומען באַוואָפנט מיט אַ נייער אידעע, און מיט אַ נייער תורה — מיט דער תורה פון מ ו ח מ ד. די דאָזיקע תורה איז ניט באַשאַפן געוואָרן אינעם לאַנד און איז אויך ניט

אַרויסגעוואַקסן פון יידנטום גופא, הגם ניט אָן זיין קענטיקער השפעה. דער נביא פון איסלאַם איז געקומען אין האַנדלס־באַציאונגען און אויך געווען אין אַ גייסטיקן קאָנטאַקט מיטן יידנטום. די דעראָבערונגען פון מוחמד מיט זיינע תלמידים זענען נאָך געווען שנעלער און וווּנדערלעכער פון די קריסטלעכע דעראָבערונגען. די פאַרשפרייטונג פון מוחמדס תורה צווישן די אַראַבישע שבטים, אין זיבעטן יאָרהונדערט — און אין אַ קורצער צייט נאָכדעם איבער די מרחקים פון אַזיע און אַפריקע—, איז געווען אויסטערליש מיט איר גוואַלדיקן פאַרנעם, מיט איר איבעראַשנדיקער שנעלקייט און מיט איר טיפער קולטורעלער און שפּראַכלעכער השפעה. דער גרעסטער טייל פון מ י ט ל ל ע נ ד י ש ן י ם ־ ב א ס י י ן איז אין אַ בערך קורצער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַראַביש־מוסולמענישע אימפּעריע, און די אַראַבישע שפּראַך איז געוואָרן די אומגאַנגס־שפּראַך צווישן די פעלקער פון מעסאָפּאָטאַמיע, גאַנץ צפון־אַפריקע און אויפן פירענעאישן האַלב־אינדזל. אַלע פעלקער פון מיטעלן מזרח און צפון־אַפריקע האָבן אָנגענומען די נייע רעליגיע — ווער ברצון און ווער דורך צוואַנג. דאָס איינציקע פאָלק וואָס איז בייגעשטאַנען די מעכטיקע כוואַליע — איז געווען דאָס יידישע פאָלק.

***

אויפן אַראַבישן האַלב־אינדזל זענען יידן געזעסן פון פאַרצייטנס־אָן. צווישן די תימנער יידן איז פאַרשפּרייט אַ לעגענדע, אַז זייער באַזעצן זיך אין תימן פאַלט אויס נאָך אין שלמה־המלך׳ס צייטן. אָבער אָן שום ספק פלעגן נאָך אין דער תקופה פון בית־שני יידישע סוחרים קומען קיין אַראַביע, אין צפון און אין דרום. דער מלך ה ו ר ד ו ס האָט געשיקט קיין דרום־אַראַביע אַ יידישן באַטאַליאָן פון 500 מאַן צו העלפן די לעגיאָנען פון קייסער אויגוסטוס אין זיינע דעראָבערונגען פון דרום־אַראַביע. יידן זענען געקומען קיין אַראַביע אויך פון בבל און פון פּערסיע. אין די אויסגראָבונגען אין בית־שערים (נעבן חיפה) איז אויפגעדעקט געוואָרן אַן אַלטער בית־עולם, וווּ מען האָט געפונען אַ קבר פון אַ יידישער פאַמיליע פון ח מ י א ר פון אַראַביע — פון צווייטן אָדער דריטן יאָרהונדערט לויט דער אייראָפּעישער צייטרעכענונג. צום סוף פון פערטן יאָרהונדערט האָט דער מלך פון תימן, א ב ו ־ כ ר י ב ־ אַ ס ע ד , זיך מגייר געווען און האָט פאַרשפּרייט דעם יידישן דת אין זיין מדינה.

עס איז באַקאַנט דער טראַגישער גורל פון יידישן מלך ד ו־נ ו א ס, וואָס האָט געקיניגט אין חמיאר אין סוף פון ערשטן פערטל פון זעקסטן יאָרהונדערט, און איז צעשלאָגן געוואָרן דורך די קריסטלעכע חילות פון אַביסיניע. פיל יידן וואָס זענען פאַרפאָלגט געוואָרן דורך די קריסטלעכע אַביסינער זענען אַנטלאָפן קיין צפון־אַראַביע, וווּ ס׳רוב פון זיי האָט זיך באַ־

זעצט אין דער שטאָט יתריב (מעדינא) און אין דער אַרומיקער געגנט. אין די צייטן פון מוחמד (570—632) האָבן זיך געפונען אויפן אַראַבישן האַלב אינדזל אַ סך יידן. פיל פון זיי זענען געווען ערד־אַרבעטער און פּי־ציכטלער. דער נביא פון איסלאַם פלעגט זיך מיט זיי טרעפן אויף זיינע האַנדלס־רייזעס און האָט פון זיי געהערט די סיפּורים פון דער תורה, וועגן די יידישע אבות, וועגן מאָנאָטעאיזם און וועגן דער קדושה פון ירו־שלים. אין דער ערשטער צייט פון זיין נביאישער מיסיע האָט מוחמד גע־לערנט זיינע גלויביקע, אַז בשעת דער תפילה זאָלן זיי זיך ווענדן מיטן פּנים צו ירושלים. דערמיט האָט ער געוואָלט געווינען די יידן פאַר זיין נביאישער מיסיע. ערשט נאָכדעם ווי יידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען זיין תורה, האָט ער חרטה געהאט און האָט געהייסן בשעת דער תפילה ווענדן דאָס פּנים צו מעקא, זיין געבורט־שטאָט, און האָט זיין נייע לערע צוגעגבן אַ נאַציאָנאַל - אַראַבישן קאָלאָריט. זיין שינאה צו יידן האָט זיך געשטאַרקט. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן זיי מיטן שווערד און גע־פאָדערט זיי זאָלן אָננעמען זיין תורה. די יידן האָבן ניט נאָכגעגעבן — הגם דאָס האָט זיי געקאָסט טייער. די יידן פון אַראַביע — אויסער די תימנער יידן — זענען אַרויסגעטריבן אָדער אויסגעשאָכטן געוואָרן. אויך די רעשטן פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, באַזונדערס דער דאָרפישער ישוב, האָבן ניט געהאט קיין כוח בייצושטיין די נייע דעראָבערער. אַ טייל פון זיי האָבן זיך אַסימילירט צווישן די דעראָבערער. אַ טייל האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

אָבער דאָס יידישע פאָלק בכלל האָט אויסגעהאַלטן, הגם די רדיפות פלעגן באַנייט ווערן פון צייט צו צייט. און נאָכן צוועלפטן יאָרהונ־דערט — 550 יאָר נאָך מוחמד — האָט דער רמב״ם געמוזט שיקן אַ בריוו צו די תימנער יידן, צו שטאַרקן זייער מוט אויסצוהאַלטן די שווערע גזירות, רדיפות און גוואַלדטאַטן מצד דעם שונא.

***

אַ נייע אידעאישע כוואַליע קעגן קיום פון דער יידישער אומה, קעגן איר נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט און איר מאָראַלישער זעלבשטענדיקייט איז אויפגעשוואומען מיט די גרויסע רעוואָלוציעס פון די נייע צייטן: די פראַנצויזישע רעוואָלוציע צום סוף פון אַכצנטן יאָר־הונדערט און די רוסישע רעוואָלוציע — אין אָנהייב פון צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס איז געטראָגן געוואָרן אויף די אי־דעאַלן פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, האָט זיך ניט באַ־שרענקט אין די גרענעצן פון איר לאַנד, נאָר האָט געשלאָגן שטאַרקע כוואַ־

ליעס אין אַלע לענדער פון אייראָפּע, האָט צעטרייסלט די זיילן פון קע־ניגלעכער טיראַניי און פעאָדאַלן רעזשים. די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט אויך געגעבן דעם ערשטן שטויס צו יידישער באַפרייאונג (עמאַנציפּאַציע) און צו זייער גלייכבאַרעכטיקונג אין די מערב־לענדער. עס איז אָבער ניט קיין צופאַל, וואָס די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט פאַרלאַנגט פון יידן צו פאַרטושן זייער נאַציאָנאַלן פּרצוף. פיל פון די מערב־יידן האָבן דעם דאָזיקן פאַר־לאַנג אָנגענומען גאַנץ גערן, און ס׳האָט אויסגעבראָכן אַן אַסימילאַציע־באַוועגונג, וואָס האָט געהאַלטן ביים פאַרזינקען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. „ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אָט דאָס עלטסטע פאָלק, וואָס האָט טויזנטער יאָרן געקעמפט פאַר זיין קיום און איז בייגעשטאַנען די שטורעמס פון דער גע־שיכטע אין דער גאַנצער וועלט, האָט ניט געקענט ביישטיין די כוואַליע פון 19טן יאָרהונדערט. האָט נאָכגעגעבן, האָט פאַרלייקנט זיין מהות און האָט זיך אַליין אַראָפּגעזעצט צו דער מדרגה פון אַ רעליגיעזער סעקטע, וואָס אירע טיילן זענען איינגעגלידערט אין די אָרגאַניזמען פון אַנדערע פעלקער" (דובנאָוו). ניט ווייניק זענען געווען די קרבנות פון דער דאָזיקער אַסימי־לאַציע, ניט נאָר אין מערב, נאָר אויך אין מזרח.

נאָר דער היסטאָרישער ווילן פון יידישן פאָלק האָט גובר געווען אויך די דאָזיקע מעכטיקע כוואַליע. און די עמאַנציפּאַציע האָט ניט געבראַכט צו קיין אַסימילאַציע, נאָר צו אַ נייעם אויסדרוק פון זיין נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט און פון זיין משיחישער בענקשאַפט. דאָס יידנטום האָט מייסטנס אויסגעטאָן זיין טעאָקראַטישן לבוש און האָט באַ־קומען אַ וועלטלעכע געשטאַלט. אָבער זיין צוגעבונדנקייט צו די היסטאָ־רישע קוואַלן און צו זיין אור־אַלטן היימלאַנד איז שטאַרקער געוואָרן, און זיין אַלטע נאַציאָנאַלע שפּראַך איז אויפגעשטאַנען צו אַ נייעם לעבן. ס׳איז אויפגעקומען אַ וועלטלעכע העברעאישע ליטעראַטור, ס׳האָט זיך פונאַנדער־געוואַקסן די חיבת־ציון און די ציוניסטישע באַוועגונג. די עמאַנ־ציפּאַציע, וואָס איז געקומען פון דרויסן, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויטאָעמאַנציפּאַציע — אַ באַפרייאונגס־באַוועגונג פון פרעמ־דע אָפּהענגיקייט־פּענטעס. ס׳זענען געלייגט געוואָרן די ערשטע יסודות צו דער באַפרייאונג און דער נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט אין דער אַלטער היים.

**
*

פונקט ווי די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אויך די רוסישע רעוואָלוציע זיך ניט באַשרענקט אין די גרענעצן פון איר אייגן לאַנד, נאָר האָט געשלאָגן און שלאָגט ווייטער כוואַליעס איבער דער גאַנצער וועלט. זי האָט ווידער געשטעלט דאָס יידישע פאָלק פאַר אַן אידעאישן גוראַנגל און היסטאָרישן עקזאַמען, ניט ווייניקער האַרב און שווער פון די אַלע פריערדיקע.

אין יאָר 1917 איז געגעבן געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע. צום ערשטן מאָל נאָכן חורבן זענען יידן אָנערקענט געוואָרן דורך אַ וועלטמאַכט אַלס באַזונדערע נאַציע און עס איז זיי באַוואָרנט געוואָרן דאָס רעכט זיך אומצוקערן אין זייער לאַנד. די פעלקער־ליגע, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה, האָט געגעבן דער באַלפור־דעקלאַראַציע אַן אינטערנאַציאָנאַלע גילטיקייט און האָט אָנערקענט די פאָרשטייערשאַפט פון יידישן פאָלק אַלס קערפּערשאַפט, באַשטעטיקט דורכן אינטערנאַציאָנאַלן רעכט.

אין יענעם יאָר, 1917, איז די רוסישע רעוואָלוציע געקומען צו דער מאַכט — און דער נייער רעזשים, וואָס האָט געבראַכט די גאולה־בשורה פאַר דער וועלט, האָט געגעבן דעם יידישן פאָלק אַ געפערלעכן קלאַפּ: דאָס רוסישע יידנטום, דער גרעסטער און פּרוכטבאַרסטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט, איז מיט גוואַלט אָפּגעריסן געוואָרן פון יידישן פאָלק און פון זיין באַגייטן היימלאַנד.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אָנגעזאָגט נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע פעלקער און שבטים אין רוסלאַנד, און האָט אויך מקיים געווען איר הבטחה לויט איר שטייגער: אין דער ראַם פון נייעם רעזשים איז געגעבן געוואָרן טעריטאָריעלע אויטאָנאָמיע אַלע נאַציעס, ראַסן און שבטים, וועלכע האָבן געלעבט אין דער דאָזיקער אימפּעריע. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך קאָנסטיטואירט אַלס פעדעראַציע פון גלייכבאַרעכטיקטע נאַציעס — יעדע אויף איר אויטאָנאָם־נאַציאָנאַלן שטח, וואָס איז דורך איר באַפעלקערט. ווי געוויינטלעך אין ראַטנפאַרבאַנד, איז די דאָזיקע אויטאָנאָמיע אונטערגעוואָרפן דער אבסאָלוטער דיקטאַטור פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, מיט איר צענטער אין מאָסקווע, און די צענטראַלע מאַכט איבער אַלע איינוווינער און אַלע פעלקער רעגולירט אַלע עקאָנאָמישע, בירגערלעכע, קולטורעלע און פּאָליטישע סדרים אין אַלע עקן פון דער ריזיקער רעפּובליק. אָבער אין דער ראַם פון דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור זענען גלייכגעשאַלטעט געוואָרן די רעכט פון אַלע פעלקער — גרויסע און קליינע. די קולטור, שפּראַך און ווירטשאַפט פון יעדער נאַציע און שבט, אויף וויפל זיי זענען זעלבשטענדיק, אַנטוויקלען זיך אין הסכם מיט די באַדערפענישן פון אָט דער נאַציע אָדער שבט.

נאָר איין נאַציאָנאַלער אָרגאַן אין ראַטנפאַרבאַנד — דער יידישער — איז פּאַקטיש פאַרמשפט געוואָרן צו אַ נאַציאָנאַל־גייסטיקן אונטערגאַנג — ניט צוליב אַ נעגאַטיווער באַציאונג ספּעציעל צו יידן מצד דער באָלשעוויסטישער מאַכט, נאָר צוליב דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט פון אַ צעזייטן, היימלאָזן פאָלק, וועלכע די דאָזיקע מאַכט האָט ניט גענומען אין חשבון. אַנדערע פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס זענען קאָנצענטרירט אויף זייערע טעריטאָריעס, האָבן אין דער ראַם פון דער באָלשעוויסטישער דיק־

טאַטור באַקומען אַ נאַציאָנאַל־טעריטאָריעלע אויטאָנאָמיע. זייער שפּראַך, קולטור, דערציאונג, ווירטשאַפט זענען אין אַ גרויסער מאָס אין זייער אייגענער קאָמפּעטענץ. מען אַנטוויקלט דאָס שול־וועזן, פּרעסע, ליטעראַטור אין זייער אייגענער שפּראַך. די נאַציאָנאַלע טראַדיציע פון יעדן פאָלק ווערט ניט נאָר ניט געשטערט, פאַרקערט — זי ווערט דערמוטיקט און אונטערגעשטיצט, ווי דאָס איז קיינמאָל ניט געווען אין צאַרישן רוסלאַנד. אָבער די שפּראַך פון יידישן פאָלק, זיין דערציאונג, זיין ליטעראַטור, זיינע פאַרבינדונגען מיטן נאַציאָנאַלן עבר — זענען פּאַראַליזירט, אונטערגעהאַקט און דערשטיקט געוואָרן. עס איז אויך איבערגעריסן געוואָרן דער צוזאַמענבונד פון די ראַטנפאַרבאַנד־יידן מיט יידישן פאָלק און מיט דער נאַציאָנאַלער היים. פון דעם עלטסטן קולטור־פאָלק צווישן די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד איז אַוועקגערויבט געוואָרן זיין היסטאָרישע ירושה. פאַרגראָבן געוואָרן איז דער העברעאישער ספר, געשלאָסן געוואָרן זענען אַלע יידישע שולן. שטומעניש, יתומדיקייט און נאַציאָנאַלער עלנט זענען נגזר געוואָרן אויף אַ יידישן מיליאָנען־קיבוץ, וואָס איז אין משך פון דורות געשטאַנען אויבנאָן פון זיין נאַציאָנאַלער פאָלקס־יצירה.

זינט דעם בר־כוכבא אויפשטאַנד קעגן אדריאַנוס האָט דאָס יידישע פאָלק נאָך ניט באַקומען אַזא שווערן קלאַפּ. די פּאַראַליזירונג און אָפּגעריסנקייט פון רוסישן יידנטום האָבן געטראָפן ניט נאָר די מיליאָנען יידן וועלכע לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָר האָבן אַ שווערן קלאַפּ געגעבן דעם גאַנצן יידישן פאָלק אומעטום. כדי מיר זאָלן האָבן אַ וועלכן ס'איז באַגריף וועגן דעם שרעקלעכן גרויסן פאַרלוסט וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט זינט 1917 — דאַרפן מיר זיך פרעגן, וואָס וואָלטן מיר פאַרלאָרן, ווען דאָס, וואָס עס איז געשען אין רוסלאַנד אין יאָר 1917, וואָלט געשען אין יאָר 1880, ווען עס וואָלט ד ע מ אָ ל ט אָפּגעריסן און פאַרשטומט געוואָרן דאָס רוסישע יידנטום. מיר וואָלטן דאַן פאַרלאָרן די בילויים־עליה, די נייע העברעאישע ליטעראַטור — מענדעלע, אחד־העם, ביאַליק און זייערע נאָכפאָלגער; די ציוניסטישע באַוועגונג און די יידישע אַרבעטער באַוועגונג, די צווייטע עליה, די גרינדער פון דער קבוצה און „השומר“, די בויער פון דער התישבות־העובדת (אַרבעטס־קאָלאָניזאַציע) און די גרינדער פון תל־אביב; אַלע פּערזענלעכקייטן וועלכע זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון ישוב אין משך פון 40 יאָר; אַלע מיטלען, וואָס דאָס רוסישע יידנטום האָט געגעבן פארן אויפבוי פונעם לאַנד. מיר וואָלטן אויך פאַרלאָרן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע און די גאַנצע יצירה וואָס יידן עמיגראַנטן פון רוסלאַנד האָבן געשאַפן אין אַלע לענדער.

די פאַרלוסטן און נצחונות פון די באָלשעוויקעס, אין די ערשטע יאָרן נאָך דעם ווי זיי האָבן איבערגענומען די מאַכט — די פאַרלוסטן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן געביט און די נצחונות אויפן רוסישן געביט — האָבן

געבראַכט טיפע ענדערונגען אין דער ריכטונג און טענדענץ פונעם נייעם רעזשים. פון פּאַרכאַפּן די מאַכט מיט כוח איז מען אריבער צו איינהאַלטן די מאַכט מיט כוח. דער דיקטאַטאָרישער רעזשים איז פון אַ צייטווייליקער דערשיינונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סטאַבילער שיטה.

די נייע לערע פון „סאָציאַליזם אין איין לאַנד״ איז פּאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלער שטרעבונג, וואָס שטעלט די אינטערעסן פון איין לאַנד אויפן אָרט פונעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. אַנשטאָט זיך צו שטיצן אויפן אַרבעטער קלאַס אין דער וועלט, ווי אויף אַ באַפרייענדיקן כוח ביי יעדער נאַציע און אין יעדער מדינה — שטיצט זיך דער ראַטנפאַרבאַנד אויסשליסלעך אויף זיך און אויף זיין מיליטערישן כוח. די אַרבעטער באַוועגונג אין יעדן לאַנד מחוץ רוסלאַנד איז נישט אויפגעפאָדערט געוואָרן צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אין איר לאַנד, לויט די באַדערפענישן און היסטאָרישע אומשטענדן פון דאָזיקן לאַנד, ווי עס האָט געלערנט דער מאַרקסיזם — נאָר אבסאָלוטע טריישאַפט צו די אינערלעכע און אינטערנאַציאָנאַלע באַדערפענישן פונעם ראַטנפאַרבאַנד אַזוי ווי זיי ווערן פון צייט־צו־צייט אינטערפּרעטירט דורך די פירער פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי.

***

פאַרשטייט זיך אַז די זעלביקע אַבסאָלוטע דיסציפּלין ווערט געפאָדערט פון אַלע בירגער פון ראַטנפאַרבאַנד, פון די אַרבעטער־מאַסן, פּויערים און אינטעליגענץ. און די דיסציפּלין־פליכט איז חל, ניט נאָר בנוגע סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגן, נאָר אויך בנוגע וויסנשאַפטלעכע און קולטורעלע ענינים, ענינים פון ליטעראַטור, קונסט, געשיכטע, שפּראַך, משפּחה־לעבן און פערזענלעכע אויפפירונג.

זינט ס'איז געגרינדעט געוואָרן די קאַטוילישע קירך אין רוים און עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן די אוניווערסאַלע מאַכט פון די פּויפּסטן — איז אין דער וועלט ניט דערשינען אַזאַ כוח, וואָס האָט געפאָדערט פאַר זיך אַזאַ אַלוועלטלעכע און אבסאָלוטע קאָמפּעטענץ, ווי עס פאָדערן די פירער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. די דאָזיקע פאָדערונג, וואָס שטיצט זיך פּאַקטיש אויף דעם מעכטיקן מיליטערישן כוח פון ראַטנפאַרבאַנד, פאַררופט זיך טעאָרעטיש אויף דער אידעע פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם און פּראָקלאַמירט איר שטרעבונג פון וועלט־תיקון און מענטשהייט־גאולה.

עס איז קיין ספק ניט, אַז די פירער פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי גלויבן, אַז דאָס אַלץ וואָס איז גוט פאַר זייער לאַנד, איז ממילא אויך גוט פאַר אַלע לענדער, און אַז זייער לאַנד ברענגט די גאולה אויף דער וועלט,

אָבער דווקא די דאָזיקע אמונה איז גאָר ניט אַזוי נײַ — ניט אין דער רוסי־שער און ניט אין דער אַלוועלטלעכער געשיכטע . . .

***

די ייִדישע אומה, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט אונטערגעגעבן העכערע פֿיזישע כּוחות און האָט אויסגעהיטן זײַן מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע פֿרײַהייט, אַפֿילו ווען זי האָט ניט געהאַט קיין כּוח אויסצוהיטן איר פּאָלי־טישע און ווירטשאַפֿטלעכע זעלבשטענדיקייט, איז געשטעלט געוואָרן, מער פֿון יעדער פֿאָלק אין דער וועלט, פֿאַר אַ האַרבן און אכזריותדיקן עקזאַמען. עס איז ניט געווען קיין פֿאָלק וואָס דער אידעאַל פֿון דער וועלט־גאולה זאָל האָבן בײַ אים געשפּילט אַ באַשטענדיק גרעסערע ראָלע אין ז ײ ן לעבן, אין ז ײ ן געשיכטע, אין ז ײ ן גײַסטיקער אַנטוויקלונג — ווי אין דער געשיכטע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. קיין שום אַנדער פֿאָלק האָט ניט גע־שטרעבט צו וועלט־שלום און צו מענטשהייט־אחדות מער, ווי דאָס איבער־דער וועלט־צעשפּרייטע ייִדישע פֿאָלק. די גרויסע גײַסטער פֿונעם ייִדישן פֿאָלק פֿאַר די לעצטע דורות זענען געווען די יעניקע וואָס האָבן פֿאַרטיפֿט די אידעען פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און האָבן זײ געגעבן אַ וויסנ־שאַפֿטלעכע באַזע, דורך אַנאַליזירן די סתירות פֿון דער עקזיסטירנדיקער אָר־דענונג. די בעסטע ייִדישע יוגנט אין גאָר דער וועלט איז געשטאַנען בראש פֿון די באַפֿרײַאונגס־קאַמפֿן אין די דאָזיקע לענדער, און מער פֿון אַלעמען — די ייִדישע יוגנט אין צ אַ ר י ש ן רוסלאַנד. כּמעט דאָס גאַנצע רו־סישע ייִדנטום האָט סימפּאַטיזירט מיט די יעניקע, וואָס האָבן זיך געווידמעט צו צעשמעטערן דעם ווילקיר פֿון די רוסישע צאַרן. און ייִדישע קעמפֿער זענען געשטאַנען אין די ערשטע רייען פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע.

די פּאָגראָמען געשפּענסטער, וואָס האָבן צענדליקער יאָרן געשוועבט איבער די קעפּ פֿון רוסישן ייִדנטום, זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן נאָר מיטן נצחון פֿון די באָלשעוויקעס. מיליאָנען ייִדן אין רוסלאַנד האָבן געוווּסט אַז אונטער דער דאָזיקער מאַכט קענען ניט געמאָלט זײַן קיין פּאָגראָמען אויף ייִדן. דער נביא, דער גײַסטיקער און הויפּט־קאָמאַנדיר פֿון דער באָלשע־וויסטישער רעוואָלוציע, ל ע נ י ן, האָט געהאַט אייניקע ייִדישע חברים און תּלמידים. אויך נאָכדעם ווי כּמעט אַלע לעניִנס ייִדישע מיטבאַגלייטער זענען אײַנציקווײַז „ליקווידירט געוואָרן״, האָט קיינער אין דעם ניט אײַנגעזען קיין אַ נ ט י ־ י י ד י ש ע אַקציע. די צרות, רדיפֿות און באַליידיקונגען, וואָס ייִדן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין די צאַרישע צײַטן האָבן זיך אַ לאַנגע צײַט ניט אויסגעווישט פֿון זכרון פֿון די רוסישע ייִדן און די ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט. אַפֿילו די יעניקע בײַ וועמען די סאָציאַליסטישע לאָזונ־גען פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטײ האָבן זיך ניט געפּאָרט מיט די

מעשים פון אירע הערשער — האָבן ניט געוואָלט פאַרלייקענען די עצם־ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין לעגאַלן מצב פון יידן נאָך דער צעשמעטערונג פון צאַרישן רעזשים.

דער נייער רעזשים האָט מבטל געמאַכט צאַרישע דיסקרימינאַציע־רעשטן קעגן יידן. דער יידישער יחיד איז פולשטענדיק גלייכגעשטעלט געוואָרן אין זיינע רעכט מיט דעם ניט־ייד. אָבער דער יידישער ק י ב ו ץ איז געפערלעך געטראָפן געוואָרן דורכן באָלשעוויסטישן רעזשים און דורך זיינע טאָטאלע תביעות, ווייל דער רעזשים האָט אָנגעגריפן די נשמה פונעם יידנטום. געטראָפן געוואָרן איז ניט נאָר דער יידישער קיבוץ אין ראַטנ־פאַרבאַנד — נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

די צאַפּלעניקשן פון רוסישן יידנטום אין משך פון איבער דרייסיק יאָר פון נייעם רעזשים האָבן באַוויזן, אַז אויך דער שטאָלענער פּרעס פון דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור האָט ניט געקענט איינגאַנצן בייקומען דאָס יידישע פאָלק. הגם פיל גוטע רוסישע יידן האָבן זיך מיטן גאַנצן האַרצן געשטעלט צום דינסט פונעם נייעם רעזשים און האָבן אויף זיך מקבל געווען זיין טאָטאלע תביעה — צי מיט גוטן צי מיט בייזן — איז צווישן די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד דאָך ניט אויסגעלאָשן געוואָרן דער פונק פון גייסטיקער אייגנאַרטיקייט, און ס׳איז ניט איבערגעריסן געוואָרן זייער טיפע נשמה־פאַרבינדונג מיטן יידישן פאָלק און מיטן יידישן היימלאַנד.

עס האָבן ניט געפעלט קיין אַנטפּלעקונגען פון זעלבסט־דערנידערונג, זעלבסט־פאַרלייקענונג און גייסטיקע קנעכטשאַפט צווישן פיל יידישע אָנהענגער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג נאָך אַ לאַנגע צייט פ א ר ן דערשיינען פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. ס׳איז באַקאַנט, אַז נאָך אין די צאַרישע צייטן האָבן יידישע רעוואָלוציאָנערן מקבל באהבה געווען די פּאָגראָמען אויף יידן: זיי האָבן אייַנגעזען אינעם אַנטי־יידישן פּאָגראָם אַן אויפשטאַנד פון רוסישן פויער קעגן די פאַרמעגלעכע קלאַסן; יידיש בלוט איז, אין זייערע אויגן, געווען שמיר־אייל אויף די רעדער פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

די א י נ י צ י אַ ט אָ ר ן פון די רדיפות קעגן דער העברעאישער שפּראַך און קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג זענען געווען די חברים פון דער יידישער אָפּטיילונג אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי (יעווסעקציע), וואָס זייער שנאה צו ציון און צו העברעאיש איז ביי זיי שאַרפער פון זייער קאָמוניסטישן פאַנאַטיזם. עס איז נויטיק געווען לעניגס פּערזענלעכע אייַנ־מערוועניץ כדי צו באַקומען אַ היתר פאַרן העברעאישן טעאַטער „הבימה״ אין מאָסקווע. און ווען די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל (הסתדרות) האָט, אין יאָר 1923, געוואָלט זיך באַטייליקן אין דער אַלוועלט־לעכער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין מאָסקווע — זענען די יעווסעקציע־לייט געווען קעגן דעם, נאָר די

מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך ניט גערעכנט מיט דער דעה פון זייערע יידישע עצה־געבער.

אָבער דאָס זעלביקע רוסישע יידנטום האָט אויך נאָכדעם ווי די באָל־שעוויסטישע רעגירונג האָט אַבסאָלוט באַהערשט גאַנץ רוסלאַנד — געגעבן ארץ־ישראל די בעסטע חלוצישע יוגנט. די ווערק פון דער דאָזיקער יוגנט אין לאַנד זאָגן עדות אויף די מעגלעכקייטן וואָס ליגן פאַרבאָרגן אין רוסישן יידנטום, און אויף די גייסטיקע פּאָטענצן, וואָס פּולסירן טיף אין אים. זיי באַווייזן אויך, אַז דער גאַנצער פרעמדער פיזישער און מאָראַלישער דרוק איז ניט אימשטאַנד אומצוברענגען און צו פאַרטיליקן אָט די כוחות.

***

דורכן ווידעראויפשטעלן די יידישע מדינה, איז דער לאַנגער קאַמף פון יידישן פאָלק כאילו געקרוינט געוואָרן מיט אַן ענדגילטיקן נצחון. אָבער אין דער אמתן איז דאָס ניט מער ווי אַ פאַרפירערישע און געפערלעכע איינרעדעניש, ניט נאָר דערפאַר וואָס ס'איז נאָך ניט פאַרענדיקט געוואָרן די אויפבוי־ארבעט און דער קיבוץ־גלויות האַלט נאָך ביים סאמע אָנהויב. ניט נאָר עס האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט דער קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער אומאָפּהענגיקייט, נאָר דער אידעי־אישער געראַנגל, דער קאַמף פאַר אונדזער מאָראַלישער זעלבשטענדיקייט האָט זיך נאָך מ ע ר פאַרשאַרפט. די האַרבקייט פון דאָזיקן געראַנגל שטעקט ניט אין דעם אידעאישן און מאָראַלישן צוזאַמענשטויס צווישן אַ וועלט־כוח אָדער וועלט־כוחות און דער יידישער אומה. קראַפט און צאָל דעצידירן קיינמאָל ניט אין אַן אידעאישן קאַמף, און דאָס יידישע פאָלק, „דאָס קלענסטע פון אַלע פעלקער", האָט קיין גרונט ניט מורא צו האָבן פאַר די רעזולטאַטן פון אַ צוזאַמענשטויס אויפן מאָראַליש־פּאָליטישן שטח, ווען אַפילו קעגן אים זאָלן זיך שטעלן די גרעסטע וועלט־הערשער. דאָס יידישע פאָלק, טריי צו זיך אַליין, וועט ניט אָננעמען די מאָראַלישע און אידעאישע אויבערהערשאַפט פון אַ פרעמדן „אַלוועלטלעכן" כוח און וועט אין פראַגן פון געזעלשאַפט, וויסנשאַפט, גייסט און קולטור, און אין ענינים פון פרייהייט, גלייכהייט, גערעכטיקייט און שלום — ניט בייגן זיין קאָפּ פאַר די יעניקע, וואָס האָבן — מיטן כוח פון זייער מאַכט און מיליטער, אָדער עקאָנאָמישער קראַפט — זיך אַליין נאָמינירט אַלס אויבעררי‎כטער פון דער מענטשהייט.

די האַרבקייט פונעם קאַמף פאַר גייסטיקער זעלבשטענדיקייט שטעקט אין א י נ ע ר ל ע כ ן געראַנגל. ביי אַ קליינעם פאָלק, ווי ביי אונדזערן, זענען שטענדיק פאַראַן קרייזן וואָס ווערן מיטגעריסן מיטן גלאַנץ און צויבער פון מעכטיקע כוחות, וואָס זייער פּאָליטישע, ווירטשאַפטלעכע און

מיליטערישע קאַפּאַציטעט איז ריזיק גרויס, און דערפאַר איז גרויס זייער השפעה אין דער וועלט. ניט נאָר צוליב פּריוואַטע נוצן ווערן זיי מיטגעריסן, הגם מ׳טאָר ניט גרינגשעצן אויך אַזאַ פּראַזאַאישן פאַקטאָר — נאָר עס צויבערט די גרויסע מעגלעכקייט, דער פאַרנעם, די מעכ־טיקייט, די נגידות פון וועלט־הערשער. די דאָזיקע סגולה, זיך אַליין מבטל צו מאכן און זיך צוחנפענען צום פּריץ, האָט מען אין אונדזער גייסטער געשיכטע גערופן „מה־יפית". די „מה־יפית"־יידן געפינען זיך אין אַלע יענע קרייזן פון יידישן פאָלק וואָס פאַרמאָגן ניט קיין אייגן־אכטונג און געבוג אמונה אין זייער אייגן פאָלק. אין די רעכטע קרייזן טראָגן זיי דעם נאָמען „דער ראַט פאַר יודאאיזם" און בראש שטייען די יידישע געלט־מאַגנאַטן פון אַמעריקע; אין די לינקע אָדער רע־וואָלוציאָנערע קרייזן הייסן זיי „יעווסעקציע" און בראש פון זיי שטייען שרייבער, וואָס „די שטים פון זייער האַר", הילכט שטענדיק אַרויס פון זייער האַלדז.

נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה זענען די דאָזיקע אָפענע און בולטע אַסימילאַטאָרן ניט באַזונדערס געפערלעך, ווייל היינט־צו־טאָג איז פאַראַן אַ טרייער און זיכערער אַנשפאַר פאַר די יידישע מאסן, ווו זיי זאָלן ניט זיין — דאָס איז די ווידערגעבורט פון פאָלק ישראל אין זיין היימלאַנד. אָבער אויך אין מדינת ישראל גופא זענען פאַראַן פיל, וואָס דער ריס צווישן מענטש און ייד, אַ ריס, וואָס האָט געשפּאָלטן די יידישע נשמה אין גלות, איז ביי זיי ניט פאַרשוווּנדן געוואָרן, און די אומ־גליקלעכע בידנע לערע פון גלות־חכמים: „זיי אַ ייד ביי זיך אין שטוב און אַ מענטש אין דער גאַס" — קורסירט אויך אין יידישן לאַנד, אין נייע פאַר־מען. די באַפרייאונג פון מאַטעריעלן גלות איז אין אונדזערע טעג לייכט: ס׳איז גענוג עולה צו זיין קיין ישראל; אָבער ניט לייכט באַפרייט מען זיך פון מאָראַלישן, נשמהדיקן גלות. דאָס ווערט ניט געמאַכט דורך אויסערלעכע ענדערונגען, דורכן איבערגיין פון לאַנד צו לאַנד; די דאָזיקע באַפרייאונג דאַרף קומען פון אינעווייניק, דורך אַ גרויסער גייסטי־קער און מאָראַלישער אָנשטרענגונג, וואָס נישט יעדער איינער איז דערצו מסוגל.

„זיי אַ ייד ביי זיך אין שטוב און אַ מענטש אין דער גאַס" — די דאָ־זיקע לאָזונג אין מדינת ישראל באַדייט: מיר באַשטימען די יידישע ענינים — עליה, התישבות; אָבער אַלגעמיין־מענטשלעכע ענינים, סאָציאַ־לע און אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע ענינים — ווער זענען מיר, און וואָס מ׳שטייסט געזאָגט, איז אונדזער כוח, אַז מיר זאָלן זיך קענען דערמיט באַ־שעפטיקן זעלבשטענדיק? אין די פראַגן מוזן מיר אָננעמען דעם פּסק־דין פון די גדולים און תקיפים, וואָס ווייסן אַלץ, וואָס זענען קאָמפּעטענט פאַר אַלץ און וואָס באַשטימען אַלץ... פאַראַן ערגעץ אַ גרויסע

מעכטיקע מחנה, דער טרעגער פון דער מענטשלעכער גאולה — און אונדז בלייבט ניט מער ווי צו ענטפערן „אמן" אויף אַלץ וואָס די דאָזיקע גרויסע און מוראדיקע מחנה הייסט אונדז טאָן, הייסט אונדז טראַכטן און רעדן. און אויב יענער זאָגט אונדז היינט פונקט דעם היפך דערפון וואָס ער האָט געזאָגט נעכטן — טאָרן מיר זיך ניט אַריינטראַכטן, חלילה: ע ר ווייסט, וואָס ער טוט, ער, און נאָר ער אַליין ווייסט, וואָס ער טוט...

**
*

מענטשן, טרייע דער יידישער זעלבשטענדיקייט, ווילן זיך ניט אונטערוואַרפן אַ פרעמדן פסק־דין. זיי קענען דעם באַשרענקטן תחום און די באַגרענעצטע מעגלעכקייט פונעם יידישן פאָלק. זיי פאַרשטייען ווי אַזוי זיך צו באַציען מיט כבוד און אַכטונג צו די גרויס־מאַכטן, וואָס זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גורל פון צענדליקער און הונדערטער מיליאָנען מענטשן און וואָס זייער שטאַרקע השפעה גייט אַרויס פון די ראַמען פון זייער לאַנד און פאַרשפּרייט זיך איבער גאַנצע וועלט־טיילן. נאָר ס'איז פאַראַן א יי ן קעניגרייך, וואָס דאַרט באַטראַכט זיך די יידישע אומה גלייך מיט אַלעמען — אין קענטעניש און השפעה אויף דער גאַנצער מענטשהייט און אויף קומענדיקע דורות — דאָס קעניגרייך פון גייסט און אידעאַלן. אין דאָזיקן קעניגרייך דעצידירן ניט דער כמות און גרויס פון מיליטער. ירושלים און אַטען האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף דער קולטור פון אַ גרויסן טייל מענטשהייט ניט מיט זייער קוואַנטיטאַטיוון כוח און ניט מיט זייער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער מעכטיקייט.

ביים באַשטימען פאַר דער וועלט אַ נייעם וועג צו פרייהייט, שלום, גערעכטיקייט און גלייכהייט, צו דער וועלט־גאולה און תיקון, כדי צו פאַרווירקלעכן די שענסטע האָפענונגען פון דער מענטשהייט איצט און אין אַלע דורות — איז דער מאָנאָפּאָל ניט דווקא ביי די גרויסמאַכטן און הערשנדיקע פעלקער. ווען מעכטיקע מדינות באַנוצן קראַפט, אַפילו אויב דאָס קומט לכתחילה צוליב גערווּנטשענע צוועקן — ווערט די קראַפט אויף אַ נאַטירלעכן אופן פאַרוואַנדלט פון אַ מ י ט ל אין אַ צ וו ע ק . אַלע גרויסע דעראָבערער: די פּערסן, גריכן, רוימער, אַראַבער, מאָנגאָלן, שפּאַניער, פראַנצויזן, ענגלענדער, רוסן — אַלע פלעגן זיך שטענדיק איבערנעמען, אַז זיי האָבן בדעה צו ברענגען די ברכה פון אַ העכערער קולטור אויף די דעראָבערטע פעלקער. ניט תמיד איז דאָס געווען אַ פּוסטער אויסרייד: פיל פון די דאָזיקע דעראָבערער האָבן טאַקע געגעבן זייערע שוץ־פעלקער אַ בעסערן רעזשים און אַ העכערע קולטור. אָבער די געשיכטע קען ניט קיין איין פאַל, ווו אַזאַ מין „גומל־חסדים" דעראָבערונג איז סוף־כל־סוף ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג. די הערשאַפט

מיטן כוח, וואָס איז ניט געשטיצט אויפן פרייען ווילן פון די „באַהערשטע", האָט אַן אייגענע אינערלעכע לאָגיק, און ס'איז ניטאָ דערפון קיין אויס־גאַנג: אײנהאַלטן מאַכט איז אוממעגלעך אָן צוואַנגס־מיטלען; און באַדער־פעניש און ווילן אײנצוהאַלטן די מאַכט, אונטערדריקן אַלע אַנדערע באַ־דערפענישן.

פון דער צווייטער זייט איז דער פּראָגרעס און די סאָציאַלע און מאָראַ־לישע דערהויבונג ניט אָפּהענגיק דווקא פון מאַטעריעלן כוח און פון מילי־טערישער מאַכט פון פעלקער. ניט נאָר מעכטיקע מדינות, נאָר קליינע פעל־קער זענען מסוגל צו זיין וועגווייזער פאַר דער מענטשהייט אין דער וויסנ־שאַפטלעכער, סאָציאַלער און גייסטיקער אַנטוויקלונג, ווי ס'האָט שוין דער־וויזן די געשיכטע פאַרצייטנס, אין מיטלאַלטער און אין די נייע צייטן. די לעבנס־לאַנגע דערפאַרונג פון יידישן פאָלק גיט אים ניט קיין שום גרונט זיך אַליין בטול צו מאַכן לגבי הערשער און וועלט־תקיפים.

דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט נאָך טויזנטער יאָרן וואַגלענישן און מאַטערנישן אין אַלע עקן וועלט דערגרייכט דעם אָנהויב פון זיין מלוכהשן אויפקום אין זיין היימלאַנד, — וועט ניט מוותר זיין אויף זיין היסטאָרישן אידעאַל און אויף זיין גרויסער גייסטיקער טראַדיציע אַריינצופלעכטן זיין נאַציאָנאַלע גאולה אין דער אַלגעמיינער גאולה פון די פעלקער. דאָס יידישע פאָלק וועט ביים באַשטימען זיין צוקונפט און זיין וועג צום אידעאַל פון אחרית הימים, ניט אויסליידיקן זיין נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט פון איר אוניווערסאַלן, מענטשלעכן אינהאַלט און וועט זיך ניט אונטערוואַרפן פרעמדע, גרויסע און מעכטיקע פאַקטאָרן. אין מדינת ישראל איז נישטאָ קיין שום מחיצה צווישן ייד און מענטש, און קיין שום אידעאישע מאָראַלי־שע אָפּהענגיקייט פאַרט זיך ניט מיט ישראלס זעלבשטענדיקייט. **אומ־אָפּהענגיקייט לאָזט זיך ניט טיילן.** עס איז ניט פאַראַן זעלבשטענדיקייט אין **יידישע** ענינים און אָפּהענגיקייט אין אַלוועלטלעכע, **מענטשלעכע** ענינים. יידישקייט נעמט אַרום אַן עולם ומלואו און קיין מענטשלעכע זאַך איז איר ניט פרעמד. זעלבשטענדי־קייט פון ישראל באַדייט — איינזען דעם צענטער, דעם שורש, דעם אויס־גאַנג — אין אונדז גופא: דאָס באַטייט — באַשטימען אונדזער וועג אין דער קעגנוואַרט און אין דער צוקונפט אין אינערלעכע און אויסערלעכע באַצי־אונגען, אין אַלע פּראָבלעמען פון היינט און מאָרגן — פולשטענדיק פריי לויט אונדזער אייגענעם ווילן, באַדערפענישן, לעבנס־אומשטענדן, לויט אונ־דזערע שטרעבונגען און אידעאַלן, ניט זייענדיק אָפּהענגיק פון קיין שום אויסערלעכער, פרעמדער — גרויסער צי קליינער — אויטאָריטעט.

***

גייסטיקע זעלבשטענדיקייט מיינט ניט זיך איזאָלירן פון אַלמענטש־לעכקייט, פּונקט ווי מלוכהשע זעלבשטענדיקייט נעגירט ניט קיין אינטער־נאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען, און פּונקט ווי ווירטשאַפטלעכע זעלבשטענדי־קייט איז ניט מחייב צו עקאָנאָמישער איינגעשלאָסנקייט. די קעגנזייטיקע פאַרבינדונגען צווישן מדינות, לענדער און פעלקער איז אַן אייביקער פאַקט און אַן היסטאָרישע נויטווענדיקייט. איטלעך פאָלק ציט די יניקה פון אַנדערע פעלקער, פון אַ דורותדיקער ירושה, פון די דערגרייכונגען פון מענטשלעכן גייסט אין אַלע תקופות און אַלע לענדער. קעגנזייטיקע פאַרבונדנקייט איז אַ קאָסמיש־אייביק געזעץ. אָנהייבנדיק פון אומזעבארן און ניט אָנטאַפּבאַרן עלעקטראָן ביז די מעכטיקע מאַטעריעס פון די אומענדלעכע מרחקים — איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין קליינע אָדער גרויסע זאַך, וואָס זאָל ניט האָבן קיין קעגנזייטיקע באַציאונג. דער גאַנצער אוניווערס איז איין אומענד־לעכע קייט פון קעגנזייטיקע פאַרבינדונגען און ווי אין דער מאַטעריעלער־וועלט, אַזוי איז עס אויך ניט ווייניקער אין דער גייסטיקער וועלט. געדאַנק, פּאָעזיע, קונסט, ליטעראַטור פון דורות און פעלקער ווירקן איינע אויף די צווייטע און ציען יניקה איינע פון דער צווייטער; און נאָך ווייניקער ווי אין אַלע פריערדיקע דורות איז אין אונדזערע צייטן מעגלעך אַז אַ פאָלק זאָל לעבן איזאָלירט.

**
*

זינט מיר האָבן ווידעראויפגעשטעלט אונדזער מלוכהשע זעלבשטענדי־קייט זענען מיר געוואָרן מער וועלט־בירגער, ווי מיר זענען געווען פריער — הגם ווי אַ פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט און האָט געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד און פון פאָלק צו פאָלק, האָבן מיר שטענדיק געהאַט אַ שטאַרקערן וועלט־געפיל, ווי פיל אַנדערע פעלקער. אונדזער מלוכהשע זעלבשטענדיקייט האָט אַוועקגעשטעלט אונדזער וועלט - בירגערשאַפט אויף אַ פעסטער נאָרמאַלער באַזע. ניט ווייל עס פ ע ל ט אונדז אַ טעריטאָ־ריעלער און מלוכהשער אָנהאַלט — נאָר טאַקע אַרויסגייענדיק פון אונד־זער טעריטאָריעלן מלוכהשן ק י ו ם , זענען מיר פאַרוואָרצלט אין אַלע מענטשהייט־פּראָבלעמען און זענען וואַכזאַם לגבי אירע נויטן און ראַנגלע־נישן. ווייל מיר זענען גלייכבאַרעכטיקטע שותפים אין די דאָזיקע פּראָבלע־מען, ראַנגלענישן און באַדערפענישן. די מאָדערנע קאָמוניקאַציע - מיטלען אויף דער יבשה, ימים און לופט און די ראַדיאָ־פאַרבינדונגען האָבן מבטל געמאַכט מרחקים און אָפּגעשאַפן מחיצות. די יידישע דיאַספּאָרע איז אויך אַ מעכטיקער פאַקטאָר צו אונדזער אוניווערסאַלער פאַרבונדנקייט. אין צבא הגנה לישראל האָבן געקעמפט יידן וועלכע שטאַמען פון 55 לענדער אויף אַלע פינף קאָנטינענטן.

באוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק זויגן מיר דורך אָט די אַלע קאַנאַלן פון אַלע פעלקער, צווישן וועלכע עס לעבן יידן. און פונקט אַזוי ווי מיר וועלן עסן אַרגענטינער פלייש און רוסישן ווייץ, ווי מיר וועלן אַקערן מיט אַן אַמעריקאַנער טראַקטאָר און איבערשמעלצן בעלגישן שטאָל, ווי מיר וועלן זיך באַנוצן מיט מעקסיקאַנער בענזין און זיך קליידן אין בריטישן טעקסטיל, ווי מיר וועלן אויסמעבלירן אונדזערע הייזער מיט קאַנאַדישן האָלץ — פונקט אַזוי וועלן מיר לייענען די ליטעראַטור פון אָט די אַלע פעלקער און מיר וועלן זוכן חכמה, ווו נאָר זי געפינט זיך. מיר וועלן טראַנסמיטירן אין אונדזער שפּראַך די אוצרות פון גייסט, געדאַנק, וויסנשאַפט און פּאָעזיע פון אַלע פעלקער און דורות, כדי די גייסטיקע ירושה פון דער גאַנצער מענטשהייט זאָל ווערן אויך אונדזער נאַציאָנאַל אייגנטום. ס׳איז אוממעגלעך צו לייענען אונדזער ספר־הספרים און ניט באַנעמען די אוראַלטע אָפּקלאַנגען פון די גרויסע קולטור־פעלקער וועלכע האָבן געהאַט אַרומגערינגלט אונדזער פאָלק — מצרים, אשור, בבל, ארם, פּערסיע און גריכנלאַנד. זייענדיק אַפילו נשתומם אויף דער ווונדערלעכער פעאיקייט פון אונדזער פאָלק בייצושטיין דעם מעכטיקן דרוק פון רייכע און גרויסע קולטורן, ווי די גריכישע קולטור אין דער תקופה פון די חשמונאים — טרעפט אָבער, אַז מיר באַדויערן, וואָס אונדזערע אַמאָליקע גדולים זענען געווען אומפעאיק אונטערצושיידן צווישן דעם פסולת פון דער העלעניסטישער קולטור אין דעם ירידה - פעריאָד פון אלכסנדרס יורשים, און די גרויסע פּראַכטפולע גייסטווערטן פונעם גריכישן געניוס אין זיין גדולה־פעריאָד — אין דער תקופה פון שיבת־בבל און די אנשי־הכנסת הגדולה.

פיל זאכן וואָלטן אפשר געווען גאַנץ אַנדערש אין אונדזער געשיכטע און אין דער געשיכטע פון דער קולטור־וועלט, אויב אין יענער תקופה, ווען אונדזערע הייליקע ספרים זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין גריכיש, וואָלטן אונדזערע גריכיש־קענענדיקע חכמים איבערגעזעצט אין העברעאיש די ווערק פון סאָפאָקלעס, טאַקידידעס, פּלאַטאָן און אַנדערע גרויסע גריכישע פילאָזאָפן, און זיי וואָלטן געלערנט ביי די גריכן און רוימער סטראַטעגיע און שטאַטלעכקייט.

***

נאָך אונדזער לאַנגן פיר טויזנט־יאָריקן וואַנדערן דורך דער אַרענע פון דער וועלט־געשיכטע, דורך אַלע לענדער פון דער וועלט, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט צו אונדזער אויסגאַנגס־פּונקט און צום ד ר י ט ן מאָל געגרינדעט די מלכות ישראל. און מיר וועלן זיך ניט אָפּטרייסלען פון דער גרויסער און רייכער אינטערנאַציאָנאַלער דערפאַרונג וואָס מיר האָבן אָנגעזאַמלט. מיר וועלן זיך ניט איינשליסן אין אונדזער שאָלעכץ, נאָר מיר וועלן

אויפפראלן פענצטער צו אַלע קולטור־ווינקלען אין דער וועלט, און וועלן זיך איינשאפן אַלע דערגרייכונגען פון מאָדערנעם גייסט און וויסנשאַפט. פון אַלע אונדזערע לערער וועלן מיר לערנען, אָבער אונדזער זעלבשטענדיקייט וועלן מיר אָפּהיטן. מיר וועלן זיך ניט אָפּזונדערן און זיך ניט איזאָלירן; מיר וועלן אָנהאַלטן אונדזערע פאַרבינדונגען מיט דער גרויסער וועלט — פ א ר ב י נ ד ו נ ג ע ן, אָבער ניט ש ל י ט ה. מיר וועלן זיך ניט פאַרשקלאַפן אין אַ וועלכער פאָרם דאָס זאָל ניט זיין. דער מקור פון זעלבשטענדיקייט איז אין האַרצן, אין דער נשמה, אין פאָלקס־ווילן — און נאָר דורך אינערלעכער זעלבשטענדיקייט קען מען דערגרייכן און אויפהאַלטן אויסערלעכע זעלבשטענדיקייט. די געפערלעכסטע פאָרם פון פאַרשקלאַפונג — איז די פאַרשקלאַפונג פון גייסט, פון געדאַנק.

די פּראָבע פאַר גייסטיקער מאָראַלישער זעלבשטענדיקייט איז די פרייהייט פון דענקען און געוויסן. נאָר דאַן, ווען מיר אורטיילן און באַשטימען אַליין, וואָס ס'איז גוט און וואָס ס'איז שלעכט, וואָס ס'איז גוט פאַר א ו נ ד ז און וואָס ס'איז שלעכט פאַר א ו נ ד ז — זענען מיר פרייע מענטשן און באַלעבאַטים איבער זיך אליין. יעדער, וואָס איז מקבל אויף זיך לכתחילה דעם אורטייל פון אַ פרעמדן כוח — האָט שוין דערמיט אליין מוותר געווען אויף זיין אינערלעכער פרייהייט און פערזענלעכער זעלבשטענדיקייט.

דער וועזן און אינהאַלט פון גייסטיקן גערעאַנגל פון יידישן פאָלק, זינט ס'איז געוואָרן אַ פאָלק ביז היינט — איז: דער ווידערווילן אָנצונעמען קעגן זיין געוויסן אַ פרעמדן אורטייל, אַפילו ווען ס'זענען געשטאַנען הינטער דעם אורטייל איבערוויגנדיקע פיזישע כוחות.

דאָס יידישע פאָלק האָט געגלייבט אין קערפּערלעכער סופּעריאָריטעט, אין דער ס ו פ ע ר י א ר י ט ע ט פון פיזישן כוח. לייקענען אין דער ס ו פ ע ר י א ר י ט ע ט פון פיזישן כוח, הייסט ניט נעגירן דעם באַדייט פון פיזישן כוח בכלל. מיר וואָלטן געמוזט פסלנען די יידישע געשיכטע, פון די צייטן פון יהושע בן־נון ביז צבא הגנה לישראל איינשליסלעך, ווען מיר וואָלטן מבטל געמאַכט דעם ווערט פון באַנוצן זיך מיטן פיזישן כוח. נעגירן דעם פיזישן כוח הייסט נעגירן די דאָזיקע וועלט, הייסט — נעגירן דאָס לעבן. די דאָזיקע נעגירונג איז שטענדיק געוועזן פרעמד דעם גייסט פון יידישן פאָלק און אין דעם שטעקט איינער פון די גרונט אונטערשיידן צווישן דער תורת היהדות און תורת הנצרות.

דער יידישער געניוס, פון די נביאים ביז איינשטיין, האָט ניט אָנערקענט דעם דואַליזם פון מאַטעריע און גייסט, וואָס איז געווען אָנגענומען ביי געוויסע דענקער פון די אומות־העולם, פון די גריכן און פערסן ביז דעקאַרטן און זיינע תלמידים. די יידישע אינטואיציע, די רעליגיעזע און וויסנשאַפטלעכע, איז זינט אַלטע צייטן געשטאַנען אויפן מאָניזם פון דער נאַ־

טור און פון באַשאַף, טראָץ דער פאַרשיידנאַרטיקייט אין זייערע אַנטפּלעקונגען און דערשיינונגען. און הגם די בעסטע זין פון יידישן פאָלק, פון אַמאָל ביז היינט, זיינע נביאים, חכמים און וועג־ווייזער האָבן איינגעזען די העכערע מיסיע פון ישראל אין קעניגרייך פון גייסט, האָבן זיי דאָך ניט גרינגעשעצט דעם גוף און די באַדערפענישן פון גוף, ווייל עס איז ניטאָ קיין נשמה אָן גוף און עס איז נישטאָ קיין אַלמענטשלעכע, אוניווערסאַלע מיסיע אָן אַ מלוכהשן נאַציאָנאַלן קיום.ביים אויפשטעלן די יידישע מדינה האָט דער נצחון פון יידישן געווער איבערן אַראַבישן וואָפן, געשפּילט אַ גרויסע דעצידירנדיקע ראָלע. דער שורש און מקור פון דאָזיקן נצחון שטעקט אין דער מאָראַלישער און גייסטיקער העכערקייט פון דער יידישער אומה. דער יידישער ג יי ס ט האָט דעם יידישן געווער געבראַכט דעם נצחון.

דער טיפער גלויבן אין דער סופעריאָריטעט פון גייסט, האָט באַגלייט דאָס יידישע פאָלק אויף זיין לאַנגן היסטאָרישן וועג — פון מעמד־הר־סיני ביז דער מלחמה פון ישראל אין אונדזערע טעג. די דאָזיקע אמונה איז געווען פאַרוואָרצלט ביי אַלע יידישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געפורעמט די געשטאַלט פון דער יידישער אומה — פון איר סאַמע אָנהויב ביזן היינטיקן טאָג, ביי די אַלע וואָס האָבן געשאַפן און געפּלעגט איר תורה, פּאָעזיע, נבואה, ליטעראַטור, משפטים און געזעצן, איר אחרית־הימים־וויזיע און איר משיחישע אמונה; ביי די אַלע, וואָס האָבן געקעמפט פאַר איר ספּעציפישקייט און נאַציאָנאַלער און אַלוועלטלעכער מיסיע; ביי די אַלע, וואָס האָבן געפירט די מלחמות פאַר דער פּאָליטישער און גייסטיקער זעלבשטענדיקייט, וואָס בשעת דער אויסראָטונג פון די יידישע קהילות אין די צייטן פון די קרייץ־צוגן, אויף די שייטער־הויפנס פון דער אינקוויזיציע, כמעלניצקיס פּאָגראָמען און נאַצישער שחיטה — זענען זיי געגאַנגען אויף קידוש השם; ביי אַלע וואָס האָבן געשאַפן, געבויט און געפּלעגט דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק, וואָס האָט געבראַכט צו דער מדינת ישראל, — ביי די אַלע איז איינגעוואָרצלט געווען דער טיפער גלויבן אין דער סופעריאָריטעט פון גייסט ביים יידישן פאָלק.

***

דאָס דבקותדיקע גלויבן פון יידישן פאָלק אין דער העכערקייט פון גייסט איז געווען פאַרבונדן מיט זיין אמונה אין דער סופעריאָריטעט פון מ ע נ ט ש. דער מענטש איז, לויט דער אמונה פון יידישן פאָלק, באַשאַפן געוואָרן ב צ ל ם א ל ו ה י ם. ס'איז נישטאָ קיין טיפערער, מער דערהויבענער אויסדרוק, וואָס דרינגט אריין אין עצם גרויסקייט און ווערטפולקייט פון מענטש, ווי דער דאָזיקער אויסדרוק: דער באַגריף „גאָט און יהדות" סימבאָליזירט דעם עצם פון גוטסקייט, שיינקייט, יושר און אמת. דאָס מענטש

לעכע לעבן איז אין די אויגן פון יידישן פאָלק געווען טייער און הייליק. מענטשן־קינדער וועלכע זענען באַשאפן געוואָרן בצלם־אלוהים, זענען גלייכבאַרעכטיקט און זענען אַ ציל פאַר זיך — ניט קיין מיטל. דאָס איז מחייב. און ס'איז קיין וווּנדער ניט, וואָס די חכמים פון דאָזיקן פאָלק האָבן אַוועקגעשטעלט די תורה אויף איין גרויסן כלל: ואהבת לרעך כמוך (דו זאָלסט ליב־האָבן דיין מיטמענטשן ווי זיך אַליין). די ליבע צום מיטמענטשן איז ניט חל בלויז אויפן יידישן בירגער: „ווי אַ בירגער פון אייך זאָל זיין צווישן אייך דער גר, וואָס וווינט מיט אייך און דו זאָלסט אים ליב האָבן ווי זיך אליין, ווייל גרים זייט איר געווען אין לאנד מצרים (ויקרא י״ט, ל״ד). שוין אין דער פאַרצייטיקער תקופה האָט געהערשט אין יידנטום אַן אוניווערסאַלע, אַלמענטשלעכע אויפפאסונג, און די אָפּקלאנגען פון דער דאָזיקער אויפפאסונג דערגרייכן צו אונדז אין דער תפילה פון שלמה המלך, ווען ער האָט געענדיקט בויען דעם בית־המקדש. נאָך דעם ווי דער מלך האָט מתפלל געווען פאַר זיין פאָלק, האָט ער אויך מתפלל געווען אַן אַלמענטשלעכע תפילה: „און אויך צום פרעמדן, וואָס ער איז ניט פון דיין פאָלק ישראל, אז ער וועט קומען פון אַ הייטן לאנד צוליב דיין נאָמען — — — און וועט קומען און וועט מתפלל זיין צום דאָזיקן הויז, זאָלסטו צוהערן אין הימל, דעם אָרט פון דיין וווינונג, און דו זאָלסט טאָן אלץ אום וואָס דער פרעמדער וועט רופן צו דיר״ (מלכים א׳—ח׳, מ״א — מ״ג). אַ גאנצער ספר אין תנ״ך, יונה, איז געווידמעט דעם רעיון אַז די רחמים פון גאָט זענען געגעבן אין אַ גלייכער מאָס פאַר אַלע פעלקער, פאַר די געצנדינערישע פעלקער פונקט ווי פאַרן יידישן פאָלק. און ווען יונה הנביא האָט פאַריבל געהאט אויף גאָט, הלמאי ער האָט באַגנעדיקט די שטאָט נינוה, האָט גאָט צו אים געזאָגט: „דיר איז אַ שאָד אויף דעם ריצנבוים, וואָס ניט דו האָסט זיך אויף אים געמיט, און ניט דו האָסט אים אויפגעבראַכט, וואָס איז איבער נאַכט געוואָרן, און איבער נאכט אונטערגעגאנגען; און מיר זאָל ניט זיין אַ שאָד אויף דער גרויסער שטאָט נינוה, וואָס אין איר זענען דאָ מער ווי צוועלף מאָל צען טויזנט מענטשן, וואָס ווייסן ניט צווישן זייער רעכטער האַנט און זייער לינקער, און אויך בהמות אַ סך?״ (יונה, ד׳, י׳—י״א).

און די דריטע זאך, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אמונה פון יידישן פאָלק אין דער העכערקייט פון גייסט, — איז געווען זיין וויזיע פון אחרית־הימים, וואָס פון איר איז אויסגעוואקסן די משיחישע אמונה און די לעכצונגען נאָך אַ נאַציאָנאלער און אוניווערסאלער גאולה. דאָס יידישע פאָלק האָט זיך נאָך אין דער פאַרצייטיקער תקופה אויסגעצייכנט מיט אַן אָריגינעלער היסטאָרישער אויפפאסונג, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט געהאט ביי אַלע פעלקער פון מזרח און מערב, ניט צווישן די פעלקער פון

מצרים און בבל, אינדיע און כינע, און ניט צווישן גריכנלאנד און רוים און זייערע יורשים אין אייראָפּע ביז דער נייער צייט. אונדזער פאָלק האָט ניט געקוקט, ווי אנדערע פאַרצייטיקע פעלקער, אויף צוריק, אויף דער פאַרגאַנגענער לעגענדארער צייט, וואָס איז פאַרשוווּנדן און וועט מער ניט צוריקקומען, נאָר האָט געווענדעט זיין בליק אויף דער צוקונפט, אויף אחרית הימים, ווען „די ערד וועט ווערן פול מיט וויסן ווי וואַסער וואָס באַדעקט דעם ים", און די פעלקער „וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקער־אייזנס, און אַ פאָלק אויף אַ פאָלק וועט מער קיין שווערד ניט הייבן און זיי וועלן מער ניט לערנען קיין מלחמה".

ניט מאַכטלאָזע בענקענישן נאָך אַן אילוזאָרישן גלאַנץ פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אַ געשפאַנטע דערוואַרטונג פון אַ ליכטיקערן צוקונפט־אידעאַל, אַן אידעאל פון יושר און שלום־הערשאַפט צווישן אַלע פעלקער אין דער וועלט — אָט דאָס איז געווען די היסטאָרישע פילאָסאָפיע, וואָס די יידישע נביאים האָבן געלאָזן בירושה צו זייער פאָלק, און דורך זייער פאָלק — צו די בעסערע פעלקער אין אַלע לענדער. די דאָזיקע דערוואַרטונג און אמונה אין דער צוקונפט זענען בייגעשטאַנען אונדזער פאָלק אויף זיין לאַנגן היסטאָרישן וועג, אין טעג פון יסורים און נויט, און דאָס האָט אים געבראַכט ביז אַהער — ביזן אָנהייב פון זיין נאַציאָנאַלער גאולה, וואָס אין איר זענען פאַראַן די ערשטע פונקען פון אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער גאולה.

***

אָט דאָס פאָלק, וואָס איז טריי צו זיך אַליין, באַדאַרף ניט קיין וועגן וואָס מעכטיקע און שטאַרקע וועלן אים אויפצווינגען — נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען מעכטיק און שטאַרק. דאָס פאָלק וועט זיך אַליין אויסקלייבן אַ וועג צו אַ נאָרמאַל לעבן און וועט אַליין באַשטימען זיין גערעכטיקע הערשאַפט.

דאָס יידישע פאָלק האָט אין משך פון אַ לאַנגער תקופה זיך באַטראַכט ווי אַן אויסדערווײלט פאָלק און עס האָט געהאַט דערצו אַ גענוגנדיקן גרונט. כל־זמן דער איינציקער קריטעריום פון יידישן פאָלק איז געווען דאָס מאָראַליש־רעליגיעזע באַוווּסטזיין. אַ מאָדערנער ייד וועט שוין ניט פאַרהוילן פון זיך דעם גרויסן חלק, וואָס אַנדערע פעלקער — פאַרצייטנס און אין די נייע צייטן — האָבן אריינגעטראָגן אין דער פאַרצווייגטער מענטשלעכער קולטור — אין דענקען, פּאָעזיע, וויסנשאַפט, קונסט, טעכניק און געאָגראַפישע אַנטדעקונגען און סאָציאַלן פּראָגרעס. לאָמיר וויסן ווי אַזוי צו אַכטן די גרויסע מעשים און די געבענטשטע שאַפונגען פון אַלע פעלקער, אָבער מיר וועלן זיך אַליין ניט מבטל זיין און זיך ניט פאַרשקלאַפן, און מיר וועלן ניט אָנערקענען קיין שום פרעמדע גייסטיקע, געדאַנקלעכע און מאָראַלישע אויבערהערשאַפט, פונקט ווי מיר וועלן ניט פאָדערן קיין העגעמאָניע איבער

אַנדערע. אין שיין פון אונדזער געוויסן וועלן מיר גיין אונדזער באַזונדערן דרך.

***

דאָס יידישע פאָלק איז אין אונדזערע טעג פונדאָסניי אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ בראשיתדיקן ווערק: די באַפרוכפּערונג פון אַ וויסטן לאַנד און קיבוץ־גלויות. דאָס דאָזיקע ווערק וועט ניט רעאַליזירט ווערן, סיידן אַלע דערגרייכונגען און פּאָזיטיווע ווערטן פון דער מענטשלעכער קולטור וועלן ווערן דאָס פולע אייגנס פון יידישן פאָלק, און קיין מענטשלעכע זאַך וועט אים ניט פרעמד זיין. דאָס יידישע פאָלק דאַרף ניט באַטראַכטן זיך אַלייז אַלס בעסטע פון אַלע פעלקער. אָבער דאָס פאָלק האָט קיין שום גרונט ניט זיך צו באַטראַכטן אַלס צווייטראַנגיק, ווייל אין זיינע פעאיקייטן און סגולות שטייט עס ניט אָפּ פון אַ וועלכן עס איז אַנדער פאָלק. דאָס פאָלק דאַרף פיל לערנען פון די מאָדערנע פעלקער אויפן געביט פוןווירטשאַפט, מלוכהשער איינאָרדענונג, וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג און טעכנאָלאָגישער פעאיקייט. ווי אַזוי צו אונטערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס — וועט דאָס יידישע פאָלק לערנען פון דעם מאָראַלישן געניוס וואָס האָט ביי אים אויפגעגלאַנצט זינט עס איז אַנטשטאַנען, און איז ניט פאַרטונקלט ניט אָפּגעבלאַקעוועט געוואָרן. דעם ריכטיקן וועג צו פרייהייט, צדק און ברודערשאַפט וועט דאָס פאָלק אויסקלייבן אַליין, אין פולשטענדיקער אידעאישער און מאָראַלישער זעלבשטענדיקייט — אָן פאַרשקלאַפונג און אָן נאָכמאַכונג.

באַהערשנדיק די פיזישע און סאָציאַלע מכשירים פון דער וויסנשאַפט און טעכניק און מיט חלוצישער שאַפונג פון מענטשן וואָס פאַרווירקלעכן אַ נאַציאָנאַלן און אַלמענטשלעכן אידעאַל — וועט דאָס יידישע פאָלק אין זיין באַנייטן היימלאַנד אויספורעמען אַ מוסטערהאַפטע געשטאַלט פון אַן אומה, וואָס וועט ניט מבייש זיין די ירושה פון אירע נביאים, חכמים און וועגווייזער פון אַמאָל ביז היינט.

כדי אויסצוהאַלטן די דאָזיקע מאָראַלישע און אידעאישע זעלבשטענדיקייט פון יידישן פאָלק פאָדערט זיך אַ פּערמאַנענטע פּסיכישע אָנשטרענגונג, ניט ווייניקער ווי דאָס אויפהאַלטן אונדזער פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע זעלבשטענדיקייט. ווייל אויף אונדזער גייסטיקער זעלבשטענדיקייט ווערט דורכגעפירט אַן אַטענטאַט, ניט ווייניקער ווי אויף אונדזער מאַטעריעלער זעלבשטענדיקייט. די כוחות וואָס שטייען קעגן אונדז אין אידעאישן געראַנגל זענען אַ סך מער און שטאַרקער פון די כוחות וואָס שטייען קעגן אונדז אויף אַנדערע פראָנטן. נאָר לאָמיר זיך ניט איבערשרעקן: אַן אידעאישער קאַמף איז נאָך קיינמאָל ניט דעצידירט געוואָרן מיט געווער און כוח, נאָר מיטן גייסט, און דער גייסט פון ישראל וועט ניט אַנטוישן. דערויף זאָגן עדות פיר טויזנט יאָר פון אונדזער געשיכטע.

דער לייט־מאָטיוו אין דער דערציאונג פון מיליטער, יוגנט און פאָלק איז אונדזער נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט — הן אין דער פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער הינזיכט און הן אין דער מאָראַלישער און אידעאישער הינזיכט. די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט איז גלייכצייטיק אַ ציל און אַ מיטל. אַ ציל, ווייל אייגנאַרטיקייט איז אַ נאַטירלעך און היסטאָריש רעכט; אַ מיטל — ווייל דאָס איז אַ פליכט, כדי אויסצופירן די שליחות. עס איז אַ נאַטירלעכע און היסטאָרישע רעכט פון יעדן פאָלק צו זיין זעלבשטענדיק, צו גיין מיט זיין אייגענעם וועג און צו פורמען זיין לעבן און געשטאַלט אין הסכם מיט זיינע אייגנשאַפטן, באַדערפענישן, ווילן און ספּעציפישע באַדינגונגען. קיין שום פאָלק איז ניט באַרעכטיקט מוותר צו זיין אויפן דאָזיקן רעכט, ווייל דאָס פאָלק ווערט אויפגעפאָדערט און אויף אים ליגט אַ מיסיע. און נאָר ביי אינערלעכער פרייהייט און טרייהייט צו זיך אליין איז עס אים־שטאַנד מקיים צו זיין זיין שליחות און דורכצופירן די אויפגאַבעס, וואָס די געשיכטע לייגט אויף אים אַרויף.

**
*

די מיסיע פון יידישן פאָלק אין אונדזער תקופה, די מיסיע, וואָס ט יי ל ט א ו י ס אונדזער דאָזיקע תקופה אין דער פאָלקס־געשיכטע, איז — קיבוץ־גלויות.

מיר שטייען היינט נאָך צוויי וווּנדערלעכע רעוואָלוציאָנערע אַקטן אין אונדזער געשיכטע: די ווידעראַנטשטייאונג פון מדינת ישראל און די נצחונות פון צבא הגנה לישראל. אָבער מיט די דאָזיקע אַקטן ווערט ניט אויסגעשעפּט דער רעוואָלוציאָנערער אינהאַלט פון דער נייער תקופה: זיי זענען נאָר אַן א ר יי נ פ י ר אין אַ פאָרבאַרייטונג צום עיקר, און דער עיקר איז — ש י ב ת ־ צ י ו ן .

**
*

דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס יידן קערן זיך אום אין זייער לאַנד און באַנייען זייער מלוכהשע זעלבשטענדיקייט. אַזוינס איז שוין געשען מיט צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריק, אין די צייטן פון זרובבל, נחמיה און עזרא, ווען די ערשטע פון ציון־פּאַטריבּענע האָבן זיך צוריקגעקערט פון בבל, אונטער די פּערסישע מלכים, און האָבן געלייגט דעם יסוד פון בית־שני.

אָבער גאַנץ אַנדערשדיק, גרעסער און שווערער פון דער ערשטער שיבת ציון איז דער איצטיקער קיבוץ־גלויות. דעמאָלט האָט עקסיסטירט כמעט נאָר א יי ן גלות — גלות בבל — און דער דאָזיקער גלות איז

געווען יונג. בלויז אן ערך 50 יאָר זענען אריבער זינט די יידן זענען פאַר־טריבן געוואָרן פון היימלאנד, און בבל איז געווען נאָענט צו ארץ ישראל. פיל פון די פאַרוואָגלטע זענען געווען משפחהדיק פאַרבונדן מיט די איבער־געבליבענע אין לאנד. די צאָל צוריקקערער איז ניט געווען גרויס — נאָר אַ צענט חלק פון דער צאָל עולים, וואָס זענען געקומען אין ישראל פאַר די לעצטע צוויי יאָר. אין ספר ע ז ר א איז געבליבן אַן אויספירלעכע און קענטיק גענויע סטאַטיסטיק פון די עולי בבל און פון זייער רכוש, זייערע פערד, מויל־אייזלען און קעמלען. און אַזוי איז דאָרט געזאָגט געוואָרן „די גאַנצע עדה אינאיינעם איז געווען צוויי און פערציק טויזנט דריי הונ־דערט און זעכציק; אַ חוץ זייערע קנעכט און זייערע דינסטן; די דאָזיקע זענען געווען זיבן טויזנט דריי הונדערט זיבן און דרייסיק און זיי האָבן גע־האַט זינגערס און זינגערנס צוויי הונדערט. זייערע פערד זענען געווען זיבן הונדערט זעקס און דרייסיק; זייערע מויל־אייזלען, צוויי הונדערט פינף און פערציק; זייערע קעמלען, פיר הונדערט פינף און דרייסיק, אייזלען, זעקס טויזנט זיבן הונדערט און צוואנציק“. (עזרא ב׳ ס״ד — ס״ז).

ניט אַזוי איז די צעשפרייטקייט אין אונדזער דור. די יידישע דיאַספּאָרע בכלל איז אויך גענוג אַלט און איז געווען פאַרן חורבן בית־שני, און אַפילו פאַרן חורבן בית־ראשון. נאָך אין זיבעטן יאָרהונדערט פאַר דער אייראָפּע־אישער צייטרעכענונג געפינען מיר יידן אין מצרים. מעגלעך, אז זיי זענען דאָרט אַהין פאַרטריבן געוואָרן נאָך דעם, ווי דער מלך יאשיהו איז געפאלן אין דער מלחמה קעגן פרעה נכה. על־כל־פנים איז קלאָר, אַז די יידן, וואָס האָבן אַראָפּגענידערט אין מצרים אין די צייטן פון ירמיהו, האָבן שוין גע־פונען דאָרט יידישע ישובים און די שטעט ת ח פ נ ס, נ ו ף, מ ג ד ו ל און פ ת ר ו ס. אין דרום־טויער פון מצרים, איז געווען אַ יידישע מי־ליטערישע קאָלאָניע אין זיבעטן יאָרהונדערט פאַר דער אייראָפּעאישער צייטרעכענונג, און צו איר האָבן זיך אָנגעשלאָסן יוחנן בן־קרח „און די אי־בערגעבליבענע פון יהודה“, וועלכע האָבן ניט געוואָלט פאָלגן ירמיהון און אַראָפּגענידערט קיין מצרים.

מיטן חורבן פון מלכות יהודה איז אויפגעקומען אַ גרויסער יידישער צענטער אין בבל, וואָס נאָר אַ טייל פון אים האָט זיך צוריקגעקערט אין לאנד נאָך דער דעקלאַראַציע פון כ ו ר ש מלך פרס, וועלכער האָט גע־לאָזט וויסן אין זיין גאַנצער מלוכה און אין אַ בריוו אַזוי צו זאָגן: „וו ע ר עס איז דאָ צווישן אייך פון זיין גאַנצן פאָלק זאָל זיין גאָט זיין מיט אים, און זאָל ער אַרויפגיין קיין ירושלים וואָס אין יהודה, און בויען דאָס הויז פון יהוה, דער גאָט פון ישראל. (עזרא א׳א — ג).

אויפן דאָזיקן רוף האָבן זיך אָפּגערופן נאָר 50 טויזנט מאַן. דער גלות

בבל איז ניט ליקווידירט געוואָרן און איז געבליבן עקסיסטירן ביז די היינ־טיקע טעג.

מצרים און בבל זענען ניט געווען די איינציקע גלותן פון פאַרצייטנס. אין דער צייט פון בית־שני האָט די דיאַספּאָרע זיך אויסגעברייטערט און פאַרשפּרייט איבער פיל לענדער. אין סיריע און קליין־אַזיע זענען יידן געווען נאָך פאַר דער תקופה פון די חשמונאים. אין די אויפשריפטן פון ד ע ל פ י, אין גריכנלאַנד, ווערט דערציילט וועגן דער באַפרייאונג פון יידישע קנעכט אין דער תקופה פון חשמונאים־אויפשטאַנד (150—170). נאָך אַ צייט פאַר דעם באַקלאָגט זיך יואל הנביא אויף צור און צידון און די געביטן פון די פּלישתים, פאַרוואָס זיי האָבן פאַרקויפט „די זין פון יהודה און די זין פון ירושלים — — צו די זין פון די גריכן, כדי זיי צו דערווייטערן פון זייער געגנט" (יואל ד׳, ו). אויך אין די רייד פון ישעיהו איז פאַראַן אַ פּסוק וועגן די צעזייטע זין פון ישראל מעבר לים: „און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, וועט גאָט ווידער אויסשטרעקן זיין האַנט, אַ צווייט מאָל, אויסצו־קויפן דעם איבערבלייב פון זיין פאָלק, וואָס וועט בלייבן פון אשור, און פון מצרים, און פון פתרוס, און פון כוש, און פון עילם, און פון שנער, און פון חמת, און פון די אינדזלען פון ים". (ישעיהו י״א, יא).

דער גריכישער געאָגראַף ס ט ר א ב אָ ן , וואָס האָט געלעבט אין די צייטן פון הורדוס דעם ערשטן, דערציילט, אַז „דאָס יידישע פאָלק האָט דערגרייכט איטלעכע שטאָט און מדינה, און ניט לייכט איז צו געפינען אַן אָרט אין דער באַפעלקערטער וועלט, וואָס האָט ניט אויפגענומען די זין פון דער דאָזיקער אומה, אָדער וואָס איז דורך זיי ניט פאַרנומען געוואָרן". און פ י ל אָ ן דער אַלעקסאַנדריער, וואָס איז געבאָרן געוואָרן 90 יאָר פאַרן חורבן בית־שני, זאָגט אין זיין בוך „אָקעגן פלאַקוס": „איין לאַנד קען דאָך ניט אַריינגעמען אַלע יידן, צוליב זייער גרויסער צאָל, דעריבער זוכן זיי זיך חיונה אין ס׳רוב רייכע שטעט אין אייראָפּע און אַזיע, אויף ים־אינדזלען און אויף דער יבשה. אַלס זייער אָפּשטאַם־שטאָט האַלטן זיי די הייליקע שטאָט ווו עס שטייט דער בית־המקדש פאַרן אַלמעכטיקן. און די לענדער, ווו ס׳האָבן זיך באַזעצט זייערע אבות און די אבות אבותיהם פון דור־דורות, ליבן זיי ווי זייער היימלאַנד, ווייל דאָרטן זענען זיי דאָך געבאָרן און אויסגעוואַקסן געוואָרן".

די יידישע דיאַספּאָרע איז געוואַקסן נאָכן חורבן בית־שני אין אַלע טיילן פון דער אַלטער וועלט און האָט דערגרייכט אַלע לענדער אין איי־ראָפּע, אַזיע און אַפריקע, און ווען ס׳איז אַנטדעקט געוואָרן די נייע וועלט (אַמעריקע און אויסטראַליע,) האָט זי זיך פאַרשפּרייט אויך דאָרט. נאָך דער שרעקלעכער אויסראָטונג פון אייראָפּעאישן יידנטום דורך די נאַציס אין אונדזערע טעג, אין דער נומערישער שווער־פּונקט פון דער יידישער דיאַספּאָרע אריבער אויף די פאַראייניקטע שטאַטן.

ניטאָ קיין פאָלק אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין אזוי צעשפּרייט איבער אַלע לענדער, ווי עס איז צעשפּרייט דאָס פאָלק ישראל. עס איז מקויים געוואָרן בנוגע אונדז די ביטערע און בייזע תוכחה פון דער תורה: „און גאָט וועט דיך צעשפּרייטן צווישן אַלע אומות, פון עק ערד ביז עק ערד. — — און צווישן די דאָזיקע פעלקער וועסטו קיין רו ניט האָבן, און קיין מנוחה וועט ניט זיין פאַר דיין פוסטריט; און גאָט וועט דיר געבן דאָרטן אַן אומרואיק האַרץ און אויסגייעניש פון די אויגן. און פאַרשמאַכטונג פון דער זעל. — — — פון וועגן דער אנגסט פון דיין האַרצן וואָס דו וועסט אַנגסטן, און פון וועגן דער זעאונג פון דיינע אויגן וואָס דו וועסט זען". (דברים כ"ח, ס"ד — סח).

***

אַלע פּרוּוון זיך צוריקצוקערן אין היימלאַנד — און די דאָזיקע פּרוּוון זענען ניט איבערגעריסן געוואָרן זינט אונדזער פאָלק איז אַוועק אין גלות — זענען געווען באַשרענקט און באַגרענעצט און ס'רוב פאַראורטיילט אויף אַ דורכפאַל, כל־זמן פרעמדע האָבן געהערשט אין לאַנד. און אַט, טויזנט אַכט־הונדערט דרייצן יאָר נאָכדעם ווי עס איז רואינירט געוואָרן די לעצטע זעלבשטענדיקייט פון ישראל, אין די צייטן פון בר־כוכבא און רבי עקיבא — איז פונדאָסניי אויפגעקומען די מדינת ישראל, און די טויערן פון היימלאַנד זענען ברייט צעעפנט געוואָרן פאַר אַלע צעשפּרייטע זין.

ס'איז שווער און כמעט אוממעגלעך צו געפינען דעם אָנהייב פון געשעעניש. ווער קען אָנווייזן דעם אָנהייב פון יעדער עליה, וואָס האָט געבראַכט צו דער גרינדונג פון דער מדינה? מיט דער גרינדונג פון מקוה־ישראל און פּתח־תקוה, זענען געלייגט געוואָרן די ערשטע יסודות פאַר אונדזער באַנייטער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. אָבער די יידישע איינוואַנדערונג איז פאָרגעקומען נאָך פריער, פ א ר די דאָזיקע קאָלאָניזאַטאָרישע פּרוּוון. צווישן די היינטיקע איינוווינער פון לאַנד זענען פאַראַן קינדער פון פינפטן דור און מער, וועלכע זענען געבאָרן געוואָרן אין לאַנד. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער יידישער ישוב ניט דערגרייכט קיין 100 טויזנט, און בשעת דער מלחמה איז ער היפּש פאַרקלענערט געוואָרן. צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך געפונען אין לאַנד ווייניקער ווי 60 טויזנט יידן. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דער צאָל אויסגעוואַקסן צען־פאַכיק, און בשעת דער אנטשטייאונג פון דער מדינה, אין מאַי 1948, האָבן מיר דערגרייכט ביז אַן ערך 650 טויזנט יידן. בלויז פאַר די לעצטע צוויי יאָר האָבן עולה געווען איבער 400 טויזנט יידן, און ס'האָבן זיך געביטן ניט נאָר דער טעמפּאָ און די צאָל — נאָר עס איז געקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין מ ה ו ת און כאַראַקטער פון דער

עליה. גאַנצע יידישע קיבוצים פון לענדער ווערן אַרויסגעריסן מיטאַמאָל כמעט פון שטיף־מוטערלעכן גלות און ווערן אַריבערגעטראָגן אין באַפרייטן היימלאַנד: פון בולגאַריע און פון תימן, יוגאָסלאַוויע און מאַראָקאָ, פון דייטשלאַנד און אַלזשיר, פון עסטרייך און טוניס, פון טערקיי און מצרים און פון אַנדערע לענדער.

***

דער גרעסטער קיבוץ־גלויות איז פאָרגעקומען אין צבא הגנה לישראל. אין דער מלחמה־צייט זענען אין דער אַרמיי געווען וואָלונטערן, וואָס זענען געקומען פון 21 לענדער אין אייראָפּע, 14 לענדער פון צפון און דרום־אַמעריקע, פון 10 לענדער פון צפון, צענטראַל און דרום אַפריקע, פון 5 לענדער אין אַזיע (בורמאַ, אינדיע, כינע, תימן און טערקיי), און פון 2 לענדער פון עק וועלט — פון אויסטראַליע און ניי־זעעלאַנד. איך צווייפל, צי איז ערגעץ געווען אַזאַ ק אָ ס מ אָ פּ אָ ל י ט י ש מיליטער. די צאָל וואָלונטערן פון חוץ־לארץ אין צבא הגנה לישראל איז געווען נאָר די ער־שטע בשורה און אַ רמז אויף דער צוקונפט. נאָכן אָפּשטעלן די קאַמפן איז אָנגעקומען די גרויסע עליה — און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע יציאת־מצרים — ניט פון א יי ן מצרים נאָר פון פ י ל מצרימס. אין איין ח ו ד ש זענען איצט עולה מער יידן, ווי ס'האָבן עולה געווען אַ י אָ ר אין דער מאַנדאַט־צייט. דער עצם כמות פון דער דאָזיקער עליה פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט. אין אַמעריקאַנער מאַסשטאַב וואָלט דאָס אויסגעמאַכט 40 מיליאָן אימיגראַנטן אַ יאָר; אין רוסישן מאַסשטאַב וואָלט עס געווען אַן אימיגראַציע פון 53 מיליאָן אַ יאָר. עס איז אַ ספק, צי איז ווען ס'איז געווען אַזאַ מעכטיקע פעלקער־וואַנדערונג — אויב מ'זאָל נעמען אין באַטראַכט דעם מאַסשטאַב פון אונדזער קליינער מדינה.

שיבת ציון איז אַ פאַקט און די צענטראַלע אויפגאַבע פון אונדזערע טעג. אָן איר קען אונדזער זעלבשטענדיקייט קיין האַפט ניט האָבן, אונדזער מדינה — קיין קיום. מיר האָבן היי־יאָר זוכה געווען צו דערגרייכן דעם ערשטן מיליאָן אין אונדזער לאַנד — אין אַ געוו״סער הינזיכט איז דאָס די גרעסטע געשעעניש אין אונדזער געשיכטע זינט דעם נצחון פון די מכבים. אָבער דאָס איז ניט מער ווי אַן אָ נ ה יי ב . אָן אַ המשך אין גרויסן פאָרמאַט און שנעלן טעמפּאָ איז ניטאָ קיין זיכערקייט און עס איז ניטאָ קיין טעם פאַרן דאָזיקן אָנהייב.

***

קיינער קען ניט פאָראויסזען, צי די גאַנצע יידישע דיאספּאָרע וועט זיך צונויפזאמלען אָדער ניט. מ׳קען איינטיילן די הײַנטיקע יידישע דיאס־פּאָרע אין צווייען: אַזעלכע, וואָס פילן זיך ניט אין גלות און האָבן ניט בדעה עולה־צו זיין; און אַזעלכע, וואָס קענען ניט און ווילן ניט בלייבן אויף אַן אָרט, ווייל זייער לעבן איז עלנט־ביטער און ניט זיכער, און זיי רייסן זיך עולה צו זיין. די ליניע וואָס טיילט אָפּ אָט דיביידע דיאספּאָרעס איז ניט סטאַביל און קען זיך ענדערן. די דיאספּאָרע וועלכע באַטראַכט זיך אין אַ געוויסער תקופה אַלס געזיכערט, צופרידן און פאַרוואָרצלט — קערט זיך נאָר איבער איר גורל און זי פּאַלט אַריין אין אַ ביטערן גלות, ווי דאָס האָט פּאַסירט מיטן יידנטום פון דייטשלאַנד. אין דאָזיקן מאָמענט איז ניט וויכ־טיק צי די רואיקייט פון די גרויסע דיאספּאָרעס אין אונדזערע טעג איז אויף לאַנג באַרעכטיקט אָדער ניט. לגבי דעם ווילן פון עליה דעצידירט ניט די פּראָגנאָזע פון דעם אידעאָלאָג, נאָר דאָס זעלבסט־געפיל פון דעם רוב מענטשן פון יידישן קיבוץ. דאָס דאָזיקע געפיל איז אַפילו ניט אָפּהענגיק דערפון צי דער באַטרעפנדיקער איז אַ ציוניסט, אָדער ניט־ציוניסט. אין אַמעריקאַנער יידנטום פון אַלע שטרעמונגען דעצידירט דאָס געפיל אַז זיי נייטיקן זיך ניט אין עליה. עס איז קלאָר, אַז אויך פון אַזעלכע לענדער איז מעגלעך און ס׳איז פאַראַן אַן עליה, וואָס ווערט באַוועגט דורכן חלוציש־ציוניסטישן כוח, אָבער דאָס איז אַן אינדיווידועלע עליה, אַז עליה פון יחידים, הגם די צאָל יחידים קען דערגרייכן ביז הונדערטער און טויזנטער.

***

די גרויסע דרינגנדיקע אויפגאַבע, וואָס ליגט אויף אונדז אין דער דאָ־זיקער שעה, איז דאָס צונויפזאמלען די יעניקע דיאספּאָרעס, וועלכע האָבן קיין ברירה ניט, וואָס קענען ניט און ווילן ניט בלייבן אין גלות, און אויב זיי קריגן נאָר דאָס רעכט צו עמיגרירן — זענען זיי עולה און וועלן עולה זיין קיין ישראל מאַסנוויין. די יידישע צע־שפּרייטקייט אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע און אין די לענדער פון איסלאם — ווייל און מוז עולה זיין. דאָס דאָזיקע יידנטום איז מיילוויז פאַרשפּאַרט, און די טויערן צום אַרויסגאַנג זענען פאַר אים גע־שלאָסן. אָבער די אַלע, וואָס האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצוגיין, וועלן אומ־באַדינגט קומען אין לאַנד אַריין, אויב אַפילו מדינת ישראל איז נאָך ניט גרייט זיי אויפצונעמען. די גרויסע מערהייט פון די דאָזיקע יידן פאַרמאָגן גאָרניט. זייער האָב און גוטס, אויף וויפל זיי האָבן דאָס פאַרמאָגט, איז פון זיי אָוועקגענומען געוואָרן, און קולטור ווי אויך דערציאונג האָט מען זיי ניט געגעבן. זיי זענען געצוווּנגען עולה צו זיין אָן מיטלען, אָן אַ פאַך, אָן ביל־דונג, אָן הכשרה, אָן אַ שפּראַך, אָן קענטניש פון לאַנד, אָן די נאַציאָנאַלע

װערטן. געטריבן דורך אַ משיחישן געפּיל, שטראָמען זיי אין די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער קיין מדינת ישראל. די אָנשטרענגונגען, וועלכע פאָדערן זיך כדי זיי אויפצונעמען, זענען גרעסער און שווערער פון די מלחמה־אָנשטרענגונגען.

די העכערע אויפגאבע פון קיבוץ־גלויות איז אָפּהענגיק פון צוויי ווערק, וואָס פאַרלאַנגען די העכסטע אָנשטרענגונג פונעם פאָלק: דאָס ווערק פון התישבות און דאָס ווערק פון חינוך.

מ׳קען ניט אויסלייזן דאָס פאָלק, ניט אויסלייזנדיק די ערד. באַפרוכפּערן די וויסטעניש, דעראָבערן די נאַטור־כוחות אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט; הייזער־בוי אין אַ גרויסן פאַרנעם, באַוואַסערונג און עלעקטריפיקאַציע אין אַ ברייטן פאַרמאַט, אויפבויען אַ פאַרצווייגטע זעלבשטענדיקע ווירטשאַפט אין אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט — דאָס אַלץ זענען די מאַטעריעלע באַדינגונגען פאַרן אויפנעמען די עליה. אָבער דער מאַטעריעלער ריין־ווירטשאַפטלעכער אויפנעם איז נאָך ווייניק. די אויפגאַבע פונעם דור וועט ניט פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך שיכון, באַשעפטיקונג, התישבות און אַרבעט פאַר הונדערטער טויזנטער עולים. ניט אויף ברויט אַליין לעבט אַ פאָלק. די גלותן וועלכע ליקווידירן זיך און זאַמלען זיך צונויף אין ישראל, בילדן נאָך ניט קיין פאָלק. דאָס איז אַן ערב־רב און מענטשן־שטויב, אָן שפּראַך, אָן חינוך, אָן וואָרצלען, אָן דער יניקה פון טראַדיציע און אָן פאָלקס־אידעאַל.

***

דאָס יידישע פאָלק געהערט צו די זעלטענע פעלקער אויף דער וועלט, וואָס פאַרווירקלעכט אין משך פון איבער 2.500 יאָר אַן אַלגעמיינעם חינוך, און וואָס האָט אַפילו נאָכן פאַרלירן זיין זעלבשטענדיקייט און זיין היימלאַנד, אַפילו בשעת זיינע וואַנדערונגען אין דער פרעמד, אָפּגעהיטן דעם חינוך פון זיינע קינדער, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג.

אָבער אַ גרויסער טייל פון די עולים קומען צו אונדז ניט קענענדיק אַפילו דעם „אלף־בית", אָן אַ סימן פון אַ יידישן אָדער מענטשלעכן חינוך. צוויי סיבות האָבן דערצו גורם געווען: די צייט און דאָס אָרט. זיי זענען געבאָרן געוואָרן אין אַ תקופה פון חורבן, פון וועלט־צעשטערונג, אין אַ תקופה פון וועלט־מלחמות, פון מאַטעריעלער און גייסטיקער ירידה, וועלכע איז אַ פועל יוצא פון צעטרייסלונג פון וועלט־יסודות. זיי קומען אַרויס פון לענדער פינצטערע, אָפּגעשטאַנענע, דערשלאָגן און באַרויבט.

די גייסטיקע אַבסאָרבציע פון דער דאָזיקער עליה, איר צונויפשמעלצונג און געשטאַלטיקונג, דאָס פאַרוואַנדלען אָט דעם מענטשן־שטויב אין אַ קולטורעלער שאַפנדיקער, זעלבשטענדיקער, וויזיאָנערישער אומה — איז

ניט קיין לייכטע מלאכה. די שוועריקייטן זענען דערביי ניט קלענער ווי די שוועריקייטן פון דער ווירטשאַפטלעכער קליטה. כדי צו פאַראייניקן די דאָזיקע פאַרשטויסענע זיך, כדי זיי איבערצוגעבן די ווערטן און פאַרמעגנס פון דער אומה, כדי צו פאַרפלאַנצן די דאָזיקע דערוואַקסענע און באַרויבטע גלות־קיבוצים אין אונדזער געזעלשאַפט, קולטור, שפּראַך און שאַפונג — פאָדערט זיך אַ מעכטיקע מאָראַלישע און דערציערישע אָנשטרענגונג. אָן אָנשטרענגונג, וועלכע זאָל זיין באַגלייט דורך אַ טיפער און ריינער ל י ב ע און דאָס זאָל זיי געגעבן ווערן ניט אַלס חסד, נאָר ווי שותפים פון איין גורל.

***

די ווערטן — מאַטעריעלע און גייסטיקע — וואָס מיר, די אַלט־איינגעזעסענע אין דאָזיקן ישוב, האָבן געשאַפן — האָבן מיר ניט נאָר מיט אונדזערע אייגענע הענט געשאַפן, נאָר האָבן אויך באַקומען אַ טייערע ירושה פון אונדזערע אבות אַבותינו און מיר האָבן ממשיך געווען דאָס וואָס די פריערדיקע דורות האָבן צוגעגרייט. אונדזער נחלה געהערט דעם גאַנצן יידישן פאָלק און נאָר ווי די נחלה פון גאַנצן פאָלק וועט עס האָבן אַ קיום. אין די פון חינוך - באַרויבטע עולים ליגן פאַרבאָרגן אַלע יענע אייגנשאַפטן און מעגלעכקייטן, וועלכע האָבן געמאַכט פון די פריערדיקע ישוב־בויער דאָס, וואָס זיי זענען היינט. ס'איז ניטאָ קיין זאַך אויפן געביט פון ווירטשאַפט, פּאָליטיק, מיליטער און גייסט, וואָס מיר האָבן דורכגעזעצט ביז איצט, און די נייע עולים זאָלן דאָס מיט דער צייט ניט קענען דורכזעצן, אויב זיי וועלן באַקומען פון אונדז יענע הילף און מיטאַרבעט, ווי מיר האָבן דאָס באַקומען אין אונדזער צייט פון אונדזערע פאָרגייער און פון אונדזערע קיבוצים. אָט דאָס חינוך־ווערק, וואָס פון אים איז אָפּהענגיק דער גורל פון דער מדינה ניט ווייניקער ווי דער גורל פון די עולים, וועט ניט געמאַכט ווערן בלויז אין שולן. עס איז קיין ספק ניט, אַז דער נייער יונגער דור, וועלכער וועט דאָ געבוירן ווערן, אָדער וועט אַרויסוואַקסן פון דער נייער עליה, וועט זיך דאָ פאַרוואָרצלען און צונויפשמעלצן מיטן ישוב ניט ווייניקער ווי די קינדער פון די אַלט־איינגעזעסענע, אָבער מיר קענען ניט און האָבן קיין רעכט ניט צו וואַרטן ב י ז ס'וועט אויסוואַקסן אַ נייער דור. די אַרבעט פון חינוך און צונויפשמעלצונג מוז אומבאַדינגט אַרומנעמען אַלע עולים פון די פאַרשיידענע עלטערס. פאַרשטייט זיך, אַז יענע טיפע און שנעלע ענדערונג, וואָס מ'קען דורכפירן ביי אַ קינד, קען מען ניט דורכפירן, מיטן זעלביקן טעמפּאָ און מיט דער זעלביקער לייכטקייט, ביי אַ דערוואַקסענעם עולה. אָבער אַ חוץ דער שול פאַרמאָגן מיר נאָך אַ מעכטיקן דערציערישן אינסטרומענט — דאָס איז די אַ ר מ יי.

***

אויף צבא הגנה לישראל איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די לעבנס־וויכטיק־סטע אויפגאַבע פון אונדזער דור: היטן די זיכערקייט פון מדינת ישראל. די דאָזיקע אויפגאַבע איז ווערט אַז די בעסטע פון אונדזער יוגנט זאָלן איר ווידמען אַלע אירע פּעאיקייטן, ענערגיע און צייט. אָבער דאָס איז ניט די איינציקע אויפגאַבע פון אונדזער מיליטער. אונדזער מיליטער מוז אויך זיין אַ חלוצישער דערציערישער כוח, וואָס בויט אויף דאָס פאָלק און לייזט אויס וויסטענישן. כל־זמן מיר וועלן ניט ווערן קיין געאייניקט פאָלק און מיר וועלן ניט קאָלאָניזירן די וויסטעניש פון לאַנד — וועט אונדזער זיכערקייט קיין תקומה ניט האָבן. דאָס פּראָבלעם פון זיכערקייט איז ביי אונדז אַנדערש, ווי ביי יעדן אַנדערן פאָלק אין דער וועלט. ניט נאָר דערפאַר, וואָס מיר זענען ווייניק קעגן אַ סך, נאָר דערפאַר ווייל מיר בילדן נאָך ניט קיין פאָלק און מיר האָבן נאָך ניט קיין לאַנד. אַ וויסט אויסגעטריקנט לאַנד, וואָס איז ניט באַפעלקערט אויף 90 פּראָצענט פון זיין שטח — איז קיין לאַנד ניט, און אַ באַפעלקערונג, ווו מענטשן פאַרשטייען ניט איינער דעם צווייטנס שפּראַך, ווו זיי זענען ניט פאַרוואָרצלט אין דער נאַציאָנאַלער קולטור, קע־נען ניט דאָס לאַנד און זענען ניט באַהעפט און צונויפגעריפט מיט רייפן פון אַ געמיינזאַמער קולטור און נאַציאָנאַלן אידעאַל, — אַזאַ באַפעלקערונג איז ניט קיין פאָלק, וואָס זאָל זיין מסוגל אין אַן עת־צרה זיך אַקעגנצו־שטעלן שונאים און אָנפאַלער.

ניט פון „לוקסוס״־וועגן האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַ מיליטער־דינסט־געזעץ, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין אַנדערע לענדער — אַ געזעץ וואָס איז מחייב יעדן בחור און מיידל אין עלטער פון אַכצן יאָר דורכצומאַכן לאַנדווירטשאַפטלעכע הכשרה. ווען דאָס געזעץ וועגן מיליטער־דינסט איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין כנסת (כ׳ אב תש״ט) איז אויפגעקלערט געוואָרן, אַז אונדזער מיליטער וועט מוזן זיין קליין, ווייל מיר זענען קליין אין צאָל, און אַז אונדזער מענטשן־כוח פאָדערט זיך פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד, קליטה פון עולים, ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער שאַפונג, וועלכע זענען די גרונט פונקציעס פון אונדזער מדינה.

דעריבער איז דאָס הויפּט־פּראָבלעם אין אונדזער מיליטער — זיין הויכע קוואַליטעט. אַלע טעכנישע און פאַכלעכע קענטנישן, וועלכע ס׳פאַרמאָגט יעדע מאָדערנע אַרמיי אין דער וועלט, אַלע פיזישע און פּסיכישע אייגנשאַפטן וועלכע זענען נויטיק יעדן זעלנער, אַלע אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע פאַרבעסערונגען וועלכע הייבן די קאָלעקטיווע קאַפּאַציטעט פון די זיכערקייט־כוחות — דאָס אַלץ איז פאַר אונדז נויטיק ניט ווייניקער ווי פאַר יעדער אַנדער מדינה. נאָר דאָס אַליין וועט אונדז ניט קלעקן, ווייל צוליב אונדזער ספּעציפישן געאָגראַפיש־היסטאָרישן מצב מוז אונדזער מיליטער האָבן נאָך אַן אייגענעם וויכטיקן צוגאַב. דאָס איז — דער

חלוצישער צוגאב. בלויז דאן ווען מיר וועלן דערפירן אונ־דזער מאָראלישע און אינטעלעקטועלע אייגנשאַפטן צו א רעקאָרד, וועט אונדזער מיליטער דערפילן זיין מיסיע אויפצוהאלטן דעם שוץ פון דער מדינה.

***

אין דער זעלביקער אויפקלערונג פונעם געזעץ וועגן מיליטער־דינסט איז באַטאָנט געוואָרן, אַז די חלוצישע פעאיקייט דאַרף מען ניט באַטראַכטן ווי אַ מאָנאָפּאָל פון „מיוחסדיקע" שבטים ביי אונדז. „חלוציזם איז ניט קיין אייגנטום פון יחידי־סגולה און גאונים. זי ליגט פאַרבאָרגן אין דער נשמה פון איטלעכן מענטשן; אין איטלעכן מענטשן שטעקן גייסטיקע כוחות, אייגנשאַפטן און אוצרות, וואָס נאָר ווינציקע פון זיי קומען צום אויסדרוק. דער דרוק פון היסטאָרישע באַדערפענישן און אַ רעגולירטע דערציערישע אַרבעט, וואָס ווייסט צו געפינען אַ וועג צום האַרצן און צו נשמה־טיפענישן פונעם מענטשן, זענען אימשטאַנד אויפצודעקן און צו אַקטיוויזירן ביי יעדן מענטשן, אַזעלכע ערגעץ אין טיפעניש ריזלענדיקע קוואַלן, און אַרויפצו־ברענגען דעם מענטשן אויף אַ גאָר הויכער מדרגה פון גבורה און חלוציזם. יעדער פעאיקער מיליטערישער קאָמאַנדיר ווייסט דעם דאָזיקן סוד. זיין מיליטער, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון פשוטע בשר ודמס, איז ער אימ־שטאַנד צו פאַרוואַנדלען אין אַ מיליטער פון העלדן. דאָס היסטאָרישע געפּיל וואָס האָט אונדז געפירט אין דעם לאַנד האָט דורכגעשלאָגן אַ וועג פאַר די חלוצישע קוואַלן, וועלכע זענען געווען פאַרבאָרגן אין דער יידישער יוגנט אין די שטעטלעך פון ליטע, פוילן, גאַליציע, רומעניע און אַמעריקע. די עליה וועלכע וועט קומען אין די נאָענטסטע יאָרן, וועט אין איר גרעסטן טייל שטראָמען פון די מזרח־לענדער, פון די לענדער פון איסלאַם, די לענדער פון אַזיע און אַפריקע. אין די דאָזיקע לענדער האָבן די יידישע קיבוצים אין משך פון די לעצטע דורות ניט געהאַט קיין מיטלען און מעגלעכקייטן צו זויגן בשפע פון אַלמענטשלעכע און יידישע קולטור־אוצרות, אַפילו אין יענער מאָס וועלכע עס איז געגעבן געוואָרן די יידן אין אייראָפּע.

נאָר ס'איז ניטאָ קיין גרונט אָנצונעמען, אַז יידן פון צפון־אַפריקע אָדער טערקיי, מצרים, איראַן, אָדער אדען, זענען אין זייער מהות און יסוד אַנדערש ווי די יידן פון ליטע, גאַליציע צי אַמעריקע. אויך אין זיי זענען פאַרבאָרגן רייכע קוואַלן פון חלוצישער קאַפּאַציטעט — קוואַלן פון גבורה און יצירה. אויב מיר וועלן דאָ אינוועסטירן אַ טייל פון יענע אָנ־שטרענגונגען, וועלכע מיר האָבן אינוועסטירט אין דער יידישער יוגנט אין די אייראָפּעאישע לענדער — וועלן מיר אויך דאָ באַקומען געבענטשטע רעזולטאַטן.

צבא הגנה לישראל מוז ווערן דער אינקובאטאָר פאַר די חלוצים פון פאָלק, און דער קולטור - אינסטרומענט פאַר דער צונויפשמעלצונג און פאַר־אייניקונג פון די גלותן און פאַר זייער קולטורעלער דערהייבונג. די פלאַפּ־לערײ, אַז דאָס מיליטער איז אַ נאַטירלעכער אינסטרומענט פאַר פאַר־טעמפּטקייט, קאַריעריזם, ליידיק־גייערײ, סנאָביזם א. א. וו. — זאָל אונדז ניט באַאומרואיקן. אין דער מיליטער־ראַם, פּונקט ווי אין אַלע מדינה־אָרגאַנען — זענען דער כאַראַקטער און מהות אָפּהענגיק פון א י נ ־ ה א ל ט, וועלכן מ׳לייגט אין זיי אַריין. מיר מוזן אויספילן די דאָזיקע ראַם מיט אַ חלוציש און קולטורעלן אינהאַלט, פאָלקס־אויפבוי און היים־באַשאַפונג.

אונדזער מיליטער דאַרף געבן דער יוגנט, וואָס איז אונטער זיין השפעה, אַנהייבנדיק פון די יוגנט־באַטאַליאָנען און ווייטער — די גרונט־ווערטן פון פיזישער און מאָראַלישער ריינקייט; די קענטעניש פון שפּראַך און לאַנד, קערפּערלעכע און גייסטיקע געשיקטקייט, די ליבע צום היימ־לאַנד און חברשע טריישאַפט, גייסטיקע קראַפט און שעפערישע איניציאַ־טיוו, דיסציפּלין און אָרדענונג, אַרבעטס־פעאיקייט און חלוצישע ליידנ־שאַפט. דאָס אַלץ דאַרף געגעבן ווערן אַ ח ו ץ די מיליטערישע און פאַכלעכע ווערטן, וועלכע פאָדערן זיך פאַר שוץ־באַדערפענישן אין ענגן זין פון וואָרט.

***

צבא הגנה לישראל עקסיסטירט קוים אַ פּאָר יאָר, אָבער אָט דאָס יונגע מיליטער איז אַן אָפּצווייג פון אַן אוראַלטן מיליטערישן שטאַם, פון איינער פון די עלטסטע אַרמייען אין דער וועלט. די יידישע מיליטערישע געשיכטע איז אַזוי אַלט, ווי דאָס יידישע פאָלק און ציילט אַרום פיר טויזנט יאָר. א ב ר ה ם העברי האָט געפירט אַ מלחמה מיט כדרלעומר מלך עילם, תדעל מלך גויים, אַמרפל מלך שנער און אַריוך מלך אלסר, כדי צו ראַטע־ווען זיינע קרובים, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט בשעת דער מלחמה פון די ניין מלכים אין עמק השדים (בראשית י״ד). די ערשטע מלחמה פון יי ד י ש ן פ אָ ל ק איז געקומען באַלד נאָך יציאת־מצרים. דאָס איז געווען אַ מלחמה קעגן טראַדיציאָנעלן פיינט פון ישראל — קעגן ע מ ל ק ן. בראש פון דער מלחמה איז געשטאַנען דער ערשטער יידישער קאָמאַנדיר יהושע בן־נון, און די מלחמה האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אין רפידים, אין דער געגנט, וווּ ס׳איז פאָרגעקומען דער לעצטער קאַמף פון צבא ההגנה לישראל אין אונדזערע טעג, סוף 1948, דער קאַמף פאַרן באַ־פרייען דעם נגב פון די מצרישע הענט.

נאָך דער מלחמה אין רפידים האָבן די אַרמייען פון ישראל געקעמפט

קעגן כנעני און אמורי, מואב און אדום, פלישתים און ארם, מצרים, אשור, בבל און אַראַביע, גריכנלאנד און רוים. די מיליטערישע געשיכטע האָט זיך ניט פאַרענדיקט מיטן חורבן פון בית־המקדש און ניט מיטן פאַלן פון בר־כוכבא. אין זיבעטן יאָרהונדערט, לויט דער קריסטלעכער ציילונג, האָט יידיש מיליטער געקעמפט קעגן דער ביזאנטישער אַרמיי צוזאמען מיט פערסיע, אונטער דער קאָמאַנדע פון ב נ י מ י ן פ ו ן ט ב ר י ה צום סוף פון עלפטן יאָרהונדערט, אין יאָר 1100, האָט די יידישע חיפה געקעמפט קעגן די ק ר ײ צ צ י ג ל ע ר. ערשט נאָכדעם ווי דער פלאָט פון ווענעדיק האָט באַלאַגערט חיפה פון ים און דאָס מיליטער פון טאנקערד האָט אָפּגעשלאָסן חיפה פון דער יבשה, איז די יידישע חיפה געפאַלן, נאָך אַ פאַרצווייפלטן קאַמף, וואָס האָט געדויערט צוויי וואָכן.

***

דאָס יידישע מיליטער איז שטענדיק געווען, אַחוץ אין איינצעלנע פאַלן אַ פ אָ ל ק ס - מ י ל י ט ע ר. די יידישע קעמפער אין די צייטן פון יהושע בן־נון זענען געווען די וועלכע האָבן קאָלאָניזירט דאָס לאנד און עס אויפגעבויט. אַ ק ע מ פ נ ד י ק פאָלק האָט דעראָבערט דאָס לאנד — ניט ג ע ד ו נ ג ע נ ע זעלנער, וועלכע פירן מלחמה פאַר געלט. דער הארבסטער חטא אין יידישן מיליטער איז געווען — נעמען „פון חרם", אַרײַנצולייגן דעם ר ו י ב אין די אייגענע קעשענעס. אָט דאָס מיליטערישע רויב איז געווען פאַררעכנט פאַר אַן עבירה און נבלה. פאַרן דאָזיקן חטא איז ע כ ן ב ן כ ר מ י פון שבט יהודה זייער האַרב באַשטראָפט געוואָרן דורך יהושע בן־נון: מיט טויט און קאָנפיסקאַציע פון זיין פאַרמעגן. און דאָס אָרט וווּ ס'איז באַגאַנגען געוואָרן די נבלה, איז אָנגערופן געוואָרן ע מ ק - ע כ ו ר „ביזן היינטיקן טאָג" (יהושע ז').

דאָס מיליטער פון יהושע בן־נון איז געווען בעצם אַ מיליטער פון קאָלאָניזאַטאָרן. און ווען עתניאל בן קנז, דער ברודער פון כלב, האָט איינגענומען דביר, אין נגב־לאנד, האָט עכסה די פרוי פון עתניאל, די טאָכטער פון כלב, „אָנגערעדט איר מאַן ער זאָל בעטן ביי איר פאָטער וואסער קוואלן" — „וואָרום אין אַ טרוקענעם לאנד האָסטו מיר געגעבן — — — — האָט ער איר געגעבן די אויבערשטע ברונעמער און די אונטערשטע ברונעמער" (יהושע ט"ו, יט). דאָס איז אפשר געווען דער ע ר ש ט ע ר נח"ל (נוער חלוצי לוחם — קעמפערישע חלוצישע יוגנט) אין ישראל־מיליטער, וועלכער האָט געפּרווט איינריכטן באַוואַסערונג אין נגב.

ניט אומזיסט האָט מען געוואָרנט יידן זיי זאָלן אָפּהיטן דעם בוים אין פעלד — אויך בשעת מלחמה און אַפילו בשעת אַ באַלאַגערונג: „אז דו וועסט לאַגערן אויף אַ שטאָט פיל טעג צו האַלטן מלחמה אויף איר, כדי זי

איינצונעמען זאָלסטו ניט צעשטערן אירעביימער דורך אויפהויבן דערויף אַ האַק ווייל עסן פון זיי מעגסטו, אָבער זיי אָפּהאַקן טאָרסטו ניט; וואָרום איז דער בוים פון פעלד אַ מענטש, צו זיין אין באַלאַגערונג פון דיר? (דברים כ׳ י״ט).

אויך די מאָביליזאַציע - געזעצן וואָס משה רבנו האָט אַרויסגעגעבן באַווייזן, אַז דאָס ישראל־מיליטער איז געווען אַ פאָלקס־מיליטער: „און עס וועט זיין, ווי איר דערנענטערט זיך צו דער מלחמה — — — און די אויפזעער זאָלן רעדן צום פאָלק, אַזוי צו זאָגן: איז ווער עמיצער דאָ וואָס האָט געבויט אַ ניי הויז, און האָט עס ניט באַנייט, זאָל ער גיין און זיך אומקערן צו זיין היים, טאָמער ער שטאַרבט אין דער מלחמה, און אַן אַנדער מאַן וועט עס באַנייען. אָדער איז ווער עמיצער דאָ וואָס האָט געפלאַנצט אַ וויינגאָרטן, און האָט אים ניט אָנגעהויבן? זאָל ער גיין און זיך אומקערן צו זיין היים, טאָמער שטאַרבט ער אין מלחמה, און אַן אנדער מאַן וועט עס אָנהייבן. אָדער איז ווער עמיצער דאָ וואָס האָט פאַרקנסט אַ ווייב, און האָט זי ניט גענומען? זאָל ער גיין און זיך אומקערן צו זיין היים, טאָמער שטאַרבט ער אין מלחמה, און אַן אַנדער מאַן וועט זי נעמען״ (דברים כ׳ ב—ז). און ווייל דאָס איז געווען אַ פאָלקס־מיליטער און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געקעמפט, האָט מען ניט געוואָלט עס זאָלן זיך באַטייליקן אין דער מלחמה פחדנים, און אויך דאָס איז געווען איינס פון משה רבנוס מאָביליזאַציע - געזעצן: „און די אויפזעער זאָלן ווייטער רעדן צום פאָלק, און זאָגן: איז ווער עמיצער דאָ וואָס איז שרעקעוודיק און ווייך־האַרציק? זאָל ער גיין און זיך אומקערן צו זיין היים, כדי דאָס האַרץ פון זיינע ברידער זאָל ניט צעגיין אַזוי ווי זיין האַרץ״ (דברים כ׳, ח.).

וועגן די דאָזיקע מאָביליזאַציע־געזעצן פון די פאַרצייטיקע יידן האָט געזאָגט צום סוף פון דעם בית־שני, איינער פון די גרויסע חכמים, רבי יוחנן בן זכאי: „זע נאָר, ווי דער רבונו־של־עולם רעכנט זיך מיטן כבוד פון מענטשן: אַ שרעקעוודיקער און אַ ווייך־האַרציקער, אַז ער קערט זיך אום אַהיים, זאָגט מען אויף אים: ער האָט זיך געבויט אַ הויז אָדער געפלאַנצט אַ וויינגאָרטן, אָדער האָט זיך פאַרקנסט מיט אַ פרוי. נאָך מער, אַלע אַנדערע דאַרפן ברענגען עדות, אַחוץ דעם פחדן און ווייך־האַרציקן, וואָס זיינע עדות האָט ער מיט זיך: הערט ער מ׳עפּנט לאַדנס — דערשרעקט ער זיך; פערד הירזשען — ווערט ער אויפגעציטערט; אַ האָרן שאַלט — פאַלט אויף אים אָן אַ אימה; זעט ער מ׳ציט אַרויס אַ שווערד — ווערן אים נאַס די הויזן״...

מיליטער - פריווילעגיעס זענען ניט צוליב אַ לייכטזיניקער באַציאונג צו דער פאַראַנטוואָרטלעכער ראָלע וואָס עס ליגט אויפן מיליטער, נאָר פאַרקערט — כדי צו פאַרשטאַרקן זיין מאָראַל און אים צו באַפרייען פון אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע קענען זיך ניט אָפּגעבן אינגאַנצן

דער מיליטערישער שליחות — צוליב נייע משפחה־פאַרבינדונגען, אָדער צוליב ניט־רעגולירטע ווירטשאַפטלעכע ענינים, אָדער צוליב אָרגאַנישער נשמה־שוואַכקייט, וואָס מ׳קען ניט גובר זיין. נאָך דעם ווי דאָס קעמפנדיקע פאָלק איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון די דאָזיקע אומגעוווּנטשענע עלעמענטן — פלעגט מען אָנהאַלטן אין מיליטער אַ שטרענגע דיסציפּלין. מ׳פלעגט אָננעמען שאַרפע מיטלען קעגן די דעזערטערן פון פראָנט, ווייל „אַנטלויפן — איז אַן אָנהויב פון מפלה״. דערפאַר פלעגט מען שטעלן פאַרן פאָלק און הינטער אים „גוואַרדיעס, באַוואָפנטע מיט אייזערנע פרענטן אין די הענט, און — ווייל עמיצער אַנטלויפן — מעגן זיי אים אונטערהאַקן די פיס״...

באַפרייען פון פאָלקס־מיליטער צוליב ווירטשאַפטלעכע אָדער משפחה־מאָטיוון איז געווען דערלויבט נאָר אין אַ פ ר יי וו י ל י ק ע ר מלחמה (מלחמת רשות), אָבער אין אַן אויפגעצוווּנגענער מלחמה (מלחמת חובה), ווען דאָס פאָלק ישראל איז געווען אַרומגערינגלט דורך שונאים, „פלעגן אַלע אַרויסגיין, אַפילו דער חתן פון זיין צימער און די כלה פון איר חופה״, ווייל די פליכט פון באַשיצן דאָס פאָלק פון אַן אויסערלעכן אָנגריף איז חל געווען אויף יעדן מאַן און פרוי אָן אויסנאַם.

אַ רעגולערע אַרמיי האָט ניט עקסיסטירט אין ישראל ביז דער תקופה פון די מלכים. שאול איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ ס ט אַ ב י ל מיליטער פון דריי טויזנט מאַן: „און עס זענען געווען מיט שאולן צוויי טויזנט אין מכמש און אויפן באַרג בית־אל, און טויזנט זענען געווען מיט יהונתן אין גבעת־בנימין, און דאָס איבעריקע פאָלק האָט ער יעדן געשיקט צו זיינע געצעלטן״ (שמואל א׳ י״ג, ב). שלמה המלך האָט אויפגעשטעלט אויך אַ קאַוואַלעריע: צוועלף טויזנט מאַן.

צו דער העכסטער שטופע פון ש ל מ ו ת האָט דאָס מיליטער דער־גרייכט אין די צייטן פון בית־ראשון, אין די טעג פון גרעסטן פון די מלכי־יהודה — דעם מלך עוזיה (עזריה) בן אמציה, וואָס האָט געקיניגט אינמיטן פון אַכטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער ערא — אַ מיטצייטלער פון ירבעם דער זון פון יואש. די דאָזיקע ביידע מלכים האָבן אויסגעברייטערט די גרענעצן פון ישראל, ווי ס׳איז נאָך אַזוינס ניט געווען זינט ס׳האָט זיך געשאַפן די פאַראייניקטע מלוכה אין דרום. ער האָט געקעמפט קעגן די פלישתים אין גת, יבנה און אשדוד, אין מערב פון ארץ־ישראל, קעגן די אַראַבער וואָס זענען געזעסן אין גור־בעל, און קעגן די מעונים אין מזרח פון לאַנד. ניט נאָר האָט ער אויסגעברייטערט די גרענעצן נאָר האָט אויך אַנט־וויקלט דאָס לאַנד, געבויט נייע שטעט אין די דורך אים דעראָבערטע גע־ביטן, האָט אויסגעברייטערט דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן שטח, האָט דורכ־געפירט באַוואַסערונג אין וויסטן לאַנד אין דרום, האָט געפלעגט פי־צוכט און באַפלאַנצט די בערג. „און ער האָט געבויט טורעמס אין דעם מדבר, און האָט אויסגעהאַקט פיל ברונעמער, וואָרום ער האָט געהאַט פיל פי, אי אין

דער נידערונג און אי אין דעם פלאַכלאַנד; (און ער האָט געהאַט) אַקערלייט און גערטנערס אויף די בערג, און אין כרמל, וואָרום ער איז געווען אַ ליב־האָבער פון ערד". (דברי הימים ב׳ כ״ו, י׳).

איינער פון זיינע הויפּט־אויפטוען איז געווען דער אויפבוי פון אילת. שלמה המלך האָט אָפּגעשאַצט די גרויסע וויכטיקייט וואָס דער ים־סוף־איינגוס האָט פאַר דער ווירטשאַפט און פאַרן מעמד פון זיין מלוכה. ער האָט אַנטוויקלט און עקספּלואַטירט די קופּער־גרובנס אין סטעפּ (ערבה) און האָט אָפּגעשטעלט נעבן אילת, אין עציון־גבר, אַ קופּער־שמעלצעריי (די דאָזיקע שמעלצעריי איז אַנטדעקט געוואָרן מיט איניקע יאָר צוריק בשעת די אויסגראָבונגען פון אַמעריקאַנער יידישן אַרכעאָלאָג נעלסאָן גליק). שלמה האָט אויך אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון ים און שיפעריי. „און שיפן האָט מלך שלמה געבויט אין עציון־גבר, וואָס ביי אילת, אויפן ברעג פון ים־סוף, אין לאַנד אדום". אָבער אין ישראל זענען דעמאָלט ניט געווען קיין מאַטראָזן און ים־מענטשן. שלמה איז געווען געצוווּנגען זיך אַרויסצוהעלפן מיט די כנענישע שיפן פון זיין פאַרבינדעטן חירם מלך צור. אָבער אילת איז ניט געבליבן קיין לאַנגע צייט אין יידישע הענט. אין די טעג פון יורם בן יהושפט „איז אדום אָפּגעפאַלן פון אונ־טער דער האַנט פון יהודה, און זיי האָבן געמאַכט איבער זיך אַ מלך" (מלכים ב׳, ח׳, כ).

אילת איז ווידער געוואָרן אַ שטאָט פון אדום, און ערשט נאָך דעם ווי דער מלך אמציה בן יואש, „האָט צעשלאָגן אדום אין גי־מלח, צען טויזנט מאַן, און האָט פאַרנומען דעם פעלז אין קאַמף" (מלכים ב׳ י״ד, ז), איז גע־לונגען זיין זון עוזיהן צו דערגרייכן ביזן סוף פונעם סטעפּ (ערבה) אין דרום און ער האָט אויפגעבויט אילת און עס צוריקגעקערט צו יהודה.

צוגלייך מיט דעם ווערק פון קאָלאָניזאַציע און אַנטוויקלונג און מיט דער אויסברייטערונג פון די גרענעצן, האָט דער דאָזיקער גרויסער מלך זיך געווידמעט דער פאַרפעסטיקונג פון זיין מלוכה־הויפּט־שטאָט. „און עוזיהו האָט געבויט טורעמס אין ירושלים ביים ווינקל טויער, און ביים עק, און ער האָט זיי באַפעסטיקט". (דברי הימים, ב׳ כ״ז, ט).

דאָס צענטראַלע ווערק פון דאָזיקן מלך איז געווען די פאַרפולקומונג פון זיין מיליטער איז הינזיכט פון אָרגאַניזאַציע און באַוואָפענונג. עס איז נאָך ניט געווען פאַר אים קיין מלך אין ישראל וואָס האָט אַזויפיל אויפ־געטאָן ווי ער אין דער פאַרשטאַרקונג פון די זיכערהייט־כוחות און זייער קאַמפערישער קאַפּאַציטעט. אַנשטאָט שאולס צייטן, ווען ס׳האָט זיך ניט געפונען קיין איין מייסטער אין ארץ ישראל, „וואָרום די פלישתים האָבן געזאָגט: טאָמער וועלן די עברים מאַכן אַ שווערד אָדער אַ שפּיז —— אַזוי איז געשען, אז אין טאָג פון מלחמה האָט זיך ניט געפונען אַ שווערד

אַדער אַ שפּיז אין דער האַנט פון דעם גאַנצן פאָלק וואָס מיט שאולן און מיט יהונתן" (שמואל א׳, י״ג, י״ט—כ״ב), — האָט דער מלך עוזיהו גע־זאָרגט דערפאַר, אַז זיין יידיש מיליטער זאָל פאַרמאָגן אַלע מינים געווער, וואָס זענען געווען דאַן באַקאַנט אין מצרים, אשור, ארם און ביי אַלע פעל־קער אַרום. ער האָט אויך פאַרפולקומט ניי געווער און האָט אויפגעשטעלט די ערשטע יידישע אַרטילעריע אין דער געשיכטע פון ישראל. „און ער האָט געמאַכט אין ירושלים קונציקע געשטעלן, אויסגעטראַכט פון אַ מייסטער, צו זיין אויף די טורעמס און אויף די שפּיצן, אויף צו שיסן מיט פיילן און מיט גרויסע שטיינער; און זיין שם איז אַרויסגעגאַנגען ביז אין די מרחקים, וואָרום ער איז ווונדערלעך געהאָלפן געוואָרן, ביז ער איז געוואָרן שטאַרק". (דברי הימים ב״ כ״ו, טו).

דער היסטאָריקער פון „דברי הימים" גיט אָן די צאָל מיליטער פון עוזיהו „פון דריי הונדערט טויזנט און זיבן טויזנט און פינף הונדערט, וואָס האָבן געהאַלטן מלחמה מיט שטאַרקן כוח צו העלפן דעם מלך אַקעגן דעם פיינט". (דברי הימים ב׳ כ״ו). מעגלעך, אַז די דאָזיקע צאָל איז איבערגע־טריבן. ס׳איז מער אָנגעמבאַר די צ ו וי י ט ע צאָל וואָס ווערט אָנגעגעבן אין זעלביקן אָרט — „די גאַנצע צאָל פון די הויפּטן פון פאַטערהייזער, די העלדישע גיבורים, איז געווען צוויי טויזנט און זעקס הונדערט". (דברי הימים ב׳ כ״ו, יב). אָבער פון זיינע תקיפותדיקע מעשים און זיין העלדיש־קייט און פון עוזיהוס פונאַנדערשפּרייטן זיך איבערן לאַנד פון די פלישתים אין מערב, אויפן שטח פון די ערבים אין מזרח און פון אדום אין דרום — איז קלאָר אַז ער האָט געהאַט אַ גרויס מיליטער און אַז דער כוח פון זיין מיליטער איז געווען ניט נאָר אין כ מ ו ת, נאָר אויך אין זיין פאַרפול־קומטער באַוואָפענונג. „און עוזיהו האָט צוגעגרייט פאַר זיי, פאַר דעם גאַנצן חיל, שילדן, און שפּיזן, און קיווערס, און פאַנצערס און בויגנס, און שליי־דערשטיינער" (דברי הימים ב׳, כ״ו, י״ד). דאָס זענען געווען אַלע אָפענ־סיווע און דעפענסיווע מינים געווער, וועלכע מ׳האָט געברויכט אין יענער תקופה און אַ לאַנגע צייט נאָכדעם.

די אייגנאַרטיקע ג ר ו י ס ק יי ט פון מלך עוזיהו שטעקט אין דעם, וואָס ער האָט געוווּסט ווי אַזוי צו פאַראייניקן און צו קאָאָרדינירן קאָלאָני־זאַציע, אַנטוויקלונג און באַוואָסערונג — מיט מיליטער און קריגס־אַקטן. און עס איז קיין ווונדער ניט, וואָס די פולע געשיכטע פון זיין לעבן („און די איבעריקע רייד פון עוזיהו, די ערשטע און די לעצטע" (דברי הימים ב׳, כ״ו, כ״ב)) איז פאַרשריבן געוואָרן דורכן נביא ישעיהו בן אמוץ. אָבער דער דאָזיקער ספר, ווי אַ ל ע אַנדערע ספרים פון די מלכי יהודה און ישראל, האָט צו אונדז ניט דערגרייכט.

**
*

דער קלאסישער פאַל אין אונדזער געשיכטע פון קאָאָרדינירן די אַר־בעט און שוץ איז געשען בשעת דער ערשטער שיבת־ציון, אין די צייטן פון עזרא און נחמיה. די ערשטע רעפּאַטריאַנטן פון בבל האָבן געפונען „די מויער פון ירושלים אויפגעבראָכן און אירע טויערן פאַרברענט אין פייער" (נחמיה א׳, ג) און זיי זענען צוגעטראָטן, אונטער דער פירונג פון נחמיה בן חכליה, אויפצובויען די מויער און די טויערן פון דער הויפּט־שטאָט.

אָבער ווען די שונאים „סנבלט, און טוביה, און די אראבער, און די עמונים, און די אשדודים, האָבן געהערט אז די מויערן פון ירושלים ווערן פאַרריכט, האָבן זיי זייער געברענט, און זיי האָבן געמאַכט אַ בונט אַלע אינ־איינעם, צו קומען מלחמה האַלטן אויף ירושלים". און דאַן האָט נחמיה באַפוילן ווייטער צו בויען: „און די בויער זענען געווען אָנגעגורט איטלע־כער מיט זיין שווערד אויף זיינע לענדן און אַזוי האָבן זיי געבויט" — — און אַזוי דערציילט נחמיה אין זיינע זכרונות: „און עס איז געווען ווי אונ־דזערע פיינט האָבן געהערט, אַז מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז גאָט האָט פאַר־שטערט זייער עצה, אזוי האָבן מיר זיך אַלע אומגעקערט צו דער מויער איט־לעכער צו זיין אַרבעט. און עס איז געווען פון יענעם טאָג אָן האָבן העלפט פון מיינע יונגען געטאָן די אַרבעט, און העלפט פון זיי האָבן געהאַלטן די שפּיזן, די שילדן און די בויגנס, און די פּאַנצערס — — — און די וואָס האָבן געבויט די מויער און די לאַסטטרעגער לאָדנדיק האָבן מיט איין האַנט זייער געטאָן די אַרבעט און איינע האָט געהאַלטן דעם וואָפן. — — —

כדי זיי זאָלן אונדז זיין ביינאַכט פאַר אַ וואַך, און ביי טאָג פאַר אַרבעט. און ניט איך אָדער מיינע ברידער און מיינע יונגען און די וואכלייט וואָס היב־טער מיר, קיינער האָבן מיר ניט אויסגעטאָן אונדזערע קליידער" (נחמיה ד׳).

***

אויף אונדזער דור איז פונדאָסניי אַרויפגעלייגט געוואָרן די טאָפּלטע לאַסט פון די ערשטע שבי־ציון — און אין אַ פיל־פאַכיק גרעסערער מאָס. ניט נאָר די מ ו י ע ר פון ירושלים — נאָר די וויסטעניש פונעם לאַנד מוז אונדזער דור אויסבויען און באַפרוכפּערן. צענדליקער און הונדערטער טוי־זנטער רעפּאַטריאַנטן דאַרפן מיר לערנען האַלטן אַ ביקס און קענען אַ מלאכה — כדי עס זאָל אויפקומען אַ פאָלק, וואָס זאָל קענען באַפעלקערן זיין צערואינירט לאַנד און עס באַשיצן פון אַ שונא.

און די ראַם פון צבא הגנה לישראל וועט ניט קענען זיין נאָר אַ מילי־טערישע. דאָס וועט אויך זיין אַ ראַם פאַר אַ דערציאונג און אויפנעם; און אויך אַ ראַם פאַר קאָלאָניזאציע און בנין. אין דער ראַם פון מיליטער וועלן די יונגע עולים לערנען די שפּראַך און לאַנד־קענטעניש, און אין דער ראַם פון מיליטער וועט די יוגנט זיך לערנען צו באַלעבן די וויסטעניש און

אויפצושטעלן גרענעץ־ישובים און דעראָבערונגס־ווערק אין מדבר, אויפן ירושלימער קאָרידאָר, אין דער שפלה און אויף די בערג; אין ים־פלאָט און לופט־פלאָט וועט מען זיך לערנען באַהערשן די נאַטור־כוחות אויפן ים און אין דער לופט.

**
*

נישט אַלע עולים וועלן אײַנגעשלאָסן ווערן אין די ראַמען פון מיליטער. אויך די צ י וו י ל ע באַפעלקערונג איז ניט פטור פון דער צענטראַלער אויפגאַבע פון אונדזער דור — די מאַטעריעלע און גייסטיקע קליטה פון די עולים. אַלע אָרגאַנען אין ישוב — אין שטאַט און אין דאָרף: קיבוצים, מושבים, מושבות, קאָאָפּעראַטיוון, האַנדלס־געזעלשאַפטן, אַרבעטער ־ אָרגאַניזאַציעס, האַנדווערקער־פאַרבאַנדן, פאַראייניקונגען פון לאַנדווירטן און פאַבריקאַנטן, פאַרבאַנדן פון פרייע פּראָפעסיעס, מוניציפּאַליטעטן און לאָקאַלע ראַטן, און יעדער מאַן און פרוי אין ישוב — דער אַרבעטער, באַאַמטער, מעדיקער, לערער, שריפטשטעלער, אונטערנעמער, הויזווירט און פאַבריקאַנט, סוחר אוןווירטשאַפטס־לייטער — אַלע, אַלע ווערן אויפגעפאָדערט אויסצושטרעקן אַ טרייע ברודער־האַנט כדי אויפצונעמען די עולים, זיי אײַנסטרואירן, דערציען, אײַנאָרדענען און פאַרוואָרצלען זיי אינעם לאַנד. די דאָזיקע אָנשטרענגונגען וועלן זיך פאָדערן פון אונדז ניט איין יאָר און ניט צוויי יאָר, נאָר אַ לאַנגע־לאַנגע צייט, אומדערמידלעך און אין אַ וואַקסנדיקער שפּאַנונג. דאָס איז די ה ע כ ס ט ע מיסיע אין אונדזער תקופה.

אינעם שמעלץ־טאָפּ פון יידישער ברודערלעכקייט און מיליטערישער דיסציפּלין וועט אויסגעלייטערט ווערן דער מענטשן־מישמאַש פון די גלותן, וועט אויסגערייניקט ווערן דער פרעמדער שעדלעכער אָנוווקס, וועלן אָפּגעשאַפן ווערן די מחיצות צווישן די באַזונדערע עדהס, וועט אויסגעהאַמערט ווערן די אמתע אחדות פון אַן אומה, וואָס באַנייט איר יוגנט, וואָס זויגט פון אַן אוראַלטן עבר, רייך אין געשעעניש און גרויס אין קאַמף; אַן אומה, וואָס ווערט אויפגעבויט און דערהויבן דורך פרייער חלוצישער אַרבעט, באַזעלט מיט גייסט און גבורה, מוט און קראַפט; אַן אומה, באַהאַפטן מיטן אידעאַל פון אחרית הימים, וואָס די צייט פון זיין פאַרווירקלעכונג איז געקומען.

י״מ ניסן תש״י — 6.4.1950.

# אַנשטאָט אַ סך־הכל

די געשיכטע פון דער הגנה, וואָס ווערט דערציילט אין דעם דאָזיקן בוך*) איז באַשרענקט אין רוים און אין צייט. דאָ ווערט ניט דערציילט די געשיכטע פון דער הגנה אין לאַנד בכלל, נאָר בלויז אין איין ראַיאָן: תל־אביב און איר אומגעגנט. און דאָ איז ניט די געשיכטע פון דער הגנה פון זינט איר אַנטשטייאונג — פון די טעג פון תל־חי און ווייטער, נאָר פון אַ קורצן פּעריאָד — פינף אַ האַלבע חדשים: פון סוף נאָוועמבער 1947 ביז צום 14טן מאַי 1948, — פון צומאָרגנס פון באַשלוס פון „און"־פּלענום וועגן דער אויפשטעלונג פון אַ יידישער מדינה און ביז צום טאָג פון פּראָקלאַמירן די מדינה.

אָבער פון דעם גורל פון דער הגנה אין דעם דאָזיקן באַגרענעצטן געביט און אין דעם דאָזיקן קורצן צייט־אָפּשניט איז געווען אָפּהענגיק דער גורל פון דעם יידישן ישוב. דער ראַיאָן פון תל־אביב האָט געדינט ווי אַ צענטער פון דעם יידישן כוח אין לאַנד. דער תל־אביבער מענטשן־מאַטעריאַל האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן ניט נאָר תל־אביב און איר אומגעגנט, נאָר אַלע טיילן פון לאַנד. און די תל־אביבער יוגנט איז געשיקט געוואָרן אין יענע טעג צו די דערפער פון גליל, די וויסטענישן פון דעם נגב און די בערג פון ירושלים — די סאַמע עמפּפינדלעכסטע, געפערלעכסטע פּלעצער. עס איז אוממעגלעך געווען אויפצוהאַלטן די קאָמוניקאַציע און פאַרטיידיקן די איזאָלירטע פּונקטן אין דעם גליל העליון און די אומגעהויערע שטחים פון דעם דרום אָן דעם מענטשן־מאַטעריאַל פון תל־אביב, — און די באַשיצונג פון תל־אביב האָט באַטייט — באַשיצן דעם ישוב און דאָס לאַנד. דער פּעריאָד וועלכן עס באַהאַנדלט דאָס דאָזיקע בוך, איז געווען אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד פון פרעמדער מאַכט צו יידישער זעלבשטענדיקייט, פון אונטערגרונט־הגנה צו צבא־הגנה־לישראל, און פון פאַרטיידיקן זיך קעגן באַנדעס — צו קריג מיט רעגולערע אַרמייען. די געשעענישן — פּאָליטישע און מיליטערישע — וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט נאָך דעם 14טן מאַי 1948, זענען געווען מער דראַמאַטישע און רייכער אין רעזולטאַטן ווי די הגנה־אַקציעס אין די פינף און אַ האַלבע חדשים פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה; מיר וואָלטן אָבער ניט צוגעקומען צו דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה און צו דער אויפשטעלונג פון צבא־הגנה־לישראל, ווען ניט דאָס, וואָס די הגנה — אין באַדינגונגען פון אונטערגרונט און קעגנאיבער אַ פרעמדער און מערסטנטיילס פיינטלעכער מאַכט — האָט באַוויזן פעסט צו האַלטן דעם פראָנט און אין דעם סאַמע גאַנג פון פאַרטיידיקונג, זאַמלען נייע כוחות,

---

*) פאַרוואָרט צום בוך „ממאורעות למלחמה" פון י. אוליצקי.

אויסשטאַטן זיי, אויסשולן און צוגרייטן זיי צום אַנטשיידנדיקן היסטאָרישן געראַנגל — די פאַרמעסטונג קעגן די אַראַבישע אַרמייען.

די מעכטיקע אַקציעס פון צבא־הגנה־לישראל נאָך דער אינוואזיע, האָבן ווי פאַרטונקלט די הגנה־אויפטוען פון פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה — און דאָס איז פאַרשטענדלעך. די וועלט־געשיכטע ווייס ניט פון אַ סך ביישפּילן פון קאַמפן פון ווייניקע קעגן פיל, ווי דער קאַמף פון דער יונגער מדינת־ישראל. די 61 טעג פון שלאַכטן צווישן צבא־הגנה־לישראל און די אַראַבישע אַרמייען (די ערשטע צוויי אַקציעס אין פאַרלויף פון 37 טעג, פון דעם 14טן מאַי ביזן 11טן יוני און פון דעם 9טן יולי ביזן 18טן יולי — קעגן אַלע אַראַבישע אַרמייען צוזאַמען, — אין צפון, מזרח און דרום. — די לעצטע דריי אַקציעס, אין משך פון 24 טעג, קעגן איינצלנע שונאים: צוויי מאָל קעגן דעם מצרישן מיליטער — די דרום־אַקציע, פון דעם 15טן ביזן 22סטן אָקטאָבער, און די נגב־אַקציע פון דעם 23סטן דעצעמבער ביזן 7טן יאַנואַר; און איין מאָל, פון דעם 22סטן אָקטאָבער ביזן 31סטן אָקטאָבער — קעגן קאַוקאַדזשי, אין גליל) האָבן געענדערט דעם גורל פון לאַנד, און ניט אין אַ קליינער מאָס — דעם גורל פון דעם גאַנצן נאָענטן מזרח; זיי האָבן אויסגעברייטערט די גרענעצן פון מדינת־ישראל אין צפון, מזרח און דרום; זיי האָבן אונדז געגעבן אַן אויסגאַנג צום ים־סוף און האָבן פאַרזיכערט און פאַרפעסטיקט אונדזער צוטריט צו ירושלים. מיט אייניקע אייגנשאַפטן, אָבער פאַלט ניט אַראָפּ די האַלטונג פון דער הגנה אין משך פון די 5 און אַ האַלבן חדשים פון פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה, אַנטקעגן די אַקציעס פון צבא־הגנה־לישראל: מיט גבורה, איבערגעגעבנקייט און פרייוויליקייט. אין דער געשיכטע פון דער הגנה, פון זינט די תל־חי־טעג, זענען אַריינגעשריבן געוואָרן אַ סך גבורה־קאַפּיטלען וואָס וועלן אויף אייביק פאַרבלייבן אין זכרון פון דעם יידישן פאָלק: אין די יאָרן 1920, 1929, 1936—8; און אין די טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָבער קיינמאָל האָט זיך פון דער הגנה ניט געפאָדערט אַזאַ הויכע, געשפּאַנטע אָנשטרענגונג, ווי אין דעם פּעריאָד פון איבערגאַנג פון דער מאַנדאַט־מאַכט צו דער יידישער מדינה, און קיינמאָל האָט אַזוי ניט געגלאַנצט די גבורה פון דער הגנה און איר אויסטערלישע אָרגאַניזירטקייט, ווי אין די דאָזיקע טעג פון אַנטשיידונג.

ניט פאַרמינערנדיק מיט גאָרניט דעם היסטאָרישן, פּאָליטישן און מיליטערישן ווערט פון די אָפּעראַציעס פון צבא־הגנה־לישראל אין די 61 טעג פון זייער מעכטיקע טאַטן, שיינט מיר, אַז אונדזערע זיכערקייטס־כוחות האָבן דערגרייכט דעם שפּיץ פון זייער מאָראַלישער העלדישקייט דווקא אין די 5 אַ האַלבן חדשים פון פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה און צבא־הגנה־לישראל. יעדער איינער וואָס וויל באַגרייפן דעם „נס" פון דער מדינה, וואָס איז אַנטשטאַנען אין פלאַם־פייער און אין שטורעם פון שלאַכטן, אין דעם פּאָליטישן און אַדמיניסטראַטיוון תוהו־ובוהו וואָס די מאַנדאַט - רעגי־

דרונג האָט אונדז איבערגעלאָזן, ווען דער גאַנצער יידישער ישוב איז געווען אויסגעשטעלט אויף הונגער, שווערד און באָמבארדירונגען — וועט גאָרניט פאַרשטיין, אויב ער וועט ניט קענען לערנען דעם קוואַל פון וועלכן דער יידישער ישוב האָט געשעפּט זיין העלדישקייט און פעסטקייט אין די גרויסע און ביטערע טעג פון „ערב מדינה" — די אומלעגאַלע הגנה, וואָס האָט צו־געגרייט די האַלטונג פון ישוב אין די גורל־טעג פון נסיון און האָט אָנגעזאָגט די בשורה פון דער אנטשטייאונג פון צבא־הגנה־לישראל וואָס האָט געבראַכט דעם פאָלק זעלבשטענדיקייט און כבוד.

די גאַנצע וועלט איז געווען איבערגעראַשט און באַצויבערט פון דער האַלטונג פון דער יינגסטער אַרמיי אין דער וועלט וואָס איז אַנטשטאַנען ווי איבערנאַכט, — איר האַלטונג קעגנאיבער דער אינוואַזיע פון רעגולערע אַרמייען פון זעקס אַראַבישע מדינות און אירע גלענצנדיקע דעראָבערונגען אין דעם טאָל פון ברעג ים, אין די צוגאַנגען פון ירושלים, אין די וויסטע־נישן פון דעם נגב און אין די בערג פון גליל. די מעשים פון דער דאָזיקער יונגער אַרמיי וועלן זיכער פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער מיליטערי־שער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט, און וועלן זיך אָנשליסן אָן די פּראַכטפולע קאַפּיטלען פון דער יידישער געשיכטע. אָבער דאָס דאָזיקע מיליטער איז ניט אַראָפּגעפאַלן פון הימל, נאָר איז אַרויסגעוואַקסן פון די הגנה־כוחות וואָס האָבן זיך אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן געגרייט און זענען געשטאַנען אין אַ פייער און בלוט־פּראָבע, און וואָס אין די לעצטע חדשים פון דער מאַנדאַט־מאַכט האָבן זיי מכשיר געווען, זיך און דעם ישוב, צו דער גרויסער רעוואָלוציע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט דעם 14טן מאַי.

די הגנה האָט ניט פאַרמאָגט די מיטלען וועלכע זענען שפּעטער גע־געבן געוואָרן דער צבא־הגנה־לישראל. ביז צו די לעצטע 5—6 וואָכן פון דער מאַנדאַט־מאַכט האָט די הגנה ניט געהאַט קיין איינציקן האַרמאַט. דער ים איז געווען אונטער אַן עפעקטיווער בלאָקאַדע פון דעם בריטישן פלאָט און צעשטערער־שיפן פון דער מאַנדאַט־רעגירונג האָבן אומאויפהערלעך פּאַטרולירט די ברעגן פון תל־אביב און חיפה. ווען עס האָבן זיך סוף נאָ־וועמבער אָנגעהויבן די געשעענישן, זענען געווען אין לאַנד — לויט ווי עס האָט מיר געזאָגט דער הויך־קאָמיסאַר — ניט ווייניקער ווי פינף און זיבע־ציק טויזנט בריטישע סאָלדאַטן אויסגעשטאַטעט און באַוואָפנט אויפן בעסטן אופן — אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט; אויסער דעם זענען נאָך געווען טויזנטער בריטישע און אַראַבישע פּאָליציאַנטן, און דערצו נאָך אַ גרענעץ־וואַך, וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז אַראַבער, און דאָס אַלץ אויסער דעם אַראַבישן לעגיאָן וואָס איז אין זיין גרעסטן טייל געווען לאָ־קירט אין לאַנד.

אין דער צייט וואָס די רעגירונג האָט פאַרמאַכט די אויגן אויף דער אינוואַזיע פון באַוואָפנטע באַנדעס פון סיריע און איראַק, — און דער הויך־

קאָמיסאר האָט מיר דערקלערט, אַז „ער איז ניט אין דער לאַגע" צו פאַר־שטעלן דעם וועג פאַר די אַראַבישע באַנדעס, — זענען די אויגן פון דער פּאָליציי און פון דער אַרמיי געווען אָפן און האָבן געזוכט „דאָס אומלעגאַלע געווער" פון דער יידישער זעלבסטשוץ. אין יענע טעג איז געווען כמעט אויסגעשלאָסן ניט נאָר צו ברענגען דורך קאָנטראַבאַנדע געווער פאַר דער הגנה פון אויסלאַנד, נאָר אויך דאָס איבערפירן געווער פון איין פונקט צו דעם אַנדערן איז געווען פאַרבונדן מיט אומגעהויערע שוועריקייטן און מיט געפאַר. און עס האָט זיך געפאָדערט דערצו גרענעצלאָזע מסירת־נפש מצד אַלע די וואָס האָבן געהאַט דערמיט אַ שייכות: די ארבעטער פון די געווער־וואַרשטאַטן, די מאַגאַזינערן, די שאָפערן און די חברים פון דער הגנה, באַ־זונדערס — חברות פון דער הגנה וואָס פלעגן איינשטעלן זייער לעבן ביים איבערפירן געווער פון די באַהעלטענישן צו די באַשטימונגס־פּלעצער.

די הגנה האָט געהאַט אַ פאַראָרדענונג זיך אָפּצוהאַלטן פון צו פאַרפּלאָנ־טערן מיטן בריטישן מיליטער, ווייל עס איז געווען קלאָר אַז די העכסטע פּראָבע וועט ערשט קומען נאָכן ליקווידירן דעם מאַנדאַט — ווען מיר וועלן געשטעלט ווערן דירעקט קעגן דער אינוואַזיע פון די אראבישע אַרמייען. די הגנה איז אויך געווען פאַרפליכטעט אָפּצוהאַלטן זיך — ווי ווייט מעגלעך — פון פאַנאַנדערצובלאָזן דאָס פייער. מיר האָבן געדאַרפט געווינען צייט און גרייטן זיך צום אַנטשיידנדיקן פאַרמעסט. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס מיר זענען געווען אַ מינדערהייט אַפילו אין פאַרגלייך מיט די אַראַ־בער פון ארץ ישראל אַליין, איז אַפילו אויף קיין רגע נישט געווען קיין ספק, אַז אויב מיר וועלן בלייבן פּנים אל פּנים נאָר מיט די אראבער פון ארץ־ישראל — איז ניטאָ קיין מורא און קיין געפאַר פאַר אונדזער עקסיסטענץ.

און הגם די הגנה איז געבליבן טריי צו איר טראַדיציע — ניט אָנצו־גרייפן און ניט צו פאַרטשעפּען, ווייל זי האָט באַדינט אַ ישוב וואָס האָט שטענדיק געשטרעבט צו שלום און געזוכט צוזאַמענאַרבעט מיט זיינע שכנים — איז די הגנה, נאָך אויך פאַר דער אַנטשטייאונג פון צבא־הגנה־לישראל, ניט געגאַנגען אין דעם וועג פון דעפענסיווע — אין פאַל ווען עס איז איר אויפגעצוווּנגען געוואָרן אַ קאַמף, נאָר זי פלעגט שטורעמען די צענטרען פון די באַנדעס, כדי זיי צוצעשטערן און פאַרניכטן; דערביי פלעגט די הגנה געגנוי אונטערשיידן צווישן רואיקע און פאַסיווע אַראַבישע ישובים און צווישן אַגרעסיווע אָדער אַזעלכע וואָס פלעגן מיטאַרבעטן מיט די באַנדעס.

דער אָנגריף אויפן ישוב אין פאַרלויף פון די 5½ חדשים פון פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה, איז ניט געקומען אומדערוואַרטעט און די הגנה איז געווען גרייט דערצו; זי האָט אויך געהאַט אַ פאַרטיקן טעטיקייט־פּלאַן, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן לאַנג פאַרן אויסברוך פון די „געש־עענישן". דאָס איז ניט געווען דער פּלאַן לויט וועלכן עס האָט געהאַנדלט צבא־הגנה־לישראל. די אינוואַזיע פון די רעגולערע ארמייען פון די אראבישע

לענדער האָט נאַטירלעך פאַרפליכטעט צו אַ גאַנץ אַנדער פלאַן, — אַזאַ, וואָס די הגנה וואָלט ניט געקענט רעאַליזירן; עס האָבן זיך אויך געפאָדערט אַנדערע מלחמה־כלים, וואָס זענען ניט געווען און האָבן ניט געקענט זיין אין די הענט פון דער הגנה כל־זמן דאָ האָט זיך געפונען אַ פרעמדע מאַכט. אָבער נאָך לאַנג פאַר די געשעענישן האָט די הגנה אויסגעאַרבעט אַ טעטי־קייט־פלאַן, וואָס האָט זיך אונטערשיידט פון די הגנה־פלענער פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, — אַ פלאַן, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די באַדינגונ־גען און די ווירקלעכקייט פון דעצעמבער 1947 — מאַי 1948, דאָס הייסט — דאָס לעצטע האַלבע יאָר פון דער מאַנדאַט־מאַכט. דער עיקר אונטער־שייד צווישן דעם דאָזיקן פלאַן און די אַלע פריערדיקע פלענער איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס דאָסמאָל איז לגמרי פון חשבון אויסגעשלאָסן געוואָרן די מאַכט, ווי אַ כוח וואָס איז באַרופן צו שיצן דעם יידישן ישוב. — פון יאָר 1920 ביז צו 1938 האָט זיך דער שוץ פון דעם ישוב באַזירט אויף דער הנחה, דאָס די אַדמי־ניסטראַציע פון לאַנד איז פאַרפליכטעט צו זאָרגן פאַר דער זיכערקייט און צו שיצן דעם ישוב אַנטקעגן אַראַבישע אָנפאַלן, — מערניסט די יידישע ישובים דאַרפן זיך קענען אַליין פאַרטיידיקן ביז עס וועט אָנקומען די הילף פון דער רעגירונג. אָבער דער לעצטער פלאַן פון דער הגנה, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אין דער צייט פון דעם ווייסן בוך, האָט אינגאַנצן אויס־געשלאָסן עווענטועלע הילף מצד דער רעגירונג. דער רעגירונגס־פאַקטאָר האָט געשיינט אין בעסטן פאַל צו זיין נייטראַל אויב ניט פיינטלעך און שטערעריש. דער „פלאַן" האָט אויך פאָראויס אָנגענומען, אַז דער ישוב איז עלול אָנגעגריפן צו ווערן ניט נאָר דורך די אַראַבער פון ארץ ישראל נאָר אויך דורך פרעמדע באַנדעס וואָס וועלן אַריינדרינגען פון די שכנותדיקע לענדער מיטנעמענדיק פון דאָרטן אויסשטאַטונג און געווער. דער פראַקטי־שער הויפּט־אויספיר פון דער נייער הנחה איז געווען דאָס, וואָס עס גענוגט ניט צו פאַרזיכערן לאָקאַלן שוץ פאַר יעדן איינציקן „פונקט" — אין דאַרף און אין שטאָט — נאָר מען דאַרף אויך פאַרזיכערן די קאָמוניקאַציע צווישן די ישובים, די עלעקטרע־ליניעס, דאָס וואַסער און די עקאָנאָמישע מקורות פון דעם יידישן ישוב, דאָס הייסט — ניט נאָר לאָקאַלע פאַרטיידיקונג נאָר פאַרטיידיקונג פון גאַנצע געביטן.

אויף אַזאַ אופן איז דאָס לאַנד פאַרטיילט געוואָרן אויף גרעסערע און קלענערע און נאָך קלענערע געביטן (גליל, נפה, איזור), ווי טעריטאָריעלע הגנה־איינהייטן און אויך די הגנה־מיטגלידער (דער מענטשן־מאַטעריאַל) איז פאַרטיילט געוואָרן, לויט דעם עלטער און אויסשולונג, אין 1) וואַך־חיל (חיל־משמר: חי"ם), אין דער עלטער פון 26 ביז 40 יאָר און נאָך על־טער, פאַר לאָקאַלער, סטאַטישער פאַרטיידיקונג, און 2) פעלד־חיל (חיל־שדה: חי"ש), אין אַ ייִנגערן עלטער, פאַר טעריטאָריאַלער פאַרטיידיקונג. צו

די צוויי זענען צוגעקומען די שטורעם־אַפּטיילונגען (פּלמ״ח) — דער איינציקער מאָביליזירטער כוח, וואָס איז געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון דער הגנה טאָג און נאַכט, אויף דעם ערשטן רוף. זיינע מענטשן האָבן באַקומען די סאַמע בעסטע אויסבילדונג וועלכע איז נאָר מעגלעך געווען פאַר דער אַנטשטייאונג פון צבא־הגנה־לישראל.

די ערשטע אויפגאַבע פון דער הגנה איז געווען — זיכערקייט פאַר יעדן יידישן ישוב און פאַר די קאָמוניקאַציע־וועגן פון דעם ישוב; אָבער אין די אינטערעסן פון דער זיכערקייט פון דעם ישוב האָט זיך די הגנה ניט באַנוגנט מיט דעפענסיווע מיטלען. דער כוח פון דער הגנה, און באַזונדערס חי״ש און פּלמ״ח, איז געווען איינגעשטעלט אויף אָפענסיווע־האַנדלונגען קעגן די צענטערן פון די באַנדעס אין דאָרף און אין שטאָט; און אין אַ ריי פון אַזעלכע אַקציעס וואָס זענען אונטערגענומען געוואָרן נאָך פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן דער קריגס־גייסט, דער גייסט וואָס האָט שפּעטער באַזעלט דער צבא־הגנה־לישראל און האָט איר געבראַכט די נצחונות און די דעראָבערונגען.

אין די דאָזיקע אָפענסיווע אָפּעראַציעס איז דורכגעריסן געוואָרן דער וועג קיין ירושלים (אָפּעראַציע „נחשון״) — אין אָנהויב אַפּריל, עס איז איינגענומען געוואָרן כמעט גאַנץ ניי־ירושלים, עס זענען באַזיגט געוואָרן די באַנדעס אין חיפה, יפו, טבריה און צפת. און די הגנה האָט באַהערשט די דאָזיקע צענטערן נאָך איידער די מאַנדאַט־רעגירונג האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. די באַמיאונגען פון דער הגנה — וואָס האָבן געפאָדערט אַ סך פאַרשטאַנד און איינגעהאַלטנקייט — אָפּצוהאַלטן זיך פון סכסוכים מיטן בריטישן מיליטער זענען געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג דורך די דאָזיקע דעראָבערונגען.

די אויפגאַבע וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער הגנה אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד צווישן דעם 30טן נאָוועמבער 1947 און דעם 14טן מאַי 1948 איז פולשטענדיק אויסגעפירט געוואָרן: אַלע יידישע פונקטן זענען פאַרבליבן אין אונדזערע הענט ביז צו אַ טאָג אָדער צוויי פאַר דער אינוואַזיע פון די אַראַבישע אַרמייען; די יידישע קאָמוניקאַציע איז ניט איבערגעריסן געוואָרן הגם זי איז ערנסט געשטערט געוואָרן — ניט קוקנדיק אויף די אויסדריקלעכע צוזאָגן פון דער רעגירונג, אַז כל־זמן די ענגלענדער זענען אין לאַנד וועט אָפּגעהיט ווערן די זיכערקייט אויף די וועגן. נאָך אין די ערשטע חדשים פון די „געשעענישן״ זענען הגנה־כוחות אַריינגעדרונגען אין אַגרעסיווע אַראַבישע ישובים, — צווישן זיי אויך דער־פער וואָס געפינען זיך ווייט פון יידישע ישובים. פון ירושלים, יפו און חיפה האָבן די אַראַבער אָנגעהויבן צו אַנטלויפן באַלד אין אָנהויב פון די געשעענישן, — אין די ערשטע טעג פון דעצעמבער. וואָס שטאַרקער די געשעענישן אַלץ מער אַראַבער זענען אַנטלאָפן; עס זענען געלאָפן אויך

בעדואינער און פעלאכן, און דאָס אין אַ צייט וואָס קיין שום יידישער ישוב איז ניט פאַרלאָזט געוואָרן, אַפילו ניט קיין איזאָלירטע און ווייט־ליגנדיקע פונקטן. און טראָץ דער פיינטלעכער פּאָליטיק און פּראַקטיק פון דער זיך צע־פאַלנדיקער מאַכט, איז דער ישוב בשלום דערגאַנגען צום גרויסן און אַנטשיי־דנדיקן טאָג אין דער יידישער געשיכטע: צום 14טן מאַי 1948. נאָך מער: דער ישוב איז אַריין אין דער יידישער מדינה מיט אַ צוגאָב: חיפה, יפו, טבריה און די נייע ירושלים, — זיי אַלע אין יידישע הענט. **ד אָ ס א י ז ג ע װ ע ן ד י אַ ר ב ע ט פ ו ן ד ע ר ה ג נ ה.**

ווי אַזוי און מיט וואָס האָט זיך די הגנה געהאַלטן אין דעם דאָזיקן גורלדיקן פעריאָד?

ביז צום אויסברוך פון די געשעענישן האָט די הגנה געהאַט בלויז ביקסן, האַלב־אויטאָמאַטן, אויטאָמאַטן, קוילנוואַרפער, הויביצעס פון 2 אינטש און פון 3 אינטש, רעוואָלווערן, גראַנאַטן און מאָלאָטאָוו־פלעשער. דאָס דאָזיקע־געווער איז געווען פאַרטיילט אין די פונקטן — פאַר לאָקאַלער פאַרטיידיקונג; אין די ראַיאָנען — פאַר חי״ש; פאַר באַוועגלעכער פאַרטיי־דיקונג — פלמ״ח; אין די שטעט — פאַר כלערליי באַדערפענישן; אין צענטער — פאַר לאַנד־באַדערפענישן.

מיט דעם דאָזיקן קנאַפּן געווער איז נאָך אויך שווער געווען צו באַנוצן זיך, ווייל מען פלעגט אים מוזן האַלטן אין שטרענג־מאַסקירטע באַהעלטע־נישן; עפענען אַזאַ באַהעלטעניש איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות, פונקט ווי עס איז געווען געפערלעך איבערצופירן דאָס געווער פון איין אָרט צום אַנדערן. די געווער־זוכונגען אויף די וועגן — וואָס פלעגן געמאַכט ווערן אין קעגנזאַץ צו די הבטחות וועלכע זענען געגעבן געוואָרן דער יידי־ש?ער אַגענץ — האָבן געשטעלט אונטער אַ שווערער געפאַר דעם יידישן טראַנספּאָרט פון וועלכן עס איז געווען אָפּהענגיק די עקסיסטענץ פון דעם ישוב. עס זענען געווען ניט ווייניק פאַלן ווען די בריטישע פּאָליציי פלעגט זיך שטעלן אָפן אויף דער זייט פון די אַראַבישע פּאַגראָממשטשיקעס און פלעגט דירעקט שטערן דער הגנה.

פרעגט זיך: ווי אַזוי־זשע האָט זיך די הגנה געהאַלטן? דער ענטפער איז: **מ י ט ק ר ב נ ו ת ־ ג ר י י ט ק י י ט , א י ב ע ר ג ע ג ע ב נ ־ ק יי ט א ו ן ג ב ו ר ה** פון טויזנטער חברים און חברות. קרבנות־גרייטקייט און איבערגעגעבנקייט אָן אַ גרענעץ און אָן קיין שום אָפּצאָל — נישט מאַטעריעלער שכר און נישט אַ פּרעמיע פון לויב אָדער ראַנג. אויסער אַ קליינעם אַפּאַראַט וואָס האָט געאַרבעט אויף געהאַלט, זענען אַלע הגנה־מיטגלידער געווען טעטיק ווי פרייוויליקע; זיי האָבן עס געטאָן באַשיידן, אין הייליקער אַנאָנימקייט, וואָס ווייס ניט פון קיין לויב־געזאַנגען, אויסצייכענונגען, פּובליקאַציעס, ערן־טיטלען, געזעלשאַפטלעכע דאַנקבאַרקייט; זיי האָבן עס געטאָן, דערפילנדיק אָן אינערלעכע געוויסן־

פליכט, אַ הייליקער פליכט, פאַר וועלכן אַ מענטש גיט אַפּ זיין לעבן פשוט און צניעותדיק, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי אַ נאַטירלעכער עק־סיסטענץ־געבאָט וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט סאַטיספאַקציע און וואָרט ניט אויף קיין אָפּצאָל — ניט קיין מאַטעריעלן און ניט קיין גייסטיקן. דאָס איז געווען די ספּעציפישקייט און דער כוח, דער יסוד פון דער גבורה און פון די נצחונות פון דער הגנה: פ ר י י וו י ל י ק ײ ט — ט ר י י ב י ז צ ו ם ס ו ף — אָ ן א ת נ א י, אָ ן א נ ט ש ע ד י ־ ק ו נ ג א ו ן אָ ן אַ פּ ר י י ז.

די אָרגאַניזאַציע פון דער הגנה איז געווען אַ בונד פון פרייוויליקע וואָס האָבן זיך פאַרבונדן מיט זייער אויפגאַבע אויף לעבן און טויט, זענען געשטאַנען אויף דער וואַך טאָג און נאַכט, אין דאָרף און אין שטאָט; און צום דאָזיקן בונד האָבן אויך געהערט זעכצניאָריקע ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן געדינט, ווי לויפער און פאַרבינדער; צו אים האָבן אויך געהערט מענטשן אין עלטער פון 50 און העכער, וואָס פלעגן שטיין אין דער פייער־ליניע — אומדערמידלעך און אומאויפהערלעך.

צבא הגנה לישראל, וואָס איז געווען טעטיק ניט אין באַדינגונגען פון אונטערגרונט און וואָס הינטער אים איז געשטאַנען אַן אָנערקענטע און מעך־וויניקער אָרגאַניזירטע רעגירונג, האָט איבערגעשטיגן די הגנה מיט אויס־בילדונג, אויסשטאַטונג, אָרגאַניזאַציע און פיזישער און מאַטעריעלער ווירק־זאַמקייט. אָבער אַפילו צבא הגנה לישראל, און קיין שום אַנדער אַרמיי אין דער וועלט, האָט ניט איבערגעשטיגן די הגנה מיט קרבנות־גרייטקייט און איבערגעגעבנקייט. און דעם דאָזיקן גרויסן פאַרמעגן, וואָס די הגנה האָט אונדז איבערגעלאָזן, דאַרף מען אָפּהיטן ניט נאָר ווי אַ טייערן אָנדענק פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך ווי אַ שטענדיקן דערציערישן ווערט, אַ זעל־טענעם, אומשאַצבאַרן, רעזולטאַטפולן ווערט.ביים ליכט פון דעם דאָזיקן ווערט דאַרף מען דערציען די יוגנט, דאָס פאָלק און צבא הגנה לישראל. — דאָס איז דאָס פאַרמעגן פון פרייוויליקייט, פון איבערגעגעבענער טריישאַפט צום זיכערקייטס־דינסט און צום אויפבוי פונעם פאָטערלאַנד.

נאָכן אויפשטעלן די מדינה האָבן מיר געשאַפן נייע אינסטרומענטן און אָרגאַנען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אונדזער גאולה־אידעאַל, אָבער די דאָזיקע אינסטרומענטן וועלן ניט האָבן קיין ווערט אויב מיר וועלן ניט אויפ־האַלטן און פאַרטיפן די חלוצישע פרייוויליקייט — די נשמה פון דער הגנה.

און די חברים פון דער הגנה — אויך די, וואָס צוליב פאַרשיידענע אומשטענדן קענען זיי מער ניט דינען אין די זיכערקייטס־אָרגאַנען פון דער מדינה — וועלן פון איצט אָן האָבן אַ וויכטיקע באַשטימונג: לאָזן דעם הגנה־גייסט ווירקן אין אַלע אונטערנעמונגען פון דער מדינה און איינפירן די אייגנשאַפטן פון פרייוויליקייט — אין דער יוגנט, אין פאָלק, אין צבא הגנה לישראל.

# די „נחשון"־אָפּעראַציע

אין דער ערשטער עפּאָכע, פון דעצעמבער ביז סוף מערץ — האָבן מיר זיך באַגרענעצט אויף פאַרטיידיקונג; און נאָר ווען מען האָט אונדז אַטאַ־קירט און אויפן אָרט ווו מען האָט אונדז אַטאַקירט — האָבן מיר זיך פאַר־טיידיקט; און מיר האָבן געמאַכט בכוונהדיקע אָנשטרענגונגען, סיי מיליטערי־שע, סיי פּאָליטישע, צו באַגרענעצן דעם בלוטיקן קאָנפליקט, אין דער מאָס וואָס דאָס איז געווען אָפּהענגיק פון אונדז, לויט מעגלעכקייט אין שטח, אין צייט און אויף באַשטימטע קרייזן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. מיר האָבן דאָס געטאָן, ווייל מיר האָבן נויטיק געהאַט צייט זיך צוצוגרייטן; צו מאָביליזירן מענטשן, זיי צו באַוואָפּענען און אויסצובילדן. מיר האָבן גע־ווּסט פון אָנהויב אָן, און נאָך לאַנג איידער עס זענען אויסגעבראָכן די גע־שעענישן, אַז מיר וועלן אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר אַ מיליטערישן צוזאַ־מענשטויס מיט די אַראַבישע מדינות און עס איז קלאָר געווען, אַז עס וועט זיך פון אונדז פאָדערן די העכסטע אָנשטרענגונג צו קענען אויסהאַלטן אויף אָט־דעם פראָנט. אָבער אַ פאָלק מאַכט ניט קיין העכסטע אָנשטרענגונג ביז עס דערפילט ניט די סכנה, ביז די געפאַר ווערט ניט ממשותדיק און בולט. ניט דער ישוב און ניט די ציוניסטישע באַוועגונג האָבן זיך אין משך פון אַ לאַנגער צייט אָפּגעגעבן רעכענונג וועגן דער געפאַר, ניט קוקנדיק אויף די פיל וואָרנונגען וואָס מען האָט געהערט דאָ און דאָרטן. אויף דער זיצונג פון דער הנהלה וואָס איז פאָרגעקומען אין פּאַריז זומער 1946, אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע פונעם 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט דערנאָך, און ביי אַנדערע געלעגנהייטן האָב איך געוואָרנט פאַר דער סכנה, אַז די אַרמייען פון די אַראַבישע מדינות וועלן אָנגרייפן דעם ישוב און וועלן פּרוּוון אים אויסצורייסן מיט וואָרצל. אָבער ביז די געשעענישן זענען אויסגעבראָכן אין אָנהויב דעצעמבער 1947, האָט כמעט קיינער זיך ניט איינגעהערט — און עס איז געווען אוממעגלעך צו באַקומען די באַדייטנדיקע מיטלען וואָס זענען נויטיק געווען פאַר דער מאָביליזאַציע פון כוחות אין אַ צוגעפּאַסטער מאָס, פאַר זייער אויסשטאַטונג און אויס־

---

פון אַ רעדע אויף אַ כינוס פון רעפערענטן, דעם 7טן נאָוועמבער 1948.

בילדונג. און אין אָנהויב פונעם גערָאנגל זענען מיר געווען געצוווּנגען צו געווינען צייט, בכדי זיך צו גרייטן פאַרן טאָג ווען מיר וועלן זיין ווי געהער־ריק אויסגעשטאַטעט און מיר וועלן קענען נעמען די איניציאַטיוו אין אונדזערע הענט. דערווייל האָבן מיר זיך באַגנוגנט בלויז מיט דער פאַר־טיידיקונג.

כמעט פון דער ערשטער מינוט אָן איז ירושלים אָוועקגעשטעלט געו־וואָרן אינעם צענטער פונעם פראָנט, און דאָס ציט זיך אַזוי ביז צום היינטיקן טאָג. דירעקט און אומדירעקט איז ירושלים געווען דער הויפּט־ציל פאַר די אַנגרייפנדיקע אַרמייען. דער ערשטער ערנסטער אָנפאַל איז אָנהויב דע־צעמבער געמאַכט געוואָרן אויף יידישע קאָמוניקאַציע־וועגן קיין ירושלים. עס זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון, וועלכע האָבן ניט אויפגעהערט ביז צום היינטיקן טאָג, אָפּצורייסן דאָס יידישע ירושלים פון די איבעריקע צענטערן פונעם יידישן ישוב. די אַראַבער האָבן געהאַט אַ ריכטיקן חשבון. די אונ־טעריאָכונג פון דער יידישער ירושלים, איר דעראָבערונג אָדער פאַרניכטונג, וועט זיין אַ שטאַרקער קלאַפּ, און אפשר אַ טויט־קלאַפּ פאַרן יידישן ישוב און דאָס וואָס וועט צעשטערן דעם ווילן פון די יידן און זייער פעאיקייט זיך אַנטקעגנצושטעלן דער אַראַבישער אַנגרייפערישקייט. און אויפן גאַנצן וועג פון תל־אביב קיין ירושלים — אָנהויבנדיק פון אבו־כביר און סלמה ביז קאַסטעל און ליפטא — האָט געלאַקערט דער טויט אויף יעדן יידישן שאָפער און פאַסאַזשיר. די מאַנדאַט רעגירונג איז ניט נאָכגעקומען איר פאַרפליכטונג צו באַשיצן די באַוועגונגס־פרייהייט אויף די וועגן, און ניט קוקנדיק אויף די בפירושע צוזאָגן, וואָס זענען ניט איינמאָל געגעבן געוואָרן צו די פאָרשטייער פון דער יידישער אַגענץ און פון דעם ועד לאומי, אַז דאָס מיליטער וועט באַשיצן דעם וועג ירושלים ־ תל־אביב, סיי אין טאָל, סיי אין פלאַכלאַנד, סיי אין די בערג. אַנשטאָט איינצלנע אויטאָמאָבילן, האָבן אָנגעהויבן צו קורסירן גאַנצע קאַראַוואַנעס, און אַנשטאָט געוויינלעכע אויטאָבוסן, האָט מען אָנגעהויבן צו באַנוצן געפּאַנצערטע וועגענער. אָבער אָט די פאַרזיכט־מיטלען האָבן ניט געקענט זיין גענוג אַנטקעגן די באַנדעס, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין איין מערן. דער וועג קיין ירוש־לים איז געוואָרן יעדעס מאָל מער געפערלעך. ענדע מערץ איז איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג צווישן ירושלים און תל־אביב און כאָטש די אויס־שטאַטונג וואָס מיר האָבן דערווארט איז נאָך ניט געהאַט אָנגעקומען — און די בריטישע אַרמיי און רעגירונג, זענען נאָך געווען אין לאַנד — זענען מיר געווען געצוווּנגען פאַר דער צייט איבערצוגיין פון פאַרטיידיקונג צו אָנגריף.

אין דער לעצטער נאַכט פון מערץ 1948 האָט מיר דער שטאַב פון דער הגנה צוויסן געגעבן, אַז עס זענען צוגעגרייט און אויסגעשטאַטעט געוואָרן פיר הונדערט מאַן דורכצוברעכן דעם וועג קיין ירושלים. דאָס איז געווען די גרעסטע הגנה־קראַפט וואָס איז ביז דעמאָלט מאָביליזירט געוואָרן פאַר

איין באַשטימטער אַקציע. אין די באַדינגונגען פון יענע טעג האָט די מאָביליזירונג פון אַזאַ קראַפט געפאָדערט זייער אַ סך אָנשטרענגונגען. אָבער עס איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז אָט־די קראַפט וועט ניט זיין גענוג, ווייל ניט נאָר מיר, נאָר אויך די אַראַבער באַטראַכטן ירושלים אַלץ ברען־פונקט פונעם פראָנט און זיי וועלן אָן ספק קאָנצענטרירן פיל כוחות, טויזנטער מענטשן פון דער גאַנצער געגנט, פון צפון, דרום, און מערב פון ירושלים, צו קעמפן מיט אונדז; און דער גורל פון אָט־דער קראַפט קען זיין דער זעלבער ווי דער גורל פון די פינף און דרייסיק. אָפּצולייגן די אָפּעראַציע ביז עס וועט „לייכטער" ווערן האָט ניט געקענט קומען אין באַטראַכט, ווייל ירושלים איז געשטאַנען פאַר דער הונגער־געפאַר. אונדזערע כוחות און אונדזער קנאַפּ געווער זענען געווען באַשעפטיקט אויף די איבעריקע פראָנטן: אין גליל, אין עמק, אין צענטער, אין דער געגנט פון תל־אביב, אין דרום, דאָס פייער האָט שוין דעמאָלט געהאט אַרומגענומען דאָס גאַנצע לאַנד און עס זענען ניט געווען קיין פרייע רעזערוון ניט אין מענטשן און ניט אין געווער. אָבער איך האָב ניט געזען פאַר מיר קיין שום ברירה; כ'האָב געגעבן אַן אָנווייזונג באַלד צו מאָביליזירן 1.500 מענטשן, און גערופן אַלע קאָמאַנדירן זיי זאָלן גלייך קומען אין שטאַב אַריין. אין פאַרלויף פון צוויי שעה האָט יעדער קאָמאַנדיר — אַ חוץ די קאָמאַנדירן פון גליל און עמק — באַקומען אַ באַפעל אָפּצוטיילן אַ גרויסן פּראָצענט פון זיינע מענטשן און וואָפן פאַר דער ירושלימער עקספּעדיציע, וועלכע מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן „נחשון". אין דער זעלבער נאַכט האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין די מענטשן פון דרום, פון תל־אביב און פון מיט־לאַנד אינאיינעם מיט זייער געווער, און עס איז אַריבערגעפירט געוואָרן אַלס צוגאָב געווער אויך פון דיווירטשאַפטן פון גליל, אין דער ריכטונג קיין חולדה. עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע יידישע אָפענסיווע, וועלכע האָט געדינט ווי אַן אַנטשיידנדיקע ווענדונג אין אָט־דער מלחמה. עס איז דורכגעבראָכן געוואָרן דער וועג קיין ירושלים, עס איז געפאַלן אין קאַסטעל דער אַראַבישער קאָמאַנדיר עבד־אול־קדר אל־הוסייני. און סיי די אַראַבער און סיי די ענגלענדער, זענען איבעראַשט געוואָרן פון דער יידישער שטורעם־קראַפט און געוואַגטקייט וואָס האָבן זיך פלוצים אַנטפּלעקט. זיי האָבן ניט געוווּסט וויפל פאַרצווייפלטע העזה עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט יענע אָפּעראַציע, און אויף וויפל עס זענען צוליב איר געבליבן אומבאַשיצט די איבעריקע פראָנטן.

אין דער ערשטער וואָך פון אַפּריל האָט זיך דער וועג קיין ירושלים געפונען אין אונדזערע הענט. און דער ערשטער האַרבער פּרוּוו פון אונדזערע שונאים צו אונטעריאָכן ירושלים איז געמאַכט געוואָרן צונישט דורך טויזנט פינף הונדערט בחורים וואָס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן פון אַלע פראָנטן פונעם לאַנד.

# אַזעלכע זענען זיי געווען

די מלחמה פאַר זעלבשטענדיקייט פון יידישן פאָלק אין אונדזער צייט, איז ניט די ערשטע אין דער געשיכטע פון די פעלקער וואָס האָבן נאָכן פאַרלירן זייער אומאָפּהענגיקייט צוריק אויפגעלעבט. זי איז אַפילו ניט די ערשטע אין דער יידישער געשיכטע. פאַר איר זענען געווען די מלחמה פון בר־כוכבאן וועלכע איז דורכגעפאַלן און די מלחמה פון די חשמונאים וואָס איז געלונגען. אָבער פון אייניקע קוק־ווינקלען איז אונדזער באַפרייאונגס־קאַמף פון יאָר 1948 דאָך אייגנאַרטיק אין דער געשיכטע פון באַפרייטע פעלקער. זי טיילט זיך אויס מיט די כוחות־פאַרהעלטענישן צווישן די שטרייטנדיקע צדדים, מיט די מאָטיוון און ציל פון דעם קריג און אויך מיט די היסטאָרישע אויסוויקלונגען פון אויפקום פון מדינת ישראל וועלכע איז אין דער מלחמה אויפגעריכט געוואָרן.

דעם 29טן נאָוועמבער 1947 האָט די פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניקטע פעלקער באַשלאָסן מיט אַ מערהייט פון 35 שטימען קעגן 13, צו דערקלערן פאַר פאַרענדיקט דעם ענגלישן מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל און דאָ אויפצושטעלן צוויי שטאַטן, אַ יידישן און אַן אַראַבישן. די צוויי שטאַרקסטע גרויס־מאַכטן, די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און סאָוועטן־רוסלאַנד זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון דער מערהייט. די פאַרזאַמלונג פון דער „און" האָט אויך באַאויפטראַגט דעם זיכערקייטס־ראַט אָנצונעמען די נייטיקע מיטלען אויסצופירן דעם צעטיילונגס־באַשלוס און אויפשטעלן די ביידע שטאַטן. אויך דאָ זענען די צוויי גרויסמאַכטן געווען פון די, וואָס זענען באַשטאַנען, אַז דער זיכערקייט־ראַט זאָל רעאַליזירן דעם באַשלוס פון דער „און". דאָך איז געלונגען די כוחות וואָס זענען געווען קעגן דעם „און"־באַשלוס צו שטערן יעדע אַקציע אין זיכערקייט־ראַט און ניט צו דערלאָזן דאָס אויספירן דעם באַשלוס. די ענגלישע רעגירונג, די מאַנדאַט־מאַכט, האָט אָפן דערקלערט אַז זי וועט זיך ניט באַטייליקן אין אויספירן די רעזאָלוציע כל־זמן די יידן מיט די אַראַבער וועלן ניט קומען צו קיין הסכם צווישן זיך; די אַראַבישע מדינות, פאַרטראַטענע אין דער „און" האָבן פּראָקלאַמירט

---

הקדמה צום בוך „גווילי אש".

אויף דער פאַרזאַמלונג און אויסער איר, אַז זיי וועלן קעמפן קעגן „און"־באַשלוס און וועלן זיך ניט אָפּשרעקן צו באַנוצן געוואַלט בכדי צו פאַרמיידן דאָס אויפשטעלן אַ יידישע מדינה.

און טאַקע באַלד אויף צומאָרגנס נאָכן באַשלוס, דעם 30טן נאָוועמבער, האָבן זיך אָנגעהויבן די טעראָריסטישע אָנפאַלן אויף די יידן אין לאַנד, עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן יידישע רייזנדע אויפן וועג קיין לוד, דער יידישער האַנדלס־צענטער אין ירושלים איז איבערגעפאַלן און פאַרברענט געוואָרן פאַר די אויגן פון דער ענגלישער פּאָליציי וועלכע האָט ניט דערלאָזט די כוחות פון דער הגנה אונטערצוקומען מיט הילף; באַוואָפנטע באַנדעס זענען אַריבער די גרענעצן און זיך אַריינגעשמוגלט אין לאַנד אָן קיין שום אָפּהאַלט מצד דער מאַנדאַט־מאַכט. דער אַראַבישער לעגיאָן אונטער דער ענגלישער קאָמאַנדע, וואָס האָט געלאַגערט אין גרעסטן טייל פון לאַנד, האָט אָנטיילגענומען אין די אָנפאַלן אויף יידן; גאַר באַזונדערס זענען אַטאַקירט געוואָרן די יידישע קאָמוניקאַציע־וועגן צו די ניט קאָמפּאַקטע ישובים וואָס האָבן געמוזט אַדורכגיין אַראַבישע שטחים, און די אַראַבער האָבן געמאַכט כסדר און אָן אויפהער אָנשטרענגונגען אָפּצורייסן דאָס יידישע ירושלים פון די איבעריקע צענטערן פון ישוב.

***

דער ענגלישער מאַנדאַט איז אויסגעגאַנגען ערשט אין דער נאַכט פון 13טן מאַי 1948, פינף און אַ האַלב חדשים נאָכן באַשלוס פון דער „און". אין משך פון אָט־דעם גאַנצן פעריאָד זענען פאַרגעזעצט געוואָרן די אומרועןן און איבערפאַלן אויף די יידן און אויף זייערע קאָמוניקאַציע־וועגן. העכער פינף און זיבעציק טויזנט מאַן, ענגליש מיליטער, האָבן דעמאָלט געלאַגערט אין לאַנד און די מאַנדאַט־רעגירונג האָט ניט געמאַכט קיין ערנסטן פּרווו אָפּצושטעלן די אומרועןן און צו פאַרמיידן די אינוואַזיע פון באַוואָפנטע באַנדעס פון סיריע, לבנון און עבר־הירדן כדי צו פירן מלחמה קעגן די יידן. די צוזאָגן וואָס די מאַכט־אָרגאַנען האָבן געגעבן, אויפצוהאַלטן באַוועגונגס־פרייהייט אויף די וועגן און איבערהויפּט אויפן שאָסיי יפו־ירושלים, זענען אויף אַן אומפאַרשעמטן אופן געבראָכן געוואָרן; אויף די 650 טויזנט יידן איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די נויטווענדיקייט צו פאַרטיידיקן זיך קעגן אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט אַראַבער וועלכע האָבן באַקומען הילף אין מענטשן און וואָפן וואָס האָבן אָן אויפהער געשטראָמט פון אויסלאַנד.

האַלב פינף נאָך מיטאָג, דעם 14טן מאַי 1948, — 1618 יאָר נאָך דעם דורכפאַל פון בר־כוכבא און דעם פאַרלוסט פון דער זעלבשטענדיקייט פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד — איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. 8 שעה שפּעטער, האַלבע נאַכט פון 15טן מאַי, האָט זיך

פאַרענדיקט דער מאַנדאַט, און דער בריטישער הויך־קאָמיסאַר האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד; אין יענעם מאָמענט איז די גרינדונג פון מדינת ישראל אַריין אין קראַפט, און באַלד האָבן די אַראַבישע אַרמייען אינוואַדירט דאָס לאַנד. ווי נאָר מדינת ישראל האָט דערזען די ליכטיקע שיין האָט זי שוין געמוזט זיך פאַרמעסטן קעגן די זעקס שכנים אירע: עגיפּטן, סאַודי־אַראַביע, איראַק, עבר־הירדן, סיריע און לבנון. די יונגע מדינה איז באַלד דורך די יבשה־וועגן אָפּגעריסן געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט. אַלע אירע שכנים פון דרום, מזרח און צפון האָבן זיך געוואָרפן אויף איר מיט זייער גאַנצער מיליטערישער קראַפט. אַ קליין פאָלק פון 650.000 נפשות איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַליין אין קאַמף קעגן 6 פעלקער וואָס ציילן 37 מיליאָן (אײנאַיינעם מיטן עגיפּטישן סודאַן 45 מיליאָן).

דער ציל פון די אַראַבישע מלוכות איז געווען קלאָר: נישט נאָר דעראָ־בערן דאָס לאַנד און שטערן די גרינדונג פון מדינת ישראל, נאָר אויסראָטן דעם ישוב ביז צום לעצטן ייִדן. די פאַראייניקטע פעלקער האָבן ניט קיין ריר געטאָן מיט קיין פינגער צו פאַרטיידיקן מדינת ישראל; באַלד נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה האָט טאַקע דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אָנערקענט דע־פאַקטאָ דעם נייעם שטאַט; אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט אויך דער ראַטנפאַרבאַנד אָנערקענט מדינת ישראל, אָבער אויך אָט־די צוויי גרויסמאַכטן האָבן ניט קיין ריר געטאָן מיט קיין פינגער. בכדי צו פאַרטיידיקן די באַפאַלענע מדינה. די „און״, וועמעס עובדה איז צו פאַרהיטן דעם שלום אויף דער וועלט, האָט אַרויסגעוויזן מאַנגל אין ווילן, און אפשר אין אבסאָלוטע מעגלעכקייטן, צו געבן הילף דער נייער מדינה און צו באַשיצן אַזאַ קליין פאָלק וואָס איז געווען אין געפאַר צו ווערן אויסגע־ראָטן און פאַרניכטעט. די יונגע מדינה האָט געהאַט אין איר רשות נאָר די ניט רעגולערע כוחות פון דער הגנה, וועלכע זענען ביז צום סוף פון מאַנדאַט און ביז צום אָנפאַנג פון די אָנפאַלן געווען „אומלעגאַל״ און געמוזט ווירקן אין אונטערגרונט. דער אויפקום פון דער מדינה איז פאַקטיש געווען ניט מער ווי אַ פּראָקלאַמאַציע — ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָבן ניט עקסיסטירט ניט קיין מלוכהשע אינסטאַנצן און ניט קיין מיליטער און אַפילו ניט קיין געזעץ וועגן מיליטער, און די מדינה האָט געמוזט קעמפן אויף לעבן און טויט ניט נאָר פאַר איר עצם קיום: דאָס לעבן פון יעדן מאַן און פרוי, פון יעדן זקן און קינד אין ישראל, איז אין יענע טעג געווען אָפּהענגיק פון דער פעאיקייט פון דעם יונגן פאָלק צו קענען זיך פאַרטיידיקן קעגן זיינע פילפאַכיקע שונאים.

ערשט עטלעכע יאָר נאָכדעם ווי די נאַצישע מערדער האָבן אויסגעראָטן 6 מיליאָן ייִדן, איז איינער פון היטלערס נאָענטע אַרויסהעלפער אין דער פאָלקס אויסמאָרדונג, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — דער מופטי פון ירושלים כאַדזשי אַמין הוסייני, דער

נאַצישער פירער פון די אַראַבער געוואָרן איינער פון די הויפּט־אָנפירער אין דעם פּרווו צו פאַרניכטן דעם יידישן ישוב פון לאַנד. ס׳איז גאָר קיין ספק ניט געווען אַז ווען חלילה דאָס אַראַבישע מיליטער וועט זיגן, וועט קיין איין ייד ניט בלייבן לעבן. די דאָזיקע שוידערלעכע סכנה האָט מען פאָראויסגעזען פריער. מיט איניקע יאָר צוריק, באַלד ווי די וועלט־מלחמה אין איראָפּע האָט זיך פאַרענדיקט, זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן צוויי פּראָיעקטן צו פאַרהיטן פון דער סכנה.

פון איין זייט האָט מען געמאַכט אַ דרייסטן, כמעט אַ וואַנזיניקן פּרווו אַריבערצופירן פון אַ גרויס, אַנטוויקלט לאַנד קיין א״י, אין געהיים, אויס־באַהאַלטן פון דער מאַנדאַט־מאַכט, מאָדערנסטע און פּערפעקטע פאַבריקן אויסצואַרבעטן לייכטע און שווערע געווער. פון דער צווייטער זייט, זענען געמאַכט געוואָרן ערנסטע שריט אין פאַרשיידענע מעבר־לים לענדער צו באַקומען פאַרטיקע געווער פון אַלערליי סאָרטן כדי ווען ס׳וועט קומען די צייט זיי קענען אַריינפירן אין לאַנד. די מיטלען זענען געווען באַגרעניצטע, די שוועריקטן אומגעהייערע — און דאָך זענען ביידע אונטערנעמונגען, אי־בערהויפּט די ערשטע, אין אַ ניט־קליינער מאָס געלונגען, אָבער כל־זמן די מאַנדאַט־מאַכט איז נאָך געזעסן אין לאַנד, האָט מען ניט געקענט אויסנוצן די געלונגענע אַקציע.

אין די סאַמע ביטערסטע צייטן, ווען דער ישוב האָט מיט פאַרצווייפלטער אָנשטרענגונג צו־נישט געמאַכט די פּאָליטיק פון „ווייסן בוך״ דורך אָרגאַניזירן די „העפלה״ אין גרויסן מאַסשטאַב און דורך אַרויסטרעטונגען קעגן דער מאַכט, און די מאַנדאַט־מאַכט האָט דערקלערט קריג דעם אָרגאַ־ניזירטן ישוב און דער יידישער אַגענץ; ווען בריטישע יבשה־, ים־ און לופט־מיליטער האָבן געזוכט צו ברעכן דעם כוח פון דער הגנה און צו קאָנפיסקירן דאָס פאַרבאַהאַלטענע יידישע געווער — זענען אין דער זעלבער צייט אַריינ־געפירט געוואָרן אין לאַנד און אָנגעקומען צו זייער באַשטימטן פּלאַץ טויזנטער טאָן מאָדערנע און פּערפעקטע מאַשינען צו פאַבריצירן לייכטע און שווערע געווער. אין די צענדליקער און הונדערטער זענען אָנגעקומען אין לאַנד די טייערע מאַשינען, געצייג און מכשירים, גאַנצע אָן שאָדן, אָבער ס׳איז ניט מעגלעך געווען צו לאָזן זיי פונקציאָנירן אין געהיים און ביז דער גרינדונג פון דער מדינה, האָבן זיי געפּוסטעוועט אין זייער באַ־העלטעניש.

אויך די אָנשטרענגונגען צו באַזאָרגן זיך אין אויסלאַנד מיט פאַרטיקן געווער האָבן געגעבן נישקשהדיקע רעזולטאַטן, כאָטש עס איז אָנגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן ווייל מיר האָבן זיך דאָ אָנגעטראָפן מיט שטערונגען צו וועלכע ס׳איז קיין עצה ניט געווען און ניט איינמאָל איז פאַרלאָרן געגאַנגען אומזיסטע קאָסטבאַרע האָרעוואַניע, אָבער אויך דאָס דערוואָרבענע געווער, וואָס איז באַשטאַנען אין אַזאַ גרויסער צאָל און פון אַזויפיל פאַרשידענע

קלאסן וואָס די הגנה האָט אַזעלכעס קיינמאָל ניט פאַרמאָגט, האָט געמוזט בלייבן אין אויסלאַנד, ווייט פון אונדז. און ביז די מדינה איז ניט אַנטשטאַנען האָט מען גאָר ווייניק פון דעם געקאָנט אַריינפירן אין לאַנד.

*****

נאָך פאַר דער אינוואַזיע פון די אראבישע אַרמייען, ווען עס האָבן אַטאַקירט בלויז די פּאַלעסטינער אַראַבער און ניט רעגולערע באַנדעס פון די שכנישע לענדער, זענען דאַן שוין די כוחות־פאַרהעלטענישן ניט געווען גלייך. ביים אויסברוך פון די אומרוען דעם 30טן נאָוועמבער 1947, האָבן שוין די אַראַבער אונדז איבערגעשטיגן ניט בלויז מיט זייער צאָל, נאָר אויך מיט זייער געווער וואָס איז סיי אין כמות סיי אין איכות געווען גרעסער פאַר אונדזערן.

אין יענער צייט זענען די אראבישע דערפער געווען פול מיט געווער. אויך האָט מען אַריינגעשמוגלט געווער פון איבער די גרענעצן פון לבנון, סיריע און עבר־הירדן אָן שום שטערונג מצד דער מאַנדאַט־מאַכט. דער אַראַבישער לעגיאָן וואָס האָט געלאַגערט, ווי געזאָגט, אין לאַנד, איז געווען פאַרזאָרגט מיט מאָדערנסטן געווער, לייכטן און שווערן ווי אויך מיט מאָטאָריזירטן וואָפן (געפאַנצערטע אויטאָמאָבילן און טאַנקען).

אַ פּאָר וואָכן איידער דער מאנדאט איז אויסגעגאנגען, איז אונדז געלונגען אריינצופירן דורכן לופט־וועג אַ קליינעם טייל פון געקויפטן געווער אין אויסלאנד. דער ענגלישער פלאָט האָט מיט פיל ענערגיע און גרויס כוח אָפּגעהיט דעם ים. בריטישע קרייצערס זענען ארומגעשוואומען אָן אויפהער אין די וואסערן פון יפו, תל־אביב און חיפה און ניט דערלאָזט אַריינשמוגלען געווער פאַר די יידן. די ענגלישע זשאַנדארמעריע האָט כסדר געזוכט יידיש געווער און ס'איז איר געלונגען צו אַנטדעקן געווער־וואַרשטאַטן פון דער הגנה. אויך דאָס ענגלישע לופט־מיליטער האָט געהאַלטן אַן אויג אויף דעם ישוב, צי ער האָט ניט קיין געווער. געוויס האָבן די ענגלענדער געוואָלט נאָכטאָן די פּאָליטיק פון די פלישתים אין די צייטן פון קעניג שאול — „טאָמער וועלן די יידן מאַכן אַ שווערד אָדער אַ שפּיז. אזוי איז געשען אז אין טאָג פון מלחמה, האָט זיך ניט געפונען אַ שווערד אָדער אַ שפּיז אין דער האַנט פון דעם גאַנצן פאָלק וואָס מיט שאולן און מיט יהונתן; נאָר ביי שאולן און ביי יהונתן זיין זון האָט זיך געפונען" (שמואל א' י"ג).

די הגנה האָט מיט דעם ביסל געווער וואָס זי האָט געהאַט זיך אַקעגנגעשטעלט די באַנדעס און זיי באַזיגט. אָבער נאָך דער אינוואַזיע פון די אראַבישע רעגולערע אַרמייען, פאַרגרייטע און באַוואָפנטע מיט דעם בעסטן ענגלישן געווער וואָס האָט זיך געפונען אין די אראבישע מלוכות, — מיט שווערע שיס־מאַשינען, קאַנאָנען, קריגס־אַוויאָנען און טאַנקען, אויסער לייכט

געווער איבערגענוג — האָט זיך געפונען די נאַרוואַס געבוירענע מדינת־ישראל, כמעט ווי אומבאַהאָלפן. און געווען זענען די אראבישע אַרמייען מיט זייערע פרעמדע וועג־ווייזער זיכער, אַז ס׳וועט ניט געדויערן קיין 2—3 וואָכן און ירושלים, תל־אביב און חיפה וועלן אַריינפאַלן אין זייערע הענט, דער יידישער ישוב וועט אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד ווי עס זענען אָפּגעווישט געוואָרן אין אייראָפּע די זעקס מיליאָן יידן.

***

ווער האָט צונישט־געמאַכט דעם דאָזיקן אכזריותדיקן און שוידערלעכן פּלאַן? פון וואַנען איז געקומען דער כוח וואָס האָט אָפּגעשטויסן דעם מער־צאָליקן שונא, אים צעקלאַפּט און פון לאַנד אַרויסגעיאָגט? דער כוח וואָס האָט געראַטעוועט מדינת ישראל, אויסגעברייטערט די גרענעצן פון דער מדינה, באַפעסטיקט די באַנייטע אומאָפּהענגיקייט, וואָס האָט באַפרייט ניי־ירושלים און איבעראַשט די גאַנצע יידישע און ניט־יידישע וועלט מיט די העלדישע און זיגערישע טאַטן וועמעס גלייכן איז שווער צו טרעפן ניט אין אונדזערע צייטן און אויך ניט אין אַ פריערדיקער עפּאָכע? ווער האָט אַזאַ וווּנדער געשאַפן?

דער גייסט פון נייעם ייד־מענטש וואָס איז אויפגעשטאַנען אין אונדזער פאָלק אין זיין אייגן לאַנד.

***

דער לאַנגער גלות האָט געשעדיקט אונדזער קערפּער און אונדזער גייסט. העכער 2.000 יאָר האָבן מיר ניט פאַרזוכט דעם טעם פון אמתער אומאָפּהענגיקייט. דאָס גרעסטע טייל פון דער דאָזיקער צייט האָבן מיר געלעבט אין דער פרעמד, ווייט פון אונדזער לאַנד, פאַרשפּרייטע צווישן די פעלקער, אָפּהענגיקע פון פרעמדן גענאָד, געהאַסטע און דערנידעריקטע, פאַרשפּאַרטע אין געטאָ, באַרויבטע פון מענטשלעכע רעכט, אָפּגעריסן פון די קוואַלן פון כוח, געזונט און זיכערקייט; מיר האָבן ניט געוווּסט פון קיין פיזישער און גייסטיקער רואיקייט, שטענדיק דערוואַרטנדיק און אויסגע־שטעלט אויף פאַרפאָלגונגען און גירושים. פון צייט צו צייט — אויך אונ־טערגעוואָרפן שחיטות. דאָס געזעץ און די מאַכט האָבן אונדז געהאַסט. וואָס אַנדערע האָבן געמעגט איז פאַר אונדז געווען פאַרבאָטן.

אין דער לאַנגער פינצטערער תקופה פון אונדזערע וואַנדערונגען אין גלות, האָט אונדז אויפגעהאַלטן דער מאָראַלישער כוח מיט וואָס אונדזער פאָלק האָט זיך שוין געהאַט אויסגעצייכנט אין אַ פריערדיקער עפּאָכע נאָך. די קאָלאָסאַלע גרויסע אייגנשאַפט פון ק י ד ו ש ה ש ם, דאָס אַוועק־

געבן דאָס לעבן פאַר די עיקרים און אידעאַל פון יידישקייט, האָט אונדז באַ־גלייט אין אַלע דורות און אין אַלע לענדער פון אונדזער צעשפּרייטונג, פון די צייטן פון חנה מיט אירע זיבן זין, די עשרה הרוגי מלכות, די קדושים פון ווערמייזע און נעמיראָוו ביז די אומגעקומענע דורך היטלערן ימ״ש. ווען דעם גרויסן יידישן פילאָזאָף, ברוך שפּינאָזע, וואָס איז דורך זיין קהילה געלייגט געוואָרן אין חרם און איז דערפאַר געווען דערווייטערט פון יידישער סביבה און פאַרביטערט אויף די יידן פון זיין צייט, האָט אַ באַקאַנטער קריסט גע־פּרוווט איבערצייגן צו ווערן אַ קאַטאָליק און דערביי מאָטיווירט אַז די קאַ־טוילישע רעליגיע איז די אמתדיקע, ווייל דער דאָזיקער גלויבן האָט אַרויס־געגעבן אַ סך מאַרטירער, האָט אים אויף דעם געענטפערט מיט יידישער ווערדע דער גרויסער פילאָזאָף, אַז קיין גלויבן פאַרמאָגט ניט אַזויפיל מאַר־טירער ווי דער יידישער און אַז ער אַליין האָט געקאָנט אַ יידן וואָס האָט זיך גערופן „דער נאמן״ און ער האָט אויף די שייטערהויפנס פון דער אינקוויזי־ציע, ווען מ׳האָט אים שוין געהאַלטן פאַר אַ טויטן, געזונגען די פּסוקים פון תהלים: „צו דיר גאָט, הייב איך אויף מיין נשמה״ און זינגענדיק האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה און געשטאָרבן.

אָן דער דאָזיקער מאָראַלישער גבורה, וואָלטן מיר ניט אָפּגעהיט אונ־דזער עקסיסטענץ אין משך פון די צוויי טויזנט גלות־יאָרן. אָבער דאָס איז געווען אַ פּאַסיווע גבורה. יידן האָבן ניט קאַפּיטולירט אין גלות פאַר דעם געוואַלט פון דרויסן און אין זייער גלויבן אין זיך און אין זייער פאָלק, האָבן זיי זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר קיין שום פּייניקונגען און טויט, זיי האָבן אָבער יאָ קאַפּיטולירט פאַר זייער אייגענעם שיקזאַל. זיי האָבן טאַקע געוואַרט און געהאָפט אויף דער גאולה, אָבער זיי האָבן זיך פאַרלאָזן אויף אויסער־לעכע, איבערנאַטירלעכע כוחות און אין דער מאָדערנער צייט אויף דעם וועלט־פּראָגרעס, מיינענדיק אַז יענע אויסערלעכע כוחות וועלן שוין זיי אויסלייזן. פאַרלאָרן האָבן אָבער די גלות־יידן דעם גלויבן אין די אייגענע כוחות, דעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט צו אָנפירן אַליין מיטן אייגענעם גורל, לויט דעם אייגענעם ווילן. זייענדיק אומעטום אַ שוואַכע מינדער־הייט, פאַרטריבענע און אָפּהענגיקע פון די חסד פון די פרעמדע וואָס וועלן זיי אין בעסטן פאַל נאָר טאָלערירן, האָבן זיי געפילט זייער שוואַכקייט און זיך צוגעוווינט צו אָפּהענגיקייט.

מיט דער חלוצישער עליה קיין א״י אין די לעצטע 75 יאָר איז אָנגע־צייכנט געוואָרן דער אָנהויב פון אַ טיפער רעוואָלוציע אין גייסט פון יידישן פאָלק. אין דער חלוצישער עליה האָט זיך אויסגעדריקט אַ רעאַקציע קעגן קאַפּיטולאַציע פאַרן שיקזאַל, אַ צושטאַנד אין וועלכן דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געפונען הונדערטער יאָרן.

אין דער עליה האָט זיך אַנטפּלעקט די אויפלעבונג פון גלויבן אין דער

מעגלעכקייט און כוח פון נייעם יידישן מענטש צו נעמען אין די אייגענע הענט זיין אייגענעם גורל און דעם גורל פון זיין פאָלק.

די אָנזאָגער און פאַרווירקלעכער פון דעם דאָזיקן גלויבן — די ערשטע פיאָנערן פון דער עליה און קאָלאָניזאַציע — זענען געווען אײַנזאַם און ווייניק, און האָבן אָנגעטראָפן אַזעלכע אויסערלעכע און אינערלעכע שוועריקייטן וואָס כ׳צווייפל צי דער הײַנטיקער דור וועט עס גאָר פאַרשטיין.

היינט איז דאָס גרינדן פון אַ יידישן דאָרף אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג און זעט אויס צו זיין גאַנץ פשוט און נאַטירלעך, אַזוי ווי יידן וואָלטן פון שטענדיק אָן זיך באַשעפטיקט מיט אַזעלכע אַרבעטן. אָבער מיט 70 יאָר צוריק איז געווען אין דעם דרייסטן אַקט אַ מין מעשה־בראשית וואָס האָט געפאָדערט מוטיקע רעוואָלוציאָנערן מיט אַ נביאישער פאַנטאַזיע און אַן אומדערשראָקענעם ווילן. נאָר העלדן פון טרוימען און לעגענדעס האָבן געקענט אויפשטעלן דאָס ערשטע יידישע דאָרף אין אַ צעשטערט און אָפּגעלאָזט לאַנד, אין אַ פיינטלעכער סביבה און ביי שווערע נאַטור־פּלאָגן. געווען איז דאָס אַ דרייסטער, פיאָנערישער אַקט, אין סתירה צום גאַנצן רוטין פון יידישן לעבן זינט הונדערטער יאָרן וואָס נאָר אַן אויסעראָרדנטלעכע גבורה האָט עס געקענט אויסהאַלטן, ווייל אויף טריט און שריט האָבן די דעמאָלטיקע „מעפּילים" זיך אָנגעשטויסן אין שטרויכלונגען און ערנסטע שטערונגען און אָפּטמאָל אויך אין לעבנס־געפאַרן פון מענטשן — די ווילדע פון מדבר אָדער פון הימל — די פאַרשאָלטענע מאַלאַריע.

דאָס צעפלאַקערן זיך פון גלויבן אין יידישן כוח און ווילן וואָס האָט געשאַפן די נייע קאָלאָניזאַציע אין א"י — איז איינס פון די גרעסטע וווּנדער אין דער געשיכטע פון דעם וווּנדערלעכן יידישן פאָלק און איז דאָס וואָס האָט פאַרוואַנדלט אַ גלות־פאָלק אין אַן אומאָפּהענגיק פאָלק.

אַ סך פון זיי זענען געפאַלן, געשטרויכלט געוואָרן און אָפּגעטראָטן אויף צוריק, אָבער דער קוואַל פון חלוציזם, קוים האָט ער זיך אויפגעעפנט, האָט ער זיך שוין צוריק ניט פאַרשטאָפּט. דער גלויבן אין דער שעפערישער מעגלעכקייט פון יידישן מענטש וואָס האָט אויפגעוואַכט און זיך אָנגעצונדן איז שוין ניט פאַרטונקלט געוואָרן און האָט זיך ניט אויסגעלאָשן, נאָר האָט געשלאָגן כוואַליעס און זיך אויסגעברייטערט. נאָך דער ערשטער קליינער כוואַליע איז געקומען אַ צווייטע, אַ גרעסערע און נאָך איר אַ דריטע און אַ פערטע. אוראַלטע, טיפע כוחות וואָס זענען טויזנטער יאָרן געווען איינגעשלאָפן אין יידישן פאָלק און מ׳האָט געמיינט אַז זיי זענען שוין פאַרשטומט און פאַרשטויסן, האָבן אויפגעריסן מיט אַ גיגאַנטישער קראַפט אין דער ערשטער עליה און מיט אַ פאַרגרעסערטן כוח אין דער צווייטער עליה, און פון דעמלט אָן צעוואַקסן זיך די דאָזיקע כוחות און באַהערשן אַלץ ברייטערע מאַסן און זיי האָבן שוין געענדערט דעם אויסזען פון דער יידישער געשיכטע.

***

פון 3 קוואַלן האָט געשטאַמט דער גלויבן אין כוח פון יידישן מענטש און יידישן פאָלק און זיינע שעפערישע און קאַמפּס־מעגלעכקייטן: פון דער באַגייסטער השפעה פון תנ״ך, פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע רעוואָלוציעס פון די לעצטע דורות אין אייראָפּע און פון דעם קומען אין באַרירונג מיט דעם פּאַטערלענדישן באָדן.

די השכלה און חיבת־ציון באַוועגונג האָבן צוריקגעקערט דער יידישער יוגנט דעם תנ״ך אין זיין אורשפּרונגלעכן גלאַנץ. דער אָפּקלאַנג פון די ראָמאַנטישע יוגנט־יאָרן פון יידישן פאָלק איז אַריינגעדרונגען אין די הערצער פון דער יידישער יוגנט וואָס האָט געבענקט נאָך ליכט און רעטונג און האָט אויפגעוועקט די פּרעכטיקע „ליבשאַפט צו ציון״ און האָט זיי געוויזן צוציענדיקע און אָפּפרישנדיקע בילדער פון אַמאָל. דאָס וואַנדערן פון די יידישע שבטים אין מדבר, די ווייען פון זייער באַזעצן זיך אויף דעם פּאַר זיי באַשטימטן לאַנד, זייערע ראַנגלענישן מיט די שכנים און מיט זיך אַליין, די העלדישע מעשים פון די שופטים און מלכים, די קאָלאָסאַלע דערשיינונג פון דער יידישער נבואה מיט איר עטישן ברען, איר וויזיע פון „באחרית הימים״, איר גלויבן אין דער דערהויבענער מיסיע פון יידישן פאָלק און אין אירע גרויסע אומשטערבלעכע אידעאַלן וועגן פאָלק און מענטש.

פון דאַסניי האָט זיך פאַרבונדן דאָס האַרץ פון דער יידישער יוגנט צום אורשפּרונג פון איר אומה און עס האָט זיך פאַרשטאַרקט דער פאַרלאַנג צו אויפלעבן דעם גלאַרייכן אַמאָל.

די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע רעוואָלוציעס אין אייראָפּע האָבן צוגעצויגן די בעסערע יידישע יוגנט צו פאַרשטיין די הומאַניטאַרע אידעען פון מענטש און פאָלק וואָס קעמפט פאַר זיין פרייהייט, האָבן איר געוויזן ביישפּילן פון אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפטע וואָס ווייזן אַרויס העלדישע מעשים, האָבן אָנגעצונדן אין די הערצער דאָס פייער פון אויפשטאַנד און די האָפענונג פון אויפגעריכט ווערן, האָבן באַוויזן דעם כוח פון די ארבעטער און פויערים און האָבן אָנגעצייכנט אַ נייעם וועג וואָס פירט צו דער אויסגעבענקטער גאולה: זיך אומקערן צו ארבעט און צום פעלד אין אייגענעם לאַנד.

מיט זיין עולה זיין קיין א״י און מיט זיין פאַרבינדן זיך מיטן באָדן און מיט דער אַרבעט אין זיין אייגענעם לאַנד, האָט דער מאָדערנער יידישער מענטש באַקומען זיין תיקון. עס האָט דאָ דער האמער אָנגעטראָפן די קאָוואדלע, און ס׳האָט זיך אָנגעפאַנגען אין דער געשיכטע פון פאָלק און פון לאַנד אַ נייער פּעריאָד: אַ פּעריאָד פון יידן וואָס פורעמען אויס זייער גורל און דעם גורל פון זייער פאָלק מיט זייער אייגענעם כוח, מיט זייער פיזישער און גייסטיקער מי און ארבעט, מיט זייער גאַנץ לעבן, און אויב נייטיק אויך — מיט זייער טויט.

די וויזיע פון דורות איז ביי די חלוצים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חוב וועלכן זיי מוזן אָפּצאָלן פול און גאַנץ; נאָכן אַראָפּוואַרפן פון זיך די ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט אין גלות, האָבן זיי זיך אין א״י אַלץ אָנגעפּאַנגען פון ס׳ניי און האָבן אַריינגעטאָן זייער לעבן אין דעם בראשית־ווערק; זיי האָבן געלייגט ערשטע פונדאַמענטן, סיי קערפּערלעכע און מאַטעריעלע, סיי גייסטיקע און קולטורעלע צום לעבן פון אַ זעלבשטענדיק פאָלק. זיי האָבן גע־זונט געמאַכט דעם באָדן און פרוכטבאַר געמאַכט וויסטענישן, האָבן געגראָבן ברונעמער און באַקומען וואַסער, האָבן אויסגעטראָטן וועגן און שאָסייען, האָבן געגרינדעט דערפער און שטעט און געשאַפן פאַר זיך און זייערע קינ־דער אַ נייע שפּראַך, די שפּראַך פון זייער פאָלק אין זיין יוגנט־עפּאָכע; אַנט־וויקלט דעם יידישן כוח, געשאַפן אַ זעלבסט־שוץ און אַ זעלבסט־פאַרוואַל־טונג, זיי האָבן געקעמפט מיט די פּלאָגן פון דער נאַטור און מיט די כוחות פון מדבר׳, און געהאַט האָבן זיי דאָס געפיל, אַז דאָס וואָס זיי האָבן, איז ניט אַדאַנק קיינעם, נאָר אַדאַנק זייער אַרבעט, זייער שאַפונג — און דאָס אַלץ איז אַ פּראָדוקט פון זייער ראַנגלעניש. דער באָדן אונטער זייערע פיס, דאָס ברויט וואָס זיי עסן, די שפּראַך וואָס זיי ריידן, דאָס הויז וווּ זיי וווינען, די וועגן אויף וועלכע זיי טרעטן, די זיכערקייט פאַר זייערע קינדער און משפחה — דאָס אַלץ האָבן זיי צו פאַרדאַנקען זייער אָנשטרענגונג און אַר־בעט, און דאָס איז נאָר אַן אָנפאַנג, ווייל נאָך דעם בראשית־ווערק דאַרף נאָך קומען די וויזיע וואָס איז אורשפּרינגלעך און איז אויך צוקונפט־אידעאַל, די פולקאָמע און אבסאָלוטע אויסלייזונג פון פאָלק און מענטש וואָס צוליב דער וויזיע זענען זיי עולה געוועזן, געאַרבעט און געראַנגלט זיך און צוליב איר זענען זיי גרייט דאָס לעבן אָוועקצוגעבן.

**
*

דאָס איז געווען דער איינציקער פאַרצוג וואָס די פאַרטיידיקער פון דער יונגער מדינה האָבן געהאַט איבער זייערע שונאים, און מיט דעם דאָזיקן גע־היימען געווער — מיט אַן אומדערשראָקענעם גייסט פון די דאָזיקע וואָס האָבן מיט זיך פאַרקערפּערט דעם דאָזיקן טרוים, האָבן די ווייניקע געזיגט איבער די מערערע.

**
*

ס׳איז נאָך ניט אָנגעשריבן געוואָרן די געשיכטע פון דער מלחמה פאַר זעלבשטענדיקייט און זי וועט אַזוי גיך ניט אָנגעשריבן ווערן. עס זענען דאָ זאַכן וואָס מ׳קען נאָך ניט פאַרעפנטלעכן, און עס איז נאָך אויך ניטאָ קיין אָנגעשריבענע געשיכטע פון דער הגנה און אָן דעם איז ניט מעגלעך צו פאַר־שטיין דעם גאַנג פון דער מלחמה און די אין איר ווירקנדיקע כוחות. עס

איז נאָך ניט צונויפגעזאַמלט געוואָרן דער גאַנצער מאַטעריאַל וועגן די ער־שטע צוגרייטונגען, וועגן דער טעטיקייט צו פאַרגרייטן געווער און וואָפן, וועגן דער אָרגאַניזירונג און צוטרוי פון די זיכערקייטס־כוחות פאַר דער גרינ־דונג פון צבא הגנה לישראל און דער אָרגאַניזירונג און צוטרוי פון צה״ל. די פולע געשיכטע פון אַלע שלאַכטן איז נאָך ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, הגם עס זענען שוין דערשינען אַ סך ביכער און אויסגאַבעס וועגן אייניקע שלאַכטן, וועגן העראָאישע אַרויסטרעטונגען פון פאַרשידענע ישובים און וועגן לעבן און אומקום פון צענדליקער קעמפער.

אָבער אויך נאָכדעם ווען אַלץ וועט שוין זיין צונויפגעזאַמלט, פאַרעפנט־לעכט און אָפּגעדרוקט, און דער וווּנדערבאַרער קאַפּיטל פון דער הגנה פאַר דער באַפרייאונג־מלחמה, די צוגרייטונגען צו דער מלחמה און דער גאַנצער גאַנג פון קריג וועט שוין זיין פאַרטיק — וועט נאָך בלייבן אַ זאַך וואָס קיין היסטאָריקער וועט ניט קענען שילדערן פון בלויז אַרכיווירטן מאַטע־ריאַל און די זאַך איז דאָס וויכטיקסטע: דער מאָראַלישער און גייסטיקער געשטאַלט פון די קעמפער.

בלויז פון די ווערטער פון די קעמפער אַליין, פון דעם וואָס זיי האָבן געטראַכט, געשריבן און אַרויסגעזאָגט פאַר זיך און זייערע חברים, פאַר דער באַפרייאונג־מלחמה, — דאָס רוב ניט האָבנדיק דערביי קיין גע־דאַנק און כוונה צו דרוקן עס — בלויז פון זייערע רייד לייכט אויף פאַר אונדז דער גרויסער הומאַנער גייסט וואָס אין זיין זכות האָבן מיר מנצח געווען.

**
*

אין דעם בוך איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו פאַרעפנטלעכן די דאָ־זיקע שריפטן וואָס די קעמפער האָבן איבערגעלאָזט, וואָס האָבן אַן אייגענעם ווערט אין זכות פון זייער פּאָעטישן, קינסטלערישן אָדער וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט און פון דעם קוקווינקל געהערט ניט דאָס בוך צו דעם זשאַנר פון „מלחמה־ליטעראַטור“.

דעם פּעאיקסטן היסטאָריקער וועט ניט געלינגען אַרויסצוברענגען פאַר די קומענדיקע דורות דעם סוד פון נצחון וואָס מדינת ישראל האָט אין אונ־דזער דור אָפּגעהאַלטן — אַזוי ווי דאָס האָבן באַוויזן די ייִנגלעך און מיידלעך וואָסריידן צו אונדז פון די שורות פון דעם בוך.

ווייל נאָר דערפאַר וואָס אונדזערע קעמפער זענען געווען אַזעלכע איז אויפגעשטאַנען אין אונדזער מדינה דאָס אומאָפּהענגיקע פאָלק ישראל.

10.6.1952

# פאַר דעם המשך פון חלוציזם

אויפן פאַרטיי - צוזאמענפאַר, און אויך היינט אין אָוונט, האָט מען געהערט טענות, אַז ס'איז געפאַלן די חלוצישע שפּאַנונג אין אונדזער געזעלשאַפט. צוליב עפּעס קען איך די טענה ניט אָננעמען, ווייל שוין 44 יאָר הער איך די זעלבע קינות. כ'געדענק ניט קיין קאָנפערענץ, אויף וועלכער מ'האָט זיך ניט באַקלאָגט אויף דעם.

אונדזער געשיכטע הייבט זיך ניט אָן מיט 20 יאָר און אויך ניט מיט 44 יאָר צוריק. נאָכפאָלגנדיק דעם ח' י. אוריס רייד האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם ערשטן שח"לניק. כ'געדענק ניט גענוי וויפל יאָר ס'איז שוין אין דעם ווען מ'האָט געזאָגט אַברהמען „לך־לך" — אָבער ס'איז שוין קרוב פיר טויזנט יאָר. איך וועל אָבער ריידן נאָר וועגן דער זייער קורצער תקופה וואָס איך האָב זוכה געווען צו לעבן אין לאַנד.

כ'גלויב ניט און כ'האָב קיינמאָל ניט געגלויבט אין די טענות וועגן פאַלן פון חלוצישער שפּאַנונג, הגם איך דאַרף דאָ סטיליסטיש עפּעס פאַרריכטן, ווייל דעמאָלט האָט מען נאָך ניט גערעדט אזא ריינעם העברעאיש ווי היינט. כ'בין ניט זיכער צי מ'האָט דאַן באַנוצט דאָס וואָרט שפּאַנונג און מ'האָט אודאי ניט גערעדט וועגן „חלוציזם". מ'האָט אונדזערע בחורים אָנגערופן „צעירים". דעם טערמין „חלוץ" האָט מען נאָך ניט מחדש געווען, אָבער דער חלוץ איז שוין געווען, און ער איז אויך ניט דעמאָלט געבאָרן געוואָרן, נאָר ער האָט באַגלייט די גאַנצע יידישע געשיכטע. אויב מיר וועלן ניט זען די חלוצישע דערשיינונגען אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע, וועלן מיר ניט קענען פאַרשטיין דעם קיום פון יידישן פאָלק און זיין אומאויפהערלעכן געראַנגל.

כ'וועל פּרוּוון דעפינירן וואָס איז אַזוינס חלוציות:

דאָס איז קודם־כל דאָס ניט משלים זיין מיט דער ווירקלעכקייט. ס'איז ניטאָ נאָך אַ פאָלק אין דער וועלט אין וועמעס געשיכטע דאָס ניט משלים זיין זאָל זיך אַנטפּלעקן ווי אַ שטענדיקע, יסודותדיקע, אָרגאַנישע דערשיינונג ווי דאָס איז ביים יידישן פאָלק. אָן דעם כח וואָלט פון אונדז קיין זכר ניט געבליבן ווי ס'איז ניט געבליבן קיין זכר פון די מאסן פעלקער וואָס מיר האָבן באַגעגנט אין וועג. פון דעמאָלט אָן ווען דער ערשטער שח"לניק איז אַרויס פון חרן — „מארשירנדיק צום נגב". די זאכן האָבן זיך ניט אָנגעהויבן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג. און דער ציוניסטישער אויפטו האָט זיך ניט אָנגעהויבן מיטן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. די גרינדונג פון פּתח־תקוה איז געווען פאַרן קאָנגרעס, און מקוה ישראל פאַר פּתח־תקוה און

מאַנטעפּיאָרעס פּרדס נאָך פאַר מקוה ישראל. דער חבר בן צבי האָט אַנט־דעקט און האַלט נאָך ווייטער אין אַנטדעקן, אַז יידישע ערד־ארבעט האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט אין לאנד. פונדעסטוועגן איז די ציוניסטישע באוועגונג געוועזן א חידוש.

דער חידוש פון אונדזערע דורות איז באַשטאַנען אין דעם אַקטיוון וואָ־לונטאַריזם, רעוואָלוציאָנערן ווילן און פּאָזיטיווע דעראָבערונג. די יידישע חלוצים האָבן זיך ניט באַגנוגנט מער מיט אַ פּאַסיוון ניט אונטערגעבן זיך, נאָר זיי האָבן באַשלאָסן צו ענדערן זייער גורל מיט אייגענע הענט און בויען פאַר זיך אַ נייעם לעבן. ס'איז דערשינען אַ חלוציזם וואָס בויט און דער־אָבערט, און די ערשטע נייע חלוצים האָבן אויפגעשטעלט דעם ערשטן יידישן דאָרף אין לאנד. אַ טייל פון די חלוצים זענען געקומען פון צווישן די מויערן פון אַלט ירושלים און אַ טייל פון אונגארישן גלות. און זינט דעמאָלט שטייגט כסדר דער בוי־אינסטינקט און אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן איצט אין לאנד איז דער פּראָדוקט פון דער קאָנסטרוקטיווער רעוואָלוציע. דער חלוצישער כח האָט די גאַנצע צייט אין איין שטייגן.

איז פון וואַנען שטאַמט אַלזאָ דאָס שטענדיקע באַקלאָגן זיך, אַז עס פעלט די חלוצישע שפּאַנונג? גרונטלאָז איננאַנצן איז דאָס דאָזיקע באַקלאָגן זיך. מיר שטעלן זיך ניט צופרידן מיט אונדזערע אויפטוען, מיט אונדזערע דעראָבערונגען און מיט אונדזערע דערפאָלגן. דער חלוץ פאַרמאָגט נאָך אַ דריטע אייגנשאַפט: זיין בליק איז שטענדיק געווענדעט צום מאָרגן, צו דער צוקונפט און ניט צו דער פאַרגאַנגענהייט. די דעראָבערונגען און די נצחונות וועלכע ער האָט דערגרייכט באַפרידיקן אים ניט, ווייל ער זעט פאַר זיך אַ לאַנגן און שווערן וועג וועלכן ער דאַרף נאָך דורכגיין, און די אָנשטרענגונ־גען וועלכע ווערן אקאָרשט געמאַכט, זענען ניט גענוג.

***

אונדז דאַרף ניט פאַרדריסן וואָס מיר האָבן אויף אונדזער קאָנפערענץ אָפּגעגעבן עטלעכע שעה אויף צו שילדערן דאָס שטיק וועג וועלכן מיר זענען דורכגעגאַנגען. ס'קומט אונדז אַ קליינע ווייַלע פון נחת־רוח נאָך די שווערע ראַנגלענישן, אויסערלעכע און אינערלעכע, וועלכע מיר האָבן דורכ־געמאַכט. און מיר מעגן זיך פאַרגינען צו באַטראַכטן דעם וועג וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט ביז איצט. אָבער געבענטשט זענען די אומגעדולדיקע וועלכע מאָנען פאַרשטאַרקטע אָנשטרענגונגען און וועלכע זענען בלב ונפש אַריינגעטאָן אינעם מאָרגן. די נעכטיקע דעראָבערונגען זענען ניט גענוג און עס פאָדערט זיך א נייע אָפענסיווע.

אין דער תביעה פון א נייעם און פאַרשטאַרקטן חלוצישן שוונג — זענען מיר אַלע שותפים. כ'בין אָבער מחולק מיט אַ טייל פון מיינע חברים אין דעם אָוועקשטעלן די תביעה. כ'בין ניט גורס די פאָרווורפן אין הורט

וואָס מען מאַכט אונדזער ציבור — פונקט ווי כ'בין ניט גורס די ראָמאַנטיק פון גיין צופוס. גלויבט מיר חברים — די בעסטע און גליקלעכסטע יאָרן מיינע זענען ניט געווען די, אין וועלכע כ'בין זיך נוהג צו פאָרן אין אַ אויטאָ, נאָר דווקא די ערשטע יאָרן ווען כ'בין אַרומגעגאַנגען צופוס. אָבער אין אונדזער צייט וועלן מיר אונדזער אַרבעט ניט מאַכן מיט די מיטלען מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַרום פערציק און פופציק יאָר צוריק. דאַן איז מיין לעבנס־אידעאַל געווען צו באַקומען אַ אייגענעם רע־וואָלווער. אַ ברויניננג האָט דעמאָלט געקאָסט דאַכט זיך מיר 25 פראַנק אָדער מער, און מיין חודש־געהאַלט איז געווען בסך־הכל — דרייסיק פראַנק. און ס'איז ניט געווען קיין שום מעגלעכקייט אָפּצושפּאָרן 25 פראַנק אויף קויפן געווער. כ'האָב סוף־כל־סוף דערגרייכט מיינס און כ'האָב מיר איינגעשאַפט אַ רעוואָלווער אויף באָרג, און נאָך ד אַ מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָבן די חברים פון „השומר" מיר צוגעשטעלט אַ חשבון און כ'האָב אָפּגעצאָלט מיין חוב. אָבער היינט צו טאָג איז ניט גענוג צו האָבן רעוואָלווערן, מיר דאַרפן קאַנאָנען, טאַנקען און אַעראָפּלאַנען.

ווען כ'האָב געהערט די טייערע און ליבלעכע ווערטער פון מיין טייע־רער חברה רחל בן־צבי, אָדער ווי מיר האָבן איר דעמאָלט גערופן רחל ינאית, וועגן יענע גוטע צייטן, ווען מיר זענען געגאַנגען צופוס, האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם ערשטן צוזאַמענפאָר וואָס כ'האָב זוכה געווען אין אים אָנטיילצונעמען — דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער פּועלי ציון־פאַרטיי מיט 44 יאָר צוריק, אין סוכות 1907. אַהין זענען געקומען ניט גע־קליבענע דעלעגאַטן, נאָר אַלע פאַרטיי־חברים, פון גליל, פון שומרון, פון ירושלים, פון די קאָלאָניעס אין יהודה און פון יפו און אַלע אָן אויסנאַם זענען געקומען צופוס. און ס'איז אונדז דעמאָלט גוט געווען און מיר זענען געווען גליקלעך. און פונדעסטוועגן, ווען כ'האָב געהערט די דאָזיקע ווער־טער רחלס האָב איך מיר געטראַכט אין האַרצן: וויפל אַ שטייגער ישובים וועלן מיר קענען אויפשטעלן אין אַ יאָר ווען מיר וועלן עס אַלץ מאַכן נאָר גייענדיק צופוס און מיר וועלן אַרבעטן מיטן ריטם פון יענער צייט? היינט הערן מיר וועגן צענדליקער נייע ישובים, וועגן הונדערטער ישובים. ס'איז געווען איין מאָמענט אין דעם כינוס ווען מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער דעם גערויש פון די פליגלען פון דער שכינה, דאָס איז געווען ווען ח' אשכול האָט איבערגעגעבן אַ באַריכט צו דער „אַכטער" פאַרטיי קאָנפערענץ וואָס „איז פאָרגעקומען" אין יאָר 1954 אָדער 1955, און אויף דער קאָנפע־רענץ זענען געווען פאַרטראָטן די פאָרשטייער פון צענדליקער טויזנטער נייע חברים וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין די 500 דערפער געשאַפענע אין דער צווישנצייט פון איצטיקן צוזאַמענפאָר און דעם אַכטן צוזאַמענפאָר. אַשכולס רייד זענען ניט געווען קיין פאַנטאַזיע, — ווייל בעצם האָט ער גע־רעדט וועגן דאָס וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן אין משך פון די צוויי יאָר.

ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַנד מיט 44 יאָר צוריק, האָב איך גע־האָרט דריי יאָר ביז כ׳האָב זוכה געווען צו זען דאָס ערשטע מאָל זעקס גייע רויטע דעכער. דאָס איז דאַן געווען אַ סימן פון אַ נייעם יידישן פונקט. דאָס איז געווען מצפה אין אונטערשטן גליל, דער ערשטער ישוב וואָס איז אויפ־געשטעלט געוואָרן נאָך מיין קומען אין לאַנד. אָבער אויב מיר ווילן אויפ־שטעלן צענדליקער פונקטן אַ יאָר און ניט איין פונקט אין דריי יאָר, מוזן מיר זיך באַנוצן מיט אַן אויטאָ און אַ טראַקטאָר, הגם אונדז וואָלט געווען ליבער, מיר יעדנפאַלס, צו אַקערן מיט אַן אַראבישן אַקער איינגעשפּאַנט מיט צוויי אָקסן; די צעשפּרייטע שטחים וועלכע מיר פאַרמאָגן היינט וועלן מיר שוין מער מיט אָקסן ניט צעאַקערן.

**
*

כ׳בין אויך ניט גורס די פאַרוואורפן אין אַנגראַ, וואָס מ׳מאַכט אין נאָמען פון חלוציזם. די איבערוויגנדיקע מערהייט פון אַרבעטער־ציבור, אַט די וואָס אַרבעטן אין דער מדינה — טוען זיי דען ניט קיין געבענטשטע אַרבעט? נויטיקט מען זיך דען ניט אויך אין דער דאָזיקער אַרבעט? צוליב זיי איז עס אָפּגעשוואַכט געוואָרן די חלוצישע שפּאַנונג? דער וואָס איז אַ חלוץ מיט זיין נשמה איז ניט מקנא די וועלכע זענען ניט קיין חלוצים, ווייל חלוציזם איז מער אַ זכות און אַ ברכה ווי אַ חוב און אַן עול. דער חלוציזם דערהויבט דעם מענטש, באַרייכערט זיין לעבן, באַפרוכפּערט זיינע באַהאַלטענע כוחות: דער חלוציזם דאָס איז דער מענטשלעכער יתרון.

מיינע חברים און איך האָבן פאַרלאָזן אונדזער קליין שטעטל און מיר האָבן עולה געווען אין לאַנד; און הינטער אונדז זענען דעמאָלט געבליבן הונדערטער טייערע חברים; מיר האָבן זיי ניט פאַראַכטעט, מיר האָבן זיי ניט פאַרלוימדעט, מיר האָבן זיי אפשר באַדויערט; ס׳האָט אונדז כלל ניט געשטערט וואָס דאָס רוב פון אונדזערע חברים, וועלכע זענען מיט אונדז צוזאַמען געווען אין אַ ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אָדער אין דער פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע, זענען געבליבן אין גלות. מיר האָבן מיט אונדזער גאַנצן ווען געפילט דאָס גליק וואָס האָט אונדז אַרומגענומען נאָכדעם ווי מיר האָבן זוכה געווען עולה צו זיין אין לאַנד און אַרבעטן דאָ. און ס׳איז באמת אַ פּריווילעגיע צו זיין אַ חלוץ, אַ גרויסער פּערזענלעכער זכות און אַ סך וועלן נאָך זוכה זיין צו דעם זכות. דער קוואַל איז נאָך ניט אויסגע־טריקנט. מענטשן וועלן גיין אין נגב אָדער אין די עולים־מחנות — מיט ליבע און מיט דערהויבונג, און ווען זיי וועלן גיין וועלן זיי וויסן און פילן, אַז אַ גרויסער טייערער זכות איז זיי באַשערט.

אין וואָס באַשטייט דער זכות? יעדעס פאָלק פאַרמאָגט אַ געשיכטע, און די טעג זענען גרויע און ענלעך איינער צום אַנדערן, און נאָר איינמאָל אין הונדערטער, אָדער טויזנטער יאָרן טרעפט עפּעס אַ גרויסע

זאַך וואָס מיר רופן עס אַן רעוואָלוציע, און דיווירקלעכקייט, און די מענטשן און דאָס לעבן ווערן באַנייט. איך קען ניט נאָך אַזאַ דור ביי יידן אָדער ביי אַנדערע פעלקער אין וועלכן ס׳איז געגעבן געוואָרן אַזאַ גרויסע געלעגנהייט פון אַ מער רייכע, מער אינהאַלטפולע, מער געבענטשטע רעוואָלוציע ווי ס׳איז געגעבן געוואָרן אונדזער דור. ניט קיין פּאָליטישע רעוואָלוציע וואָס אַ צאָל פּאָליטיקער מאַכן זי. דאָס איז אויך אַמאָל וויכטיק, אָבער גאָר ניט קיין פאַרגלייך צו אונדזער רעוואָלוציע. אונדז, יעדן איינעם פון אונדז איז געגעבן געוואָרן די באַזונדערע געלעגנהייט פון אַ דאָפּלטער רע־וואָלוציע, פון מענטש און נאַטור. מיר האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַנדערע מענטשן. מיר האָבן ניט אויפגעהערט צו זיין יידן, מיר האָבן ניט אויפגע־הערט צו זיין ציוניסטן, מיר האָבן ניט אויפגעהערט צו זיין סאָציאַליסטן, אָבער מיר האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין בעסערע יידן, בעסערע ציוניסטן און בעסערע סאָציאַליסטן. אונדז האָט ניט באַפרידיקט אין גלות די עקסיסטירנ־דיקע יידישקייט, דער עקסיסטירנדיקער ציוניזם און דער עקסיסטירנדיקער סאָציאַליזם. מיר האָבן קודם כל זיך אַליין רעוואָלוציאָנירט, יעדער איינער האָט איבערגעאַנדערשט זיין האַרץ, זיין נשמה און זיין לעבן. יעדער איינער איז געוואָרן אַ שאַפנדיקער מענטש, וועמען דאָס לעבן ווערט ניט אונטערגע־טראָגן דורך אַנדערע, און לויט עמיצנס געשמאַק, נאָר ער מאַכט עס אַליין, לויט זיין ווילן, לויט זיינע באַגערן, לויט זיין וויזיע. מיר פורעמען אויס פון בראשית אונדזער גאַנצן לעבן און מיר לייגן אויף אים אַרויף אַ נייעם מענטשלעכן, יידישן און אַרבעטער חותם.

יעדער איינער פון אונדז האָט געוויס געפילט אַ טיפע עמאָציע ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געלייענט ביאַליקס גראַנדיעזע שירים, אָבער ס׳איז ניט די זעלבע עמאָציע וואָס ביאַליק האָט דורכגעלעבט אין זיין נשמה ווען ער האָט געשריבן „מגילת האש" און „משא נמירוב". און וואָס איז שרייבן אַ ליד אין פאַרגלייך מיט שרייבן אַ לעבנס־בוך, אַ מענטשלעך לעבן? אונד־זער לעבן דאָ אין לאַנד איז ניט ענלעך צום לעבן פון יידן אין אַנדערע לענ־דער, ניט ווי מענטשן און ניט ווי יידן. אַלץ איז באַנייט געוואָרן. אונדזער מענטש איז אַנדערש פון יידישן מענטשן אין יעדער אַנדער לאַנד און יעדער פרעמדער וואָס קומט אַהער דערפילט באַלד דעם חילוק.

**
*

מיר האָבן דורכגעפירט און פירן דורך ניט נאָר אַ רעוואָלוציע אין מענטשן. מיר האָבן אויך פאַר זיך אַ ניט־ווייניקער געבענטשטע און טייערע רעוואָלוציע: רעוואָלוציאָניזירן די נאַטור. מיר שאַפן דאָ אין דעם לאַנד מעשי־בראשית, מיר ענדערן דעם אויסזען פון דער נאַטור און מיר זענען מחדש דעם סדר פון באַשאַף. פאַר מיין קומען אין לאַנד האָב איך געלייענט וועגן מאָנטעפיאָרעס פּרדס, וועגן קאַרל נעטערס מקוה ישראל און

וועגן שטעמפערס און סאָלאָמאָנס פּתח־תקוה; כ׳האָב שטאָלצירט מיט די דאָזיקע יידן און כ׳האָב אויך שטאַרק מקנא געווען די, וואָס האָבן זוכה געווען צו עפּעס וואָס קיין ייד קען עס שוין ניט באַקומען. זיי האָבן געהאַט די פּריווילעגיע צו זיין די ערשטע, און ערשטיקייט איז נאָר אַן איינמאָליקע. ווען איך בין געקומען אין לאַנד האָב איך געזען, אַז דער קאַפּיטל פון די ערשטע האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט, להיפך, ער האָט זיך נאָך כמעט ניט אָנגעהויבן.

מיר האָבן געזען אַ ברייטן שטח פון אַרבעט, אַ שטח אַ פּשוטן און אַן אַרבעט אַ באַשיידענע, אָבער אַן אַ פאַרגלייך וויכטיקע. די ערשטע האָבן געבויט קאָלאָניעס. אונדז איז פון אָנהויב ניט איינגעפאַלן אויפצושטעלן נייע ישובים, דאָס איז געקומען שפּעטער, אין משך פון דער צייט. דער שטח וועלכן מיר האָבן געטראָפן און אין וועלכן מיר האָבן אינוועסטירט אונדזער גאַנצן ברען איז געווען אַ פּשוטער און עלעמענטאַרער — יידישע אַרבעט. צו שאַפן אַ יידישן ערד־אַרבעטער אין די יידישע קאָלאָניעס, דאָס איז געווען דער אידעאַל פון אונדזער לעבן און דאָס האָבן די פּריערדיקע פאַר אונדז ניט געטאָן. דאָס האָט אונדז באַפרידיקט און דאָס האָבן מיר באַטראַכט פאַר אונדז ווי אַ גרויסע פּריווילעגיע, מער אַ זכות ווי אַ חוב.

מיר האָבן ניט געפרעגט פאַרוואָס אַנדערע אַרבעטן ניט. פאַר אונדז אַליין האָבן מיר עס באַטראַכט ווי אַ גרויסן זכות צו זיין יידישע אַרבעטער. און נאָר ווייל דאָס איז אָנגעקומען זייער שווער, ווייל די יידישע בעלי־בתים זענען ניט געווען אַזוי להוט אויפצונעמען יידישע אַרבעטער און ניט שטענדיק האָבן מיר געקראָגן אַרבעט, און ביסלעכווייז איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז אָן אַ גרונטלעכער ענדערונג אין משק, אָן אַ נייעם משק וועט קיין יידישע אַרבעט ניט זיין, — זענען מיר דערגאַנגען צום רעוואָלוציאָנערן געדאַנק אויפצושטעלן נייע ישובים, נייע ניט נאָר אין צייט, נאָר אויך אין אינהאַלט — ישובים געבויט אויף זעלבסט־אַרבעט.

און ווידער, די וואָס האָבן עס געטאָן האָבן אין דעם געזען פאַר זיך אַ פּריווילעגיע. ס׳האָט זיי ניט געאַרט די ערשטע פון עין־גנים — דער ער־שטער ישוב אויפגעשטעלט אויפן יסוד פון אייגענער אַרבעט — וואָס זיי זענען ווינציק. אויך (אַגב, אויך דער דאָזיקער טערמין „זעלבסט־אַרבעט", — עבודה עצמית — דאַכט זיך מיר, האָט נאָך דאַן ניט עקסיסטירט). זיי האָבן עס באַטראַכט ווי אַ גרויסע פּריווילעגיע פאַר זיך צו לייגן דעם פונ־דאַמענט פאַר דעם נייעם דרך און נייעם אויפטו. און אַזוי האָבן עס באַ־טראַכט די מענטשן פון דגניה — און זיי האָבן אונדז געגעבן די קרוין פון אונדזער גאַנצן אויפטו אין לאַנד — די אַרבעטער־התישבות.

און אמת איז, אַז איצט געפינט שוין די יוגנט אין לאַנד העכער אַ מיליאָן יידן, אַ יידישע מדינה, ביי 500 יידישע דערפער, צבא הגנה לישראל, אַ יידישן פלאָט, אַ קריגס־ און אַ האַנדלס־פלאָט, אַ לופט־אַרמיי,

אַ העברעאישן אוניווערזיטעט, — אַ טייל זאכן וועגן וועלכע מיר האָבן דאַן אפילו ניט געטראַכט. אָבער דער וואָס איז געבענטשט מיט אַ חלוצישן אינ־סטינקט, מיט אַ נאטור פון אַ שעפערישן מענטש; ווער ס׳קען זיך ניט צו־פרידנשטעלן מיט דעם וואָס אנדערע טוען פאַר אים, נאָר האָט אַן אינער־לעכע באַדערפעניש זיך אַליין צו דערהויבן, צו אויסשמידן אַ נייעם לעבן און צו באַצווינגען די גיגאנטישע כוחות פון דער נאטור, האָט נאָך פאַר זיך אַ ברייט פעלד פון אַרבעט: ניט נאָר דער נגב, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד, אירע בערג, טאָלן, פליינען און סטעפּעס. ס׳זענען אויך דאָ די אויסגע־שפּרייטע ימים און הימל־וועגן.

מיר זענען געווען איינזאמע. ס׳איז שווער אייך איבערצוגעבן וועגן גליק און פרייד וואָס יעדער איינער האָט געפילט אין דער שווערער און איינפאכער אַרבעט ביים יידישן פויער, גליק פון ווינען אין אַ שטאָל אָדער אין אַ כאַן, דאָס גליק פון גיין צופוס אַ טאָג מיט אַ נאַכט פון זכרון יעקב ביז יפו צו דער פאַרטיי־קאָנפערענץ. אָבער עפּעס איז געווען וואָס האָט אונדז געדריקט. און ווען ביאליק איז געקומען צום ערשטן מאָל אין לאַנד האָט ער דאָס אויפגעפאסט מיט זיין טיפער אינטואיציע. און כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין פאָרטראָג וועלכן ער האָט פאַר אונדז געהאלטן וועגן דעם צער פון אונדזער איינזאמקייט און שטומקייט. מיר זענען געקומען אין לאַנד קודם־כל פאַר אונדז אַליין, ווייל מיר האָבן ניט געקענט לעבן דאָס לעבן פון חוץ־לארץ; מיר האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן דעם פרוכטלאָזן ציוניזם, דעם סאָציאַליזם פון ווערטער. אָבער מיר זענען געקומען אויך מיט דעם באַוווסטזיין פון אַ היסטאָרישער שליחות. אמת, אונדזערע „שי־קער" האָבן ניט פאַרשטאַנען און האָבן אונדז ניט אָנערקענט. דער איצטיקער דור האָט אַ גרויסן אומפאַרגלייכלעכן גליק, ער איז ניט איינזאם. אין די צענדליקער און הונדערטער טויזנטער קומען איצט יידן פון דער גאַנצער וועלט, און זיי זענען אויך שותפים צו דער גרויסער רעוואָלוציע וואָס קומט פאָר אין לאַנד, און זיי פאַרמאָגן שאַפנדיקע כוחות ניט ווייניקער ווי די פון דער צווייטער עליה. איר זאָלט ניט גלויבן ווען מען וועט אייך דערציילן, אַז די מענטשן פון דער צווייטער עליה זענען געווען אויסנאמען, עפּעס גייסטיקע עלוים, מאָראַלישע, אינטעלעקטועלע. זיי זענען געווען פּשוטע בשר־ודמס. און אויך אין די, וועלכע קומען איצט פון תימן, פון מאַראָקאָ, פון בולגאַריע אָדער פון פערסיע זענען באַהאלטן אַלע מעגלעכקייטן וועלכע ס׳האָבן פאַרמאָגט די מענטשן פון דער צווייטער עליה. זיי האָבן אפשר ניט באַקומען די ירושה וועלכע מיר האָבן געירשנט — ניט די ירושה פון דער העברעאישער קולטור און ניט די ירושה פון דער אַלגעמיינער קולטור; זיי האָבן ניט געלייענט טאָלסטאָיען און מיכאילאָווסקין און סמאָלענסקין, ברע־נערן און בערדיטשעווסקין, און זיי זענען ניט מסוגל צו מאַכן דעם גרויסן שפּרונג ביזן סוף פון וועג. אָבער ס׳זענען אין זיי באַהאַלטן אַלע מעגלעכקייטן

און זיי פֿאַרמאָגן אין זיך אַלע כוחות, ווי די פֿון די מענטשן פֿון דער צווייטער עליה. לאָמיר זיי איבערגעבן די פֿאָלקס־ירושה און די וועלט־ירושה — לאָמיר זיצן און לעבן מיט זיי צוזאַמען.

דער מענטש קען זיך ניט אַליין און ער ווייסט ניט די גאַנצע רייכקייט וואָס איז באַהאַלטן אין זיין האַרצן און אין זיין נשמה. אויב צווישן אונדז געפֿינט זיך אַפֿילו איין מנין מענטשן באַשאַנקען מיט אַ חלוצישן טאַלאַנט, אַ טאַלאַנט צו איבעראַנדערשן דעם מענטש און אים דערהויבן, קודם כל זיך אַליין און צו פֿאַרוואַנדלען די עקרהדיקע און פּרוכטלאָזע נאַטור אין אַ בליענדיקע און פּרוכטבאַרע; — וועלן זיי אויפֿטאָן גרויסע זאַכן אויב זיי וועלן דעם דאָזיקן טאַלאַנט אַקטיוויזירן, און אָנשטעקן מיט דעם טאַלאַנט אַלע זייערע חברים. ווייל ס׳איז ניטאָ קיין גרעסערער זכות פֿאַר אַ מענטש אויף דער וועלט ווי דערהויבן זיינע מיטמענטשן, שמידן אַ נייעם לעבן, פֿורעמען די נאַטור, דעם באָדן און דעם ים, שאַפֿן און געבן און אויפֿדעקן די וווּנדערלעכע אייגנשאַפֿטן וועלכע זענען באַהאַלטן אין יעדן מענטשן. — און אויב ס׳וועלן זיך געפֿינען נאָר צען אַליין — איז ניט קיין בייז. זאָלן פֿינף פֿון זיי גיין אין די לאַגערן און לעבן מיט די תימנער און מאַראָקאַנער; זאָלן זיי זיך מיט זיי באַהעפֿטן און זיי באַאיינפֿלוסן מיט זייערע גייסטיקע ברכות — און אויך באַקומען פֿון זיי, ווייל די תימנער און מאַראָקאַנער האָבן א ו י ך וואָס צו געבן. ווייל, ווען איך זע צופֿוסנס פֿון די בערג, אויפֿן וועג קיין ירושלים, צריפֿים, און צווישן די צריפֿים, פּלאַנצן פֿון גרינס, גיט עס מיר ניט ווייניקער ווי זיי נחת; און פֿינף זאָלן גיין אין נגב, אין דער וויסטעניש וואָס שטייט אַזוי פֿון ששת ימי בראשית — און זאָלן זיי משנה זיין דעם סדר בראשית; זאָלן זיי באַפּרוכטפֿערן די ערד און זאָלן זיי פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון בראשיתדיקע יצירה, און זאָלן זיי קומען צו זייערע חברים און זיי זאָגן וואָס זיי האָבן אויפֿגעטאָן — און זייערע חברים וועלן מיט זיי מיטגיין. חלוצים שאַפֿן חלוצים. ווער ס׳האָט זוכה געווען צו זיין אַ חלוץ זאָל אָנשטעקן זיינע חברים מיט חלוצישע אייגנשאַפֿטן.

ס׳איז דאָ אַ חלוצישער פּונק אין יעדן מענטשן, און ווער ס׳טוט אַ וועלכע ס׳איז אַרבעט אין לאַנד — טוט חלוצישע אַרבעט. אָבער ס׳זענען דאָ פֿאַרשיידענע מדרגות און שטאַפּלען, און אַ סך פֿון אונדז ווילן און זענען באַרעכטיקט זיך צו דערהויבן צו די העכסטע שטאַפּלען פֿון אַ חלוצישן לעבן. און סאיז ניט קיין שווערער יאָך — ס׳איז אַ גרויסער זכות, און ווייל איז צו אונדז און ווייל איז צו אייך וואָס ס׳איז נאָך דאָ אַ ברייטער פֿעלד פֿאַר חלוצישע מעגלעכקייטן וואָס ליגן באַהאַלטן אין יעדן איינעם.

,גייט אַרויף, שאַפֿט, דערהייבט זיך מיט די עולים, ווערט דערהויבן מיטן באַפּרוכפּערן די וויסטעניש און קומט און דערציילט אייערע חברים וואָס איר האָט געטאָן און וואָס איר האָט געשאַפֿן. — און דעמאָלט ווען איר וועט זאָגן צו איינעם פֿון אייערע חברים: לך־לך, — וועט ער מיט אייך מיטגיין!

18.8.1950

# צו די חלוצים אין די מערב־לענדער

. . . די ציוניסטישע אויפפאַסונג שיידט זיך אונטער פון דער ניט־ציוניסטישער מיט דעם, וואָס זי זעט ניט דעם סטאַטישן עטאַפּ וואָס עקסיסטירט אין אַ באַשטימטער צייט אָדער אין אַ באַשטימטן לאַנד — נאָר זי דעקט אויף די היסטאָרישע טענדענץ פון דעם יידישן לעבן אין גלות און זעט אין יעדער צייט און אין יעדן אָרט אָפּהענגיקייט און פרעמדס, וואָס נעמען צו פון די יידן אין די תפוצות, אין יעדער תפוצה, די מעגלעכקייט פון אַ זעלבשטענדיקן, גאַנצן און זיכערן לעבן.

דער אָפיציעלער ציוניזם, וואָס באַזירט זיך אויפן שקל און דער מיטגלידערשאַפט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט ניט באַטראַכט די עליה אין לאַנד ווי אַ ציוניסטישע פליכט ניט פאַרן אנטשטיין פון דער מדינה און ניט נאָכדעם. און ווען אין פאָלק וואָלטן זיך ניט דערוועקט, אין אַלע תפוצות, חלוצישע כוחות, וואָס האָבן אַ פּערזענלעכע באַדערפעניש, אַ באַדערפעניש פון זעלבסט ־ רעאַליזירונג, אַ באַדערפעניש צו שאַפן פאַר זיך און מיט אייגענע כוחות אַ נייעם זעלבשטענדיקן לעבן און דינען ווי אַ מוסטער פאַרן פאָלק — וואָלטן מיר ניט דערגאַנגען ביז אַהער.

מ'קען דעם אָפיציעלן, קאָנגרעסיסטישן ציוניזם ניט נעגירן די פאַרדינסטן פון זיין פּאָליטישן, פינאַנציעלן און דערציערישן אויפטו. דער דאָזיקער אויפטו האָט ניט קיין קליינעם חלק אין דעם וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין לאַנד, — אָבער אָן די חלוצישע כוחות וואָלטן די מעשים געבליבן סטעריל און פרוכטלאָז; אַ פיל גרעסערער פאַקטאָר אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם איז געווען די נויט, וועלכע האָט געצוואונגען אַ סך יידן עולה צו זיין אין לאַנד. אָבער אויך די נויט אַליין, הגם זי האָט געדינט און וועט נאָך דינען ווי אַ מעכטיקער פאַקטאָר אין דער רעאַליזירונג פון ציוניזם, וואָלט זי ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שאַפנדיקן פאַקטאָר אָן דעם חלוצישן כח. די יידישע נויט האָט שטענדיק עקסיסטירט, און די יידן האָבן געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד וואַרנדיק דערשטיקט אין עלנט; און נאָר ווען ס'האָבן זיך אַנטפּלעקט די חלוצישע כוחות אין די לעצטע זיבעציק יאָר און זיי האָבן געשאַפן די באַנייטע יידישע התישבות אין לאַנד — איז די יידישע נויט געוואָרן פרוכטבאַר און זי האָט פאַרקערעוועט אויף אַ קאָנסטרוקטיוון וועג, דער וועג פון בויען אַ היימלאַנד.

ווער ס'וועט שטודירן די געשיכטע פון ציוניסטישן ווערק אין לאַנד, זינט דער גרינדונג פון פתח־תקוה ביז היינטיקן טאָג, וועט אויסגעפינען, אַז

צוויי שותפים האָבן אויפגעשטעלט דאָס דאָזיקע ווערק: אַן אָריענטירנדיקער און וועג־ווייזנדיקער חלוציזם און אַ ביטערער מוז, אַ פּראָדוקט פון ליידן און נויט. די ליידן האָבן אונדז געגעבן — די מאַסע, דער חלוציזם האָט געגעבן די אָנפירער; ס'איז אין לאַנד ניט אַנטשטאַנען קיין איין שאַפונג אָן חלוצישער איניציאַטיוו.

מיטן אַנטשטיין פון דער מדינה האָבן אַ סך געמיינט, אַז ס'איז שוין פאַרביי די צייט פון חלוציזם: פון איין זייט דאָס ליידן פון מאַסן אין פאַר־וואָגלטע גלותן, פון דער אַנדערער זייט — דער כוח פון דער מדינה; אָט דיביידע וועלן אַלץ מאַכן. ס'איז ניטאָ קיין שעדלעכערער און מסוכנדיקער טעות ווי דער.

אמת, די גרינדונג פון דער מדינה האָט געעפנט ברייט די האָריזאָנטן און קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן, וועגן וועלכע ס'איז שווער געווען פריער צו חלומען. אין משך פון די זיבן און צוואַנציק חדשים מדינה־קיום, האָבן עולה געווען אין לאַנד מער ווי פיר הונדערט פופציק טויזנט יידן און ס'זענען אַנטשטאַנען ביי צוויי הונדערט פערציק ישובים — אָבער דוקא צוליב דעם קוואַנטיטאַטיוון וווקס זענען איצט נויטיק חלוצישע כוחות מער ווי פריער.

ווען די דאָזיקע עליה וואָלט ניט געטראָפן אין לאַנד אַ חלוצישן כח אין דער עקסיסטירנדיקער התישבות און אין דער ישראלדיקער יוגנט — וואָלט זי דורכגעפאַלן. אָבער די עקסיסטירנדיקע חלוצישע כוחות אין לאַנד זענען ניט גענוג פאַר אַזאַ גראַנדיעזער פאָלקס־עליה.

יעדער ציוניסט פאַרשטייט, אַז אָן דער הילף פון פאָלק אין גלות וועט די מדינה ניט קענען אַבסאָרבירן אַזאַ גרויסע עליה, און דער כינוס וועלכן מיר האָבן לעצטנס אָפּגעהאַלטן אין ירושלים מיט די פאָרשטייער פון אַמע־ריקאַנער יידנטום, האָט געגעבן אַ טרייען אויסדרוק אין דעם זין, און האָט גענומען אויף זיך צו מאָביליזירן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין משך פון די נאָענטסטע דריי יאָר אַ מיליאַרד דאָלאַר אויף צו העלפן אַבסאָרבירן זעקס הונדערט טויזנט עולים וועלכע האַלטן ביי עולה זיין אין די נאָענטסטע דריי יאָר.

אָבער ניט יעדער ציוני פאַרשטייט נאָך, אַז אָן אַ פאַרשטאַרקטער חלו־צישער באַוועגונג, און דוקא פון די תפוצות „וואָס האַלטן ניט ביי עולה זיין" און קודם כל פון די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער, זענען מיר עלול דורכ־צופאַלן.

די גרויסע פאָלקס־עליה שטעלט פאַר אונדז צוויי פּראָבלעמען: 1) ווי אַזוי איינוואָרצלען די עולים אין דער ישראל ווירטשאַפט און פאַרוואַנד־לען די דלותדיקע מאַסן אין אַ עקאָנאָמישן כוח וואָס האַלט זיך אַליין אויס, איז זיך אַליין מפרנס און דאַרף ניט אָנקומען צו דרויסנדיקער הילף; 2) ווי צו פאַרוואַנדלען אָט דעם גרויסן מענטשן־בבל, וואָס איינער פאַרשטייט ניט דעם צווייטנס שפּראַך, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין דערציאונג און קיין

קולטור וואָס באַהערשט ניט די העברעאישע שפּראַך און קען ניט די לאַנד־און פאָלקס־געשיכטע — ווי אַזוי צונויפשמעלצן אים אין איין נאַציאָנאַל־קולטורעלן מאַסיוו און איינוואָרצלען אים אין דער אַרבעטער געזעלשאַפט, אין דער העברעאישער קולטור, אין דעם פאָלקס־עבר און אין דער וויזיע פון זיין צוקונפט; ווי אַזוי מאַכט מען אים פאַרן באַזיצער פון די געשאַפענע גרונט־ווערטן דאָ אין לאַנד?

דיביידע זאַכן קענען ניט געמאַכט ווערן אָן אַ פאַרשטאַרקטן צושטראָם פון חלוצישע קרעפטן פון די יידישע קבוצים אין די אַנטוויקלטע, רייכע און פרייע לענדער ווי ענגלאַנד, אַמעריקע און דרום־אַפריקע. מיר וואָלטן אפשר ניט געקענט אויפשטעלן די צבא הגנה לישראל אָן די טאַלאַנטפולע וואָלונ־טירן פון די דאָזיקע לענדער; און דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער אָנשטרענג וואָס שטייט אונדז פאָר איז אַ סך שווערער ווי דער מיליטערישער אָנשטרענג וועלכער איז אונדז פאָרגעשטאַנען אין דער באַפרייאונגס־מלחמה — און מ׳וועט מיר ניט חושד זיין, אַז איך מינדערשעץ דעם ווערט פון דער דאָזיקער מלחמה.

אַזוי ווי מיר קענען דורכפאַלן — סיי די מדינה און סיי די פאָלקס־עליה — אויב ס׳וועט ניט קומען קיין פינאַנציעלע הילף מן החוץ (ניט נאָר אין דער פאָרם פון ביישטייערונגען נאָר אויך אין דער פאָרם פון אינוועס־טירונגען און הלוואות), — אַזוי קענען מיר אויך דורכפאַלן אויב ס׳וועלן ניט קומען צו אונדז פון אַמעריקע, פון קאַנאַדע, פון דרום־אַפריקע און פון אַרגענטינע, חלוצישע כוחות, — ניט די וואָס אַנטלויפן פון פּאָגראָמען און היטלער־געפאַר, נאָר אַ אונטערנעמערישע יוגנט, מיט קאַפּאַציטעט, וועלכע זעט פאַר זיך אַ לעבנס־מיסיע צו מאַכן בליען די וויסטעניש, צו באַצווינגען די נאַטור־כוחות, דערציען און אָנפירן מיט די גלות־קיבוצים, צו בויען די העברעאישע קולטור, צו שטאַרקן דעם יידישן כוח, צו פאַרמען די יידישע זעלבשטענדיקייט, צו שאַפן אַ יידישע פּרעכטיקע און מוסטער־געזעלשאַפט.

„ציוניסטן” וועלכע זענען קעגן אַ חלוצישער עליה פון ענגלאַנד און אַמעריקע זענען אָפּגעפרעמדט פון דעם נשמהדיקן עיקר פון ציוניזם און מדינת ישראל צוזאַמען, און טוען אַ רעה און שעדיקן דערמיט די יידישע יוגנט אין זייער לאַנד.

צי האָט דען אַ יידישער יוגנטלעכער אין ענגלאַנד און אַמעריקע, אַ יוגנטלעכער באַשאָנקען מיט איניציאַטיוו, וויסן, בילדונג און אַרבעטס־פעיאַקייט, אַ מער געבענטשטע און פרוכטבאַרע מיסיע ווי די וואָס דער־וואַרט אים אין מדינת ישראל, אַט די מדינה וואָס פירט דורך די גרעסטע רעוואָלוציאָנערע און קאָנסטרוקטיווע אַקציע אין אונדזער דור? — אויך די ערשטע חלוצים, די וועלכע זענען געקומען מיט זיבעציק און מיט פערציק יאָר צוריק, אויך זיי האָט דאָס לאַנד געגעבן מער ווי זיי האָבן געגעבן דעם לאַנד. ניט יעדער דור איז זוכה צו מעשה־בראשית. אפשר נאָר די ערשטע

דורות פון די בויער פון אַמעריקע האָבן געהאַט אַזאַ שאַנס ווי עס האָבן איצט די יונגע כוחות אין מדינת ישראל: אין דער יידישער געשיכטע און אין לעבן פון דער יידישער יוגנט איז עס געוויס נאָך ניט פאַרגעקומען. און איך בין זיכער, אַז אויב מ׳וועט דאָס וואָס ווערט דאָ געשאַפן און דאַרף נאָך געשאַפן ווערן, פאַרברענגען אַזוי ווי דאָס איז, מיט זיין גאַנצער רייכ־קייט און מעגלעכקייטן און וויזיע, פאַר דער יידישער יוגנט און פראָפעסיאָ־נעלער אינטעליגענץ אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער, אין דרום־אַמע־ריקע און אין מערב־אייראָפּע — וועלן שטראָמען אַהער די בעסטע פון דער יוגנט. זיי וועלן פרוכטבאַר באַווירקט ווערן און וועלן אויך פרוכטבאַר באַ־ווירקן אונדזער יוגנט.

מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק, אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בין איך פאַרטריבן געוואָרן דורך דער טערקישער מאַכט קיין אַמע־ריקע און אין 1915 האָבן מיר געגרינדעט, דער חבר בן־צבי און איך, די ערשטע „חלוץ״־אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט. דווקא אין די פאַראייניקטע שטאַטן. וואָס ס׳איז געווען מעגלעך דעמאָלט צו מאַכן, ווען אונדזער אויפטו אין לאַנד איז נאָך געווען כמעט אַן אָנהויב, קען מען איצט מאַכן אין אַ סך אַ גרעסערן מאָסשטאַב און מיט אַ מעכטיקערן שוווּנג. אינעם כינוס פון די פאָרשטייער פון אַמעריקאַנער יידנטום אין ירושלים האָב איך דערציילט, אַז די עליה פון אַמעריקע האָט זיך פאַרפינפאַכט נאָכן אַנטשטיין פון מדינת־ישראל אין פאַרגלייך מיט דער עליה פריער.

אין די אַרבעטער פּונקטן אַליין געפינען זיך ביי צוויי טויזנט חלוצים, וועלכע זענען געקומען אין לאַנד אין די לעצטע צוויי יאָר פון די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער און איך צווייפל ניט אַז ס׳איז נאָר אַן אָנהויב.

זעצט פאָר און פאַרשטאַרקט אייער אַרבעט צווישן דער יוגנט זי זאָל חלוציזירט ווערן. אייער אַרבעט וועט זיך אָפּצאָלן. און אויב דער אָנהויב איז ניט קיין אָנזעעוודיקער — וועט אָבער די ענדע און דער שכר זיין גרויס.

14.9.1950

# שבת־ציון און די יידישע קולטור

די אויפריכטונג פון ישראל האָט געמאַכט אַ פּאָליטישע און טעריטאָריעלע איבערקערעניש, וואָס איז בולט און קלאָר פאַר יעדן איינעם. זי פאַרורזאַכט אויך אַ גייסטיקע און סאָציאַלע איבערגעשטאַלטונג, וואָס טראָגט אין זיך אַ סך ווירקונגען פאַר דער צוקונפט. די דאָזיקע איבערגעשטאַלטונג איז נאָך אפשר פאַרהוילן פאַר דעם אומבאַוואָפנטן אויג, אָבער אירע רעזולטאַטן וועלן זיך אַלץ מער און מער אַנטפּלעקן אין לויף פון דער צייט.

די וואַנדערונגען און די צעשפּרייטונג האָבן אין משך פון טויזנטער יאָרן ניט געקענט אויסוואָרצלען די עקסיסטענץ פונעם יידישן פאָלק און אַפילו זיין אייגנאַרטיקע געשטאַלט. זיי האָבן אָבער פאַרקרימט און פאַרדרייט זיין פּנים. די אָפּהענגיקייט פון פרעמדע פעלקער האָט ביי אונדז צוגענומען די פרייהייט פון געדאַנק און גייסט, האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט, ביודעים ובלא יודעים, אַ שטעמפּל פון אינערלעכער קנעכטשאַפט און האָט פאַרשמעלערט די האָריזאָנטן פון אונדזער בליק. אַז אַ פאָלק איז אויסגעשטעלט צום חסד פון פרעמדע, איז אים שווער צו זען זיך און אַנדערע אין אַ ריכטיקן ליכט.

מיט דער אויפריכטונג פון דער מדינה קומט פאָר אַ גרינטלעכע ענדערונג אין אונדזער קוק אויף זיך אַליין, אין דעם אופן ווי מיר זעען די וועלט און ווי די וועלט זעט אונדז. אונדזער אינערלעכע און אויסערלעכע געשטאַלט ווערט געפורעמט פונדאָסניי. מיר דערנענטערן זיך אַלץ מער און מער צום מקור און צום היסטאָרישן שורש פון אונדזער אומה פון דער אור־צייט ווען זי האָט זיך געשאַפן און איז געוואָרן זעלבשטענדיק, און צו איר גייסטיקער ירושה פון דער תקופה פון תנ״ך; און אין דער זעלביקער צייט ווערן מיר אַלץ מער און מער פרייע בירגער פון דער גרויסער וועלט און פאַרוואָרצלען זיך אין דער מענטשלעכער אוניווערסאַלער ירושה פון אַלע דורות און פון אַלע פעלקער.

ווי אויף אַנדערע פעלקער, האָט די צייט געווירקט אויך אויף אונדז. און קיין שום פאָלק אין אונדזערע טעג קען ניט און דאַרף ניט זיין דאָס וואָס עס איז געווען מיט טויזנט, מיט צוויי טויזנט אָדער דריי טויזנט יאָר צוריק. די אויפריכטונג פון זעלבשטענדיקן ישראל מיינט ניט, אַז מען דאַרף זיך צוריקקערן צו דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט; פאַרקערט, די מדינת

רעדע געהאַלטן אין ירושלים, דעם 25סטן מאַי 1952, ביים באַקומען דעם ערן־דאָקטאָראַט פון העברעאישער ליטעראַטור, צוגעטיילט דורכן יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר פון ניו־יאָרק.

ישראל איז געווענדט מיטן פּנים צו דער צוקונפט. אָבער די דאָזיקע צוקונפט זויגט אויך פונעם קוואַל פון חיות און ערשטיקייט פון דעם פאָלק, און זאַפּט איין אין זיך דאָס גאַנצע ליכט פון דער ירושה פון עבר. די פאַרגאַנגענהייט; דער עבר לעבט אין אונדז, אָבער מיר לעבן ניט אין עבר.

בדרך כלל וואַרפט די פאַרגאַנגענהייט אַ ליכט אויפן איצט, און די געשיכטע דערקלערט דאָס וואָס עס קומט פאָר אין אונדזערע טעג דורך די געשעענישן וואָס זענען זיך פריער פאַרלאָפן. עס טרעפט אָבער אויך, אַז דער איצט וואַרפט אַ ליכט אויף דער פאַרגאַנגענהייט. און די אויפריכטונג פון דער מדינת ישראל איז אַ כאַראַקטעריסטישער מוסטער פאַר דעם.

קיין בר־דעת קען איצט מער ניט צווייפלען, צי מיר זענען געווען אַ פאָלק אויך אין משך פון דער גאַנצער גלות־תקופה — אמת, אַ פאָלק פון אַן אייגנאַרטיקן מין, „סואי גענעריס". מיר זענען ניט געווען ענלעך צו אַנדערע פעלקער, און אויך אַצינד זענען מיר נאָך ניט ענלעך, און מיר וועלן אויך ניט זיין ענלעך אין דער צוקונפט. מיר האָבן אויפגעהאַלטן אונדזער יחוד, אונדזער אייגנאַרטיקייט — און מיר וועלן זי ווייטער אויפהאַלטן. אָבער אפשר האָבן בלויז די יידן געמיינט, אַז אַלע אַנדערע פעלקער זענען ענלעך איינס צום צווייטן, און דעריבער האָבן זיי מיט אַ נאַאיווער פשטות איינגעטיילט די וועלט אין צווייען: די יידן און די גויים. ס'איז אָבער אַ ספק, צי ס'איז פאַראַן איין פאָלק אויף דער וועלט וואָס האַלט ניט, אַז עס איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער, און מיט רעכט. די אַנדערשקייט איז אַן אַליוועלטלעכער און אוניווערסאַלער פאַקט; דער אונטערשייד איז נאָר אין כאַראַקטער פון דער אַנדערשקייט, אין איר חשיבות און איר קראַפט.

די אַנדערשקייט און דער יחוד פון יידישן פאָלק, זיינע געבענטשטע גייסטיקע אייגנשאַפטן און זיין קולטור־שאַפונג, די רעליגיעזע און די מאָראַלישע, אין דער תקופה צווישן יציאת־מצרים און שיבת־בבל, ס'הייסט אין דער תקופה צווישן משה רבינו און עזרא, האָבן געמאַכט דאָס יידישע פאָלק פאַר אַן עם־עולם, אַן אייביק פאָלק; און האָבן באַשטימט איינעם פון די גרויסע און דעצירירנדיקע פאַקטאָרן אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן גייסט. זייער ווירקונג איז קענטיק ביז צום היינטיקן טאָג אויף אַ גרויסן טייל פונעם מענטשלעכן מין.

די דאָזיקע אַנדערשקייט, וואָס האָט איר יסוד אין אַן אייגנאַרטיקער גייסטיקער און מאָראַלישער פעאיקייט — אַ טאַלאַנט וואָס איז אַ יחיד במינו — איז בייגעשטאַנען דעם יידישן פאָלק אויך דאַן ווען עס האָט פאַרלאָרן זיין זעלבשטענדיקייט. אָבער די אַנדערשקייט פון יידישן פאָלק בשעת ער האָט געלעבט אין זיין לאַנד איז געווען פאַרשיידן פון זיין אַנדערשקייט בעת ער איז אַוועק אין גלות. דער גלות האָט געענדערט די געשטאַלט און דעם מעמד פון יידישן פאָלק ניט בלויז אין פּאָליטישן און טעריטאָריעלן זינען, נאָר אויך אין זינען פון גייסט און קולטור.

דער גלות האָט באַשרענקט דעם האָריזאָנט פון פאָלק, האָט געפּענטעט זיין גייסט. דער קוואַל פון שאַפונג איז ניט געוואָרן פאַרשטאָפּט און איז ניט אויסגעטריקנט געוואָרן, אָבער זיין שטראָם האָט זיך איינגעשלאָסן אין די דלת אמות פון געטאָ.

אויך בעת מיר האָבן געלעבט אויף אונדזער ערד, אין די אוראַלטע צייטן, איז דער יידישער געניוס, וואָס האָט געגעבן דער מענטשהייט אַ רייכע און באַפרוכפּערנדיקע נחלה, געווען איינזייטיק און באַגרענעצט. מיר האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט וויסנשאַפט און פילאָסאָפישע ספּעקולאַציעס, מיר האָבן ניט אַנטוויקלט קיין קונסט פון מאַלעריי און סקולפּטור, און מיר האָבן ניט אַרויסגעוויזן צופיל טאַלאַנט אין מעכאַניק, אין שטאַט־פירונג און מיליטער, הגם מיר האָבן קיין מאָל ניט געהערט צו די וואָס נעגירן דאָס לעבן און זענען מבטל דעם עולם הזה, ווי די חכמי־אינדיע און די ערשטע קריסטן; דער גלות האָט נאָך מער באַשרענקט אונדזער גייסטיקע און קולטורעלע וועלט, און אויך דער אופן פון באַטראַכטן אונדזער עבר איז פאַרקרימט געוואָרן.

רבי יוחנן בן־זכאי, וואָס האָט געבעטן ביים רוימישן דעראָבערער יבנה וחכמיה, האָט אפשר אַזוי־אַרום געראַטעוועט דעם קיום פון פאָלק ישראל און אויסגעשמידט זיין גייסט, אַז ער זאָל קענען אויסהאַלטן די מאַטערנישן און צרות וואָס האָבן אונדז באַגלייט אויף דעם וועג פון אונדזערע לאַנגע פּילצאָליקע וואַנדערונגען. אָבער דער גרעסטער צווישן די תלמידים פון רבי יוחנן בן זכאי, רבי עקיבא בן יוסף — די גרעסטע געשטאַלט וואָס איז אויפגעשטאַנען אין יידנטום נאָכן חורבן, — האָט זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט יבנה און אירע תלמידי־חכמים, ער האָט זיך באַטייליקט אין בר־כוכבאס אויפשטאַנד, כדי צו באַנייען די אומאָפּהענגיקייט פון ישראל און פון זיין פרייער מדינה. און בלויז נאָכדעם ווי אויך דער דאָזיקער פאַרצווייפלטער פּרווו איז דורכגעפאַלן, איז דאָס יידישע פאָלק געוואָרן אַן „עם־הספר". דעם גרויסן חלל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם פאַרלוסט פון דער אומאָפּהענגיקייט, פונעם היימלאַנד און פון דער גאַנצקייט פון לעבן פון אַ זעלבסטשטענדיקן פאָלק, האָט מען פאַרבירט אָנפילן מיט פירושים און פירושי - פירושים אויפן תנ״ך. דער ספר וואָס איז געבאָרן געוואָרן אויף אַ היסטאָרישן הינטערגרונט פון זעלבשטענדיקייט און פון אַ היימלאַנד, און פון אַ באַשטימטער אינטער־נאַציאָנאַלער סביבה — דעם דאָזיקן ספר איז דאָס פאָלק מער ניט געווען מסוגל צו זען און צו פאַרשטיין אין זיין אורשפּרינגלעכקייט.

דער גורל פון ספר איז געווען ווי דער גורל פון פאָלק: דער גרויסער און אייביקער ספר, וועלכער דערציילט מיט ווונדערלעכער קונסט די געשיכטע פון אַ יונגן און גאונישן פאָלק וואָס האַלט אין געשאַפן ווערן, זיינע אינערלעכע געראַנגלען און זיינע גייסטיקע ראַנגלענישן, זיינע שווערע

צוזאמענשטויסן מיט אויסערלעכע כוחות און פרעמדע איינפלוסן; דער ספר וואָס פאַרקערפּערט די שטרעבונגען, די געדאַנקען און די וויזיע פון דאָזיקן פאָלק, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די רייד פון זיינע נביאים און דיכטער; וועלכער זאָגט אָן דער מענטשהייט רעליגיעזע און מאָראַלישע אמתן, וואָס זייער ליכט וועט קיין מאָל ניט פאַרטונקלט ווערן, און איז כולל דברי־חכמה און באַטראַכטונגען און השתפכות־הנפש, וואָס אין טיפ־קייט פון אויסדרוק, קראַפט פון וואָרט און טיפע נשמה־איבערלעבונגען זענען פאַראַן ווייניקע זייערגלייכן אין דער וועלט ־ ליטעראַטור — אויך ער, דער ספר, איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון דעם באָדן אין וועלכן ער איז געוועזן פאַרפלאַנצט און פון וועלכן ער האָט געצויגן זיין חיות, און איז צוזאַמען מיט זיין פאָלק פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ מאַטעריעלן און גייסטיקן געטאָ.

שיר־השירים — דער מעכטיקער און אויסדרוקפולער הימן צו דער נאַטור און צו דער ליבע — איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלעגאָרישן שמועס צווישן דער כנסת־ישראל און הקב״ה; דוד המלך, דער מוטיקסטער קעמפער און דעראָבערער צווישן די מלכים פון ישראל, האָט אין די אויגן פונעם בעל־האגדה באַקומען די געשטאַלט פון אַ דיין, וואָס איז עוסק טאָג־ווי־נאַכט אין הלכות שפיר ושליה; און ניט בלויז די חכמי־האגדה, נאָר אויך פילאָן דער אַלעקסאַנדריער, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף דער גריכישער פילאָסאָפיע, האָט פאַרפאַסט אגדה־מדרשים אין ריינעם גריכיש און האָט געמאַכט אַלעגאָרישע פירושים אויף דער תורה, וואָס די קדמונים זענען זיי גאָר קיין מאָל אויפן זינען ניט געקומען.

מיטן פאַרלוסט פון זיין מלוכהשער פרייהייט איז דאָס יידישע פאָלק אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין צוויי קעגנגעזעצטע רשויות, אין צוויי „וועלטן״: פון איין זייט, די רשות פון דער יידישער ירושה, און פון דער צווייטער זייט — די רשות פון פרעמדן פאָלק מיט זיין ווירטשאַפט, זיין עקאָנאָמיע, זיין קולטור, זיינע געזעצן, זיין צוזיאונגס־קראַפט און זיין קעגנערשאַפט.

די אונטערגעוואָרפנקייט צו די דאָזיקע צוויי וועלטן און דער זעלישער, גייסטיקער און מאַטעריעלער „ויתרוצצו״, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן — דאָס איז דער תמצית פון דער יידישער געשיכטע אין גלות; ניט תמיד, ניט אין יעדער צייט און ניט אין יעדן לאַנד איז פאַראַן בהכרח אַ קעגנזאַץ צווישן די צוויי רשויות. עס זיינען געווען תקופות אין מיטלאַלטער און עס זיינען פאַראַן לענדער אין אונדזער צייט, ווו מצד דער מדינה און דעם פאָלק, וואָס די יידן וווינען אין זייער מיט, ווערן די יידן ניט געשטערט צו לעבן לויט זייער ווילן און צו אַנטוויקלען זייערע אייגנאַרטיקע ווערטן; אָבער דער צד השווה אין אַלע צייטן און אַלע לענדער — און דאָס איז דער סטאַבילער עלעמענט פון גלות־לעבן וואָס ענדערט זיך ניט — איז דאָס וואָס דער ייד (אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך געבליבן אין אַ געוויסער מאָס אַ ייד) לעבט אין צוויי פאַרשיידענע רשויות, צוויי פאַרשיידענע „וועלטן״, און וואָס אין זיין

נשמה און אין זיין לעבן איז בהכרח פאַראַן אַ ריס, וואָרים ער ווערט גע־וואָרפן צווישן דער יידישער רשות און דער ניט־יידישער רשות.

די יידישע וועלט איז באַשרענקט אין אַ קליינעם גייסטיקן ווינקל און זי ציט איר חיות בעיקר פון דעם עבר. די פרעמדע רשות, וואָס איז כמעט אומבאַגרענעצט, ציט איר חיות פון דעם איצט און איז געווענדעט צו דער צוקונפט; זי הילט איין, ביודעים ובלא יודעים, דאָס גאַנצעווירקלעכע לעבן פונעם ייד און באַשטימט זיין מעמד, זיין דערציאונג, זיין קולטור, זיין פרנסה און זיינע טאָג־טעגלעכע פירונגען. און די דאָזיקע מחיצה, וואָס שטייט צווישן די צוויי וועלטן, פורעמט די געשטאַלט פון די יידן אין גלות — זייער געשטאַלט ווי זי זעט אויס אין זייערע אייגענע אויגן און ווי זי זעט אויס אין די אויגן פון די גויים. און דער ייד וויגט זיך צווישן גטאָ און אַסימילאַציע, צווישן ביטול (צום אַרום) און זעלבסט־ביטול, צווישן אַנטלויפן פון דער וועלט און אַנטלויפן פון זיך אַליין. מאַנכעסמאָל פאַרשליסט ער זיך אין גאַנצן אין זיך גופא און דערנערט זיין נשמה מיט די שיריים פון דער יידישער ירושה, וואָס איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן פונעם מקור פון איר חיות. און מען מוז באַוואונדערן די וווּנדערלעכע וויטאַליטעט און די שאַ־פונגס־קראַפט וועלכע זיינען פאַרבאָרגן אין דאָזיקן עם־עולם, וואָס אַפילו אין אַזעלכע באַדינגונגען ווערט ניט זיין שאַפונג אין גאַנצן איבערגעריסן, — הגם די דאָזיקע שאַפונג זיינע איז ס׳רוב אויסגעוואָרצלט פון דער ווירק־לעכקייט און זי שוועבט אין אַ ליידיקן חלל, אָן אַ ממשותדיקן אָנהאַלט אין די פאָדערונגען און באַדערפעניש פון לעבן וואָס באַנייט זיך כסדר. און עס טרעפט, פאַרקערט, אַז ער פאַרלאָזט טיילמאָל זיין איינזאַמע און פאַרשטוי־סענע נעסט, קלאַפּט אין די טירן פון פרעמדן פאָלק און באַמיט זיך איינגע־גלידערט צו ווערן אין איר קולטור און אויפגעבויט צו ווערן פון איר.

אין ערשטן פאַל איז ער מבטל די גאַנצע וועלט און ער האָט הנאה פו־נעם געפיל פון העכערקייט פון אַן אויסדערוויילטן פאָלק, וואָס איצט איז אים טאַקע ביטער און שלעכט אויף דער וועלט, אָבער אין דער צוקונפט וועט ער דערפאַר געניסן פון אַלדאָס גוטס אויף יענער וועלט. אין צווייטן פאַל איז ער זיך מבטל פאַר אַנדערע; ער פאַרטושט זיין אייגנאַרטיקן קאָליר, שטופּט זיך אַריין אין אַ וועלט וואָס איז ניט זיינע, פּאַסט זיך צו און ווערט פאַרוואַנדלט אין עמעצן אַנדערש. אויב עס געלינגט אים, ווערט ער אַבסאָרבירט און ער מישט זיך אויס מיטן אַרום; ווען עס געלינגט אים ניט — ווערט ער אַרויס־געשפּיגן, און אַ באַליידיקטער פאַרלירט ער אַלע זיינע וועלטן.

דער דאָזיקער „ויתרוצצו" צווישן די צוויי רשויות האָט קיין מאָל ניט אויפגעהערט אין דער געשיכטע פון די יידן אין גלות, און ער וועט ניט אויפ־הערן אַזוי לאַנג ווי יידן וועלן לעבן אין דער פרעמד און וועלן ניט וועלן אָדער ניט קענען זיך פולשטענדיק אַסימילירן, און וועלן אויך ניט וועלן, אָדער ניט קענען, זיך אומקערן אין זייער זעלבסטשטענדיק היימלאַנד.

מחמת דעם דאָזיקן וואַרפן זיך אַהין און אַהער, זעען ניט די יידן ווי געהעריק די וועלט, און די פעלקער פון דער וועלט זעען ניט ווי געהעריק די יידן.

די אַנטי־יידישע פאַרלוימדונג האָט אין אַלע דורות פרובירט באַווייזן, אַז די יידן זיינען אַנדערש ווי אַלע אַנדערע פעלקער צום שלעכטן, ו א י ן  ש ו ה  ל ה נ י ח ם, און עס לוינט זיך ניט זיי צו לאָזן, און אויב ס'איז ביי זיי יאָ פאַראַן עפּעס גוטס, איז עס גענומען פון פרעמדע. און די דאָזיקע באַשולדיקונג האָט זיך ניט אָנגעהויבן אין ניינצנטן יאָרהונדערט און ניט אין מיטלאַלטער, נאָר זי איז שוין געווען פאַרן חורבן בית שני; זי געפינט זיך שוין אין דער ליטעראַטור פון די מצרים, די גריכן און די רוימער פון פאַר צוויי טויזנט יאָר צוריק און נאָך פריער; און די יידישע אַפּאָלאָגעטיק האָט זיך אויך ניט אָנגעהויבן מיט די „בני־ברית“ אין אַמעריקע און מיט דער גרינדונג פון דער „אַנטי־דעפאַמיישאָן ליג“, נאָר זי איז שוין אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש, אין אַריסטיאַס־בריוו, אין די יידישע סיבילן, אין די שריפטן פון פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, פון יוסף פלאַוויוס און די אַנדערע יידישע שריפטשטעלער אין דער העלעניסטישער תקופה; און די אַלע, און די וואָס זיינען געקומען נאָך זיי, האָבן פרובירט באַווייזן, אַז אַלדאָס גוטס שטאַמט פון יידנטום, און אַז די חכמת־יוון האָט בלויז בלומען, ניט קיין פרוכט.

אין גלות האָבן מיר געקוקט אויף דער וועלט מיט שרעק, מיט פרעמדקייט, מיט קנאה, מיט בטול אָדער התבטלות, ווייל מיר האָבן אין איר ניט געהאַט קיין גלייכן חלק, ווי גלייכע. ס'איז אַ ספק, צי מיר זיינען געווען פעאיק צו פאַרשטיין אַנדערע פעלקער, וואָרים מיר זיינען געווען באַלאַסטעט מיט אַ קאָמפּלעקס פון דערדריקנדיקער מינדערווערטיקייט אָדער מיט אַ געפיל פון פאַרנעפּלטער העכערקייט. אין בעסטן פאַל האָבן מיר נאָכגעמאַכט אַנדערע, מחמת יראת־הכבוד אָדער מיר האָבן געטאַדלט זייער פירונג און זייערע דרכים, ווייל מיר זיינען ניט דערגאַנגען צו זייער מדרגה. און נאָך ווייניקער ווי מיר האָבן זיי פאַרשטאַנען, האָבן זיי אונדז פאַרשטאַנען, ווייל אין זייער אינטערנאַציאָנאַלער דערפאַרונג איז ניט געווען קיין שום אָנגענומענער מאַסשטאַב אויף אונדז צו מעסטן; וואָרים מיר זיינען געווען ניט בלויז אַנדערש, נאָר אויך יוצאי־דופן.

זינט מיר זיינען ווידער געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק אין זיין לאַנד, אַ גלייכבאַרעכטיקט פאָלק אין דער משפחה פון די פרייע פעלקער, מוזן מיר מער ניט זיין סענסיטיוו צום אַנטי־יידישן קיטרוג, און מיר מוזן זיך מער ניט פאַרנעמען מיט אַפּאָלאָגעטיק. ווי פרייע מענטשן וועלן מיר קענען, און אויך דאַרפן, זען זיך אַליין, אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער איצטיקער צייט, אַזוי ווי מיר זיינען, מיט אַלע אונדזערע פגימות, חסרונות און פעלערן — און פאַרריכטן אַלץ וואָס מען דאַרף מתקן זיין; און

אַנשטאָט צו ווייזן אַנדערע אונדזער שיינקייט און רייכקייט — וואָס מיר האָבן יאָ און וואָס מיר האָבן ניט — וועלן מיר זיך אָנשטרענגען צו אַנט־וויקלען אונדזער געבענטשטע ירושה און צו דערווערבן פאַר זיך אַלע מענטש־לעכע פּאָזיטיווע ווערטן און נכסים, וואָרים מיר זיינען אַ טייל פון דער מענטשהייט און קיין שום מענטשלעכע זאַך איז אונדז ניט פרעמד, און מיר וועלן פורעמען אונדזער לעבן, אונדזער קולטור און אונדזער געשטאַלט מיט געטריישאַפט צום גרויסן ליכט פון אונדזער עבר און מיט מאַקסימום באַ־טייליקונג אין די אַלגעמיין־מענטשלעכע גרונט־ווערטן, וואָס ווערן אַנט־וויקלט דורך די גרעסטע דענקער און לערער פון אונדזער צייט, און וואָס אין זייערע שאַפונגען און אַרבעטן האָבן מיר גאָרניט קיין קליינעם חלק.

צוויי פּאַראַלעלע קולטור־באַגריפן, וואָס זיינען אָנגענומען אין דער וועלט און אין אונדזער וועלט, מאַכן קלאָר די גאַנצע אַנאָמאַליע וואָס האָט עקסיסטירט אין גלות אין אונדזער קולטור־אויפפאַסונג.

איך בין דאָ אויסן די באַגריפן „חכמת־יוון" און „חכמת־ישראל". עס רעדט זיך דאָס מאָל ניט וועגן די קענטיקע און וויכטיקע אונטערשיידן אין כאַראַקטער און אין דער פעאיקייט פון די צוויי קליינע פעלקער, וואָס האָבן אין זייער צייט דערפילט אַזאַ וויכטיקע אויפגאַבע אין דער קולטור פון דער וועלט, נאָר וועגן די טיפע אונטערשיידן אין אינהאַלט און וועגן די מהותן פון די עצם באַגריפן.

ווען מיר זאָגן „חכמת־יוון", זיינען מיר אויסן דאָס דענקען פון די גרויסע גריכישע געלערנטע, וואָס האָט אַרומגענומען די גאַנצע וועלט. מיר האָבן דערביי אין זינען די געדאַנקען פון טאַלעס און זיינע תלמידים וועגן די נאַטור־פּרינציפּן, די אויפפאַסונג פון הערואַקליט, פּיטאַגאָראַס און פּאַר־מעגידעס וועגן דעם וועזן פון קאָסמאָס און זיין באַשאַפונג; די טעאָריעס פון היפּאָקראַטאָס וועגן די פאַקטאָרן פון דער נאַטור און פונעם קלימאַט אין דעם געזונט צושטאַנד פון מענטש און זיינע קראַנקהייטן, די דיאַלאָגן פון פּלאַטאָ וועגן גערעכטיקייט, קדושה, מוט, ליבע, דערציאונג, שטאַט, וועגן די געזעצן און דעם רעזשים, און די העכערע אידעען; די ביכער פון אַריסטאָטעלעס וועגן לאָגיק, וויסנשאַפטן, מעטאַפיזיק, פּאָעזיע און עטיק; די שריפטן פון טעאָפראַסטאָס וועגן פלאַנצן און נאַטור־וויסנשאַפט; די מאַטעמאַטישע חי־בורים פון אויקלידעס, אַרכימעדעס, אַריסטראַכאָס, מאַסמאַס און אַנדערע.

ווען מיר זאָגן, אָבער, אין גלות „חכמת־ישראל" — זיינען מיר אויסן די ליטעראַטור און פאָרשונגען, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם עבר פון יידישן פאָלק, זיין רעליגיע, זיין ליטעראַטור. ווען מיר האָבן אַפילו, ביז איצט, יאָ געשריבן וועגן דער יידישער פילאָסאָפיע, האָבן מיר אין זינען גע־האַט בלויז די טעאָלאָגישע פילאָסאָפיע פון די חכמי־ישראל אין איר באַצי־אונג צו דער יידישער אמונה; אין די דאָזיקע ביכער איז ביז היינט ניט אויסגעטיילט געוואָרן קיין אָרט פאַר דעם גרעסטן פילאָסאָף וואָס דאָס יידי־

שע פאָלק האָט אַרויסגעגעבן אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, איינער פון די גרעסטע דענקער פון דער גאַנצער מענטשהייט — הגם דער דאָזיקער פילאָ־סאָף האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דעם עבר און מיט די פּראָבלעמען פון יידנטום און האָט שוין מיט דריי הונדערט יאָר צוריק אָנגעזאָגט און פאַר־אויסגעזאָגט די אויפריכטונג פון דער מדינת ישראל.

מיט דער באַנייאונג פון מדינת ישראל געפינען מיר זיך ווידער אין אייך און אייניציקן רשות — אין אונדזער אייגענעם רשות. דער באַגריף „אונ־דזער אייגענער" ווערט דאָ ניט געבראַכט כדי צו באַשרענקען און אָוועקצו־שטעלן אַ מחיצה צווישן אונדז און דער וועלט. פאַרקערט, גראָד דורך דעם וואָס מיר געפינען זיך אין אונדזער אייגענעם רשות, ווערן מיר אויף אַ פרייען און גלייכן אופן פאַרוואַנדלט אין בירגער פון דער וועלט, ניט בלויז אין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן זינען, נאָר אויך אין גייסטיקן און קולטור־זינען. אין גלות זיינען מיר געווען שטיף־אונטערטאַנען אָדער היימלאָזע פּליטים, וועלכע נייטיקן זיך אין אַ „נאַנסן־פּאַספּאָרט" וואָס אונטערשיידט ניט צווישן איין פאָלק און אַ צווייטן, איין מדינה און אַ צווייטער. אין מדינת ישראל זיינען מיר געוואָרן וועלט־בירגער אויפן גרונט פון דעם וואָס מיר זיינען קינדער פון אַ זעלבסטשטענדיקן היימלאַנד, וואָס איז גלייכבאַרעכ־טיקט אין דער משפּחה פון די פעלקער.

דער פאַקט וואָס מיר געפינען זיך אין אונדזער אייגענעם רשות גיט אונדז צוריק די קרוין פון אידענטיטעט און פון אינערלעכער אחדות, און אונדזער באַציאונג צו דער וועלט און צו דער קולטור פון דער וועלט איז אַ שותפות־באַציאונג פון גלייכע.

די פאָרשונג און דער חינוך אין ישראל מוזן אַרומנעמען דעם גאַנצן אוניווערס, די אַטאָם־פאָרשונג און די פאָרשונג פון די שטערן, פון די בעלי־חיים און פלאַנצן, די פאַרבאָרגענישן פון דער ערד און פון די ימען, די ווינטן און דעם וועטער און אַלע פאַרהוילונגען פון דער נאַטור אין הימל אי־בער אונדז און אין דער ערד אונטער אונדז, ווי אויך די געשיכטע פון מענטש זינט ער איז דערשינען אויף דער אַרענע פון לעבן, זיינע גרעאַנגלען, זיינע עליות און ירידות, זיינע ראַנגלענישן מיט זיך אַליין און מיט אַנדערע מענטשן, ביחידות און בציבור, אין אַלע עפּאָכעס און אין אַלע וועלט־טיילן; דאָס אַלץ וועט דינען ווי אַ ציל פאַר די אָנשטרענגונגען פון פאָרשנדיקן גייסט אין ישראל. אויך די ליטעראַטור פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד מוז כולל זיין אין זיך אַלע אוצרות פון מענטשלעכן גייסט זינט די אוראַלטע צייטן ביז איצט, אַלע אַנטיקע שאַפונגען פון די פעלקער פון מצרים און בבל, כינע און אינדיע, פּערסיע און די אַראַבישע פעלקער, גריכנלאַנד און רוים, און די גאַנצע ליטעראַרישע ירושה פון מיטלאַלטער און דער נייער תקופה אויף אַלע שטחים פון דער וויסנשאַפטלעכער, קינסטלערישער, פילאָ־סאָפישער, רעליגיעזער און פּאָעטישער שאַפונג — ווי אַ צוגאָב צו די ספרים

וואָס זיינען לכתחילה געשריבן געוואָרן אויף העברעאיש אָדער זיינען גע־שריבן געוואָרן פון יידן און וועגן יידנטום אין פרעמדע שפּראַכן.

***

ס'איז איבעריק צו אונטערשטרייכן, אַז אין גרויסן קולטור־ווערק פון ישראל וועט פאַרנעמען אַ חשוב און באַזונדער אָרט — די פאָרשונג פון דער געשיכטע פון פאָלק, די אַלטערטימלעכקייטן פון לאַנד, זיינע אייגנשאַפטן, זיין געאָלאָגישער און טאָפּאָגראַפישער געבוי, זיינע נאַטירלעכע אוצרות, זיינע וואַסערן און קלימאַט, זיינען ימען און זייערע ברעגן, די פלאַנצן און בעלי־חיים וואָס געפינען זיך אין אים, זיינע אור־אַלטע ישובים, די ענדערונגען און טראַנספאָרמאַציעס וואָס זיינען אין זיי פאָרגעקומען מחמת דער פעלקער־באַוועגונג, די דעראָבערער און די מלחמות זינט די אוראַלטע צייטן ביז היינט־צו־טאָג — מיט דעם אַלעם האָבן זיך אין משך פון דורות פאַרנומען פאָרשער פון אַלע קולטור־פעלקער. וועגן קיין שום לאַנד, וואָס איז מיט זיין שטח ניט גרעסער פון אונדזער לאַנד, איז כמעט ניט אָנגעשריבן געוואָרן אַזאַ רייכע ליטעראַטור אין אַ סך שפּראַכן, ווי ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן ארץ־ישראל. מיר וועלן ניט פאַרמינערן דעם זכות פון די פאָרשער פון די אומות־העולם און פון אונדזער פאָלק, וואָס האָבן אַ סך אויפגעטאָן כדי צו באַלייכטן דעם עבר פון אונדזער לאַנד. אָבער ערשט מיט דער באַפרייאונג־מלחמה און מיט דער זעלבשטענדיקייט פון ישראל איז געשאַפן געוואָרן די פולע מעגלעכקייט צו פאָרשן דאָס לאַנד וואָס געפינט זיך אין אונדזער רשות.

נאָר אַ פאָלק וואָס לעבט אין זיין לאַנד און איז זעלבסטשטענדיק, וואָס איז באַוואָפנט מיט קולטור און וויסנשאַפט־מכשירים פון אונדזער צייט און וואָס מוז אַנטוויקלען אַלע אוצרות פון זיין היימלאַנד פאַר זיין קיום און זיין עתיד — נאָר אַזאַ פאָלק איז מסוגל צו אַנטפּלעקן די סודות פונעם עבר פון לאַנד און פון זיין נאַטור, וואָס זענען נאָך פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פון דער ערד, אין די צאַלרייכע בערגלעך, אין די שפּאַלטן פון די פעלזן און די היילן פון מדבר, און וועט וויסן ווי אויפצודעקן זיינע אוצרות, וואָס זענען פאַרהוילן אין שויס פון דער ערד און אין די וואַסערן פון זיינע אָזיערעס און ימען.

טויזנטער יאָרן האָבן מיר געלייענט די תורה וועגן „ארץ אשר אבניה ברזל ומהרריה תחצוב נחושת" — אַ לאַנד וואָס זיינע שטיינער זענען אייזן און פון זיינע בערג וועסטו האַקן קופּער (דברים ח' ט'); אָבער ערשט נאָכדעם ווי די צבא הגנה לישראל — האָט באַפרייט דעם נגב אין דער זעלבשטענדי־קייטס־מלחמה, האָבן מיר טאַקע ממש אַנטדעקט די קופּער־גרובן און די אייזן־שטיינער. און מיר האָבן זיך אויך דערשלאָגן צו רייכע גרובן פון פאָספאַטן

און אַנדערע אוצרות, וואָס ביז איצט האָט מען נאָך וועגן זיי ניט געפונען קיין אָנדייטונג אין ספר הספרים — אין דעם געטרייסטן מקור פאַר דער קענטשאַפט פון לאַנד, מחוץ דעם לאַנד גופא; און מיר זענען ערשט ביים אָנהייב פון דער אַרבעט.

די פאָרשונג פון היימלאַנד איז ענג פאַרבונדן מיט דעם פּיאָנערישן פאַרמעסט פאַר זיין קאָלאָניזאַציע און אַנטוויקלונג. די פאָרשונג העלפט אויסצוברייטערן די התיישבות און ווערט אויך דורך איר געהאָלפן; די גאַנצע וויסנשאַפטלעכע אָשטרענגונג פון אַ פאָלק איז אַ אינטעגראַלער טייל פון זיין עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבנס־ווערק.

דאָס זעלביקע איז אויך גילטיק וואָס שייך דער פאָרשונג פון פאָלק, באַזונדערס אין באַצוג צו דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון פאָלק און זיין געזעלשאַפטלעכער און גייסטיקער שאַפונג אין זיין היימלאַנד. וואָס יידישע און ניט־יידישע פאָרשער האָבן זיך מיט איר פאַרנומען אין משך פון דורות. ביי די וויסנשאַפטלער פון די אומות־העולם איז די דאָזיקע פאָרשונג על־פּי־רוב פאַרגרייזט געוואָרן מחמת די קריסטלעכע און אַנטי־יידישע טענדענצן, וואָס האָבן, ביודעים ובלא יודעים, באַאיינפלוסט זייערע אויספירן; אָבער אויך די יידישע פאָרשער זענען ניט געווען לגמרי פריי פון טענדענצן, פון איינפלוסן און העמונגען, וואָס האָבן גאָרניט צו טאָן מיט דער פאָרשונג פון אמת.

דאָס פאַרשטיין פון דער אַנטשיידנדיקער גרונט־עפּאָכע אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, וואָס אין איר האָט זיך אויסגעפורעמט די געשטאַלט פון עם־עולם און עס זענען געשאַפן געוואָרן כמעט אַלע אייביקע שאַפונגען וואָס זענען אריינגענומען געוואָרן אין ספר־הספרים — די תקופה צווישן יציאת־מצרים און שיבת־בבל, פון משה רבינו און ביז עזרא — איז מחייב און פאַרלאַנגט סיי גייסטיקע קרובהשאַפט און היסטאָרישע אינטואיציע, סיי פרייהייט פון געדאַנק און זעלבסטשטענדיקייט פון גייסט. ווי אויך אָפּשאַפונג פון פאָראורטיילן און באַשולדיקונג־אָדער פאַרטיידיקונג־טענדענצן; און ס'איז שווער צו געפינען די דאָזיקע אייגנשאַפטן ביי פאָרשער וואָס געהערן ניט צו אונדזער פאָלק און אויך ביי יידישע פאָרשער וואָס זענען אונטערגעוואָרפן צוויי רשויות, וואָס האָבן ניט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ פרייען יידן אין זיין זעלבשטענדיקן לאַנד.

צוויי טויזנט יאָר זענען געשריבן געוואָרן פירושים און פירושי־פירושים אויפן ספר יהושע; קיינער וועט ניט מזלזל זיין אין זייער ווערט און מערערע אומקלאָרע זאַכן און פאַרהוילענע מקומות זענען אויפגעקלערט און אידענטיפיצירט געוואָרן. אָבער דער פירוש, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויפן דאָזיקן ספר אין די שלאַכטן פון דער באַפרייאונגס־מלחמה, און דאָס ליכט וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אויף אונדזער עבר דורך דער באַנייאונג

פון אונדזער אומאָפּהענגיקייט — קעגנאיבער דעם דאָזיקן פּירוש און דעם דאָזיקן ליכט וועלן בלאָס ווערן אַלע יידישע און ניט־יידישע פּרשנים.

נאָר אַ פאָלק וואָס לעבט אין זיין לאַנד און איז זעלבשטענדיק, קען לייענען מיט אָפענע אויגן און מיט אַן אינטואיטיווער פאַרשטענדעניש דעם ספר־הספרים, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יענעם לאַנד און דורך יענעם פאָלק. נאָר אַ דור וואָס האָט באַנייט די זעלבסטשטענדיקייט אין אוראַלטן היימלאַנד קען פאַרשטיין דעם גייסט און די נשמה פון זיינע פאָרגייער', וואָס זענען געווען טעטיק, האָבן געקעמפט, דערלעבט, געשאַפן, געאַרבעט, געליטן, געטראַכט, געזונגען, ליב געהאַט און מתנבא געווען אין תחום פון יענעם לאַנד.

די פאָרשונג פון אמת פאַרטראָגט ניט קיין שום קייטן און סייגים — און דער גייסט פון אונדזער פאָלק איז געפענטעט געוואָרן אין גלות, און נאָר מיט דער באַנייאונג פון אונדזער אומאָפּהענגיקייט באַפרייט ער זיך פון אַלע מינים קנעכטשאַפט, די אויסערלעכע און די אינערלעכע, וואָס האָבן ענג געמאַכט, האָבן באַשרענקט און אויך פאַרקרימט זיין טעטיקייט.

די גרויסע אַרבעט פון אַנטוויקלען דאָס קולטור־ווערק פון ישראל אין זיין לאַנד, וועט — ווי דאָס ווערק פון קיבוץ־גלויות און אויפבוי פון היימ־לאַנד — ניט פאַרווירקלעכט ווערן בלויז און נאָר מיט די אינערלעכע כוחות פון דער יונגער און קליינער מדינה. פונקט ווי דאָס אויפנעמען און די אבסאָר־בירונג פון דער עליה, און די אויסברייטערונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, פון דער אינדוסטריע און פון די קאָמוניקאַציע־מיטלען קען ניט געמאָלט זיין אָן דער געטרייער און כסדרדיקער באַטייליקונג פון דער גאַנצער יידישער אומה, אַזוי קען אויך ניט געמאָלט זיין די אַנטוויקלונג פון דער נייער חכמת־ישראל אָן דער דאָזיקער באַטייליקונג; די מדינת ישראל איז ניט באַשטימט געוואָרן בלויז פאַר אירע איינוווינער, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל, אויך פאַר די יעניקע וואָס האָבן ניט בדעה זיך אין איר צו באַזעצן. די אומאָפּהענגיקייט פון ישראל האָט אויסגעגלייכט דעם רוקן פון די יידן אויך אין יענע לענדער, ווו ס'איז ניט פאַראַן קיין רצון אָדער קיין נייגונג פאַר אַ מאַסן־עליה. די נצחונות פון צבא הגנה לישראל, די דערגרייכונגען אין דער קאָלאָניזאַציע און אין דער אינדוסטריע, און די גרויסע ווערק פון אַנטוויקלונג זענען דער קנין פון יעדן יידן אויף דער וועלט; און דער ווינט פון זעלבשטענדיקייט און פרייהייט, וואָס בלאָזט אין ישראל, איז בכוח אָפּ־צופרישן יעדע יידישע נשמה ווו זי זאָל ניט זיין.

און אויפן געביט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, סיי ווען עס רעדט זיך וועגן דער וויסנשאַפט פון פיזיק, ביאָלאָגיע, סאָציאָלאָגיע, פּאָליטיק אָדער געשיכטע, און אויפן געביט פון דער קולטור־שאַפונג, אויף אַלע שטחים פון קונסט, ליטעראַטור, רעליגיע און מאָראַל — דאַרפן מיר אויפ־האַלטן אַ געטרייע שייכות פון בשותפותדיקייט צווישן די פאָרשער און

שאַפער פון ארץ ישראל און די יידישע פאַרשער און שאַפער אין די תפוצות, ווייל נאָר מיט אַ געמיינזאַמער אַנשטרענגונג וועלן מיר קענען פאַרווירקלעכן די גרויסע קולטור און דערציאונגס־אויפגאַבע, וואָס די געשיכטע האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדזער דור.

מיר קענען ניט און מיר טאָרן ניט מוותר זיין אויף דער באַטייליקונג פון וועלכן ניט איז יידישן קיבוץ ווו ער זאָל ניט זיין, אין דער אַלטער וועלט אָדער אין דער נייער וועלט; און אויב דאָס איז גילטיק אויף דעם מאַטעריעלן און פּאָליטישן שטח, איז ער על אחת כמה וכמה גילטיק אויפן געביט פון גייסט. די גרויסקייט פון גייסט און זיין קראַפט זענען ניט באַדינגט פון כמות, און משה רבינו איז געוועזן שקול כנגד זעכציק מאָל צען טויזנט. אָבער עס טרעפט אַז אויף אַ געוויסן גראַד ווערט די כמות פאַרוואַנדלט אין איכות, די קוואַנטיטעט גייט אַריבער אין קוואַליטעט; און מחוץ פון ישראל איז אין איצטיקן מאָמענט ניטאָ קיין איין יידישער קיבוץ, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט זיין מאַטעריעלער, פּאָליטישער, פינאַנציעלער ווי אויך גייסטיקער און קולטור ־ מעגלעכקייט צו דעם יידישן קיבוץ אין אַמעריקע. די גאַנצע צוקונפט פונעם יידישן פאָלק און דער גורל פון דער מדינת־ישראל זענען אָפּהענגיק פון דער פעסטער און געטרייער שותפות צווישן ישראל אין זיין לאַנד און דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע. און די קאָנקרעטיקע שייכות צווישן ישראל און דעם אַמעריקאַנער יידנטום דאַרף באַשטיין ניט בלויז פון אַ פּאָליטישער, פינאַנציעלער שותפות, נאָר פון אַ ח ל ו ־ צ י ש ע ר און ק ו ל ט ו ר ־ ש ו ת פ ו ת — אַ שותפות פון גוף און גייסט מצד די בעסטע פון דער יוגנט און פון די געלערנטע אין אַמעריקאַנער יידנטום, וואָס וועלן בויען צוזאַמען מיט אונדז די מדינת ישראל און די תרבות־ישראל.

יידישע חלוצים פון אַלע לענדער וועלן צוזאַמען מיט די קינדער פון ארץ־ישראל פאַרוואַנדלען די וויסטעניש פון היימלאַנד אין בליענדיקע פעלדער; און צווישן די דאָזיקע פּיאָנערן וועלן ניט פעלן די יידישע יוגנט־לעכע פון אַמעריקע. באַזונדערס וועלן מיר זיך בייטיקן אין תלמידי־חכמים, געלערנטע און מענטשן פון גייסט, וויסנשאַפט־מענטשן און ספּעציאַליסטן פון צווישן די אַמעריקאַנער יידן, כדי גרויס צו מאַכן די נייע חכמת־ישראל, וואָס אויף איר וועט זיך באַזירן אונדזער גאַנץ ווירטשאַפטלעך ווערק, דאָס מיליטערישע און דערציערישע. און אויך אין ספּעציעלן צווייג פון פאָרשן די געשיכטע פון פאָלק און פון היימלאַנד, וואָס ביז איצט האָט מען אים אין גלות באַצייכנט מיט דעם טערמין „חכמת ישראל", אין איר באַשרענקטן זינען — אויך דאָ איז פאַראַן אַ ברייט פעלד פאַר געמיינזאַמער טעטיקייט און איניציאַטיוו פון די געלערנטע פון ישראל און די געלערנטע פון יידנטום אין די תפוצות, און צום אַלעם ערשטן אין אַמעריקע.

# חינוך און רעליגיע

הער פאָרזיצער און מיטגלידער פון דער כנסת:

איך בין דאָס מאָל אַרויף אויף דער טריבונע בכדי צו זאָגן אייך צוויי זאכן וואָס כ׳האָב פאַרגאנגענע וואָך געזאָגט די פארטייען פון דער קאָאַ־ליציע, נאָכדעם ווי דער בילדונגס־מיניסטער האָט איבערגעגעבן זיין באַ־ריכט פאַר דער כנסת.

דאָס ערשטע — האָב איך זיי איבערגעגעבן דעם באַשלוס פון דער רעגירונג: אַ רעליגיעזע דערציאונג פאַר די קינדער פון די תימנער עולים — אַרויסגייענדיק פון דער הנחה אַז זיי אַלע זענען רעליגיעז און פאָדערן אַזאַ חינוך; און אַ רעליגיעזע דערציאונג פאַר אַלע קינדער פון פרומע עולים וואָס וועלן אויסדריקן זייער פאַרלאַנג אין דעם זין.

מיר האָבן ניט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון רעליגיעזן בלאָק (חזית הדתית), וואָס עס האָט אַריינגעטראָגן דער אינערן מיניסטער לויט וועלכן דער רעליגיעזער חינוך אין די מעברות און אין די ישובים פון רעליגיעזע עולים זאָל האָבן איבער זיך פיר משגיחים אָדער אינספעקטאָרן פון אַלע פיר שול־ריכטונגען: אגודה, מזרחי, ציונים כללים און הסתדרות העובדים.

מיר האָבן באַשלאָסן אַז אין די דערמאָנטע שולן זאָל זיך פירן אלצ־איינס ווי אין אַלע רעליגיעזע שולן. כדי צו זיין זיכער אַז דער באַשלוס וועט אויסגעפירט ווערן — ווייל דער עיקר איז דאָך דאָס אויספירן — האָבן מיר באַשטימט אַ קאָמיסיע פון דריי מיטגלידער, וואָס זאָלן זיך פאַר־נעמען מיטן דורכפירן די החלטה. דער באַשלוס צו גאַראַנטירן אַ רעליגיעזן חינוך פאַר די תימנער און אַנדערע רעליגיעזע עולים, איז אַ רעזולטאַט פון דער פליכט, וואָס מיר האָבן צו די עולים, אָבער ניט צו דער „חזית הדתית״. מיר האָבן מיטן רעליגיעזן בלאָק ניט געשלאָסן קיין שום אָפּמאַכן וועגן דעם און דערפאַר קען די „חזית הדתית״ ניט קומען צו אונדז מיט תביעות. וועגן דער קשיה וואָס דער פאָרזיצער פון הפועל המזרחי האָט איראָניש גע־שטעלט אייערנעכטן אין זיין רעדע: „פאַרוואָס האָבן זיך פלוצים פאַרמערט די שולן פון „העובד הדתי״? (רעליגיעזע אַרבעטער־שולן אָנגעשלאָסענע אין הסתדרות) האָב איך אָנגעוויזן אויף דעם אַז ער האָט ניט גערעדט אַלס

---

רעדע געהאַלטן אין דער כנסת דעם 14טן פעברואַר 1951.

אינערן מיניסטער אָדער ווי אַ מיטגליד פון דער רעגירונג, נאָר בלויז ווי אַ פירער פון „הפועל המזרחי״. די רעליגיעזע דערציאונג קומט ניט צו באַ־פרידיקן דעם „העובד הדתי״. צו אים האָבן מיר ניט קיינע פּאַרפּליכטונגען. אויך די שולן האָבן זיך ניט פאַרמערט ווייל עס האָט זיך פאַרשטאַרקט דער „עובד הדתי״ נאָר ווייל עס האָבן עולה געווען אַ סך רעליגיעזע אַרבעטער, כן ירבו.

אין דעם געזעץ פון די „זרמים״ (אַ געזעץ וואָס אָנערקענט פיר ריכ־טונגען פון ישוב, וואָס האָבן זייערע שולן און די עלטערן קענען שיקן זייע־רע קינדער אין וועלכער שול זיי ווילן) רעדט זיך ניט וועגן רעליגיעזע און וועלטלעכע שולן. דאָס געזעץ אָנערקענט פיר „זרמים״, און איך גלויב ניט אַז צווישן דער מזרחי־ריכטונג און דער „אגודה״־ריכטונג זאָלן זיין אַן אונ־טערשייד, וואָס איינע איז רעליגיעז און די צווייטע ניט. איך ווייס טאַקע ניט אין וואָס אונטערשיידן זיי זיך, אָבער דאָס געזעץ אָנערקענט אַ „זרם מזרחי״ און אַ „זרם אגודה״.

אין געזעץ זענען אויך פאַראַן אַ „זרם ההסתדרות״ און אַ „זרם כללי״ און אויך זיי שיידן זיך ניט אונטער לויט רעליגיעזקייט און וועלטלעכ־קייט. דער „זרם מזרחי״ קען זיך פירן זיין שול אין גייסט פון ארבעט און דערציען זיינע קינדער אַלס חלוצים, און איך גלויב אַז אין „טירת צבי״ טוט ער טאַקע אַזוי און ער האָט רעכט צו פירן אַנדערש זיין שול, די שול פון טירת צבי הייסט ניט „תת זרם״ — אַ סוב־ריכטונג — אַ טערמין אַזאַ אין אַ צעקאַליעטשעטן העברעאיש, וואָס כ'ווייס ניט ווער ס'האָט אים אויס־געטראַכט. עס איז ניט קיין „תת זרם״ נאָר אַ שול פון מזרחי. און אויב דער „זרם כללי״ — פאַרוואָס ער רופט זיך כללי ווייס איך ניט, אָבער אַזאַ „זרם״ איז אָנערקענט פון געזעץ — וויל עפּעטן ערגעץ אַ שול מיט רעלי־גיעזן אונטעררעכט מעג ער עס טאָן און די שול וועט צוליב דעם ניט ווערן קיין „תת זרם״. און אַז מיר האָבן אַ „זרם עובדים״ איז אים דערלויבט צו עפענען אין די ראַמען פון געזעץ, וועלכן טיפּ שול ער וויל, אויך אַ רעלי־גיעזע. עס שטייט ערגעץ ניט געשריבן אַז דער „זרם עובדים״ מוז זיין ניט רעליגיעז און דער „זרם מזרחי״ רעליגיעז. בכלל דערלויב איך זיך צו צווייפלען אין דער פרומקייט פון אַ סך וואָס טראָגן דעם נאָמען „רעלי־גיעזע״...

דאָס געזעץ גיט די עלטערן דאָס רעכט צו שיקן זייערע קינדער אין וועלכן „זרם״ זיי געפעלט, און דער פאַרלאַנג פון „חזית הדתית״ אַז דער מזרחי און די „אגודה״ זאָלן האָבן זייערע אינספּעקטאָרן אין די רעליגיעזע שולן פון דער אַרבעטער־ריכטונג זעט אויס ווי אַ פּרעטענזיע פון אַ מאָנאָפּאָל פאַר זייערע פאַרטייען. מעגלעך אַז מיר זענען חושד בכשרים. אָבער זייער פאָדערונג פירט צו דעם אַז זיי זאָלן באַקומען אַ מאָנאָפּאָל איבער דער רעליגיע און ווערן די אפּטרופּסים איבער אַלע פרומע יידן. די רעגירונג האָט

זיך ניט פאַרפליכטעט צו אָנערקענען אַזאַ מאַנאָפּאָל און אפּוטרופּסות און וועט אים ניט אָנערקענען. יעדער ייד האָט רעכט צו זיין רעליגיעז און ביי־טיקט זיך ניט צוליב דעם אין אַ „וויזע" פון מזרחי צי פון דער „אגודה". אויב אַן אָרטאָדאָקסישער ייד וויל ניט געהערן צו דער מזרחי־פּאַרטיי, ווערט ער ניט צוליב דעם אויס פרומער ייד, און אַזוי ווי מיר האָבן ניט אָנערקענט און וועלן ניט אָנערקענען, — און קיין שום רעגירונג וועט זיך ניט דערוועגן צו אָנערקענען — דאָס רעכט פון אַ פּאַרטיי וואָס רופט זיך רעליגיעז צו האָבן אַ מאָנאָפּאָל אויף רעליגיעזע יידן, אַזוי אויך האָבן מיר ניט אָנערקענט און וועלן ניט אָנערקענען — אויף יעדנפאַל וועט עס ניט טאָן די איצטיקע רעגירונג — די קאָנצעסיע וואָס דער מזרחי און די אגודה מיינען צו האָבן איבער דער רעליגיע.

פאַר מיר האָט דער נאָמען „חזית דתית" אַ גוייִשן קלאַנג. די יידישע טראַדיציע קען ניט אַזאַ טערמין. נעמט דאָס וואָרט „דת" באַטייט עס גאָר אין תנ״ך ניט רעליגיע נאָר געזעץ. אויסער איין פּסוק אין „וזאת הברכה" ווו עס זאָגט זיך „אש דת למו" און ס'איז ניט קלאָר צי אש־דת איז איין וואָרט צי צוויי, געפינט זיך דאָס וואָרט „דת" אייניקע מאָל אויף אַראַמעיש אין עזרא (ז׳ כ״ו) „דאָס געזעץ פון דיין גאָט און דאָס געזעץ פון דעם מלך", אויך אין דניאל אויף אַראַמעיש (ו׳ ט״ז) „לויט דעם געזעץ פון מדי און פרס", אין דניאל אויף העברעאיש (ו״י) „לויט דעם געזעץ פון פרס און מדי" אין מגילת אסתר איז דאָ „בהשמע דבר המלך ודתו", „ודתי המלך אינעם עושים", „כדת מה לעשות במלכה ושתי", „מקץ היות לה כדת נשים" און „והשתיה כדת אין אונס". אין די אַלע ערטער באַטייט דת — געזעץ און ניט רעליגיע. איך צווייפל אויך, צי דער אויסדרוק „חזית" — אַ פראָנט — שטאַמט פון אַ יידישן מקור און פון דעם בית מדרש פון הלל הזקן. אָבער אַזוי ווי יעדע פּאַרטיי מעג באַשטימען אַ נאָמען פאַר זיך לויט איר געשמאַק, וועל איך זיך ניט קריגן מיט אייך צוליב דעם נאָמען פון אייער בלאָק. פאַר אונדז, אָבער, איז די „חזית הדתית" בלויז אַ פּאָליטישע פּאַרטיי: „אגודה" און „מזרחי" זענען פּאַרטייען פונקט ווי אַנדערע פּאַרטייען אין ישראל, זיי פאַר־טרעטן ווי אַנדערע פּאַרטייען נאָר זייערע וויילער, און פונקט ווי אַנדערע פּאַרטייען טאָרן זיי ניט ריידן אין נאָמען פון גאַנצן פאָלק און אויך ניט אין נאָמען פון דער יידישקייט. קיינער האָט זיי ניט געגעבן קיין מאָנאָפּאָל אויף יידישקייט. די פּאַרטייען זענען ניט געשאַפן געוואָרן צוליב קיום הדת, ווייל רעליגיע קען לעבן אָן אַ פּאַרטיי. אונדזערע אבות האָבן אָפּגע־היט יידישקייט במשך הונדערטער יאָרן אָן פּאַרטייען. די אָרטאָדאָקסישע גרופּירונגען נעמען אַ שטעלונג אין פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פראַגן פונקט ווי אַלע אַנדערע פּאַרטייען. און געווי, ווי צווישן ניט־רעליגיע־זע קענען אויך צווישן רעליגיעזע יידן אויך זיין פאַרשיידענע מיינונגען אין אַזעלכע ענינים. למשל, די פראַגע צי דער וואָס שפּעקולירט מיט גאָלד,

זינדיקט קעגן דער מלוכה אָדער ניט; צי מעג מען שמוגלען זייגערס און צי איז דערלויבט עקספּאָרט אָן דעוויזן. און קיין רעליגיעזער ייד קען זיך ניט אַוועקשטעלן און זאָגן: „אין נאָמען פון דער רעליגיע פּאַראורטייל איך שפּעקולאַציע". ער קען עס טאָן בלויז אַלס ווירטשאַפטס־מענטש.

אָבער, איך בין שוין צו ווייט פאַרגאַנגען. די רעליגיעזע פּאַרטייען רע־פּרעזענטירן ניט די יידישקייט. מיר אָנערקענען ניט, אַז זיי זאָלן האָבן מער רעכט פאַר אונדז צו פאַרטרעטן די מקורותדיקע און וואָרצלדיקע יידישקייט. מיר פסלען ניט חלילה, זייער רעכט צו פאַררופן זיך אויף אורשפּרונגלעכער און טראַדיציאָנעלער יידישקייט, אָבער זיי טאָרן אויך ניט אָפּפרעגן אונדזער רעכט צו פאַררופן זיך אויף אָט דער זעלבער יידישקייט.

מיין פריינט שפּירא, האָט ציטירט אַ פראַגע פון תהילים, אָבער צוליב עפּעס האָט ער פאַרפעלט צו ציטירן אויך די תשובה, און איך באַדויער עס, ווייל גראָד דער ענטפער איז צוגעפּאַסט צו אונדזער ענין. וועל איך אים טאַקע ציטירן. נאָך דער פראַגע: „ווער קען אַרויפגיין אויף דעם באַרג פון גאָט און ווער קען שטיין אין זיין הייליקן אָרט?" קומט די תשובה: „דער וואָס האָט ריינע הענט און אַ לויטער הארץ, וואָס האָט מיר ניט דערמאָנט צום פאַלשן און ניט געשוואָרן מיט באַטרוג". דאָ האָט איר די דעפיניציע פון יידישקייט. פרעג איך אייך, קען מען לויט אָט דעם קריטעריום פאַ־נאַנדערטיילן צווישן די אָנגעהעריקע צו דער „חזית הדתית" און צווישן די וואָס געהערן ניט צו איר? — האָבן די יאָ ריינע הענט און אַ לויטער האַרץ און אַלע אַנדערע ניט? דער מחבר פון תהילים איז ניט געווען קיין מיטגליד פון רעליגיעזן בלאָק, אָבער כ׳מיין אַז ער איז נאָענט צום יידישן שורש און אור־קוואל, אמווייניקסטן, ניט ווינציקער ווי די מיטגלידער פון „חזית הדתית" און ער באַהאַנדלט די זעלבע פראַגע אַ צווייטן מאָל: „ווער קען וווינען אין דיין געצעלט? ווער קען רוען אויף דיין הייליקן באַרג? דער וואָס גייט ערלעך און טוט גערעכטיקייט, און רעדט אמת אין זיין הארצן: ניט געטראָגן קיין רכילות אויף זיין צונג, ניט געטאָן זיין חבר קיין רעה און ניט פאַרליטן קיין שאַנד אויף זיין נאָענטן".

איך ווייס ניט אויב דאָס וואָס דער ה׳ שפּירא האָט אייערנעכטן באַ־שולדיקט די אַרבעטער ־ באַוועגונג אין לאַנד און אירע פאַרטרעטער אַז זיי שטרעבן צו מאַכט און הערשאַפט מיט צוואַנג־מיטלען — אויב אַזאַ מין באַשולדיקונג איז ריין פון „געטראָגן רכילות אויף זיין צונג" צי ניט? און צי הייסט עס „מאַכן ליידן שאַנד דעם נאָענטן" צי ניט? אָבער איינס בין איך זי־כער: אַז דאָס וואָס פאַראייניקט די מענטשן פון „חזית הדתית" און טיילט זיי אָפּ פון די אַנדערע — איז ניט דווקא דאָס וואָס זיי אַלע זענען ערלעך, טוען גערעכטיקייט און רעדן אמת און די וואָס געהערן ניט צו זייער בלאָק זענען ניט־ערלעך, טוען אומרעכט און זאָגן ליגן. איך קען מענטשן פון רעלי־גיעזן פראָנט וואָס באַזיצן טאַקע די אַלע שיינע מידות וואָס דער מחבר פון

תהילים רעכנט אויס, אָבער אויך אין צווייטן לאגער טרעף איך אַזעלכע. דאקעגן בין איך ניט זיכער אַז זיי וועלן מיר שווערן צי אַלע פון „חזית הדתית" פּאַסן זיך אַריין אין אַט דער דעפיניציע, און אַז מ׳נעמט דאָרט ניט אַריין קיין מיטגלידער וואָס פאַרמאָגן ניט די סימנים וואָס דוד המלך רעכנט אויס אין זיין תהילים. די סימנים מיט וועלכע דוד המלך באַצייכנט די וואָס זענען ראוי צו רוען אויפן הייליקן באַרג, — דאָס זענען טאַקע די סימנים פון דער אָריגינעלער מקורדיקער יידישקייט און זיי טיילן ניט פונאנדער צווישן אונדז און די רעליגיעזע, נאָר אדרבה, זיי דערנענטערן אונדז צו אַ גרויסן טייל פון דער רעליגיעזער מחנה: אונדזער שטרעבונג איז אויפצושטעלן אין לאנד אַ דור וואָס זאָל זיין ערלעך, טאָן גערעכטיקייט, זאָגן אמת, ניט טרייבן קיין רכילות און קיינעם ניט באַליידיקן; אָבער, מיר אָנערקענען ניט אַז דער רעליגיעזער בלאָק זאָל האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויף דער דאָזיקער שטרעבונג. און איך בין ביי דער מיינונג, אַז קיינער רעפּרעזענטירט ניט דאָס פונדאמענטאַלע, עכטע יידישקייט בלויז אין זכות פון זיין אָנגעהעריקייט צו דער „חזית דתית".

איך האָב שטאַרק דרך ארץ פאַר הרב לעווין מחמת זיין ערלעכקייט. צי מעג ער, אָבער, פאַרלאַנגען פון אונדז, אַז מיר זאָלן אָננעמען זיין פּרעטענזיע און באַרימערייַ אַז בלויז „אגודת ישראל" האָט איבערגענומען די יידישע ירושה? ווען מיר וואָלטן, חלילה, געפאָלגט דער „אגודה" אין די פאַרגאנגענע צענדליקער יאָרן, וואָלטן די יידן פון ארץ־ישראל געבליבן לעבן? וואָלט דען אנטשטאַנען מדינת ישראל? וואָלט עקסיסטירט דער ישוב? די „אגודה" ווערט ניט געפּסלט צוליב דעם, און מיר זענען צופרידן וואָס זי האָט תשובה געטאָן און געענדערט איר מיינונג, אָבער מיר מעגן דאָך צווייפלען צי אייער אופן פון אויסטייטשן יידישקייט איז באמת אין איינקלאַנג מיט דער אָריגינעלער און טראַדיציאָנעלער יהדות. דערפאַר טאַקע האָבן מיר ניט אָנגענומען די לערע פון דער „אגודה", און אַפילו טראַדיציאָנעלע און גאָטספאַרכטיקע יידן האָבן אייך ניט געפאָלגט און מיטגעאַרבעט אין ציוניסטישן קאָנגרעס צוזאַמען מיט אפיקורסים. איך לויב די אַגודה פאַר דעם וואָס זי האָט אָנערקענט איר טעות און שיידט זיך מער ניט אָפּ פון פאָלק, אָבער — קומט ניט מיט פּרעטענזיעס און זאָגט ניט אַז נאָר איר אַליין רעפּרעזענטירט די טראַדיציאָנעלע און קערנדיקע יידישקייט, נאָכדעם, ווי אין אַ צענטראַלן און גורלדיקן פּראָבלעם, וואָס האָט באַרירט די עצם עקסיסטענץ פון יידישן פאָלק, האָט איר צענדליקער יאָרן געבלאָנדזשעט.

איך שטאַם פון אַ קליין פּויליש שטעטל, ווו ס׳האָבן געלעבט אַ סך חסידים, איבערהויפּט גערער. זענען צוויי פון די חסידים געוואָרן ציוניסטן — איינער איז געווען פון די ערשטע און בעסטע חלוצים פון דער צווייטער עליה, שמחה אייזיק ז"ל, און דער צווייטער איז געווען אַ שוחט, ה׳ עס־טערזאָן. די חסידים אין שטעטל האָבן געהאַלטן פאַר אַפּיקורסות זייער

אַרבעט פאַרן ציוניזם, און הגם זיי ביידע זענען דאָס גאַנצע לעבן געווען פרומע און אָפּגעהיטע יידן, האָט מען זיי גערודפט. דאָס איז ניט געווען די איינציקע מחלוקת ביי יידן — כ׳מיין אַ מחלוקת לשם שמים. אַמאָל האָבן די מתנגדים פאַרפאָלגט די חסידים. סעקטאַנטישע קריגערייען זענען ניט קיין נייעס אין אונדזער געשיכטע.

אויך אין מזרחי זעען מיר ניט די איינציקע יורשים פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט. ערשט מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט דער מזרחי אין ארץ־ישראל געפּסקנט אַז געבן פרויען שטים־רעכט איז קעגן דת און פאַר דער עטאַבלירונג פון דער מדינה האָבן זיי געזאָלט באַיקאָטירן די „כנסת ישראל" אויב די פרויען וועלן האָבן שטים־רעכט. היינט האָט די פרוי שטים־רעכט און ס׳איז שאַ־שטיל. האָבן מיר דען היינט אַן אַנדער יידישקייט? האָט זיך דען געענדערט די יידישע מסורה? א י ר האָט זיך געענדערט. וואָס אייך האָט מיט צענדליקער יאָרן צוריק אויסגעוויזן צו זיין אַ פאַרברעכן קעגן דער רעליגיע — האָט איר היינט אַליין אָנגענומען. אַפילו די פרויען פון דער „אגודה" באַטייליקן זיך היינט אין די וואַלן. איז אויב אַזוי, פאַרלאַנגט ניט פון אונדז אַז מיר זאָלן אייך גלייבן, אַז אַלץ וואָס איר פאָדערט איז טאַקע „הלכה למשה מסיני". אויך איצט איז נאָך דער מזרחי קעגן אויסגלייכן די פרוי מיטן מאַן אין געוויסע הינזיכטן, הגם ער האָט זיך פאַרפליכטעט צוזאַמען מיטן גאַנצן רעליגיעזן בלאָק — און די פאַרפליכטונג איז אַריין אין די הויפּט יסודות פון רעגירונגס־פּראָגראַם — צו פאַרזיכערן דער פרוי פולקאָמע און אַבסאָלוטע גלייכהייט אין רעכטן און פליכטן, אין לעבן פון דער מדינה, אין דער געזעלשאַפט, אין דער ווירטשאַפט, און אין דער געזעצגעבונג.

איך האָף אַז איר וועט זיך איבערצייגן אַז איר האָט געהאַט אַ טעות אין דער פראַגע פון דערציאונג אין די לאַגערן פון די עולים און מעברות, פּונקט ווי איר האָט זיך טועה געווען אין דער פראַגע פון געבן שטים־רעכט דער פרוי. איך וועל זיין פון די לעצטע וואָס וועלן פּסקנען אַז דערפאַר וואָס איר האָט אַמאָל באַגאַנגען אַ פעלער און געווען קעגן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער פרוי, זייט איר שוין פּסול אויף אייביק. איר זייט ניט פּסול, איר זענט נאָר באַגאַנגען אַ פעלער און נאָכדעם תשובה געטאָן. יעדער פון אונדז קען באַגיין טעותן. איך ווייס ניט צי עס עקסיסטירט איין פאַרטיי וואָס קען זיך איבערנעמען אַז זי האָט קיינמאָל קיין טעות ניט געמאַכט. אָבער איך האָב דאָך רעכט צו פאָדערן פון מזרחי, אַז אַזוי ווי ער האָט פריער געהאַט זיין ציוניסטישע מיינונג — אין קעגנזאַץ צו דער „אגודה" אין יענע אַלע יאָרן, — אַז כל ישראל חברים, און מ׳דאַרף מיטאַרבעטן מיט ניט קיין רעליגיעזע, זאָל דער מזרחי היינט אין דער מדינה זיך אויך ניט אָפּטיילן פון אַנדערע יידן, ווי עס האַנדלט צום באַדויערן דער „הפועל המזרחי", וועלכער טיילט זיך אויס פון דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער־ציבור.

תמיד זענען געווען מיינונגס־פאַרשידנהייטן אין יידישן פאָלק. עס איז ניט קיין מוז אַז צוליב אחדות זאָלן מיר ניט זיין פאַרשידן; און יעדער פון אונדז מעג גלויבן אַז דער אמת איז מיט אים. איך פסל ניט די יידיש־קייט און באַגלייבטקייט פון הרב יצחק מאיר לעווין, דערפאַר וואָס אַמאָל האָט די „אגודת ישראל" אָנגענומען אַ פאַלשע שטעלונג און היינט אָנער־קענט זי איר טעות. איך פאַרלאַנג אָבער — אַז ער זאָל ניט פסלען קיין אַנ־דערע. קיינער פון אונדז בייטיקט זיך ניט אין צווייטנס סמיכה, אַז ער איז אַ ייד. מיר זענען יידן פונקט ווי איר, ניט קיין ערגערע פון אייך און ניט ווייניקער ווי איר פאַרבונדן מיטן יידישן עבר און מיט די גרונט־יסודות פון יידישקייט. אָבער מיר זענען אַנדערש ווי פיל פון אייך. און איך וועל אייך אויפקלערן מיט וואָס מיר זענען אַנדערש. מיר היטן אָפּ ניט ווייניקער פון אייך דעם גרויסן כלל פון יידישקייט, אויף וועלכן הלל הזקן האָט אַוועקגעשטעלט די גאַנצע תורה, דעם „ואהבת לרעך כמוך". אָבער איך גע־הער צו די יעניקע וואָס במשך זייער גאַנצן לעבן, זינט זיי זענען געקומען צום באַוווסטזיין גלויבן זיי אַז אָפּהיטן דעם דאָזיקן גרויסן כלל איז מעגלעך נאָר אויפן יסוד פון אַרבעט, בלויז אין אַרבעטער ציבור, צווישן יידן וואָס זענען מקיים צוזאַמענאַרבעט, קעגנזייטיקע הילף, אחדות און גלייכהייט. עס איז אוממעגלעך אָפּצוהיטן הלל הזקנס כלל, אין אַ רעזשים וואָס שטיצט זיך אויף עקספּלואַטאַציע, אונטערדריקונג, קאָנקורענץ און שנאה. איך זאָג ניט אַז אָן אָט דעם אידעאַל איז מען קיין ייד ניט. מיר זעען אין אָט דעם אידעאַל דעם תמצית פון יידישקייט און דעם קערן פון דעם וואָס די נביאים האָבן אונדז געלערנט, און מיר פּרווון בויען אונדזער לעבן אויף דעם יסוד; און מיר ווילן אַז דאָס גרויסע געזעץ פון הללס לערע זאָל דינען אַלס באַזע פון דעם חינוך פון יונגן דור, און מיר ווילן ניט אַז די דערציאונג אין שול זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ אָפּנאַרעריי, ווען דאָס רעאַלע לעבן אין הויז, אין פעלד, אין גאַס און אין פאַבריק איז אין סתירה צו דער לערע אין שול. מיר ווילן אַז דאָס זעלבע וואָס די קינדער לערנען אין שול זאָלן זיי פּראַקטיצירן אין לעבן, און איך ווייס אַז אַ געוויסער טייל פון רעליגיעזן בלאָק האָט אין פּראַקטישן לעבן אַן אַנדער צוגאַנג צו דעם עניק, און אַז עקאָנאָמישע קאָנוויניענצן און פּאָליטישע אַמביציעס שטויסן אַרויס ביי פיל מענטשן מיט אַ רעליגיעזן לבוש די פונדאַמענטאַלע הויפּט־עיקרים פון אונדזער תורה און אונדזערע נביאים. איך ווייס אויך אַז אין רעליגיעזן בלאָק זענען פאַראַן אמת פרומע יידן, וואָס דער רעלי־גיעזער יסוד דאָמינירט אין זייער לעבן, און פאַר אַזעלכע פרומע האָב איך דעם גרעסטן דרך־ארץ, ווייל בכלל רעספּעקטיר איך אַלע יידן, וועלכע שטעלן זייערע גייסטיקע ווערטן העכער פון די מאַטעריעלע אינטערעסן.

ס'האָט געלעבט אין אונדזער מיט אַ מענטש וועלכער איז געווען זייער ווייט פון אונדזערע אַלגעמיינע און סאָציאַלע אָנשויאונגען, און ניט נאָר

הייט איז ער געווען — נאָר ער האָט זיי באַקעמפט. דאָס איז געווען דער פאַרשטאָרבענער אוסישקין. אין זיין גאַנצער דערציאונג און וועזן איז ער געווען אַ מענטש פון רעכטן פליגל. אָבער אין זיינע אָנשויאונגען און אין זיין לעבן האָט באַשטימט דער ציוניסטישער פּרימאַט, און אָט דער פּרימאַט האָט אים דיקטירט צו גיין קעגן דעם רעכטן פליגל, און קעגן זיינע קלאַסן־אָנשויאונגען. די ערשטע זאַך וואָס האָט אים דערנעענטערט צו אונדז איז געווע דער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט; און פּונקט ווי די פאָדערונג פון „ואהבת לרעך כמוך" איז אַ גרויסער כלל אין יידישקייט — אַזוי איז די תביעה וועגן יידישער אַרבעט דער גרויסער כלל אין ציוניזם. אָן יידישער אַרבעט, — איז ציוניזם אַ ליידיק וואָרט. און אוסישקין האָט זיך קעגנגע־שטעלט זיינע קלאַסן־חברים, און איז געשטאַנען מיט אונדז. און האָט זיך אָנגעשלאָסן צו אונדז אין דער פראַגע פון הגנה און פון שמירה, אין דעם דערוואַרבן פון באָדן און זיין אויסלייזונג און אין דער לאַנדווירטשאַפט־לעכער שאַפונג. די סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע אָנשויאונגען פון דער מערהייט פון די רעגירונגס־מיטגלידער זענען קעגנזעצלעך צו די מיינונ־גען פון דעם פאַרשטאָרבענעם אוסישקין, אָבער אין איין זאַך זענען זיי שותפים: עס הערשט ביי זיי דער ציוניסטישער פּרימאַט. זייער גאַנץ לעבן, און ניט נאָר זינט זיי זענען אין דער רעגירונג, זענען זיי אונטערגעוואָרפן צו דעם מאַנדאַט פון ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, באַדינגונגסלאָז און רעשטלאָז. דער רעכטער פליגל זעט אין אַלץ וואַלן. אָבער מיר האָבן גע־לעבט אין לאַנד צענדליקער יאָרן אָן וואַלן, און דער ציוניסטישער פּרימאַט האָט געהערשט אין אונדזער לעבן, און ער האָט אויך באַהערשט די איצטיקע רעגירונג. דער דאָזיקער ציוניסטישער פּרימאַט דערלאָזט אונדז ניט צו דע־צידירן איצט, אין דער צייט פון קיבוץ גלויות, אין אַסך זייער וויכטיקע פראַגן, הגם מיר האָבן זייער אַ קלאָרע שטעלונג אין די פּראָבלעמען פון קולטור, ווירטשאַפט און שטאַט; און מיר זענען טריי צו אונדזערע פּרינציפּן ניט ווייניקער ווי אַנדערע. און איך האָב דרך־ארץ פאַר אַ מענטשן וועלכער איז זיך גרייט מקריב צו זיין צוליב זיינע מיינונגען. ס'איז גאָרנישט ניי־טיק אַז מיר זאָלן עס זאָגן; פילע פון אונדז האָבן עס באַוויזן מיט זייער לעבן און מיט זייער טויט.

אין די פּראָבלעמען פון חינוך איז פאַראַן ניט נאָר די פראַגע פון רע־ליגיע און וועלטלעכקייט. פאַראַן אויך אַנדערע אינהאַלטן וועגן וועלכע ס'איז דאָ אַ מחלוקת. צוליב דעם וויכוח מיטן רעליגיעזן בלאָק פאַרזעט מען די אַנדערע ענינים. ס'איז פאַראַן אַ פראַגע — ווי אַזוי דערציט מען און צו וואָס. ס'זיינען פאַראַן אַלערליי גרונטווערטן, — פיזישע, קולטו־רעלע, געזעלשאַפטלעכע, מאָראַלישע, — און דאָ זענען די מיינונגען צע־טיילט לויט גאָר אַנדערע מחיצות, ניט דווקא רעליגיעזע. וואָס שייך די תימנער עולים, דאַרף מען דאגהן ניט נאָר פאַר „עולם הבא"; מיר דאַרפן

זאָרגן אויך פאַר זייער „עולם הזה“; זייער געזונט, פרנסה, בילדונג, זייער חלק אין דער ווירטשאַפט, אין קולטור, אין דער אַרמיי, אין דער רעגירונג, אין דעם מלכות פון גייסט און פון מאַטעריע. און די רעגירונג זאָרגט צו משתף זיין די תימנער אין דעם „עולם הזה“ צוזאמען מיט אַלע אַנדערע יידישע שבטים.

און איך וועל אייך ניט מגלה זיין קיין סוד אויב איך וועל זאָגן אַז איך זע אין דעם רעזשים פון די דערציאונגס־ריכטונגען (זרמים) אַן אומגליק־לעכן רעזשים. נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק, אין אָנהייב פון זיין וווקס, האָב איך געזען די חסרונות פון אָט דעם רעזשים און זיינע וואָרצלען. אָבער, דאָס איז ניט די איינציקע אומגליקלעכע ירושה וואָס מיר האָבן באַקומען פונעם עבר, פון דעם פאַר־שטאַטלעכן פעריאָד. איך באַדויער זייער שטאַרק וואָס די גרעסטע פאַרטיי אין לאַנד, צווישן וועמעס חברים איך האָב דעם כבוד צו געהערן, האָט נאָך ניט באַטראַכט די דאָזיקע פראגע נאָכן אויפ־קומען פון דער מדינה, אין ליכט פון דער נייער רעאַליטעט. און די נייע ווירקלעכקייט באַטייט צוויי זאכן וואָס זענען פריער ניט געווען: מדינה און קיבוץ גלויות. אַפילו ווען דער רעזשים פון די זרמים וואָלט געווען באַרעכ־טיקט בשעתו, און איך האָב די העזה צו גלייבן אַז אויך דעמאָלט איז ער געווען אַ טעות, — דאַרף מען אים איצט רעווידירן פונדאַסניי. און לויט ווי מיר איז באַקאַנט, זענען אין אונדזער פאַרטיי פאַראַן גאָר ווייניק חברים, וועלכע טראַכטן אַז אויך איצט דאַרף אָט דער סיסטעם ווערן פאַרגעזעצט. איך בין ניט קיין נביא, און איך וויל זיך ניט מתחייב זיין אין וועמעס עס איז נאָמען, אָבער איך האָף אַז בקרוב וועט די פאַרטיי באַטראַכטן די פראגע פון חינוך אין ליכט פון דער נייער רעאַליטעט, און זי וועט קומען צו דער מסקנה אַז עס איז נויטיק צו באַפרייען די דערציאונג פון דער הערשאַפט פון די פאַרטייען, און זי איבערגעבן אין די הענט פון דער מדינה. פונדעסטוועגן מאַך איך מיר ניט קיין אילוזיעס אַז מיט דעם וועלן מיר לייזן אַלע חינוך־פּראָבלעמען, ווייל איך שטעל מיר ניט פאָר אַז מיר וועלן מסכים זיין צו אַ שטאַטלעכן חינוך וואָס זאָל זיין טאָטאַליטאַר, און איך זע אין יעדער טאָטאַליטאַרער אַראַנזשירונג אַ חרפה און אַ אומגליק. אויב די מערהייט, לאָמיר אָננעמען אַז ס׳וועט זיין אַ רעליגיעזע מערהייט, וועט אַרויפצווינגען דעם רעליגיעזן חינוך אויף דער מינדערהייט, אָדער פאַרקערט — אויב די מערהייט וועט זיין ניט־רעליגיעז און זי וועט אַרויפ־צווינגען אויף דער מינדערהייט אַ ניט־רעליגיעזע אָדער אַנטירעליגיעזע דערציאונג; אויב די מערהייט וועט זיין אַ רעכטע און זי וועט אַרויפצווינגען אויף די אַרבעטער אַ דערציאונג וואָס לייקנט אַלע חלוצישע גרונטווערטן און שטעלט אין צענטער פון לעבן דעם אוטיליטאַריזם, אָדער ווען אַן אַר־בעטער מערהייט וועט אַרויפצווינגען אויפן גאַנצן שול־וועזן אַ פּראָלעטאַ־רישע דערציאונג — אין די אַלע פאַלן וועט עס זיין אַ דיקטאַטור. און איך

גלויב אַז אין ישראל איז אוממעגלעך אַ דיקטאַטאָרישער רעזשים. סיידן ער זאָל אַנגעוואָרפן ווערן דורך אַ מאַכט פון דרויסן, און עס איז אויך ניט מעגלעך ביי אונדז אַז אַ מערהייט זאָל אונטערדריקן גייסטיק די מינדערהייט, אַלץ איינס, צי די מינדערהייט איז אַ גרויסע צי אַ קליינע.

אָבער, פון דער אַנדערער זייט בין איך ניט מסכים אַז אפילו היינט, איידער ס'ווערט אָפּגעשאַפט דער סיסטעם פון „זרמים", זאָלן די עלטערן אויסאיבן די גאַנצע דעה אויף דעם שול־וועזן. אויך איצט דאַרף די מלוכה באַשטימען — און איך גלויב אַז זי טוט עס, — אַ מינימום־פּראָגראַם, וואָס די שולן פון אַלע ריכטונגען זאָלן מוזן אויספאָלגן.

אין די לימודים וועלכע ווערן באַשטימט דורך דער מלוכה דאַרף, לויט מיין מיינונג, אַריין דאָס בעסטע און דאָס שענסטע פון די לעבנס־ווערטן וואָס דאָס יידנטום האָט געשאַפן אין זיין עבר און זיין פּראַכטפולע צו־קונפט־וויזיע, צוזאַמען מיט די אַקטועלע באַדערפענישן אויפן געביט פון בויאונג, זיכערקייט, אַנטוויקלונג און געזונט און די קאָלאָסאַלע שאַפונגס־מעגלעכקייטן פון פאָלק אין שיין פון דער וויסנשאַפט און מיט איר הילף.

אָבער אויך נאָכדעם ווי די מדינה וועט האָבן באַשטימט אַ מינימום פּראָגראַם פאַר אַלע, אַן אויסנאַם, שולן, וועט בלייבן אַ גענוג ברייט פעלד פאַר זעלבסטשטענדיקער דעטערמינירונג פון אַלערליי שטרעמונגען, גייס־טיקע, געזעלשאַפטלעכע און פּעדאַגאָגישע. איך שטעל מיר פאָר אַז ס'קען קומען אַ לערער וואָס וועט טענהן אַז דער אַלטער פּעדאַגאָגישער סיסטעם טויג מער ניט און ער האָט אויסגעפונען אַ נייעם, נאָך ניט אָנגענומענעם דערציאונגס־מעטאָד וואָס דאַרף באַרייכערן און אויסבעסערן דעם חינוך. איך שטעל מיך ניט פאָר אַז די מלוכה וועט זיין ביוראָקראַטיש און פאַרבאָטן אַלע חידושים. ס'קאָן זיין אַז די מדינה וועט זאָגן צו יענעם לערער: אויב דו וועסט געפינען עלטערן וועלכע וועלן דיר איבערגעבן זייערע קינדער, — איז מיטן בעסטן פאַרגעניגן, ווייז וואָס דו קענסט; פאַרשטייט זיך, אויספאָל־גנדיק די באַשטימטע באַדינגונגען דורך דער מלוכה. די רעגירונג דאַרף ניט פאַרגליווערן די חינוך־סיסטעמען. ווי אַלע זאַכן וואָס ענדערן זיך, ענדערן זיך אויך די דערציאונגס־מעטאָדן. אין די לעצטע דורות האָט מען אויפן דער־ציאונגס־שטח איינגעפירט קאָלאָסאַלע רעפאָרמען, און קיינער האָט נאָך ניט געזאָגט זיין לעצט וואָרט: ס'איז בכלל ניטאָ קיין לעצט וואָרט אויף דער וועלט.

אָבער, פאַרלויפיק, האָבן מיר נאָך אָט דעם אומגליקלעכן סיסטעם און כל־זמן ער עקסיסטירט (איך האָף אַז שוין ניט אויף לאַנג) מעג יעדע ריכ־טונג אַרבעטן אין דעם תחום פון דער יוריסדיקציע וואָס זי האָט באַקומען פון דער מלוכה, אונטער דער קאָנטראָל פון די העכסטע אינסטאַנצן פון דער מלוכה — דאָס בילדונגס־מיניסטעריום, די רעגירונג און דער פּאַר־לאַמענט. ווען די אַרבעטער ־ ריכטונג עפנט רעליגיעזע שולן — איז עס ניט קיין „תת זרם", ווייל דער עיקר אין די שולן איז ניט דאָס וועלטלעכע און

אויך ניט דאָס רעליגיעזע, נאָר די חלוצישע דערציאונג. און חלוצים זענען דאָ סיי וועלטלעכע סיי רעליגיעזע; און די פרומע אַרבעטער פון דער הסתדרות, סיי די ותיקים און סיי די נייע עולים האָבן רעכט צו געבן זייערע קינדער אַ חלוצישע דערציאונג. אויך די כלליים, אויב זיי ווילן געבן די קינדער פון די פרדסנים אַ רעליגיעזן אונטערריכט — קענען זיי ניט ווערן געשטערט דורך דער מזרחי אָדער דורך דער אגודה.

ווי איך האָב געזאָגט ביים אַנהויב, פילט זיך די רעגירונג פאַרפליכטעט לגבי די עולים, צו גאַראַנטירן אַ רעליגיעזע דערציאונג פאַר אַלע תימנער קינדער — אין די לאַגערן, מעברות, ישובים און אומעטום. אָבער די רעגירונג האָט ניט בדעה צו פאַרגליווערן די אַקטועלע פיזיאָנאָמיע פון תימנער עולה. פאַרקערט, מיר שטרעבן צוצופאַסן די תימנער עליה צו דער ישראל־סביבה, צו דער פרייהייט, גלייכהייט, גבורה, צו דער קולטור און געזעלשאַפט וואָס מיר פאַרמאָגן אין ישראל. מיר ווילן אַז די תימנער יוגנט זאָל אַרויסגעבן שעפער פון נייע ווירטשאַפטן, בויער פון קאָלאָניעס און וויסנשאַפט־לייט. מיר ווילן אָפּשאַפן די אונטערשיידן וואָס הערשן צווישן אַ תימנער און אַן אַנדער יידן. מיר ווילן ניט ער זאָל זיך באַציען צו זיין פרוי, זון און טאָכטער ווי ער האָט זיך צו זיי באַצויגן אין תימן. פאַר אונדז איז אַ תימנער ייד, קודם כל אַ ייד און אַ מענטש פונקט ווי מיר און מיר ווילן אים פאַרוואַנדלען, אויף וויפל עס איז מעגלעך און ווי אמשנעלסטן, אין אַ ייד וואָס געדענקט שוין ניט פון וועלכן גלות ער איז געקומען, אַזוי ווי איך האָב שוין פאַרגעסן אַז כ'בין אַמאָל געקומען פון פוילן.

דער תימנער וועט זיך אויסלעבן רעליגיעז ווי יעדער אַנדער פרומער ייד. אָבער, עס זענען דאָך פאַראַן אַזעלכע מיינונגס־פאַרשידנהייטן וואָס זייער דעציזיע גייט ניט אַריין אין דעם תחום פון דער רעליגיע. אין צענטער פון אַלערליי חילוקי־דעות שטייט די קאַרדינאַלע פראַגע צי דער עיקר ביי אַן אומה איז די אַרבעט צי דער קאַפּיטאַל; צי דינט דער אַרבעטער בלויז אַלס מיטל פאַרן קאַפּיטאַל, אַלס זיין משרת, אָדער פאַרקערט — דער קאַפּיטאַל איז בלויז אַ מיטל פאַרן מענטש און לשם זיינע באַקוועמלעכקייטן. אין דער פראַגע גייט אַן אַ געראַנגל פון כוחות ביי אונדז, פונקט ווי אין דער גאַרער וועלט. דער אַרבעטער־ציבור קוקט אויף זיך ניט ווי אויף אַ בעציינ פאַרן קאַפּיטאַל, נאָר ווי אויף אַ וויכטיקער געזעלשאַפט וואָס בויט די מדינה און שאַפט איר קולטור און ווירטשאַפט. די תימנער געמיינדע באַשטייט אין איר איבערוועגנדיקער מערהייט פון אַרבעטער, און מיר שטרעבן צו מאַכן זיי פאַר אַבסאָלוטע, גלייכבאַרעכטיקטע שותפים פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט, ווי פרייע בירגער, בויער און שאַפער.

עס וווּנדערט מיך זייער: דער רעליגיעזער בלאָק האָט ניט געשאַפן קיין באַזונדער אָרגאַניזאַציע פאַרן רעליגיעזן אינדוסטריאַל, קיין ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע פאַרן רעליגיעזן בעל־מלאכה און אויך ניט פאַר דעם רעלי־

גיזן סוחר אָדער פּאַרמער — בלויז די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער זוכט דער בלאָק צו שפּאַלטן, אָפּטיילנדיק דעם רעליגיעזן אַרבעטער. אמת, לויט די מלוכה־געזעצן מעג מען עס טאָן. אָבער קיין געזעץ פאַרפליכטעט דאָך אויך ניט דעם פאַבריקאַנט צו זיין אַ מיטגליד אין אַ פאַראייניקטן פאַרבאַנד פון אינדוסטריאַלן. די פאַראייניקונג פון די אינדוסטריאַלן געפעלט מיר גראָד פונקט ווי די אָרגאַניזירונג פון יעדער גרופּע וואָס טוט קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. פאַרוואָס, אָבער, באַקעמפט דער רעליגיעזער בלאָק די פאַראייניקונג פון רעליגיעזע אַרבעטער מיט ניט־רעליגיעזע, און זוכט ניט צו שפּאַלטן די אַנדערע גרופּעס? די הסתדרות העובדים דינט דאָך ניט בלויז די אַרבעטער אינטערעסן, נייערט אויך די נאַציאָנאַלע און מלוכהשע. איז, אויב אַ רעליגיעזער סוחר מעג זיין אָנגעשלאָסן אין דעם אַלגעמיינעם סוחרים־פאַרבאַנד און ער זינדיקט ניט מיט דעם קעגן דער רעליגיע — דאַן איז שווער צו געפינען אַ רעליגיעזן מאָטיוו, וואָס זאָל באַרעכטיקן דאָס שפּאַלטן די אַרבעטערשאַפט דורך שאַפן באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס פאַרן רעליגיעזן אַרבעטער. און עס פאַלט אַ חשד, אַז דאָס ווערט געטאָן ניט אויס רעליגיעזע מאָטיוון, נאָר גאָר צוליב סיבות פון אַן אַנדער כאַראַקטער. און איך ווענדע זיך צו די באמת פרומע, וואָס די רעליגיע איז ביי זיי דער עיקר — און אַזעלכע זענען אויך פאַראַן אין רעליגיעזן בלאָק — און איך זאָג זיי גאַנץ אויפריכטיק און מיטן גרעסטן דרך־ארץ: איך צווייפל אויב דאָס וואָס דער רעליגיעזער בלאָק שפּאַלט די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער, — די הסתדרות — כלומרשט אין נאָמען פון דער רעליגיע, אין דער צייט ווען אין די אַנדערע שיכטן שטיצט ער די אַלגעמיינע פאַראייניקונג, וועט צוגעבן דער רעליגיע און די רעליגיעזע יידן פּרעסטיזש. אַלנפאַלס זאָל דער „חזית הדתית" ניט פאָדערן פון דער רעגירונג הילף בכדי צו צעשפּאַלטן דעם אַרבעטער־קלאַס. זאָל ער עס טאָן מיט זיינע אייגענע כוחות.

די צווייטע זאַך וואָס כ'האָב פאַריקע וואָך געזאָגט דער קאָאַליציע, און דאַרף עס זאָגן אויך דאָ, איז: די באַשלוסן וואָס די רעגירונג האָט אָנגענומען וועגן חינוך אין די מעברות און ישובי־עולים קענען דורך דער איצטיקער רעגירונג ניט ווערן געענדערט. די רעגירונג האָט אַרויסגעטראָגן איר לעצטע דעציזיע, און האָט ניט בדעה און געפינט ניט פאַר נויטיק צו פאַרציען וועגן דעם ענין אַ וויכוח אָן אַ סוף.

מיר האָבן געוווּסט אַז באַשליסן איז ווייניק. מ'דאַרף עס אויך אויספירן, און ביים אויספירן קענען זיך שאַפן פיל פראַגן. איז, בכדי צו גאַראַנטירן די ראַיעלקייט פון דער רעאַליזירונג און צוליב דעם אַלגעמיינעם צוטרוי צו אונדזער גוטן ווילן, האָבן מיר באַשלאָסן אַז אויך דער מיניסטער פון רעליגיעזן בלאָק זאָל העלפן אויספירן דעם באַשלוס צוזאַמען מיטן בילדונגס־מיניסטער און מיטן פּרעמיער. איך וועל אייך געבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס מיר האָבן געפונען פאַר נויטיק צו פאַרלאַנגען די מיטאַרבעט פון

רעליגיעזן מיניסטער. ווען הרב לעווין זאָל אַריינקומען צו מיר אין שטוב, ווען איך עס, וועל איך אים ניט איינלאַדן צום טיש מיטעסן, ניט אויס מאַנגל אין העפלעכקייט, נאָר צוליב גאַנץ פאַרשטענדלעכע סיבות. אָבער קוים וועל איך אים איינלאַדן צו מיר אויף מיטיק, וועט זיין ביי מיר דאָס עסן כשר בתכלית הכשרות. איך בין אויף דעם באַגלויבט. כ׳וועל איינלאַדן אַ ספּעציאַליסט וואָס זאָל צוווייזן מיין פרוי ווי מ׳דאַרף צוגרייטן אַ מיטיק בתכלית הכשרות, ווייל איך בין ניט זיכער צי זי קען אַלע דינים. אויב מיר האָבן צוגעזאָגט די רעליגיעזע עלטערן צו געבן זייערע קינדער אַן אָרטאָדאָקסישע דערציאונג, האָבן מיר עס געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן און מיר זענען באַגלייבט אַז דאָס וואָס מיר זאָגן צו, טוען מיר ערלעך און מיר האַלטן אַז פון דעם שטאַנדפּונקט איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן אונדז און דעם רעליגיעזן בלאָק: אָבער, בכדי עס צו טאָן ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווילן מיר האָבן אַ באַטייליקונג פון אַ ספּעציאַליסט און אַ מוסמך פון רעליגעזן בלאָק: ניט ווייל איך געטרויע ניט דעם ה׳ רמז, איך האָב ניט קיין מאָטיוו צו גלויבן דעם ה׳ רמז ווייניקער ווי דעם ה׳ שפּירא און אויך להיפך. נאָר אַזוי ווי איך האָב מורא אַז אַלס ניט־ספּעציאַליסט אין רעליגעזער דערציאונג קען איך נאָך מאַכן אַ פעלער און צוליב ניט־וויסן, אָדער ניט האָבנדיק דעם געפיל דערצו, מכשיל זיין די פרומע תימנער און ניט דערפילן געטרי מיין צוזאָג צו געבן זייערע קינדער אַ רעליגיעזע דערציאונג, האָבן מיר דערפאַר באַשלאָסן אַז אין דער קאָמיסיע זאָל אַריין אַ חבר פון רעליגיעזן בלאָק, ניט אַלס משגיח, וואָס זאָל אונדז היטן, — מיר נייטיקן זיך ניט אַז מ׳זאָל אונדז היטן, — נאָר אַלס חבר, וואָס זאָל אונדז אָנווייזן אויב מיר טוען עפּעס ניט ווי עס פאָדערט זיך.

מיר ווילן מיטן גאַנצן האַרצן אויספירן דעם באַשלוס צוזאמען מיט אַ חבר אַ מוסמך, וואָס זאָל אַכטונג געבן, אויב ס׳וועט זיך מאַכן עפּעס אַ פּגם. כ׳האָב אויך געמאָלדן דער קאָאַליציע: אויב די כנסת וועט אָפּוואַרפן די דערמאָנטע באַשלוסן, און זי האָט רעכט דערצו, וועלן מיר עס פאַרשטיין אַלס אומצוטרוי־וואָטום מיט אַלע זיינע פּאַרלאַמענטאַרישע קאָנסעקווענצן וואָס דרינגען דערפון אַרויס. די רעגירונג — איך מיין די 3טע רעגירונג, וואָס איך האָב דעם כבוד צו שטיין אין איר שפּיץ, — האָט זיך אונטערגענומען מיט איינציקע מאַנאַטן צוריק צו אָנפירן מיט דער מדינה ביז אָנהייב 1953 מיט דער באַשטעטיקונג פון פּאַרלאַמענט. עס האָט מיך דאַן געפרעגט דער דעפּוטאַט פּנקס, אויב איך גלייב אין דער סטאַביליטעט פון דער רעגירונג. איך האָב אים געענטפערט, אַז קיין נביא בין איך ניט און פאָראויסזאָגן די צוקונפט קאָן איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז אַלע פראַקציעס וואָס באַטייליקן זיך אין דער רעגירונג האָבן צוגעזאָגט זיך באַמיען אַז די רעגירונג זאָל זיין סטאַביל ביז 1953. איך וועל איצט ניט האָבן קיין טענות צו די פּאַרטייען, אויב זיי וועלן חרטה האָבן. דאָס איז זייער רעכט. נאָך אַלעמען איז דאָך אַ

רעגירונגס ־ קאָאַליציע ניט קיין קאַטוילישע חתונה. יעדער האַנדלט ווי ער פאַרשטייט. און וואָס אנבאַלאַנגט די אָפּמאַכן, ווערן זיי דאָך געמאַכט פ א ר ן צונויפשטעלן אַ קאַבינעט: עס קען זיך ניט שאַפן קיין קאָאַליציע, אָן אַ פריערדיקן אָפּמאַך וועגן פּראָגראַם, לויט וועלכן די קאָאַליציע רעגירונג וועט אַרבעטן. אַזאַ אָפּמאַך איז געווען אין מערץ 1949 ביים בילדן די ערשטע געוויילטע רעגירונג, און אויך אָנהייב נאָוועמבער פאַרן צונויפשטעלן דער רעגירונג פון 13. אָבער נאָכדעם ווי אַ קאַבינעט קאָנסטיטואירט זיך, איז ער טעטיק מיטן כח פון די אָנגענומענע רעזאָלוציעס און ניט דורך קעגנזייטיקע אָפּמאַכן צווישן די מיטגלידער.

כ׳וועל נאָך צוגעבן אַ פּאָר ווערטער וועגן די אומגליקלעכע ירושות וואָס מיר האָבן איבערגענומען פון עבר.

פון דער פאַר־מדינה עפּאָכע האָבן מיר איבערגענומען, ניט נאָר דעם שלימזלדיקן סיסטעם פון די „זרמים“, נאָר אויך אַן ערגערע זאַך, וואָס איז נאָך שווערער צו פאַריכטן, — אויף יעדן פאַל לאָזט זיך עס ניט גוט־מאכן דורך אַ דעקרעט — מיר האָבן איבערגענומען אַ קרענקלעכע, איי־בערגעשפּיצטע און שעדלעכע צעשפּליטערטקייט. ווער עס האָט יאָ און ווער ס׳האָט ניט קיין אייגענע אַנשויאונג און וועג, שאַפט אַ פּאָליטישע פראַק־ציע. אַנשטאָט צוויי פּאַרטייען, איינע ביי דער מאַכט און די צווייטע אין דער אָפּאָזיציע, פאַרמאָגן מיר אַ וועלט מיט פאַרטייען, באַוועגונגען און וואַל־ליסטעס וואָס קיינער ווייס ניט מיט וואָס זיי טיילן זיך פונאַנדער. די דאָזיקע צעשפּליטערטקייט טראָגט מיט זיך דעם סם, ניט בלויז פון רע־גירונגס־קריזיסן נאָר אויך פון אַ קריזיס פון גאַנצן מלוכה־וועזן אין ישראל. אַ מדינה וואָס בייטיקט זיך אין אַ רעגירונג וואָס זאָל זיך לאַנג האַלטן, קען ניט עקסיסטירן אין אַצושטאַנד פון צעבראָקלטקייט. די אויסערגעוויינ־לעכע שליחותן וואָס מדינת ישראל מוז אויספירן, זענען אוממעגלעך, אָן סטאַ־ביליטעט און אינערלעכער פעסטקייט, וואָס זאָל אָנהאַלטן אַ לענגערע צייט.

איך באַמערק מיט צופרידנקייט די נייגונג וואָס פאַרשטאַרקט זיך ביים פאָלק, ביי די וואַלן צו דער כנסת און מוניציפּאַליטעטן, צו פאַרענדיקן מיט די קליינע פּאַרטייען, וואָס האָבן ניט קיין שום שאַנסן צו ווערן אַ מערהייט, און ממילא ווערן זיי געצוואונגען דורך זייער עצם מהות און מצב, צו פאַרוואַנדלען זיך אין נעגאַטיווע און סאַבאָטירנדיקע גרופּעס. אונדז פעלט אַ מלוכהשע טראַדיציע. אַ טויזנטיעריקע מחלה פאַרהיילט זיך ניט אין איין טאָג. איך ווייס ניט ווען וועט מען שוין ניט דאַרפן אָנקומען צו קאָאַליציעס און אָפּ־מאַכן פון פּאַרטייען, וואָס אין בעסטן פאַל געבן זיי קיין געזונט ניט צו. איך האָט נאָך ניט געזען קיין איין שטאָט־ראָט אין לאַנד וואָס זאָל זיך ניט בילדן דורך קאָמבינאַציעס פון מינדערהייטן, באַגלייט שטענדיק מיט כלערליי סאָרטן שאַנטאַזש אויף וועלכן ס׳איז אופן. די אָפּאָזיציע־דעפּוטאַטן, איז לייכט אָפּצושפּאָטן פון דער קאָאַליציע, קוקנדיק אָבער אויף די

דעפּוטאטן, אויף אַלע בענק, פון עקסטרעם רעכט ביז עקסטרעם לינק, באַמערק איך ניט קיין איין פּראַקציע וואָס האָט דעם שפּיל פון קאָאַליציע ניט מיטגעמאַכט אין די שטאַט־ראַטן. איז וואָס־זשע חוזקן און גרויסן זיך: מפ״ם, די כלליים, חרות, מק״י און אַנדערע? כ׳האָב זיך צוגעהערט ווי מיין פריינט ה׳ ציזלינג לאַכט פון מיינע קאָמפּראָמיסן און פשרות. איך האָב מורא, ה׳ ציזלינג, אַז בלויז צו אויפהאַלטן די איינקייט אין אייער אייגענער „פּאַר־איייניקטער פּאַרטיי״, נויטיקט איר זיך און וועט זיך נאָך גענוג נויטיקן אין קאָמפּראָמיסן און פשרות.

אויב די כנסת וועט אָפּוואַרפן אונדזער באַשלוס, מיינט עס נייע וואַלן. איך בין ניט זיכער, צי נאָך די וואַלן וועלן מיר שוין האָבן אַ סטאַבילע און געזונטע רעגירונג, הגם כ׳בין גרייט זיך צו אָנשטרענגען, אַז נאָך די וואַלן זאָל זיך שאַפן אַ סטאַבילע רעגירונג. אויב מיין פּאַרטיי וועט, — לויט ווי איך האָף, — באַקומען אַ מערהייט, וועט ערשט דאַן זיין נייטיק, לויט מיין טיפער איבערצייגונג, צו בילדן אַ קאָאַליציע־רעגירונג פון אַלע קאָנסטרוקטיווע ציוניסטישע כוחות אין לאַנד, ווייל מחוץ פון אַ סטאַבילער רעגירונג, וואָס דאָס איז דער ערשטער תנאי פאַרן וווילזיין און אחריות פון דער מלוכה, נויטיקט זיך אונדזער מדינה אויך אין אַ מאַקסימאַלער אָנשטרענגונג פון אַלע יחידים פון דער מדינה און פון גאַנצן יידישן פאָלק.

עס איז ניט מיין אויפגאַבע און איך בין ניט אויטאָריזירט צו באַשטימען וואָס ס׳וועט פּאַרקומען נאָך די וואַלן. עס איז, אָבער, מיין חוב צו זאָגן דער כנסת, דאָס וואָס כ׳האָב געזאָגט צו חברים פון דער קאָאַליציע: די רעגירונג אין וועמענס שפּיץ איך האָב די זכיה צו שטיין, — און דאָס איז אַ גרויסע זכיה — טראָגט אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אפשר אַ צו שווערע, און איך דערקלער פייערלעך אַז די רעגירונג וועט בשום אופן ניט דערלויבן איר צו שטערן דורכצופירן די שווערע אויפגאַבן וואָס וואַרטן אויף איר דורך אינערלעכע רייבונגען און קאָאַליציע־קריזיסן. פאַר דער רעגירונג איז די חינוך־דעבאַטע פאַרענדיקט.

ווען כ׳האָב אייערנעכטן געהערט ווי מ׳האָט דאָ שטאַרק קריטיקירט די „וואָס יאָגן זיך נאָך העגעמאָניע און באַגוצן זיך מיט צוואַנג־מיטלען״, האָב איך צוגעמאַכט אויף אַ פּאָר מינוט די אויגן און געטראַכט: ווער איז עס דער באַשולדיקער? ווער שיט עס פעך און שוועבל אויף די וואָס יאָגן זיך נאָך מאַכט, אַ נזיר? אַ מענטש וואָס אַנטלויפט פון הערשאַפט, אַ בטלן, וואָס זיצט הינטערן אויוון? איז — ווי אַזוי איז דער שטילינקער חסיד אַריין אין פּאַרלאַמענט? האָב איך אויפגעעפנט די אויגן, ערשט איך זע דאָס רעדט דער מיניסטער פון אינערן, פון עליה און געזונטהייט. האָט מיך געוווּנדערט: פאַרוואָס דאַרף ער עס נעמען אין דער עפנטלעכקייט און „שלאָגן על חטא״... אויף יענעמס ברוסט?

פאַרן ענדיקן, וועל איך ווי אייגער וואָס שטייט אין שפּיץ פון

די „וואָס יאָגן זיך נאָך העגעמאָניע" א. א. וו. אייך מעלדן אז אויב איר וועט אָפּוואַרפן אונדזער באַשלוס, פאַרלאָז איך די רעגירונג.

צו אַ קאָאַליציע ־ רעגירונג פאָדערט זיך אַ סך געדולד, ווייל מענטשן זענען ניט קיין הייליקע און פאַרטייען שאַפן זיך ניט דורך מלאכים. איך האָב געפּרוווט די דריי יאָר צו טאָן מיין אַרבעט ווי אמבעסטן. כ'האָב ניט קיין חרטה וואָס איך האָב צונויפגעשטעלט אַ קאָאַליציע־רעגירונג כדי מדינת ישראל זאָל האָבן אַ ממשלה און דורכפירן דאָס אַלץ וואָס איז געטאָן געוואָרן. איך ווייס אַז אין דעם זאָל געפינען זיך אמווייניקסטן אַ טוץ דע־פּוטאַטן וואָס זענען זיכער אַז זיי וואָלטן געטאָן די אַרבעט בעסער, איז — געזונטערהייט. מיר האָבן געטאָן אויף וויפל ס'האָט זיך געלאָזט און איצט זאָל ווער ס'וויל משפטן.

איך פאַרענדיק: אין דער פראַגע פון רעליגיעזן חינוך, האָט שוין די רעגירונג אַרויסגעטראָגן איר ענטגילטיקן באַשלוס. איר האָט גע־הערט דאָס לעצטע וואָרט פון דער רעגירונג און איצט, חשובע מיטגלידער פון דער כנסת, ליגט די אַנטשיידונג אין אייערע הענט.

# די פּאַן פון פאָלק און די פאָן פון אַרבעט

כ'האָב געהאַט דעם זכות, ווען איך בין מיט דרייסיק יאָר צוריק געפאָרן אין נאָמען פון דער הסתדרות קיין מאָסקווע, אויפצוהויבן אין דער הויפּטשטאָט פון די סאָוועטן די ציוניסטישע פאָן, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די לינקע פּועלי־ציון האָבן מיך געדראָט, אַז אויב איך וועל וואַגן אויפצוהויבן די ציוניסטישע פאָן וועלן זיי באַיקאָטירן די אויסשטעלונג פון דער הסתדרות. כ'האָב זיך ניט גערעכנט מיט די „לינקע" און כ'האָב אַרויפגעצויגן די ציוניסטישע פאָן אין מאָסקווע.

איצט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע וועגן דער פאָן און דאָסמאָל איז דער וויכוח צווישן מיר און אַ סך פון מיינע חברים אין מפלגת פּועלי ארץ ישראל, און ס'איז אַ וויכוח צווישן מיר און צווישן חברים ווי אברהם האַרצפעלד, קדיש לוז פון דגניה, עמי אסף פון כפר־יהושע און יזהר סמילאַנסקי; ס'האָט עמעצער דאָ אין לאַנד און אין חוץ־לארץ פּרובירט זיי פאַרצושטעלן ווי אומגעטרייע צום יידישן פאָלק, צום כלל ישראל, צו דער ציוניסטישער פאָן. זיי נייטיקן זיך ניט אין קיין שום ציוניסטישער פאַרטיידיקונג אָבער איך, ווי אַ חבר זייערער, מעג האָבן אַן אַנדער מיינונג און מחולק זיין מיט זיי.

אַלע מיינע יאָרן אַרבעט איך אין אַ באַוועגונג וואָס מיין פאַרבינדונג מיט איר איז אויף לעבן און טויט; זי איז אַ באַוועגונג, וואָס אירע קעגנער רופן זי, לגנאי, — און איך נעם עס אויף מיט כבוד — אַ באַוועגונג פון „שעטנז". אַלע מיינע יאָרן בין איך געווען קעגן די יעניקע וואָס דערקלערן זיך ווי אָנהענגער פון אַן אַזוי־גערופענעם אַבסאָלוטן מאָניזם. אפשר גלויבן זיי באמת, אַז זיי זענען מאָניסטן; אָבער פאַקטיש האָבן זיי אַן אַנדער שעטנז; וואָרעם אַ מענטש איז זיין גאַנץ לעבן אַ פּלוראַליסט — יעדער מענטש: מענטשן האָבן אַ גרעסערע צאָל באַציאונגען און פאַרבינדונגען אויף עטלעכע שטחים פון זייער לעבן, זייער טעטיקייט און זייער געדאַנק, און קיין שום איזאָלירטע איינציקע זאַך שעפּט ניט אויס זייער גאַנצן אמת און פאַראינטערעסירונג. און דער וואָס רעדט וועגן מאָניזם אין באַצוג צום מענטש און צו אַ גרופּע מענטשן, ווייסט ניט וואָס ער רעדט.

אַלע מיינע יאָרן בין איך געווען אַ חבר פון אַ באַוועגונג, וואָס איז אַן אָנהענגערן פון אידעאישן „שעטנז", און אפשר ניט פון איין „שעטנז" בלויז,

עס זענען פאַראַן מערערע שעטנזן וואָס זענען מיר טייער. אָבער דאָ וועל איך זיך אָפּשטעלן נאָר אויף איין „שעטנז", — אויף דעם וואָס איז פאַרבונדן מיט דער פראַגע פון די פענער. דער דאָזיקער „שעטנז" איז די באַהעפטונג פון ציוניזם מיט סאָציאַליזם, אָדער דער ציוניסטישער סאָציאַליזם. זיי ציען ביידע זייער יניקה פון געדאַנקען, געשעענישן און אידעאַלן פון אונדזער צייט, וואָרעם סיי דער ציוניזם סיי דער סאָציאַליזם וואָלטן אין זייער מאָדערנער פאָרעם ניט מעגלעך געווען מיט הונדערטער יאָרן צוריק. אָבער אין זייער יסוד שעפּן זיי ביידע זייער יניקה פונעם מקור פון יידישקייט, וואָס אין אים וואָרצלט אונדזער היסטאָרישער קיום, און דער מקור איז — די יידישע נביאים און דער ספר הספרים.

מיר טראָגן די פאָן פון אַרבעט און מיר טראָגן די פאָן פון פאָלק. איך בין ניט קיין פרומער וואָס שייך סימבאָלן און ניט קיין חסיד פון פענער, און איך שאַץ ניט קיין מענטשן, וועלכע בוקן זיך פאַר דער פאָן און דרייען זיך אַרויס פון די פליכטן וואָס די פאָן איז ניט מער ווי זייער סימבאָל. אַ גאַנץ לעבן האָב איך געקעמפט קעגן די וואָס פאָכען מיט דער ציוניסטישער פאָן און טוען דערביי ניט קיין ציוניסטישע אַרבעט און לעבן ניט קיין ציוניסטיש לעבן. אַזוי האָב איך באַקעמפט די יעניקע וואָס פאָכען מיט דער פאָן פון אַרבעט אָן געטריישאַפט צו דער אחדות פון די אַרבעטנדיקע און צו זייער שליחות אין פאָלק. דער וואָס שפּאַלט אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און פאַרלייקנט זיך צו זייערע אויפגאַבעס און צו זייער באַשטימונג, טראָגט די פאָן פון אַרבעט ל ש ו א , — אומזיסט. דער וואָס וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם עול פון דער מדינה און סאַבאָטירט איר אַרבעט — פאַרשוועכט די פאָן פון פאָלק.

דאָס פאָכען מיט דער פאָן איז אַליין פאַר־זיך נאָך ניט קיין באַווייז פאַר ציוניזם אָדער סאָציאַליזם. סיי אין אונדזער פאָלק, סיי אין אַנדערע פעלקער זענען פענער ניט איין מאָל פאַרשוועכט געוואָרן דורך זייערע טרעגער. איז דען דער געדאַנק פון פעלקער־פרייהייט ניט פאַרשוועכט געוואָרן דורך פעלקער־מערדער? איז דען ניט פאַרשוועכט געוואָרן די אידעע פון סאָציאַלער באַפרייאונג דורך אונטערדריקער און טיראַנען וואָס האָבן געפעלשט די וויזיע פון סאָציאַליזם? מענטשן און באַוועגונגען ווערן אויסגעפּרובירט ניט דורך די לאָזונגען און די פענער וואָס זיי טראָגן, נאָר לויט די מעשים וואָס זיי פאַרווירקלעכן. אַנטשיידנדיק איז דער כאַראַקטער פון פאָן־טרעגער, און ניט די פאָן.

מיר זענען אַנהענגער פונעם ציוניסטיש - סאָציאַליסטישן „שעטנז" און מיר זענען שטאָלץ מיט דעם דאָזיקן „שעטנז". די יידישע נביאים האָבן ניט נביאות געזאָגט בלויז וועגן נאַציאָנאַלער אויפריכטונג, נאָר אויך וועגן סאָציאַלער גערעכטיקייט. זייער נבואה איז געווען געווענדעט ניט בלויז צום יידישן פאָלק, נאָר צו דער גאַנצער מענטשהייט. א י ן כ י ש ר א ל

**ג ו י א ח ד ב א ר ץ**, נישטאָ אויף דער וועלט נאָך אַזאַ איינציקאַרטיק פאָלק ווי ישראל און עס איז ניטאָ קיין מער אוניווערסאַל פאָלק ווי דאָס יידישע. נאַציאָנאַלע ווערטן פאַראייניקן און מאַכן אונדז אפשר מער אייגנ־אַרטיק ווי וואָס פאַרא־ס'איז אַנדער פאָלק אויף דער וועלט, און מיט אַלע אונדזערע מאָראַלישע און גייסטיקע וואָרצלען זענען מיר איינגעגלידערט אין דער גאַנצער מענטשהייט. די יידישע נבואה איז געווען נאַציאָנאַל, אַל־מענטשלעך און קאָסמיש. אונדזער פאָלק איז געווען דאָס ערשטע פאָלק אין דער געשיכטע, וואָס האָט אין זיין אייגענעם גאָט דערקענט דעם גאָט פון דער וועלט. און דער ערשטער נביא אין שריפט, עמוס פון תקוע, האָט גע־רעדט וועגן אַלע פעלקער ארום אים — ארם, די פלשתים, צור, אדום, עמון, מואב, יהודה און ישראל — און זיין צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן סיי אויף די וואָס פארמיאוסן די תורה פון גאָט, סיי אויף „די וואָס פאַרקויפן פאַר געלט דעם אָרנטלעכן און דעם אָרעמאַן — פאַר שיך".

פון די נביאים האָבן מיר געלערנט, אַז עס קען ניט געמאָלט זיין קיין נאַציאָנאַלע גאולה אָן סאָציאַלער גערעכטיקייט, און פאַרקערט. דאָס איז דער אוראַלטער, אורשפּרינגלעכער מקור פון אונדזער „שעטנז", פון אונדזער ציוניסטישן און סאָציאַליסטישן גלויבן און שטרעבן; אַזוי איז אונדזער באַוועגונג געקומען אויף דער וועלט, אַזוי איז זי געווען טעטיק אַלע אירע יאָרן און אַזוי וועט זי אַרבעטן ביז זי וועט פאַרווירקלעכן איר פולע שליחות.

פון שטאַנדפּונקט פון „שעטנז" וועל איך זיך אָפּשטעלן אויף צוויי גרונט־באַגריפן: דער באַגריף פון פאָלק און זיין אחדות; און דער באַגריף פון אַרבעטנדיקן קלאַס און זיין אחדות. אונדזער באַוועגונג געפינט זיך אין אַ מחלוקת אָן פּשרות מיט די אַזוי־גערופענע „מאַניסטן" וואָס זאָגן: אָדער פאָלק אָדער קלאַס. און אין יאָר 1920 האָבן מיר זיך אָפּגעשפּאָלטן פון די „לינקע" פּועלי ציון, וואָס האָבן צו אונדז געזאָגט: אָדער — אָדער! די „לינקע" האָבן געטענהט, אַז דער וואָס איז געטריי דעם קלאַס טאָר זיך ניט באַטייליקן אין דער אָרגאַניזאַציע פונעם פאָלק, אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווייל די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז נאָר אַ „פאַרמאַסקירונג" פון דער בורזשואַזיע: אירע פאָנדן זענען פאָנדן פאַר דער אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטנדיקע; דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז ניט מער ווי אַ מיטל צו פאַרשקלאַפן דעם אַרבעטער און יעדע געמיינזאַמע טעטיקייט מיט דער בורזשואַזיע איז אַ פאַרראַט לגבי דעם אַרבעטער קלאַס. נישטאָ קיין כלל־ישראל, עס זענען פאַראַן נאָר קלאַסן־קעגנזאַצן; די דאָזיקע „לינקע" האָבן באַקאָטירט די אויסשטעלונג פון דער הסתדרות אין מאָסקווע ווען איך האָב אַרויפגעצויגן איבער איר די ציוניסטישע פאָן.

און ווער ווייסט דען ניט דעם ביטערן קריג, וואָס עס האָבן קעגן אונדז דערקלערט די נאַציאָנאַלע „מאָניסטן", וועלכע האָבן גערעדט אין נאָמען

פון „געלייטערטן" ציוניזם וואָס איז ריין פון יעטוועדן סאָציאַלן „שעטנד" און איז אויך פּטור פון חלוצישער אָנשטרענגונג אויפן שטח פון אויפבוי. אין דער געשיכטע פון דעם ווערק אין ארץ ישראל וואָס האָט אונדז געגעבן די מדינה, זענען די צוויי „מאַניסטישע" פליגלען געבליבן ביי זייער אומ־פּרוכטבאַרקייט, מאַכטלאָזיקייט און אָרעמקייט אין מעשים. דער „לינקער" פליגל האָט ניט געהאַט קיין חלק אין דער פאַרצווייגטער און רייכער אַר־בעטער שאַפונג וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין דער הסתדרות־העובדים; דער נאַציאָנאַלער „רעכטער" פליגל איז ניט געווען קיין שותף צו דעם פּרוכטבאַרן און געבענטשטן קאָלאָניזאַטאָרישן ווערק פון דער „שעטנדיקער" ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; ער האָט אויפגעשטעלט פאַר זיך אַליין אַ „נייע" ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל און זיך אויסגעצייכנט מיט זעלבסט־באַרימעריי, האָט גאָרניט אויפגעטאָן און זיך צעשוומען ווי עס צעשווימט זיך אַ רויך.

אונדזער באַוועגונג האָט געגלויבט און גלויבט אין פאָלק, אין זיין אַחדות און אין דער גורל־געמיינשאַפט וואָס פאַרבינדט אַלע טיילן פון פאָלק, ניט קוקנדיק אויף די צעשפּרייטונגען און קעגנזאַצן. זי האָט געגלויבט און גלויבט אין אַרבעטנדיקן קלאַס און זיין היסטאָרישער שליחות, אַ ציוניס־טישע און סאָציאַליסטישע צוגלייך. און מיר זענען כלל ניט איין, אַז מיר זאָלן זיך דאַרפן אַנטשולדיקן פאַר טראָגן ביידע פענער — די פאָן פון פאָלק און די פאָן פון אַרבעט, וואָרום דורך אַרבעט וועט דאָס פאָלק אויפ־געבויט און אויסגעלייזט ווערן.

אָבער יעדע פאָן סימבאָליזירט עפּעס אייגנאַרטיקס און באַזונדערס; און יעדע פאָן — איבער איר מחנה און אויף איר אָרט. וואָרעם יעדע פאָן זאָגט עפּעס.

וואָס זאָגט די פאָן פון פאָלק?

אין קעגנזאַץ צו די לינקע האָבן מיר זיך באַטייליקט אין ציוניסטישן קאָנגרעס פון גאַנצן פאָלק. מיר האָבן זיך ניט צוגעהערט צו דער „מאַרק־סיסטישער" טענה: „וועט דען די בורזשואַזיע העלפן דאָס ווערק פון דער אַרבעטנדיקער קאָלאָניזאַציע?" מיר האָבן ניט געהאַלטן אַז די שותפות פון אַלע טיילן פון פאָלק, וואָס אויף איר איז געבויט די ציוניסטישע באַוועגונג, איז באַשימט צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. די אויספורעמונג פון אַ פרייער אַרבעטנדיקער געזעלשאַפט איז די באַשטימונג און אויפגאַבע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. מיר האָבן געהערט צום גאַנצן פאָלק און מיר האָבן געגלויבט אין כלל־פאָלק פאַר די היסטאָרישע באַדערפענישן און נויטן פון פאָלק; און מיר האָבן געוווסט אַז די שותפות פון פאָלק איז אַ היסטאָ־רישע באַדערפעניש און אַ מוז — פאַר דעם קיום און דער אויסלייזונג פון פאָלק. זי איז ניט פאַרבונדן מיט קיין קאָניונקטור, נאָר מיט אַ גרונט־הנחה אַז עס עקסיסטירט אַן אחדות פונעם יידישן פאָלק, אַז עס איז פאַראַן

אַ שיקזאַל־געמיינשאַפט צווישן די יידן פון גאַר דער וועלט, אַפילו צווישן די יעניקע וואָס אַנערקענען זי ניט. ניט דער ציוניזם האָט די דאָזיקע גורל־געמיינשאַפט געשאַפן, נאָר פאַרקערט. ס'איז פאַראַן אַ גורל־געמיינשאַפט צווישן די יידן אין דער גאַנצער וועלט, צי זיי ווילן עס אָדער זיי ווילן עס ניט.

דער ציוניזם און זיין נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע זענען ניט מער ווי דער אויסדרוק פון דער דאָזיקער שיקזאַל־געמיינשאַפט; און די דאָזיקע געמיינשאַפט עקסיסטירט טראָץ די אינערלעכע קעגנזאַצן, דיווירקלעכע און די פיקטיווע, די דויערהאַפטיקע און די פאַראיבערגייענדיקע. פאַראַן קעגנזאַצן וואָס זענען דער רעזולטאַט פון פרעמדע און וולגאַרע איינפלוסן, דער רעזולטאַט פון זעלבסט־פאַרלייקענונג און פאַרבלענדונג — און זיי עקסיסטירן אין אַרבעטער־עולם ווי אין אַנדערע שיכטן און גרופּירונגען. פאַראַן אין דער אַרבעטער־מחנה מענטשן, וואָס זענען פאַרשקלאַפט צו פרעמדע כוחות, אַפילו אַזעלכע וואָס זענען איינגעשטעלט פיינטלעך צום פאָלק, מהמת דוחק אין מאָראַלישער און געדאַנקלעכער זעלבסשטענדיקייט, — ווי עס איז פאַראַן גייסטיקע און פּאָליטישע קנעכטשאַפט אין די קרייזן פון רעכטס. ס'איז פאַראַן ניט בלויז אַ קאָמוניסטישע יעווסעקציע — פאַראַן אויך אַזאַ מין פאַשיסטישע און פּלוטאָקראַטישע יעווסעקציע אין אַמעריקע, וואָס רופט זיך מיטן נאָמען „קאָונסיל אָף דזשודאַאיזם" וואָס פאַרלייקנט די יידישע גורל־געמיינשאַפט און די אחדות פון פאָלק.

די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער באַוועגונג איז געבויט געוואָרן אויפן גלויבן אין אחדות פון פאָלק און אין זיין געמיינזאַמען גורל. און אויב עס זענען פאַראַן „סאָציאַליסטן", וואָס זיצן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פאַרלייקענען די גורל־געמיינשאַפט און די אחדות פון יידישן פאָלק — איז אָדער זיי ווייסן ניט וואָס זיי טוען, אָדער זיי זיצן דאָרט נאָר כדי צו קריגן „בודזשעטן".

און וואָס זאָגט די פאַן פון אַרבעט?

מיר האַלטן, אַז די עקסיסטענץ פון יידישן פאָלק, ווי עס לעבט אין זיין צעשפּרייטונג, — מיט זיין אָפּהענגיקייט, מיט זיין קולטור־מצב, זיין עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סטרוקטור — איז אַ נעבעכדיקע, אַז זי געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון ירידה און איז אויסגעשטעלט צו פאַנאַנדערפאַל און חורבן. ס'איז נייטיק אַ גרינטלעכע טראַנספאָרמאַציע אין די וואָרצלען פון קיום פונעם יידישן פאָלק: אַן ענדערונג אין אָרט, קלאַס, קולטור און סאָציאַלע סטרוקטור. פון צעשפּרייטונג — צו קאָנצענטראַציע אין היימלאַנד; פון אָפּהענגיקייט — צו נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט; פון לופט־לעבן און באַדנלאָזיקייט — צו אַרבעט און באָדן, פון אַ שפּראַכן־בבל — צו אַ נאַציאָנאַלן לשון און קולטור וואָס פאַראייניקט דורות און שמעלצט צונויף גלותן. די דאָזיקע שליחות — צו ענדערן די סטרוקטור פון פאָלק און עס

צו פאַרוואַנדלען אין אַ פרייען אַרבעטנדיקן פאָלק — האָט אויף זיך גענו־מען די חלוצישע אַרבעטער־באַוועגונג.

זי איז ניט דער איינציקער כוח וואָס וועט פאַרווירקלעכן די דאָזיקע טראַנספאָרמאַציע; די אָנשטרענגונגען פונעם גאַנצן פאָלק זענען נייטיק פאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע. אָבער אין צענטער פון דער אָנשטרענגונג וועט זיך געפינען דאָס ווערק פון אַרבעט, די שאַפונג און דער קאַמף פון די אַרבעט - פּיאָנערן, וואָס זענען די אָנזאָגער פון דער פולער גאולה — פון אַ נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויסלייזונג, אַ יידישער און מענטשלעכער צו־גלייך; דאָס איז די פאָן פון אַרבעט.

און כל־זמן די פולע טראַנספאָרמאַציע איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן און די פזורי־ישראל האָבן זיך נאָך ניט קאָנצענטרירט אין זייער היימלאַנד, אַזוי לאַנג ווי ס׳איז ניט פאַרגעקומען קיין טראַנספאָרמאַציע אין דער קול־טור פונעם גאַנצן פאָלק און עס האָט נאָך אַלץ ניט איין לשון און איין קול־טור, כל־זמן ס׳איז ניט פאַרגעקומען קיין ענדערונג אין זיין עקאָנאָמישער סטרוקטור און עס איז נאָך ניט געוואָרן קיין פריי אַרבעטנדיק פאָלק וואָס האָט אויסגעוואָרצלט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע קעגנזאַצן — האָט די דאָזיקע באַוועגונג אַ באַזונדערע שליחות אין פאָלק און ערשט ווען אַלע טראַנספאָר־מאַציעס וועלן פאַרווירקלעכט ווערן, וועלן זיך ביידע זאַכן צונויפשמעלצן, ווערן איינס, און עס וועט זיין איין אַרבעטנדיק פאָלק.

די צוויי פענער סימבאָליזירן די פאַרשיידענע און באַהאַפטענע איני־האַלטן פון אונדזער באַוועגונג. דער סימבאָל איז וויכטיק נאָר אין דער מאָס וואָס ער גיט אַן אמתדיקן אויסדרוק פון סימבאָליזירטן. און מען קען טראָגן פאַלש יעדן סימבאָל און יעדע פאָן; אַ ייד אַ מנוול און אָפּנאַרער וואָס איז מחלל אַלע הייליקייטן פון יידישקייט, קען אויך אָנטאָן אַ טלית און טראָגן ציצית. אָבער אין דער מאָס וואָס די פאָן דאַרף סימבאָליזירן אַן אידעאישן אינהאַלט, טאָר מען די פענער ניט פאַרמישן. די פאָן פון פאָלק דערשיינט אין יעדן בנין בעת יעדן יום־טוב און פאַרזאַמלונג, אין יעדער אינסטיטוציע און בעת יעדער דעמאָנסטראַציע וואָס פאַראייניקט אונדז אַלעמען ווי אַ יידיש פאָלק, וואָס סימבאָליזירט די אַלגעמיינע באַשטימונג פונעם פאָלק; צי דאָס איז דאָס הויז פונעם ציוניסטישן קאָנגרעס, אָדער אַ מיליטער־לאַ־גער, אַ שולע פון דער מדינה אָדער אַן אַנדער רעגירונג־אַנשטאַלט — איבער זיי דאַרף פלאַטערן בלויז און נאָר די פאָן פון פאָלק, די פאָן וואָס סימבאָ־ליזירט די גאַנצקייט און אחדות פונעם פאָלק.

די „לינקע״ איז ניט איינגעפאַלן און עס וועט זיי ניט קומען אויפן זינען אויפצוהענגען די פאָן פון אַרבעט איבערן ציוניסטישן קאָנגרעס. זיי האָבן ניט געוואַגט און זיי וועלן ניט וואַגן עס צו טאָן, און ניט נאָר ווייל זיי דאַרפן אָנקומען צו ציוניסטישע בודזשעטן. זיי וועלן עס ניט וואַגן צו טאָן אין אַ לאַגער פון נח״ל, הגם עס קען געמאָלט זיין, אַז אַלע מיטגלידער פונעם

נח״ל־לאגער זענען חברים פון **מפלגת פועלי ארץ־ישראל**. אָדער פון וועלכער ניט איז אַנדערער אַרבעטער־פּאַרטיי. עס וועט זיי ניט קומען אויפן זינען עס צו טאָן, הגם זיי באַרימען זיך אַז זיי וועלן עס טאָן קעגן געזעץ און מיט גוואַלט, ווי געוויסע קולטורלאָזע יונגען האָבן פּרובירט פאַרשמירן ווענט ווען ס׳איז צו אונדז געקומען אַ גאַסט פון אויסלאַנד — אַ זאַך, וואָס זיי וואָלטן ניט געהאַט די העזה צו טאָן, ווען דער זעלביקער גאַסט וואָלט געקומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווי זיי האָבן ניט געוואגט עס צו טאָן ווען ריבנטראָפּ איז געקומען קיין מאָסקווע.

ביז איצט איז די שול ניט געווען דאָס אייגנטום פון פאָלק, נאָר דער קנין פון פאַרשיידענע טיילן אין פאָלק, דאָס אייגנס פון פּאַרטייען און „שטרעמונגען". יעדער טייל האָט געקענט טאָן אין דער שול וואָס ער האָט געוואָלט. איך באַדויער אָבער, וואָס אַ סך פון מיינע חברים וועלכע האָבן אָנערקענט די נויטווענדיקייט בטל צו מאַכן די הערשאַפט פון די פּאַרטייען אין דער דערציאונג; און האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו דער אויפשטעלונג פון אַ מלוכהשן דערציאונגס־סיסטעם — דרינגען ניט די לאָגישע און נויטווענדיקע מסקנה אויך בנוגע דער פאָן. ס׳איז נאָך דערווייל ניטאָ קיין מלוכהשע דערציאונג און די שולן זענען נאָך ניט קיין שולן פון שטאַט; איך האָף אָבער, אַז דאָס געזעץ וועט אָנגענומען ווערן און מיט דער באַשטעטיקונג פון געזעץ, וועט די שול מער ניט זיין קיין שול פון אַ טייל פון פאָלק, נאָר די שול פונעם גאַנצן פאָלק, און איר דין וועט זיין ווי דער דין פון קאָנגרעס־זאַל אָדער פונעם כנסת־זאַל, אָדער פון אַ לאַגער פון נח״ל.

איך קען מיר פאָרשטעלן, אַז אין דער כנסת זאָל זיין אַ מערהייט חברים פון מפא״י. אָבער נאָר די פאָן פון פאָלק וועט פלאַטערן איבער דעם דאָזיקן הויז, ווייל דאָס דאָזיקע אָרט סימבאָליזירט דאָס גאַנצע פאָלק. פאַראַן ביי אונדז חברים וואָס זעען דעם מאָרגן מיט די אויגן פון נעכטן און היינט. איך צווייפל ניט אין זייער געטרייען ציוניזם, וואָס איז זיכער ניט שוואַכער פון מיינעם. אַברהם הארצפעלד נייטיקט זיך ניט אין קיין שום ציוניסטישער פאַרטיידיקונג, אָבער איך בין מחולק מיט אים, און מיט דער גאַנצער קראַפט, ווייל ער וויל זיך פירן צומאָרגנס נאָכדעם ווי דאָס געזעץ וועט ווערן אָנגענומען — אויב עס וועט אָנגענומען ווערן — ווי ער האָט זיך נוהג געווען, איידער ס׳איז געווען דאָס געזעץ און איידער ס׳איז געווען די שול פון דער גאַנצער מדינה.

אויב אַפילו אַלע תלמידים, אַלע לערער, זייערע עלטערן, די שול אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט, — ווי צום ביישפּיל אין דער שול פון דגניה, — וועלן זיין חברים פון מפא״י, וועט אויף דער שול אַרויפגעצויגן ווערן נאָר די פאָן פון פאָלק. די שול פון דער מדינה, איז ניט די שול פון די קינדער און פון די עלטערן פון די קינדער וואָס לערנען אין איר, נאָר די שול פון גאַנצן פאָלק; זי איז אָפן פאַר יעדן קינד פון פאָלק און נאָר די פאָן פון פאלק

וועט איבער איר פלאַטערן. דעם ערשטן מאַי מעגן, נאַטירלעך, די קינדער פייערן דעם יום־טוב פון ארבעט, און זיי וועלן טראָגן הויך די פאָן פון אר־בעט; און אויב זייערע לערער זענען אַ טייל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלן זיי אויך, ווי ציוניסטן־סאָציאַליסטן, מאַרשירן אין יענעם טאָג אונ־טער דער פאָן פון אַרבעט. אָבער אין דער שול, אין הויז פון דער מדינה, וועט פלאַטערן נאָר די פאָן פון פאָלק.

די חברים פון כנסת און פאַרשטייט זיך, אויך די מערהייט פון די חברים פון כנסת — אויב זיי זענען מיטגלידער פון ארבעטער פאַרטייען — קענען דעמאָנסטרירן דעם ערשטן מאַי מיט דער פאָן פון אַרבעט און פאַר־פוצן זייערע הייזער מיט דער דאָזיקער פאָן, אָבער איבער דעם בנין פון דער כנסת וועט אויך דעם ערשטן מאַי ניט אַרויפגעצויגן ווערן קיין שום פאָן — אויסער די פאָן פון דער מדינה. דאָס דאָזיקע הויז דינט דעם גאַנצן פאָלק. והוא הדין — דאָס זעלביקע איז גילטיק אויך לגבי דער שול פון דער מדינה, און ס׳איז ניט קיין אונטערשייד, צי די מערהייט אָדער אַפילו גאַנצע הונדערט פּראָצענט פון די תלמידים זענען קינדער פון עלטערן וואָס ווילן די פאָן פון אַרבעט.

כ׳האָב בכלל ניט מורא פאַר די מענטשן פון דער יעווסעקציע, וואָס וועלן גיין וועמען ס׳ניט איז דערציילן אַז די אַרבעטער פון ארץ־ישראל אָדער מפא״י האָבן צונויפגעוויקלט די פאָן פון אַרבעט. די דאָזיקע נאַרישע מעשה וועט נאָר אַרויסרופן געלעכטער. זיי וועלן טראָגן די דאָזיקע פאָן מיט דער זעלביקער אינערלעכער זיכערקייט וואָס פּאַסט פאַר זייער טעטיקייט, ווי זיי האָבן עס געטאָן ביז איצט. אָבער די שול פון דער מדינה איז אַן אינ־סטיטוציע פון פאָלק, פונעם גאַנצן פאָלק, אַפילו ווען אַלע תושבים פון אַ געוויסן אָרט זענען מיטגלידער פון מפא״י. און איבער אַ הויז פון פאָלק וועט זיך צייכענען נאָר די פאָן פון פאָלק, ווארעם דאָס דאָזיקע הויז איז דער קנין פונעם גאַנצן פאָלק. די שול פון דער מדינה איז דאָס אייגנטום פון אַלע קינדער אין לאַנד. און אויב אַפילו קינדער פון דגניה וועלן וועלן — און אוודאי וועלן זיי עס וועלן — פייערן דעם יום־טוב פון ארבעט און טראָגן הויך די פאָן פון אַרבעט, — זאָלן זיי עס טאָן, אָבער די שול וועט בלייבן אַ מלוכהשע. זי געהערט ניט בלויז צו די קינדער פון דגניה, אַפילו ווען די דאָזיקע קינדער שטעלן פאַר די גאַנצע הונדערט פּראָצענט פון דער אָרטיקער שול, דאָס איז אַ שול פון אַלע קינדער פון ישראל אָן אונטער־שייד — אויב די דערציאונג ווערט אַ מלוכהשע דערציאונג — פונקט ווי די דאָזיקע כנסת איז די כנסת פון גאַנצן פאָלק אין דער מדינה, ווי דער קאָנ־גרעס געהערט צום גאַנצן פאָלק אין די תפוצות, ווי אַ מיליטער־לאַגער גע־הערט צום גאַנצן ישראל־מיליטער.

מיר וועלן טראָגן הויך די פאָן פון אַרבעט ווען מיר וועלן אויפטרעטן ווי ארבעטער, און אין טאָג וואָס מיר וועלן באַשליסן ווי אַרבעטער, לאָז

דווקא אין צוויי טעג, ווי עטלעכע חברים שלאָגן פאָר. מיר וועלן עס טאָן אין יעדער צייט וואָס מיר וועלן און ביי יעדער פּאַסיקער געלעגנהייט. אָבער אין מאָמענט ווען עס ווערט באַשלאָסן דורכן פאָלק, לטובת דעם אַר־בעטנדיקן פאָלק — און קיין באַשלוס ווערט ניט אָנגענומען אָן דער הסכמה פון אַרבעטנדיקן פאָלק — אין מאָמענט ווען די כנסת, וואָס דריקט אויס דעם ווילן פון פאָלק, אַריינגערעכנט דעם ווילן פון די ארבעטנדיקע, באַ־שליסט אַז די שול ווערט דער קנין פון פאָלק, וועט אין משך פון גאַנצן יאָר, אָן אויסנאַם, אַרויסגעצויגן ווערן איבער דער מלוכהשער שול נאָר און אויסשליסלעך די פאָן פון פאָלק, וואָרעם זי איז דער קנין פון פאָלק.

דער אמתער וויכוח ווערט ניט געפירט וועגן דער פאָן. קיינער צווישן אונדז איז ניט מחולק ניט אויף דער פאָן פון פאָלק און ניט אויף דער פאָן פון ארבעט. דער וויכוח גייט אָן וועגן מלוכהשער אָדער פּאַרטיי־דערציאונג, אָדער אפשר פירט זיך גאָר דער וויכוח וועגן אַ מדינה של ממש אָדער אַ פיקטיווער מדינה. אויב ס'איז פאַראַן אַ מדינה, האָט זי אַ פאָן, און זי האָט נאָר איין פאָן און ציט זי אַרויף איבער אַלע אנשטאַלטן אירע. און אויב די שול איז אַן אַנשטאַלט פון דער מדינה — ווערט אַרויפגעצויגן אויף דער שול די פאָן פון דער מדינה. די פאָן פון אַרבעט איז די פאָן פון אַר־בעטנדיקן און מען ציט זי אַרויף איבער די אינסטיטוציעס פון די אַרבעטער, זייערע הייזער, בעת זייערע מאַניפעסטאַציעס און דעמאָנסטראַציעס.

מיר זענען ציוניסטן־ סאָציאַליסטן און אונדזער היסטאָרישע וויזיע איז פאַרוואָרצלט סיי אין די לעבנס־באַדינגונגען און די אנטוויקלונגס־טענדענצן פון אונדזער צייט, סיי אין די אורשפּרינגלעכע מקורות פון יידנ־טום, אין די מקורות פון דער יידישער נבואה. די גאולה פון אונדזער פאָלק וועט ניט זיין קיין שלימותדיקע און אמתע אויב זי וועט ניט זיין סיי אַ נאַציאָנאַלע, סיי אַ סאָציאַלע. נאָך מער: די גאולה שלמה פון יידישן פאָלק וועט ניט פאַרווירקלעכט ווערן אָן דער אויסלייזונג פון דער גאַנצער מענטש־הייט, אָן פרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיקייט פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט, וואָרעם מיר זענען אַ טייל פון דער גאַנצער וועלט. און אַזוי לאַנג ווי ס'איז נאָך ניט געקומען די דאָזיקע גאולה שלמה ווילן מיר ווידמען אונדזער לעבן דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליסטישן ציוניזם; מיר ווילן זיך ניט שרעקן פארן „שעטנז" פון ציוניזם מיט סאָציאַליזם און ווילן טראָגן הויךביידע פענער, אָבער יעדע פאָן אויף איר געהעריקן אָרט און פאַר איר באַשטימטן ציל.

# דער גבֿול וועגן אַהיימקער

דער אהיימקער־געזעץ און דער בירגערשאַפֿט־געזעץ וועלכע ליגן דאָ פֿאַר אייך זענען צווישן זיך געקניפּט און געבונדן און שטאַמען פֿון אַ שותּפֿות־דיקן געדאַנקען־קוואַל, וואָס פֿליסט אַרויס פֿון דער היסטאָרישער באַזונדער־קייט פֿון מדינת ישׂראל, ספּעציפֿיש כּלפּי דער פֿאַרגאַנגענהייט און כּלפּי דער צוקונפֿט, כּלפּי פּנים און כּלפּי חוץ. די דאָזיקע ביידע געזעצן באַשטימען דעם ספּעציעלן כאַראַקטער און מיסיע פֿון מדינת ישׂראל, ווי אַ מדינה וואָס טראָגט די וויזיע פֿון גאולת ישׂראל.

מדינת ישׂראל איז אַ מדינה ווי אַלע מדינות, און אַלע אַלגעמיינע אַטריבוטן וועלכע ס׳האָבן אַלע מדינות האָט אויך מדינת ישׂראל. זי איז באַזירט אויף אַגעוויסן שטח, אויף אַן עקסיסטירנדיקן ישוב, אויף איר אי־נערלעכער סוווערעניטעט און איר סוווערעניטעט כּלפּי אויסלאַנד און איר מאַכט איז באַשרענקט נאָר אין די גרענעצן פֿון לאַנד. מדינת ישׂראל האָט נאָר אַ שליטה אויף אירע איינוווינער. די ייִדן אין די תּפֿוצות, וועלכע זענען בירגער פֿון זייער לאַנד, און ווילן דאָרט בלייבן — האָבן קיין שום רעכט־לעכן און בירגערלעכן שייכות צו מדינת ישׂראל, און מדינת ישׂראל רעפּרעזענ־טירט זיי ניט אין קיין שום געזעצלעכן זין. אָבער פֿאַרשיידן איז מדינת ישׂראל פֿון אַנדערע מדינות סיי אין די פֿאַקטאָרן פֿון איר אַנטשטייאונג און סיי אין די טענדענצן פֿון איר עקסיסטענץ. זי איז אַנטשטאַנען ערשט מיט צוויי יאָר צוריק, אָבער אירע וואָרצלען שטעקן אין ווייטן עבֿר און ציען זייער יניקה פֿון אוראַלטע קוואַלן; איר שליטה איז באַשרענקט אין די ראַמען פֿון אירע איינוווינער, אָבער אירע טויערן זענען אָפֿן פֿאַר יעדן ייִדן וווּ ער געפֿינט זיך. זי איז אַ ייִדישע מדינה ניט נאָר דערפֿאַר ווייל דאָס רובֿ איינ־וווינער אירע זענען ייִדן. זי איז אַ מדינה פֿאַר ייִדן פֿון אומעטום, און פֿאַר יעדן ייִדן וואָס ווינטשט זי.

דעם 14טן מאַי 1948 איז ניט אַנטשטאַנען אַ מדינה אין זין פֿון יש מאַין, נאָר אַ גלאָריפֿיצירטער צוריקקער צום אַלטן, 1813 יאָר נאָכדעם ווי ס׳איז צעשטערט געוואָרן, אין פֿלוג אויף אייביק, די ייִדישע זעלבסטשטענ־דיקייט אין די צייטן פֿון רבי עקיבֿא און בר־כּוכבֿא. די פֿאַקטאָרן פֿאַר דעם ייִדישן אויפֿקום זענען געווען ניט נאָר די אוממיטלבאַרע נאָענטע מעשׂים פֿון פֿאַר דער פּראָקלאַמירונג פֿון דער מדינה. אַזוי ווי אין דער נאַטור זע־נען דאָ קליין און גרויס פּיטשינקע אַטאָמען וואָס מ׳קען ניט זען אַפֿילו מיט דער הילף פֿון אַ מיקראָסקאָפּ און מעכטיקע קערפּערס וואָס אונזער פֿאַנ־

רעדע אין דער כּנסת, דעם 3טן יולי 1950.

טאַזיע קען זיך ניט פאַרשטעלן זייער גרויס און ס׳איז דאָך פאַראַן אַן אינ־טימע שייכות צווישן די גרויסע און די קליינע און איין אייביקער געזעץ הערשט אין זיי, אַזוי איז דאָ אין דער געשיכטע נאָענט און ווייט. ס׳זענען דאָ עווידענטע פאַקטאָרן, אוממיטלבארע, נאָענטע צו דער געשעעניש אין אָרט און צייט, און ס׳זענען דאָ גורמים פאַרהוילענע, ווייטע, מיט אַ מעכ־טיקן און לאַנג־דויערנדיקן אימפּולס, און זיי זענען ווייט פון דער געשעע־ניש סיי אין צייט און סיי אין אָרט. און די נאָענטע און ווייטע כוחות זענען צוזאַמענגעפלאָכטן און ציען זייער יניקה פון איין מקור און מען קען ניט באַגרייפן דאָס אנטשטיין פון דער יידישער מדינה ניט קענענדיק די נייע קאָלאָניזירונג אין די לעצטע דריי דורות, אָן דער חיבת־ציון באַוועגונג, דעם ציוניזם, די השכלה און די העברעאישע ליטעראַטור, אָן די נאַציאָנאַלע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין אייראָפּע אין 19טן יאָרהונדערט — די רעסטאַווראַציע פון אונגארן, איטאַליע, די באַלקאַנישע לענדער א. א. וו. — אָן די רעזולטאַטן פון דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה, די גרינ־דונג פון פעלקער־בונד און די אָרגאַניזירונג פון דער „און״. מ׳קען אָבער אויך ניט באַגרייפן דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה, ניט קענענדיק די געשיכטע פון יידישן פאָלק פון גאָר אַמאָל אָן, פון די צייטן פון ערשטן און צווייטן בית־המקדש; אָן דער געשיכטע פון דער נבואה, גייסט און וויזיע ביי יידן, געשיכטע פון דער יידישער צעשפּרייטונג און משיחישן געדאַנק, און זיינע פילע מאַניפעסטירונגען אין משך פון אַ סך דורות; אָן די כסדרדיקע און אומאויפהערלעכע פּרווון פונעם וואנדערער צווישן די פעלקער זיך אומ־צוקערן אין זיין היימלאַנד אין אַלע דורות און אין אַלע באַדינגונגען פון חורבן אָן, און אָן דער געשיכטע פון דער אייביקייט - קולטור וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דאָזיקן לאַנד און איר ווירקונג אויף יידן און אויף די פעלקער.

דער אויפקום פון דער יידישער מדינה איז ניט געווען קיין געשעעניש וואָס איז באַגרעניצט צו דער צייט און אָרט פון זיין אנטשטיין, נאָר אַ וועלט־געשעעניש, סיי אין זין פון צייט און סיי אין זין פון אָרט. אַ געשע־עניש וואָס סומירט אַ לאַנגע היסטאָרישע אַנטוויקלונג, פּאַרווישט פּראַגנט־ליניעס און דינט אַליין ווי אַ קוואַל פון שינויים און ענדערונגען, וועלכע שפּאַנען איבער די ראַם פון זייער תקופה און אָרט. אפשר איז נאָך צו פרי, און דאָס איז אַן ענין וואָס איז ניט דווקא נוגע די געזעצן וועלכע ווערן דאָ פאַר אייך געבראַכט, צו דעפינירן די פּאָזיציע פון מדינת ישראל אין דעם כוחות־קאָמפּלעקס פון דער וועלט, און איר צושטייער צום געשטאַלטן פון דאָס נײַ די מענטשלעכע געזעלשאַפט. אָבער פון זינט דעם אויפקום פון דער מדינה איז קלאָר געוואָרן ניט נאָר פאַר די יידן אין לאַנד, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען ביים יידישן פאָלק; דאָס גרעסטע אין דער יידישער געשיכטע און דאָס איז נוגע יעדן יידן אומעטום.

ניט צופעליק הויבט זיך אָן די זעלבסטשטענדיקייט - פּראָקלאַמאַציע מיט קורצע און קאָנדענסירטע זאַצן וועגן דעם פּערמאַנענטן צוזאַמענבונד צווישן יידישן פאָלק און זיין אוראַלטן היימלאַנד און ווי אַן ערשטע און עיקרדיקע גרונט־הנחה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פריער פאַר אַלץ אַז „מדינת ישראל וועט זיין אָפן פאַר אַ יידישער עליה און קיבוץ גלויות" און ס'איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ רוף צום יידישן פאָלק אין אַלע תפוצות זיך צו קלאַמערן אַרום דעם ישוב מיט עליה און בנין און העלפן אים אין דעם גרויסן פּראָנט פון רעאַליזירן די שטרעבונג פון דורות „צו גאולת ישראל". און אַזוי ווי ס'איז געווען קלאָר, אַז דאָס באַנייען מדינת ישראל איז ניט קיין אַנהויב נאָר אַ המשך פון אַמאָליקע צייטן, אַזוי איז אויך פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דאָס איז ניט קיין סוף און פינאַל, נאָר איין שטאַפּל אין דעם לאַנגן וועג צו דער פולער גאולת ישראל.

מיטן אויפקום פון דער מדינה האָט ניט אויפגעהערט די יידישע צע־שפּרייטונג. אָט די צעשפּרייטונג איז אויך ניט קיין נייע דערשיינונג, און זי איז געווען אַ סך פריער פאַרן חורבן פון אונדזער זעלבשטענדיקייט. נאָך אין 7טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכנונג, באַלד מיטן חורבן פון מלכות ישראל, געפינען מיר יידן אין דער פרעמד. ס'קען זיין, אַז נאָך אין די צייטן פון יאשיהו המלך זענען אַביסל יידן פאַרטריבן געוואָרן אין מצרים. ס'איז בכל אופן קלאָר, אַז די יידן וועלכע זענען אַוועק קיין מצרים אין ירמיהוס צייט האָבן געטראָפן יידישע ישובים אין די מצרישע שטעט תחפנחס, נוף, מגדול און פתרוס. אין יב, די מצרישע דרום־גרענעץ שטאָט, האָט זיך אין זעקסטן יאָרהונדערט פ. ק. געפונען אַ יידישער מיליטערישער גאַרניזאָן, און צו זיי האָט זיך מצרף געווען יוחנן בן קרח און די „מיליטער־עלצטע און די שארית יהודה" וואָס האָבן ניט געפאָלגט ירמיהון און זענען אַוועק קיין מצרים. מיטן חורבן פון מלכות יהודה איז אַנטשטאַנען אַ גרוי־סער יידישער צענטער אין בבל וואָס עקסיסטירט ביזן היינטיקן טאָג.

אָבער מצרים און בבל זענען ניט די איינציקע גלותן פון אַלטערטום. אין סיריען און קליין־אַזיע זענען געווען יידן נאָך פאַר דער חשמונאים־תקופה. און אויף די דעלפי־אויפשריפטן אין גריכנלאַנד ווערט דערציילט וועגן באַ־פרייאונג פון יידישע קנעכט פון דער תקופה פון חשמונאים־רעוואָלט (157־170).

דער גריכישער געאָגראַף סטראַבאָן, וועלכער האָט געלעבט אין הורדוס דעם ערשטנס צייט, דערציילט, אַז „דאָס יידישע פאָלק איז דערגאַנגען צו יעדער שטאָט און מדינה און ס'איז ניט לייכט צו געפינען אַ פּלאַץ אין דער וועלט וועלכער האָט אין זיך ניט אריינגענומען די קינדער פון דער דאָזיקער אומה אָדער איז דורך זיי ניט פאַרכאַפּט געוואָרן" און פילון האלכסנדרוני, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן 90 יאָר פאַרן חורבן זאָגט אין זיין בוך „קעגן פלאַקוס": „איין לאַנד קען דאָך ניט אויפהאַלטן אַלע יידן צוליב זייער גרוי־

סער צאָל און דעריבער זוכן זיי זיך אויס חיונה אין דאָס רוב רייכע שטעט פון אייראָפּע, אַזיע, אין די אינדזלען און אויף דער יבשה. פאַר זייער שטאַם־שטאָט באַטראַכטן זיי די הייליקע שטאָט, אויף וועמענס הויכקייט עס שטייט דעם אויבערשטנס בית־המקדש און די לענדער אין וועלכע ס׳האָבן זיך באַזעצט זייערע עלטערן און אור־עלטערן פון דורי־דורות האָבן זיי ליב ווי זייער פאָטערלאַנד, ווייל זיי זענען דאָרט געבאָרן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן״. און ווידער זעען מיר, אַז ס׳איז ניטאָ קיין נייס אונטער דער זון: נאָך פאַרן חורבן בית שני האָט פילאָן גערעדט ווי אַן אַמעריקאַנער ציוניסט אין אונדזער צייט.

אין מצרים אַליין זענען אין פילאָנס צייטן געזעסן ביי אַ מיליאָן יידן און אין אַנדערע טיילן פון דער רוימישער אימפּעריע, מחוץ פון ארץ־ישראל, זענען געזעסן פאַרן חורבן ביי צוויי, דריי מיליאָן יידן.

און דער פאַקט, וועלכן ס׳האָט פעסטגעשטעלט דער יידישער היסטאָריקער פון דער חורבן־צייט, יוסף בן מתתיהו, — „אַז ס׳איז ניטאָ קיין פאָלק אין דער וועלט ביי וועמען ס׳זאָל זיך ניט געפינען אַ טייל פון אונדזערע ברידער״, עקסיסטירט נאָך געוויס פון דעמאָלט אָן ביז היינטיקן טאָג, נאָר צו די דעמאָלט באַוווסטע דריי וועלט־טיילן, זענען אינצווישן צוגעקומען נאָך צוויי קאָנטינענטן — אַמעריקע און אויסטראַליע. און נאָך דער מאָוויימדיקער שחיטה פון אייראָפּעאישן יידנטום איז דער קוואַנטיטאַטיווער שווערפּונקט פון יידישן פאָלק אַריבער אין דער דאָזיקער נייער וועלט.

אויף דער לעצטער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס - קאָמיטעט אין ירושלים איז דערוועקט געוואָרן אַ דיסקוסיע: אויפזאַמלונג פון גלותן אָדער אויפזאַמלונג פון די גלותן (קיבוץ גלויות אָדער קיבוץ הגלויות) אָט דער דאָזיקער וויכוח וועט ניט אַנטשיידן וועגן ניט דורך אַן אידעאָלאָגיע און ניט דורך פּאָליטישע רעזאָלוציעס, נאָר די יידישע געשיכטע וועט אים לייזן. ס׳איז אָבער אַ באַלערנדיקער פאַקט, אַז אין צבא הגנה לישראל האָבן אָנטיילגענומען וואָלונטירן פון חוץ לארץ וועלכע זענען געקומען פון 55 פאַרשיידענע לענדער, פון אַלע פינף וועלט־טיילן און אַזאַ רעעמיגראַציע וואָס קומט פאַר אין אונדזער צייט האָט ניט איר גלייכן, לויטן פאַרנעם, פאַרמעסט, ריטם און פאַרשיידנפאַרביקייט אַפילו אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. און דאָס איז די גרעסטע דעצידירנדיקע געשעעניש אין אונדזער דור וואָס וועט באַשטימען דעם גורל פון מדינת ישראל און וועט מאָדעלירן די געשטאַלט פון דער יידישער אומה אויף אַ סך דורות, ווי עס האָט ניט דעצידירט און ניט באַשטימט קיין שום געשעעניש אין אונדזער לעבן פון זינט מיר זענען געוואָרן אַ פאָלק ביזן היינטיקן טאָג.

דער היימקער־געזעץ איז פון די גרונט־געזעצן פון מדינת ישראל. ער אַנטהאַלט אַ צענטראַלע מיסיע פון אונדזער מדינה, די מיסיע פון קיבוץ־גלויות. אָט דער געזעץ באַשטימט, אַז ניט די מדינה גיט די יידן אין חוץ־

לארץ רעכט זיך צו באַזעצן אין דער מדינה, נייערט דאָס רעכט באַזיצט ער אויטאָמאַטיש ווי אַ ייד, אויב נאָר ער וויל זיך מצרף זיין צום ישוב פון לאַנד. אין מדינת ישראל האָבן די יידן ניט קיין פּריווילעגיעס לגבי די ניט־יידישע בירגער. מדינת ישראל איז געבויט אויף פולשטענדיקער גלייכקייט פון רעכטן און פליכטן פון אַלע אירע בירגער. אויך דער יסוד איז פּאַרפיקסירט אין דער זעלבשטענדיקייט ־ פּראָקלאַמאַציע, ווו עס זאָגט זיך אַזוי: „מדינת ישראל וועט אויפהאַלטן אַ פולשטענדיקע געזעלשאַפטלעך און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע אירע בירגער אָן אונטערשייד פון רעליגיע, ראַסע און מין". אָבער די מדינה גיט ניט די יידן אין גלות דאָס רעכט זיך אהיימצוקערן. — דאָס דאָזיקע רעכט איז פריער פאַר מדינת ישראל און זי האָט עס געבויט די מדינה. אָט דאָס רעכט שטאַמט פון דעם היסטאָרישן בונד וואָס איז קיינמאָל ניט איבערגעריסן געוואָרן צווישן פאָלק און זיין היימלאַנד, און אויך דער פעלקער־געריכט האָט „דע פאַקטאָ" אָנערקענט אָט דעם צוזאַמענבונד.

דער היימקער־געזעץ איז ניט פון די מינים עמיגראַציע־געזעצן וואָס באַשטימען אין וועלכע תנאים די מדינה נעמט אויף עמיגראַנטן און וועלכע סאָרטן — אַזעלכע געזעצן עקסיסטירן אין אַ סך לענדער, און זיי ענדערן זיך פון צייט צו צייט אין שיין פון די פאַרשיידענע אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים. דער היימקער־געזעץ האָט גאָר ניט צו טאָן מיט די עמיגראַציע־געזעצן, דאָס איז דער געזעץ פון דער קאָנטינואיטעט פון דער יידישער געשיכטע. אָט דער געזעץ באַשטימט דעם מלוכה־פּרינציפּ, וואָס מיט זיין כוח איז אויפגעשטעלט געוואָרן מדינת ישראל. דאָס היסטאָרישע רעכט פון יעדן יידן אומעטום זיך אומקערן און באַזעצן זיך אין ישראל ווייל ער איז אין דער פרעמד רעכטלאָז אָדער ווייל ער איז ניט זיכער מיט זיין עקזיסטענץ, צי ער ווערט געדריקט און עקספּלואַטירט אָדער ווייל ער איז אַרומגערינגלט מיט שנאה און שפּאָט, אָדער ווייל ער קען זיך ניט אויסלעבן יידיש ווי ער וואָלט וועלן, אָדער צוליב זיין ליבע צו דער אַלטער טראַדיציע צו דער העברעאישער קולטור און צו יידישער זעלבשטענדיקייט.

דער בירגערשאַפט־געזעץ דערגענצט דעם היימקער־געזעץ און באַשטימט: אַז דורך דעם פאַקט פון זיין עולה זיין קיין ישראל ווערט דער ייד אַ בירגער אין זיין היימלאַנד, און ער נייטיקט זיך ניט אין גיין שום צוגאָב־פאַקטן און פאָרמאַליטעטן, צו קיין שום אַנדער תנאי חוץ זיין ווילן זיך צו באַזעצן אין דער מדינה און איינאָרדענען דאָרט זיין לעבן.

אָט די ביידע געזעצן, דער היימקער־געזעץ און דער בירגערשאַפט־געזעץ, בילדן דעם רעכטס־שיין — טשאַרטער בלע״ז — וואָס פאַרזיכערט יעדן יידן אין מדינת ישראל.

# אין די טריט פון דבורה הנביאה

צוקוקנדיק זיך ווי עס זענען אויסגעשטעלט אין די רייען אונדזערע פרויען־קאָמאַנדאַנטינס, זעען מיר ווי עס ווערט רעאַליזירט איינס פון די גרעסטע און געבענטשטע ענדערונגען אין אונדזער לעבן, אַן ענדערונג וואָס האָט זיך ניט גראָד אָנגעפאַנגען אין דער ישראל־אַרמיי, האָט אָבער אין אונזער מיליטער דערגרייכט דעם העכסטן פונקט: דאָס אויסגלייכן די פליכטן פון דער טאָכטער און פרוי מיט דעם זון און מאַן. דאָס איז פיל מער ווי אויסגלייכן די רעכטן. די חשיבות פון אַ מענטשן ווערט ניט געמאָסטן לויט זיינע רעכטן. די העכערקייט פון מענטש איבער דער חיה באַשטייט ניט אין געניסן פון מער רעכטן. דער ספּעציפישער פאָרצוג פון מענטש איז דאָס פאַרשטיין זיינע התחיבותן, ווייל בלויז דער מענטש באַגרייפט און פילט זיינע חובות. אַלע אנדערע חיות האָבן רעכטן, גלייכע פאַר אַלע, ס׳פעלט זיי אָבער — אַמווייניקסטן אין דער מאָס וואָס מיר קענען — דער באַגריף פון זיין צו עפּעס פאַראַנטוואָרטלעך. דערפאַר איז דער העכסטער שטאַפּל פון גלייכהייט — האָבן גלייכע פליכטן, און די גרעסטע מדרגה פון פליכט, — איז דער חוב צו באַשיצן דאָס לאנד, ווייל דאָ ווערט פון מענטשן געפאָדערט אַלץ: ניט אַ טייל פון פאַרמעגן צי אַ טייל פון זיין צייט און ענערגיע, נאָר זיך זעלבסט, — און אין אַ נויט־פאַל פאָדערט דער חוב צום פאָטערלאנד, אַוועקצוגעבן דאָס טייערסטע וואָס דער מענטש פאַרמאָגט — דאָס לעבן. דערפאַר איז דער מיליטער־דינסט דער העכסטער סימבאָל פון פליכטן און כל־זמן די פרוי ווערט ניט אויסגעגלייכט מיטן מאַן אין מיליטער־פליכט, איז איר גאַנצע גלייכבאַרעכטיקונג ניט פולשטענדיק און ניט אמתדיק. דאָס וואָס מען האָט זיך פאַלש איינגערעדט, אויך ביי פיל פרויען, אַז די פרוי איז פּטור פון מיליטער־חוב — איז בלויז אַ סימן פון מינדערווערטיקייט. אַ לאַנג שטיק וועג האָבן מיר געמוזט דורכמאכן, ביז מיר זענען אין דער איצטיקער צייט ביי אונדז דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה פון מענטשלעכער גלייכהייט — די גלייכע פליכטן פון מאַן און ווייב, הגם אונדז איז דער איבערגאַנג אָנגעקומען גרינגער ווי ביי פיל אַנדערע.

אין בראשית פון אונדזער געשיכטע — דאָס איז שוין אַ קימא־לן פון 4.000 יאָר, אָנהייבנדיק פון די אבות — איז געווען די לאַגע פון דער

---

ביים סיום פון די קורסן פאַר פרויען־מיליטער, דעם 1טן מערץ 1951

יידישער פרוי, ניט פיל אַנדערש, ווי פון די פרויען ביי אנדערע פעלקער. ס'איז ניט געווען קיין פאָלק אין אַלטערטום, אַפילו צווישן די מער ציוויליזירטע, ווי עס זענען געווען די גריכן און די רוימער, וווּ די פרוי זאָל ניט האָבן געשטאַנען אויף אַ נידעריקער און מינדערווערטיקער שטופע. און אויך די יידן, האָבן אויף דעם געביט ניט געשאַפן קיין אויסנאַם. אַ סימן האָט איר: די יידישע רעליגיע באַפרייט די פרוי פון דאָס רוב מצוות און, דאָס פּטור זיין פון מצוות איז ניט קיין פּריווילעגיע; ביי יידן רעכנט זיך ניט דער יאָך פון מצוות פאַר אַ גזירה, פאַרקערט, ס'איז אַ חסד פון גאָט. די פרוי איז פריי פון מצוות, ווייל מען האָט געהאַלטן, אַז זי איז עס ניט ווערט. מ'האָט איר ניט אַנערקענט אנדערע רעכטן וואָס מענער האָבן, סיי אין עקאָנאָמישע ענינים ווי ס'איז דאָס ירושה־רעכט, סיי אין ענינים פון חתונה, גט, עדות־זאָגן אדג״ל. נאָך אַלעמען איז דאָך די יידישע פרוי, פון די עלטסטע צייטן אָן, געווען ווייניקער דערנידעריקט ווי ביי די שכנישע פעלקער פון כנען, מצרים, בבל און ארם. די ערשטע דערציילונג פון תנ״ך, פון אדם הראשונס צייטן, גיט דער איניציאַטיוו חוהן און ניט אדמען. חוה איז געווען די וואָס האָט אויסגעפונען אַז עס איז גוט און לויַנבאַר צו עסן פון עץ־הדעת, האָט זי אליין געגעסן און געגעבן אויך אדמען צו עסן. אונדזערע אמהות — שרה, רבקה, רחל און לאה ווערן געשילדערט ווי באַשאַנקענע מיט די מעלות פון איניציאַטיוו און פּקחות מער ווי די אבות. רבקה באַזיצט אַ פעסטערן כאַראַקטער און איז באַגאַבטער און דינאַמישער פון יצחקן. שרה שטייט ניט פיל אָפּ פון אברהמען, און תמר האַנדלט ערלעכער פון יהודהן.

אַ מער חשובערן פּלאַץ פאַרנעמט די פרוי ביי דעם העכערן טיפּ מענטשן וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויסגעגעבן — ביי די נביאים.

דער מוסטער־מענטש, וואָס ווערט אויף אייביק פאַרבלייבן אין זיין עטישער און גייסטיקער גרויסקייט, דער נביא, האָט ביי די יידן דערגרייכט צו זיין העכסטן אויסדרוק. ניט דער כשוף־מאַכער, ניט דער כהן און אַפילו ניט דער הערשער און קעניג, ווי ביי אנדערע פעלקער, נאָר דער נביא, איז געווען דער ליבלינג פון פאָלק, זיין לערער און וועג־ווייזער. און געלעבט האָבן ביי יידן ניט נאָר נביאים, נאָר אויך נביאות. אין תנ״ך זענען פאַרבליבן נאָר פיר נעמען פון פרויען־נביאות: מרים, דבורה, חולדה און נועדיה. די לעצטע דערמאָנט אַפילו נחמיה ניט צום גוטן, אָבער אויך אירע חברים די מענער־נביאים האָבן ניט געלעבט בשלום מיט דעם יידישן הויף־קאָמיסאַר פון פּרס (נחמיה ו׳־י״ד).

אין משהס צייטן, נאָכן אַרויסגיין פון מצרים, איז מרים הנביאה טעטיק צווישן די פרויען און זי באַגנוגנט זיך ניט בלויז מיט נעמען אַ פּאַסיוון אָנטייל אין דער טעטיקייט פון איר גרויסן ברודער, נאָר פירט דורך אַקטיווע אייגענע איניציאַטיוועס. (שמות ט״ו כ׳).

זי האָט אַפילו קיין מורא ניט צו קריטיקירן די האנדלונגען פון משה רבנו און טוט עס נאָך פריער פאַר איר ברודער אהרון (במדבר י״ב, ז׳) — זי באַקומט טאַקע אַ שטראָף פאַר איר דרייסטקייט און ווערט איינגעשלאָסן אויף זיבן טעג אויסערן לאַגער. אָבער דאָס פאָלק רעספּעקטירט איר און וואַרט אויף איר „און דאָס פאָלק האָט ניט געצויגן ביז מרים איז אַריינגענומען געוואָרן״. (במדבר י״ב, ט״ו).

אָבער די גרעסטע פון אַלע נביאות און פרויען ביי יידן — איז געווען אָן ספק דבורה די פרוי פון לפּידות. ס׳איז נאָר צו באַדויערן וואָס דער תנכישער דערציילער, וואָס האָט אַ טבע צו שפּאָרן ווערטער ביים דערציילן אָדער שילדערן עפּעס, האָט דערציילנדיק די ווונדערבאַרע געשיכטע פון דבורה הנביאה, וואָס האָט געמשפּט איר פאָלק, שוין צופיל שפּאָרזאַם געווען. ווי אַזוי האָט עס אַ פרוי אין דער עפּאָכע פון די שופטים, דערגרייכט אַזאַ כבוד און אַזאַ שווערן און פאַראַנטוואָרטלעכן אמט? פון וואַנען שטאַמט זי און ווי האָט זי געלעבט? מיר ווייסן נאָר אַז די יידן פלעגן קומען צו איר זי זאָל זיי משפּטן און אַז זי פלעגט זיצן אונטער איר טייטלבוים צווישן רמה און בית־אל אין די בערג פון אפרים. און ניט נאָר נביאה און ריכטערין איז געווען דבורה — נאָר אויך אַ פעלד־מאַרשאַל. ניט זשאָן ד׳אַרק איז געווען די ערשטע פעלד־מאַרשאַלין אין דער וועלט־געשיכטע, נאָר דבורה הנביאה. זי האָט אָרגאַניזירט אַ יידישע אַרמיי אין צפון פון א״י און געפירט מלחמה מיט יבין מלך חצור און זיינע אַליאירטע. און ווען זי האָט אַרויפגעצוווּנגען אויף ברק בן אַבינועם, זיך צו שטעלן אין שפּיץ פון אַ צען־טויזנט קעפּי־קער אַרמיי, האָט איר ברק געזאָגט: „אויב דו גייסט מיט מיר וועל איך גיין און אויב ניט — גיי איך אויך ניט״ אויף וואָס זי האָט קלוג געענטפערט: „גיין וועל איך גיין מיט דיר, אָבער ניט דיינער וועט זיין דער כבוד אויף דעם וועג וואָס דו גייסט, וואָרום אין דער האַנט פון אַ פרוי וועט גאָט איבערענטפערן סיסראן״. און דבורה איז אויפגעשטאַנען און געאַנגען מיט ברקן קיין קדש. שפּעטער, ווען סיסרא האָט צונויפגעזאַמלט זיינע רייטווע־גענער און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים, פון חרושת גויים צום טייך קישון — איז דבורה געווען די העכסטע שעפין און אָנפירערן פון די מלחמה־פלענער און אירע באַפעלן האָט אויסגעפאָלגט ברק, וואָס האָט נאָר געהאַט צו אויספירן אירע אויסגעפּלאַנעוועטע אַקציעס.

חוץ נביא, ריכטער און פעלד־מאַרשאַל איז דבורה אויך געווען אַ גלענצנדע פּאָעטין, און פון איר איז אונדז פאַרבליבן די עלטסטע מיליטער־רישע פּאָעמע פון יידישן פאָלק און אפשר פון דער גאַנצער וועלט־ליטע־ראַטור. דבורהס שירה (שופטים ה׳) איז ניט בלויז אַ היסטאָרישער דאָקו־מענט פון גרויס באַדייטונג, נאָר אַ פּראַכטפולע פּאָעטישע שאַפונג פון דער ווונדערבאַרער אשת־חיל. עס איז גאָרניט קיין אומזיסטע באַרימעריי ווען

דבורה זינגט: „אויפגעהערט האָבן פירער אין ישראל, אויפגעהערט, ביז איך דבורה בין אויפגעשטאַנען, אויפגעשטאַנען אַ מוטער אין ישראל".

פון דער פריצייטיקער תקופה פון אונדזער געשיכטע, פון די אבות ביז די חשמונאים, שטעלט דבורה מיט זיך פאָר, די וווּנדערבאַרע געשטאַלט פון דער העכסטער פרוי וואָס איז באַשאַנקען מיט אַזויפיל מעלות און איז אַזוי פערפעקט אַז דאָס איז אַ גרויס זעלטנקייט סיי ביי אַ מאַן און סיי ביי אַ פרוי. איר געפינט אין איר: אידעאַליזם, העראָאיזם, פעאיקייט צו רעגירן, נבואה, מלחמה־קונסט, פּאָעזיע, ברייטהאַרציקייט. אָן די אַלע טייערע אייגנשאַפטן, וואָלט אַ פרוי אין יענער פרימיטיווער צייט, ניט געקאָנט דערוועגבן מאָראַליש, פּאָליטיש און מיליטעריש, אַזאַ קאָלאָסאַלן און דעצידירנדיקן אויטאָריטעט איבער די מאַסן, אין יענער אַנאַרכיע וואָס האָט דאַן געהערשט אין די יידישע שבטים.

אויך צווישן די יידישע קעניגן, האָט אַ פרוי פאַרנומען אַ בכבודיקן פּלאַץ — די מלכה שלום ציון, די אלמנה פון אלעקסאַנדער ינאי, וואָס האָט אפּנים געזירשנט חכמה און תורה פון איר ברודער, דעם תנא שמעון בן שטח, און זי האָט, נאָך איר מאַנס טויט, געפירט די מלוכה פון די חשמונאים מיט פעאיקייט און דערפאָלג און האָט ניט פאַרשעמט די גרויסע חשמונאים־עפּאָכע. פאַרן לעבן פון איר מאַן, האָט זיך פאַרשטאַרקט די מחלוקה צווישן די פרושים און די צדוקים, און פאַרן טויט האָט איר אַלעקסאַנדער ינאי געגעבן יענע קלוגע עצה וואָס מעג דינען אויך פאַר אונדזער צייט: „האָב קיין מורא ניט, ניט פאַר די פרושים און ניט פאַר די צדוקים, נאָר פאַר די צבועקעס וואָס טוען אָפּ געמיינהייטן ווי זמרי און פאָדערן נאָך באַלוינונג ווי פנחס".

און ווען עס זענען אָנגעקומען די שלעכטע צייטן פאַר יידן, באַגעגענען מיר אין אונדזער געשיכטע, אַ טיפּ פון אַ יידישער מאמע, וואָס באַגייט אַ גוואַלטיקע העראָאישקייט, די שווידערלעכע מעשה פון חנהן מיט אירע זיבן זין (לויט אַ צווייטע גירסא — מרים בת תנחום) וואָס לאָזט בעסער אומקומען אַלע אירע קינדער, פאַר איר אין די אויגן אויף קידוש השם און הייסט זיי ניט אונטערוואַרפן זיך, דעם געמיינעם באַפעל פון פרעמדן קעניג.

די העלדישקייט פון דער יידישער פרוי, איז ניט בלויז אַ זאַך פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

דאָס אַנטשטיין פון מדינת ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין מאַי 1948, זי איז אָבער צוגעגרייט געוואָרן מיט דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט פון דורות חלוצים אין צענדליקער יאָרן. די יידישע פרוי, מאמע און טאָכטער האָבן פאַרנומען זייער פּלאַץ אין דער אונטערנעמונג, לעבן איר ברודער, מאַן און פאָטער. דריי נעמען דינען פאַר אַ ביישפּיל אין דעם בראשית פון דער באַנייטער קאָלאָניזאַציע אין אונדזער דור — פתח־תקוה, חדרה און מטולה. פתח־תקוה איז דאָס ערשטע דאָרף, געגרינדעט דורך די ערשטע חלוצים־

לאנדווירטן — אָן דער פרויס איבערגעבנקייט, עקשנות, אויסדויער און העלדישקייט, וואָלט דער דאָזיקער ערשטער דאָרף ניט אַנטשטאַנען און ניט עקסיסטירט. חדרה איז אַ מוסטער פון געפערלעכע ראַנגלענישן מיטן ערגסטן פיינט, מיט דער נאַטור. די קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן אין אַ געגנט פון שטענדיקע זומפן וואָס האָבן פאַרשפּרייט קראַנקייטן און צוגענו־מען צענדליקער קרבנות. און אָן דעם הערָאיזם פון דער איינגעשפּאַרטער מאַמע, וואָס זעענדיק ווי דער אַפּגאָט פון קדחת פאַרשלינגט אירע קינדער, און האָט דאָך ניט פאַרלאָזט איר פּאָזיציע, וואָלט די געשעעניש ניט פאַרגעקו־מען — וואָרום חדרה איז איינס פון די הערָאישסטע אַקטן אין דער גע־שיכטע פון אונדזער קאָלאָניזאַציע. מטולה ווידער, אין עק צפון, האָט געמוזט אויסשטיין שווערע קאַמפן פון די פאַרביסענע דרוזן וואָס האָבן ניט געוואָלט שלום מאַכן מיטן פאַקט, וואָס אין זייער סביבה שטייט אויף אַ יידישער ישוב, און אַ סך יאָרן האָבן געמוזט די קליינע צאָל קאָלאָניסטן אין צפון, זיך קעגנשטעלן אַ פּיל גרעסערע צאָל שונאים. און אויך דאָ פאַרלאָזט ניט די יידישע פרוי איר פּאָזיציע ווי עס פאַרלאָזט ניט זיין פּאָזיציע איר ברודער און מאַן. אָן אָט דעם העלדנמוט פון דער יידישער מאַמע און טאָכטער וואָלט מטולה דעם קאַמף ניט אויסגעהאַלטן.

מיט דער צווייטער עליה וואַקסט דער פּרעסטיזש פון דער יידישער פרוי. די דאָזיקע עליה האָט געשאַפן דעם ערשטן יידישן באַוואָפנטן כח אין אונדזער דור — דעם „השומר", און צווישן די איניציאַטאָרן פון דער העלדישער אונטערנעמונג געפינט זיך דאָס מיידל מאַניע ווילבאַשעוויטש, וואָס איז געווען דער לעבעדיקער גייסט פון דער באַוועגונג. אין די רייען פון „השומר" זענען געשטאַנען מיט געווער אין די הענט מיידלעך צוגלייך מיט בחורים.

דער „שומר" איז נאָר איין צווייג פון דער טעטיקייט פון דער צווייטער עליה. אירע אַנדערע הויפּט־שאַפונגען זענען: כיבוש העבודה, אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, גרינדונג פון קבוצות און העברעאישע אַרבעטער־ליטעראַטור — און אין די אַלע אונטערנעמונגען האָט די אַרבעטערין פאַרנומען אַ אַנזע־עוודיקן און חשובן פּלאַץ. צוגלייך מיט די חברים זענען די חברות געשטאַנען ביי דער וויג פון דער העברעאישער ליטעראַטור, צוזאַמען געקעמפט פאַר יידי־שער אַרבעט, צוזאַמען פאַרוואַנדלט עברית אין אַ לעבעדיקער שפּראַך און צוזאַמען געלייגט די יסודות און געשאַפן די קבוצה, דעם קיבוץ און מושב, און צוזאַמען געלייגט דעם פונדאַמענט פון אָרגאַניזירטן אַרבעטער וואָס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן ווי די הסתדרות העובדים.

מ׳קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן די אַלע אינסטיטוציעס פון ישוב וואָס האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער מדינה אָן דער באַטייליקונג און אי־ניציאַטיוו פון דער יידישער פרוי. דאָס סאַמע בולטע וואָס שיידט אָפּ מדינת ישראל פון די שכנישע מלוכות — איז דער מעמד פון דער פרוי, איר

חשיבות און כח אין דער רעגירונג פון ישראל און אין אַלע אירע אינסטיטו־ציעס. אין שפּיץ פון דער מדינה, אין כנסת ווי אין דער רעגירונג שטייען פיל פרויען. וויכטיקער פאַר דעם איז אָבער דער פאַקט, וואָס אין דעם באַ־פרייאונגס־קריג האָבן די פרויען דערפילט זייער לעבנס־מיסיע. ס׳איז ניט געווען קיין שום וויכטיקע אַקציע אין דער מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט, ווו די יידישע פרוי האָט ניט פאַרנומען קיין בכבודיקן און שטאָלצן פלאַץ, — ביים באַשיצן די קאָמוניקאַציע, ביי דער באַלאַגערונג פון ירושלים, אין טראַגישן קאַמף פון גוש עציון, ביי דער הערויִשער אויפהאַלטונג פון די ישובים אין עמק הירדן, אין גליל העליון, אין נגב, אין די בערג פון ירושלים, אין עמק, אין שפלה און אין דער פאַרטיידיקונג פון די שטעט.

און ווען ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די צבא הגנה לישראל, האָבן זיך רעקרוטירט אין איר מענער און פרויען. און פאַרגעקומען איז דאָס נאַטירלעך, טראַדיציאָנעל און גלייכצייטיק ווי אַ רעאַלע און עטישע נויט־ווענדיקייט. ווען די פרוי וואָלט געפעלט אין דער אַרמיי, וואָלט עס ניט געווען אין איינקלאַנג, ניט מיט דער גאַנצער פאַרגאַנגענהייט פון ישוב, ניט מיטן כאַראַקטער וואָס די באַפרייונגס־מלחמה האָט געטראָגן און ניט מיטן געשטאַלט וואָס מדינת ישראל שטעלט מיט זיך פאַר. מיר וואָלטן דאַן באַ־קומען אַ גאַנץ פאַלשן באַגריף פון ישוב און פון זיינע זין און טעכטער.

עס זענען דאָ אַזעלכע וואָס טענהן: הלמאי איז ישראל דאָס איינציקע לאַנד אויף דער וועלט, ווו פרויען מוזן דינען אין מיליטער אויך אין פרידנס צייט. די טענה איז באמת אַ כבוד־אַטעסטאַט פאַר מדינת ישראל מיט וועלכער מיר מעגן שטאָלצירן. זי איז אָבער ניט די איינציקע זאַך מיט וועל־כע די יידן זענען פאַראויסגעגאַנגען אַלע אַנדערע פעלקער.

אונדזער תורה דערציילט אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. גאָט איז ניט קיין מאַנסביל און אין זיין געשטאַלט איז באַשאַפן געוואָרן ניט בלויז דער מאַן. עס זאָגט זיך בפירוש: „און גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט; אין דער געשטאַלט פון גאָט האָט ער אים באַשאַפן; אַ מאַן און אַ פרוי האָט ער זיי באַשאַפן". דאָס איז די העכסטע אויסצייכענונג, מיט וואָס דאָס יידנטום האָט באַשאָנקען דעם מענטש — דעם מאַן און דער פרוי. די יידן האָבן די ערשטע, אַזוי דער־הויבן די מענטשלעכע ווירדע. און מיר האָבן זיך ניט פאַרוואָס צו שע־מען מיט דעם וואָס מיר גייען פאַראויס אַלע אַנדערע פעלקער, זאָלן זיי זיך לערנען ביי אונדז די תורה פון גלייכהייט. הגם דאָס וואָס מיר האָבן געטאָן, האָבן מיר געטאָן צוליב נויטווענדיקייט פאַר דער זיכערקייט פון לאַנד און ניט צוליב עטישע און הומאַניטאַרע צילן; ווערט אָבער אַן עטישער אַקט ניט פסול ווייל זיין עקסיסטענץ איז לעבנסוויטיק.

מיטן אַרויפלייגן אויף דער פרוי די פליכט צו דינען אין מיליטער — האָבן מיר איר דערהויבן צום שפּיץ פון דער מאָראַלישער גלייכהייט אין

ישראל, ווייל מיר האָבן אָנערקענט איר גלייכבאַרעכטיקונג אויך בנוגע פליכטן. דער ח ד ר - יינגל האָט בלויז רעכטן אָן פליכטן ביז ער ווערט „בר־מצוה", ד"ה געגוג דערוואַקסן צו טראָגן אַחריות פאַר זיינע מעשים. די פרוי אין ישראל טראָגט צוגלייך מיטן מאַן די אחריות פאַר דאָס וויכ־טיקסטע פון דער מדינה, — פאַר איר זיכערקייט. מיטן אָננעמען דעם הויפּט־פּרינציפּ פון גלייכהייט וואָס פאַרפליכטעט די פרוי צו דינען צוגלייך מיטן מאַן אין דער אַרמיי, פאַרלייקנט ניט די ישראל־אַרמיי אַז עס עקסיסטירן אונטערשיידן צווישן אַ מאַן און אַ פרוי. די אונטערשיידן זענען ניט בלויז פיזישע: גלייכהייט איז ניט קיין מעכאַנישע זאַך און מ'טאָר ניט מעסטן אַלע מענטשן מיט דער זעלבער מאָס ווי אין סדום (ווו מ'האָט לויט דער לעגענדע, אונטערגעהאַקט די פיס פון די לאַנגע מענטשן כדי צו אויס־צוגלייכן זיי מיט די קורצע), די עטישע גלייכהייט אָנערקענט, אַז עס עקסיסטירן דיפערענצן ניט בלויז צווישן מאַן און פרוי, נאָר אויך צווישן צוויי מענער און צוויי פרויען.

דאָס מיליטער וועט באַגיין אַ פעלער, אויב עס וועט זיך ניט רעכענען מיט די פאַרשיידענע אייגנשאַפטן און טאַלאַנטן וואָס פאַרשידענע פערזאָ־נען באַזיצן און וועט ניט אַנטוויקלען די ספּעציפישע פעאיקייטן פון יעדערן באַזונדער, ווי אויך די אַלערליי נייגונגען וואָס ווייזן אַרויס פערזאָנען מיט קעגנזעצלעכע כאַראַקטערן און אין זינען האָבן מוז מען סיי די מענלעכע אייגנשאַפטן און סיי די ווייבלעכע.ביידע זענען נייטיק דער אַרמיי. עס זע־נען דאָ פיל זאַכן, אַרבעטן און אַמטן, וואָס מאַן און פרוי קענען עס טאָן און אויספירן אין אַ גלייכער מאָס. ס'זענען אויך דאָ זאַכן וואָס איין גע־שלעכט וועט עס מאַכן בעסער ווי דאָס צווייטע. עס איז דאָ אָן אויפגאַבע וואָס בלויז די פרוי קען עס דערפילן און דאָס איז אפשר די גרעסטע מענטש־לעכע מיסיע — זיין אַ מאַמע. צווישן די פאַרשידענע סאָרטן ליבעס וואָס עקסיסטירן איז די ריינסטע, טיפסטע און טייערסטע, די ליבע פון דער מו־טער צו איר קינד. עס איז אַ ליבע וואָס איז ניט צוליב אייגננוץ, וואָס דערוואַרט ניט קיין באַלוינונג, עס איז אַ ליבע „לשמה" און אַנטהאַלט אין זיך עפּעס פון דער אומשטערבלעכקייט, ווי די ליבע פון באַשאַפער צו דעם באַשאַפענעם. אַ פרוי באַזיצט אַ מוטער־געפיל, אַפילו ווען זי איז נאָך ניט קיין מוטער, און דאָס מיליטער נויטיקט זיך מער ווי מענטשן און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען אין דעם מוטער־געפיל.

די קאַזאַרמע פאָדערט אומבאַגרענעצטע און פולשטענדיקע איבערגע־בנקייט. אין מיליטער־דינסט איז דער סאָלדאַט מחויב ניט מורא צו האָבן און ניט פאַרלאָזן זיין פּאָזיציע אונטער דעם שונאס פייער מעג אים דראָען די גרעסטע געפאַר. און דווקא דערפאַר איז נויטיק, אַז דער זעלנער זאָל באַהאַנדלט ווערן מיט ליבשאַפט. אין דער גאַנצער וועלט, ווערט דער רעקרוט אָפּגעריסן פון זיין היים, פאַמיליע און סביבה. ערגער איז אין דער

ישראל־אַרמיי, ווו די מערהייט זעלנער זענען עולים, און פיל פון זיי האָבן ניט אין לאנד קיין קרוב און קיין גואל. אַ סך פון זיי זענען רעקרוטירט געוואָרן אין דער אַרמיי, ניט קענענדיק די שפּראַך און ניט דאָס לאַנד. אייניקע פאַרשטייען אַפילו ניט דעם ציל פון זייער דינען. די אַטמאָספערע אין דינסט איז אַ שווערע. ווי דער רעקרוט גייט נאָר אַרויס אויפן איבונגס־פּלאַץ פאַלט אויף אים אַ שרעק, זעענדיק דעם אָנגעצויגענעם בליק פון דעם סערזשאַנט מיט זיינע שווארצע, געקרייזלטע וואָנצעס, וואָס האַלט אויף אים אין איין שרייען מיט זיין שטרענגער און האַרטער שטים. אַנדערש קען דאָך ניט זיין. אין מיליטער מוז דאָך הערשן דיסציפּלין. די רעקרוטן מוזן פאַרהאַרטעוועט ווערן און זיין שטרענג צו זיך זעלבסט. די מענערישקייט מוז קולטיווירט ווערן, כדי קיין שוועריקייט און דורכפאַל זאָלן דעם זעלנער ניט אָפּשרעקן.

אָבער די אייזערנע דיסציפּלין אַליין איז וויניק. עס מוז אויך געשאַפן ווערן אַרום רעקרוט אַ וואַרעמע און היימישע סביבה און מ׳דאַרף אים אויך אַרויסווייזן ליבשאַפט און געטריישאַפט. דער עלטסטער דערפילט ניט זיין שליחות אויב ער ווירקט נאָר מיט אָנשרעקן, באַפעלן און דיסציפּלין. דער קאָמאַנדיר דאַרף אויך געווינען צוטרוי און ליבע פון סאָלדאַט און דער זעלנער דאַרף שפּירן אַז זיין עלטסטער זאָרגט פאַר אים.

די אייגנשאַפט פון גבורה איז ניט נאָר אַ מענערישע.

אין דער אַלטער געשיכטע ווי אין דער מאָדערנער, אין קאַמף קעגן ענגלישן „ווייסן בוך" ווי אין דער באַפרייאונגס־מלחמה האָבן פרויען אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט ניט ווינציקער ווי מענער. דאָקעגן קען בלויז די פרוי אַריינברענגען אין דער אַרמיי חן און איידלקייט, אינטימקייט און מוטערלעכע האַרציקייט. אויף דעם געביט קען די פרוי, די קאָמאַנדירין, זיין אַ ביישפּיל פאַר די מענער־קאָמאַנדירן; זי דאַרף צוזאַמענוועבן די האַרטקייט און שטרענגקייט פון מיליטאַריזם מיט דער ווייכקייט און האַרציקייט פון אַ מאַמע וואָס ליבט — מיט דער זויבערסטער, שטאַרקסטער און דערהויבנסטער ליבע פון מענטשנס לעבן. אונדזער אַרמיי האָט אַן אויפגאַבע, ניט נאָר אין מלחמה־צייט, נאָר אויך און אפשר ס פּ ע צ י ע ל אין פרידנס־צייט. זי דאַרף אויספאָרמירן דאָס געשטאַלט פון דער יוגנט און דורך דעם — דאָס געשטאַלט פון דער נאַציע. און די דאָזיקע פונקציע וועלן די פרויען קאָמאַנדירנס אויספירן פיל בעסער פאַר די מענער. אויף אונדזער מיליטער ליגט דער חוב אויסצואיידעלן די נשמה פון באַנייטן פאָלק. זי דאַרף אויך צונויפבינדן און צונויפגיסן די פאַרשיידענע גלותן, צוזאַמענפלעכטן די פונאַנדערגעטיילטע יידישע שבטים, איינוואָרצלען די יוגנט אין דער פאַרגאַנגענהייט פון אונדזער אומה און אין איר אידעאַל פון „באחרית הימים". צו קאָאָרדינירן אין אים העלדישקייט און ברידערשאַפט גם יחד. צו די

אַלע אויפגאבן איז נייטיק די געטרייע, ווייכע פרויען־האַנט פון דער אָנ־פירערין.

איר, יונגע אָפיצירנס, וועט דערפילן אייער שליחות מיט געטריישאַפט און דערפאָלג אויב איר וועט פאַראייניקן אין אייך די צוויי אייגנשאַפטן וואָס זענען זיך ניט סותר, נאָר פאַרפולקאָמען איינס דאָס אַנדערע: די אייזן־האַרטע פליכט און דיסציפּלין, מיט דער הומאַניטאַרער ליבשאַפט צום צווייטן וואָס איר העכסטער אויסדרוק איז מוטער־ליבע.

# אַ רעזשים פון פשרה

איך טייל היינט ניט קיין קאָמפּלימענטן. די גרויסע וויכטיקייט פון דער אינדוסטריע אין לאנד און מיין גרויסער רעספּעקט פאַר אירע בויער פאַרפּליכטן מיך צו רעדן צו אייך אָפנהאַרציק, אָן קיין שום באַפּוצונג, הגם איך ווייס, אז דאָס וואָס איך וועל זאָגן, וועט פאַר אַ סך פון די אָנוועזנדיקע זיין ניט אָנגענעם. ווייל איך קום צו אייך מיט שווערע טענות, איך קום דאָס מאָל זיך קריגן מיט אייך.

ס׳איז ניט דאָס ערשטע מאָל, אז איך מוז זיך קריגן אַפילו מיט מענטשן וואָס זענען מיר אמנאָענטסטן.

בערך מיט אַ יאָר צוריק האָב איך זיך געפונען אין אַ שאַרפן און ביטערן שטרייט מיט אַ ציבור, וועלכער איז מיר זייער טייער און שטייט צום נאָענטסטן צו מיין געדאנקען־גאַנג און לעבנס־גלויבן — מיט דער קיבוצישער באַוועגונג. דער דאָזיקער ציבור האָט געשאפן אַ פראכטפולן קאָלאָניזאציע־ווערק און האָט פאַרקערפּערט אין זיין פּערזענלעכן לעבן דערהויבענע יידישע און מענטשלעכע סאָציאַלע ווערטן, וועלכע, ווי איך גלויב, וועלן דינען ווי אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט — ווערטן פון זעלבסט־אַרבעט און קאָלעקטיוון לעבן. ער האָט אויפגעבויט אַ געזעלשאַפט און ווירטשאַפט אויף יסודות פון פרייהייט, גלייכהייט און קולטור — אָנשטאָט קאָנקורענץ, עקספּלואטאציע און דיסקרימינאציע.

איך צווייפל, צי עס איז פאַראַן אַ גוטער און טרייער ציוניסט, אויך ניט פון דער אַרבעטערשאַפט, וואָס איז ניט שטאָלץ און פרייט זיך ניט מיט די ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע דערגרייכונגען פון דער קיבוצישער באַוועגונג. איך נעם אָן, אַז נישט ווייניק פון אייערע מיטגלידער האָבן יונגע זין און טעכטער אין די קיבוצים.

איר ווייסט געוויס, אַז דער קיבוץ, ווי די אַרבעטער קאָלאָניזאציע בכלל, האָט אָנגענומען דעם פּרינציפּ ניט צו באַשעפטיקן לוין־אַרבעטער, נאָר צו שטיצן זיך אויף זעלבסט־אַרבעט, אויף אַרבעט ביי באַדינגונגען פון חברישער גלייכהייט פאַר אַלע מיטגלידער אין דער זידלונג. כ׳האָב שטענדיק געגלויבט און גלויב אויך איצט, אַז מען דאַרף אָפּהיטן און פלעגן דעם

---

רעדע אויפן צוזאמענפאר פון די ישראל־אינדוסטריעלער, דעם 4טן פעברואר 1951

דאָזיקן טייערן ווערט פון זעלבסט־אַרבעט אַלס יסוד פון אונדזער לעבן. מיטן מאָמענט אָבער, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ נויטווענדיקייט צו ברעכן אויף אַ געוויסער צייט דעם דאָזיקן פּרינציפּ לטובת אַ גרעסערער זאַך, האָב איך געמוזט פירן אַ קאַמף פאַר דעם מיט דער קיבוצישער באַוועגונג.

נאָך דעם ווי די טויערן פונעם לאַנד האָבן זיך ברייט צעעפנט און עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאָדערנע יציאת מצרים, צענדליקער טויזנטער גלות־יידן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אין דעם באַפרייטן היימלאַנד, און עס האָבן זיך געפאָדערט פון אונדז פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען, כדי שנעלער איינצוואָרצלען די עולים אין דער אַרבעט און באַזעצן אַ קענטיקן טייל פון זיי אויפן באָדן — בין איך געגאַנגען צו די קיבוצים און געפאָדערט פון זיי צו עפענען די טויערן פון דערווירטשאַפט פאַר לאַנדווירט־שאַפטלעכער הכשרה פון די עולים, אַפילו אויב זיי וועלן ניט וועלן אַרבעטן אין קיבוץ לויט די קאָלעקטיוויסטישע פּרינציפּן, נאָר באַקומען לוין, ווייל „עת לעשות הפרו תורתך“.

איך האָב געמוזט ביטער דיסקוטירן מיט מיינע נאָענטסטע און טייערסטע חברים. פּאַרטייאישע קעגנער האָבן, פאַרשטייט זיך, געפונען אַ באַקוועמע געלעגנהייט צו טאַדלען מיך ווי אַן אונטערגראָבער פון חלוצישע ווערטן. אָבער אויך די חברים פון מיין פּאַרטיי האָבן מיט מיר ניט מסכים געווען און געטענהט, אַז איך ריר אָן די נשמה פון דעם קיבוץ. דער גרעסטער קיבוץ, דער קיבוץ המאוחד, איז זיך צונויפגעקומען אויף אַ ספּעציעלער באַראַטונג און האָט באַשלאָסן קאַטעגאָריש קעגנשטעלן זיך מיין פאָדערונג. ער האָט אויך באַשלאָסן אויסצוואָרצלען אַלע סימנים פון לוין־אַרבעט, וועלכע זענען נאָך פאַראַן אין געוויסע קיבוצישע פונקטן. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט איז דער דאָזיקער לעצטער באַשלוס געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר, אָבער וואָס מיין מאָראַלישע פאָדערונג האָט ניט געפועלט — האָט געמאַכט די נויט: עולים זענען אָנגעקומען געוואָרן ווי אַרבעטער אין די קיבוצים און אויך ניט לויט די קיבוצישע באַדינגונגען נאָר ווי לוין־אַרבעטער. איצט, דוכט מיר, איז ניטאָ קיין איין אַלטער קיבוצישער פונקט ניט אין קיבוץ המאוחד, ניט אין חבר הקבוצות און ניט אין דעם קיבוץ הארצי פון „השומר הצעיר“, וואָס באַשעפטיקט ניט קיין עולים ווי לוין־אַרבעטער — ניט קוקנדיק אויף דעם פּרינציפּיעלן פאַרבאָט.

איך בין זיכער, אַז די הכשרה פון עולים, און אַפילו פאַר לוין, וועט ניט צעטרייסלען די יסודות פונעם קיבוץ, נאָר פאַרקערט, וועט אויפהויבן זיין פּרעסטיזש. יעדע אונטערנעמונג אין לאַנד וואָס שטעלט זיך ניט אין רשות פון דער צענטראַלער אויפגאַבע פון היינטיקן דור — די אויפגאַבע פון קיבוץ גלויות — וועט זיך ניט קענען אָפּראַטעווען, אַפילו ווען זי וועט מקיים זיין אַלע אַנדערע מצוות וואָס שטייען ניט אין דער תורה. די תורה פון אונדזער לעבן און עקסיסטענץ אין איצטיקן מאָמענט

איז אויפנעם פון עליה. אַן אונטערנעמונג, וואָס אונטערוואַרפט זיך ניט דער דאָזיקער תורה, דערפילט ניט איר פליכט לגבי דעם פאָלק.

פון דעם שטאַנדפּונקט קום איך דאָס מאָל משפטן די אינדוסטריעלער־פאַראייניקונג.

מען דאַרף דאָ ניט ברייט אַרומרעדן די וויכטיקייט פון דער אינדוס־טריע און איר באַדייטונג אין דער מדינה. אָן אַן אַנטוויקלטער אינדוסטריע — קען ניט זיין קיין עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט; אָן אַן אַנטוויקלטער אינדוסטריע קען די מדינה ניט זיין זיכער. אָן קיין אינדוסטריע וועט די עליה ניט אויפגענומען ווערן. אָן קיין אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע וועלן מיר ניט איינהאַלטן קיין אַנטשפּרעכנדיקן לעבנס־סטאַנדאַרט. ס'איז איבעריק צו באַצייכענען דעם היסטאָרישן דינסט פון די אַלע צווישן אייך וואָס האָבן אַ חלק אין דער אַנטוויקלונג פון דער ישראלדיקער אינדוסטריע. ווען איך וואָלט ניט געוווּסט, אַז איר האָט גרויסע פאַרדינסטן — וואָלט איך אפשר ניט געקומען צו אייך מיט שווערע פאָדערונגען. צו אַ פּרוכטלאָזן און טאַטלאָזן ציבור קומט מען ניט מיט פאָדערונגען. און הגם איך ווייס, אַז איך וועל טייער באַצאָלן פאַר מיינע פאָלגנדיקע ווערטער — וועל איך זיך דאָך ניט אָפּהאַלטן פון זאָגן אייך דאָס, וואָס איז ביי מיר אין האַרצן. איך קום צו אייך מיט צוויי ביטערע אָנקלאַגעס:

איך פאַרקלאָג זיך אויף דער פאַראייניקונג פון די אינדוסטריעלער, איך רעד ניט וועגן יחידים, נאָר וועגן גאַנצן כלל, צוליב דעם וואָס ער האָט זיך ניט אָפּגערופן אויף דער נאַציאָנאַלער פאָדערונג צו מאַכן באַמיאונגען אויפצוהויבן די ארבעטס־פּראָדוקטיוויטעט און די קאַפּאַציטעט פון דער פּראָדוקציע, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מצד דער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ ווילן דאָס צו טאָן. איך פאַרקלאָג זיך אויף דער אינדוסטריעלער פאַראייניקונג דערפאַר, וואָס זי האָט דערלויבט דעם לאַקאַאוט פון די מעטאַל־פאַבריקן און האָט דערמיט, באַוווּסטזיניק אָדער ניט, געהאָלפן די יעניקע, וועלכע ווילן צעבלאָזן דאָס פייער פון קלאַסן־קאַמף אין ישראל צוליב צווייפלהאַפטע און פּסולע צוועקן.

איר ווייסט, אַז מיר דאַרפן אויפנעמען אין אַ שנעלן טעמפּאָ הונדער־טער טויזנטער עולים, וועלכע קומען דאָס רוב אָן קאַפּיטאַל און אָן מיטלען. די עולים דאַרפן עסן, זיך קליידן און באַקומען אַ וווינונג נאָך איידער זיי באַווייזן צו פאַרדינען און צו פּראָדוצירן די נויטיקע אַרטיקלען. די אינ־וועסטיציע אינעם אויפנעם פון די עולים מוז געמאַכט ווערן נאָך פאַר דער הכנסה וואָס קומט פון זייער אַרבעט, נאָך דעם, ווי זיי פאַרנעמען זייער פּלאַץ אין דערווירטשאַפט. די פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע מוז בלייבן הינטערשטעליק לגבי דער קאָנסומאַציע, וואָס שטייגט כסדר צוזאַ־מען מיט דער פאַרברייטערונג פון דער עליה. דאָס באַשווערט אונדזער ווירטשאַפטלעכע און פינאַנציעלע לאַגע, וועלכע איז אַזוי אויך שווער צוליב

באַקאַנטע סיבות, אויף וועלכע איך וועל זיך דאָ נישט אָפּשטעלן. עס ווערן געמאַכט פּערמאַנענטע אָנשטרענגונגען צו פאַרברייטערן די פּראָדוקציע אין דער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע. אָבער בלויז אַ כמותדיקע פאַרברייטערונג גענוגנט ניט. מיר דאַרפן פאַרשטאַרקן די קוואַליטאַטיווע פאַרברייטערונג, דאָס הייסט, אַז מיר דאַרפן פאַרגרעסערן די קאַפּאַציטעט פון דער פּראָדוקציע און די ארבעטס־פּראָדוקטיוויטעט. דערצו איז נויטיק אַ פּולקאָמערע אויסשטאַטונג, אַ ראַציאָנעלערע לייטונג און בעסערע אַרבעטס־אָרדענונגען.

דריי פאַקטאָרן ווערן אויפגעפאָדערט אָנטייל צו נעמען אין דעם אָנשטרענג צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע: די ארבעטער, די ארבעטס־געבער און די מדינה. עס איז געשען אַ נס: די עיקרדיקע אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעטערשאַפט, די הסתדרות, האָט אָנערקענט די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער אויפגאַבע. די הסתדרות האָט געשיקט אַרבעטער דעלעגאַציעס קיין אַמעריקע און אין אינדוסטריעלע לענדער אין אייראָפּע צו שטודירן אַרבעטס־סיסטעמען. זיי האָבן זיך צוריקגעקערט און געבראַכט מיט זיך טיפע איינדרוקן פון דער לייטונגס־פעאיקייט און הויכער פּראָדוקטיוויטעט, וואָס זיי האָבן געזען אין די אנטוויקלטע לענדער, און באַזונדערס אין אַמעריקע. זיי האָבן אָפּגעגעבן אַ דערמוטיקנדיקן און באַלערנדיקן באַריכט דער הסתדרות־עקזעקוטיווע און דער ברייטער אַרבעטערשאַפט. די הסתדרות האָט פאַרגעלייגט די אינדוסטריעלער צו אָרגאַניזירן געמיינזאַמע פּראָדוציר־קאָמיטעטן, וועלכע זאָלן זאָרגן אויפצוהויבן די ארבעטס־פּראָדוקטיוויטעט און צו פאַרשטאַרקן די פּראָדוקציע. צום באַדויערן, און צו מיין גרויסער שטוינונג, האָט דער פאַרבאַנד פון די אינדוסטריעלער ניט אָפּגערופן זיך אויף דער דאָזיקער פאָדערונג.

איך נעם אָן, אַז אינדוסטריעלער האָבן זייערע קלאַסן־פּרינציפּן און איך האָב ניט קיין אינטערעס איצט וועגן זיי צו דעבאַטירן. עס זענען אָבער פאַראַן לעבנסוויכטיקע באַדערפענישן פון מדינת ישראל, וואָס יעדער איינער פון אונדז מוז זיי געבן פאַרצוג לגבי פאַרטיקולאַרע אינטערעסן. ניטאָ איצט קיין וויכטיקערע זאַך פאַר דער ישראלדיקער עקאָנאָמיק, ווי פאַרשטאַרקן אונדזער פּראָדוציר־קראַפט. אין דער דאָזיקער פעאיקייט הענגט אָפּ אונדזער זיכערקייט, הענגט אָפּ אונדזער זעלבסטשטענדיקייט, הענגט אָפּ דער קיבוץ גלויות, הענגט אָפּ אונדזער עקאָנאָמישער קיום. און אויב די פּראָדוציר־באַדערפענישן פאָדערן פון אייך צו פאַרבויגן אייערע קלאַסן־פּרינציפּן — דאַרפט איר אויך וויסן, אַז „עת לעשות לה׳ הפרו תורתך״. קיין שום מאָטיוו און אויסרייד קענען ניט ביישטיין קעגן דער באַדערפעניש צוזאַמענצואַרבעטן מיט דער אַרבעטערשאַפט און מיט דער ישראל־רעגירונג, כדי אויפצוהויבן די ארבעטס־פּראָדוקטיוויטעט און צו פאַרשטאַרקן די פּראָדוציר־קראַפט פון אונדזערווירטשאַפט.

די צווייטע אָנקלאגע איז ניט קלענער פאַר דער ערשטער.

נאָך דעם, ווי עס איז פאַריבער דער לעצטער טערמין פון דעם קאָלעק־טיוון ארבעטס־אָפּמאַך, האָבן די מעטאל - אַרבעטער אַרויסגערוקט עטלעכע פאָדערונגען צו די אינדוסטריעלער. אין דעם מאָמענט וויל איך ניט באַ־שטימען, צי זייערע פאָדערונגען זענען הונדערט־פּראָצענטיק גערעכטע אָדער ניט. קיינער קען אָבער ניט פאַרלייקענען די רעכט פונעם אַרבעטער צו קומען מיט פאָדערונגען וועלכע ער האלט פאַר גערעכטע און צו באאיינפלוסן זיינע אַרבעטס־באַדינגונגען. די פאַראייניקונג פון די אינדוסטריעלער האָט ניט געוואָלט פאַרהאנדלען מיט די פאָרשטייער פון די ארבעטער, מיט דער הסתדרות. אַ טייל פון די ארבעטער האָבן דערקלערט אַ שטרייק. אַ שטרייק אין אַ דעמאָקראַטיש לאנד איז אַ לעגאל און אָנגענומען מיטל — אפשר צופיל פּראַקטיצירט. און אָט איז אַ ווונדערלעכע זאַך: די אַלע, וואָס האָבן מיט אַ צייט צוריק אָרגאַניזירט און דערמוטיקט דעם שטרייק פון די קרע־מער און דעם לאַקאַאוט פון די פּלאַנטאַטאָרן — גיסן איצט מיט קראָקאָדיל־טרערן איבער דעם שטרייק פון די מעטאַל־אַרבעטער. איך וווּנדער זיך ניט אויף פּאַרטייאישע קערפּערשאַפטן און אָרגאַנען פון אַ געוויסער קאַטעגאָ־ריע ביי וועלכער דער ציל כשרט די מיטלען. ביי די דאָזיקע קרייזן איז נישטאָ קיין הייליקערער ציל, ווי געבן אַ קלאַפּ דער ישראל־רעגירונג, און מעג עס זיין מיט די מיאוסטע מיטלען. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, איז אָבער די אינדוסטריעלער פאַראייניקונג ניט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי, נאָר אַ ווירטשאַפטלעך - עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איר הויפּט־ציל איז צו פאַרפעסטיקן די אינדוסטריע אין ישראל. געבנדיק איר הילף דעם לאַקאַאוט פון די מעטאַל־פאַבריקן, וואָס זענען צו איר אָנגעשלאָסן, האָט די פאַראיי־ניקונג דערלאַנגט אַ שווערן קלאַפּ דער אינדוסטריע. דער דאָזיקער לאַקאַאוט רירט שווער אָן די מדינה, די ישראלדיקע ווירטשאַפט, די עליה — דאָס איז אויך אַ שווערער קלאַפּ פאַר דער אינדוסטריע גופא.

איר וועט מיך פרעגן: אַ שטרייק איז לעגאל און אַ לאַקאַאוט איז פאַר־באָטן? איך רעד דאָ ניט וועגן אַ פאָרמעלן היתר און איסור. פון שטאַנד־פּונקט פון געזעץ — זענען ביידע לעגאל. איך קום ניט אין דעם מאָמענט אַוועקנעמען ביי אייך דאָס געזעצלעכע רעכט צו דערקלערן אַ לאַקאַאוט, איך טענה קעגן אייער מאָראַלישן און אוטיליטאַרן רעכט.

ס'איז פאַראַן אַ גרויסער מאָראַלישער אונטערשייד צווישן אַ שטרייק און לאַקאַאוט. דער אונטערשייד ליגט אין צוויי זאַכן:

דאָס אייגנטום־רעכט פונעם אַרבעטער אויף זיינע הענט און פיס, אויף זיין קערפּער און אַרבעטס־קראַפט איז ניט גלייך צום אייגנטום־רעכט פו־נעם אַרבעטס־געבער אויף זיין פאַבריק. די ארבעטס־קראַפט פונעם אַרבע־טער איז אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין פערזענלעכקייט, פון זיך אליין. אמת, די מדינה האָט אויך רעכט, ווען מען דאַרף, צו פאָדערן דעם קערפּער פונעם

מענטש און בעת אַ מלחמה שיקט זי אירע בירגער אויך געהרגעט צו ווערן. נאָר דאָס טוט מען בלויז בשעת אַ שאַרפער סכנה פאַרן גאַנצן כלל. בדרך כלל איז דער קערפּער פונעם מענטש הייליק און אַ מענטש געפינט זיך אין זיין אייגענעם רשות און האָט רעכט צו באַשטימען, ביי וועלכע באַדינגונגען ער אַרבעט, און ביי וועלכע ער וויל ניט אַרבעטן. עס איז ניט צו פאַר־גלייכן דאָס אייגנטום־רעכט אויף פאַרמעגן מיטן אייגנטום־רעכט פון דעם מענטש אויף זיין קערפּער. אין יעדער מדינה הענגט עס אָפּ פון געזעצן. אַ מענטש ווערט ניט געבוירן מיט פאַרמעגן און ער נעמט ניט מיט זיין פאַר־מעגן אין קבר אַריין. די מדינה באַשטימט אויף וויפל דער מענטש מעג הערשן איבער זיין פאַרמעגן, און ווי אזוי זיך מיט אים צו באַנוצן. אַפילו אַזאַ קאַפּיטאַליסטישע מדינה, ווי אַמעריקע, ווען מען דאַרף באַגרענעצט זי דעם שכר־דירה און דער בעל־הבית האָט ניט קיין רעכט צו פאַרלאַנגען וויפל ער וויל. די מדינה באַשטימט דעם מינימאַלן לוין און אַרבעטס־באַדינגונגען. אַזאַ מדינה, ווי אַמעריקע, ווען זי געפינט עס פאַר נויטיק, לאָזט אויך אין גאַנג פאַבריקן און קוילן־גרובנס. אַ מדינה מעג אויך — און איך רעד וועגן קאַפּיטאַליסטישע מדינות — קאָנפיסקירן פאַרמעגן, מען קאָנפיסקירט אָבער ניט דעם מענטשנס קערפּער.

און פאַראַן אַ צווייטער אונטערשייד: דער אַרבעטער דערקלערט אַ שטרייק אַלס מיטל פון דרוק אויפן אַרבעטס־געבער. ער פאַרשאַפט אים שאָדן און לאָזט אים ניט אַ געוויסע צייט פאַרדינען, כדי ער זאָל מיט אים פאַרהאַנדלען און דערגיין צו אַן אָפּמאַך וועגן די אַרבעטס־באַדינגונגען. דער לאָקאַאוט איז אויך אַ מיטל פון דרוק אויפן אַרבעטער. אָבער דער לאָקאַאוט, לויט זיין כאַראַקטער באַצוועקט ניט צו פאַרשאַפן בלויז אַ געלט־שאָדן דעם אַרבעטער און ניט לאָזן אים פאַרדינען — ער באַצוועקט אויס־צוהונגערן דעם אַרבעטער און זיינע קינדער. דאָס איז אַ שאַרף מיטל, וואָס ברענגט מיט זיך האַרבע רעזולטאַטן. מען טאָר ניט אָנווענדן אַזאַ מיטל בחפזונדיק און לייכטזיניק. יעדנפאַלס, טאָר מען קיין סך מיט אים זיך ניט באַנוצן, ווי מען האָט אָנגעהויבן ביי אונדז — פריער די פּרדסים־באַזיצער און איצט די מעטאַל־פאַבריקאַנטן.

איר קענט מיך פרעגן: ווו איז די רעגירונג? פאַרוואָס מישט זיך די רעגירונג ניט אַריין? איך וועל ניט האַנדלען לויטן יידישן מנהג און אָפּ־ענטפערן מיט אַ פראַגע אויף דער פראַגע: פאַרוואָס האָט מען ניט פאַר־לאַנגט די אינטערווענץ פון דער רעגירונג קעגן די פּרדסים־באַזיצער, וועלכע האָבן אָן אַ גענוגנדיקער סיבה דערקלערט אַ לאָקאַאוט אין איינעם פון די לעבנסוויכטיקע צווייגן פון אונדזער לאַנדווירטשאַפט? פאַר וואָס האָט די רעגירונג נישט אָנגענומען קיין מיטלען קעגן די סוחרים און קרעמער, וואָס האָבן געשלאָסן זייערע געשעפטן צוליב אַ פּאָליטישן צוועק?

איך וועל אייך אויך ניט צוזאָגן, אַז די רעגירונג וועט זיך ניט אַריינ־

מישן אין דעם דאָזיקן קאָנפליקט, אז זי וועט ניט אָנווענדן קיין מיטלען — און אפשר אויך ענערגישע מיטלען — אויב שטרייקן פון אזא קאַטעגאָריע, ווי עס האָבן דערקלערט די סוחרים און פרדסים־באַזיצער, וועלן זיך באַנייען און פאַרשפּרייטן.

די רעגירונג וויל אָבער, אַז די דאָזיקע קאָנפליקטן זאָלן רעגולירט ווערן — אויב נאָר מעגלעך — דורך די שטרייטנדיקע צדדים. זי יאָגט זיך ניט אָנצווענדן דעם כוח פון געזעץ און צוואַנג, כדי ארויפצוואַרפן איר ווילן אויף די צדדים וואָס קעמפן צוליב אן עקאָנאָמישן ענין.

די רעגירונג אָנערקענט דאָס רעכט פון ארבעטער צו שטרייקן. די רע־גירונג האָט קיינמאָל ניט באַשלאָסן צו פאַרגליווערן דעם לוין. די רעגירונג האָט ניט גענומען אויף זיך צו באַשטימען אין אַלע פאַלן די ארבעטס־באַדינגונגען.

אין די גרונט־ליניעס פונעם רעגירונגס־פּראָגראַם, וועלכע זענען צוויי מאָל אַקצעפּטירט געוואָרן דורך דער כנסת (אין מערץ 1949 און אין נאָוועמ־בער 1950), ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„די מדינה וועט פאַרזיכערן די פרייהייט פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, וועט דערמוטיקן דעם פּרינציפּ פון קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען, וועט פאַר־זיכערן די פרייהייט פון שטרייק און וועט אקטיוויזירן אַן אַפּאַראַט פאַר פּרעלימינערער פאַרמיטלונג, כדי אויסצומיידן אַרבעטס־קאָנפליקטן".

מיר ווילן ניט קיין טאָטאַליטאַרע מדינה, וואָס צווינגט־אויף איר ווילן אויף די איינוווינער אין אַלע ענינים פון גייסט און מאַטעריע, קולטור אוןווירטשאַפט, געדאַנק און טאַט. צום באַדויערן זענען פאַראַן אַזעלכע טאָטאַ־ליטאַרע טענדענצן סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס. איך בין אָבער זיכער, אז די גרויסע און איבערוועגנדיקע מערהייט פון ישראל ־ איינוווינער, צווישן די ארבעטער און אויך צווישן אַנדערע קרייזן, זענען מיט זייער גאַנצן וועזן און נשמה קעגן אַ טאָטאַליטאַרן רעזשים און טאָטאַליטאַרן צוואַנג. אונ־דזער דעמאָקראַטישע מדינה איז געבויט אויפן פרייען ווילן פונעם כלל בירגער. דעמאָקראַטיע הייסט ניט הפקרות און אַנאַרכיע, הייסט ניט כל הישר בעיניו יעשה. דעמאָקראַטיע הייסט ניט אַ מאַכטלאָזע רעגירונג; דעמאָ־קראַטיע קען דולדן. אָבער איך נעם אָן, אַז זי וועט ניט דולדן אַקטן וואָס פּאַראַליזירן דאָס עקאָנאָמישע לעבן, וואָס שטעלן אין געפאַר די זיכער־קייט פון דער מדינה און איר פּעאיקייט אויפצונעמען עולים. אָבער אַ דע־מאָקראַטישע רעגירונג, ווי אונדזער רעגירונג, פאַרלאָזט זיך אויפן שכל הישר און אויפן אחריות־געפיל פון דעם רוב איינוווינער און זי וועט זיך ניט באַנוצן מיט צוואַנגס־מיטלען סיידן זי וועט ניט האָבן קיין אנדער ברירה.

דאָס איז די סיבה, וואָס איך שטיי דאָ און רעד צו אייך — אַנשטאָט אַרויסצולאָזן באַפעלן און דעקרעטן. אין אַ דעמאָקראַטישן רעזשים רעגירט מען דורך איבערצייגן די מערהייט. די רעגירונג האָט די פולמאַכט צו לאָזן

אין גאַנג לאקאאוטירטע פאַבריקן, ווען דער לאקאאוט רירט אָן די באַדער־פעניש פונעם כלל. די רעגירונג דאַרף אָבער ניט באַנוצן זיך מיט אירע פולמאכטן — ווען מען קען רעגולירן דעם קאָנפליקט דורך פרידלעכע פאַר־האנדלונגען.

מען טאָר ניט פאַרגעסן — און איך וועל זיין דער לעצטער, וואָס וועט פאַרגעסן — די אמתע קעגנזאצן אין אונדזער ישוב אויפן עקאָנאָמישן געביט, אויפן פאָליטישן ווי אויפן קולטורעל־גייסטיקן געביט. די מחלוקת איז וועגן וויכטיקע און ניט וויכטיקע פראגן. פאַראן פרינציפיעלע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן און אויך ניט וויכטיקע חלוקי־דעות, סיי בנוגע דעם סאָציאלן רעזשים, און סיי בנוגע דעם פאָליטישן און גייסטיקן רעזשים. עס וועט קומען אַ טאָג, ווען די אנטשיידונג וועט פאלן. יעדער איינער פון אונדז האָט דאָס רעכט צו זאָרגן דערפאר אַז די אנטשיידונג זאָל פאלן לויט זיין אנשויאונג, גלויבן און וויזיע.

איך וועל אָבער זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט פּאָפּולער: א י ן ד ע ר א י צ ט י ק ע ר ת ק ו פ ה ז ע נ ע ן מ י ר ב א ר ו פ ן צ ו ד ע ר מ ע ג ל ע כ ן א פ ש ר ה ־ ר ע ז ש י ם.

איך בין איינער פון די, וואָס זייער גאַנץ לעבן און האנדלונג ווערן געריכטעט דורכן גלויבן אין דער וויזיע פון דער דערלייזנדיקער אַרבעט און גאולה. איצט גלויב איך אין דער וויזיע, פיל מער, ווי כ׳האָב געגלויבט זייענדיק אַ יינגל — ווען איך בין עולה געווען קיין ארץ־ישראל. איך האַלט אָבער אַז איצט ווען מיר שטייען אין אָנהויב פון קיבוץ־גלויות, ט אָ ר ן מ י ר נ י ש ט ד ע ר פ י ר ן ד י ג ר ו י ס ע פ ר אָ ב ל ע מ ע ן א ו י פ ן ג ע ב י ט פ ו ן ג ע ז ע ל ש אַ פ ט, ג ײ ס ט א ו ן ר ע ז ש י ם צ ו ע נ ד ג י ל ט י ק ע ר אַ נ ט ש ײ ד ו נ ג. איידער מיר פרווון ענדגילטיק צו געשטאלטן דעם אויסזען פון פאָלק (אויב מיר ווילן אַפילו אָננעמען, אַז עס עקסיסטירט אַזאַ מין זאך ווי ענדגילטיקע פאָרמירונג) — דאַרפן מיר פריער זיכערן די קאָנצענטראַציע, רעטונג און פאַר־פעסטיקונג פון דעם פאָלק אין דעם היימלאנד.

אין דער איצטיקער תקופה קומט די באַדערפעניש פון זיכערקייט און קיבוץ גלויות פאַרצוג פריער פאַר אַלץ. יעדער איינער פון אונדז און יעדער קרייז צווישן אונדז איז מחוייב אַלץ אונטערצוואַרפן די באַדערפענישן פון די ביידע אויפגאַבן.

מען מעבלירט ניט אויס קיין הויז כל־זמן מען לייגט נאָך ניט דעם פונדאַמענט. מען דאַרף פריער פאַרענדיקן די אַרבעט פונעם פונדאַמענט ביזן דאַך. יעדע אַנטשיידונג, וואָס וועט איצט פאַלן, וועט נישט אויס־האַלטן. זי וועט נאָר דערשיטערן דאָס לייגן די יסודות. די ענינים וואָס פאַראייניקן אונדז אַלע, זענען וויכטיקער און בילכער פון די ענינים איבער

וועלכע מיר קעמפן. מיר אַלע זענען פֿאַראייניקט אַרום פֿאָלגנדיקע צוויי פּאָסטולאַטן: זיכערקייט און קיבוץ גלויות.

ווער עס וויל איצט צעבלאָזן דעם רעליגיעזן קאַמף אָדער דעם קלאַסן־קאַמף, כדי ענדגילטיק צו אַנטשיידן, פֿאַר דער הערשאַפֿט פֿון דער רעליגיע אָדער זי אָפּשאַפֿן; פֿאַר דעם, אַז ישראל זאָל זיין בלויז אַ קאַפּיטאַליסטישע מדינה, אָדער בלויז אַ סאָציאַליסטישע — דער באַגייט אַן אַטענטאַט קעגן דער עליה און ברענגט שאָדן דער זיכערקייט פֿון דער מדינה.

איך וואַג צו זאָגן, אַז די רעטונג פֿונעם פֿאָלק און דאָס אָפּהיטן זיין זעלבסטשטענדיקייט און זיכערקייט אין דער היינטיקער צעריסענער און שטורעמדיקער וועלט — שטייט פֿריער פֿאַר יעדן רעליגיעזן אָדער אַנטי־רעליגיעזן, קאַפּיטאַליסטישן אָדער אַנטי־קאַפּיטאַליסטישן אידעאַל. אין דער איצטיקער תקופה פֿון לייגן דעם פֿונדאַמענט, מוזן צוזאַמענאַרבעטן מענטשן מיט קעגנגעזעצטע אַנשויאונגען און פֿאַרשיידענע אינטערעסן — אויב זיי האָבן נאָר אַ געמיינזאַמען יסוד. דעם געמיינזאַמען יסוד פֿאַרן גאַנצן יידישן פֿאָלק זע איך אין דעם אָנשטרענג צו קאָנצענטרירן דאָס יידישע פֿאָלק אין זיין לאַנד, צו זיכערן זיין פֿרייהייט, זעלבשטענדיקייט און ווירטשאַפֿט. ווען עס וועט קומען דער גרויסער מאָמענט, וועט דאָס קאָנצענטרירטע פֿאָלק אַנטשיידן בנוגע די גרויסע פּראָבלעמען, אויב עס וועט וועלן.

ביז דעמאָלט — דאַרפֿן מיר, מיר אַלע אָן אויסנאַם, אַרויסוואַרפֿן קאָמ־פּראָמיס־קלוגשאַפֿט אין אַלע עקאָנאָמישע, רעליגיעזע, פּאָליטישע און קאָנ־סטיטוציאָנעלע פֿראַגן, וועלכע קענען אָפּגעלייגט ווערן, כדי מיר זאָלן קענען מאַכן דעם מאַקסימאַלן אָנשטרענג דורך געמיינזאַמע כוחות און קעגנזייטי־קער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער רעאַליזירונג פֿון די הויפּט־אויפֿגאַבן פֿון אונדזער דור: זיכערקייט און קיבוץ־גלויות.

מיין טרייער ווונטש צו אייער פֿאַראייניקונג איז: לאָזט זיך ניט מיטרייסן דורכן קריגערישן אינסטינקט און שליסט זיך אָן מיט אייער כוח צו די אַלע כוחות פֿון פֿאָלק וואָס שאַפֿן און בויען דאָס לאַנד, וואָס נעמען אויף די עליה, פֿאַרפֿעסטיקן די זיכערקייט פֿון דער מדינה און באַמיען זיך צו שטאַרקן דעם פּרעסטיזש פֿון ישראל אויף דער וועלט.

# אויסערן־פּאָליטיק און זיכערקייט

ישראל, די מדינה וואָס מיר שטעלן איצט אויף, איז ניט די ערשטע אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. פאַר דער גלות־תקופה, וואָס האָט געדויערט ניינצן הונדערט יאָר, ביז דער באַנייאונג פון אונדזער זעלבשטענדיקייט, זענען געווען אַנדערע צוויי תקופות — די פון בית־ראשון און פון בית־שני. איין היסטאָרישער גרונטפאַקט האָט אָבער געהערשט סיי פאַרן ערשטן, סיי פאַרן צווייטן בית און וועט אויך הערשן פאַרן דריטן: דאָס זעלבשטענדיקע יידישע פאָלק איז פון תמיד אָן געווען אַ קליין פאָלק, זיינע שכנים זענען אַלע מאָל געווען גרעסער און רייכער אין צאָל. דער דאָזיקער גרונטפאַקט האָט געבראַכט עטלעכע טראַגישע רעזולטאַטן פון פּאָליטיש־אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. ער האָט אָבער געהאַט אויך אַ פּאָזיטיוון עפעקט, וועלכער האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקע השפעה ביים אויספאָרמירן אונדזער נאַציאָנאַלע געשטאַלט; ס׳ איז נתגלה געוואָרן אונדזער גייסט. די ענערגיע און דער זשעני, וואָס אונדזער נאַציע האָט פאַרמאָגט, זענען אויסגענוצט געוואָרן ניט פאַר דעראָבערונגען און אימפּעריאַליסטישע שטרעבונגען נאָר פאַר גייסטיקע, אומשטערבלעכע שאַפונגען. מיטן כוח פון די דאָזיקע יצירות האָבן מיר אָפּגעהיט אונדזער קיום, ווען אונדזער זעלבשטענדיקייט איז צעשטערט געוואָרן און מיר זענען צעשפּרייט געוואָרן צווישן אַנדערע פעלקער. מיטן זעלביקן כוח האָבן מיר אויך אין אונדזערע צייטן געשאַפן דעם וווּנדער פון אויפלעבונג — אַ וווּנדער וואָס האָט ניט זיין גלייכן אין דער געשיכטע פון פעלקער.

**די באַנייטע ישראל** וועט ניט האָבן קיין קיום, אויב זי וועט זיין ענלעך צו די לעוואַנטינישע לענדער וואָס רינגלען זי אַרום. יעדער פאָלק דאַרף שטרעבן צו גייסטיק־קולטורעלער גרויסקייט. לגבי ישראל אָבער איז דאָס ניט בלויז אַ געווונטשענער ציל — דאָס איז איר גורל, איר מיסיע און אַ פראַגע פון עקסיסטענץ. דערצו זענען מיר באַשאַפן געוואָרן. מיר וועלן זיין אַ פאָלקסאיינהייט אויב מיר וועלן זיין אַ לייכטטורעם פאַר אַלע פעלקער. מיר וועלן אָפּהיטן אונדזער יחוד, און איינזאַמלען אונדזער צעזייט און צעשפּרייט פאָלק נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן זיין אַ מוסטער־מדינה. און די דאָזיקע מעגלעכקייט עקסיסטירט ניט ערגעץ אין די הימלען, נאָר אין

אונדז גופא, טיף אין אונדזער נשמה. אויב מיר ווען זיך אָנשפּאַרן בלויז אויף מיליטער און קראַפט — וועלן מיר אָנטרעפן אַ נאָך שטאַרקערע אַרמיי און אַ נאָך גרעסערע קראַפט. אונדזער גרויסער גייסט האָט אונדז געמאַכט פאַר אַן אייביק פאָלק, האָט אונדז אָפּגעהיט פון אונטערגאַנג, האָט אונדז געשטאַרקט, אַז מיר זאָלן בייקומען אונדזערע שונאים און אויפשטעלן צום דריטן מאָל די זעלבשטענדיקע ישראל. און דאָס איז נאָך ניט אַלץ, דאָס גרויסע און דערהויבענע שטייט נאָך אונדז פאָר. ס'איז ניטאָ קיין שום סיבה פאַר וואָס מיר זאָלן ניט זיין צווישן די ערשטע אין דער מלוכה פון גייסט.

ניטאָ קיין נאַקעטער אַבסטראַקטער גייסט, וואָס זאָל ניט זיין פאַרבונדן מיט פיזישער עקסיסטענץ. אָן ווירטשאַפטלעכן לעבן, אָן מדינה און אָן געזעלשאַפט קאָן ניט געמאָלט זיין קיין גייסטיק לעבן. די ווירקלעכע ווירקלעכקייט, די וואָס בילדעט אונדז און מיר בילדן זי, שטעלט מיט זיך פאָר אַ סינטעז פון מאַטעריע און גייסט. דאָס אָפּטיילן מאַטעריע פון גייסט איז קינסטלעך און פאַנטאַסטיש. אין דעם ממשותדיקן דאַזיין האָט עס ניט קיין באַרעכטיקונג. גייסט איז די העכסטע אַנטפּלעקונג אין לעבן פון מענטש און פאָלק, ווי אויך אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. ער איז אָבער ניט די איינציקע אַנטפּלעקונג און זיין קיום קאָן ניט געמאָלט זיין אָן אַנדערע לעבנס־אַנטפּלעקונגען, וואָס זענען אָפּהענגיק פון קראַפט און מיליטער. אונדזערע אַמאָליקע חכמים האָבן שוין געוווסט דעם פּשוטן און דאָך דערהויבענעם אמת, אַז אָן „תורה" קאָן ניט זיין קיין „קמח" און אָן „קמח" קאָן קיין „תורה" ניט זיין.

דאָס יידישע פאָלק וועט דערפילן זיין גרויסע היסטאָרישע מיסיע אין דער מלוכה פון גייסט ערשט דעמאָלט, ווען דער עקאָנאָמישער קיום זיינער וועט פאַרזיכערט ווערן אין זיין פאָטערלאַנד, זיין פּאָליטישער מעמד — צווישן פעלקער און דער שלום וועט זיין גאַראַנטירט דורך זיין זעלבשטענדיקן כוח, — די ווייטערדיקע שורות זענען אָפּגעגעבן דער עיקר די פּראָבלעמען פון זיכערקייט און דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָזיציע פון ישראל.

אין דאָזיקן פּרט איז דער איצטיקער מצב אונדזערער אין תוך אַנדערש פון אונדזער מצב אין די צייטן פון בית־ראשון און בית־שני.

אין יענע צייטן זענען מיר געווען אַרומגערינגלט פון פיל פעלקער, גרויסע און קליינע. אַלע זענען זיי על־פּי־רוב געווען פיינטלעך געשטימט צו אונדז, אין זעלטענע פאַלן זענען איינקע פון זיי געשטאַנען מיט אונדז אין פריינדלעכע באַציאונגען. די שכנים האָבן אָבער פיינט געהאַט ניט בלויז אונדז אַליין, נאָר אויך איינער דעם צווייטן. זיי פלעגן זיך כסדר רייסן און קאָנקורירן צווישן זיך. דעריבער האָבן מיר אין קאַמף פאַר אונדזער עקסיסטענץ און זיכערהייט געקאָנט לאַווירן און אויסנוצן איינעם קעגן דעם אַנדערן. אין דוד און שלמהס צייטן, למשל, זענען די מלכים פון צור געווען אונדזערע געטרייע בני־ברית.ביידע גרויסע אימפּעריעס, מצרים און אשור

(אָדער בבל), וואָס האָבן געוואָלט איינע די צווייטע איינשלינגען, פלעגן כסדר קאָנקורירן צווישן זיך, און ווען ניט די שפּאַלטונג וואָס איז געקומען נאָך שלמהס טויט וואָלט אפשר מלכות ישראל, און נאָך איר מלכות יהודה, — אַזוי גיך ניט אונטערגעגאַנגען.

די באַנייאונג פון בית־שני איז, אין אַ גרויסער מאָס, געקומען ווי אַ רע־זולטאַט פון דעם צוזאַמענשטויס צווישן צוויי גרויסע אימפּעריעס — בבל און פּרס. בבל האָט חרוב געמאַכט ישראל, אָבער נאָך דעם ווי זי גופא איז געפאַלן אונטער די קלעפּ פון פּרס איז געקומען די ערשטע „באַלפור־דעקלאַ־ראַציע" אין אונדזער געשיכטע, — די דעקלאַראַציע וואָס כורש האָט גע־געבן: מי בכם מכל עמו — יהי אלוהיו עמו ויעל לירושלים אשר ביהודה ויבן את בית ה'. אלכסנדר דער גרויסער האָט געירשנט די פּערסישע אימ־פּעריע, און מיר זענען אין זיינע צייטן געשטאַנען פאַר אַ וועלטמאַכט. לאַנג האָט עס אָבער ניט געדויערט. נאָך אלכסנדרס טויט איז די ריזן־אימפּעריע, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט, זיך פונאַנדערגעפאַלן און צעטיילט געוואָרן צווישן זיינע יורשים. אָט די דאָזיקע קאָנקורענץ פון אלכסנדרס יורשים אין סיריע און מצרים האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר אונדזער באַנייטער זעלב־שטענדיקייט אין דער תקופה פון די חשמונאים. ווען מיר זאָלן זיך גוט אַריינטראַכטן אין דער תקופה פון בית־שני, וואָס הייבט זיך אָן מיט זרובבל, עזרא און נחמיה און ענדיקט זיך מיט דער צייט, ווען טיטוסעס לעגיאָנערן האָבן חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש — אַ תקופה פון אַן ערך 600 יאָר — זענען מיר דאָך פּאַקטיש, אין משך פון דער דאָזיקער גאַנצער תקופה, ניט געווען זעלבשטענדיק ניטביים אָנהייב, אין די צייטן פון פּרס, און ניט ביים סוף, אין די צייטן פון רוים. אין די צייטן פון פּרס האָבן מיר גענאָסן בלויז פון אַן אינעווייניקסטער אויטאָנאָמיע אונטער איר הערשונג. די דאָזיקע אימ־פּעריע פלעגט זיך ניט מישן אין אינעווייניקסטן לעבן פון די פעלקער, וואָס זענען איר געווען אונטערטעניק. זינט ירושלים איז איינגענומען געוואָרן דורך פּאָמפּעוס איז מדינת ישראל פּאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רוי־מיש פּראָטעקטאָראַט־לאַנד. נאָר אין דער תקופה פון אלכסנדרס יורשים, בעת דער אומאויפהערלעכער קאָנקורענץ צווישן די סעליוקידן, די הער־שער פון סיריע, און דער מצרישער תלמי־דינאַסטיע, איז אונדז געראָטן אויסצוקעמפן מיט דער הילף פון שווערד און קלוגער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק אַ פולע אומאָפּהענגיקייט אונטער דער אָנפירונג פון די חשמונאים. און געדויערט האָט עס ביז די זין פון אלכסנדר ינאי און שלום־ציון, די לעצטע הערשער פון דעם חשמונאים־הויז, האָבן אָנגעהויבן צו קעמפן צווישן זיך פאַר דער ירושה און זיך געוואָנדן צו די רוימער נאָך הילף.

מיט דער אינטערווענץ פון רוים אינעם ברודערקריג האָט זיך פּאַקטיש פאַרענדיקט אונדזער ריכטיקע זעלבשטענדיקייט אין דער צייט פון בית־שני, 133 יאָר פאַרן חורבן.

די גרויסע, באַדייטונגספולע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אונדזער מצב, אין פאַרגלייך מיט די צייטן פון בית־ראשון און בית־שני, איז דאָס וואָס צום ערשטן מאָל אין אונדזער געשיכטע איז ישראל אַרומגערינגלט פון אַלע יבשה־זייטן — דורך איין און איינציק פאָלק, הגם נאָך ניט קיין פאַראייניקטס: דורך דעם אַראַבישן פאָלק. דער גאַנצער מיטעלער מזרח, אָנהייבנדיק פון דרום־טערקיי און דער רוסישער גרענעץ אין קאַווקאַז, אויך פון מערב זייט פון פערסיע, און אַלע ברעגן פון צפון־אַפריקע, פון דער עגיפּטישער גרענעץ ביזן אַטלאַנטישן אָקעאַן — שטעלט מיט זיך פאָר איין מאַסיוו פון פיר מיליאָן קוואַדראַט־מייל, באַזעצט דורך אַראַביש־ריידנדיקע, מוסולמענישע פעלקער, וועלכע ציילן אַרום זיבעציק מיליאָן נפשות. צווישן זיי געפינען זיך, אמת, אויך קריסטלעכע מיעוטים (אין לבנון און עגיפּטן), קורדן און פּערסן (אין איראַק), דרוזן (אין סיריע). די דאָזיקע מיעוטים, הגם ניט קליין אין צאָל, פאַרמינערן אָבער כמעט ניט דעם אַראַביש־מוסולמענישן כאַראַקטער פונעם דאָזיקן ריזיקן בלאָק.

אָט דער אַראַביש־מוסולמענישער בלאָק שטעלט מיט זיך ניט פאָר ביים היינטיקן טאָג קיין פּאָליטישע גאַנצקייט. דריי לענדער אין מערבדיקן טייל פון צפון־אַפריקע (מאַראָקאָ, אַלזשיר און טוניס) זענען נאָך אונטערגעוואָרפן אַ פרעמדער מאַכט, דער עיקר פראַנקרייך. דער דאָזיקער אַפריקאַנער בלאָק פאַרנעמט אַ שטח פון אַ מיליאָן קוואַדראַט־מייל און ציילט אַרום 22 מיליאָן תושבים. די פרעמדע מאַכט וועט דאָרט לאַנג ניט אָנהאַלטן; פריער אָדער שפּעטער וועלן די נאָר־וואָס דערמאָנטע לענדער ווערן זעלבשטענדיק.

פיר לענדער פון דעם בלאָק — ליביע, סודאַן, סאַוד־אַראַביע און תימן — ליגן נענטער צו אונדז, הגם זיי באַזיצן ניט קיין בשותפותדיקע גרענעץ מיט ישראל. די דאָזיקע מדינות, אַחוץ סודאַן, זענען פאַרמעל אומאָפּהענגיק, און סודאַנישע און סאַוד־אַראַבישע זעלנער, אמת, אין אַ ניט־באַדייטנדיקער צאָל, האָבן זיך אַפילו באַטייליקט אין די אינוואַזיע־חיילות, וואָס האָבן מיט אונדז מלחמה געהאַלטן נאָך דעם מדינה־אויפקום. דער דאָזיקער בלאָק פאַרנעמט אַ שטח פון 2.25 מיליאָן קוואַדראַט־מייל און ציילט אַרום 17 מיליאָן איינוווינער.

פינף אַראַבישע מדינות אין מיטעלן מזרח — עגיפּטן, איראַק, סיריע, לבנון און עבר־הירדן — זיי זענען עס געווען די, וואָס האָבן אונדז דערקלערט מלחמה, ווען מיר האָבן באַקומען אונדזער זעלבשטענדיקייט. זייערע אָרגאַניזירטע חיילות האָבן אינוואַדירט אונדזער לאַנד אין דעם מאָמענט ווען אונדזער מדינה איז אַנטשטאַנען. מיט די דאָזיקע לענדער האָבן מיר זיך צוזאַמענגעטראָפן ביי אונדזערע ערשטע טריט אויף דער היסטאָרישער אַרענע, הונדערטער יאָרן פאַרן בית־ראשון. יציאת מצרים באַצייכנט אפשר דעם אָנהייב פון אונדזער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ, ווי אַ פאָלק. אין מצרים איז אין די צייטן פון בית־ראשון אויך אַנטשטאַנען דער ערשטער גלותדיקער ישוב.

בבל (די איצטיקע איראַק) האָט חרוב געמאַכט דעם ערשטן בית־המקדש און גלייכצייטיק אונדזער זעלבשטענדיקייט. מיט די פעלקער פון סיריע, לבנון און עבר־הירדן האָבן מיר אויך געהאַט כסדרדיקע סיכסוכים אין די צייטן פון די שופטים און מלכים. פון די צייטן פון יהושע בן־נון ביז גלות־בבל האָבן מיר זיך ניט איין מאָל אָנגעשטויסן אויף דער קעגנערשאַפט און דער שינאה פון די דאָזיקע לענדער און ניט איין מאָל האָבן מיר מלחמה געהאַלטן מיט זייערע חיילות. מיר האָבן אָבער קיין מאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט אַ מיליטערישער קאָאַליציע פון אַלע שכנותדיקע מדינות. בלויז אין אונדזערע צייטן האָבן זיך די פינף דערמאָנטע לענדער ווי אַליאירטע אַריינגעריסן אין אונדזער מדינה. אַלע פינף האָבן זיי אין טאָג פון פּראָקלאַמירן אונדזער דריטע זעלבשטענדיקייט געמאַכט יד־אחת, כדי צו פאַרטיליקן און אָפּמעקן אונדז פון דער ערדפלאַך. די דאָזיקע מדינות פאַרנעמען אַ שטח פון 615 טויזנט קוואַדראַט־מייל (דאָס הייסט אַ שטח, וואָס איז 78 מאָל גרעסער פון ישראל) מיט אַ באַפעלקערונג פון 31 מיליאָן נפשות (48 מאָל אַזוי פיל ווי די באַפעלקערונג פון ישראל בעת איר אויפקום). פיר פון די דאָזיקע לענדער האָבן בשותפותדיקע גרענעצן מיט מדינת ישראל: מצרים, ירדן, סיריע און לבנון.

די לענג פון אונדזערע יבשה־גרענעצן באַטרעפט 1080 קילאָמעטער. די בשותפותדיקע גרענעץ צווישן אונדז און ירדן — 650 קילאָמעטער, צווישן אונדז און דעם עזה־פּאַס, וואָס איז פאַרכאַפּט דורך די עגיפּטער — 60 קילאָמעטער, צווישן אונדז און דעם עגיפּטישן סיני־געביט (פון רפיח ביז אילת) — 201 קילאָמעטער. לענג אויס די אַלע גרענעצן — און דאָס איז אונדזער יבשה־גרענעץ — זענען מיר אָפּגעשלאָסן. בלויז לענג אויס דעם מערבדיקן ים־ברעג, פון דער לבנון־גרענעץ ביזן עזה־פּאַס (188 קילאָמעטער), האָבן מיר אַ פרייען וועג אין מיטללענדישן ים.

די צאָל קילאָמעטער שעפּט אָבער נישט אויס דעם גאַנצן זיכערקייט־באַטייט פון די לאַנגע גרענעצן. דערצו דאַרף מען צוגעבן נאָך איין וואָגיקן און סכנותפולן פאַקט: לענג אויס די דאָזיקע גרענעצן, דער עיקר לענג אויס דער גרענעץ מיט ירדן און מיטן עזה־פּאַס, געפינען זיך איצט הונדערטער טויזנטער אַראַבישע פּליטים פון א״י, און די אַראַבישע מדינות, וואָס טראָגן די אחריות פאַר זייער גורל, ווילן זיי ניט באַזעצן. דער מצב פון די דאָזיקע פּליטים איז אַ פאַרצווייפלטער און זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ געפערלעכן און אויפרייסנדיקן פאַקטאָר אין די צעשטערטע שכנותדיקע באַציאונגען, וואָס שטיצן זיך אויף אָפּמאַכן וועגן וואָפנשטילשטאַנד צווישן אונדז און מצרים, לבנון, עבר־הירדן און סיריע.

דער מרחק פון די גרענעצן מיט אונדזערע שכנים צו אונדזערע צענטערס — ירושלים, תל־אביב, חיפה — און אויך דער מרחק פון ישראל צו די הויפּטשטעט פון די שכנים זענען ניט קיין גרויסע. די יידישע ירושלים ליגט אויף דער סאַמע גרענעץ מיט ירדן. פון דער סירישער גרענעץ איז

ירושלים 107 קילאָמעטער ווייט, פון דער לבנון־גרענעץ — 145 קילאָמע־טער, פון דער גרענעץ מיט מצרים — נאָר 70 קילאָמעטער. תל־אביב ליגט בלויז 21 קילאָמעטער פון דער ירדן־גרענעץ, 105 קילאָמעטער פון דער סי־רישער גרענעץ, 108 קילאָמעטער פון דער לבנון־גרענעץ און נאָר 62 קילאָ־מעטער פון דער עגיפּטישער גרענעץ. חיפה ליגט בסך־הכל 33 קילאָמעטער פון לבנון, 37 קילאָמעטער פון ירדן, 67 קילאָמעטער פון סיריע, 147 קי־לאָמעטער פון מצרים.

אויך די שטרעקעס פון אונדזערע גרענעצן צו די הויפּט־שטעט פון די שכנים זענען ניט איבעריקס גרויס: דער מרחק פון אונדזער גרענעץ צו דער הויפּטשטאָט פון ירדן, רבת־עמון, באַטרעפט מיטן לופט־וועג 65 קילאָמע־טער און מיט דער יבשה 113, צו קאַיר מיט דער לופט — 315 קילאָמעטער, מיט דער יבשה — 400. צו באַגדאַד מיט דער לופט — 880 קילאָמעטער, מיט דער יבשה — 1023. מיט איראַק פאַרמאָגן מיר ניט קיין בשותפותדיקע גרענעץ, זי איז אָבער די איינציקע פון די באַזיגטע מדינות, וואָס האָט אַפילו ניט געוואָלט שליסן מיט אונדז קיין וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך. אָט די „בת־בבל השדודה" פון די האַשעמיטן שיידט זיך קיין סך ניט אונטער פון דער בבל אין די צייטן פון נבוזראדן רב־הטבחים.

אויך אין מצרים איז ניט פאָרגעקומען קיין גרויסע ענדערונג זינט די צייטן פון פרעה, וואָס האָט געקענט יוספן, ביז דעם מלך פאַרוק און זיין יורש, דעם דיקטאַטאָר נאַגיב. די אָרעמקייט און די פאַרקנעכטונג פון די דאָרטיקע מאַסן זענען איצט די זעלביקע ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק. אויך דאָס לאַנד פון עמון ומואב אין עבר הירדן האָט זיך כמעט ניט געענדערט פאַר די עטלעכע טויזנט יאָר. אָבער וואָס שייך דער פּאָזיציע און זיכערקייט פון ישראל האָט זיך דער מצב גרינטלעך געענדערט: אַלע לענדער אַרום שטעלן מיט זיך פאָר אין רעליגיעזן, נאַציאָנאַלן און קולטורעלן זין איין בלאָק. און כאָטש די שכנים רייסן זיך אַרום צווישן זיך צוליב העגעמאָניע און מאַטעריעלע און פּאָליטישע פּריווילעגיעס — זענען זיי אָבער פאַראיי־ניקט דורך זייער שינאה און קעגנערשאַפט צו ישראל. די יידישע מדינה איז קיין מאָל ניט געשטאַנען פאַר אַזאַ שטאַרקן און קאָנסאָלידירטן כוח, וואָס רינגלט זי אַרום פון אַלע זייטן אויף דער יבשה.

עס זענען אויך פאָרגעקומען אַנדערע וויכטיקע ענדערונגען זינט דעם בית־ראשון און בית־שני. אין דער אַלטער תקופה, דאָס הייסט אין די צייטן פון רוים, איז דער מיטללענדישער ים געווען דער צענטער פון דער וועלט. דאָ האָט געלעבט דאָס יידישע פאָלק און דאָ האָבן געלעבט זיינע שכנים. די גאַנצע קולטור פון די פעלקער, מיט וועלכער מיר זענען געקומען אין באַרי־רונג ביז דער היינטיקער צייט, האָט געשטאַמט פון די לענדער ביים מיטל־לענדישן ים.

מצרים און בבל האָבן געגעבן דער וועלט התחלות פון דער נאַטור־

וויסנשאַפט, געאָמעטריע, אינזשעניריע, חשבון, כעמיע, מעדיצין און אַנדערע. די גריכן האָבן די דאָזיקע ידיעות געירשנט פון בבל און מצרים און שטיצנדיק זיך אויף דעם, האָבן זיי אויסגעבויט אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ פון וויסנשאַפט און נאַטור־קענטעניש, באַרייכערט די מענטשהייט מיט רעקאָרד־שאַפונגען אויף אַלע געביטן, פון פילאָסאָפיע, פּאָעזיע און קונסט. דאָס יידישע פאָלק האָט געגעבן דער וועלט רעליגיעזע און מאָראַלישע ווערטן, אויך אומשטערבלעכע ווערק, וואָס האָבן צעשטערט דעם פּרימיטיוון געצנדינערישן וועלטבאַנעם פון די אוראַלטע פעלקער און באַרייכערט דעם מענטשן־מינ מיטן באַוווסטזיין, אַז ער איז איינהייטלעך און באַשאַפן בצלם אלהים. דער מיליטערישער, מלוכישער און רעכטלעכער זשעני פון רוים האָט געלייגט דעם יסוד פאַרן מאָדערנעם מלוכה־וועזן. די האַפנס פון מיטללענדישן ים האָבן טויזנטער יאָרן געדינט סיי ווי אַ קולטור־צענטער, סיי ווי אַ צענטער פון קראַפט. דאָס יידישע פאָלק, הן אין זיין אוראַלטער תקופה, הן אין די צייטן פון בית־שני, איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער דאָזיקער וועלט. מיט די לענדער פון ווייטן מזרח און פון צפון־יאַפּאַן, כינע, אינדיע, רוסלאַנד, ענגלאַנד און סקאַנדינאַוויע — איז ניט אָנגעהאַלטן געוואָרן קיין שום קאָנטאַקט. אַמעריקע און אויסטראַליע זענען נאָך דעמאָלט ניט אַנטדעקט געוואָרן.

די דריטע ישראל־מדינה איז אַנטשטאַנען אין אַ וועלט, וואָס האָט זיך אין דער צווישנצייט גרינטלעך געענדערט. די לענדער, וואָס ליגן נאָענט פון ישראל, זענען דעגראַדירט געוואָרן. מצרים און בבל (עגיפּטן און איראַק) זענען איצט פאַראָרעמטע און גאַנץ אָפּגעשטאַנענע לענדער. די איבעריקע פעלקער פון מיטללענדישן ים, בתוכם די גריכן און די איטאַליענער, שפּילן שוין ניט די ערשטע פידל. זייער גייסטיקע גרויסקייט געהערט שוין צו דער געשיכטע. דער צענטער פון קראַפט און קולטור איז אַריבער פון די ים־התיכון־ברעגעס צו די ברעגעס פון אַטלאַנטישן אָקעאַן — די פאַראייניקטע שטאַטן — און צום מעכטיקן אייראָפּעאיש־אַזיאַטישן בלאָק, וואָס הייסט אין אונדזערע צייטן ראַטנפאַרבאַנד. די לענדער פון מיטעלן מזרח זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מיטלמאָסיקע פּראָווינצן, וואָס זענען ניט מכריע אין דער גלייכוואָג פון די כוחות אויף דער וועלט. די קליינע, יונגע ישראל אין מיטעלן מזרח שטייגט איבער אַלע אירע שכנים מיט אירע גייסטיקע אוצרות, מיט איר קולטור און מיט אירע שעפערישע מעגלעכקייטן.

אַ צווייטע גרויסע ענדערונג איז פאָרגעקומען, וואָס איז רייך אין רעזולטאַטן: די גאַנצע וועלט איז געוואָרן איינס. אין די צייטן פון בית־ראשון און בית־שני האָט ניט עקסיסטירט איין מענטשהייט. איין וועלטטייל האָט דעמאָלט ניט געוווסט, אַז עס עקסיסטירן אויך אַנדערע וועלטטיילן. ניט בלויז אַמעריקע און אויסטראַליע זענען נאָך דעמאָלט ניט אַנטדעקט געוואָרן, — אַפילו די לענדער פון ווייטן מזרח (יאַפּאַן, כינע און אינדיע) האָבן מיט

זיך פאַרגעשטעלט אַן איזאָלירטע, ווייטע, אָפּגעשלאָסענע וועלט; וואָס שייך די צפון־פעלקער, האָט מען אַפילו זייערע נעמען ניט געהערט. וועגן רוסן, בריטן, נאָרמאַנדער און אַנדערע האָט מען אין די תנך־לענדער אין גאַנצן ניט געוווסט. דאָס כינעזישע פאָלק האָט אין משך פון טויזנטער יאָרן אַנטוויקלט אַ רייכע, בליענדיקע קולטור. די כינעזער האָבן זי באַטראַכט ווי אַ וועלט־קולטור, ניט וויסנדיק, אַז עס עקסיסטירן אויך אַנדערע פעלקער. גלייכצייטיק האָט די ניט־כינעזישע וועלט ניט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דעם גרויסן, ווייטן לאַנד ערגעץ אין מזרח־אַזיע. דאָס זעלביקע איז געווען מיט אינדיע. די נביאים פון ישראל האָבן טאָקע נביאות געזאָגט אויך וועגן אַנדערע פעלקער, זייער וויזיע האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן מענטשלעכן מין, געקענט האָבן זיי אָבער נאָר די פעלקער, וואָס האָבן געלעבט אין דער מזרחדיקער און דרומדיקער זייט פון ים־התיכון.

ווען מדינת ישראל איז אויפגעקומען, איז דאָס יידישע פאָלק געווען צעזייט און צעשפּרייט כמעט איבער אַלע לענדער פון דער וועלט. אַלע טיילן פון ערדקויגל זענען אָבער צווישן זיך פאַרבונדן דורך טעלעפאָן, טעלעגראַף, ראַדיאָ. יעדע געשעעניש, וואָס פאַרלויפט זיך אין איין ווינקל פון דער וועלט, ווערט באַלד אין דעם זעלביקן טאָג, מיטגעטיילט אַלע מענטשן פון גאַנצן ערדקויל. די געאָגראַפישע שכנותדיקייט, די פיזישע נאָענטקייט באַזיצט היינט ניט מער די אַנטשיידענע באַדייטונג, וואָס זי האָט געהאַט אַמאָל. — אין אונדזערע צייטן קאָן געמאָלט זיין אַ שטאַרקערע גייסטיקע, קולטורעלע און פּאָליטישע נאָענטקייט צווישן איינוווינער פון לענדער, וואָס זענען ווייט איינס פון צווייטן, ווי צווישן צוויי שכנותדיקע פעלקער. די איינוווינער פון ניי־זעלאַנד און ענגלאַנד, למשל, זענען אין אַלע פּרטים נעענטער צווישן זיך, ווי די איינוווינער פון טערקיי און סיריע, וועלכע פאַרמאָגן אַ שותפותדיקע גרענעץ.

די דאָזיקע שינויים האָבן מיטגעווירקט צו אַ קעגנזייטיקער פאַרבינדונג פון אַלע וועלטטיילן און פון אַלע פעלקער אויף דער וועלט, וואָס האָט אין די אַמאָליקע צייטן קיין מאָל ניט עקסיסטירט. פאַרן בית־ראשון און בית־שני איז דאָס גאַנצע לאַנד געווען אין אַ גרויסער מאָס אויטאַרקיש, עס איז אויסגעקומען מיט זיינע אייגענע פּראָדוקטן; אויב ניט אין גאַנצן איז טייל־ווייז. אויף וויפל ס'האָט שוין אויך דעמאָלט עקסיסטירט אַ קעגנזייטיקייט, האָט זיך דאָס באַגרענעצט בלויז צו וועלטטיילן וואָס זענען נאָענט איינער צום צווייטן. היינט איז די קעגנזייטיקייט אַן אוניווערסאַלע. מיר לעבן פּאַקטיש אין אַ תקופה פון וועלט־עקאָנאָמיק, און אַליין ניט פילנדיק דאָס, באַנוצן מיר זיך אין טאָג־טעגלעכן לעבן מיט דער פּראָדוקציע און מיט דער באַדינונג פון אַלע לענדער אויף דער וועלט.

געדאַנקען און טעכניק אָנערקענען היינט ניט קיין שום גרענעצן צווישן

**לאַנד און לאַנד. די ראַדיאָ־כוואַליעס שטראָמען איבערן גאַנצן ערדקויל, זיי** אונטערשיידן ניט צווישן מזרח און מערב, צפון און דרום סיי אין שלום־צייט, סיי בעת אַ קריג. גרענעצן זענען טאַקע ביים היינטיקן טאָג נאָך ניט אָפגעשאַפט. אָפט איז איצטער שווערער אַריינצוקומען אין אַ פרעמד לאַנד ווי אין די צייטן פון בית־ראשון אָדער בית־שני. די גרענעצן זענען אָבער ניט קיין אַבסאָלוטע. ניט געקוקט אויף איר פאָליטישער, קולטורעלער, רעליגיעזער און גייסטיקער צעשפליטערטקייט, לעבט איצט די גאַנצע מענטשהייט ווי אין איין בשותפותדיקן הויז, כאָטש צווישן די פאַרשיידענע איינוווינער עקסיסטירן נאָך ווענט און מחיצות. אין די צייטן פון בית־ראשון איז דאָס פאָלק ישראל געשטאַנען אין באַציאונגען — פריינדלעכע אָדער פיינטלעכע — מיט מצרים, אשור, ארם, אדום און די איבעריקע נאָענטע שכנים. אין די צייטן פון בית־שני — מיט פערסיע, גריכנלאַנד, רוים. די יידישע צעשפרייטקייט און די מענטשלעכע אייניקייט אין היינטיקער צייט (אַ באַגרענעצטע אייניקייט אָבער אַ קאָנקרעטע און אומבאַדינגטע) האָט אַוועקגעשטעלט די ישראל־מדינה אין מאָמענט פון איר אויפקום פאַר אַ קאָמפלעקס באַציאונגען מיט אַלע לענדער פון דער וועלט. אָפט דעצידירט אין לעבן און אין דער שטעלונג פון אונדזער מדינה די באַציאונג פון אַ לאַנד, וואָס איז ווייט פון ישראל טויזנטער קילאָמעטער, אַ סך מער ווי די באַציאונג פון אַלע שכנותדיקע לענדער צוזאַמענגענומען.

אויך אין אונדזערע צייטן האָט סביבה און געאָגראַפישע שכנות אַ גרויסע באַדייטונג, און ישראל קאָן די דאָזיקע באַדייטונג ניט איגנאָרירן. דאָס איז שוין אָבער ניט מער קיין עקסקלוזיווע באַדייטונג, ווי ס'איז געווען אַמאָל.

אַחוץ דעם איז פאַר די פאַר טויזנט יאָר פאָרגעקומען נאָך אַן ענדערונג, וואָס האָט אין די צייטן פון בית־שלישי אַ לעבנסוויכטיקע באַדייטונג סיי אין מיליטערישן, סיי אין פאָליטישן זינען. דאָס איז דער גוואַלדיקער אונטערשייד פון אַמאָל און היינט *אין כאַראַקטער פון דער באַוואָפענונג און אירע טיפן.* אין די צייטן פון בית־ראשון און בית־שני איז די באַוואָפענונג געווען אַ פשוטע און זי איז פראָדוצירט געוואָרן אויפן אָרט. אין תנך געפינען מיר אַ גאַנצע שילדערונג פונעם געווער, וואָס די מלכים אין יהודה האָבן באַנוצט, און ביז די רוימישע צייטן איז אין דאָזיקן וואָפן ניט אַריינגעקומען קיין באַדייטנדיקע ענדערונג. אין דברי הימים ווערט דערציילט וועגן דער באַוואָפענונג פון אַ קיניג, וואָס איז געווען איינער פון די גרעסטע אין יהודה — עוזיה המלך, „ויכן להם עוזיה לכל הצבה מגינים ורחמים וכובעים ושריונות וקשתות ולאבני קלעים, ויעש בירושלים חשבונות מחשבת חושב להיות על המגדלים ועל הפנות, לירוא בחצים ובאבנים גדולות" (און עוזיה האָט צוגעגרייט פאַר דער גאַנצער אַרמיי פאַנצער־שילדן און שפיזן און קאַסקעס און געפאַנצערטע מלבושים און שטיינוואַרפערס; און געמאַכט האָט ער אין ירושלים פאַרשיידענע

גוט באַטראַכטע באַרעכענונגען, ווי אַזוי מען זאָל קענען שיסן מיט פיילן און מיט גרויסע שטיינער פון די טורעמס און פון די ווינקלען). דאָס איז געווען די שווערע אַרטילעריע פון יענע צייטן. און ביזן אַנטדעקן פולווער אין 13טן יאָרהונדערט (הגם אין כינע האָט מען זיך דערמיט באַנוצט פיל פריער) האָט זיך די באַוואָפענונג באַדייטנד נישט געענדערט. דאָס געווער האָט יעדער פאָלק געקאָנט צוגרייטן פאַר זיך אין אַ גענוגנדיקער מאָס, אויב עס האָט נאָר געהאַט האָלץ און אייזן־מייסטערס. וועגן אייזנס האָבן שוין אונדזערע אבות געוווּסט אין די אוראַלטע צייטן און דער דאָזיקער מעטאַל איז געווען אין לאַנד בשפע, ווי אין פּסוק שטייט: „ואבניה אבני ברזל". אין שאולס צייטן האָבן די יידן די ערשטע יאָרן נישט געהאַט קיין שום געווער. וחרש לא ימצא בכל ארץ ישראל, כי אמרו פלשתים פן יעשו העברים חרב או חנית. וירדו כל ישראל הפלשתים ללטוש איש את מחרשתו ואת אתו ואת קרדמו ואת מחרשתו — והיה ביום מלחמת ולא ימצא חרב חנית ביד כל העם. אשר את שאול ואת יונתן ותמצא לשאול וליונתן בנו" (שמואל א, יג). (און קיין מייסטער האָט זיך אין גאַנץ ארץ־ישראל נישט געפונען, ווייל די פּלשתּים האָבן געזאָגט, טאָמער וועלן די עבֿרים מאַכן שווערדן אָדער שפּיזן. פלעגן די יידן מוזן גיין צו די פּלשתּים שאַרפן זייערע אַקער־אייזנס און זייערע גראָבאייזנס און זייערע העק. האָט מלחמה־צייט דאָס גאַנצע פאָלק פון שאול און יהונתן ניט געהאַט קיין איין שווערד אָדער שפּיז. נאָר שאול און יהונתן אַליין האָבן געהאַט).

פאַר די מלכי יהודה האָט זיך די לאַגע געענדערט. דוד המלך האָט אויפגעשטעלט אַ רעגולערע, גוט באַוואָפנטע אַרמיי. שלמה ווידער האָט געהאַט קופּער־גראָבנס אין נגב און אויך אַ פאַבריק צו גיסן קופּער ניט ווייט פון עציון גבר. די יידן האָבן זיך אַזוי אַרום אויסגעלערנט צו מאַכן כל המינים געווער, וואָס זענען אין יענע צייטן געווען באַקאַנט, ווי עס ווערט דערציילט וועגן מלך עוזיהו. ווען די יידן זענען באַפרייט געוואָרן פון די פּלשתּים, האָט זייער אָפּהענגיקייט פון די פרעמדע האַנטווערקער אויפגעהערט. און דאָס יידישע פאָלק האָט שוין געהאַט די מעגלעכקייט צו שאַפן דאָס גאַנצע נויטיקע געווער אַליין.

אַנדערש איז היינט. דאָס דעצידירנדיקע וואָפן איז איצט האַרמאַטן און שווערע שיס־געווער, קריגס־עראָפּלאַנען, טאַנקען, קריגסשיפן — און ניט יעדער פאָלק איז מסוגל אַזאַ מין געווער צו פּראָדוצירן. די לענדער פון מיטעלן מיזרח האָבן פּאַקטיש ניט קיין קריגס־אינדוסטריע פון דאָזיקן מין און ס׳עקזיסטירט דעריבער אַ באַציונג פון נאָענטקייט (אָפּט איז דאָס אָפּ־הענגיקייט) צו ווייטע לענדער וואָס פּראָדוצירן געווער. און יעדער מיליטער־רישע נאָענטקייט איז פּאַקטיש אויך אַ פּאָליטישע.

לסוף איז כדאי אָפּצושטעלן זיך אויף נאָך אַ גרונטיקן און מכריעדיקן הויפּט־אונטערשייד צווישן די צוויי פריערדיקע תקופות פון אונדזער

זעלבשטענדיקייט און אונדזער איצטיקער תקופה — אַן אונטערשייד וואָס זיינע קאָנסעקווענצן זענען דעצידירנדיק פאַר דער גאַנצער טאַקטיק פון מדינת ישראל: אין די צייטן פון בית־ראשון און בית־שני האָט זיך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק געפונען אין זיין אייגן לאַנד. אמת, פאַרן בית־ראשון, אין די צייטן פון די לעצטע מלכי בית־דוד, איז שוין געווען אַ יידישע צע־שפּרייטונג אין מצרים. אזוי ווערט דערציילט אין תנך, און די מאָדערנע אַנטדעקונגען באַווייזן ווי ווייט וויכטיק די דאָזיקע צעשפּרייטונג איז געווען. די גולי מצרים האָבן געהאַט אַן אייגענעם בית־המיקדש און יידיש מיליטער האָט אַפילו געהיט די דרום־גרענעצן פון מצרים. דער גרעסטער טייל פון פאָלק האָט זיך אָבער געפונען אין זיין אייגן לאַנד. אין די צייטן פון בית־שני האָט זיך די צעשפּרייטקייט פאַרגרעסערט. די יידן פון ארץ־ישראל זענען צעזייט געוואָרן איבער דער גאַנצער העלעניסטישער און רוימישער וועלט. פאַרן חורבן האָט די צאָל יידן אין רוימישן גלות דערגרייכט — ווי מען איז זיך משער — פיר מיליאָן. דער צענטער פון פאָלק האָט זיך אָבער פאָרט געפונען אין זיין אייגן לאַנד. אַנדערש איז די לאַגע איצטער. ווען אונדזער היינטיקע ישראל איז אויפגעקומען, האָבן זיך אין לאַנד געפונען בסך־הכל 6 פּראָצענט פון יידישן פאָלק. היינט, מיט 5 יאָר שפּעטער, איז דער פּראָצענט געשטיגן ביז 13. איבער 86 פּראָצענט פון יידישן פאָלק גע־פינען זיך נאָך אַלץ אין גלות. די צעשפּרייטקייט איז נישט קאָנצענטרירט אין די לענדער פון מיטללענדישן ים, ווי דער פאַל איז געווען סוף־בית־שני, נאָר צעזייט און צעוואָרפן איבער אַלע עקן וועלט. אָט דער דאָזיקער פאַקט דעצידירט מער פון אַלע אנדערע אין די אויסערן־פּראָבלעמען פון מדינת ישראל, אויך אין די פּראָבלעמען פון זיכערקייט, און אין די פראַגע פון אינ־טערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

אין באַפרייאונס־קריג האָבן זיך אויף פאַרשיידענע אופנים אָפּגע־שפּיגלט אַלע ענדערונגען, וואָס זענען אין אונדזער צייט פאָרגעקומען אין פאַרגלייך מיט אונדזער מצב אין די תקופות פון בית־ראשון און בית־שני. דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער געשיכטע האָבן מיט אונדז מלחמה געהאַלטן גלייכצייטיק אַלע שכנים, וואָס רינגלען אַרום אונדזער לאַנד אויף דער יבשה. ווען דאָס געשעט מיט צוויי אָדער דריי טויזנט יאָר צוריק איז אַ ספק צי מיר וואָלטן געהאַט די מעגלעכקייט אָפּצושלאָגן אַזאַ מין אָנגריף, ווייל די פעלקער, וואָס האָבן מיט אונדז דאָס מאָל מלחמה געהאַלטן, זענען אין צאָל 48 מאָל גרעסער. ס'איז אויך אַ גרויסער ספק, צי מיר וואָלטן אַמאָ־ליקע צייטן געקאָנט אויסהאַלטן אַזאַ מין פינף־יאָריקע באַלאַגערונג ווי די, וואָס אונדזערע פיינטלעכע שכנים פירן דורך דאָס מאָל אויך אין שלום־צייט. דער מיטעלער מיזרח שטעלט שוין אָבער מיט זיך היינט ניט פאָר קיין באַזונדער וועלט. זיין חשיבות און זיין וואָג זענען גוואַלדיק געפאַלן, דערי־בער איז אונדזער צוזאַמענבונד מיט די שכנותדיקע מדינות אַ סך קלענער,

ווי מיט אַ סך אַנדערע ווייטע לענדער. דאָס געווער פאַרן באַפרייאונגס־קריג האָבן מיר באַקומען פון יענער זייט ים, די פינאַנץ־מיטלען — פון נאָך ווייטערע מדינות, פון די גלות־לענדער איז אויך געקומען אַ שטראָם פריי־הייט־קעמפער, הגם קוואַנטיטאַטיוו איז ער געווען ניט איבעריק גרויס (אַרום 18 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל), אָבער קוואַליטאַטיוו איז זיין באַדייטונג געווען אַן אַנטשיידנדיקע. אַזאַ מין זאַך איז אַבסאָלוט ניט געווען מעגלעך אין די צייטן פון בית־ראשון און בית־שני, ווען אַפילו עס וואָלטן זיך אויך דעמאָלט געפונען יידן אין די זעלביקע לענדער, וואָס ווילן אונדז העלפן. אין דער ישראלדיקער פאַרטיידיקונגס־אַרמיי, וואָס האָט צו־ריקגעשטויסן אַלע אונדזערע פיינט און זיי דערפירט צו אַ שענדלעכער מפּלה, האָבן געקעמפט יידישע פרייוויליקע פון 52 לענדער אין אייראָפּע, אַזיע, אַפריקע, אַמעריקע און אויסטראַליע. די פרייוויליקע פון אייניקע מדינות — דרום אַפריקע, די פאַר. שטאַטן, קאַנאַדע און ענגלאַנד — האָבן געהאַט אַ דעציזירנדיקן באַטייט אין קריג, זיי האָבן אונדז געגעבן די אויס־געשולטע מענטשנקראַפט פאַר די שטורעם־פאָרמאַציעס, אָן וועלכער מיר וואָלטן ניט געקענט זיגן: פאַרן לופט־מיליטער, פאַר די טאַנק־בריגאַדעס און פאַר דער אַרטילעריע. ווען אין די צייטן פון יהושע בן נון, דוד המלך, די חשמונאים און יוחנן פון גוש־חלב וואָלטן זיך געפונען יידן אין דרום אַפריקע, ענגלאַנד און אַמעריקע וואָס ווילן אונדז העלפן — וואָלטן זיי דאָס נישט געקענט אויספירן, ווייל ביז די ידיעה וועגן דער מלחמה וואָלט צו זיי דערגרייכט און ביז זיי וואָלטן באַוויזן צוצוקומען צו אונדז, וואָלט שוין דער קריג געווען פאַרענדיקט. נאָר די הייַנטצייטיקע קאָמוניקאַציע־מיטלען האָבן דערמעגלעכט די ווייטע יידן אַראָפּצוקומען צו אונדז אין דער געהעריקער צייט. דער באַפרייאונגס־קריג האָט אויך באַוויזן, ווי שטאַרק און לעבנסוויכ־טיק עס איז דער קאָנטאַקט פון מדינת ישראל מיט דער גרויסער, ברייטער וועלט, און ניט דווקא מיט די שכנותדיקע מדינות. אָן די פינאַנץ־מיטלען, וואָס זענען אָנגעקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אָן דער שפּייז פון קאַנאַדע, פון ארגענטינע און פון אַנדערע לענדער, אָן דעם כלי־זיין פון צווייי אייראָפּעאישע לענדער, — איינס פון מיזרח און דאָס צווייטע פון מערב, — וואָלטן מיר דעם קאַמף ניט אויסגעהאַלטן; און די אַלע דריי זאַכן — דאָס געלט, די שפּייז און דאָס געווער — האָבן מיר באַקומען נאָר צוליב דעם, וואָס דאָס גלות־יידנטום האָט זיך מאָביליזירט אונדז צו העלפן.

אין אָנהייב פון אונדזער אַרטיקל איז שוין אָפּגעמערקט געוואָרן איין גרונטפאַקט, וואָס האָט און וועט זיך ניט ענדערן אין אונדזער געשיכטע — אַ פאַקט, וואָס האָט דערפילט און וועט אויך להבא דערפילן אַן אַנטשיידנ־דיקע אויפגאַבע אין אונדזער לעבן. דאָס איז דער פאַקט, וואָס מיר זענען אַ קליין פאָלק. דערצו איז כדאי צוצוגעבן אַ צווייטן סטאַבילן פאַקט, וואָס שפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אין אונדזער לעבן און אין אונדזער גורל,

סיי אין גלות, סיי אין ישראל: — מיר זענען אן א יי נ ז א ם פאָלק, אַ פאָלק וואָס האָט ניט קיין ברידערפעלקער אויף דער וועלט. מיר זענען אייך־און־איינציק אין אונדזער שפּראַך, אין אונדזער רעליגיע, אין אונדזער קול־טור, אין אונדזער געשיכטע און אין אונדזער מעמד אויף דער וועלט. „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ" — האָט דוד המלך געזאָגט נאָך מיט דריי טויזנט יאָר צוריק. דאָס דאָזיקע וואָרט איז גילטיק ביזן היינטיקן טאָג. אין משך פון די דריי טויזנט יאָר איז זיין גילטיקייט ניט בלויז ניט קלענער גע־וואָרן נאָר, פאַרקערט, זי האָט זיך באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט. אַלע אַנדערע נאַציעס אויף דער וועלט, כמעט אָן אויסנאַם, האָבן קרובים פון שפּראַך, רע־ליגיע, ראַסע. און קרובהשאַפט ברענגט — הגם ניט אַלע מאָל און ניט ביי אַלע באַדינגונגען — פּאָליטישע פאַרבינדונגען און קעגנזייטיקע הילף. די בולגאַרן, די סערבן, די טשעכן געהערן צו דער סלאַווישער משפחה, און די קעגנזייטיקע קרובהשאַפט איז געווען אַ וויכטיקער גורם אין זייער נאַציאָ־נאַלער באַפרייאונג. די סקאַנדינאַווישע פעלקער זענען נאָענט צווישן זיך לויט דער ראַסע, לויט דער שפּראַך און לויטן אָרט. די ענגליש־ריידנדיקע פעלקער זענען, ניט געקוקט אויף זייער שטאַרקער צעשפּרייטקייט, צונויפ־גענומען אין אַ פאַראייניקונג פון פרייע פעלקער. אַפילו צפון־אַמעריקע, וואָס האָט זיך מיט 180 יאָר צוריק באַפרייט פון בריטישן יאָך, — אַפילו זי איז צוויי מאָל אַרויס אין וועלט־מלחמות, כדי צו ראַטעווען ענגלאַנד פון חורבן און פאַרקנעכטונג. אויך אונדזערע שכנים, די אַראַבער, געהערן צו אַ גרוי־סער משפחה, וואָס איז פאַראייניקט דורך איין שפּראַך, איין רעליגיע, און כמעט אַלע איסלאַם־פעלקער, מעגן זיי ניט ריידן אַראַביש, שטייען ביי זייער זייט צוליב רעליגיעזער סאָלידאַרישקייט. שפּאַניע האָט אין 15טן און 16טן יאָרהונדערט געשאַפן אַ מעכטיקע אימפּעריע אין דרום אַמעריקע, און כאָטש אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנער פעלקער האָבן זיך באַפרייט פון שפּאַ־ניש־פּאָרטוגעזישן מעטראָפּאָליע־יאָך — עקסיסטירט נאָך עד־היום אַ שפּראַכלעך־קולטורעלע ברידערלעכקייט פון אַלע שפּאַניש־ריידנדיקע פעל־קער. אויך די קאַטוילישע אמונה קאָנסאָלידירט פעלקער, הגם די טעריטאָ־ריאַלע מאַכט פון פּויפּסט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן.

יידן זענען דאָס איינציקע פאָלק אויף דער וועלט, וואָס פון די אור־אַלטע צייטן און ביזן היינטיקן טאָג גייט עס אַרום אויף דער היסטאָרישער אַרענע אַבסאָלוט איינזאַם. „וישכון ישראל בטח בדד" — האָט משה געזאָגט צו די בני־ישראל אין זיין ברכה פאַרן טויט. פון די דאָזיקע צוויי באַציי־כענונגען — „בטח" און „בדד" — איז מקויים געוואָרן בלויז די צווייטע: בדד (אַליין). אין אַלע דורות, אין אַלע לענדער, ביי אַלע אומשטענדן זענען מיר געווען איינזאַם און אַזוי וועלן מיר שוין זיין ביז סוף כל הדורות. דאָס איז דער צענטראַלער און דעצידירנדיקער פאַקט אין דער יידישער געשיכטע — אין אַלע תקופות. דאָס איז אויך דער הויפּטמאָמענט, וואָס באַשטימט,

אין אַ גרויסער מאָס, די זיכערקייט און די פּאָליטיק פון ישראל אין אונד־זערע צייטן. די הילף, די אונטערשטיצונג און די סימפּאַטיע פון קיין שום פאָלק און לאַנד ווערן אונדז נישט געגעבן פון פאַרויס, ווי דאָס ווערט גע־געבן פיל אַנדערע פעלקער אויף דער וועלט. מיר מוזן עס דערווערבן אַלע מאָל פון דאָס ניי — דורך אונדזער שאפן, דורך אונדזער וויזיע, דורך אונדזער לעבנסליכט. בלויז איין בן־ברית איז אונדז פון פאַראויס געזיכערט — דאָס יידישע פאָלק אין די גלות־לענדער. דער צוזאַמענבונד פון מדינת ישראל מיטן יידישן פאָלק איז דער העכסטער צענטראַלער און דעציד־רנ־דיקער אויסגאַנגספּונקט אין איר פּאָליטיק, און יעדער איינער וואָס נעגירט דעם דאָזיקן צוזאַמענבונד, שוואַכט אים אָפּ, פאַרווילעגירט אָדער גיט די בכורה אַן אַנדער צוזאַמענבונד — דער פאַרלייקנט דעם לעבנסקוואַל פון דער יידישער מדינה.

***

מדינת ישראל איז געשאַפן געוואָרן צום דריטן מאָל אין אַן איינהייט־לעכער וועלט, ווו אַ שטאַרקע קעגנזייטיקע נאָענטקייט, אַ מאַטעריעלע און אַ גייסטיקע, בינדט צונויף איין לאַנד מיטן צווייטן, מעג עס זיין נאָענט אָדער ווייט. די דאָזיקע איינהייטלעכע וועלט איז אָבער צעריסן צווישן זיך צוליב סיכסוכים וועגן מאַכט און קראַפט, מיטל און וויזיע; די וועלט איז ניט צעשפּאָלטן אויף צוויי טיילן, ווי די דילעטאַנטן פאַרזיכערן, כדי לייכטער צו מאַכן די דיסקוסיע און די אָריענטאַציע; פאַקטיש עקסיסטירט נאָר איין קאָנסאָלידירטער, שטייפער בלאָק, וואָס איז אונטערגעוואָרפן אַן אויבער־מאַכט און אַ פאַרפליכטנדיקן מוסטער, וואָס דיקטירט די פּאָליטיק, דעם געדאַנק, די וויסנשאַפט, די ליטעראַטור און דעם גאַנצן לעבנסשטייגער. דער דאָזיקער גראַנדיעזער און מעכטיקער בלאָק נעמט אַרום 800 מיליאָן מענטשן אויף איין מאַסיוו, פון צענטראַל־אייראָפּע ביז די ברעגעס פון פּאַציפיק, און שליסט איין אין זיך אַלע לענדער פון מיזרח־אייראָפּע: אונ־גאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן, בולגאַריע, אַלבאַניע, רומעניע, אַ דריט־חלק פון דייטשלאַנד, ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד, די געוועזענע צאַרישע אימ־פּעריע און די גאַנץ געדיכט באַפעלקערטע כינע. דער דאָזיקער מעכטיקער בלאָק באַזיצט אויך אין יעדן אַנדערן לאַנד זיינע אַגענטורן אין דער גע־שטאַלט פון אַ קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז מסוגל צו ענדערן פון צייט צו צייט איר פיזאָנאָמיע און אירע לאָזונגען, לויט אָנווייזונגען פון אויבן. זי היט אָבער אָפּ איין סטאַבילן פּרינציפּ — אַ פּרינציפּ וואָס הייליקט אַלע מיטלען: געטריישאַפט צו דער פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד, לויט דעם ווי זיינע הערשער צייכענען אָן די פּאָליטיק פון צייט צו צייט.

די איבעריקע טיילן פון דער וועלט זענען אָפן און פריי. זיי פאַרמאָגן

פאַרשיידענע רעזשימען: אָנהייבנדיק פון סאָציאַליסטיש - דעמאָקראַטישע וואָס האַלטן פון פרייהייט און גלייכהייט, ווי, למשל, די סקאַנדינאַווישע לענדער און אייניקע טיילן פון דער בריטישער קאָמאָנוועלט, און ענדיקנדיק מיט דער טעאָקראַטישער דיקטאַטור פון אַ איבן סאַוד, — און צווישן די דאָזיקע צוויי עקסטרעמען זענען דאָ פאַרשיידענע איבערגאַנגס־פאָרמען. די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע דינען, אין אַ געוויסן זינען, ווי אַ צוצי־אונגס־צענטער פאַר פיל לענדער. אַ טייל פון די דאָזיקע מדינות זענען גע־בונדן דורכן אַטלאַנטישן פאַקט און דורך אַנדערע אָפּמאַכן. זיי זענען אָבער ניט אונטערגעוואָרפן איין צענטראַלער מאַכט. די לענדער מחוץ דעם סאָווע־טישן בלאָק שטעלן מיט זיך ניט פאָר קיין קאָנסאָלידירטע אייניקייט. דערי־בער איז פאַלש די מיינונג, אַז די וועלט איז צעטיילט אויף צוויי בלאָקן — אַ מזרחדיקן און אַ מערבדיקן. — באמת, טעאָרעטיש און פראַקטיש, עק־סיסטירט נאָר איין קאָנסאָלידירטער בלאָק, וואָס איז איינהייטלעך אויסגע־פורעמט און וואַרפט זיך אונטער איין איינציקער העכערער מאַכט, און אַלע איבעריקע לענדער אונטערשיידן זיך איינס פונעם צווייטן, זיי האָבן איבער זיך ניט קיין שום העכערע צענטראַלע אויבערהערשאַפט. ישראל איז איינס פון די דאָזיקע לענדער.

אונדזער מדינה פאַלט ניט אַרונטער אונטער קיין שום העכערער מאַכט מחוץ ישראל און געהערט ניט צו קיין שום בלאָק. אויב אַלע לענדער אויף דער וועלט, וואָס געהערן ניט צום סאָוועטישן בלאָק, זענען דורך דעם, און נאָר דורך דעם, אַ באַזונדער איינהייט — געפינט זיך אין דער איינהייט אויך ישראל. אָבער די דאָזיקע „איינהייט" האָט ניט קיין שום געמיינזאַמע באַצייכענונג אויסער דעם אַז זי שטייט מחוץ פון סאָוועטישן בלאָק, און דער דאָזיקער נעגאַטיווער סימן איז ניט גענוג, כדי צוצוגעבן איר די אייגנשאַפט פון אַ קערפּערשאַפט, שותפות אָדער פאַראייניקונג אין אַ וועלכער ניט איז פאָרם.

פון געאָגראַפישן שטאַנדפּונקט איז ישראל אַ מדינה אַזוי ווי אַלע מדינות אין מיטעלן מזרח. אָבער דאָס דעצידירט נישט אין די היינטיקע צייטן, אַזוי ווי עס האָט דעצידירט אין אַלטערטום. היינט עקסיסטירן נאָך אַנדערע שטאַנדפּונקטן — אַ קולטורעלער, אַ געזעלשאַפטלעכער, אַן עקאָנאָ־מישער. מדינת ישראל אונטערשיידט זיך פון אירע שכנים מיט איר שפּראַך, מיט די יסודות פון איר קיום, מיט אירע גייסטיקע מעלות, מיט איר פּאָלי־טישן אוןווירטשאַפטלעכן רעזשים און מיט אירע היסטאָרישע מיסיעס.

ישראל געהערט אָן ספק צו דער משפחה פון די דעמאָקראַטישע מדינות, וואָס פירן דורך אין לעבן די פרייהייט פון יחיד, די פרייהייט פון געדאַנק, וואָרט און וויסן, פרייע וואַלן און אַ געוויילטע רעגירונג, וואָס איז פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַרן פאָלק. דער דעמאָקראַטיזם, ווי לעבנסוויכטיק ער זאָל ניט זיין, שעפּט נאָך אָבער ניט אויס אַלע לעבנס־אינהאַלטן, שטרעבונגען

און באַדערפענישן פון פאָלק. מיטן באַצייכענען ישראל ווי אַ דעמאָקראַטישע מדינה, ווייזן מיר אָן ניט אויפן אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון ישראל און אויף איר אַנדערשקייט, נאָר בלויז אויף איינעם פון די שטריכן פון איר רעזשים.

אויך אין אירע סאָציאַלע שטרעבונגען איז ישראל ניט איין און אייג־ציק. דאָס שטרעבן צו גלייכהייט און געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט איז ניט דער מאָנאָפּאָל פון אַרבעטנדיקן פאָלק אין ישראל; זי האָט שותפים און פאָרגייער אין די ציוויליזירטע לענדער פון אייראָפּע און אויף די ברעגן פון דרומדיקן אָקעאַן.

אויך די גרונטליניע אין דער ישראלדיקער אויסערן־פּאָליטיק — שטרעבונג צו שלום — טיילט זיכער ניט אויס ישראל. דערצו שטרעבן די מערהייט פעלקער אויף דער וועלט, אויב ניט אַלע, הגם מיר זאָגן ניט די פולע זיכערקייט, אַז אַלע רעגירונגען, וואָס ריידן אין נאָמען פון שלום, מיינען דאָס מיטן גאַנצן האַרצן. אָבער ס'איז קלאָר פאַר אַלעמען, אַז הינטער דער שטרעבונג צו שלום שטייט דער פולער אויפריכטיקער ווילן פון די בעסטע פעלקער אויף דער וועלט, און פון אַ סך פעלקער; מען קען זאָגן — פון דער מערהייט פעלקער אויפן ערדקויל.

אויב אָבער אין דעם גרעסטן טייל פון אירע שטרעבונגען און אירע פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדערפענישן האָט ישראל שותפים און מיטהעלפער אין אַ סך מדינות און פעלקער פון פאַרשיידענע ערדטיילן — עקסיסטירט דאָך איין עיקרדיק־צענטראַלע זאַך, וואָס איז, אין אַ גרויסער מאָס, די מוטער פון אַלע שטרעבונגען, פאַרלאַנגען און באַדערפענישן פון אונדזער מדינה, — און דאָ שטייט שוין ישראל אַליין, אָן איין שותף אָדער מיטגייער אויף דער גאַנצער וועלט. דאָס איז: **קיבוץ גלויות און די זאָרג פאַרן גורל פון די צעשפּרייטע יידן אין דער גאָרער וועלט.**

די ערשטע יידן־צעשפּרייטקייט האָט זיך, ווי געזאָגט, אָנגעהויבן ביים בית־ראשון. ביים בית־שני האָט זי זיך פאַרשטאַרקט. דער צד השווה זייערער איז אָבער דאָס, וואָס אין ביידע תקופות איז דער צענטער פון יידנטום געווען אינעם פאָטערלאַנד; די יידן אין דער פרעמד זענען געווען בלויז אַ צווייג פונעם פאָטערלאַנד. מעגלעך, אַז צום סוף פון בית־שני איז די יידן־צעשפּרייטקייט פאַרגרעסערט געוואָרן אויך איבער דעם, וואָס ביי אייניקע פעלקער — ביי די רוימער, די גריכן און אַנדערע נאַציעס — האָבן זיך פיל מענטשן מגייר געווען. דער גרונטפאַקט האָט זיך אָבער דערמיט ניט גע־ענדערט: דאָס אָריגינעלע, סטאַבילע, זינט־דורות־איינגעוואָרצלטע יידנטום איז געווען דאָס יידנטום פון ארץ־ישראל. די תפוצה האָט מיט זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט אַ מין עקספּאָרט־געוויקס, וואָס איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אין דער פרעמד און האָט, ווי ווייט מעגלעך, אָפּגעהיט איר קאָנטאַקט מיטן

פאָטערלאנד, הגם זי איז ניט געווען בכוח איינצוהאלטן פולשטענדיק איר יידישן כאַראקטער. זי האָט איבערגענומען פרעמדע שפּראכן, קודם־כל, גרי־ביש, און געשאפן אויף דער דאָזיקער שפראך וויכטיקע ווערטן, וועלכע זענען טיילווייז אויפגעהיט געוואָרן ביזן היינטיקן טאָג.

מיט דעם אויפקום פון בית־שלישי איז דער סדר געוואָרן אַ פאַרקער־טער. דאָס יידישע פאָלק איז כולו געווען אַ צעזייט פאָלק: בלויז געציילטע האָבן זיך לכתחילה אומגעקערט אין זייער היימלאנד. נאָך זיי זענען געקומען צענדליקער און הונדערטער, דערנאָך — טויזנטער און צענדליקער טויזנ־טער. ווען די מדינה איז אַנטשטאנען איז אָבער זייער צאָל ניט געווען גרע־סער ווי 610 טויזנט. מדינת ישראל איז פאַקטיש אַ קינד פון דער תפוצה און ניט איר מוטער, ווי דער פאַל איז געווען אַמאָל.

די הויפּט־אויפגאבע פון דער נייער מדינה איז צו ווערן אַ היים פאַר די גערודפטע גלות־ברידער און אויך פאַר די איבעריקע יידן אין אַלע לענדער, וואָס ווילן ניט לעבן אין דער פרעמד. צוריקברענגען די פאַרוואָגלטע איז דער הויפּטציל פון דער מדינה, דאָס איז אָבער ניט דער איינציקער ציל. ניט אַזוי גיך וועלן זיך איינזאמלען אַלע פאַרוואָגלטע אין ישראל, און קיינער ווייס ניט וויפל יידן וועלן זיך דאָ צונויפקומען און ווען. די מדינה מוז זאָרגן פאַרן קיום פון גאַנצן יידנטום, ווו עס זאָל ניט זיין און צו יעדער צייט, מיטן אויפקום פון מדינת ישראל איז אויף אונדז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אחריות, די זאָרג און דער ציטער פאַרן ווויל, פאַרן כבוד, פאַרן קיום, און פאַר דער צוקונפט פון דער יידן־צעשפּרייטקייט אומעטום, און אויך צו דער דאָזיקער אחריות האָט מדינת ישראל ניט קיין שותף און קיין בן־ברית.

די אויסערן־פּאָליטיק פון ישראל קאָן ניט איגנאָרירן קיין שום גורם אויף דער וועלט, קיין שום לאנד און קיין שום פאָלק, איר שטרעבונג צו שלום און פריינדשאַפט מיט אַלע פעלקער איז ניט אָפּהענגיק פון איר סימ־פּאַטיע, הסכמה אָדער קעגנערשאַפט צו די רעזשימען, וואָס הערשן אין פאַר־שיידענע לענדער. דער פאַרנעם פון איר צוזאמענארבעט מיט אַנדערע מדינות איז אָבער, אין אַ גרויסער, און אפשר אנטשיידענער מאָס, אָפּהענ־גיק דערפון אויף וויפל דאָס יידנטום אין די באַטרעפנדיקע לענדער געניסט פון פרייהייט זיך צו באַוועגן און צו זיין אַקטיוו.

בדרך כלל קאָן זיך איין מדינה ניט אידענטיפיצירן מיט אַ צווייטער, אַפילו ווען זי איז מיט איר פאַרבונדן דורך אַן אָפּמאַך. דאָרט, ווו ס׳איז דאָ אידענטיפיקאציע — איז דאָס ניט מער ווי אַ פאַרמאַסקירטע אָדער אָפענע פאָרעם פון אַבסאָלוטער אָפּהענגיקייט. קעגנזייטיקע פרייע באַציאונגען צווישן מדינות קאָנען געמאָלט זיין נאָר און דורכויס אויף דער באַזע פון שותפות: שותפות פון שטרעבונגען, פון אינטערעסן, פון רעזשים, פון באַדער־פעגישן. און שותפות באַדייט ניט אינדענטיפיקאציע.

ווינציקער פון יעדער אַנדער מדינה אויף דער וועלט האָט ישראל די

מעגלעכקייט צו אידענטיפיצירן זיך מיט וועלכער ס׳איז מדינה. און ניט נאָר מחמת איר היסטאָרישער מיסיע און וויזיע — נאָר מחמת אירע עקסיסטענץ־באַדינגונגען און אירע פליכטן לגבי דעם יידישן פאָלק אין דער וועלט.

דאָס איז דער גרונטמאָטיוו פאַר וואָס מדינת ישראל קאָן ניט ווערן אַ טייל פון סאָוועטישן בלאָק — און מוז פאַרבלייבן דאָס וואָס זי איז. די צוויי הויפטשטריכן וואָס באַצייכענען דעם דאָזיקן בלאָק — טאָטאַליטאַרער רעזשים און אַבסאָלוטע אונטערגעוואָרפנקייט די אינטערעסן פון ראַטן־פאַרבאַנד — לאָזן זיך ניט פאַרן מיטן קיום פון מדינת ישראל און מיט איר צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק אויף גאַר דער וועלט.

דאָ איז ניט דער פלאַץ צו אַנאַליזירן און פעסטשטעלן, צי די אינער־ווייניקסטע און אויסערן־פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי זי איז אויסגעפאָרעמט געוואָרן אין סטאַלינס צייטן, קאָן געענדערט ווערן אָדער ניט. מען מוז אַזעלכע ענינים ניט באַטראַכטן דווקא פון „אייביקייט־אַספּעקט״, כדי צו מאַכן דעם זיכערן אויספיר, אַז אין דער געשיכטע עקסיסטירט ניט קיין אַבסאָלוטע פאַרגליווערטקייט, און אַז אויך דער געשלאָסנסטער, שטאַרקסטער רעזשים איז ניט פּטור פונעם אומבייט־געזעץ. דאָס וואָס זעט אויס אין משך פון צען, צוואַנציק, אָדער דרייסיק יאָר ווי אַ חוק ולא יעבור קאָן זיך פריער אָדער שפּעטער ענדערן. ניט מער — דער אונטערשייד צווישן פריער און שפּעטער אין לעבן פון אַ מדינה איז לעבנסוויכטיק און דעציסיוורנדיק. מיר מוזן קוקן אויף אונדזער וועלט ווי זי איז און ניט ווי מיר וואָלטן זי געוואָלט זען. נאָר אין באַציאונג צו זיך אַליין דאַרפן מיר זיך באַנוצן מיט דער מאָס פון דעם געוואונטשענעם און ניט פון דעם עקסיסטירנדיקן; מיר מוזן תמיד אַנאַליזירן דעם יש אין אַספּעקט פון דער וויזיע. מיר דאַרפן ניט זשאַלעווען קיין שום אָנשטרענג, כדי דאָס געוואונטשענע זאָל צוגעפּאַסט ווערן צום עקסיסטירנדיקן. ביים באַטראַכטן אָבער דרויסנדיקע כוחות מוזן מיר זיי זען אַזוי ווי זיי זענען אין דערווירקלעכקייט. און כאָטש מיר ווייסן, אַז די געזעצן פון אומבייט זענען חל אויך אויף זיי, דאַרפן מיר אָבער געדענקען, אַז די דאָזיקע שינויים ליגן ניט אין אונדזער רשות. מיר דאַרפן זיך דעריבער באַציען צו דער דרויסנדיקער וועלט לויט דעם ווי זי איז, הגם מיר זענען זיך משער, אַז זי וועט זיך ענדערן. דער סאָוועטישער בלאָק אין זיין איצטיקער פאָרעם איז אַזאַ, אַז מיר קאָנען ניט מסכים זיין מיט זיין רעזשים. מיר קאָנען אויך ניט אָננעמען פאַר ליב די אונטערטעניקייט און אָפּהענגיקייט וואָס ער לייגט אַרויף אויף זיינע געטרייע און אונטערגעאָרדנטע, ווייל דאָס איז פאַר אונדז אַ פראַגע פון לעבן און טויט, אַפילו ווען דער דאָזיקער בלאָק וואָלט ניט אַרויסגעטראָגן זיין גזר־דין אויפן ציוניזם און וואָלט ניט נעגירט די איינהייט און דעם שותפותדיקן גורל פון יידישן פאָלק.

אָבער אונדזער אַבסאָלוטע אָפּגרענעצונג פונעם רעזשים פון דאָזיקן

בלאָק און פון די אינעווייניקסטע אָפּהענגיקייט־באַציאונגען, אויף וועלכע ער איז געבויט, איז אונדז כלל ניט מחייב צו באַציען זיך צו אים מיט ווינציקער שלום־ווילן און פריינדשאַפט ווי צו איטלעכן אַנדערן וועלטפאַקטאָר. לגבי אונדזער שטרעבונג צו שלום עקסיסטירט ניט קיין אונטערשייד צווישן דעם סאָוועטישן בלאָק און יעדער אַנדער מדינה. און ניט צוליב גלייכגילטיקייט צו אַלץ וואָס קומט פאָר אין דאָזיקן בלאָק. ווי יידן און מענטשן, טאָרן מיר ניט זיין אינדיפערענט צו יעדער מענטשלעכער זאַך און אוודאי ניט צו די לעבנס־באַדינגונגען פון אַ דריטל פון מענטשלעכן מין. אונדזער תורה הייבט זיך ניט אָן מיט דער געשיכטע פון ערשטן ייד, נאָר מיט דער געשיכטע פון ערשטן מענטש — אדם הראשון איז ניט געווען קיין ייד, נאָר אַ מענטש, סתם אַ מענטש. און דער דאָזיקער מענטש — לערנט אונדז דער גרעסטער ספר — איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלהים. און דער גורל פון מענטש, דער גורל פון יעדן מענטש, איז אונדזער גורל; מיר טאָרן דעריבער ניט פאַר־בלייבן גלייכגילטיק צו די ליידן פון מענטש, ווו ער זאָל זיך ניט געפינען. אָבער ווי יידן און מענטשן גלייבן מיר, אַז זאַכן וואָס דאַרפן אויסגעבעסערט ווערן (און ס'עקסיסטירט ניט כמעט קיין איין לאַנד אויף דער וועלט, ווו מען זאָל ניט דאַרפן עפּעס אויסבעסערן), דאַרף מען ענדערן פון א י נ ע ו יי־נ י ק און ניט דורך צ ו אַ נ ג פון דרויסן, מעג דער דאָזיקער צוואַנג קומען כלומרשט מיט אַ גוטער כוונה. און דאָס איז ניט דער איינציקער מאָ־טיוו, פאַר וואָס מיר ווילן שלום און פריינדשאַפט־באַציאונגען אויך מיטן דאָזיקן בלאָק. ס'איז שוין געזאָגט און כסדר איבערגעחזרט געוואָרן, אַז דער שלום אויף דער וועלט לאָזט זיך ניט טיילן. און כאָטש דאָס דאָזיקע ווערטל איז אַזוי באַנאַל, איז עס דאָך אמת. און דערפאַר טאַקע האָט די ישראל־רע־גירונג אָנגענומען ווי איינע פון אירע גרונטליניעס אין איר אויסערן־פּאָלי־טיק: אָנהאַלטן פריינדשאַפט־באַציאונגען מיט יעדער שלום־זוכנדיקער מדינה, אומאָפּהענגיק פון איר רעזשים.

כל־זמן ס'איז ניט געשאַפן געוואָרן קיין אַלגעמיין־מענטשלעכע רעגי־רונג, וואָס זאָל איינפירן אין גאָר דער וועלט שלום און יושר אויף דער באַזע פון פרייהייט, גלייכהייט און זעלבשטענדיקייט פון אַלע פעלקער אין זייערע אינעווייניקסטע ענינים; כל־זמן אויף דער וועלט עקסיסטירן אומאָפּהענגיקע מדינות, וואָס שטעלן איין זייער רעזשים און זייערע דרויסנדיקע באַציאונ־גען אַליין — מוז מען אָנהאַלטן שלום־באַציאונגען מיט אַלע מדינות אַזוי ווי זיי זענען, אויב מיר ווילן ניט קיין אַנאַרכיע און קיין שטענדיקן קריג צווישן איינעם מיט דעם צווייטן. ביי אַ סוווערעניטעט־רעזשים, וואָס איז צעטיילט און צעשפּליטערט צווישן פאַרשיידענע מדינות, מוזן עקסיסטירן אין פאַר־שיידענע לענדער רעזשימען, וואָס געפעלן ניט זייערע נאָענטע אָדער ווייטע שכנים. אָן אַ העכערער וועלט־סוווערעניטעט איבער אַלע פעלקער און לענ־דער קאָן געמאָלט זיין נאָר איינס פון דיביידע: אָדער שלום צווישן פעלקער

מיט פאַרשיידענע רעזשימען, מעגן זיי זיין ניט געוווּנטשן, אָדער אומאויפ־הערלעכע מלחמות צווישן איין פאָלק און צווייטן. מדינת ישראל וואַרפט אָפּ פעלקער אַזוי ווי זיי זענען. דאָס פאָלק, וואָס וויל ביישטייערן צום תיקון פון די צווייטע עווענטואַליטעט. אויפריכטיקער שלום־ווילן באַדייט שלום מיט דער וועלט, — און דאָס איז די היסטאָרישע מיסיע פון פאָלק ישראל — וועט עס טאָן נאָר און דורכויס דורך ווייזן אַ ביישפּיל אין זיין אייגענעם לאַנד.

דער ווילן צום שלום שעפּט ניט אויס די פּאָליטיק פון ישראל, און צו־ליב אַ גאַנץ פּשוטן טעם: דער שלום אויף דער גאַנצער וועלט, און דער שלום אין מיטעלן מזרח, איז ניט אָפּהענגיק פון ישראלס ווילן, נאָר פון כוחות וואָס ישראל האָט אויף זיי קיין שליטה ניט. די סכנה וואָס שטייט פאַרן שלום פון ישראל איז אַ טאָפּעלע: די אַלגעמיינע געפאַר פאַרן שלום פון דער וועלט און די צוגאָב־געפאַר מצד אונדזערע נאָענטע שכנים. די זיכערהייט פון ישראל נייטיקט זיך אין גוטן ווילן, סימפּאַטיע און הילף פון דרויסן, אַחוץ דעם אינעווייניקסטן כוח, וואָס זי איז מסוגל צו מאָביליזירן, אויסצו־שולן און אויסצושטאַטן אַליין. און מיר טאָרן קיין איין רגע ניט פאַרגעסן דעם פאַקט, אַז די שכנים, וואָס זוכן אונדז שלעכטס צו טאָן, זענען ניט אויסן צו ענדערן בלויז אונדזערע גרענעצן, אָפּצונעמען אונדזער טייל ירושלים, אָפּצורייסן דעם גליל אָדער דעם נגב. זיי ווילן ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אָפּמעקן מדינת ישראל פון דער וועלטמאַפּע און אויסרייסן דעם יידישן ישוב מיטן וואָרצל; מיט אַנדערע ווערטער — זיי ווילן אונדז פיזיש פאַר־טיליקן.

די אויסערן־פּאָליטיק פון ישראל איז דעריבער אין דער ערשטער ריי מחויב צוצוגרייטן די באַדינגונגען און געפינען וועגן צו יענע פאַקטאָרן אויף דער וועלט, וואָס קאָנען פאַרגרעסערן אונדזער כוח, פאַרשטאַרקן אונדזער מענטשן־קראַפט און אונדזער ווירטשאַפט, — אויפהייבן דעם עקאָנאָמישן און פּראָפעסיאָנעלן מצב פון ישראל — כדי מיר זאָלן זיין ביכולת בייצו־שטיין דעם פּרוּוו אין דער צוקונפט, אַזוי ווי מיר זענען אים בייגעשטאַנען אין אונדזער באַפרייאונגס־קריג.

אַ צענטראַלער מוז, וואָס איז כמעט ניט ווייניקער וויכטיק ווי דער פריערדיקער, ביים איינשטעלן די אויסערן־פּאָליטיק פון מדינת־ישראל, איז צוצוגרייטן די מדינה צום ווייטערדיקן אויפנעם פון עולים און צו דער אַנט־וויקלונג פון די אוצרות פון לאַנד. אויב די שאַרפע פּראָבלעם פון זיכערהייט עקסיסטירט אויך אין אייניקע אַנדערע לענדער, זענען די באַדערפענישן פון קיבוץ־גלויות ספּעציפיש נאָר פאַר ישראל; זיי לייגן אויף אונדז אַרויף לאַסטן און אויפגאַבעס, וואָס אַנדערע לענדער ווייסן ניט פון זיי.

ביי די פאַרפלאָנטערטע פּאָליטישע באַדינגונגען, וואָס הערשן אין איי־ניקע לענדער פון דער וועלט, ליגט אויף מדינת ישראל אַן אויפגאַבע וואָס

איז איינציק אין איר מין: זאָרגן, אַז מען זאָל עפענען די עמיגראַציע־טויערן פאַר אַלע יענע יידישע קיבוצים, וואָס זענען מיט געוואַלד אָפּגעריסן געוואָרן פון יעדן קאָנטאַקט מיטן וועלט־יידנטום און וואָס ביי זיי איז אָפּגענומען געוואָרן די רעכט צו באַהעפטן זיך מיט די בויער פון דער יידישער מדינה. אָט די אַלע באַדערפעניש, — און ניט אונדזער באַציאונג צו די אידעאָלאָגיעס, אָדער צו די רעזשימען פון אַנדערע מדינות — זיי דיקטירן עס און פאָרמירן אויס די אויסערן־פּאָליטיק פון ישראל און אונדזער פאַרהאַלטן זיך צו די פאַרשיידענע כוחות אויף דער וועלט.

געגוי ווי דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט זיך ניט אונטערגעגעבן צו די מעכטיקע פון דער וועלט און איז געגאַנגען זיין אייגענעם וועג סיי ווען עס איז געווען פריי, זעלבשטענדיק און איינגעוואָרצלט אין זיין פאָטערלאַנד, און זיי ווען עס איז געווען אָפּהענגיק פון אַנדערע, צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער, — אַזוי באַטראַכט זיך ישראל איצט ווי אַ ציל פאַר זיך און ניט ווי אַ מיטל אין די הענט פון אַנדערע. זי שפּאַנט אויף דער היסטאָרישער אַרענע פון דער וועלט צו איר ציל, וואָס איז באַלויכטן פון אַ משיחישער וויזיע. זי אָנערקענט איר באַשיידענעם כוח און די באַגרענעצטע ראַמען פון איר מעגלעכקייט און השפּעה. זי גלייבט אָבער אין איר שטערן וואָס שיינט מיטן אייביקן ליכט פון אמת. זי ציט די יניקה פון אוראַלטע קוואַלן, וואָס זיינע וואַסערן האָבן ניט אויפגעהערט צו שטראָמען ביזן היינטיקן טאָג: איר פּנים איז געווענדט צו דער צוקונפט. די ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט האָט אונדז געגעבן כוח צו שטיין איינזאַם און איזאָלירט אין אַ פרעמדער וועלט פון שונאים, און די דאָזיקע טייערע ירושה, וואָס איז אויפגעהיט איגעם ספר הספרים — דעם תנך — האָט נאָך ניט פאַרלאָרן איר טעם און פרישקייט. די בשורה וואָס איז אויסגעקריצט אויף זיינע אייביקע בלעטער איז דער אָנזאָג פון גאולה, ישועה און מענטשן־דערהייבונג אויף דער ערד, און זי איז דאָס גרויסע געשאַנק וואָס דער יידישער זשעני האָט געגעבן דער מענטשהייט. אין אונדזער לאַנגן וועג איבער פיל לענדער האָבן מיר זיך אָבער אויסגעלערנט פון אַנדערע פעלקער אויך אַזעלכע זאַכן וועלכע מיר האָבן ניט געקענט, ניט געוווסט ניט אין די צייטן פון בית־ראשון און ניט אין די צייטן פון בית־שני; פאַר די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר זענען מיר געווען שותפים צו דער גרויסער וויסנשאַפטלעכער און גייסטיקער שאַפונג, וואָס האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער מענטשהייט און דערמעגלעכט צו אַנטפּלעקן די אוצרות פון דער נאַטור און צו באַהערשן אירע טיטאַנישע כוחות. די דאָזיקע דעראָבערונגען וועלן מיר ניט אָפּלאָזן; פאַרקערט — מיר וועלן זיי אומאויפהערלעך פאַרשטאַרקן און פאַרגרעסערן. ווי אַ מזרחדיקע נאַציע, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס גאַנצע גייסטיקע פאַרמעגן פון מערב — וועלן מיר קאָנען אַנטפּלעקן דאָס ליכט וואָס איז פאַרבאָרגן אין די גרויסע און אַלטע פעלקער, וואָס פאַרנעמען דעם קאָנטי־

נענט, צו וועלכן מיר זענען צוריקגעקומען — די פעלקער פון אינדיע, כינע און פון זייערע פאַרשיידענע שכנים; גלייכצייטיק וועלן מיר ווייטער אַנט־וויקלען די וויסנשאַפט־אוצרות און די טעכנאָלאָגיע פון די מערב־פעלקער, און דעריבער וועט ישראל ניט באַגרענעצן אירע פאַרבינדונגען און אירע באַציאונגען ניט מיט באַשטימטע וועלטטיילן און ניט מיט ספּעציעלע קאַטעגאָריעס פון לענדער. ווי אַן אייביק פאָלק דאַרף מדינת ישראל זיין אייבגעגלידערט אין דער גאַנצער מענטשן־משפחה און פאַרבונדן מיט אַלע נאַציעס. דער הויפּטקאָנטאַקט אירער און דער סאַמע אַנטשיידנדיקסטער מוז אָבער אונטערגעהאַלטן ווערן מיט דער יידישער מאַסע, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט אויף גאַר דער וועלט. יידישער קיום אין גלות, יידישע קאָנצענטרירונג אין פאָטערלאַנד און יידישע אחדות אומעטום — דאָס איז דער חוט המשולש וואָס פאַרבינדט מדינת ישראל מיטן יידישן פאָלק אין דער וועלט. אַלע יידן אין גלות זענען מער אָדער ווייניקער געבונדן און קרעמפּירט סיי ווי יידן און סיי ווי בירגער. אַפילו אין די פרייסטע לענדער ווו פולע אַבסאָלוטע גלייכבאַרעכטיקונג איז אַ גרונטפּרינציפּ פון זייער רעזשים — אַפילו דאָרט האָט ניט דער ייד קיין פולע, נאַטירלעכע פרייהייט, פון וועלכער עס גענים ס׳רוב בירגער. באַוווסטזיניק און אומבאַוווסטזיניק האָט דער ייד מורא פאַרן „למה יאמרו הגויים“. אַלס ייד פילט ער זיך ניט פריי און קאָן ניט בלייבן געטריי צו זיך אַליין, ווי דאָס איז דער ניט־ייד. איזאָלירט פון יידישן כלל, אָפּגעריסן על־פּי־רוב פון זיין נאַציאָנאַלער קולטור און פון זיין פאַרגאַנגענהייט, אַרומגערינגלט פון אַ פרעמדער, אַסימילירנדיקער סביבה, אונטערגעוואָרפן די געזעצן, דעם רעזשים און דעם לעבנסשטייגער, וואָס די פרעמדע מערהייט האָט איינגעשטעלט — קאָן דער ייד ניט זיין ייד ווי דער ענגלענדער איז ענגלענדער אָדער דער אַמעריקאַנער — אַמעריקאַנער. עס עקסיסטירן אָבער גראַדאַציעס און שטאַפּלען אין דער מאָס פון אונטערטעניקייט צו דער ניט־יידישער וועלט. עס זענען דאָ לענדער, ווו דער ייד באַגרעגעצט זיך אַליין, און עס עקסיסטירן לענדער ווו דער ייד איז באַשרענקט און אַפילו געגנויט דורכן געזעץ און דורכן רעזשים.

בנוגע דער פראַגע פון אָפּהיטן דעם שלום, מאַכט ישראל קיין חילוק ניט צווישן איין לאַנד און דעם צווייטן. זי שטרעבט צו קאָרעקטע באַציאונגען מיט יעדער שלום־זוכנדיקער מדינה. מדינת ישראל, וועמענס זיכערקייט, אַנטוויקלונג און וווקס זענען אָפּהענגיק פון דער צוזאַמענאַרבעט פון גאַנצן יידנטום, קאָן זיך אָבער ניט באַציען גלייכגילטיק צו אַ מדינה, וואָס נעגירט אָדער באַגרענעצט די דאָזיקע פרייהייט. אַקטיוויזירן דאָס יידנטום פאַרן אויפבוי פון מדינת ישראל, פאַר איר פאַרטיידיקונג איז מעגלעך נאָר אין לענדער, וואָס פאַלן ניט אונטער אַ טאָטאַליטאַרן רעזשים, וואָס דיקטירן ניט זייערע בירגער קיין מיינונגען און באַגרענעצן ניט זייער באַוועגונג־פרייהייט. דער טאָטאַליטאַרער רעזשים איז אַ טויטאורטייל פאַרן יידנטום פון

געגעבענעם לאַנד, באַזונדערס, ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ פאַרבאָט אַרויס־צופאָרן. ער ברענגט אויך אַ געוואַלדיקן שאָדן דעם קיום פון גאַנצן יידישן פאָלק און גראָבט אונטער די עקסיסטענץ־יסודות פון מדינת ישראל. יעדער אין ישראל וואָס אַקצעפּטירט אַזאַ מין רעזשים — מעג זיין דער מאָטיוו אַזאַ אָדער אַן אַנדערער — העלפט־מיט די יעניקע, וואָס קוקן אויס אויפן אונ־טערגאַנג פון ישראל, פון יידישן פאָלק און זיין לאַנד צוזאַמען.

דאָס יידישע פאָלק איז אַ גרויסער בעל־נסיון. פיל ענדערונגען האָט עס געזען אין זיין לעבן און ניט אויף איין קבר פון אַ סך רעזשימען און מאַכטן איז עס געשטאַנען. אויך די מעכטיקע פון דער וועלט, וואָס באַהערשן און פאַרקנעכטן פעלקער, האָבן ניט קיין שליטה אויף זיין איינשטעלונג: פריער אָדער שפּעטער — איז עס איבערצייגט — וועט קומען זייער סוף. עס קלינגט נאָך אין אונדזערע אויערן די שאַרף־סאַטירישע ווערטער פון ישעיהו הנביא אויפן אכזריותדיקן אונטערדריקער, וואָס האָט אין זיין צייט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף אַלע פעלקער: „שבר ה׳ מטה רשעים, שבט משלים, מכה עמים בעברה, רדה באף גויים — שאול מתחת רגזה לך — לקראת בואך — כלם יענו ויאמרו אליך: גם אתה חלית כמונו, אלינו נמשלת. הורד שאול גאונך, תחתיך יוצע רמה ומכסך תולעה, איך נפלת משמים, נגדעת לארץ, חולש על גוים? ואתה אמרת בלבבך: השמים אעלה, ממעל לכוכבי אל ארים כסאי, ואשב בהר מועד, בירכתי צפון, אעלה על במתי עב, אדמה לעליון. — אך אל שאול תורד, אל ירכתי בור. רואיך אליך ישגיחו, אליך יתבוננו: הזה האיש מרגיז הארץ, מרעית ממלכות" (צעבראָכן האָט גאָט דעם שטעקן פון די רשעים, די רוט פון די געוועלטיקער, וואָס שלאָגט פעלקער מיט צאָרן, וואָס געוועלטיקט מיט רוגזה איבער נאַציעס. עס ציטערט שוין די גרוב אונ־טער דיר, וואָרט אָפּ דיין אָנקומען — אַלע וועלן זיי דיך אויפנעמען מיט אַן אויסגעשריי: אויך דו ביסט געטראָפן געוואָרן אַזוי ווי מיר, אויך דו ביסט געגליכן צו אונדז. אין דר׳ערד ליגט איצט דיין שטאָלץ, ווערעם זענען דיין געלעגער און ווערעם באַדעקן דיך. ווי אַזוי ביסטו דאָס אַראָפּגעפאַלן פון הימל, ווי אַזוי ביסטו דאָס פאַרשניטן געוואָרן פון דער ערד, דו פעלקער־באַ־צווינגער? אַבי דו האָסט זיך געטראַכט אין האַרצן: אויפן הימל וועל איך אַרויף, איבער גאָטס שטערן וועל איך דערהויבן מיין שטול, אויפן העכסטן באַרג וועל איך זיצן, די ברעגן פון צפון וועל איך דערגרייכן. צו די העכסטע הייכן פון פאָלק וועל איך אַרויפשטייגן, צום אייבערשטן וועל איך גלייך זיין — אין דר׳ערד וועסטו גיין, אין טיפן גרוב אַריין! די צוזעער וועלן קוקן אויף דיר, קיין אויג ניט אַראָפּנעמען: אָט דאָס איז דער יעניקער, וואָס האָט גע־מאַכט אונטערטעניקן די וועלט. וואָס האָט אויפגערודערט מלוכות?).

ניט בלויז דיקטאַטאָרן — אויך טאָטאַליטאַרע רעזשימען זענען ניט אומשטערבלעך. מיר דאַרפן זיך ניט מייאש זיין פונעם יידנטום וואָס איז איצט באַצוווּנגען דורך טאָטאַליטאַרע רעזשימען. כדאי אָבער דערביי צו באַ־

מערקן: מען טאָר ניט נעגירן דעם פאַקטאָר פון דער צייט. פּאָליטיק איז ניט מעטאַפיזיק, וואָס באַטראַכט זאַכן אין אַספּעקט פון דער אייביקייט. לגבי דעם קיום פון מדינת ישראל און איר אַנטוויקלונג איז די צייט אַ לעבנס־פאַקטאָר און אָפט אַ דעצידירנדיקער. דאָס אָפּלייגן די מדינה־אַנטשטייאונג פון 1937 ביז 1948 האָט אונדז געקאָסט צוויי דריטל פון אייראָפּעאישן יידנטום. און כאָטש ישראל טאָר זיך ניט מייאש זיין אויך פונעם צום מערסטן פאַרשטויסענעם און איזאָלירטסטן יידישן קיבוץ, און כאָטש זי איז מחויב צו מאַכן די העכסטע אָנשטרענגונגען, כדי צוצוקומען צו יעדן שבט און צו יעדן ווינקל פון גלות־יידנטום — ליגט דאָך אויף אונדז דער חוב אָנצוהאַלטן פאַרשטאַרקטע פריינדשאַפט־באַציאונגען מיט יענע לענדער, וואָס גיבן די יידן פון זייערע לענדער מאַקסימום פרייהייט פון באַוועגונג און טעטיקייט.

מדינת ישראל קאָן ניט אויסקומען מיט אירע אייגענע כוחות — ניט ביים אָפּהיטן איר זיכערקייט, ניט ביים אַנטוויקלען איר לאַנד און ניט ביים צונויפזאַמלען די צעזייטע און צעשפּרייטע יידן. נאָר ביי דער מאַקסימאַלס־טער מיטהילף פון גאַנצן יידישן פאָלק וועלן מיר קאָנען ביישטיין די סכנות, וואָס לויערן אויף אונדז פון אַלע זייטן, און געהעריק צוגרייטן די מדינה צום אויפנעם פון אירע זין און טעכטער. דער דאָזיקער צוזאַמענבונד פון דער מדינה מיטן יידנטום אין גלות, האָט גאָר אַ סך צו זאָגן ביים אויס־פאָרמירן די באַציאונג פון ישראל צו אַלע אַנדערע לענדער און רעגירונגען. זיכערן דעם גלות־יידנטום די פרייהייט צו באַטייליקן זיך אינעם אויפבוי פון דער מדינה און אינעם אָפּהיטן איר זיכערקייט; דורכפירן אין לעבן די אייניקייט פון יידישן פאָלק ווו עס זאָל ניט זיין; פאַרשפּרייטן צווישן אים זיין קולטור און גלייכצייטיק אָפּהיטן דעם שלום אויף דער וועלט — דאָס איז די העכסטע אויפגאַבע פון דער ישראלדיקער אויסערן־פּאָליטיק אין אונדזער דור.

# נצח ישראל

דיין נאָמען זאָל מער נישט גערופן ווערן יעקב, נאָר ישראל; ווייל דו האָסט זיך געראַנגלט מיט גאָט און מיט מענטשן און ביסט ביינעקומען.

(בראשית ל״ב—כ״ט)

דאָס דאָזיקע פאָלק איז געגליכן צו שטויב און געגליכן צו שטערן: ווען זיי פאַלן, פאַלן זיי צו דער ערד; און ווען זיי שטייגן, שטייגן זיי ביז צו די שטערן.

(מגילה ט״ז)

דער געראַנגל פון יידישן פאָלק פאַר זיין עקסיסטענץ, אייניקייט און זעלבסטשטענדיקייט פון זינט עס איז געוואָרן אַ פאָלק ביז אונדזערע טעג איז אַ געוואַגטער, טראַגישער און איינציקאַרטיקער קאַמף אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. עס איז אַ געראַנגל פון אַ קליין, איינזאַם, צעזייט פאָלק צווישן אומות, פאַרהאַסט ביי איינע און אומגעוווּנטשן כמעט פאַר אַלע אַנדערע. דער דאָזיקער קאַמף איז געקרוינט געוואָרן מיט אַ נצחון מיטן אויפקום פון דער יידישער מדינה. קעגן יעדער לאָגיק פון דער פראַקטישער ווירקלעכקייט, אָן אַ פּרעצעדענט אין דער געשיכטע פון פעלקער, צום פאַר־דרוס פון מעכטיקע וועלט־כוחות, ביי אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד מצד די שכנותדיקע לענדער איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך די שבי־ציון אַ יידישע מדינה אין דעם געבוירן־לאַנד פון אונדזער פאָלק. לפי איר גרונטגעזעץ און שטרעבונג פון אירע גרינדער און בויער, האָט די מדינה ברייט געעפנט אירע טויערן פאַר יעדן יידן, וואָס וויל זיך באַפרייען פון אַ לעבן פון אָפּהענגי־קייט אין דער פרעמד, זיך אָנשליסן צו די בויער פון פאָטערלאַנד און לעבן אַ לעבן פון יידישער פרייהייט. דאָס יידישע פאָלק אין אַלע ווייטסטע תפוצות האָט אויך געעפנט זיין האַרץ מיט ליבע און אַכטונג צו מדינת ישראל. זינט דורות האָבן מיר ניט געזען אַזאַ ארומנעמענדיקע, וואָרצלדיקע, פריידיקע און מיט שטאָלץ דורכגעדרונגענע יידישע אייניקייט ווי די, וואָס האָט זיך אַנט־פּלעקט מיט פולער קראַפט מיטן אויפקום פון דער מדינה. די דיסקוסיעס און חלוקי־דעות וועגן דער נייטיקייט און מעגלעכקייט, אָדער שאָדן און סכנה פון אַ „נאַציאָנאַלע היים״ און אַ יידישער מדינה, וואָס האָבן במשך פון העכער צוויי דורות צעשפּאָלטן און צעשטורעמט דאָס יידישע פאָלק, זענען פאַר־שטומט און פאַרשוווּנדן געוואָרן. ציונים און ניט־ציונים, פרומע און פרייע, קאָנסערוואַטיווע, ליבעראַלן און סאָציאַליסטן האָבן, אין זייער פרייד און

שטאָלץ אויף דער יידישער מדינה, זיך פאַראייניקט. דער קליינער ישוב אין לאַנד איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע נאַציע און יעדער ייד אין גלות, וואָס וויל מער ניט זיין אונטערטעניק אין דער פרעמד און וויל לעבן אַן אומאָפּהענגיק יידיש לעבן, זענען פאַר אים געגרייט און פול חסד אויסגעשטרעקט די אָרעמס פון מדינת ישראל. ווי נאָר דער עולה שטעלט אַ טריט אויף דער ערד פון היימלאַנד כדי זיך דאָ צו באַזעצן, ווערט ער באַלד און ממילא אַ פולבאַרעכטיקטער בירגער אין אונדזער מדינה צוגלייך מיטן אַלטגעזעסענעם תושב און מיט דעם געבוירענעם אין לאַנד.

די יידישע האַרטנעקיקייט וואָס ווייסט ניט פון קיין צוריקטריט און אונטערגעבן זיך, האָט כאילו געפייערט איר פולשטענדיקן נצחון און ישראל־סבא האָט, כביכול, דערגרייכט זיין היסטאָרישן ציל. אמת, דער קיבוץ־גלויות האָט זיך ערשט אָנגעהויבן און עס שטייט נאָך פאַר אַ גרויסע אויפבוי אַרבעט, אָבער דער אייביקער וואַנדערער האָט שוין אַ זיכערן ברעג און די לעכצונגען פון דורות זענען שוין מקוים געוואָרן. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן די סוווערעניטעט אין היימלאַנד און די אומאָפּהענגיקע עקסיסטענץ פון פאָלק אין זיין לאַנד איז פון איצט אָן געזיכערט. ס'איז אויך געשטאַרקט געוואָרן די אחדות פון פאָלק אין זיין צעזייטקייט.

עס איז שווער צוצוגעבן צו דעם ווערט פון אָט־די צוויי גרויסע און באַדייטונגפולע פאַקטן. ניט געקוקט אויף די שוועריקייטן, שטערונגען און דורכפאַלן האָבן די פינף יאָר מדינה באַוויזן וואָס אַ פאָלק קען אויפטאָן בשעת עס געפינט זיך אין זיין לאַנד און איז זעלבשטענדיק. צווישן די טוערס זענען פאַראַן אַ סך, וואָס זיי פעלט נאָך די נייטיקע דיסטאַנץ כדי אָפּצושאַצן די געשעענישן אין זייער גאַנצן פאַרנעם און די שעפערישע דעראָבערונגען פאַר די פינף יאָר. ס'רוב בירגער פון דער מדינה קענען ניט געבוג די גראַנדיעזע מאָס פון די אויפטוען וואָס זענען רעאַליזירט געוואָרן אין די וויניקע יאָרן פול מיט שטרויכלונגען, פאַר דער זיכערקייט, אַנטוויקלונג, קאָלאָניזאַציע, אויפבוי, אינדוסטריע, דער ציאונג און פאַרפולקאָמונג פון מענטש אין ישראל.

דאָס קענען ווייניק די דערגרייכונגען פון דער מדינה פאַרמינערט די מלוכהשע פאָטענץ פון פאָלק. אָבער ניט ווייניקער שעדלעך איז די פאַלשע הנחה, אַז מיר האָבן שוין כלומרשט געזיגט אין אונדזער היסטאָרישן געראַנגל. ד ע ר נ צ ח ו ן ו ו ע ר ט נ אָ ר ד ע ר ג ר ײ כ ט א י ן ל ע צ ט ן ק אַ מ ף. די יידישע מדינה און דאָס יידישע פאָלק זענען נאָך ניט געשטאַנען אין לעצטן קאַמף. מיטן אויפשטעלן די מדינה האָבן מיר נאָך ניט געבראַכט די פאָלק־דערלייזונג, ניט פאַרזיכערט נאָך די עקסיסטענץ און אחדות פון די יידן אין גלות; אפילו ניט דערגרייכט די אינערלעכע אייניקייט אין דער מדינה גופא. דער שטאַט האָט דערהויבן דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט און דערמעגלעכט אַ לעבן פון פרייהייט און אומאָפּ־

העגגיקייט פאַר יעדן יידן וואָס באַגערט עס. אָבער מיטן אויפשטעלן דעם שטאַט, איז שאַרפער און האַרבער געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון אונדזער קיום און אייניקייט, סיי אין דער מדינה און סיי אין די תפוצות.

אַ קלאָרער באַווייז פאַר דעם איז די פראַגע פון זיכערקייט אין דער מדינה. פון שטאַנדפּונקט פון זיכערקייט איז איצט די לאַגע אין דער מדינה אַ סך שווערער און האַרבער ווי דער מצב פון ישוב ערב דעם אויפקום פון דער מדינה. סיי ווען דער ישוב איז געווען קליין, איינגעשרומפּן און אָפּגעשלאָסן אין די „פיר הייליקע שטעט" און סיי ווען ער האָט זיך, פאַר די לעצטע 75 יאָר, מיט דער באַנייאונג פון אונדזער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע, אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד — שטענדיק איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט קנאה און שנאה מצד די שכנים, פון וועלכע ער איז פון צייט צו צייט אָנגעגריפן און געטראָפן געוואָרן. אָבער דווקא ווייל ער איז ניט געווען אומאָפּהענגיק, טאַקע ווייל ער איז געווען אונטעריאָכט אונטער אַ פרעמדער מאַכט, האָט דער ישוב געהאַט אין אַ געוויסער מאָס די שטענדיקע, הגם ניט פולע און ניט ערנסטע, גאַראַנטיע פאַר זיין זיכערקייט און עקסיסטענץ. די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן שלום אין ישוב אין די צייטן פון די טערקן און ענגלענדער איז ניט געלעגן אויף די תושבים פון לאַנד נאָר אויף דער רעגירונג, וועלכע האָט אַדמיניסטרירט ניט נאָר מיט דעם לאַנד אַליין און זיך ניט געשטיצט נאָר אויף די אָרטיקע כוחות. עס איז געווען אַ רעגירונג פון אַ גרויסער אימפּעריע. דער ישוב איז מחויב געווען אַליין צו זאָרגן, און האָט טאַקע געזאָרגט, פאַר זיין זיכערקייט. אָבער די זאָרג האָט זיך באַשרענקט און איז געווען געווענדט נאָר קעגן לאָקאַלע און צופעליקע אָנגריפן. ס'האָט זיך געפונען אין לאַנד אַ העכערע מאַכט וואָס האָט געהאַט די פליכט צו זאָרגן פאַר דער רו און אָרדענונג פון לאַנד און פון ישוב. מיטן אויפקום פון דער יידישער מדינה איז דער ישוב געוואָרן אַ סווערען פאָלק, וואָס טראָגט אַליין די פולשטענדיקע אחריות פאַר זיין עקזיסטענץ און זיכערקייט. ניט די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער האָט אויפגעשטעלט און געזיכערט די יידישע מדינה, זי האָט נאָר פּרינציפּיעל באַשלאָסן וועגן איר אויפשטעל. ניט זי האָט פאַרטיידיקט די מדינה וואָס איז אַטאַקירט געוואָרן גלייך נאָך איר אויפקום. ווען אונדזער אייגענער כוח וואָלט אונדז ניט בייגעשטאַנען וואָלט ניט נאָר די יידישע מדינה חרוב געוואָרן, נאָר אויך דער יידישער ישוב וואָלט אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד.

עס איז ניט נייטיק אויפצווייזן, אַז מיט אונדזער נצחון אין דער באַפרייאונג־מלחמה איז נאָך ניט געלייזט געוואָרן אַנטגילטיק דאָס פּראָבלעם פון אונדזער זיכערקייט. די פראַגע איז אַ סך האַרבער ווי זי איז געווען אין טאָג ווען מיר האָבן פּראָקלאַמירט אונדזער אומאָפּהענגיקייט, אויב זי איז נאָך פון דעמאָלט ניט פאַרשאַרפט געוואָרן. דער בונד פון אַגרעסיע פון

אונדזערע שכנים האָט טאַקע געליטן אַ מפּלה מצד דער צבא הגנה לישראל, אָבער די אינטריגעס פון אונדזערע שונאים האָבן ניט אויפגעהערט. אונדזע־רע שכנים זאָגן זיך אָפּ צו מאַכן שלום מיט אונדז און זיי באַמיען זיך אומ־אויפהערלעך צו פאַרשטאַרקן זייער מיליטערישן כוח. זיי טוען עס ניט כדי צו פאַרטיידיקן די „דעמאָקראַטיע" אָדער דעם „רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם", ווי עס וואָלטן עס אפשר געוואָלט די צוויי מעכטיקע קעגנער אויף דער וועלט. פאַר די אַראַבישע הערשער איז דעמאָקראַטיע ניט ווייניקער פרעמד ווי ווייט עס איז פאַר זיי קאָמוניזם. די אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע פּאָלעמיק צווישן „מזרח" און „מערב" און אַלץ וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן, ליגט מחוץ פון פאַרשטאַנד, באַשעפטיקונג און סאָציאַל־פּאָליטישער ווירקלעכ־קייט פון אונדזערע שכנים. דאָס דאָזיקע איז פאַר זיי אַ פרעמדע מחלוקת, וואָס זיי זענען גרייט אויסצונוצן וויפל עס לאָזט זיך פאַר דער אייגענער טובה וועגן. אָבער געווער און מיליטער ווילן זיי האָבן נאָר פאַר איין־אייב־ציקן צוועק: אויסצוראָטן ישראל.

עס איז איבעריק צו שילדערן דעם פאַרנעם און דעם היסטאָרישן באַדייט פון אונדזער נצחון אין דער מלחמה פאַר אונדזער זעלבשטענדיקייט, אָבער ער האָט ניט דעציזירט, ווייל מען דעצידירט נאָר אינעם לעצטן קאַמף. מיר שטעלן זיך אויס צו געפאַר אויב מיר וועלן זיך איינרעדן אַז אָט־דער קאַמף איז שוין הינטער אונדז און ניט פאַר אונדז. ס'איז אַ קלאָרע זאַך, אַז מיר זענען אויפגעפאָדערט צו מאַכן גרעסערע אָנשטרענגונגען פאַר דער זי־כערקייט און אויך פאַרן שלום ווי ס'האָט זיך פאַרלאַנגט פון אונדז אין לאַנד פאַרן אויפקום און בשעת דעם אויפקום פון דער מדינה.

פונקט ווי דער אויפקום פון דער מדינה האָט פאַרשאַרפט דאָס פּראָ־בלעם פון אונדזער זיכערקייט און האָט אונדז געשטעלט פאַר שווערע און קאָמפּליצירטע אויסערלעכע פראַגן, וואָס מיר האָבן פריער ניט געקענט, פונקט אַזוי האָט דער אויפשטעל פון דער מדינה פאַרשאַרפט די אינערלעכע צעשפּליטערטקייט און קעגנזאַצן, שאַפנדיק שווערע פּראָבלעמען אין די באַ־ציאונגען צווישן דער מדינה און דעם פאָלק און שטעלנדיק אין אַ נייעם ליכט די פראַגע וועגן אייניקייט פון יידיש פאָלק. די דאָזיקע שוועריקייטן וועלן אויפגעקלערט ווערן ווען מיר וועלן רעווידירן די אומצאָליקע און טיפע טראַנספאָרמאַציעס אין לעבן פון יידישן פאָלק פאַרן אויפקום פון דער מדינה.

***

אין דעם יאָרהונדערט פאַרן אויפקום פון דער מדינה זענען פאָרגעקו־מען אינעם יידישן פאָלק אַ סך אומבייטן מיט טראַנסצעדענטאַלע קאָנסעק־ווענצן, עליות און ירידות ווי מיר האָבן אַזעלכע ניט געקענט אין גאַנצן

גלות־לעבן. עס זענען פֿאָרגעקומען דעצידירנדיקע ענדערונגען אינעם וווקס פֿון פֿאָלק, אין זיין פּאָליטיש־עקאָנאָמישן מצב, אין זיין צעזייטקייט צווישן פעלקער, אין זיין גייסטיקער געשטאַלטונג, אין זיינע באַציאונגען כּלפּי זיך און כּלפּי דער וועלט. די דאָזיקע געצווונגענע ענדערונגען האָבן געלייגט זייער חותם לטובֿה אָדער לרעה אויפֿן גורל פֿון דער מדינה און פֿון גאַנצן פֿאָלק.

לאָמיר אין קורצן אָנצייכענען די עיקר־ענדערונגען:

אין יאָר 1850 האָט דאָס יידישע פֿאָלק אין דער וועלט געציילט קנאַפּע פֿינף מיליאָן נפֿשות. שפּעטער מיט 50 יאָר, סוף 19טן יאָרהונדערט, איז זיין צאָל געשטיגן ביז 10,5 מיליאָן. עס איז בלי־ספֿק די גרעסטע צאָל צו וועלכער דאָס יידישע פֿאָלק האָט דערגרייכט פֿון זינט זיין אַנטשטייאונג ביז צו דער צייט. די צאָל איז כּסדר געשטיגן, אַזוי אַז פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה (1939) האָט די צאָל דערגרייכט צו 16,5 מיליאָן.

דער רוב מנין ורוב בנין פֿון יידישן פֿאָלק האָט זיך אין 19טן יאָרהונ־דערט געפֿונען אין אייראָפּע.

ביז סוף 17טן י״ה איז דאָס יידישע פֿאָלק געווען בעיקר אַ מזרח־פֿאָלק, אויב מיר זאָלן איינשליסן דאָס אַראַבישע שפּאַניע צווישן די מזרח־לענדער. פֿון אָנהייב 18טן י״ה האָט זיך דער מצב געביטן, און דער אייראָפּעאישער טייל פֿון די יידן איז געוואָרן גרעסער. סוף 18טן י״ה זענען אויף דער וועלט געווען לערך צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן, פֿון דער צאָל האָט אַ וועלכער מיליאָן זיך געפֿונען אין די לענדער פֿון אָריענט (מזרח־אַזיע און צפֿון־אַפֿרי־קע, צום טייל אין טערקיי) און אַנדערטהאַלבן מיליאָן אין צענטראַל און מערב־אייראָפּע. העכער אַ מיליאָן פֿון זיי אין רוסלאַנד, רוסיש פּוילן און גאַליציע, און די איבעריקע אין צענטראַל־און מערב־אייראָפּע.

פֿון דעמאָלט אָן איז די צאָל יידן אין אייראָפּע געוואַקסן אַבסאָלוט און פּראָצענטועל. די פֿאַרמערונג אין די מזרח־לענדער איז געווען אַ לאַנגזאַמע קעגן אַ גרויסער קינדער־שטאַרביקייט. אין קעגנטייל האָבן די יידן אין איי־ראָפּע, אַ דאַנק דעם בעסערן זיך פֿון די לעבן־באַדינגונגען און פֿון עקאָנאָ־מישן מצב, זיך געמערט מיט אַ גרויסער שנעלקייט. אין 1880 איז דער פּראָ־צענט פֿון אייראָפּעאישן יידנטום דערגאַנגען צו זיין הויכפּונקט. די צאָל יידן אויף דער גאַנצער וועלט האָט דעמאָלט באַטראָפֿן 7.750.000 נפֿשות. פֿון דער צאָל האָט זיך 6.850.000 (ד״ה 88,5 פּראָצ.) געפֿונען אין אייראָפּע, 620.000 (8 פּראָצ.) אין די מזרח־לענדער און די איבעריקע — העכער אַ פֿערטל מי־ליאָן — אין די לענדער מעבר לים*.) די צאָל פֿון די יידן אין אייראָפּע איז געשטיגן אויף אַ דעצידירנדיקן אופֿן אויך נאָך 1880, און אין 1935 דער־גרייכט צו לערך 9,7 מיליאָן. אָבער דער פּראָצענטזאַץ איז געפֿאַלן צו 58,2

*) זע רופּין „דער קאַמף פֿון די יידן פֿאַר זייער קיום״.

פראַצ., מחמת אין צווישנצייט זענען אויפגעקומען גרויסע צענטערן מעבר־לים.

אין די 80ער יאָרן פון 19טן י״ה האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־עמיגראַ־ציע פון די אייראָפּעאישע לענדער, בעיקר פון מזרח־אייראָפּע. עס זענען אויפגעקומען צוויי הויפּט־צענטערן, איינער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, גרויס אין קוואַנטיטעט און אין זיין עקאָנאָמיש ־ פּאָליטישן כוח; דער צווייטער, אַ סך קלענער אין כמות אָבער וויכטיקער אין זיין איכות און אין זיין השפּעה אויפן גורל פון פאָלק — דער נייער ישוב אין ארץ־ישראל.

פון 1881 ביז 1914 האָבן אויסגעוואַנדערט פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער 3 מיליאָן יידן און פון 1914 ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה נאָך אַ מיליאָן. ביז 1930 איז דער שטראָם פון דער מאַסן־עמיגראַציע געגאַנגען בעיקר קיין צפון־אַמעריקע. במשך פון די דאָזיקע 50 יאָר (1880־1930) זענען אַריינגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן קרוב צו 3 מיליאָן יידישע אימיגראַנטן. אַזוי ווייט ווי אין אָנהייב 1800 האָט דאָס יידנטום אין די פאַראייניקטע שטאַטן נאָך באַטראָפן אַוועלכע צוויי טויזנט נפשות, און אין מיטן 19טן י״ה זענען ניט געווען מער פון 50.000 יידן אין צפון־אַמעריקע. ערשט ביים סוף פון יאָרהונדערט איז זייער צאָל אַריבערגעשטיגן דעם מיל־יאָן. אין יאָר 1939 האָט זייער צאָל דערגרייכט צו 4,8 מיליאָן.

עס זענען אויפגעקומען וויכטיקע ישובים אויך אין אַנדערע לענדער פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט. די גרעסטע פון זיי זענען די ישובים אין אַרגענ־טינע און קאַנאַדע. די יידישע עמיגראַציע האָט אָנגעשפּאַרט אויך אין דרום־אַפריקע. פון יאָר 1850 ביז 1935 איז דער יידישער ישוב דאָרט געוואָקסן פון 500 ביז 100.000 נפשות.

ניט געקוקט אויף דער דאָזיקער מאַסן־עמיגראַציע, איז ביז דער צוויי־טער וועלט־מלחמה דער גרעסטער טייל יידן נאָך אַלץ געווען קאָנצענטרירט אין אייראָפּע. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס אייראָפּעאישע יידנטום אין אַלע הינזיכטן געווען דער צענטער, דער מעכטיקער קוואַל, וואָס האָט געשטאַלטיקט דאָס יידישע פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט.

ביזן 19טן י״ה זענען כמעט אַלע טיילן פון יידנטום — אין די מזרח־לענדער און אין אייראָפּע — געווען טריי צו דער טראַדיציע און רעליגיע. דער אַלגעמיינער בונד צו די יידישע דינים און רעליגיעזע מנהגים האָט גע־דינט פאַר אַן אָנהאַלט און טרייער אָנשפּאַר פאַרן גאַנצן צעשפּרייטן יידנטום. אין די יידישע הערצער האָט געלעבט דאָס געפיל פון אַ דעפינירטער יידי־שער איינהייט, הגם דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיך ניט מאַניפעסטירט אין קיין נאַציאָנאַל ־ רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע, נאָר איז געווען איינגעוויקלט אין אַ רעליגיעזן לבוש. די טראַדיציאָנאַלע דערציאונג וואָס יעדער ייד האָט געשטרעבט צו געבן זיינע קינדער (אַפילו ניט זיינע קינדער) האָט פאַרמירט

אין פאָלק, באַוווסטזיניק אָדער ניט באַוווסטזיניק, די אייניקייט - דערקענטעניש און זייער היסטאָרישע אָנגעהעריקייט. די העברעאישע שפראַך, הגם זי איז ניט געווען קיין גערעדטע, האָט געלעבט אין האַרץ פון פאָלק, ווייל זי איז געווען די שפראַך פון תפילה און פון דער למדנישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אָן איבערייס אַנטוויקלט און געוואָרן אויך דאָס לשון פון משא־ומתן צווישן די קהילות און די „אינטערנאַציאָנאַלע" פאַרבינד־שפראַך צווישן די יידן אין פאַרשיידענע לענדער. די רעליגיעזע ימים־טובים, אָנגעזאָפּטע מיט נאַציאָנאַלע דערמאָנונגען, זענען געווען דער קוואַל וואָס האָט פאַרטראָטן דאָס קאָלעקטיווע לעבן אין פאָטערלאַנד. אין ארץ־ישראל זענען געזעסן נאָר עטלעכע טויזנט יידן, אָבער יעדער ייד האָט אין זיין נשמה געטראָגן ארץ־ישראל און דאָס ווייטע לאַנד פון די אבות איז געווען נענטער צו זיין האַרץ ווי דאָס לאַנד ווו ער האָט געלעבט און דערצויגן געוואָרן. עס האָט זיך ביי יידן קיינמאָל ניט דערוועקט די פראַגע פאַרוואָס און צוליב וואָס זיי זענען יידן. היות די יידן זענען געווען קאָנצענטרירט אין די שטעט און האָבן זיך באַשעפטיקט מיט מסחר און ספּעציפישע יידישע פרנסות, האָבן זיי פאַרפעסטיקט די אינערלעכע פאַרבינדונג און פאַרשטאַרקט דעם קשר און די יידישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פונקט ווי עס האָבן אין דער ריכטונג משפיע געווען די פינצטערע געזעצן און דער האַס פון די שכנים וואָס איז געווען אַן אחיזה פאַר די יידן אין דער תקופה.

מיטן אַריינטריט פון דער עמאַנציפּאַציע און פאַרשפרייטונג פון בילדונג אין 19טן י"ה איז אָפּגעשוואַכט אָדער בכלל איבערגעריסן געוואָרן, ביי גרויסע טיילן פון אייראָפּעאישן יידנטום, דער רעליגיעז־טראַדיציאָנעלער פלאַם און די אָנגענומענע דינים, פון אָנהייב אין מערב־אייראָפּע און שפּעטער אויך אין מזרח־אייראָפּע. די העכערע שיכטן האָבן אָנגעהויבן באַנוצן די הערשנדיקע שפראַך פון לאַנד און עס האָט זיך געשטאַרקט דער באַגער אויסצוגלייכן זיך מיט די ניט־יידן אין הלבשה, געוווינהייטן און בילדונג. אין די מערב־לענדער האָט זיך פאַרשטאַרקט דער אַסימילאַציע־פּראָצעס. נאָר די מאַסן אין מזרח־אייראָפּע זענען געבליבן טריי צום יידישן שטייגער און צו דער טראַדיציאָנעלער דערציאונג.

אין מערב־אייראָפּע האָט דער אַסימילאַציע־פּראָצעס זיך אָנגעשטויסן אין די כוואַליעס פון שנאת־ישראל, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן אַנטיסעמיטיזם, אַ פאַלשע און טעותדיקע באַצייכענונג, וואָס איז ווייזט אויס אויסגעטראַכט געוואָרן דורך אַסימילירטע יידן צוליב „לשון נקיה". דאָס מערב־יידנטום איז געבליבן ניט אַהין און ניט אַהער און אין זיין לעבן איז אַנטשטאַנען אַ ליידיק פלאַץ. אין מזרח־אייראָפּע האָבן די יידן געירשנט דעם נאַציאָנאַלן יידישן געדאַנק, די ליבע צו דער העברעאישער שפראַך און די בענקשאַפט צום היסטאָרישן פאָטערלאַנד, אויפן אָרט פון דער רעליגיע וואָס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ביי דער זייט פון דער לומדישער ליטעראַטור,

וואָס איז כסדר, מיט אַלע דורות געוואַקסן און וועלכע האָט זיך באַנוצט מיטן העברעאישן לשון געמישט מיט דעם תלמודישן אַראַמעיש, האָט אָנגע־הויבן אויפצובליען אַ וועלטלעכע העברעאישע ליטעראַטור אויף דער הייליקער שפּראַך פון תנ״ך. עס איז געשאַפן געוואָרן דער העברעאישער ראָמאַן, עס איז באַנייט געוואָרן די בלומענדיקע פּאָעזיע, וואָס איר קלאַנג איז כמעט ניט געהערט געוואָרן נאָך דער גאָלדענער מיטלאַלטערלעכער עפּאָכע אין שפּאַניע. עס זענען געשריבן און איבערגעזעצט געוואָרן וויסנשאַפטלעכע און קולטור־ווערק אין דער העברעאישער שפּראַך. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ פּרעסע־וועזן, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט טאָג־טעגלעכע ענינים, סיי בנוגע יידנטום און סיי בנוגע ניט־יידן, בעיקר מיט פּאָליטישע און אינטערנאַציאָ־נאַלע פראַגן.

הגם דווקא אין דעם אסימילירטן מערב־יידנטום האָט זיך אַנטוויקלט און צעבליט „חכמת ישראל״ און אין גלות־דייטשלאַנד זענען אויפגעקומען די גרויסע פאָרשער פון דער יידישער געשיכטע, ליטעראַטור און רעליגיע, ווי צונץ, גייגער, שטיינשניידער, גרעץ און אַנדערע, איז אָבער די גייסטיקע העגעמאָניע איבערן לעבן פון פאָלק געבליבן ביים מזרח־אייראָפּעאישן יידנ־טום, בעיקר ביים רוסישן יידנטום וואָס האָט אין זיך כולל געווען אויך פּוילן, ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד. דאָ איז אויפגעהיט געוואָרן דער ספּעצי־פישער יידישער שטייגער, דאָ האָבן די יידן, מיט קליינע אויסנאַמען, גע־רעדט ניט קיין פרעמד־לשון נאָר אַ ספּעציעלע יידן־שפּראַך (יידיש). דאָ האָבן זיך געפונען די צענטערס פון תורה און טראַדיציאָנעלער לומדות. דאָ האָט אויפגעבליט די אַקאַדעמישע ליטעראַטור און דאָ איז געשאַפן גע־וואָרן די מאָדערנע ליטעראַטור אין העברעאיש און אין יידיש. דאָ איז אויפ־געקומען די באַוועגונג פון חיבת־ציון, און דאָ איז אויפגעשטאַנען די אַרבע־טער באַוועגונג. דאָס רוסישע און גאַליצישע יידנטום האָט אויפגעשטעלט סיי דעם גייסטיק־רעליגיעזן און סיי דעם מאָדערנעם העברעאישן בנין. ביים ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, סוף 19טן יאָרהונדערט, האָט דאָס דאָזיקע מאַסן־יידנטום פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ סאָלידע פעסטונג פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און איז געווען דער טרעגער פון איר גאולה־ווערק אין ארץ ישראל.

פון צוויי קוואַלן האָט דער ציוניזם געשעפּט. דער ערשטער קוואַל אַ טיפער, איר־ראַציאָנעלער און אייביקער, אומאָפּהענגיק פון צייט און רוים און אַלט ווי דאָס יידישע פאָלק: די משיח־האָפענונג. זיין געשיכטע איז פאַרבונדן מיטן ערשטן ייד, צו וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן: „ונתתי לך ולזרעך אחריך... את כל ארץ כנען לאחזת עולם״. (און איך וועל דיר געבן און צו די קינ־דער נאָך דיר... דאָס גאַנצע לאַנד כנען פאַר אַן אייביקער ארבונג). אין דעם דאָזיקן צוזאָג צו ארבן דאָס לאַנד האָט דאָס יידישע פאָלק געזען אַן אייביקן בונד צווישן אים און זיין גאָט. אין דעם דאָזיקן לאַנד האָבן געוואַנ־

דערט די אבות פון ישראל, אַהין האָבן זיך אומגעקערט זייערע זין ווען זיי זענען אַרויס פון מצרים, דאָ זענען די שבטים פון ישראל איינגעזאַמלט געוואָרן אין איין פאָלק, דאָ האָט זיך פאָרמירט דאָס היסטאָרישע געשטאַלט פון פאָלק. אין דעם לאַנד האָט דאָס פאָלק געשאַפן אייביקייטס־ווערק און אין דעם לאַנד האָט זיך אַנטפלעקט איינע פון די פּרעכטיקסטע און וווּנדערלעכסטע דערשיינונגען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — די יידישע נבואה, וועלכע האָט אָנגעזאָגט די גאולה וואָס וועט קומען פאַרן פאָלק און פאַר דער וועלט. די דאָזיקע משיחישע בשורה איז געוואָרן דער לעבנסקוואַל און נחמה־זאַפט פאַרן יידישן פאָלק אין אַלע זיינע שווערע און מאַוימדיקע פיינען אויף זיינע אומצאָליקע און לאַנגע וועגן. דאָס פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד, האָט זיך צוריקגעקערט און ווידער פאַרטריבן געוואָרן. אָבער אויך ביים דערוויטערט ווערן צום צווייטן מאָל פון לאַנד פון זיינע אבות, האָט דאָס פאָלק דריי מאָל אין טאָג מתפלל געווען: „תקע בשופר גדול״! זאָג אָן מיט גרויסער שאַלונג אונדזער באַפרייאונג און טו אַ נס איינצוזאַמלען אונדזערע גלותן, נעם אונדז צוזאַמען פון אַלע פיר ווינקלען פון דער ערד, — גיב אונדז צוריק אונדזערע שופטים ווי פריער און אונדזערע יועצים ווי אין אָנהייב, — און קיין ירושלים דיין שטאָט מיט לייטזעליקייט זאָלסטו זיך אומקערן... און בוי זי אויף אין גיכן און מאָד זי פאַר אַן אייביקן בנין, און די שטול פון דוד, דיין קנעכט, זאָלסטו גיך דאָרט אויפשטעלן, — און עס וועלן זען אונדזערע אויגן דיין לייטזעליקן אומקער קיין ציון״. דאָס גלייבן אין ביאת המשיח איז געוואָרן איינער פון די עיקרים פון יידנטום, איטלעכער ייד האָט יעדן טאָג איבערגעחזרט דעם „אני מאמין, איך גלייב באמונה שלימה אין דעם קומען פון משיח און אַפילו ער זאָל זיך פאַרזאַמען, וועל איך דאָך וואַרטן איטלעכן טאָג ער זאָל קומען״. דאָס פּאַטערלאַנד איז געוואָרן באַצוווּנגען און פאַרוויסט. פרעמדע אַריינדרינגלער האָבן דאָרט געהערשט אייבער נאָכן אַנדערן, און די יידן זענען הונדערטער יאָרן און טויזנטער מיילן געווען דערווייטערט און פאַרוואָרפן פון דאָרט. אָבער דאָס יידישע לאַנד איז געווען איינגעפּלאַנצט און פאַרוואָרצלט אין זייערע נשמות און הערצער און ווו זיי זענען געגאַנגען האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך דאָס דאָזיקע לאַנד.

דער צווייטער קוואַל — דער שעפערישער און באַנייטער, די פרוכט פון אַקטועלן פּאָליטישן געדאַנק פון געשאַפענע אָרטלעכע און צייטלעכע סיטואַ־

ציעס — האָט זיך געעפנט אַ וועג מיט די ענדערונגען אין יידישן פאָלק אין אייראָפּע אין 19טן יאָרהונדערט, און דורך די השפעות פון די דאָזיקע ענדערונגען אינעם יידישן לעבן.

די פרייהייט־דעקלאַראַציע איבער די רעכטן פון מענטש און נאַציע, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אָנגעבאָטן אייראָפּע, די נאַציאָנאַלע אויפלעב־באַוועגונגען, וואָס זענען אויפגעקומען ביי אַ צאָל פעלקער פון אייראָפּע מיט אַ דראַנג צו זעלבשטענדיקייט און פאַראייניקונג (איטאַליע, דייטשלאַנד, פוילן, די באַלקאַנער א"א), די נייע קאָמוניקאַציע־מיטלען און פאַרבינדונגען, וואָס האָבן וויטע דערנענטערט און מעגלעך געמאַכט קפיצת־הדרך: דאַמף־שיפן, אייזנבאַנען, טעלעגראַף, טעלעפאָן און טאָג־צייטונגען, דאָס דערוואַכן פון ארבעטער־קלאַס צו קעמפן פאַר אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג; די מאַסן ־ עמיגראַציע פון אייראָפּע אין די לענדער מעבר־לים — דאָס אַלץ האָט געגעבן אַ נייע ווענדונג דעם יידישן געדאַנק, האָט געהויבן דעם יידישן ווערט אויך אין די לענדער פון אונטערדריקונג, רעכטלאָזיקייט און אַנטיסעמיטיזם. דאָס האָט געשטאַרקט דעם דראַנג צו נאַציאָנאַלער פרייהייט און מענטשלעכע רעכטן. זיי האָבן אַנטפּלעקט די גאולה־מעגלעכקייטן, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין דער יידישער וואַנדערונג.

די משיח־באַוועגונג וואָס האָט במשך פון אַ סך דורות געטראָגן אַ רעליגיעזן לבוש און געווען געווענדט צו אַן איבערנאַטירלעכן כוח, האָט זיך באַפרייט פון די רעליגיעזע און פסיכישע פאָרמען און אָנגענומען אַ פּאָליטיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער געווענדט מיטן פּנים צו זיך, צום אָרגאַניזירטן כוח, צו דער וויזיע פון יידישער פאַרווירקלעכונג.

די ציוניסטישע פּירערשאַפט וואָס איז געקומען פון מערב־אייראָפּע פון צווישן דעם אַסימילירטן יידנטום, און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַנטיסעמיטיזם האָט גוט פאַרשטאַנען דעם פּאָליטישן גאַנג, אָבער דעם אינערלעכן פאָלקס־כוח האָט דער ציוניזם געשעפּט פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. די דאָזיקע יידישע מאַסן זענען געווען די היטער פון דעם יידישן שטייגער און פון וואָרצלדיקער יידישער קולטור. זיי האָבן ניט געדאַרפט זיך צוריקקערן צו יידישקייט ווי די ציונים פון מערב־אייראָפּע, ווייל זיי זענען געווען יידן מלידה ומבטן און זייער יידישקייט איז געווען טיף פאַרוואָרצלט. כמעט זייער גאַנצע גייסטיקע דערנערונג האָבן זיי דערוואָרבן דורך דער העברעאישער ליטעראַטור און שפּראַך, דער אַלטער און דער נייער, טראַדיציאָנעלער און וועלטלעכער, און פון דער גערעדטער יידישער שפּראַך (יידיש). זייער הויפּט־שטרעבונג און האָפענונג איז געווען אַ פרייַ און אייגן פאַטערלאַנד.

די דאָזיקע יידישע מאַסן זענען ניט געווען וועזנטלעך צוגעבונדן צו די לענדער ווו זיי האָבן געוווינט. די דאָזיקע לענדער זענען פאַר זיי געווען גלות, אַ פּיינפולער און אומגליקלעכער גלות. זייער גאַנצע האָפענונג האָבן

זיי געלייגט אויף דעם צו פאַרלאָזן דעם דאָזיקן גלות. און אין די 80קער יאָרן פון 19טן י״ה האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע עמיגראַציע פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער.

ביז 1930 איז געפלאָסן די מאַסן־עמיגראַציע בעיקר אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע. אַ קלענער שטראָם האָט זיך פאַרנומען, נאָך אין מיטן פון 19טן י״ה קיין ארץ־ישראל, אַלס אַ המשך פון די כסדרדיקע פרווון במשך פון דורות פון שיבת־ציון. במשך פון הונדערטער יאָרן זענען די דאָזיקע עליות געווען געלענקט צו די „פיר הייליקע שטעט״. אָבער אין דער צווייטער העלפט פון 19טן י״ה האָט די עליה אָנגענומען אַ נייע טענדענץ — צוריקקער צו דער ערד, לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע.

אָנהייב 19טן י״ה האָבן זיך געפונען אין לאַנד אַרום 10 טויזנט יידן. באַר עטלעכע צענדליק זענען געזעסן אין ווייטערע און אָפּגעזונדערטע פונקטן. דער גאַנצער יידישער ישוב איז געווען קאָנצענטרירט אין ירושלים, חברון, צפת און טבריה. אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י״ה איז דער ישוב כמעט ניט פאַרגרעסערט געוואָרן. אין 1850 האָט ער באַטראָפן איבגאַנצן 12.000 נפשות, וועלכע זענען ווידער געווען אָפּגעשלאָסן, כמעט אין זייער גאַנצער צאָל, אין די פיר שטעט. אין יפו האָבן זיך דעמאָלט געפונען באַר 30 יידן.

די שוואַכע טערקישע הערשאַפט, די אומאָרדענונגען און אנארכיע אין אַ סך טיילן פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע, א״י בתוכה, די אינערלעכע קאָמפן צווישן די פעלאַכן און די אָפּטע אָנפאַלן פון די מדבר־בעדואינער, די טיראַניע און דעספּאָטיזם פון די לאָקאַלע מושלים און דער רויב און גזילה פון די מאַכטהאָבער פון צווישן די רייכע עפענדיס; דעס פאַנאַטיזם פון די איסלאַמישע סעקטעס און זייערע פירערס — די אַלע האָבן ביזן גרונט צעשטערט די זיכערקייט פון מענטשלעכן לעבן און פון פאַרמעגן איבערן גאַנצן לאַנד, וואָס האָט נאָך פאַרגרעסערט די ענוים און ליידן פון די יידן. עס האָט זיך געבייטיקט אַ סך גבורה ביי די איינזאַמע יידישע ישובים אין די פיר הייליקע שטעט און אין די אַנדערע אָפּגעזונדערטע פונקטן אָנצוהאַלטן זייערע פּאָזיציעס.

מיט דער פאַרפעסטיקונג פון דער טערקישער הערשאַפט אין מיטן פון 19טן י״ה, מיט דער קריסטאַליזירונג פון דער חיבת־ציון באַוועגונג אין די אייראָפּעאישע לענדער און אין מיטן יידישן עמיגראַציע־שטראָם וואָס האָט אַ פּלייץ געטאָן פון די דאָזיקע לענדער האָט דער יידישער ישוב אין לאַנד גענומען וואַקסן, זיך אַנטוויקלען און בייטן זיין געשטאַלט. אין די 30 יאָר צווישן 1850־1880 איז דער ישוב פאַרטאָפּלט געוואָרן און האָט אָוועקגעלייגט דעם ערשטן פונדאַמענט פאַר דער באַנייטער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע אין היימלאַנד. אין 1852 האָט משה מאָנטעפיאָרע דערוואָרבן דעם ערשטן יידישן פּרדס אין דער אומגעגנט פון יפו מיטן צוועק צו באַ־

שעפטיקן יידן ביי ערד־ארבעט. אין 1869 האָט די געזעלשאַפט „כל ישראל חברים״ געשאַפן די ערשטע אַגראַר־שול מיטן נאָמען מקוה ישראל, און אין 1878 האָבן די אויסוואַנדערער פון אַלט־ירושלים און די עולים פון גלות־אונגאַרן געשאַפן די מוטער פון די קאָלאָניעס ביים ברעג ירקון מיטן נאָמען פתח־תקוה. נאָך זיי זענען געקומען די ערשטע עולים פּיאָנערן פון רוסלאַנד און רומעניע און האָבן אין 1882 אויפגעבויט ראשון לציון, זכרון יעקב און ראש פּינה. אין די לעצטע 20 יאָר פון 19טן י״ה האָט זיך דער ישוב פאַר־גרעסערט אויף מער ווי טאָפּל און דערגרייכט די צאָל פון 55.000 נפשות. אין ישוב האָט זיך פאַרשטאַרקט דער גאולה־געדאַנק, וואָס האָט געפונען זיין מאָדערנעם אויסדרוק אינעם ווונטש צו באַזעצן זיך אויף ערד, אין זעלבסטפאַרוואַלטונג און אין דער העברעאישער שפּראַך. סוף 19טן י״ה האָבן שוין עקזיסטירט 13 נייע קאָלאָניסטישע ישובים. עס זענען אין לאַנד פאַרזייט געוואָרן די ערשטע קערנער פאַר אַ יידנשטאַט, עס האָט נאָך אָבער געפעלט אַן עיקר־זאַך — יידישע אַרבעט. דעם דאָזיקן בלויז האָבן פאַר־פולט די פּיאָנערן פון דער צווייטער עליה, וועלכע זענען אַריינגעקומען אין לאַנד אין די ערשטע יאָרן פון 20סטן י״ה. זיי האָבן געלייגט דעם זיכערן פונ־דאַמענט פאַר דער מדינה; דעם כוח פון דער יידישער אומאָפּהענגיקייט, ווירטשאַפט, פאַרטיידיקונג און קולטור.

פונקט ווי די חלוצים פון דער ערשטער עליה זענען אויך די חלוצים פון דער צווייטער עליה געקומען בעיקר פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער פון רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, גאַליציע און רומעניע. אויך די עליה האָט גע־בראַכט מיט זיך די צייכנס פון די נייע פאָרמען, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין יידישן לעבן און אין לעבן פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט. די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה האָט אַנטפּלעקט און אַנטבלויזט די אינערלעכע שוואַכקייט און צעפוילטקייט פון דער ריזיקער רוסישער אימפּעריע. ס׳האָט אויסגעבראָכן די ערשטע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואָס האָט אָנגעזאָגט דערליייזונג און פרייהייט און האָט אָפּגענאַרט די האָפענונג. דער פּאָגראָם אין קעשעניעוו האָט געפונען זיין אָפּקלאַנג אין דעם צאַרן־אויסגוס וועגן דער שחיטה־שטאָט פון אונדזער גרעסטן דיכטער. און געווען איז דאָס מאָל דער צאָרן געווענדט ניט קעגן די פּאָגראָמירער נאָר קעגן זייערע קרבנות, די שפּלדיקע און שוואַכע. עס איז אַנטשטאַנען די יידישע זעלבסטשוץ. די יידי־שע אַרבעטער באַוועגונג האָט העלדיש געקעמפט קעגן דער צאַרישער אונ־טערדריקונג. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אידעע, וואָס עס האָט פאַר־מולירט מיט כמעט 50 יאָר פריער משה העס, דער צייט־חבר פון קאַרל מאַרקס, האָט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען צווישן דער יידישער יוגנט. די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס איז מיט פּראַכט אויפגעשטעלט געוואָרן דורך דעם מחבר פון „יידנשטאַט״ אין 1897, האָט פאַרלוירן פון איר גלאַנץ נאָכן טויט פון איר מנהיג אין 1904.

אין יענע טעג זענען אויפגעקומען אין פאַרשיידענע פלעצער פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, אָן אַן איבערלעכער פאַרבינדונג און ניט קענענדיק איינע די אַנדערע, יונגע איינצעלנע גרופּעס וואָס האָבן זיך אַנטוישט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג וואָס האָט זיך ניט באַוועגט און פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג וואָס האָט אָפּגענאַרט, און זיי זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן געטראָגן מיט זיך איין זאַך אויף זייער וועג — דעם טיפן גלייבן אין דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און מעגלעכקייט פון שעפערישן און געוואַגטן מענטש, און זייער לעבנס־ציל — אַרבעט און שמירה זוי דער טרייער וועג פאַר דערלייזונג פון פאָלק און לאַנד. אין דער יידישער געשיכטע דערשיינט דעמאָלט אַ נייער מענטשן־טיפּ, וואָס האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע פון גרויסע אַנטפּלעקונגען: זיין דער טרעגער פון חלוציזם און פערזענלעכע פאַרווירקלעכונג, וואָס מאַכט ניט קיין אונטערשייד פון גרויסע אָדער קליינע פונקציעס, זוכט ניט זיך צו באַפרייען פון קיין שום שוועריקייט און סכנה און וואָס פאָדערט קודם פון זיך אַליין איידער ער פאָדערט פון אַנדערע.

די פּראַקטישע מענטשן פון ישוב און די טעאָרעטיקער פון ציוניזם און סאָציאַליזם, וועלכע האָבן געלייקנט אין דער מעגלעכקייט פון איבערגיין פון שטאָט אין דאָרף און פון ספר און מסחר צו אַרבעט, האָבן פאַרשפּילט. די חלוצישע אונטערנעמונג האָט געזיגט. עס איז אַנטשטאַנען יידישע אַרבעט ביי לאַנדווירטשאַפט, בוי, אין דער אינדוסטריע און ים וואָס אַזאַ איז ניט געווען בנמצאביים יידישן פאָלק אין קיין שום גלות־לאַנד. עס זענען געשאַפן געוואָרן די קעמערלעך פון אַן אַרבעט־געזעלשאַפט (חברת־עובדים), געבויט אויף פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכער שאַפונג. דער אָפּגעשוואַכער יידישער כוח האָט זיך געשטאַרקט אין היימלאַנד, צום ערשטן מאָל נאָך דעם באַהאַלטענעם יידישן קאַמף קעגן די קרייצציגלער סוף 11טן יאָרהונדערט. עס האָט זיך געענדערט דער אויסזען פון ישוב. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט צוריקבאַקומען איר ענערגיע, וואָס האָט איר געהאַט פאַרלאָזט נאָכן טויט פון ד״ר הערצל און איז ווידער געוואָרן אַ דערציערישער און פירנדיקער פאָלקס־כוח.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער פּאָליטישער ציוניזם אָפּגעהאַלטן זיין ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן זיג: אין נאָוועמבער 1917 איז באַקומען געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע. אין זעלביקן יאָר, אָבער, איז אָפּגענומען געוואָרן ביים רוסישן יידנטום זיין וויטאַליטעט, די קראַפט פון ציוניזם, דער קוואַל פון אויפלעבונג פון וועלט־יידנטום. אַ שווערער און ווייטיקלעכער קלאַפּ האָט דאָס רוסישע יידנטום באַקומען, וואָס איז נאָך ביז היינט ניט פאַרהיילט געוואָרן. דער נייער רעזשים אין רוסלאַנד האָט פאַרווערט ציוניזם, די העברעאישע שפּראַך און די פאַרבינדונג פון רוסישן יידנטום מיט דער יידישער וועלט און מיט ארץ־ישראל. דער גרעסטער און

וויכטיקסטער יידישער צענטער אויף דער וועלט איז אנטשוויגן געוואָרן, דערשטיקט און אָפּגעריסן פון די איבעריקע פאָלקסטיילן. אין די ערשטע יאָרן פון דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט, כל־זמן לענין האָט געלעבט, איז נאָך געווען אַ מעגלעכקייט פאַר יידישע שרייבער און געלערנטע אַרויסצו־פאָרן און עולה זיין קיין א״י. אויך פאַר סתם־עולים איז נאָך דער וועג ניט געווען אין גאנצן פאַרשפּאַרט. מען האָט נאָך דערלויבט העברעאישע שריפט־שטעלער און דיכטער צו פאַרעפנטלעכן אין רוסלאַנד, פון צייט צו צייט, שאַפונגען אויף העברעאיש. עס האָט נאָך עקסיסטירט אין מאָסקווע אַ העב־רעאישער טעאַטער אויפן חשבון פון דער רעגירונג. עס איז אויך געגעבן געוואָרן אַן אָפיציעלע עקסיסטענץ־דערלויבעניש דער החלוץ־אָרגאַניזאַציע אין סאָוועטרוסלאנד. אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געהאַט קיין אריכת־ימים. נאָך לענינס טויט, אָנהייב 1924, איז פאַרבאָטן און דערשטיקט געוואָרן יע־דער צייכן פון העברעאיש־ציוניסטישער טעטיקייט און ס׳איז איבערגעריסן געוואָרן יעדער קשר צווישן רוסישן יידנטום און דער יידישער וועלט פון יענער זייט סאָוועטנפאַרבאַנד.

דער פאַרנעם פון דעם דאָזיקן אומגליק וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן רוסישן יידנטום און אויפן גאַנצן יידישן פאָלק, איז טיילווייז פאַר־מינערט געוואָרן צוליב דעם, וואָס פוילן, ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד, זענען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה צוגענומען געוואָרן פון סאָוועטנפאַר־באַנד. אין די דאָזיקע לענדער האָבן געוווינט כמעט אַ העלפט פון יידן, וועל־כע האָבן זיך געפונען אין צאַרישן רוסלאַנד. ביזן אָנפאַנג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז, טראָץ אַלעמען, די גייסטיקע העגעמאָניע איבערן יידנטום, די אָנפירונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און די חלוצישע אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל, געלעגן אין די הענט פונעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום מחוץ דעם ראַטנפאַרבאַנד.

די שמד־כוואַליע און דער חורבן וואָס היטלער און זיינע פאַרבינדעטע האָבן אָנגעיאָגט און וואָס האָט פאַרטיליקט אונדזער פאָלק אין אייראָפּע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט אַ סוף געמאַכט צו דער העגעמאָניע פון אייראָפּעאישן יידנטום. פון צען מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן וואָס האָבן זיך גע־פונען אין די אייראָפּעאישע לענדער אין יאָר 1940, זענען נאָך דער מלחמה געבליבן קנאַפּע דריי מיליאָן. זעקס מיליאָן יידן זענען אומגעקומען. פון די איבערגעבליבענע געפינען זיך ביי די צוויי מיליאָן געפאַנגען אין סאָווע־טנפאַרבאַנד. דער פאַרלוסט פונעם רוסישן יידנטום פאַר דער מדינה און פאַר די אַנדערע טיילן פון יידישן פאָלק איז נאָך גרעסער געוואָרן. דער קאָמוניס־טישער רעזשים האָט זיך אויסגעשפּרייט אויך אויף פוילן, רומעניע, אונגאַרן, בולגאַריע, טשעכאָסלאָוואַקיע און אויף אַ דריטל פון דייטשלאַנד. אין די לענדער זענען געבליבן העכער אַ האַלבער מיליאָן יידן. די טויערן פאַר אויסוואַנדערונג זענען ניט געווען געשלאָסן אין די דאָזיקע לענדער, אָבער

אויך דאָרט איז פאַרבאָטן געוואָרן ציוניזם, די העברעאישע שפּראַך און עס איז צוגענומען געוואָרן די פרייהייט פון נאַציאָנאַלער יידישער טעטיקייט און פאַרבינדונג מיט די איבעריקע טיילן פון פאָלק. דאָס פּרעכטיקע קאַפּיטל פון רייכער שעפערישקייט און איניציאַטיוועס פון אייראָפּעאישן יידנטום איז פאַרענדיקט געוואָרן מיטן אָנקום פון דער נאַצישער קאַטאַסטראָפע. דאָס איז די גרעסטע טראַגעדיע פון יידישן פאָלק אין גלות.

דער וואַגיקסטער און צאָלרייכסטער צענטער פון יידישן פאָלק איז געוואָרן דער צפון־אַמעריקאַנישער. אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט האָבן זיך נאָך דער מלחמה געפונען ארום 6 מיליאָן יידן, דער גרעסטער טייל פון יידישן פאָלק נאָכן חורבן (53 פּראָצ.). אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַליין האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום פינף מיליאָן מיט אַ פערטל.

דער צווייטער צענטער, אַ סך קלענער אין צאָל אָבער דער גרעסטער אין זיין וויכטיקייט אין די אויגן פון יידישן פאָלק צוליב זיין ראָלע אין דער אַלטער און נייער יידישער געשיכטע, איז געווען ארץ־ישראל.

אין די 30ער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט איז ארץ־ישראל געוואָרן דאָס ערשטע אויפנעם־לאַנד פון יידן אויף דער וועלט. אָנגעהויבן פון 1932 זענען אַריינגעקומען אין לאַנד מער יידן ווי אין אַ וועלכן ס׳איז אַנדער לאַנד. און אין די יאָרן 1934, 1935, 1936 (איידער די מאַנדאַטן־מאַכט האָט צוליב פּאָליטישע טעמים אָפּגעשניטן און באַשרענקט די עליה) האָט ארץ־ישראל אַריינגענומען דעם גרעסטן חלק פון יידישער עמיגראַציע אין דער וועלט. אַרום אַ פערטל מיליאָן יידן זענען אַריינגעקומען אין לאַנד פאַרן די יאָרן 1931־1939. פאַרן אויפקום פון דער מדינה האָט די צאָל יידן אין ישוב באַטראָפן 650,000. נאָך די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע און נאָכן סאָוועטנפאַרבאַנד איז עס געווען דער גרעסטער יידישער צענטער אין דער וועלט. אָבער ניט אין זכות פון זיין קוואַנטיטעט האָט דער ישוב זוכה געווען צו ווערן דאָס האַרץ פון יידישן פאָלק און זיין היסטאָריש ווערק. בעתן פּראָקלאַמירן די זעלבשטענדיקייט זענען אין לאַנד געווען ניט מער ווי 6 פּראָצענט פונעם וועלט־יידנטום. דאָס פּלאַץ אָבער וואָס ארץ־ישראל פאַרנעמט אין יידישן גלויבן און אין דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, די זעלבסטשטענדיקע סטרוקטור פון ישוב, זיין באַהעפטונג מיטן באָדן; דער נצחון פון יידישער אַרבעט און זיין אָנטייל אין אַלע צווייגן פון דער ווירטשאַפט; די העברעאישע שפּראַך און קולטור; דאָס שטיצן זיך פון ישוב אויפן אייגענעם כוח; דער באַוווסטזיין פון זיין נאַציאָנאַלער מיסיע — דאָס אַלץ האָט רייף געמאַכט דעם דאָזיקן ישוב צו ווערן די יידישע מדינה, די פרייד, שטאָלץ און האָפענונג פון יידישן פאָלק.

אין ווייניקער ווי פינף יאָר, פון דער פּראָקלאַמירונג ביז אָנהייב 1953, האָט די יונגע מדינה אַבסאָרבירט אַרום זיבן הונדערט פערציק טויזנט עולים פון אַלע עקן וועלט. 18,889 עולים האָבן ניט קיין באַצייכענונג פון וועלכע

לענדער זיי זענען געקומען. די איבעריקע צעטיילן זיך לויט די לענדער פון זייער אויסוואנדערונג אין פינף קאַטעגאָריעס: 1) פון די סאָוועטישע סאַטע־ליטן־לענדער; 2) די אנדערע אייראָפּעאישע לענדער; 3) די לענדער פון איסלאַם; 4) צפון־אמעריקע; 5) אַלע אַנדערע וועלט־טיילן.

דעם ערשטן פלאַץ אין דער עליה פאַרנעמען די מוסולמענישע מדינות: איראַק, תימן און אדען, מאַראָקע, אַלזשיר, טוניס, ליביע, מצרים, טערקיי, סיריע, לבנון און פּערסיע. די דאָזיקע לענדער האָבן פאַר די לעצטע יאָרהונ־דערטער געשפּילט אַ פּאַסיווע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע, הגם אייני־קע פון זיי זענען אין דער עפּאָכע פון מיטלאלטער און נאָך פריער געשטאַנען אין שפּיץ פון יידנטום. זיי האָבן געגעבן צענטערן פון תורה, חכמה און לי־טעראַטור, איבערלאָזנדיק פאַרן פאָלק אוצרות פון גייסט, געדאַנק און פּאָע־זיע. פון די דאָזיקע לענדער זענען אַריינגעקומען אין לאַנד ביז אָנהייב 1953 די צאָל פון 337.251 עולים, דאָס מיינט דער רוב פון דער עליה, עפּעס מער פון 52 פּראָצ. לויט דער אָפּשאַצונג (ניט פאַראַן קיין עקזאַקטע און זיכערע ציפער) האָבן די יידן פון די דאָזיקע לענדער באַטראָפן אַרום 890.000 נפשות דאָס הייסט אז אויף איטלעכע 100 יידן פון די מזרח־לענדער זענען 40 עולה געוועזן אין ישראל. דער דאָזיקער פּראָצענט־זאַץ איז, פאַרשטייט זיך, ניט געוועזן גלייך אין אַלע לענדער. פון איראַק און תימן זענען עולה געוועזן כמעט 100 פּראָצענט.

חוץ די שוועריקייטן פון עקאָנאָמישער איינוואָרצלונג פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער עליה, ווי מיט די עליות פון אַנדערע לענדער, האָט די עליה פון די יידן פון די מזרח־לענדער אַרויפגעלייגט אויף דער יונגער מדינה קולטור־געזעלשאַפטלעכע אויפגאבן איינציק אין זייער מין און אין מאָס־שטאַבן וואָס דער ישוב איז מיט זיי ניט געפּרוווט געוואָרן.

דער צווייטער סעקטאָר לויט זיין גרייס איז געוועזן די עליה פון סאָוועַ־טישן בלאָק (חוץ ראַטנפאַרבאנד): רומעניע, פּוילן, בולגאַריע, טשעכאָסלאָ־וואַקיע, אונגאַרן. פון די לענדער זענען אַריינגעקומען ביז אָנהייב 1953 אַ צאָל פון 299.325 יידן, עפּעס מער פון 41 פּראָצ. פון דער גאַנצער עליה. חוץ בולגאַריע האָט די מערדערישע האַנט פון היטלערן דערגרייכט צו די אַלע אויסגערעכנטע לענדער, און ס׳איז דעריבער ניט מעגלעך פעסטצושטעלן דעם גענויעם פּראָצענט פון דער שארית וואָס איז עולה געוועזן אין לאַנד. די צאָל פון די יידן אין די דאָזיקע לענדער ערב דעם אויפקום פון דער מדינה (אַ סך פון זיי געפינען זיך אין די לאַגערן פאַר אויסגעוואָרצלטע אין דייטשלאַנד) ווערט אָפּגעשאַצט אין אַריבער זיבן הונדערט טויזנט, וואָס מיינט אַז פון איטלעכע 100 יידן זענען פון די לענדער עולה געוועזן לערך 30 יידן. אויך דאָ איז דער פּראָצענט פון די עולים ניט געוועזן אומעטום גלייך. פון בול־גאַריע זענען עולה געוועזן העכער 84 פּראָצענט, פון פּוילן און טשעכאָסלאָ־וואַקיע דער גרעסטער טייל. נאָר פון די צוויי לענדער — רומעניע און אונ־

גאָרן — וווּ עס געפינען זיך העכער דריי פערטל פון די יידן פון דעם בלאָק, איז דער פּראָצענטזאַץ געווען אַ פאַרהעלטניש־מעסיק נידעריקער. אין דער דאָזיקער עליה איז ניט געווען קיין קאָנטיקער קולטורעלער און סאָציאַלער אונטערשייד פון די פריערדיקע עליות פאַרן אויפקום פון דער מדינה.

די דאָזיקע צווייַ סעקטאָרן האָבן געגעבן אַרום 94 פּראָצענט פון דער גאַנצער עליה, וואָס איז אַרייַנגעקומען אין לאַנד פאַר די פינף יאָר מדינה, הגם נאָר 14 פּראָצ. פון יידישן פאָלק (1.600.000 בערך) האָט געוווינט אין זייערע גרענעצן. פון אַלע אנדערע לענדער (חוץ א״י), וואָס האָבן אַרומגענו־מען 80 פּראָצ. פון יידישן פאָלק פאַרן פּראָקלאַמירן די מדינה — בערך ניין מיט אַ פערטל מיליאָן — זענען עולה געווען נאָר 43.326, אַרום זעקס פּראָ־צענט פון דער גאַנצער עליה. די עליה פון די יידן פון די דאָזיקע לענדער האָט אויסגעמאַכט 0.39 פּראָצ. פון די אייראָפּעאישע לענדער מחוץ פון סאָ־וועטישן בלאָק זייַנען אַרייַנגעקומען 38.328 (אייַנגעשלאָסן אויך די עליה פון יוגאָסלאַוויע). פון צפון־אַמעריקע (פאַר. שטאַטן און קאַנאַדע, וווּ עס גע־פינט זיך די מערהייט פון יידישן פאָלק), זענען עולה געווען 1.809 יידן. פון די איבעריקע לענדער (דרום־אַמעריקע, דרום־אַפריקע און אויסטראַליע) זענען עולה געווען 3.139. די אויסוואַנדערונג־לענדער פון אַרום נייַנצן טויזנט עולים זענען ניט באַקאַנט.

***

במשך דער גאַנצער יידישער געשיכטע האָט זיך ניט אַנטפּלעקט אַזאַ פולע און גאַנצע אייניקייט ווי ביים פּראָקלאַמירן די מדינה אין אונדזערע טעג. דאָס שטיין ביים באַרג סיני איז געווען, לויט דער מסורה, אונטערגע־וואָרפן אַ צוואַנג (כפית הר כגגית) און אַז משה האָט זיך נאָר פאַרזאַמט אַראָפּצונידערן פון באַרג האָט דאָס פאָלק בראש מיט אהרנען זיך פאַרזאַמלט און האָט געמאַכט אַן עגל הזהב. נאָך דעם ווי אַלע שבטים זענען געקומען צו דודן קיין חברון צו מאַכן אים פאַרן ראש פון ישראל און די עלטסטע פון פאָלק האָבן אים געזאַלבט פאַר אַ קעניג, איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון אבשלום און נאָך דעם ווי יואב און אַבישי, די זין פון צרויה און אתי הגתי האָבן דערשטיקט דעם דאָזיקן משפּחה־רעוואָלט אומקערנדיק די מלוכה צו דודן, האָט זיך צעפלאַקערט נאָך אַ שאַרפערער רעוואָלט, דער אויפשטאַנד פון שבע בן בכרי, אַ מאַן פון דרום וואָס האָט דערפירט ,נאָך שלמהס טויט, צו דער צעטיילונג פון יהודה און ישראל. מיט עזרה און נחמיה זענען עולה געווען אַ קליינע צאָל יידן, אַרום פופציק טויזנט (אייַנגעשלאָסן אַוועלכע זיבן טויזנט קנעכט און דינסטן). און די צוריקגעקומענע האָבן זיך אַנגעשטויסן אויף דער קעגנערשאַפט פון די אייַנגעזעסענע, וועלכע זענען ניט פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד. אין דער צייט פון בית־שני איז פאַרשטאַרקט געוואָרן

דער קאַמף צווישן די צדוקים און פרושים, צווישן די חשמונאים־ברידער גופא און פאַרן חורבן — צווישן די מעסיקע און רעוואָלוציאָנערע קנאים. אויך די קנאים האָבן געקעמפט צווישן זיך ניט ווייניקער ווי זיי האָבן געקעמפט קעגן די רוימער. אויף די דאָזיקע קאַמפן האָבן אונדזערע אַמאָליקע חכמים געזאָגט: „פאַרוואָס איז חרוב געוואָרן דער ערשטער בית־המקדש? צוליב דריי זאַכן וואָס זענען פאָרגעקומען — עבודה־זרה, גילוי עריות, שפיכת דמים. אָבער דער צווייטער בית־המקדש — ווען מען איז עוסק געווען אין תורה, מצוות און גמילות־חסדים, פאַרוואָס איז ער חרוב געוואָרן? דערפאַר ווייל עס איז געווען שנאת־חנם. פון דעם זאָלסטו לערנען, אַ ז ש נ א ת־ ח נ ם א י ז ש ק ו ל כ נ ג ד ד ר ײ ע ב י ר ו ת — עבודה זרה, גלוי עריות און שפיכת דמים״. (מקדש ראשון מפני מה חרב? מפני שלושה דברים שהיו בו: עבודה זרה, וגלוי עריות ושפיכת דמים. אַבל מקדש שני, שהיו עוסקין בתורה ובמצוות וגמילות־חסדים, מפני מה חרב, מפני שהיתה בו שנאת־חנם, ללמדך ששקולה שנאת חנם כנגד שלוש עברות: עבודה זרה, גלוי עריות ושפיכת דמים). די קאָנפליקטן און אָפּאָזיציעס אין פאָלק האָבן ניט אויפגעהערט אויך אין דער צייט פון גלות.

דער יידישער ישוב אין לאַנד, פאַרן אויפשטעלן די מדינה, איז אפשר געווען דער צעבראָקלטסטער און צעשטיקלטסטער יידישער ישוב אויף דער וועלט. אין קיין שום לאַנד אויף דער וועלט וואָלט ניט מעגלעך געווען צו געפינען אַזאַ פאַרביקן און קאָלירפולן צוזאַמענשטעל פון עדהס, קולטורן, אָרגאַניזאַציעס און פאַרטייען, דאָגמעס און דאָקטרינען, אינטערנאַציאָנאַלע זיך באַקעמפנדיקע אידעאָלאָגיעס און אָריענטאַציעס, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אינטערעסן און קעגנזאַצן ווי עס איז געווען אין דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב וואָס האָט געבוירן דעם קיבוץ־גלויות און קאָנצענטראַציע פון אַלע טיילן און פראַגמענטן פון פאָלק. מיטן אַנטשטאַנענעם נס פון פראָקלאַמירן די זעלבשטענדיקייט זענען ווי צעשטערט געוואָרן אַלע מחיצות און די אומ־אָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע איז געחתמעט געוואָרן פון די פירער פון אַלע פאַרטייען אין ישראל. פון די קאָמוניסטן, וואָס האָבן אַ גאַנץ לעבן געקעמפט קעגן דעם ציוניסטישן ווערק ווי קעגן אַ רעאַקציאָנערע, בורזשואַזער, שאָ־וויניסטישער און קאָנטררעוואָלוציאָנערער זאַך — ביז אגודת־ישראל וואָס האָט געזען אין יעדן פּרוּוו צו דערנענטערן די יידישע גאולה אויף אַ נאַטיר־לעכן וועג — אַן אָפּלייקענונג פון די עיקרים און אַ צעשטערונג פון די יסודות פון דער אמונה און יידישע מנהגים.

און ניט נאָר די צוויי עקסטרעמען האָבן אין דעם דאָזיקן גרויסן טאָג גובר געווען זייער לאַנגיאָריקע שאַרפע קעגנערשאַפט צו מדינת ישראל. אויף דער אומאָפּהענגיקייטס־דעקלאַראַציע האָבן זיך באַטייליקט מיט זייער חתימה די פירער פון „השומר ־ הצעיר״, וועלכע האָבן העכער 20 יאָר גע־פּריידיקט אַ בינאַציאָנאַלן שטאַט ווי דער איינציקער וועג צום ציוניסטישן

ציל און מיט אַ דאָגמאַטישער עקשנות נעגירט דעם געדאַנק פון אַ יידישער מדינה אין אַ טייל אָדער גאַנץ ארץ־ישראל. זיי האָבן אים באַטראַכט ווי אַן אוטאָפּישע זאַך, וואָס דעגענערירט די ווערטן פון ציוניזם און סאָציאַליזם און שטעלט זיך קעגן דעם פּאַראַגראַפּ פון די „כוחות פון מאָרגן״. עס האָבן געחתמעט די דעקלאַראַציע די פירער פון רעוויזיאָניזם, וועלכע האָבן מיט שטורעם געקעמפט קעגן אַ מדינה אויפן יסוד פון חלוקה. אַ שטער צו חתמע־נען די זעלבסטשטענדיקייט ־ דעקלאַראַציע איז נאָר געווען דער לעצטער פּאַראַגראַף, וואָס האָט גערעדט וועגן „בטחון אין גאָט פון ישראל״ (בטחון בצור ישראל). עס זענען געווען פאַנאַטישע פריידענקער וועלכע האָבן געזען אין די ווערטער אַ כפירה קעגן אפיקורסות. אין קעגנטייל זענען געווען עקסטרעמע אָרטאָדאָקסן, וועלכע האָבן ווידער באַטראַכט דאָס פעלן פון דעם צוגאָב „און זיין אויסלייזער״ (וגאלו), נאָך „צור ישראל״, אַ כפירה בעיקר. נאָך אַלע דיסקוסיעס און רייד האָבן פונדעסטוועגן אַלע געחתמעט. אָבער ניט נאָר די פּאַרטייען אין ישראל, נאָר אויך דאָס יידישע פאָלק אין דער גאַנצער וועלט איז געווען פאַראייניקט אין דעם טאָג פון שמחה און שטאָלץ צום אויפקום פון דער מדינה. עס איז שווער אָפּצושאַצן וועלכער פון די צוויי ניסים איז געווען גרעסער — דער נס פון באַנייען די זעלבשטענדיקייט אָדער דער נס פון אחדות־ישראל.

אָבער די צוויי ניסים האָבן זיך באַגעגנט צוזאמען נאָר אין יענעם וווּנ־דערלעכן טאָג, ווען די מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן. אין זעלביקן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטערער און פאַרצווייגענער מיליטערישער קאַמף פאַר איר עקסיסטענץ, אַ קאַמף וואָס איז ביז איצט ניט געלייזט און וועט זיך אַזוי גיך ניט ענדיקן. דער דאָזיקער קאַמף, די אָנשטרענגונג צו קיבוץ־גלויות און צו באַפרוכפּערן דעם מדבר איז אָפּהענגיק ניט ווייניקער ווי די פּראָקלאמי־רונג פון דער מדינה פון דער איבערגעגעבנקייט און מיטבאַטייליקונג פון פאַראייניקטן יידישן פאָלק. אָבער די אחדות וואָס האָט זיך מאַניפעסטירט אין טאָג פון דער פּראָקלאַמירונג איז אַריבער גיך און פאַרשוווּנדן. די אי־נערלעכע צעשפּליטערונג און צעברעקלונג אין דער מדינה איז ניט נאָר ניט רעדוצירט געוואָרן ווי אין דער צייט פון ישוב, נאָר פאַרקערט, נאָך מער זיך פאַרשטאַרקט און שאַרפער געוואָרן. צו דער פאַרשאַרפונג האָבן גורם געווען די צוויי געשעענישן, וועלכע האָבן געעפנט אַ נייע תקופה אין דער יידישער געשיכטע: 1) דאָס אַנטשטיין פון דער מלוכה און 2) דער אָנהייב פון קיבוץ־גלויות.

קיין שום לאַנד קען ניט עקסיסטירן אָן אַ רעגירנדיקער און פאַרפליכטנ־דיקער מאַכט און מערהייט־באַשטימונג (אויב עס האַנדלט זיך ניט אין קיין טאָטאַליטאַריש לאַנד ווו די מאַכט ליגט אין די הענט פון אַ יחיד). קיין שום לאַנד אָבער קען ניט עקזיסטירן נאָר מיטן כוח פון מאַכט, צוואַנג און מער־הייט־באַשטימונג. איר עקזיסטענץ, כוח און גאַנצקייט שעפּט די מדינה פון

דעם אלגעמיינעם פאָלקס־ווילן, פון זיינע שותפותדיקע היסטאָרישע נויטן און קעגנזייטיקער אחריות, פון דער אינערלעכער אייניקייט וואָס דערהייבט זיך איבער די אָפּאָזיציעס און קעגנזאצן. דאָס איז חל אויף יעדער מדינה און דאָס איז טאָפּלט חל אויף מדינת־ישראל. עס איז ניט קיין מדינה פון די איינוווינער און נאָר פאַר אירע איינוווינער. עס איז ניט קיין שטאַט פון אַן אויפגעבויט לאַנד מיט אַן עקסיסטירנדיקער ווירטשאַפט. עס איז ניט קיין לאַנד וואָס איז אַנערקענט פון אירע שכנים און ווערט סטימולירט מצד שטאַרקע מאַכטן. דאָס פאָלק וואָס באַוווינט דאָס לאַנד איז ניט מער ווי אַ טייל פונעם פאָלק וואָס פאַר אים איז דאָס לאַנד אויפגעקומען. דער גרעסטער טייל פון זיינע שטחים זיינען וויסט און פוסט און נייטיקן זיך אין אַנט־וויקלונג. די ווירטשאַפט איז איצט אין איר אָנהייב. אַלע ארומיקע שכנים גרייטן זיך די מדינה צו פאַרוויסטן. מעכטיקע וועלט־כוחות קוקן אויף איר ניט פאַרגינעריש. די אויפגאַבן פון קליטה, אַנטוויקלונג און פאַרטיידיקונג וואָס ליגן אויף אַזאַ מדינה קענען דעריבער ניט געלייזט ווערן נאָר מיטן צוואַנג־פאַקטאָר פון דער מאַכט. אָן דער געהעריקער און כסדרדיקער אָנ־שטרענגונג פון אַלע אירע איינוווינער און הילף פון גאַנצן פאָלק וועט מען ניט דערגרייכן קיין קיבוץ־גלויות, וועט ניט דורכגעפירט ווערן די באַפרוכ־פערונג פון מדבר און ס'וועט ניט מעגלעך זיין קיין פאַרטיידיקונג. די דאָזיקע אָנשטרענגונג ליגט אין דער קאָנצענטרירונג פון די פאָלקס־כוחות און אין דער אלגעמיינער ווירקזאמער גרייטקייט.

די פולע און גאַנצע אייניקייט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין טאָג פון אויפקום פון דער מדינה איז בדרך הטבע אַן איינמאָליקע דערשיינונג, אַן אוניקום אין איר כאַראַקטער און פאַרלויף, אַ גינציקע דערשיינונג אין אַ גרויסן היסטאָרישן מאָמענט. אָבער עס מוז זיין און עס איז נויטוענדיק אין דער מדינה אַ מינימום פון אָרדענונג און אייניקייט, וואָס איז פאַראַן אין איטלעך באַנייטן לאַנד, ניט געקוקט אויף די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אָפּאָזיציעס וואָס זענען פאַראַן אומעטום. אין מדינת ישראל מערקט זיך דאָס פעלן פון אַזאַ מינימום.

דער אויפקום פון מדינה האָט שאַרפער געמאַכט די קעגנזאצן וואָס האָבן עקסיסטירט אין ישוב, ווייל די מדינה האָט איינגעשטעלט אַ קעגנזייטיקע אָבליגאַטאָרישע התחייבות און די אָפּהענגיקייט פון יעדן מענטש אין ישראַ פון דער אַלגעמיינער ראַם. אין ישוב זענען געווען פרומע און פרייע, רעליגי־עזע און פרומע ציוניסטן און אַנטי־ציוניסטן, אַרבעטער און אַרבעט־געבער, אָנהענגער פון דער ציוניסטישער וויזיע און אירע קעגנער, חסידים פון מערב און פון מזרח, אינטעליגענטן און תורה־מענטשן, קולטור־מענטשן און חינוך־טוערס, קעגנערישע און פּאַסיווע געמיינדעס, געבוירענע אין לאַנד און נייע עולים, דאָרף־מענטשן און שטאָט־מענטשן. אין דעם פאַרביקן ישוב האָבן ניט געפעלט די אינסטרומענטן פון אַלגעמיינע און שותפותדיקע אָרגאַניזאַציעס,

וואָס האָבן אַרומגענומען די מערהייט פון ישוב, וועלכער האָט צומאָל געהאַנדלט ווי אַ גאַנצער און איינהייטלעכער איינס. אָבער די דאָזיקע קאָלעקטיווע אינסטרומענטן זענען געווען פרייע און ניט פאַרפליכטנדיקע. ווער עס האָט געוואָלט האָט גענומען אויף זיך פליכטן, און ווער עס האָט ניט געוואָלט האָט זיך אַליין אַוועקגעשטעלט מחוץ למחנה. דער ועד הלאומי, די הגנה־קערפּערשאַפט, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, די הסתדרות העובדים, די קהילות, דער ראַבינאַט און אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס זענען געווען געבויט אויף פרייוויליקער צוגעהעריקייט, פּערזענלעכער הסכמה און פרייען ווילן. די מאַכט איז געווען אַ פרעמדע און אָפּטמאָל אַ פאַקטאָר פאַר אַ קאָנצענטרירטן אַרויסטריט מצד דעם גאַנצן ישוב קעגן אירע וועגן און טענדענצן.

די מדינה האָט איינגעשלאָסן אַלע ישראל־תושבים אין אַ קרייז פון פליכטן און אָבליגאַציעס. פאַרפליכטונג צום כלל איז שוין ניט קיין פרייוויליקע פליכט פון פערזענלעכער הסכמה, נייערט אַן אָבליגאַציע און צוואַנגפליכט. די פאַרשיידענע געמיינשאַפטן מיט זייערע אָנשויאונגען, נייגונגען, געוווינהייטן און אינטערעסן, קעגנערישע און קעגנזעצלעכע איינע צו די אַנדערע אין דער צייט פון ישוב, האָבן ערב דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה געקענט טאָן וואָס זיי איז געפעלן ניט פילנדיק די קעגנזאַצן צווישן אַנאַנדער און דערביי אָן אינערלעכע אינצידענטן. מיטן אויפקומען פון דער מדינה זענען זיי אַלע אַריינגענומען געוואָרן אין איין רינג און זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סטאַבילער פאַרבונדענער איינהייטלעכקייט, מיט אָדער קעגן זייער ווילן, און זענען אונטערגעוואָרפן געוואָרן אַ מלוכהשאַפט, וואָס לייגט אַרויף אויף זיי אירע געזעצן און געבאָטן. די פרייע פליכטן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָבליגאַטאָרישע, און ניט דער ציבור און ניט דער יחיד קענען ווייטער טאָן וואָס זיי געפעלט. אָט ־ אַזוי איז פאַרשאַרפט געוואָרן דער אַנטאָגאָניזם און די צוזאַמענשטויסן.

דער קיבוץ־גלויות, וואָס האָט אין געציילטע יאָרן פאַרטאָפּלט דעם ישוב אין דער מדינה און האָט אַריינגעבראַכט אין לאַנד דערווייטערטע קהילות איינע פון דער אַנדערער ניט נאָר אין טויזנטער מיילן נאָר אויך אין אַ סך יאָרהונדערטער, האָט פאַרשטאַרקט און שאַרפער געמאַכט דעם אַנטאָגאָניזם אין דער מדינה. אויך אין די פריערדיקע דורות האָט כמעט די גאַנצע נייע עליה אַריינגעבראַכט קעגנערשאַפט און קעגנזאַצן צו דער פריערדיקער עליה. דער „אַלטער" ישוב, ווי ער איז אַמאָל אָנגערופן געוואָרן, געמיינט דער פריערדיקער ישוב, וואָס איז געווען אָפּגעשלאָסן אין די פיר הייליקע שטעט און וואָס האָט זיך אויסגעהאַלטן בעיקר פון חלוקה־געלטער, האָט מיט פּחד, קעגנערשאַפט און שנאה געקוקט אויף דער עליה פון די מיטצייטלער פון יחיאל מיכאל פינס און אַליעזר בן־יהודה. אין דעם פּרווו צו באַשעפטיקן יידן ביי אַרבעט און אין זייער באַנוצן „לשון קודש" אין וואָכעדיקן לעבן, האָבן די מענטשן פון אַלטן ישוב געזען אַ חילול הקודש און באַליידיקונג פון זייער

פערזענלעכן לעבן און גלויבן. די צווייטע עליה האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ ביטערער און פיינלעכער קעגנערשאַפט מצד דעם גרעסטן טייל פון די ערשטע תושבים. דער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט האָט צעטיילט דעם „נייעם" ישוב אויף צוויי פיינטלעכע לאַגערן. די מאַסן־עליה וואָס איז געקומען נאָכן אויפשטעל פון דער מדינה האָט ניט געבראַכט אין לאַנד קיין נייע סאָציאַלע און פּאָליטישע אַספּיראַציעס וואָס זאָלן זיין אין קעגנזאַץ צו דער אַלגעמיינער ריכטונג פון „אַלטן" ישוב, אָבער זי האָט געשאַפן קולטור־תהומות, סאָציאַלע שפּאַלטן און עקאָנאָמישע בלויזן צווישן די פאַרשיידענע טיילן פון ישוב, האָט פאַרשווערט און קאָמפּליצירט דעם צונויפשמעלץ ־ פּראָצעס, וועלכער איז ניט געווען גרינג און ניט געגאַנגען גיך אויך פאַרן אויפקום פון דער מדינה, הגם די עליה איז דעמאָלט געווען אַ סך קלענער און ווייניקער פאַרבנרייך. די מדינה איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר דעם שווערן און שאַרפן פּראָבלעם פון מיזוג־גלויות, צונויפשמעלצן פון גלותן ווייטע איינער פון אַנדערן יאָרהונדערטער גאַנצע.

די אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַנד אָנהייב 1953 האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט איין פאָלק אין אַ קלענערער מאָס ווי דער האַלבער מיליאָן יידן וואָס האָט זיך געפונען אין לאַנד ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, כאָטש אויך דעמאָלט איז דער ישוב ווייט געווען פון צו זיין אַ פולשטענדיקע נאַציאָנאַל צונויפגעשמעלצטע איינהייט.

די געשיכטע פון אונדזער פאָלק אין גלות האָט באַשטעטיקט, אַז אין תוך איז ניט פאַראַן קיין שום יידישער שבט, אויב מיר וועלן מיט דעם נאָמען באַצייכענען אַ געוויסן יידישן געאָגראַפישן צענטער, וועלכער זאָל זיין נידעריקער אָדער העכער אין זיינע קולטור־פּאָטענצן און יסודותדיקע כאַראַקטער־שטריכן. עס איז געווען אַ צייט ווען די גייסטיקע העגעמאָניע אין פאָלק האָט געהערט צו די יידן פון בבל, אין אַ שפּעטערדיקער תקופה איז זי איבערגעגאַנגען צו די יידן פון שפּאַניע; אין אַ געוויסער צייט האָט דאָס יידנטום פון מצרים געדינט פאַר אַ גייסטיקן צענטער פון פאָלק, שפּעטער — די יידן פון דייטשלאַנד. אין די לעצטע דורות איז דער גייסטיקער צענטער איבערגעגאַנגען קיין פוילן און פון דאָרט קיין רוסלאַנד. די גאונים בבל, די דענקער פון שפּאַניע און אירע דיכטער, די מפורשים פון פראַנקרייך און די פאַרשער פון איטאַליע, די פּוסקים פון די לענדער פון צענטראַל־אייראָפּע, די וויסנשאַפטלער פון דייטשלאַנד, די לומדי־תורה פון פוילן און ליטע, — די אַלע האָבן געוועבט אויף זייערע ערטער און אין זייער צייט דעם געוועב פון תורה, יידישן געדאַנק און קולטור און אַריינגעבראַכט זייער ביישטייער אין דעם גייסטיקן אוצר פון יידישן פאָלק. ווי די סנהדרין, וועלכע האָט נאָכן חורבן געוואַנדערט פון איין אָרט צום צווייטן אין לאַנד, אַזוי האָט די שכינה פון יידישער יצירה געוואַנדערט פון איין לאַנד צום אַנדערן. יעדער יידישער שבט האָט געהאַט זיין תקופה פון אויפשטייג,

גדולה און שקיעה, און נאָר באַדינגונגען פון צייט און אָרט, פּאָליטישע און קולטורעלע, אויף וועלכע ס׳יידישע פאָלק האָט ניט געהאַט קיין שליטה זענען געווען די וואָס האָבן באַשטימט וועלכער טייל פאָלק, און אין וועלכן לאַנד, זאָל זיין דער טרעגער פון דער גייסטיקער העגעמאָניע אינעם יידנטום.

אין די לעצטע יאָרהונדערטער זענען די לענדער פון אָריענט געזונקען אין פינצטערניש, מיזעריע און שקלאַפעריי און זענען געבליבן ווייט צוריק־געשטאַנען כלפּי דעם שנעלן פּראָגרעס פון די פעלקער אין אייראָפּע. דער מצב פון די יידן איז געווען ווי דער מצב פון די גוים. עס האָט זיך אָפּגעטאָן די שכינה פון די יידישע געמיינדעס פון די מזרח־לענדער און זייער השפּעה אויפן יידישן פאָלק איז געמינערט געוואָרן אָדער אין גאַנצן אויפגעהערט. אין די לעצטע יאָרהונדערטער איז דאָס אייראָפּעאישע יידנטום געשטאַנען בראש פון פאָלק סיי פון שטאַנדפּונקט פון כמות און אויך פון שטאַנדפּונקט פון איכות. דאָס אייראָפּעאישע יידנטום מיינט דאָ בעיקר דאָס יידנטום פון מזרח אייראָפּע. דאָס דאָזיקע יידנטום איז אויך געווען דער עיקרדיקער אויפבוי־כוח פון דעם ישוב אין ארץ־ישראל, וואָס איז געוואַקסן אין לעצטן יאָרהונדערט. פון די יידן פון מזרח־אייראָפּע, מיט אַ וויכטיקן צוגאָב פון די יידן פון דייטשלאַנד נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, איז צוזאַמענגע־שטעלט געוואָרן דער רוב מנין ורוב בנין פון דעם ישוב, און דורך זיי איז געשטאַלטיקט געוואָרן די גייסטיקע, פּאָליטישע און סאָציאַלע פיזיאָנאָמיע פון דעם נייעם יידנטום אין ארץ־ישראל. די אַמאָליקע ספרדישע עליה פון די צייטן פון אבולעפיה און די אויסוואַנדערער פון צפון־אפריקע איז כמעט ווי בטל בשישים געוואָרן.

דער מאַסן־שטראָם פון די מזרח־עדהס נאָכן אויפקום פון דער מדינה האָט אויף אַ גרינטלעכן און האַסטיקן אופן געענדערט דעם כאַראַקטער און צוזאַמענשטעל פונעם ישוב. די מדינה איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר פּראָבלעמען וואָס טראָגן אין זיך גרויסע געפאַרן: א) דאָס פּראָבלעם פון „ראסן״. עס האָט זיך מאַניפעסטירט, כביכול, אַ „העכערע״ ראַסע, די אשכנזישע, וועלכע שטייט בראש פון גאַנצן פאָלק און אַן אָריענטאַלישע גזע, אַ מחות דרגאדיקע; ב) דאָס פּראָבלעם פון צעשפּליטערטקייט פון שפּראַך און פון געמיינדע־וועזן, סיי צווישן די אשכנזים ווי אויך אין די אָריענטאַלישע עדהס גופא. ווייל בעצם זענען די אייראָפּעאישע עולים איצט ניט מער איינהייטלעך אין זייער שפּראַך ווי די אויסוואַנדערער פון אָריענט.

אין אַ געוויסער מאָס האָט די דאָזיקע צעשפּליטערונג עקסיסטירט אויך פאַר דער מדינה, אָבער דער ישוב איז דעמאָלט ניט געווען קיין וועזן וואָס שטייט אין אייגענעם רשות און באַשטימט זיין גורל ווי אַ סואווערענער אָרגאַניזם. איצט איז דער דור־הפלגה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מדינה, און עס איז אויף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן די סאַמע גרעסטע און שווער־

סטע אחריות וואָס עס האָט ווען געהאַט אויף זיך וועלכער עס איז דור אין אונדזער געשיכטע.

מיטן פּירוד צווישן די עדהס זענען נאָך ניט אויסגעשעפּט אַלע אינע־וויייניקסטע שוועריקייטן פון מדינת ישראל. עס איז פאַראַן אין ישראל אַ קרענקלעכע און איבערגעטריבענע פּאַרטייאישע צעברעקלונג, וואָס האָט ניט איר גלייכן אין קיין שום מאָדערנעם און געזונטן שטאַט. די דאָזיקע צעשפּליטערטקייט שטייט אין אַ שרייענדיקער סתירה לגבי די וויטאַלע נויטן פון מדינת ישראל.

אין דער פּראָקלאַמירונג פון דער זעלבסטשטענדיקייט האָבן זיך קאָנ־צענטרירט אַלע פּאַרטייען אין ישראל. אין דעם מדינה־ראַט און פּראָוויזאָ־רישער רעגירונג, וואָס זענען געשטאַנען בראש פון דער מדינה בעת דער באַפרייאונגס־מלחמה, האָט נאָך עקזיסטירט אַ גרויסע מאָס פון פּאָליטישער אייניקייט און אַלגעמיינער אחריות. אַלע פּאַרטייען וואָס האָבן אונטערגע־שריבן די זעלבסשטענדיקייט ־ דעקלאַראַציע, חוץ די קאָמוניסטן און רע־וויזיאָניסטן, האָבן זיך באַטייליקט אין דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. די אומיטלבאַרע און שאַרפע סכנה וואָס האָט געלויערט אויף דעם קיום פון דער מדינה, אויף דעם עצם לעבן פון יידישן פאָלק אין ישראל פון די אינ־טריגעס מצד די אַראַבישע אָנגרייפער, — האָט קאָנצענטרירט דאָס פאָלק, הגם אויך אין דער דאָזיקער קאָנצענטרירונג האָבן זיך באַוויזן שווערע איינברוכן, און דווקא אויפן סאַמע פילבאַרסטן שטח: אין מיליטער. גראָד אין די טעג פון דער מלחמה זענען געמאַכט געוואָרן פאַרמאַסקירטע פּרוּוון אויפצו־שטעלן סעפּאַראַטע אַרמייען, וועלכע זאָלן ניט שטיין אונטער דער איינצי־קער דיסציפּלין פונעם פאָלק און עס האָבן זיך געפאָדערט אינטענסיווע, לאַנגדויערנדיקע און פּיינלעכע אָנשטרענגונגען ביז עס איז פאַרזיכערט געוואָרן אַן איין־איינציקע אַרמיי אונטערגעוואָרפן נאָר די באַפולמעכטיקע אינסטאַנצן פון דער מדינה.

אָבער גלייך נאָכן פאַרענדיקן די שלאַכטן, ווען עס זענען דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע וואַלן פון דער מדינה, וואָס זענען בעצם און בכלל געווען די ערשטע וואַלן אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק, ווען מען איז צוגעטרעטן אויפצושטעלן אַ פאַרלאַמענטאַריש ־ דעמאָקראַטישן רעזשים אין ישראל — האָט זיך אַנטפּלעקט די מוראדיקע צעשפּליטערטקייט. איין און צוואַנציק וואַל־ליסטעס זענען דערשינען, בעת די אַלגעמיינע צאָל וויילער האָט באַ־טראָפן אַ האַלבער מיליאָן און מען האָט געדאַרפט קלייבן 120 פאָלקס־פאַרטרעטער. 18 ליסטעס — יידישע, און 3 אַראַבישע. 9 פון די דאָזיקע ליסטעס האָבן ניט זוכה געווען צו האָבן אַפילו קיין 1 דעפּוטאַט. אָבער די איבערגעטריבענע צעשפּליטערונג האָט געוויזן אירע סמנים סיי אין דער כנסת ווי אין דעם לעבן פון דער יונגער מדינה, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר דרינגלעכע און שווערע אויפגאַבן, וואָס קיין שום אַנדער לאַנד

אין דער וועלט האָט אַזעלכע ניט געקענט. די כנסת איז געווען צוזאַמענ־געשטעלט פון 14 באַזונדערע פראַקציעס, אַן דעם אַז קיין איינע פון זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט אויפצושטעלן איינע אליין אַ סטאַבילע רעגירונג. מער ווי וועלכע עס איז אנדערע מדינה האָט מדינת־ישראל געדאַרפט האָבן און וועט נאָך דאַרפן האָבן במשך אַ לאַנגער צייט רעגירונג־סטאַביליטעט, ווייל אַנדערש וועט אויך די מדינה ניט זיין סטאַביליזירט. די דריי גרויסע אויפגאַבן וואָס ליגן אויף דער מדינה — זיכערקייט, דאָס אויפנעמען פון עולים און זייער צונויפשמעלץ, און די אַנטוויקלונג פון לאַנד זענען מחייב אַ פּאָליטיק פון אַ ווייטער פּערספּעקטיוו, און נאָר אַ סטאַבילע רעגירונג וועלכע שפּאַרט זיך אָן אויף אַ מערהייט וואָס האָט אַ געאייניקטן ווילן און אַ בשותפותדיקן וועג איז מסוגל צו רעאַליזירן אַזאַ מין פּאָליטיק.

די איבערגעטריבענע צעטיילונג האָט זיך אויך אַנטפּלעקט ביי די וואַלן צו דער צווייטער כנסת, וועלכע זענען פאָרגעקומען פּ אָ ר דער צייט צוליבן פעלן פון אַ רעגירונג ־ סטאַביליטעט, ניט מער ווי צוויי מיט אַ האַלבן יאָר נאָך די ערשטע וואַלן. דאָס מאָל, וואָס אַן אמת, איז געפאַלן די צאָל פון די ליסטעס און אויפן אָרט פון 21 זענען דערשינענ נאָר 17, פון זיי 14 יידישע און 3 אַראַבישע. און אין דער צווייטער כנסת זענען, ווידעראַמאָל, געווען 12 יידישע פראַקציעס (די דריי אראבישע פראַקציעס האָבן זיך אַנגעשלאָסן צו דער גרעסטער פּראַקציע אין כנסת) און ווידער האָט קיין שום פּאַרטיי ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויפצושטעלן אַ פעסטע רעגירונג. די אומ־נאָרמאַלע צעשפּליטערונג שטערט ניט נאָר צו דער שאַפונג פון אַ סטאַבי־לער רעגירונג און טראָגט אין זיך אַ פּערמאַנענטע סכנה פון פּאָליטישע שטורעמונגען און קריזיסן, נייערט טרייסלט אויף דעם מאָראַלישן יסוד פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעפּרעזענטאַנץ און גראָבט אונטער די ביר־גערלעכע און שטאַטלעכע דערציאונג וואָס די כנסת דאַרף געבן דעם פאָלק. די דאָזיקע צעברעקלונג קאָסט דער מדינה זייער טייער, און עס איז ניט פאַראַן קיין שום גאַראַנטיע אַז די מדינה וועט לאַנג קענען צאָלן דעם פּרייז...

קליינע פראַקציעס, — צי זיי זענען אין דער רעגירונג אָדער אין דער אָפּאָזיציע — קענען ניט טראָגן ווי עס באַדאַרף צו זיין די שטאַטלעכע אחריות און קענען ניט געבן פּריאָריטעט די כלל־אינטערעסן איבער די אינטע־רעסן פון דער גרופּע. די קליינע פראַקציעס, אפילו ווען זיי באַטייליקן זיך אין דער רעגירונג ־ קאָאַליציע, ווייסן אַז זיי זענען ניט דעצידירנדיק און אַז די אחריות פון דער מדינה פאַלט ניט אויף זיי, און זיי געוווינען זיך איין צו וועגן און מעסטן יעדע פראַגע וואָס קומט אויף אין דער רעגירונג לויט דעם נוצן אָדער שאָדן פון זייער פּאַרטיקולאַרן גרופּן־אינטערעס. די קליינע פראַקציעס פון דער אָפּאָזיציע ווידער, וועלכע האָבן ניט קיין שום שאַנסן אַליין אויפצושטעלן אַ רעגירונג און אַוועקשטעלן פאַר אַ פּרווו די שיינע פּראָגראַמען וועלכע זיי שטעלן אַרויס פאַר דער וויילער־מאַסע, און די

אומבאַגרענעצטע ניט־רעאַלע פאָדערונגען וועלכע זיי שטעלן אַרויס צו דער רעגירונג — ניט נאָר וואָס זיי ווערן אליין דעגענערירט נאָר זיי פאַרוואַנדלען זיך אויך אין אַ שעדלעכן דערציִאונג־פאַקטאָר, וואָס גראָבט אונטער די מדינה, און גאָר ספּעציעל מדינת־ישראל, ווו עס איז פאַראַן אַזאַ גרויסע צאָל בירגער וואָס האָבן ניט קיין שום פּאָליטישע דערציִאונג און דערפאַרונג. דער שאָדן פון די קליינע פראַקציעס אין דער אָפּאָזיציע איז אַ סך גרעסער פון דעם שאָדן פון די זעלביקע קליינע פראַקציעס אין דער רעגירונג־קאָאַליציע, ווייל אָט־די לעצטע מוזן צוליב דעם פאַקט אַליין זיך קאָנצענטרירן אויפן יסוד פון אַ פּאָזיטיוון אויטאָריזירטן און פּראָקלאַמירטן אַרבעט־פּראָגראַם, וואָס הענגט אָפּ פון דער גוטהייסונג פון דער כנסת און שטייט די גאַנצע צייט אונטער איר קאָנטראָל און קריטיק און איז דערצו אויסגעשטעלט אויפן אורטייל פון דער עפנטלעכער מיינונג, בשעת די פראַקציעס פון דער אָפּאָזיציע וועלכע זענען קעגנזעצלעך צווישנאַנאַנדער נאָך אפשר מער ווי קעגן דער רעגירונג, זענען „געאייניקט" אין זייער טעטיקייט נאָר אויף אַ נעגאַטיוון באָדן אָן קיין שום שותפותדיקער אחריות און אָן קיין שום פּאָזיטיווער געמיינזאַמער ליניע, וואָס זאָל שטיין צום משפט פון פאָלק אָדער פון דער כנסת.

דער אַנגלאָ־זאַקסישער געניוס, וואָס האָט געשאַפן די פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע און ווענדט זי אָן מיט דערפאָלג און טאַלאַנט, ווי עס האָט עס ניט געטאָן קיין שום אַנדער פאָלק, — האָט אָוועקגעשטעלט דאָס פּאָליטישע לעבן אויף אַ צוויי־פּאַרטייען־רעזשים און האָט פעסטגעשטעלט אַ וואַל־סיסטעם לויט באַצירקן און מערהייט, לויט וועלכן יעדער דערווײלטער אין פּאַרלאַמענט איז באַקאַנט זיינע ווײלער פּאָר וועלכע ער איז דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך. דאָס איז אין קעגנזאַץ צו דעם סיסטעם פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן וואָס איז אָנגענומען אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט, וואָס טיילט אָפּ לחלוטין דעם ווײלער פון דעם געווײלטן און שטעלט אַוועק צווישן דעם פאָלק און דעם פּאַרלאַמענט דעם צענטראַל קאָמיטעט פון אַ פּאַרטיי וואָס גרייט צו די קאַנדידאַטן - ליסטע לויט זיין אייגענעם ווילן. דער צוויי־פּאַרטייען־רעזשים לייגט אַרויף אויף דער מערהייט־פּאַרטיי די פולע אחריות כלפּי דעם פאָלק, און דערציט די אָפּאָזיציע־פּאַרטיי וועלכע וויל פאַרוואַנדלט ווערן אין דער הערשנדיקער פּאַרטיי, צו אחריות אין אירע מעשים און ווערטער אַפילו ווען זי איז אַ מינדערהייט. דורכדעם ווערט דער פּאַרלאַמענט אַ שטאַטלעך־דערציִערישער פאַקטאָר פאַרן גאַנצן פאָלק.

די סברה, אַז די וואַלן מוזן אָפּשפּיגלען אַלע מיינונגען וואָס זענען פאַראַן אין דער מדינה, און אַז דאָס קען מעגלעך זיין נאָר דורך דער שיטה פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן, אַנטשפּרעכט ניט דעם אמת און פעלשט דעם עיקר ציל פון די וואַלן. אויך ביי פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן קומען ניט צום אויסדרוק אַלע מיינונגען וואָס זענען פאַראַן אין פאָלק. אַזאַ זאַך איז מעגלעך, און דאָס אויך נאָר טעאָרעטיש, נאָר אין אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון גאַנצן

פאָלק, ווען יעדער בירגער קען לאָזן הערן זיין שטימע אויף אַ דירעקטן אופן. אין אַ רעזשים פון רעפּרעזענטאַנץ זענען די ווילער געצוווּנגען צו פאַרטושן זייערע פּערזענלעכע נייגונגען אויף אַ גאַנצער ריי געביטן און שטימען נאָר לויט מער פאַרלאַגעמיינערטע לאָזונגען. דער פאָרטרעטער וועלכער ווערט געוויילט דורך פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן דריקט אויס זיין פּערזענלעכע מיינונג אָדער די מיינונג פון זיין פראַקציע, אָבער בשום אופן ניט די מיינונג פון די טויזנטער ווילער, וועלכע האָבן געשטימט פאַר דער אַלגעמיינער ליסטע און ניט פאַר אַ באַשטימטן און באַקאַנטן יחיד.

דער אמתער און אורשפּרינגלעכער צוועק פון די וואַלן אין אַ רעפּרעזענטאַטיוון רעזשים (און חוץ וויניקע קאַנטאָנען אין דער שווייץ איז ניט פאַראַן היינט קיין דירעקטע באַטייליקונג פון פאָלק אין דער מאַכט, ווי עס איז געווען אין דער גריכישער דעמאָקראַטיע) איז בעיקר צו דעצידירן צווישן צוויי אַלטערנאַטיוון וועלכע וועלן פאָרגעשלאָגן דעם פאָלק, בכדי אויפצושטעלן אַ סטאַבילע רעגירונג און אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אָפּאָזיציע. און דאָס קען געשען נאָר אין אַ צוויי־פּאַרטייען רעזשים און ביי וואַלן לויט באַצירקן און געוויינלעכער מערהייט.

מאָדערנע און סטאַבילע מדינות, אַפילו ווען זיי נעמען אָן דעם סיסטעם פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן אין אַ פיל־פּאַרטייען רעזשים, קענען ניט פונדעסטוועגן די לעכערלעכע און אויפגעבלאָזענע פראַקציאָנירונג וואָס עקסיסטירט אין ישראל. צוויי טויזנט יאָר פון אַ לעבן פון אָפּהענגיקייט אין דער פרעמד, אָן שטאַטלעכער אחריות, אָן זעלבשטענדיקייט, ווערן ניט אָפּגעמעקט מיט איין מאָל דורך דער פּראָקלאַמירונג פון סואווערעניטעט. דער סוד פון דעם דערפאָלג פון דער סטאַביליטעט פון דער מדינה ליגט ניט אין איר אויסערלעכער ראַם און אין דעם פאַקטאָר פון מאַכט וואָס שטייט צו איר רשות, נייערט אין דעם שטאַטלעכן חוש וואָס איז איינגעפּלאַנצט אינעם פאָלק; אין דער מלוכהשער אחריות וואָס צאַפּלט אין האַרץ פון די בירגער; אין אינערלעכן צעמענט וואָס האַלט זיי אויף, אין דעם קעגנזייטיקן צוטרוי און דרך־ארץ פון כלל צום פרט און פאַרקערט; אין דער פעאיקייט צו קענען האַרמאָניזירן די מחשבה מיט דער טאַט וואָס איז איינגעקריצט אין אונדזער פאָלק: בקיצור, אין דער שטאַטלעכער פעאיקייט. די דאָזיקע פעאיקייט אָדער זי פעלט אָדער זי איז שלעכט אַנטוויקלט ביי אַ פאָלק וואָס לעבט הונדערטער יאָרן אין דער פרעמד, אָן זעלבשטענדיקייט, אָפּהענגיק פון פרעמדע. דאָס יידישע פאָלק, וועלכע האָט מיינסטנס געלעבט אין אַ פיינטלעכער סביבה האָט זיך צוגעוווינט צו באַציען זיך צו דער מדינה און אירע געזעצן מיט חשד און קעגנערשאַפט. די פּאַרטייאישע צעשפּליטערונג איז נאָר איינע פון די אַנטפּלעקונגען, הגם פון די סאַמע געפערלעכסטע, פון דעם פעלן אין דעם יידישן פאָלק פון שטאַטלעכן חוש און מלוכהשע געוווינהייטן. מדינת ישראל האָט באַן די דאָזיקע שטרויכלונג ניט באַזיגט.

נאָך אַ פאַקטאָר, אפשר אַ סך אַ טיפערער, פאַרן פעלן פון ייִדישער אייניקייט איז דער טיפער איינבראָך, וואָס איז אַנטשטאַנען אָנהייב 19טן יאָרהונדערט אין דער פעסטונג פון רעליגיע און דאָס ייִדישע פאָלק האָט זיך צעטיילט אין א לאַגער פון רעליגיעזע און פרומע און אין אַ לאַגער פון פרייע. אַלע פריערדיקע עליות קיין ארץ־ישראל, ביז 1880, זענען געקומען פון די פרומע קרייזן און זייער ציל איז דער עיקר געווען אַ רעליגיעזער. אויך דער יסוד פאַר דער „מוטער פון די קאָלאָניעס" איז געלייגט געוואָרן דורך פּיאָנערן פון רעליגיעזן ייִדנטום פון ירושלים און אונגאַרן. פון די יאָרן 1880 און ווייטער, האָט די איבערהאַנט אין דער עליה גענומען דער ניט־רעליגיעזער עלעמענט. די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסיע אין געשטאַלט פון חסידיזם און די פרומע פון פראַנקפורט האָבן אַפילו געפירט אַן אָנגריף־קאַמף אויף חיבת־ציון און ציוניזם, ווייל זיי האָבן געזען אין דעם ציוניסטישן ווערק אַן אפּיקורסישן אויפטו, וואָס שטעלט זיך קעגן דעם גלויבן אין משיחן און איז מחלל די קדושה פון לאַנד, ניט געקוקט אויפן פאַקט, וואָס די קרייזן פון חיבת־ציון און פון ציוניזם האָבן אין זייער מיט געהאַט רבנים און אָנזעעוודיקע תלמידי־חכמים און עס איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ רעליגיעזע פראַקציע אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „מזרחי". דער עקסטרעם רעליגיעזער ישוב אין לאַנד האָט זיך איזאָלירט און דערווייטערט פון דעם נייעם „ציוניסטישן" ישוב, אויך פון דעם רעליגיעזן טייל זיינעם, און האָט זיך ניט באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזירונג פון ישוב. ער האָט מחרים געווען די כנסת ישראל, ניט אָנגעקומען צום ראַבינאַט, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן לויט די פאָרשריפטן פון דער כנסת געשאַפן דורך דער מאַנדאַטן־מאַכט. די אויסזיכטן פאַר אַ מדינה האָבן אַביסל דערנענטערט זייערע הערצער און איין צווייג פון דער עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע אָרגאַניזירט אין „אגודת־ישראל" און „פועלי אגודת־ישראל" האָט געגעבן זיין צושטימונג צום אויפשטעל פון דער מדינה, האָט געחתמעט די זעלבשטענדיקייט־דעקלאַראַציע און האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג און נאָך דעם אויך אין דער אויסגעוויילטער רעגירונג. דער עקסטרעמער פליגל מיטן נאָמען „נטורי קרתא" און באַשטימטע טיילן פון אגודת־ישראל אין חוץ־לארץ זענען ניט משלים ביז היינטיקן טאָג מיטן אויפקום פון דער מדינה.

די צעשפּליטערונג און מיינונג־פאַרשיידנקייטן אין די פראַגן פון אמונה און גלויבן האָט אַוועקגעשטעלטביידע צדדים — די רעליגיעזע און פרייע וואָס באַגערן די עקסיסטענץ פון דער מדינה — פאַר אַ פליכט פון איינפאַרשטיין זיך איינער מיטן אנדערן און אָנערקענען די געפילן און אָנשויאונגען פון יעדן צד און באַציען זיך איינער צום צווייטן ניט נאָר מיט טאָלעראַנץ נאָר אויך מיט דרך־ארץ און קעגנזייטיקן צוטרוי. עס איז באַקוועם פאַר יעדן צד צו וועלן אַז אַלע זאָלן זיין ווי ער. ביי אַ טאָטאַליטאַרן רעזשים ווערט

עס געמאַכט מיט דער הילף פון אינקוויזיציע אָדער אבסאָלוטער דיקטאטור. ישראל איז אַ דעמאָקראטישע מדינה און וועט ניט אָנהאַלטן איר עקזיסטענץ אָן אַ דעמאָקראטישן רעזשים געבויט אויף דער פרייהייט און פרייער באַ־שטימונג פון אירע איינוווינער. עס זענען פאַראַן פרומע וואָס גלייבן מיטן פולן האַרץ, אַז עס וועט קומען אַ טאָג און הקדוש־ברוך־הוא וועט רייניקן דאָס האַרץ פון פאָלק און יעדער ייד וועט ווערן אַ גלייביקער און אַ מאמין ווי זיי. און ס׳זענען דאָ פריידענקער, וואָס זענען זיכער אַז די צייט וועט מאַכן וואָס דער שכל האָט ניט באַוויזן צו מאַכן, און אַז אין דער צוקונפט וועלן אַלע זיין אַזוי ווי זיי. קיין שום מענטש ווייסט ניט ווען עס וועט גע־שען דער וווּנדער פון אַן איינהייטלעכער מיינונג אין דעם יידנטום. די מדינה איז מחויב צו ווירקן אין אַ קאָנקרעטער ווירקלעכקייט, וואָס קען נאָך דויערן אַ סך יאָרן. און דווקא אָט די יאָרן זענען די דעצידירנדיקע וואָס באַשטימען דעם גורל פון פאָלק און די צוקונפט פון דער מדינה. מען דאַרף אויך באַטראַכטן די חלוקי־דעות אויפן שטח פון גייסטיקייט. דווקא דאָ זענען די אונטערשיידן פאַרטיפט ביזן תהום, ווייל זיי רירן אָן דעם סאַמע שורש, פון וועלכן ביידע צדדים ציען זייער יניקה. און ביידע צדדים זענען איבערצייגט אַז זיי זענען טריי די מקורות פון יידישקייט און אירע וואָרצלען לויט זייער באַנעם. עס עקזיסטירט ניט פאַר זיי קיין העכערער בית־דין וואָס זאָל דעצידירן צווישן זיי. קיינער פון זיי וועט אויך ניט צוגעבן דעם צווייטן קיין רעכט אַפילו ווען עס וואָלט געווען אַזאַ געריכט. בלייבט נאָר, אַז ביידע זאָלן לעבן צוזאַמען און בויען צוזאַמען דאָס פאָלק און די מדינה און קיינער זאָל ניט אַרויפצווינגען זיין מיינונג אויפן אַנדערן.

די זעלבשטענדיקייט ־ דעקלאַראַציע, וואָס איז געחתמעט געוואָרן פון די פירער פון דער „אגודה“, „פועלי אגודת־ישראל“, „מזרחי“ און „הפועל המזרחי“, רעדט צווישן אַנדערע זאַכן וועגן „פרייהייט פון גלויבן און גע־וויסן“. דער דאָזיקער פרינציפּ האָט געצילט צו פאַרזיכערן אַלע פרומע יידן די פולע מעגלעכקייט צו לעבן לויט זייער רעליגיעזן באַוווּסטזיין און יעדן אַנדערן יידן לויט זיין וועג. די מדינה, מיט אַלע אירע געענדערטע רעגירונ־גען ביז איצט, האָט זיך מתחייב געווען צו באַזאָרגן אַלע רעליגיעזע קאָלעק־טיווע הצטרכותן פון אירע איינוווינער און צו באַזייטיקן יעדן צוואַנג אין פראַגן פון רעליגיע. דער פאַרשטענדלעכער, ערלעכער און לאָגישער אופן איז, אַז יעדער צד זאָל נאָכלאָזן פון זיין מיינונג און דאָס איז טאַקע דורך זיי אָנגענומען געוואָרן. אָבער די אבסטראַקטע פאָרמולירונג פון אַ פרינציפּ און זיין פּראַקטישע דורכפירונג זענען צוויי פאַרשיידענע זאַכן, באַזונדער ווען עס קומט פאַר אַ געראַנגל פון טענדענצן און שטרעמונגען, וואָס באַקעמפן זיך און עס עקסיסטירט ניט דער קעגנזייטיקער רעספּעקט, צוטרוי און געדולד פון אַ פאַראייניקטן און קאָנצענטרירטן פאָלק.

די ערשטע אויסגעוויילטע רעגירונג, וואָס האָט איינגעשלאָסן אין זיך

דעם „רעליגיעזן פראָנט" („אגודת ישראל", „פועלי אגודת ישראל", „מזרחי" און „הפועל המזרחי") האָט באַשטימט, מיט דער הסכמה פון דעם „פראָנט", לויט די הויפּט־ליניעס פון איר פּראָגראַם, „פולשטענדיקע גלייכקייט פאַר דער פרוי, גלייכקייט פון רעכטן און פליכטן אין לעבן פון לאַנד, אין דער געזעלשאַפט און אין דער ווירטשאַפט און אין אַלע געזעצלעכע פּאָזיציעס". דאָס פאַרווירקלעכן פון דעם פּרינציפּ האָט זיך פּאַקטיש אָנגעטראָפן אויף דער קעגנערשאַפט פון די רעליגיעזע פּאַרטייען, וועלכע זענען טעאָרעטיש מסכים געווען מיט אים. אויך די פאַרווירקלעכונג פון דעם גרונט־פּרינציפּ פון געוויסן־פרייהייט, קעגן וועלכן קיין שום רעליגיעזער צד האָט גאָרניט אויסגעזעצט עפנטלעך, האָט זיך אין דער פּראַקטיק אָנגעטראָפן אויף דער טיפער באַהאַלטענער קעגנערשאַפט, וואָס ליגט אין די טענדענצן און שטרעבונגען פון די רעליגיעזע פּאַרטייען. די עצם־עקזיסטענץ פון אַ רעליגיעזער פּאַרטיי טראָגט אין זיך, ביודעים אָדער בלא יודעים, אַ באַגער דורכצוזעצן די רעליגיעזע געזעצן אין די רבנישע אינסטיטוציעס אין דער מדינה. די פרייהייט פון גלויבן און געוויסן וואָס די רעליגיעזע פּאַרטיי פּאָדערט פאַר זיך איז זי ניט גרייט אָדער ניט מסוגל צו שענקען אויך צו אַנדערע. דאָס איז ניט די שטעלונג פון יעדן רעליגיעזן יידן. ס'רוב רעליגיעזע און טראַדיציאָנעלע יידן האָבן ניט ליב די רעליגיעזע פּאַרטייען. **דער רוב פון רעליגיעזן יידנטום אין לאַנד געפינט זיך** מחוץ **פון די רעליגיעזע פּאַרטייען.** די שטרייט־ליניע צווישן דער רעליגיעזער פּאַרטיי און אַן אַנדער פּאַרטיי איז ניט די פּערזענלעכע פרומקייט פון אירע רעליגיעזע מיטגלידער. מחוץ פון די דאָזיקע פּאַרטייען געפינט זיך אַ רעליגיעזער ציבור וואָס שטייגט איבער די מיטגלידער פון די רעליגיעזע פּאַרטייען, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן ביי די וואַלן צו דער ערשטער און צווייטער כנסת. צו די וואַלן פון דער ערשטער כנסת זענען אַרויפגעשוווּמען, חוץ דעם „רעליגיעזן פראָנט" נאָך 3 רעליגיעזע ליסטעס. אַלע פיר צוזאַמען האָבן באַקומען נאָר 13,4 פּראָצ. פון די שטימען, נאָכן אָפּרעכענען די אַראַבישע שטימען. עס איז נישטאָ קיין שום יסוד צו נאָכצוגעבן באמת, אז נאָר אַן אַכטל פון די דערוואַקסענע יידן, אָנהייב 1949, האָבן געשטימט מיטן טראַדיציאָנעלן יידנטום. ביי די וואַלן צו דער צווייטער כנסת זענען דערשינען פינף רעליגיעזע ליסטעס: די פיר פּאַרטייען וואָס זענען פריער געווען איינגעשלאָסן אין דעם רעליגיעזן פראָנט האָבן זיך אָפּגעטיילט און יעדע איינע איז דערשינען באַזונדער. צו זיי איז צוגעקומען די ליסטע מיטן נאָמען „אמוני ישראל". די דאָזיקע וואַלן זענען פאָרגעקומען אין יולי 1951, נאָך דעם ווי אין לאַנד האָט אַריינגעשטראָמט אַ גרויסע עליה־כוואַליע, ס'רוב פון די עדהס פון מזרח, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי געהערט צום טראַדיציאָנעלן יידנטום. און ווידער, נאָכן אַראָפּרעכענען די אַראַבישע שטימען, האָבן אַלע פינף רעליגיעזע ליסטעס באַקומען נאָר 12,9 פּראָצענט פון

די שטימען. עס איז ניט קיין ספק, אַז דער פּראָצענט פון טראַדיציאָנעלן יידנטום אין דער מדינה איז געוואָקסן אויף אַ קענטיקן אופן אין דעם פּעריאָד וואָס צווישן די ערשטע און צווייטע וואלן. ניט געקוקט אויף דעם איז דער פּראָצענט פון די רעליגיעזע פּאַרטייען ניט נאָר ניט געשטיגן נאָר אַפילו טיילווייז געפאלן. אָבער ביי דעם צושטאנד פון דער איבעריקער פּאָליטישער צעשפּליטערונג פון ישראל — אין דער צווייטער כנסת געפינען זיך 12 יידישע פראקציעס — האָט איטלעכע קליינע פראַקציע אַ באַדייטנדיקע וואָג. די קלענסטע פראקציע איז עלול איבערצוקערן דאָס צינגל פון דער וואָגשאָל, און זי ווייסט אויסצונוצן דעם דאָזיקן כוח. למען האמת דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז די שאַרפקייט פון דעם פּראָבלעם ליגט ניט נאָר אין דער פּאַרטיי־צעשפּליטערונג, נייערט אין דער עצם קעגנזעצלעכקייט צווישן די צווי פּאַר־שיידענע אָנשויאונגען איבער דעם יסוד פון יידישקייט און צווישן די צווי קעגנזעצלעכע איינשטעלונגען בנוגע דער געשטאלטונג פון יידישן פאָלק און פון מדינת־ישראל.

פון איין זייט די אמונה אין דער תורה מן השמים, אַלע דינים פון שולחן ערוך, די שטרענגע פאָרגעשריבענע מנהגים הלכה למשה מסיני און די באַ־האַלטענע אָדער אָפענע שטרעבונג אַרויפצוצווינגען די געזעצן פון דער תורה ווי זיי זענען אויסגעטייטשט דורך דעם „ראט פון די גדולי התורה" פון דער „אגודה", אָדער דורך די אָנפירער פון ראַבינאט פון „מזרחי" אויף דער מדינה און אויף יעדן בירגער פון ישראל. פון דער צווייטער זייט דער גלויבן אין פרייהייט פון געוויסן און אין דער רעכט פון יעדן מענטש צו טראַכטן, רעדן און האנדלען לויט זיין איבערצייגונג, כל־זמן ער שעדיקט ניט די רעכט פון אַנדערע און די מדינה. צווישן די פאָדערערס פון טעאָרעטישער און פּראַק־טישער פרייהייט פון געוויסן און גלויבן און קעגנער פון דער טענדענץ פון די רעליגיעזע פאַרטייען אַרויפצווינגען מיטן כוח פון דער מדינה די רעליגיעזע מנהגים און די רבנישע יוסטיץ, געפינען זיך ניט נאָר פריי־דענקנדיקע וואָס זען אין אַזאַ דאָמינירונג אַן אונטערדריקונג פון געוויסן, נאָר אויך אַ סך טראַדיציאָנעלע און רעליגיעזע יידן וואָס זענען אַליין מקיים אַלע דינים פון „שולחן ערוך" און היטן אָפּ אַלע מצוות פון דער תורה. זיי זעען אין דער טענדענץ פון פארוואנדלען די רעליגיע אין אַ פּאָליטיש געווער און אין דעם פּרווו צו אימפּאָנירן רעליגיעזע מנהגים מיטן כוח פון דער מדינה אַ מאָראַ־לישע שעדיקונג פון דער מדינה און אַ דעגענעראציע פון דעם גייסט פון יידישקייט. זיי זענען קעגן דער אָרגאַניזירונג פון פאַרטייען אויפן יסוד פון רעליגיע און באַטראַכטן אַזאַ אָרגאַניזאציע פאַר אַ גרויסן שאָדן פאַר דער אמונה צווישן פאָלק. זיי באַטראַכטן די פּאָליטיזירונג פון רבנות און דאָס פאַרוואַנדלען דעם אומיטלבארן בונד, שבין אדם למקום, אין אַ פּאָליטישן משא־ומתן און פאַרטייאישע מאנעווערס, אַ פאַרלעצונג פון דער מלוכה און פון גלויבן. אַ סך גלייבן פּשוט אין דעם וואָס אונדזערע אַמאָליקע חכמים

האָבן געהאַלטן, אַז „דער שבת איז א יי ד געגעבן געוואָרן און ניט איר זייט געגעבן געוואָרן דעם שבת" און זיי ווילן, אַז די מדינה זאָל זיך באַגרע־נעצן נאָר און אויסשליסלעך מיט ענינים שבין אדם לחברו.

דער רעליגיעזער וויכוח אין ישראל האָט זיך קאָמפּליצירט צוליב דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון דער יידישער רעליגיע. דאָס רעליגיעזע פּראָ־בלעם אין ישראל איז ניט גלייך צו דער פראַגע פון קירכע און שטאַט אין די קריסטלעכע לענדער. דער יידישער גלויבן איז גרונטיק פאַרשיידן פון דעם קריסטלעכן גלויבן. די יידישע רעליגיע באַנוגנט זיך ניט מיט אַבסטראַקטע רעליגיעזע פּרינציפּן, נאָר באַזירט זיך אויך אויף מצוות עשה ולא תעשה, וואָס בינדן דאָס גאַנצע לעבן פון ייד פון דער מינוט ווען ער ווערט געבוירן (און נאָך פריער) ביז ער שטאַרבט און מען איז אים מקבר. עס בלייבט ניט קיין שום נייטראַלער געביט מחוץ פון די רעליגיעזע פליכטן. פון דער אַנ־דערער זייט איז די יידישע רעליגיע אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע רעליגיע, וואָס האָט איינגעזאַפּט דעם גאַנצן היסטאָרישן אינהאַלט פון יידישן פאָלק פון זינט זיין אנטשטייאונג ביזן היינטיקן טאָג. עס איז גאַרניט לייכט אָפּצוטיילן די נאַציאָנאַלע זייט פון דער רעליגיעזער.

די פאַרשמעלצונג פון דעם רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן גרונט־געדאַנק איז ניט קיין נייס אין אונדזער געשיכטע, אַזוי אין יענע צייטן ווי אַצינד. צום בעסטן זענען באַצייכנט די צוויי מקורות וועגן דעם אָפּשטאַם פון אונדזער פאָלק אין אונדזער אַלטער ליטעראַטור. איין מקור איז דער געמיינזאַמער אָפּשטאַם פון אברהם אבינו און בני ישראל (אָדער בני יעקב). דער צווייטער מקור איז דער בונד, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן גאָט און זיין קנעכט, משה, און דעם פאָלק: „גאָט אונדזער האר האָט געשלאָסן אַ בונד מיט אונדז אין חורב. ניט מיט אונדזערע עלטערן האָט גאָט געשלאָסן דעם דאָ־זיקן בונד, נייערט מיט אונדז, מיר, אָט־די וואָס זענען דאָ היינט אַלע לעבעדיקע". (דברים ה' 2־3).

ווען מען זאָל אַפילו אין ישראל אָננעמען די באַקוועמע לייזונג דורך אָפּטיילן רעליגיע פון שטאַט לויטן מוסטער פון אַמעריקע, וואָס איז אַ רע־זולטאַט ניט פון אַנטי־רעליגיעזע אַרגומענטן, נאָר דווקא פאַרקערט, צוליב דעם פאַרבאָרגענעם פלאַם פון רעליגיע און צוליב אַ ווילן צו פאַרזיכערן איטלעכן בירגער די פולע רעליגיעזע פרייהייט — וואָלט עס אויך ניט גע־ווען קיין לייזונג פון דעם פּראָבלעם אין ישראל. די יידישע יום־טובים האָבן אַ טאָפּלטן באַדייט — אַ רעליגיעז־קאָסמישן און אַ נאַציאָנאַל־היסטאָרישן. פאַר שבת־רו זענען אין דער תורה אָנגעגעבן צוויי אַרגומענטן, אַ סאָציאַלער — „כדי עס זאָל רוען דיין אָקס און דיין אייזל און עס זאָל אָפּעטעמען דער זון פון דיין דינסט און דער פרעמדער" (שמות, כ"ג י"ב). און ווידער „אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו גאָט דיין האַר, זאָלסטו ניט טאָן קיין מלאכה, דו און דיין זון, און דיין טאָכטער, און דיין קנעכט, און דיין דינסט,

און דיין אָקס, און דיין אייזל, און אַלע דיינע בהמות, און דער פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן, כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלן רוען אַזוי ווי דו״ (דברים ה׳, י״ד); און האָט אויך אַ רעליגיעז־קאָסמאָלאָגישן אַרגומענט: „וואָרעם זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, דעם ים און אַלץ וואָס אין זיי, און אויפן זיבעטן טאָג ער גערוט; דערום האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג פון שבת און האָט אים געהייליקט״. (שמות כ׳, י״א). מען מוז ניט דווקא זיין קיין פרומער ייד כדי צו באַנעמען דעם טיפן זין פון שבת און פון די יידישע יום־טובים ווי רו־טעג און היסטאָרישע פייערונגען, וואָס האָבן אויפגעהאלטן דעם יידישן ווילן און די היסטאָרישע פאַרבונדנקייט פון אונדזער קאָלעקטיוון לעבן. אויך די יום־טובים פסח, שבועות און סוכות האָבן אַ היסטאָרישן און אַ נאַטור־רעליגיעזן באַדייט. פסח איז דער יום־טוב פון פרילינג און פון יציאת־מצרים. שבועות איז דער יום טוב פון מתן־תורה און פון בכורים, דערצו האָט ער נאָך אויך אַ סאָציאַלן מאָטיוו „און זאָלסט מאַכן דעם יום־טוב פון שבועות, און זאָלסט זיך פרייען פאַר גאָט דיין האַר, דו און דיין זון און דיין טאָכטער, און דיין קנעכט און דיין דינסט, און דער לוי וואָס אין דיינע טויערן און דער פרעמדער, און דער יתום און די אלמנה וואָס צווישן דיר, און זאָלסט געדענקען אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין מצרים (דברים ט״ז—י׳, י״א, י״ב). און סוכות איז דער יום טוב פון איינזאמלונג און אַ דערמאָנונג פון די מדבר וואַנדערונגען נאָך יציאת־מצרים: „כדי אייערע דור־דורות זאָלן וויסן, אַז אין ביידלעך האָב איך געמאַכט זיצן די קינדער פון ישראל, ווען איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים״ (ויקרא כ״ג, מ״ג). און דאָס איז ניט נאָר אַ פראַגע פון יום־טובים. די יידישע שעפערישקייט פון משה רבנו ביז דער שפּאַנישער עפּאָכע איז געווען פולשטענדיק פאַרדעקט מיט אַ רעליגיעזן לבוש. אויך דער וואָס פאַרהייליקט ניט דעם דאָזיקן לבוש קען ניט מוותר זיין אויף אָט־דער אייביקער שעפערישקייט. די שריפטן וואָס זענען געשאַפן און געהייליקט געוואָרן אין ישראל האָבן איבערגעלאָזט פאַרן יידישן פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט רעליגיעזע און מאָראַלישע ווערטן, וואָס האָבן ניט קיין גלייכן צו זיך מיט זייער נאַציאָנאַלער און אוניווערסאַלער וויזיע לאַחרית הימים, וואָס זיי טראָגן אין זיך כדי צו באַלייכטן די פינצטערניש פון מענטשלעכן לעבן און אַרויספירן דעם מענטש און די מענטשלעכע געזעלשאַפט אויף די וועגן פון גערעכטיקייט און פרידן, חסד און אמת.

די מענטשן פון די רעליגיעזע פּאַרטייען, צוליב רעליגיעזן באַוווסטזיין אָדער אַנדערע אַרגומענטן, באַנוגענען זיך ניט מיט דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער זייט פון שבת און יידישע יום טובים, זיי נעמען אויך ניט אָן דעם היסטאָרישן ווערט פון דעם תנ״ך און פון דער ליטעראַטור פון תלמוד, מדרש און הלכה. פאַר זיי איז ניט פאַראַן קיין פריער און קיין שפּעטער אין

ד'ער תורה. די שאַפונגען פון די פוסקים אַחרונים ווי די פירושים פון די היינטיקע רבנים זענען פאַר זיי הלכה למשה מסיני.

דער דאָזיקער פאַרטיפטער וויכוח האָט ניט פאַרמאָגט קיין פּאָליטישן אינהאַלט און ניט די שאַרפקייט פאַרן אנטשטיין פון דער מדינה. דאָס יידישע פאָלק האָט ניט געהאַט קיין רעגירנדיקן כוח און מיט דעם כוח פון אַ פרעמדער רעגירונג איז ניט געווען לייכט אַרויפצוצווינגען די רעליגיעזע דינים אויף די יידן, וועלכע האָבן ניט געהאלטן פון די דאָזיקע דינים. דווקא מיטן אויפקום פון דער מדינה איז געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט אַרויפצוּוואַרפן די רעליגיעזע דינים און תורת ישראל אויף אַלע יידן פון דער מדינה לויט דער אויסטייטשונג פון די מיטגלידער פון די רעליגיעזע פאַרטייען. אמת, עס איז געגעבן געוואָרן אַ בפירושע גאַראַנטיע (אויך אין דער זעלבשטענדיקייט - דעקלאַראַציע און אויך אין דער אויטאָריזירטער אַרבעט־פּראָגראַם פון דער ישראל־רעגירונג) צו רעספּעקטירן געוויסן־פרייהייט און באַזייטיקן יעדן רעליגיעזן צוואַנג. די עקסיסטענץ פון דער רעליגיעזער פּאַרטיי — אַ פּאַרטיי אין דער מדינה איז קודם כל אַן אינסטרומענט פון מאַכט — אין עלול ביודעים ובלא יודעים, אויפצוצווינגען רעליגיע אין לאַנד. די דעקלאַראַציעס און גאַראַנטיעס, וועלכע האָבן געבראַכט צו אַ הסכם, ליידן פון כל המינים פירושים.

די פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון דער מדינה האָט אויטאָריזירט אַלע געזעצן פון דער מאַנדאַטן־מאַכט, חוץ די געזעצן פון דעם „ווייסבוך". אין אָט־דער גוטהייסונג איז געגעבן געוואָרן אויטאָריטעטע רעכט דעם משרד הרבנות, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך דער מאַנדאַטן־ממשלה אין דער ראם פון דער כנסת ישראל. די דאָזיקע קערפּערשאַפט האָט באַקומען אויטאָריזאַציע אַרויסצוטראָגן אורטיילן אין פּריוואַטע ענינים. די מאַנדאַטן־מאַכט האָט געגעבן דערלויבעניש די יידן וואָס האָבן עס געוואָלט, אָפּצוזאָגן זיך פון דער אויטאָריטעט פון ראַבינאַט און פון זייער אָנשלוס אין כנסת ישראל.

אין מדינת־ישראל זענען פאַראַן פּראָטעסטן קעגן דער דאָזיקער רעגירונג מצד צוויי עקסטרעמען. פאַראַן אַנהענגער פון צוטיילן מלוכה־רעכט דעם משרד הרבנות און אונטערוואַרפן צו געהאָרכזאַמקייט די בירגער וואָס אָנערקענען ניט די רבנישע אויטאָריטעט און וואַרפן זיך ניט אונטער זייער משפט, און פאַראַן אַנהענגער פון אָפּגרענעצן די רבנים פון די רעגירונג־געזעצן און אַז זיי זאָלן זיין אונטערגעוואָרפן דער מלוכה־אויטאָריטעט. פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס נעמען גערן אָן ניט נאָר דעם רבנישן אורטייל דורך דער רעגירונג, נאָר זיי ווילן נאָך די דאָזיקע יוסטיץ־רעכט אויסברייטערן וויפל עס לאָזט זיך נאָר. דערצו ווילן זיי נאָך באַפרייען דעם משרד הרבנות פון פליכטן צו דער מדינה און אירע געזעצגעבערישע אינסטיטוציעס, און שטרעבן אַוועקצושטעלן די רבנים איבער דער מדינה און אירע קערפּערשאַפטן.

די איצטיקע נאָרמע איז די פרוכט פון פשרה, ביי וועלכער מען דאַרף ניט, פאַרשטענדלעך, אַוועקלייגן אַלע מיינונגען ווי עס פירט זיך ביי אַ פשרה. דער דאָזיקער קאָמפּראָמיס איז אָנגענומען געוואָרן כדי צו פאַר־מיידן אַ רעליגיע־קריג, סיי אַ קריג פאַר רעליגיע און סיי אַ שטרייט אין דער רעליגיע, וואָס האָט געקענט שוועך טרעפן דעם מיזוג־גלויות, וואָס איז די הויפּט אויפגאַבע פון דער מדינה. די דויערהאַפטיקייט פון דער פשרה איז אָפּהענגיק פון דער מאָס פון טאָלעראַנץ און קעגנזייטיקן רעספּעקט, וואָס די קעגנזעצלעכע צדדים אין זייער בליק אויף פראַגן פון רעליגיע און גייסט וועלן אַרויסווייזן לטובת דער געמיינזאַמער אהבת ישראל. געבן אַ מלוכה־פּאָזיציע דעם משרד הרבנות אין דער מדינה וואָס האָט זיך מתחייב געווען פאַר פרייהייט פון געוויסן און גלויבן; וו עס זענען פאַראַן רעליגיעזע פּאַרטייען וואָס שטרעבן צו אַ רעליגיעזן רעזשים; וו עס זענען אויך דאָ אָנהענגער פון טראַדיציע און פרומע יידן וואָס זענען קעגן אַ רעליגיעזער העגעמאָניע; און אַ גרויסע מאַסע פריידענקענדיקע — אַזאַ פּאָזיציע איז אַ דערנער־פעלד ווו דער גאַנג איז ניט באַוואָרנט פון שטרויכלונגען און געפאַרן. אַזאַ סטאַטוס וואָלט געוועז ריכטיק דעמאָלט ווען די פּאַראינטערע־סירטע אין זיין עקסיסטענץ זאָלן נעמען אויף זיך געדן און מיט צוטרוי סיי די אויטאָריטעט און סיי די באַגרעניצונג וואָס זענען מיט דעם פאַרבונדן. יעדע רעכט ווערט באַגלייט פון אַ פליכט. און מלוכה־רעכט איז מחייב. דער משרד הרבנות דאַרף ניט אָפּרייסן זיך פון דעם אַרבעט־שטח וואָס מען האָט פאַר אים באַשטימט און ער דאַרף זיך ניט אַריינמישן אין ענינים וואָס דאָס געזעץ האָט ניט איבערגעגעבן צו זיין אורטייל. ווי באַלד דאָס ביוראָ פון ראַבינאַט נעמט ניט אויף זיך אָן רעזערוואַציעס דעם עול פון דער מדינה און אירע געזעצן, קען עס אויך ניט פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט מחייב זיין די וואָס אָנערקענען כלל ניט אַ פריאָרי דעם רבנישן פסק־דין.

דאָס מענטשלעכע געוויסן, דער רעליגיעזער אָדער מאָראַלישער באַ־וווסטזיין, איז שטאַרקער פון דעם כוח פון געזעץ, אויב ער איז ניט נאָר ניט קיין דעקמאַנטל אָדער תירוץ פאַר פערזענלעכע אינטערעסן, נאָר שטעלט זיך אין דינסט אויסשליסלעך פאַר אַ געהייליקטן צוועק אין דער געזעל־שאַפט אָדער אמונה. ווער אָבער עס האַנדלט לויט זיין געוויסן קעגן די גע־זעצן פון לאַנד מוז נעמען אויף זיך די רעזולטאַטן און קאָנסעקווענצן, מיינסטנס שטראָפן וואָס זענען די זעלבסטפאַרטיידיקונג־מיטלען פון דער מדינה, פון איר אויטאָריטעט און געזעץ. בכל־אופן האָט ער ניט קיין רעכט צו בעטן ביי דער מדינה די אויטאָריזאַציע אָנצוואַרפן זיין ווילן אויף אַנדערע קעגן זייער געוויסן.

די נייגונגען וואָס אַנטפּלעקן זיך דאָ און דאָרט ביי די רעליגיעזע פּאַרטייען און ביי דעם ראַבינאַט־ביוראָ גופא אַוועקצושטעלן די דאָזיקע קער־פּערשאַפט איבער דער מדינה, און זי זאָל פּסקענען אין שאלות פון געזעץ

און משפט פון דער מדינה אָדער אין פּאַרטייאישע וויכוחים, די דאָזיקע נייגונגען גראָבן אונטער דעם פונדאַמענט פון דער אַנגענומענער פשרה און זענען עלול איבערצוענטפערן דעם נצחון אין די הענט פון די עקסטרעמען פון ביידע לאַגערן, וועלכע זענען, צוליב פאַרשיידענע און קעגנערישע טעמים, פאַראינטערעסירט אין אַ פולשטענדיקער און גענעראַלער סעפּאַרירונג צווישן די אינטערעסן פון דער מדינה און די רעליגיעזע ענינים. אייניקע ווילן געבן פולע פרייהייט די רבנים צו האנדלען לויט זייער ווילן אין אַלע פראַגן פון דער מדינה, אין דער באַשפּייזונג פון דער מדינה, איבערהויפּט די באַטיי־ליקונג אין דעם אינערלעכן פּאָליטישן שטרייט; און אָפּן צו שטיצן די אָדער אַן אַנדערע פּאַרטיי, געבן אינסטרוקציעס ווי אזוי צו שטימען און וועמען אויסצוקלייבן. אַנדערע ווילן געבן פולשטענדיקע פרייהייט צו איטלעכן בירגער, וואָס אָנערקענט ניט די אויטאָריטעט פון די רבנים, ניט זיי זאָלן אור־טיילן צווישן זיי, ניט אָנצונעמען זייער פסק־דין און ניט אונטערוואַרפן זיך אין קיין שום ענין וואָס איז נוגע אים, דעם בירגער. אַזאַ פרייע פּאָזיציע האָט איצט די „מועצת גדולי התורה" פון דער אגודת־ישראל, וועלכע פּאַסט זיך ניט אַריין אין דער געזעצלעכער ראַם פון דער מדינה. איר השפעה איז נאָר אַ מאָראַלישע און צו אירע מיינונגען הערן זיך צו נאָר די קרייזן וואָס וואַרפן זיך אונטער איר גייסטיקער דיסציפּלין.

דער דערפאָלג פון אַ פשרה איז אַ לעבנס־תנאי פאַר דער עקזיסטענץ פון יעדן קאָלעקטיוו, אָרגאַניזאַציע און מדינה. אויך אַן איינגעפונדעוועטע און קאָנסאָלידירטע מדינה האָט נייטיק הצלחהדיקע קאָמפּראָמיסן אין פראַגן וואָס פאָדערן ניט אַ באַלדיקע און אַנטגילטיקע דעציזיע. מדינת־ישראל איז אַ סך מער אָנגעוויזן צו אַזעלכע פשרות, זי זאָל ניט דאַרפן צוואַיילן מיט דעציזיעס וואָס זאָלן שווער טרעפן די נויטווענדיקע פאַרשמעלצונג פון די גלותן און באַשיצן די בשותפותדיקע מלוכה־אוצרות. ניט אַלע וויכוחים און ניט אַלע דעציזיעס איז מעגלעך און נייטיק צו באַזייטיקן, און קיין שום אבסטראַקטע כללים קענען ניט אָפּגרענעצן די געביטן פון דעציזיע און פשרה. עס איז אָבער קלאָר, אַז עס איז ניטאָ קיין שום מוז הייַנט צו דע־צידירן אין די פראַגן פון מיינונגען און איבערצייגונגען און אַז נאָך פאַר אַ לאַנגער צייט וועלן מיר אין דער פראַגע זיין מחולק. עס איז פאַראַן אַ מוקדם און אַ מאוחר אין דער געשיכטע און עס איז נייטיק אונטערצושיידן צווישן תמצית און פּריוואַליטעט, צווישן שטאַנדהאַפטיקייט און צופעליקייט, צווישן דויערהאַפטיקייט און פאַרגענגלעכקייט. אַ פשרהלאָזע פּאָלעמיק וועגן דער פּאָזיציע פון רעליגיע אין דער מדינה, אָדער פּרוואוון פון צוואַנג אין פראַגן פון רעליגיע זענען עלול צוצוגעבן שטאָף דער נאַציאָנאַלער צעשפּליטערונג, און אין בעסטן פאַל, באַשווערן דעם אינערלעכן פאַרשמעלצונג - פּראָצעס, וואָס איז פון וויטאַלער נויטווענדיקייט און דער הויפּט־באַדינג פאַר דער עקזיסטענץ פון דער מדינה.

**
*

די געשיכטע פון אַנדערע אומות באַווייזט ווי שווער און ווי לאַנג עס געדויערט דער נאַציאָנאַלער פאַרשמעלץ־פּראָצעס. צפון־אַמעריקע, וואָס איר באַפעלקערונג איז צוזאַמענגעשטעלט מיט אימיגראַציע־שטראָמען פון אַלע לענדער פון אייראָפּע און פון אַ טייל לענדער פון אַזיע מיט אַ צוגאָב פון די נעגערס, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן ווי שקלאַפן פון אַפריקע, איז פון שטאַנדפּונקט פון שמעלץ־טאָפּ געגליכן צו ישראל. נאָך הונדערט מיט אַכציק יאָר זינט דער מלחמה פאַר זעלבשטענדיקייט איז נאָך ביז היינט דער פאַר־שמעלץ־פּראָצעס ניט פאַרענדיקט. אויך אַ צאָל לענדער אין אייראָפּע, וואָס זענען כלומרשט איין היסטאָרישער אָרגאַניזם, ווי למשל, פראַנקרייך, ענג־לאַנד, דייטשלאַנד, שפּאַניע און איטאַליע, האָבן נייטיק געהאַט הונדערטער יאָרן ביז די פאַרשיידענע שבטים אין זייערע לענדער האָבן זיך פאַרשמעלצט אין איין פאָלק.

מדינת ישראל האָט נאָך ניט געהאַט קיין צייט־דויער פון הונדערטער יאָרן, אַזוי אַז די אויפגאַבן פון קיבוץ־גלויות און בנין הארץ, און נאָך מער די אויפגאַבן פון זיכערקייט, צווינגען אונדז דוחק צו זיין דעם קץ. אַן ערב־רב פון שבטים וואָס האָבן ניט קיין בשותפותדיקע שפּראַך, קאָלעק־טיווע אחריות, קיין קולטורעל ־ווירטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען און אָן קעגנזייטיקע באַציאונגען אין דעם געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן, ווערנדיק דערצויגן אין אַן אַנאַרכישן רעזשים פון אַ ים מיט פּאַרטייען, אָן שטאַטלעכע פאַרפליכטונגען, איז אַ ספק צי זיי וועלן מצליח זיין צו שטעלן זיך אין טאָג פון נויט, ווי מיר זענען געשטאַנען אין דער מלחמה פון באַ־פרייאונג און פּראָקלאַמירונג פון דער זעלבשטענדיקייט. און קיין מענטש ווייסט ניט ווען עס קען קומען דער צווייטער „יום פקודה". דער אי־בערפלוס פון אָפּאָזיציעס און צעטיילונגען האָט פערמענטירט צו אונדזער רעה. די לייזונג ליגט ניט אין רעזשים פון „איין שפּראַך און איין געדאַנק", אַ טאָטאַליטאַרער רעזשים, וואָס זאָל אַרויפצווינגען אויף יעדן איינוווינער אין לאַנד מיינונגען, טאַטן און אויפגאַבן און זאָל צונעמען ביי אים די פרייהייט פון געדאַנק, פרייהייט פון ווילן, די רעכט פון קריטיק און איינאָרדענען זיך לויט זיין ווילן. מדינת־ישראל וועט באַשטיין נאָר ווי אַ דעמאָקראַטישע מדינה. אָבער די מדינה וועט זיך אויך ניט דערהייבן אויב זי וועט ניט גובר זיין אַ ביסל שפּעטער די שטערונגען פון צעבראָקלונג און צעשפּליטערונג, דעם קריזיס אין דער מלוכה־אָנפירונג וואָס ווערט פאַרטרונקען אין דעם איבערפלוס פון פּאַרטייען, די סכנה פון דער קולטורעלער, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער דערווייטערונג צווישן די עדהס. און כל־זמן עס וועט אין דער פּראַקטיק ניט פאַרזיכערט ווערן פרייהייט פון געוויסן צו רעליגיעזע און

פריידענקער צוגלייך. אגב ליגט דער המשך פון יידישקייט־ווערטן אין לעבן פון פרט און כלל, לויט זיין גייסט, אין יעדן איינעם פון אונדז.

צוליב דעם איז נייטיק אַ מלוכה־דערציאונג, אַ מאָדערנער פּאַרלאַמענטאַרישער סיסטעם, אַ ווירטשאַפטלעכע — און קולטור־אָנשטרענגונג אויפצוריכטן די צוריקגעשטאַנענע עדהס דורך אַ מינימום פון נאַציאָנאַלער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער רעגולירונג און דורך אַ געזעץ, וואָס זאָל פאַרזיכערן צו פרומע, טראַדיציאָנעל־געשטימטע און פולע פריידענקער צו לעבן לויט זייער איבערצייגונג, אָן צוואַנג און באַליידיקונג פון געוויסן, אָפּהיטנדיק דערביי דעם יידישן דראַנג פון דער מדינה און פון יידישן פאָלק אין לאַנד.

***

דער איינציקער אינסטרומענט פאַר מלוכה־דערציאונג ביז איצט איז געווען — דאָס וועט אפשר אויסקומען מאָדנע אין די אויגן פון אַ סך — צבא־הגנה־לישראל. צוליב אַן אַספּעקט פון זיכערקייט־נויטן פון דער מדינה, וואָס איז אונטערגעוואָרפן אינערלעכע און אויסערלעכע באַדינגונגען איינציקאַרטיקע אין זייער מין, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף צה״ל צו דינען ניט נאָר ווי אַ טרייער מיליטערישער אינסטרומענט, נייערט אויך ווי אַ מלוכה־שול צו געבן דער יוגנט וואָס טרעט דאָרט אַריין די שפּראַך און לאַנד־ידיעות, יידישע געשיכטע, יסודות פון אַלגעמיינער דערציאונג, ריינלעכקייט, אָרדענונג און ליבע צום פאָטערלאַנד. קען זיין אַז די דאָזיקע דערציאונג וואָס וואָלט געווען אַ גרויסע ברכה איז געגעבן געוואָרן צו אַ באַשרענקטער צאָל יוגנטלעכע, אין מיליטער־עלטער פון 18־20 יאָר. די גרונט־דערציאונג פון 6־14 יאָר איז געלעגן אין די הענט פון די „ריכטונגען״, דאָס הייסט, פון די פּאַרטייען. די דאָזיקע ירושה האָט די מדינה איבערגענומען פון „ישוב״ און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די ראַם פון ישוב און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ פרייוויליקע. אויך די אָנפאַנג־דערציאונג איז געווען אַ פרייוויליקע. מיטן איבערנעמען דעם חינוך פון ישוב האָט די מדינה געטאָן אַ גרויסע זאַך. זי האָט באַשטימט אַן אומזיסטיקע צוואַנג־דערציאונג פון 6 ביז 14 יאָר. אָבער עס זענען אַדורך דריי מיט אַ האַלבן יאָר ביז די רעגירונג האָט געקענט ברענגען צו דער כנסת די חינוך־פאַרפליכטונג. די כנסת האָט באַשטעטיקט די זאַך מיט אַ דעקלאַראַציע אָנהייב תשרי תשי״ב (8.10.51). עס זענען ניט פאַראַן קיין סך דאַטעס וואָס זאָלן זיך קענען פאַרגלייכן אין זייער וויכטיקייט און גראַנדיאָזיטעט צו דעם 14טן מאַי 1948, דער טאָג פון דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה. אָבער אויך דער פּראָקלאַמיר־טאָג פון דער מלוכה־דערציאונג דורך

דער ישראל־רעגירונג איז ווערט גלאָריפיצירט צו ווערן אין אונדזער געשיכטע. דאָס אַרויסנעמען דעם חינוך פון פּאַרטייאישן רשות און איבערגעבן אים אין רשות פון דער מדינה איז אַ דעצידירנדיקער שריט צו קאָנסאָלידירן די מדינה און דעראָבערן דאָס פאָלק.

עס איז קלאָר אַז די דערציאונג בכלל און די עלעמענטאַרע דערציאונג בפרט, איז ניט דער איינציקער אינסטרומענט צו געשטאַלטיקן דעם יונגן דור. די גאַס, דאָס צייטונגוועזן, דער קינאָ, די משפּחה־זיטן און אַנדערע פאַקטאָרן זענען משפּיע, עס איז אָבער ניטאָ קיין ספק אין דעם, אַז די שול בכלל און באַזונדער די עלעמענטאַר־דערציאונג, באַשטימען אין אַ גרויסער און אפשר דעצידירנדיקער מאָס די שטריכן פון גייסטיקן פּנים פון דער יוגנט און דורך דעם — פון פאָלק.

דער אויפבוי פון דער מדינה איז ניט פאַרענדיקט געוואָרן מיטן פּראָקלאַמירן זי. עס איז אַ לאַנגער פּראָצעס, ווייל אַפילו אַ פאָלק, לויט דער באַגלייבטער פעסטשטעלונג פון נביא, ווערט ניט געבוירן מיטאַמאָל. דער דאָזיקער חינוך ־ רעפאָרם האָט אַ דאָפּלטן באַדייט, מחמת ער איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ רעגירונג צוזאַמענגעשטעלט פון די פּאַרטייען פון ישוב און פון ציוניזם, וועלכע האָבן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן חינוך פון „ריכטונגען" פון די ארץ־ישראלדיקע ארבעטער־פּאַרטייען און פון מזרחי.

שמואל יבניאלי, דער דעלעגאַט פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג און הרב י ל. הכהן מימון, דעלעגאַט פון מזרחי, האָבן געשאַפן די חינוך־נעצן פון די אַרבעטער און פון מזרחי און האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם „זרמים־סיסטעם". פאַר ביידן איז ניט געווען פרעמד דער ציטער פאַר דער קאָנצענטרירונג פון ישוב און אייניקייט פון פאָלק, אָבער זיי האָבן געהאַט וואַגיקע אַרגומענטן אויפצושטעלן סעפּאַראַטע שולן. די ארץ־ישראלדיקע ארבעטערשאַפט האָט געזען אין דער דאָזיקער אַרבעט די פּאָזיטיווע פאָרעם פון עקסיסטענץ און באַשטענדיקייט פון דער אומה, די סאָלידקייט פון איר זעלבשטענדיקייט און קראַפט און האָט געווירקט פאַרן אַריבערגייען פון עולים־מאַסן צו אן ארבעטער־לעבן און ווי ווייט מעגלעך צו ערד־ארבעט, פלעגנדיק די פאַרבאָרגענע חלוצישע אייגנשאַפט ביי דער יוגנט. אין דער חלוצישער צוגרייטונג פון דער יוגנט צו דעראָבערונג־ווערק און פאַרטיידיקונג — די דעראָבערונג פון אַרבעט, אַגריקולטור, ים און פאַרשטאַרקונג פון יידישן כוח — האָט די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג געזען די טרייב־קראַפט צו דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. זי האָט געגלייבט, אַז די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע דערלייזונג זענען אַריינגעוואַקסן איינע אין דער אַנדערער. אַ יידישע מדינה מוז זיין אַ שטאַט פון פרייהייט, גלייכקייט און גערעכטיקייט, געבויט אויף פרייער אַרבעט, וואָס איר ציל איז צו שאַפן אין פאַטערלאַנד אַן אַרבעטנדיק פאָלק פון פרייע יידן אַן

קלאַסן־קעגנזאצן און אָן קלאסן, אָן באַעוולטע און אָן דיסקרימינירטע, אָן עקספּלואַטאַטאָרן און אָן עקספּלואַטירטע. אין איר נעץ פון אַרבעטער־שולן האָט די אַרבעטער־באַוועגונג געוואָלט דערציען אירע קינדער צו אַרבעט, חלוציזם, שותפות און גלייכקייט.

די „מזרחי" האָט געוואָלט פאַראייניקן אין דער יוגנט־דערציאונג די טראַדיציאָנעלע ווערטן און דעם פונק פון רעליגיעזע מצוות מיט ציוניסטישן אינהאַלט און צוגרייטן די דורך איר דערצויגענער יוגנט צו בנין הארץ, ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג און המשך פון דער רעליגיעזער און תורה־טראַדיציע. אַזוי זענען אנטשטאנען די צוויי באַזונדערע „ריכטונגען", די ריכטונג פון די אַרבעטער און פון מזרחי.

די קללה פון צעשפּליטערונג האָט אויך געטראָפן די דאָזיקע ריכטונגען. די רעליגיעזע מזרחי־ריכטונג האָט ניט באַפרידיקט די מענטשן פון דער „אגודה" און עס איז אויפגעקומען נאָך אַ רעליגיעזע ריכטונג. די אַרבעטער־ריכטונג האָט זיך אָפיציעל ניט געשפּאָלטן און איז טעאָרעטיש ביז איצט נאָך אונטערגעוואָרפן דער אייניציקער דיסציפּלין פון דער הסתדרות העובדים הכללית, ווי עס איז באַשטימט געוואָרן בעת איר גרינדונג. אָבער די פּאָרמעלע טעאָריע האָט ניט אנטשפּראָכן די ווירקלעכע פּראַקטיק. מיטן שפּאַלטן זיך פון דער אַרבעטער־באַוועגונג וואָס האָט באַזונדער געטראָפן די ארבעטער קאָלאָניזאציע, די הויפּט־פּעסטונג פון דער אַרבעטער־ריכטונג, האָט די הסתדרות־דיסציפּלין אין דער אַרבעטער־ריכטונג פאַרלוירן איר ממשות און איז געוואָרן אַ פיקציע. וויכטיקע טיילן פון דער קיבוץ־באַוועגונג האָבן זיך באַקערט צו דער אַליאַנץ אין דער וועלט פון „רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם", וואָס מיינט, די קאָמוניסטישע וועלט. זיי האָבן אָנגענומען ווי אַ הויפּט־אידעאַל דעם טאָטאַליטארן סיסטעם, וואָס ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען „פאָלקס־דעמאָקראַטיע" און האָבן אַוועקגעפירט די דערציאונג פון זייערע קינדער און די שולן, וואָס געפינען זיך אין זייער רשות און אונטער זיי־ער איינפלוס צו אָט־דעם „אָנשלוס". אַ טיפער ריס און תהום איז אַנטשטאַנען אין דער קיבוץ־באַוועגונג. חברים פון זעלביקן קיבוץ, טריי זייער גאַנץ לעבן דער אַרבעט, דער לאַנדווירטשאַפט, די חלוצישע ווערטן, דאָס קאָלעקטיווע לעבן און גלייכקייט, זיי האָבן מער ניט געקענט שיקן זייערע קינדער אין דער שול פון דעם קיבוץ. אונטער דעם דעקמאַנטל פון „אַרבעטער ריכטונג", וואָס איז אָנערקענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פון וועד הלאומי און שפּעטער אויך פון מדינת ישראל, האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ צאָל שולן וואָס האָבן דערצויגן צום „צווייטן פאָטערלאַנד". זיי האָבן איינגעקנעלט מיט די קינדער און יוגנטלעכע צו האָבן אַ בלינדן אָפּשיי צו אַלץ וואָס ווערט געטאָן אָדער דערקלערט אַז עס ווערט געטאָן, אין ראַטנפאַרבאַנד, צום אַליינהערשערישן פעטיש פון דער מעכטיקער פאָטערן; אָנצונעמען אָן קאָנטראָל און קריטיק אַלע אינסטרוקציעס און באַשטימונגען

פון דער קרעמלין־מאַכט בנוגע באַציאונגען צו פעלקער, צו וועלט־פּאָליטיק, סאָציאַלע פּראָבלעמען,ווירטשאַפט, וויסנשאַפט, קונסט און ליטעראַטור. אַפילו ווען די היינטיקע אינסטרוקציע איז אַ סתירה צו דער נעכטיקער דאַרף ער זיין צוגעווינט צו באַרעכטיקן אַלע פּאָליטישע פּראָוואָקאַציעס, רציחות, עלילות און בלבולים וואָס ווערן געמאַכט אין דער „רעוואָלוציאָנערער וועלט" — אויב די דאָזיקע מעשים רירן ניט אָן די אייגענע מיטגלידער — לויט דער באַקאַנטער לאָזונג, אַז דער ציל כשרט די מיטלען.

פאַרמעל זענען אָנערקענט געוואָרן פיר „ריכטונגען", אָבער די אידעע פון שפּאַלטונג און צעשפּליטערונג האָט דאָך געקענט אָן אַ שיעור און אָן אַ גרענעץ פאַרגרעסערן די צאָל ריכטונגען.

דער גרויסער עליה־שטראָם, וואָס האָט אַ פלייץ־געטאָן נאָכן אויפקום פון דער מדינה, האָט מיטגעבראַכט אין לאַנד אַריין מאַסן, וואָס זענען ניט מסוגל געווען פונאַנדערצוקלייבן זיך אין די „ריכטונגען" און אין זייערע קוואַליטעטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער העסלעכער „יאַגד אויף מענטשן" מצד די פירער פון די ריכטונגען און עס איז קלאָר געוואָרן פאַר די פאַרבונפּטיקערע אָנהענגער פון צווישן די „ריכטונגען" וועגן דער מאָראַלישער סכנה וואָס לויערט און קען ווערן פאַטאַל פאַר דער גאַנצקייט פון פאָלק, וואָס איז אַריינגעפּלאָנטערט אין דער אַנאַרכיע אויפן געביט פון חינוך. די קאָאַליציע־רעגירונג פון דער מפלגת פּועלי א"י (מפא"י) און רעליגיעזע פאַרטייען, האָט, אָנהייב תשי"ב (1952), פּראָקלאַמירט די נויטווענדיקייט פון מלוכה־דערציאונג. די אויסגעברייטערטע קאָאַליציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן שפּעטער מיט דער באַטייליקונג פון די אַלגעמיינע און פּראָגרעסיווע ציוניסטן, האָט צוגעגרייט אַ געזעץ פון מלוכה־דערציאונג מיטן ציל צו דערציען אַ פאָלק מיט אַן איינהייטלעכער קולטור, מיט אַ באַוווסטזיין פון היסטאָרישער צוגעהעריקייט און טריי צו זיין מיסיע און וויזיע. די מלוכה־דערציאונג דערפילט פולשטענדיק די הויפּט־ווערטן, וואָס זענען אַריינגעלייגט געוואָרן אין דעם פונדאַמענט פון די צוויי ערשטע ריכטונגען, אָבער ער איז מבטל און פאַרווערט יעדע פּאַרטייאישע און פּאָליטישע אינטערווענץ אין דעם חינוך־סיסטעם און אין זיין אָנפירונג און איז מחייב יעדע שול מיט אַ מינימום־פליכט.

אַ מלוכה־דערציאונג אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד ווי ישראל קען ניט זיין קיין דיקטאַטאָרישע דערציאונג. אין מדינת ישראל איז דער בירגער ניט קיין שרייפל פון דער מלוכה־מאַשין, נאָר אַ לעבעדיקער מענטש. אַ פרייער מענטש, וואָס האָט זיין מיינונג, זיינע נייגונגען און זיינע שטרעבונגען; וואָס זענען דערלויבט אין דער מדינה אַפילו, ווען עס איז ניט פאַראַן הינטער זיי קיין מערהייט און זיי ווערן ניט אָנגענומען פונעם כלל. די מדינה איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַלגעמיינע יסודות פון חינוך, אָבער זי אָנערקענט די רעכט פון די עלטערן צו ענדערן עפּעס אין חינוך ניט אָנרירנדיק

דערביי דעם מינימום, וואָס איז מחייב יעדע שול. עס וועט אויך צוגעזאָגט צו די עלטערן וואָס ווילן עס, אַ רעליגיעזע דערציאונג פאַר זייערע קינדער.

דער ציל פון דעם רעגירונג־חינוך איז צו דערציען אַ יונגן דור וואָס זאָל זיין פּאַסיק פאַר דעם צונויפשמעלץ פון די גלותן אין אַן איינהייטלעכן פאָלק, פאַרוואָרצלט אין זיין עבר און ראוי פאַר זיין צוקונפט; ער זאָל זיין מסוגל דורכצופירן די היסטאָרישע פונקציעס פון מדינת ישראל ווי זיי זענען אָנגעצייכנט אין דער זעלבשטענדיקייט־דעקלאַראַציע: „מדינת ישראל זאָל זיין אָפן פאַר יידישער עליה און קיבוץ־גלויות; זי וועט זיך באַמיען פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד און אירע איינוווינער; זי וועט באַרוען אויף די יסודות פון פרייהייט, גערעכטיקייט און פרידן אין ליכט פון דער וויזיע פון די יידישע נביאים".

די מלוכה־דערציאונג דאַרף איינקנעלן מיט איטלעכן קינד, יוגנטלעכן און מיידל אין דער מדינה די יידישע ווערטן. אונדזער געשיכטע פאַנגט זיך ניט אָן מיט דער אנטשטייאונג פון דער מדינה, מיט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, מיט דער רעדאַקציע פון „שולחן ערוך", מיט סידור המשנה אָדער מיט חתימת־התנ"ך, פון די ישיבות פון בבל, פון דער גרינדונג פון מלכות־ישראל, מיט די דעראָבערונגען פון יהושוע בן־נון, אפילו ניט פון מעמד הר סיני און יציאת־מצרים. די אַלע זענען וויכטיקע עטאַפּן אין אונדזער לאַנגן וועג פול מיט געשעענישן און פאַסירונגען, פּרוּוווּנגען און דערפאַרונגען פון דער צייט פון די אָבות און די קינדער נאָך זיי. הינטער אונדז זענען פיר טויזנט יאָר פון געראַנגל און שעפערישקייט, וואָס האָבן געלייגט זייער חותם אויף דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, וואָס האָבן געשמידט אונדזער גורל, גייסט און ענדציל. ווייל די אומוואַנדלונג וואָס איז אויסגעפאַלן אויף די לעצטע דורות איז געווען אַ מעכטיקע און די באַנייאונג פון דער מדינה איז, אליין פאַר זיך, ניט נאָר אַ צענטראַלער אויפטו פון אונדזער דור, נאָר איינע פון די גרעסטע געשעענישן אין אונדזער געשיכטע, זענען דעריבער אונדזערע געדאַנקען און אינטערעסן קאָנצענטרירט אַרום דעם וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין דער לעצטער תקופה. אין דעם פאַל וואָלט עס געווען אַ גליק, אויב מיר וועלן ניט אַרבעטן אויפן חשבון פון דער גרויסער און רייכער געשיכטע. ווייניק פון די אומות־העולם האָבן אַזאַ געשיכטע וואָס איז אַזוי באַלאָדן — במשך אַזאַ לאַנגער תקופה, פון אַ פאַרגאַנגענהייט אַזוי רייך אין אויפטוען פון גייסטיקער גבורה, אין ביישפּיללאָזע שאַפונגען, איינציקע אין זייער מין, אין באַרימטע מענטשן און אוניווערסאַלע לערער ווי עס האָט דאָס יידישע פאָלק. דאָס דאָזיקע גרויסע רייכטום ווערט איצט אָפּגעהיט נאָר פון געציילטע און עס דאַרף ווערן דער קנין פון אַלעמען. דער חינוך ־ ווען וועט באַגיין אַ פעלער ווי באַלד ער וועט ניט עפענען פאַר דער גאַנצער יוגנט די דאָזיקע פאַרבאָרגענע אוצרות און דורך דער יוגנט פאַרן פאָלק. די גרעסטע, רייכסטע און ליכטיקסטע עפּאָכע אין

דעו' יידישער געשיכטע, די תקופה פון תנ"ך, פון משהן ביז עזרה איז פאַר־טונקלט געוואָרן און באַקומען אַן אַנדער פּנים אין גלות. אַ פאָלק וואָס האָט זיך אָפּגעווינט פון זיין פאָטערלאַנד און זעלבסטשטענדיקייט, פאַר־וואָרפן אין דער פרעמד און אָפּהענגיק פון פרעמדע קען ניט אָנהאַלטן דעם אמתן כאַראַקטער פון דער תקופה, אין וועלכער מיר זענען געוואָרן אַ פאָלק — דאָס פאָלק פון בוך. נאָר מיטן אויפקום פון ישראל איז געשאַפן גע־וואָרן די נאַטירלעכע פאָן וואָס מאַכט מעגלעך בעסער צו פאַרשטיין די דאָזיקע עפּאָכע. די געשיכטע פון יהושע בן־נון, פון די שופטים און מלכים און אויך די רייד פון די אומשטערבלעכע נביאים וועלן פאַרשטאַנען ווערן איצט מער ביים צוריקבאַקומען אונדזער זעלבשטענדיקייט אין אונדזער לאַנד, איידער פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. מיר לעבן איצט ווידער אין דעם קלימאַט, אין וועלכן עס האָט זיך צעוויגט די גרויסע שעפערישקייט, סיי פּאָליטישע און סיי נביאישע. פאַרן פריערדיקן דור וואָס האָט פאַרלאָזט דעם גלות מיט זיינע טראַדיציעס, שטייגער און באַגרעניצונגען און אַריינ־געפאַלן אין דעם דאָזיקן אַלט־ניילאַנד, אין אָט דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס פּולסירט איצט אין אַלע צווייגן פון פּאָליטישן, סאָציאַלן, גייסטיקן און עקאָנאָמישן לעבן — פאַר דעם דור באַשטייט די סכנה פון אַ פּוסטן חלל צוליב זיין פלוצימדיקן איבעררייס פון דעם נאָענטן עבר און אומ־מעגלעכקייט אַריינצופּאַסן זיך גיך אין דעם געוועב פון דער נייערווירק־לעכקייט. דאָס פלוידערייַ פון די „כנענים" איז איינע פון די מאַניפעסטאַ־ציעס פון אָט־דער פּוסטקייט.

מיט געוואַלט רייסן מיר זיך אָפּ פון דעם נאָענטן עבר. דער דאָזיקער איבעררייס איז אַ באַדינג פאַר דערהייבונג, ער קען אָבער ברענגען אויך צו ירידה אויב מיר וועלן ניט איבערגעבן דאָס בעסטע פון אונדזער גייסטיקער ירושה פון אַלע דורות צו דער יוגנט, בעיקר די פּרעכטיקע ירושה פון פאַר־צייטנס — די תנ"ך־ירושה. אויב מיר וועלן ניט פאַרוואַנדלען דעם איבער־רייס אין אַ מקור פון נשמה־דערהייבונג און גייסטיקער באַרייכערונג און אויב מיר וועלן ניט דערלאָזן, אַז די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג זאָל ניט גורם זיין פּוסטקייט און אויסליידיקונג. מיטן איבערענטפערן צו דער יוגנט די סעלעקטירטע ווערטן און זייער אינהאַלט וועלן מיר צונויפשמעלצן די דורות און די גלותן און וועלן אויפשטעלן איין פאָלק.

מיר קענען ניט נעגירן דעם פאַקט, אַז די י י ד י ש ע קולטור אין דער פאַרגאַנגענהייט, איבערהויפּט פאַרצייטנס, איז געווען אַן איינזייטיקע. עס איז ניט געמאָלט אַ דערציאונג אין ישראל וואָס זאָל ניט זיין באַזירט אויף תנ"ך, אָבער מיר וועלן ניט גיין זוכן אין ספר־הספרים די לערע וועגן פיזיק, כימיק, געאָלאָגיע און אַנדערע וויסנשאַפטן. דער רמב"ם האָט גע־מאַכט דעם „יד חזקה" און ער האָט די שאַפונג אָנגערופן „משנה תורה", ווו ער האָט געאָרדנט די גאַנצע תורה שבעל־פה און די גאַנצע הלכה, כדי

„אז דער מענטש וואָס לייענט די תורה שבכתב און שפּעטער לייענט ער דאָס דאָזיקע (דעם ספר רמב״ם) און ער קען די תורה שבעל־פּה אין גאַנצן זאָל ער ניט דאַרפן לייענען קיין אַנדער ספר צווישן זיי״. אין אָט־דעם טיפן חיבור האָט דער רמב״ם איינגעשלאָסן אויך „תורת־הגלגלים״, דאָס הייסט, אַסטראָנאָמיע ווי אויך „תורת היסודות״, וואָס מיינט פיזיק, וואָס ער האָט געלערנט פון די „חכמי יוון״ (די גריכישע געלערנטע) אין דער אַראַבישער איבערזעצונג. מיר וועלן ניט לערנען די קינדער פון אונדזער דור תורת הפיסיקה ואסטרונומיה לויטן רמב״ם. מיר דאַרפן לערנען די יוגנט, ביי דער זייט פון יידישע ווערטן, די מאָדערנע קאָנצעפּטן פון דער וויסנשאַפט. די פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָצעסן פון דער נאַטור און אירע מעכטיקע כוחות, געשיכטע פון מענטש און וועלט, ווי אויך דאָס באַגרייפן זייערע אינערלעכע שטרויכלונגען — דאָס איז דאָס הויפּט־געווער אין דעם גוראַנגל פאַר אונדזער קיום און דער טרייער אינסטרומענט פאַרן אויפבוי פון דער ווירטשאַפט, פאַר קאָנסאָלידירן אונדזער זיכערקייט און פאַרשטאַרקן די קולטור. די עלעמענטאַר־שול וועט געבן דער יוגנט די ערשטע אריינפירן אין די יסודות פון דער וויסנשאַפט פון אונדזער צייט.

די מלוכה־בילדונג וועט באַקענען דעם יונגן דור מיטן פאָטערלאַנד. פאַר דער גאַנצער צייט פון גלות האָט דאָס יידישע פאָלק אויפגעהאַלטן אַ טיפע זעלישע פאַרבינדונג צום לאַנד, אָבער עס האָט נאָר געקענט ארץ־ישראל של מעלה. כדי צוצוגרייטן דאָס פאָלק אין ציון אויפצובויען דאָס פאָטערלאַנד און באַשיצן עס מיט ליבע און איבערגעבנקייט איז ניט גענוג צו פאַרהערלעכן דאָס ארץ־ישראל של־מעלה פון די ספרים און פון דער פאָלק־געדעכעניש. מען דאַרף קענען די מדינה ווי זי איז. מיט אירע בערג און טאָלן, פעלדער און וויסטעניש, די פאַרשיידנקייט פון איר פּייזאַזש און איר פאַרבנרייכקייט, איר שפע און דחקות, איר ליכט און שאָטן, דורותדיקייט און יוגנט־קראַפט. איינציק אין זיין מין, וווּנדערלעך איז אָט־דאָס קליינע לאַנד אין זיין סטרוקטור, פאַרשיידנקייט פון קלימאַט, קאָלאָריט און איר געאָגראַפישער פּאָזיציע אין צענטער פון דריי קאָנטינענטן. די דאָזיקע פאַרבנרייכקייט פון דער נאַטור האָט אַ ניט קליינעם חלק אין דער ספּעציפישער אויספאָרמירונג פון אונדזער פאָלק און זיין כאַראַקטער און וואָס מער מיר באַקענען זיך מיטן לאַנד אַלץ מער וועלן מיר זיך אַליין דערקענען און מיר וועלן אַנטדעקן די גראַנדיעזע מעגלעכקייטן, וואָס זענען באַהאַלטן אין לאַנד און אין אונדז.

די מלוכה - דערציאונג צילט צוצוגרייטן דאָס פאָלק צו באַנייען דאָס פאָטערלאַנד, און צו טרייער פאַרווירקלעכונג פון יעדן בחור און מיידל דורך פיזישער אַרבעט, אַגריקולטור אָדער אַנדער מלאכה. דער אַלגעמיינער באַגער צו אַרבעט ניט ווי אַ קלאַסן־אויפגאַבע נאָר ווי־

אַ נאַציאָנאַלער חוב, ניט ווי אַ ביטערער מוז ווייל עס איז ניטאָ קיין ברירה, נאָר ווי אַ פליכט פון כבוד און שטאָלץ פון אַ פאָלק וואָס לעכצט נאָך אַ לעבן פון זעלבשטענדיקייט און באַטייליקונג אין מעשה בראשית. אַרבעט וועט באַשטימט ווערן אין דער דערציאונג פון דער יוגנט ווי אַ ווערט פון יסוד און פון פליכט.

דעם גלויבן אין אַרבעט וועט באַגלייטן, ווי אַן אלגעמיינער חוב אין די עלעמענטאר - שולן, די ח ל ו צ י ש ע ה כ ש ר ה. אין די דריי דורות פון אונדזער קאָלאָניזאַציע איז עס געווען די חלוצישע גרייטקייט, וואָס האָט אַרויסגעריסן דעם תושב פון דער אַלטער שטאָט ירושלים און דעם געבוירענעם אין גלות פון זיין שטעטל אין אונגארן און זיי געבראַכט צו דער פאַרלאָזטער ערד אויפן ברעג ירקון, ווו עס האָט געבושעוועט קדחת, כדי אויפצושטעלן אין אַ סביבה פון וויסטקייט דעם ערשטן לאנד־ווירטשאַפטלעכן ישוב; דער חלוצישער גייסט וואָס האָט געבראַכט דאָס קינד פון אָדעס צום „בלומען־טאָל" מיט זיבעציק יאָר צוריק כדי אויפצו־בויען „נס־ציונה" אין דרום פון יהודה מיט יאָרנלאַנגער עקשנות און אייב־זאַמקייט; די חלוצישע באַוועגונג וואָס האָט געבראַכט די בילו־מענטשן פון רוסלאַנד און די גרינדער פון ראש־פינה און זכרון־יעקב פון רומעניע. און די מענטשן פון דער צווייטער עליה און זייערע פאַרזעצערס ביז היינט. דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו דער קאָנצענטראַציע אין אונדזערע טעג פון די גרופּעס יינגלעך און מיידלעך פול מיט געוואגטקייט, גבורה און אונטער־נעמונגס־גייסט פון באַווינטער שטאָט און דאָרף און זיי פאַרוואָרפן אין מדבר נגב, דעם וויסטן און ליידיקן, כדי אויפצושטעלן דאָרט „שדה־בוקר". אַ דאנק דעם האָבן מיר באַוויזן צו מאַכן פון גלות־קינדער בויער פון היימלאַנד, שטאָט־מענטשן צו פאַרוואנדלען אין ערד־אַרבעטערס, ליידיק־גייערס און בטלנים אין אַרבעטנדיקע און שעפערישע מענטשן. דאָס האָט באַשטימט דעם וווּנדער פון דער באַנייאונג פון אונדזער זעלבשטענדי־קייט און די העלדישקייט פון צבא־הגנה־לישראל. נאָר מיט דער סטימו־לירונג פון דעם איניציאַטיווּפולן, שטאָלצן און שעפערישן חלוציזם צווישן דער יוגנט, ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון דער באַזישער דערציאונג, וועלן מיר פאַרזעצן און רעאַליזירן אונדזער גאולה־ווערק, וואָס געפינט זיך נאָך אין זיין בראַשית.

אין דער יוגנט־דערציאונג וועלן מיר ניט קענען פאַרבייגיין די גרויסע מענטשלעכע אידעאַלן, וואָס עס האָבן געפּריידיקט אונדזערע נביאים, די אידעאַלן פון צדק און חסד, פון מענטשן־פאַרברידערונג און מענטשן־ליבע. עס איז אונדזער אויפגאַבע צו פאַרפלאַנצן אין האַרץ פון קינד דעם אויפ־גאַנג פון זייער קינדהייט, די שטרעבונג צו אַ מאָדערנער געזעלשאַפט, ווו עס איז ניטאָ קיין מינדערווערטיקע, באַעוולטע און עקספּלואַטירטע, נאָר

גלייכהייט און גערעכטיקייט, ברידערלעכקייט, פרייהייט און קעגנזייטיקע טאָלעראַנץ.

די מלוכה־דערציאונג, וואָס באַזירט זיך אויף אַט־די יסודות לייגט אַרויף אויף דעם לערער־קאָלעקטיוו אַ שווערע אחריות און פאַרגרעסערט זיין פּרעסטיזש. די לערערס אין ישראל האָבן אַן אייגנציקאַרטיקן זכות: זיי האָבן באַוויזן אַ וווּנדער, וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור. זיי האָבן אויפגעלעבט די העבראַישע שפּראַך. דער געדאַנק וואָס איז פאַרזייט געוואָרן פון אליעזר בן־יהודה און זיינע חברים איז פון אַ שיינער פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לע־בעדיקערווירקלעכקייט אַ דאַנק דער געטריייער דערציערישער אָנשטרענ־גונג פון דעם העבראַישן לערער. אויך אין דער דורכפירונג פון דער שטאַט־לעכער דערציאונג, וואָס צילט צו קאָנצענטרירן דאָס צעזייטע, צעשפּלי־טערטע און צעברעקלטע פאָלק און צוגרייטן די יוגנט צו דערפילן איר היסטאָרישע שליחות, וועט ווידער דערוואַרט פון דעם העבראַישן לערער, אַז ער וועט מיט הצלחה דורכפירן זיין מיסיע.

ווי יעדער רעוואָלוציאָנערער און פּראָגרעסיווער שריט וועט אויך די שטאַטלעכע דערציאונג זיך אָנטרעפן אויף שטערונגען און קעגנערשאַפט פון די נטורי־קרתא פון רעכטס און פון לינקס, וואָס זענען געבונדן מיט צו־ריקגעשטאַנענע באַגריפן און פאַרשטיינערטע דאָגמעס. עס וועט זיין אַ צו לייכטער און איבערגעטריבענער אָפּטימיזם צו באַהויפּטן, אַז עס זענען שוין פאַראַן געגנוג עלעמענטן, קאַנאַלן און מענטשן־קראַפט צו פאַרטייטשן אין טערמינען פון דער ווירקלעכקייט די אַספּיראַציעס וואָס עס אַנטהאַלט דער יסוד פון דער מלוכה־דערציאונג. אָבער ביים דורכפירן די דאָזיקע דערציאונג וועט די מדינה מאַכן איינעם פון די דעציזירנדיקע שריט צו ברענגען צו יידישער אייניקייט און צו פאַרמירן ווי געהעריק דאָס גע־שטאַלט פונעם פאָלק.

עס קען אָבער ניט אַ שול, ווען זי בלייבט איינע אליין, צונויפשטי־קעווען אַלע טיילן און פאַריכטן אַלע פעלערן פון גלות־פאָלק וואָס קערט זיך אום צו זיין היימלאַנד. די מדינה טאָר ניט פאַרקוקן די סכנה, וואָס ליגט אין דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דעם לערך הויכן עקאָנאָמישן און קולטור־רעלן לעבן־ניוואָ פון דעם גרעסטן טייל פון דעם אַלטן ישוב און דעם נידע־ריקן און שפלדיקן ניוואָ פון דער מערהייט פון דער נייער עליה. די סכנה איז נאָך שאַרפער צוליבן פאַקט, וואָס די מענטשן פון די צוויי פאַרשיידענע לעבנס־ניוואָס זענען ס׳רוב קינדער פון פאַרשיידענע עדהס. די מדינה און דאָס פאָלק זענען אויפגעפאָדערט צו אַ באַלדיקער אָנשטרענגונג צו פאַר־מיידן אַז דער דאָזיקער איינבראָך זאָל ניט ווערן קאַטאַסטראָפאַל. מיר מוזן רודערן מיט אַלע כוחות, כדי צו דערגרייכן אין דער נאָענטסטער צייט צו אַ נאַציאָנאַלן מינימום אין שיכון, קאָלאָניזאַציע און

קולטור. דאָס וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט גרויסע אָנשטרענגונגען און פּאָזיטיווע רעזולטאַטן אין מיליטער — דאָס געבן אַ מיני־מום פון דערציאונג, יידישע ווי אַלגעמיינע, פאַר אַלע מאָביליזירטע וואָס זייער גרעסטער טייל קומען פון צוריקגעשטאַנענע לענ־דער אָן יעדער דערציאונג און וואָס קענען סרוב ניט לייענען און שרייבן — דאָס דאַרף געמאַכט ווערן פאַר די נייע עולים־מאַסן סיי אויפן געביט פון קולטור און סיי אויפן געביט פון עקאָנאָמיק. ניט אין איין טאָג וועט עס געמאַכט ווערן. די גרויסע לאַסט וואָס ליגט אויף דער מדינה איז כמעט ניט אַריבערצוטראָגן. אָבער מיר וועלן ניט קענען אויסהאַלטן אַ לאַנגע צייט, אויב עס וועט אָנהאַלטן צווישן אונדז די ניוואָ־דיפערענציאַציע צווישן ביידע „ראסן", כביכול, די מיוחסדיקע און די נחות־דרגאַדיקע.

עס איז נאָך ווייט און שווער דער וועג צו פאַרזיכערן אַ מיני־מום פון איינ־יקייט, וואָס איז נייטיק פאַר ישראל צוצוגרייטן דאָס פאָלק אויפצובויען זיין לאַנד אין אַ סביבה און רעזשים פון קאָנפליקטן און אָפּאָזיציע אין וועלכע מיר לעבן. אָבער מיר וועלן ניט באַזייטיקן דאָס דאָ־זיקע פון צווישן אונדז אויב מיר וועלן ניט אויסוואָרצלען די באַהאַלטענע פעלערן פון אונדזער מדינה־רעזשים, גובר זיין די צעשפּליטערונג די אומ־פּראָדוקטיווע און אָפּשוואַכנדיקע, וואָס דערלאָזט ניט צו קיין קאָנסאָלי־דאַציע פון דער מדינה און באַשווערט די פאַרשמעלצונג פון די גלותן און אויב מיר וועלן זיך דערהייבן צו אַ קעגנזייטיקן רעספּעקט פון קעגנזעצלעכע מיינונגען און גלויבנס, וועלן מיר טריי זיין צו דעם וואָס מיר האָבן געחתמעט אויף דער זעלבשטענדיקייט־דעקלאַראַציע.

דער אויפקום פון דער מדינה, וואָס האָט פאַראורזאַכט נייע פּראָבלע־מען און פאַרשאַרפט אַלטע, האָט אויך מאָביליזירט די נייטיקע אינערלעכע כוחות און אָנשטרענגונגען צו לייזן די פּראָבלעמען. אויב מיר וועלן קוקן אויף אונדזערע פעלערן מיט דער נייטיקער שאַרפקייט און מיר וועלן זיך אליין ניט אָפּנאַרן און ניט שרעקן זיך פאַר די שוועריקייטן, אויב אהבת־ישראל וועט ביי אונדז נעמען די אויבערהאַנט איבער אַלע אַנדערע נייגונ־גען און מיר וועלן שאַפן מיט אַלע אונדזערע חלוצישע מעגלעכקייטן, וועלן מיר זיגן.

***

די מדינה האָט אויך געהאָלפן אַרויפשווימען און פאַרשאַרפן פּראָ־בלעמען מחוץ פון אירע גרענעצן. נאָך פאַרן אויפקום פון דער מדינה האָט זיך דער ישוב אויסגעטיילט פון אַלע יידישע ישובים אויף דער וועלט. מיט זיין סטרוקטור, צוזאַמענשטעל, ווירטשאַפט קולטור און אַספּיראַציע וואָס האָט געברויזט אין זיין מיט, האָט שוין דער ישוב פאַרזייט די קערנער פון

דער מדינה. יענער טייל פון יידישן פאָלק, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט אַלע יאָרן באַטראַכט דעם ישוב פון א״י פאַרן גרונטשטיין און פונדאַמענט פון דער גאולה־האָפענונג וואָס ווערט פאַרווירקלעכט. פאַר די יידן, וועלכע האָבן ניט געגלייבט אין דעם ציוניסטישן אידעאַל איז פאַר זיי דער ישוב אין א״י געווען ווי איינער פון די נייע ישובים, וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן פון דער יידישער מיגראַציע פאַר די לעצטע זיבעציק יאָר. ניט יעדער ייד וואָס האָט געוואָלט עולה זיין האָט עס געקענט מאַכן. די עליה איז געווען אונטערגעוואָרפן אַ צוים פון געזעצן פון אַ פרעמדער הערשאַפט. אין דער תקופה פון דער מאַנדאַטן־מאַכט האָט די מעגלעכקייט פון עקאָנאָמישער איינוואָרצלונג, וואָס איז געווען באַשטימט פון דער ענגלישער מאַכט, געדינט פאַר אַ מאָס פון עליה. די דאָזיקע מאָס איז שפּעטער, צוליב פּאָליטישע אַרגומענטן, גע־שניטן געוואָרן און עס איז ניט געלעגן אין דער מאַכט פון ישוב אַריינצו־ברענגען דעם, ווער עס האָט געוואָלט עולה זיין. די געלט־מיטלען פאַרן אויפבוי פון ישוב און די פּאָליטישע אַקציע פאַר זיין פאַרטיידיקונג זענען געקומען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען דער דע־צידירנדיקער פאַקטאָר פאַר דער אַנטוויקלונג פון ארץ ישראל.

דער פונק פון צוגעבונדנקייט פון יעדן יידן אויף דער וועלט צום יידישן פאָלק, ווי באַלד אַזאַ פונק האָט עקסיסטירט, האָט געהאַט אַ פאַר־שיידנאַרטיקן כאַראַקטער און מהות לויטן גייסט פון יעדן יידן באַזונדער. עס איז געווען אַ רעליגיעזער אָדער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער פונק, אָדער ביידע צוזאַמען. פאַר אַ סך איז דער דאָזיקער אָנהאַלט געווען אַ ניט קלאָ־רער און ניט דעפינירטער. צייטנווייז איז עס געווען די צוגעבונדנקייט צו דער היים און צוליב געוווינהייט. קיינמאָל האָט אָבער דער דאָזיקער פונק ניט אַרויסגערופן קיין פּאָליטישע פּראָבלעמען.

אויך אין פאַרבינדונגען מיטן ארץ־ישראלדיקן ישוב זענען געווען פאַר־שיידענע צוגאַנגען. עס איז געווען אַ באַציאונג פון אידענטיפי־צירונג מצד די אַלע, וועלכע האָבן באַטראַכט אַז זייער פּערזענלעכער גורל איז פאַרבונדן מיט דער עקסיסטענץ און צוקונפט פונעם ישוב; דאָס איז געווען די באַציאונג פון די ציוניסטישע מאַסן אין די מזרח־אייראָפּע־אישע לענדער. פאַר זיי איז די ציוניסטישע וויזיע געווען גלייכצייטיק זייער פּערזענלעכער לעבנס־טרוים און פון זייערע משפחות. פון זיי איז אַרויסגעוואַקסן די חלוצישע באַוועגונג און פאָלקס־עליה. עס איז דאָ געווען אַ באַציאונג פון אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן קשר מצד די יעניקע וועלכע האָבן געטראָגן די ציוניסטישע פאָן, ניט טראַכטנדיק צו פאַרבינדן זייער פּערזענלעכע צוקונפט מיטן לעבן פון לאַנד. דאָס איז געווען די באַצי־אונג פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן. עס איז געווען אַ באַציאונג פון סימ־פּאַטיע און רעספּעקט אָן שום פּאָליטישער באַפאַרבונג און אָן אַ באַשטימ־

טער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע מצד די „ניט־ציוניסטן“, וועלכע האָבן געטראָגן אין זייערע הערצער די טראַדיציאָנעלע ליבע צום לאַנד פון די אבות. עס זענען אויך געווען אַ סך, וואָס האָבן ווייניק געוווסט וועגן דעם ישוב און האָבן זיך מיט אים ניט אינטערעסירט. ארץ־ישראל איז געווען פאַר זיי אַ ווינקל, ווייט פון די יידישע צענטערן אין אייראָפּע און אַמעריקע און אַלץ וואָס קומט דאָרט פאָר באַרירט ניט און געהער זיך ניט אָן מיטן לעבן פון די דאָזיקע צענטערן. דער ישוב האָט ניט געהאַט קיין אינטער־נאַציאָנאַלע פּאָזיציע.

די איינציקע יורידישע פּאָזיציע, אָנערקענט פון דער מאַנדאַטן־מאַכט אין לאַנד, איז געגעבן געוואָרן צו דער „יידישער אַגענץ“, דאָס הייסט, צו דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע „אַגענץ“ האָט געפירט דעם משא־ומתן איבער עליה, דער הויפּט קוואַל פון וועלכן דער ישוב האָט געשעפּט פאַר זיין וווקס, זי האָט אָנגעפירט די עליה, האָט דער־צויגן און אַנטוויקלט די חלוצישע באַוועגונג; זי האָט דערוואָרבן באָדן אין לאַנד און עס באַזעצט.

מיטן אויסברייטערן די עליה קיין ארץ־ישראל, אין די דרייסיקער יאָרן, איז דער ישוב, דורך זיין אַרבעטער־ציבור, געוואָרן דער אָנפירנדיקער און הויפּט־כוח פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די מענטשן פון לאַנד, אין זייער מערהייט פאַרשטייער פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער באַ־וועגונג, האָבן אָנגעפירט מיט אַלע פּאָליטישע, קאָלאָניזאַטאָרישע און דער־ציערישע אַקציעס פון דעם וועלט־ציוניזם. אָבער זיי האָבן די אַרבעט געטאָן ניט אין נאָמען און ניט מיטן כוח פון ישוב, נייערט אין נאָמען פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווי געוויילטע דורכן ציו־ניסטישן קאָנגרעס. איטלעכער וואָס האָט אויסגעקויפט אַ ציוניסטישן שקל, סיי צי ער אַליין אָדער זיינע קרובים אָדער לאַנדסלייט האָבן געטראַכט וועגן עליה קיין א״י, סיי די וואָס האָבן וועגן עליה קיינמאָל ניט גע־טראַכט, די אַלע האָבן געקליבן די קאָנגרעס־פאַרשטייערשאַפט, וואָס האָבן באַשטימט די פּאָליטיק און אַרבעט - וועגן פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע („יידישע אַגענץ“). דאָס איז געווען די טעאָריע, די פּראַקטיק איז געווען אַ ביסל אַן אַנדערע. עס זענען געווען באַשטימטע טיילן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן למעשה אין דער אָרגאַניזאַציע דעצידירט. ביזן דרייסיקסטן יאָר פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען דער ישוב איז געווען קליין און די עליה איז געווען באַשרענקט, האָט דעמאָלט דער ציוניזם פון די מזרח־לענדער דעצידירט. אויב פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען די אָנפירערס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געווען מערב־יידן, זענען אָבער נאָך דער מלחמה געשטאַנען בראש פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע יידן פון מזרח־אייראָפּע. אַ סך יאָרן איז געווען דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דער רוסישער ייד,

ד״ר חיים ווייצמאַן. פיר יאָר האָט אָנגעהאַלטן די אָנפירונג פון דער אָר־גאַניזאַציע דער פּוילישער ייד, נחום סאָקאָלאָוו. מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער עליה אין די דרייסיקער יאָרן און מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער אַרבעטער באַוועגונג איז געוואַקסן די וואָגיקייט פון ארץ־ישראלדיקן ישוב אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער דאָזיקער ישוב איז פאַקטיש געווען די פּראָדוקט פונעם יידנטום און ציוניזם פון מזרח־איראָפּע. אין דער ציוניסטישער אָנפירונג אין ירושלים, וואָס איז געוואָרן די הויפּט־אָנפירונג, זענען געזעסן עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, פוילן און גאַליציע.

דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום (אַראָפּרעכענענדיק פון אים דאָס רוסישע יידנטום) און דאָס דייטשע יידנטום — נאָך דעם ווי היטלער האָט פאַרנומען די מאַכט — זענען געוואָרן דער ערשטער און וויכטיקסטער כוח וואָס האָט געבויט דעם ישוב דורך זייערע עולים, מיט זייער קאַפּיטאַל, טעכנישער און וויסנשאַפטלעכער פעאיקייט. דאָס אַמעריקאַנער יידנטום און אין אַ קלענערער מאָס דאָס ענגלישע און דרום־אַמעריקאַנער יידנטום, האָבן צוגעשטעלט דעם גרעסטן טייל פון די מיטלען פאַר די קרנות — קרן־קימת און קרן־היסוד. אָבער די עולים פון אייראָפּע האָבן אויך געבראַכט חלוצישע כוחות אָן מיטלען, אויך באַמיטלטע פאַלקס־כוחות ווי אויך מענטשן פון גייסט, פאַכלייט און וויסנשאַפטלער. די דאָזיקע האָבן געבויט און אויסגעברייטערט די אַגריקולטור, די אינדוסטריע, בויוועזן און האָבן פאַרויסגעבראַכט די דערציאונג, ליטעראַטור און קונסט.

די נאַצישע בלוט־רציחות און דער נס פון אויפקום פון דער מדינה האָבן איבערגעקערט די שיסל מיטן דעק אַרויף.

***

פון „ישוב״ איז געוואָרן אַ סאָוועריינע מדינה. די איינוווינער פון לאַנד זענען געוואָרן ישראל־בירגער, בעת די יידן פון דער גאַנצער וועלט זענען בירגער, אָדער אונטערטאַנען פון ניט יידישע מדינות. מדינת־ישראל האָט אָנגעקניפּט צווישנפעלקערלעכע באַציאונגען מיט אַלע לענדער וואָס האָבן זי אָנערקענט, צווישן זיי די לענדער, ווו עס געפינען זיך די גרויסע מערהייט פון יידן אויף דער וועלט. ישראל דערשיינט אויף דער „און״־פאַרזאַמלונג ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטע קערפּערשאַפט. זי שאַפט אירע גע־זעצן. זי האָט געפירט מלחמה און אויפגעשטעלט אַן אַרמיי. אין אירע הענט ליגט דער עליה־שליסל און אירע טויערן זענען ברייט צעעפנט פאַר יעדן יידן. זי האָט אויך רעפּרעזענטאַנטן אין די אויסלענדישע הויפּטשטעט.

פאַר דער פיל־קאָמיסיע (די בריטישע רעגירונג־קאָמיסיע) האָט ד״ר ווייצמאַן, אין 1936, גערעדט וועגן זעקס מיליאָן יידן אין די אייראָפּעאי־

שע לענדער, וועלכע האָבן ניט קיין שום האָפענונג און צוקונפט אויסער אין ארץ־ישראל. ער האָט זיך באַצויגן צו די יידן פון פוילן, דייטשלאַנד, עסטרייך, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע, ליטע, לעטלאַנד, בולגאַריע, יוגאָ־סלאַוויע, אונגאַרן, גריכנלאַנד וכו׳. די פּיל־קאָמיסיע האָט צום ערשט פאָר־געלייגט אויפצושטעלן די מדינה אויף דער באַזע פון חלוקה פון לאַנד. דער דאָזיקער פאָרשלאָג וואָס איז תחילת גוטגעהייסן געוואָרן דורך דער מאַנדאַטן־מאַכט איז ניט דורכגעפירט געוואָרן און איז פאַרביטן געוואָרן מיטן רעזשים פון „ווייסבוך“. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה זענען די טויערן פון לאַנד כמעט געווען פאַרשפּאַרט פאַר די מאַסן יידן, וואָס האָבן געלעכצט עולה צו זיין, אָבער די פּאָליטיק פון ווייסן בוך האָט זיך ניט געענדערט אַפילו נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט. דאָס פּראָבלעם פון ארץ־ישראל איז געבראַכט געוואָרן פאַר דער אָרגאַניזאַ־ציע פון די פאַראייניקטע פעלקער. ווידער איז ארויפגעשווומען דער פאָר־שלאָג, דאָס מאָל איז דער פאָרשלאָג געווען פון דער „און“־קאָמיסיע, אויפ־צושטעלן אַ יידישע מדינה אויפן יסוד פון אַ לאַנד־פּאַרטייל. ווידער איז דער דאָזיקער גוטגעהייסענער פאָרשלאָג ניט דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן. ביז די יידן אין ארץ־ישראל האָבן אַליין פּראָקלאַמירט זייער אומאָפּהענ־גיקייט, האָבן אויפגעשטעלט די מדינה און האָבן זי פאַרטיידיקט מיט זייע־רע באַשרענקטע כוחות קעגן אַלע אראבישע פעלקער. די יידן אין דער וועלט איז געגעבן געוואָרן די פרייע ברירה עולה צו זיין אין לאַנד אָן שום באַ־גרענעצונג.

„אין דער צייט צווישן דער באַקאַנטמאַכונג פון דעם פאָרשלאָג פון דער פּיל־קאָמיסיע און צווישן דער רעאַלער אַנטשטייאונג פון דער מדינה איז פון צוויי דריטל פון אייראָפּעאישן יידנטום אַראָפּגענומען געוואָרן יעדער ברירה — דאָס דאָזיקע יידנטום איז אין צווישנצייט פאַרטיליקט געוואָרן. דאָס דאָזיקע יידנטום איז געווען באַשטימט פאַרן אויפבוי פון דער מדינה. עס האָט געהאַט פאַר דעם, אי די נויטווענדיקייט אי די מעגלעכקייטן. דאָס יידנטום האָט געהאַט די נייטיקע כוחות פאַרן אויפבוי פון לאַנד און פאַר זיין פאַרטיידיקונג. אָבער זיי האָבן ניט זוכה געווען און די מדינה האָט ניט זוכה געווען. דער שארית וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייטן צו האַנדלען פריי לויט זיין ווילן איז אין זיין מערהייט עולה געווען אין לאַנד. עס זענען עולה געווען אויך די גלותן פון די מזרח־לענדער, וועלכע האָבן פאַר די לעצטע הונדערטער יאָרן געשפּילט אַ פּאַסיווע ראָל אין לעבן פון פאָלק און זייער אָנזען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז כמעט ניט געווען קענטיק. די גרויסע ציוניסטישע מחנה אין די לענדער, ווו דער חורבן־היטלער האָט אהין ניט דערגרייכט האָט אָפּגעוואָרפן די אַלטערנאַטיווע פון עליה און האָט באַשלאָסן צו בלייבן דאָרט ווו זי האָט זיך געפונען לעבן אירע שוקלים־מאַסן, ווײַלער צו ציוניסטישע קאָנגרעסן און לעבן אירע

מנהיגים און וועגווייזער. ווען עס זענען ברייט געעפנט געוואָרן די טויערן פון היימלאַנד און עס איז עולה געווען די ערשטע כוואַליע פון קיבוץ־גלויות, איז קלאָר געוואָרן אַז ציוניזם און עליה זענען ניט געבונדן שטאַרק פּרינ־ציפּיעל איינס צום אַנדערן. ציוניזם איז ניט מחייב קיין עליה און עליה איז ניט קיין עוואָלוציע פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע.

צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין מדינת־ישראל, אין יאָר 1951, פּאַקטיש אין דער צייט פון דער מאַסן־עליה, זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער וועלט 3.772.773 שקלים (אין יאָר 1949 — 1.878.875 און אין יאָר 1951 — 1.892.898). דאָס איז געווען דער ריזיקסטער ציפער פון שקלים פאַרשפּרייט זינט וועלכן ס'איז ציוניס־טישן ערב־קאָנגרעס, ניט געקוקט אויפן פאַקט וואָס עס זענען פאַרטיליקט געוואָרן זעקס מיליאָן יידן אין אייראָפּע און וואָס אין די לענדער פון סאָ־וויעטישן בלאָק — פּוילן, רומעניע, אונגארן און אַנדערע האָבן די איבער־געבליבענע יידן ניט געהאַט די פרייהייט צו באַטייליקן זיך אין דער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע. (דער גרעסטער טייל פון דער דאָזיקער שאַרית איז שוין געווען אין לאַנד און האָט זיך באַטייליקט אין דער שקל־אַקציע ווי ישראל־בירגער).

אויב מיר זאָלן אָראָפּנעמען די ארץ־ישראלדיקע שקלים — 1.548.372 — וועט אויסקומען, אַז דער גאַנצער גלות האָט פאַרשפּרייט 2.441.675 דורך די צוויי יאָר. זיבעציק פּראָצענט פון זיי זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן (1.548.372) און קאַנאַדע (137.562). פון די דאָזיקע צוויי לענדער זענען עולה געווען במשך פינף יאָר 1809 עולים. דער פּראָצענט פון עולים פון די דאָזיקע לענדער אין דער גאַנצער עליה נאָכן אויפ־קום פון דער מדינה האָט באַטראָפן 0,25, כאָטש דאָרט האָט זיך געפונען דער גרעסטער טייל פון די יידן אין חוץ־לארץ.

אויב מיר זאָלן באַשטימען דעם פּראָצענט פון די עולים לויט דער צאָל יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע (לערך פינף מיט אַ האַלבן מיליאָן) וועט אויסקומען, אַז נאָר 0.03 פּראָצענט פון די יידן פון די דאָזיקע צוויי לענדער זענען עולה געווען קיין ישראל במשך פון 5 יאָר, אָדער 0.006 יעדעס יאָר. דאָס מיינט, אַז פון איטלעכע 14.972 יידן פון די פאַראיי־ניקטע שטאַטן און קאַנאַדע איז עולה געווען אין לאַנד נאָר איין ייד אַ יאָר. אויב מיר זאָלן רעכענען נאָר ציונים וועט אויסקומען אַז פון יעדע 3.867 פון די צוויי לענדער איז נאָר איינער עולה געווען קיין ישראל, דערביי איז ניט קלאָר צי אַלע עולים זענען געווען ציונים.

דער גרויסער נס פון אויפקום פון דער מדינה איז געווען באַגלייט מיט אַ טיפער און אומפאַרגלייכלעכער טראַגעדיע — די פאַרטיליקונג פון די מיליאָנען יידן, וואָס פאַר זיי איז מדינת ישראל געווען די איינציקע האָ־פענונג און טרייסט און וועלכע האָבן געקענט בויען די מדינה מיט זייערע

קרעפטן און מיטלען, מיט זייער חלוצישער און פּאַכמענישער פּעאַי־קייט, וועלכע האָבן געהאָפט און מתפּלל געווען צו קענען עולה זיין. דער רוב פון דער עליה איז געקומען פון לענדער ווו עס איז כמעט ניט געווען דאָרט קיין ציוניסטישע באַוועגונג, ווו זיי האָבן זיך ניט באַטייליקט אין ציוניסטישע קאָנגרעסן — דאָס זענען די יידן פון די לענדער פון איסלאַם. די גרויסע ציוניסטישע מאַסע האָט ניט געהאַט קיין חלק אין דער דאָזיקער עליה.

צוויי גורלדיקע געשעענישן וואָס זענען אויסגעפאַלן אין די פערצי־קער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — דער חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום און דאָס אויפשטעלן די מדינה — האָבן געענדערט די פּאָזיציעס פון יידישן פאָלק אין גלות און אין ארץ־ישראל. עס זענען אויסגעריסן גע־וואָרן אַלטע פאַרצווייגטע און מיט פּירות געבענטשטע וואָרצלען און שטאַמען פון איין אָרט און עס האָבן אויפגעבליט די פלאַנצן מיט גבורה און גלאָריע אויף אַ צווייטן אָרט. עס זענען חרוב און פאַרשטאָפּט געוואָרן דער קוואַל פון רעטונג, פון וועלכן דאָס יידישע פאָלק האָט געטרונקען בשפע הונדערטער יאָרן און עס האָט זיך געעפנט אַ פאַרצייטיקער קוואַל, וואָס איז פאַרמאַכט געווען טויזנטער יאָרן. ער קוואַלט און וועט וואָס אַ מאָל מער — דער מקור פון דער גרויסער האָפענונג פון פאָלק אויף זיין צוקונפט.

עס האָט זיך אויך קאַרדינאַל געביטן דאָס פּנים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. איר בליק איז מער ניט געווענדט צו דעם באַגערטן ציל וואָס איז באַשטימט געוואָרן אין די ערשטע 50 יאָר פון איר עקזיסטענץ. איר אָריענטאַציע איז מער ניט געווענדט צום היסטאָרישן ברען־פּונקט, צו שיבת־ציון, דאָס אָפּטיילן עליה פון ציוניזם האָט געשאַפן אַ ליידיקן און געפערלעכן חלל, וואָס אויב ער זאָל ניט אָנגעפולט ווערן מיט אַ נייעם פאַרפליכטנדיקן אינהאַלט וועט די באַוועגונג אויסגעליידיקט און פאַרוויאַנעט ווערן.

מיר מוזן באַטראַכטן דעם מצב פון יידישן פאָלק ווי ער איז איצט און ניט ווי מיר זענען אים געווען צו זען אין דער פאַרגאַנגענהייט. דער פּלאַן פון אונדזערע היינטיקע אַרבעטן מוז זיין געווענדט צו די בויטן פון דער צוקונפט און ניט פאַרזעצן די שעדלעכע געוווינהייטן וואָס האָט פאַר־ענדיקט איר עקזיסטענץ - באַרעכטיקונג צוליב די ענדערונגען וואָס זענען אַריינגעטראָטן אין אונדזער נייער סטרוקטור און מצב. עס זענען חרוב געוואָרן אַלטע צענטערן און עס זענען אויפגעקומען נייע. די יידישע תפוצה איז ברייטער און שטאַרקער געוואָרן אין דער נייער וועלט און איינגעשרומפן און איינגעדאַרט געוואָרן אין דער אַלטער וועלט. צווישן די פאַרשיידענע צענטערן פון יידנטום איז אויסגעוואַקסן דער שטח, עס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די דיפערענצירונג און עס זענען אויפגעשטעלט גע־וואָרן מחיצות.

מען קען אין עטלעכע שטריכן אָנוואַרפן די עיקר־ליניעס פון דער נייער יידישערווירקלעכקייט, ווי זי האָט זיך אַנטפּלעקט אין אָנהייב פון דער צווייטער העלפט פון היינטיקן יאָרהונדערט.

די מערהייט פון פאָלק געפינט זיך אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. די נייע וועלט נעמט אַרום דעם רוב מנין ורוב בנין פון יידישן פאָלק. אייראָפּע איז אַראָפּ פון איר גדולה סיי אין יידישן ווי אין אַלגעמיינעם זין. פון אייראָפּעאישן יידנטום זענען געבליבן קליינע שפּליטערן און מער פון 80 פּראָצענט פון די אייראָפּעאישע יידן געפינען זיך הינטערן „אייזערנעם פאָרהאַנג". די עליה האָט ליקווידירט אַ צאָל גלותן אין אַזיע און אייראָפּע און דאָס יידנטום אין דער וועלט איז איצט פאַרטיילט אויף פינף בלאָקן:

א) דאָס סואווערענע יידנטום אין ישראל — אַנדערטהאַלבן מיליאָן.

ב) דאָס יידנטום וואָס שמאַכט אין סאָוועטישן בלאָק — אַרום צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן.

ג) דאָס יידנטום פון אַמעריקע און פון די בריטישע רעפּובליקן — אַרום זעקס מיט אַ האַלבן מיליאָן.

ד) דאָס יידנטום אין אייראָפּע, חוץ דעם סאָוועטישן בלאָק — אַרום דריי הונדערט טויזנט.

ה) דאָס יידנטום פון די איסלאַמישע מדינות — אַרום זיבן אָדער אַכט הונדערט טויזנט.

ווי אַזוי וועט עקסיסטירן אַזאַ יידישע פאָלק־אייניקייט? וואָס זענען די פונקציעס און די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ביי דער נייער סיטואַציע?

***

נאָך מיט פופצן יאָר צוריק האָבן אַזעלכע אַכט מיליאָן יידן גערעדט און געשריבן אין אַ ספּעציפישן לשון זייערן, יידיש. די דאָזיקע שפּראַך האַלט אין צאַנקען. דער גרעסטער טייל וואָס האָט זיך מיט דער שפּראַך באַנוצט איז פאַרטיליקט געוואָרן דורך היטלערן. נאָר אַ קליינער טייל פון די איבערגעבליבענע באַנוצן זיך נאָך מיט דער שפּראַך אין ריידן און לייענען. דער גרעסטער טייל פון דער יידישער צעזייטקייט אין אונדזערע טעג האָט אָנגענומען די שפּראַך פון די לענדער, וווּ ער וווינט. דער דאָזיקער רוב ווערט גיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַלגעמיינעם כלל. ענגליש איז געוואָרן די שפּראַך פון די יידן אין צפון־אַמעריקע, פון די ענגלישע לענדער, פון די אינדואישע יידן. די איבעריקע יידן ריידן רוסיש, שפּאַניש (אין לאַטיין־אַמעריקע), אַראַביש, פראַנצייזיש, אונגאַריש און אַנד. די העברעאישע שפּראַך איז פון אַ רעליגיעזן און ליטעראַרישן לשון געוואָרן אַ גערעדטע און מלוכה־שפּראַך אין ישראל. אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידן קומען אָן צו

איר. די שאַרפע צעטיילונג צווישן דעם סאָוועטישן בלאָק און די אַנדערע טיילן וועלט שאַפט דערוויייל אַ געצוווּנגענע מחיצה צווישן דעם סאָוועטישן יידנטום און צווישן דעם יידנטום אויף דער וועלט. אָבער אויך אַפילו ישראל, בויט אַ נייע מחיצה; אַ גוטוויליקע מחיצה פון שטאָטלעכער קולטור און שטייגער.

דאָס יידישע לעבן אין דער מדינה מוז אומבאַדינגט זיין פאַרשיידן אין זיין קולטור, עקאָנאָמיק, זעלבסט־געפיל, וועלט־אַנשויאונג און פּערזענלעכן קוק, באַציאונג צו אַנדערע פעלקער, מענטשלעכער שטרעבונג אין זיין גאַנג פון דעם לעבן פון די יידן אין די אַנדערע לענדער. מיר האָבן שוין געזען ווי שווער עס קומט אָן דאָס פאַרשמעלצן פון די גלותן אין דער מדינה און אויב עס וועט קומען אַ צווייטע עליה־כוואַליע פון קיבוץ - גלויות סיי פון די איסלאַמישע לענדער צי פון סאָוועטישן בלאָק וועלן די שוועריקייטן ניט פאַרקלענערט ווערן. אָבער די מדינה וועט וויסן ווי גובר צו זיין, אפשר ניט אַזוי לייכט און ניט אַזוי גיך, די שפּליטערן פון די עדהס און דעם לאַ־בירינט פון זייערע קולטורן. אין דער מדינה וועט אָפּגעמעקט ווערן, מיט דער צייט, דער אונטערשייד צווישן יידן און יידן. עדהס און שבטים וועלן זיך פאַרשמעלצן פריער אָדער שפּעטער אין איין נאַציאָנאַלן און קולטור־רעלן קערפּער. די געמיינזאַמע דערציאונג, די העברעאישע שפּראַך, דער אַלגעמיינער דינסט אין צבא־הגנה־לישראל, די נאַציאָנאַלע מינימום־פּאַרזי־כערונג פון עקאָנאָמישע לעבן־באַדינגונגען, די אַרבעטער צוגעהעריקייט פון אַלע ווייטע און פאַרשיידענע עדהס צו איין אַרבעטער - אָרגאַניזאַציע, די „געמישטע חתונות" צווישן די פאַרשיידענע שבטים, די געמיינזאַמע פּאָלי־טישע טעטיקייט פון די פּאַרטייען ווו עס זענען פאַרטראָטן אַלע עדהס — דאָס אַלץ וועט באַשאַפן אין לאַנד אַ נייעם טיפּ ייד, וואָס וועט כולל זיין אין זיך די דערקענטעניש און די ווערטן פון אַלע יידישע שבטים. די קעגנזאַצן פון די שטחים וועלן פאַרקלענערט און איינגעשרומפּן ווערן אין די ראַמען פון די נאַטירלעכע דיפערענצירונגען פון נאָרמאַלע פעלקער. מיטן דעראָבערן די עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט און העכערונג פון לעבן־ניווֹאָ וועט אויך בהדרגהדיק דערגרייכט ווערן די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע גלייכקייט.

לויט דעם נאַטירלעכן גאַנג פון די ענינים איז דאָך ניט מעגלעך אָפּ־צומעקן די אונטערשיידן צווישן די פרייע יידישע איינוווינער וועלכע לעבן אין זייער לאַנד און צווישן די יידן וועלכע לעבן ווי אַ מיעוט אין גלות, אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון פרעמדע פעלקער, אָפּהענגיקע פון זייער גוטן ווילן און אויסגעמישט מיט זייער קולטור. עס איז אויך ניט פאַראַן קיין מעגלעכקייט אָפּצווישן די קולטור־אונטערשיידן צווישן די פאַרשיידענע גלות־צענטערן. די לעבן־באַדינגונגען פון די איבערגעבליבענע יידן פון אייראָפּע זענען אַבסאָ־

לוט פאַרשיידן פון די לעבן־באַדינגונגען פון די יידן פון אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. און אויך אויף דעם קאָנטינענט גופא זענען גרויס די אונטער־שיידן צווישן דעם אַנגלאָ־זאַקסישן צפון און דעם לאַטיינישן דרום. דאָס מערב־יידנטום (דאָס יידנטום פון אייראָפּע, אַמעריקע און דרום־אַפריקע) איז גאַנץ פאַרשיידן פון דעם מזרח־יידנטום — דאָס יידנטום פון די איס־לאַמישע לענדער אין אַזיע און אפריקע. דאַרף מען גובר זיין די דאָזיקע ריזיקע מחיצות און אונטערשיידן, וועלכע טיילן פונאנדער די גלות־צענ־טערן צווישן זיך און זיי אַלע צוזאַמען פון דעם פאָלק אין ישראל.

אַ באַזונדער פּראָבלעם שטעלט פאַר מיט זיך דאָס יידנטום פון סאָ־וועטנפאַרבאַנד און פון די „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס״, מיט וועלכע מיר האָבן דערוויל ניט קיין שום מעגלעכקייט פון צונויפטרעפן זיך און פון ‑געמיינ־זאַמען באַריר און ביז עס וועט ניט אַריינקומען אַ פּאָליטישע ענדערונג און עס וועט ניט געגעבן ווערן אַזאַ יידישע פרייהייט ווי עס האָבן די אַנדערע טיילן פון יידנטום אין גלות, ביז דעמאָלט איז ניטאָ קיין שום וועג צו פאַרמיידן דעם צעפאַל און צעזברעקלונג, וואָס וועט פאַרכאַפּן די דאָזיקע יידישע טיילן.

אויך אין די אַנדערע לענדער האָבן ניט די יידן די פולע און גאַנצע פרייהייט ווי יידן, ווייל די פרעמדע סביבה ווירקט אָן אויפהער און דרינגט אַריין, אָן אויסערלעכע צוואַנג און אָן אַ באַשטימטער אָבליגאַציע. אָבער דער פאַקט איז, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעהאַלטן זיין פּאָזיציע אין שווערערע באַדינגונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַ פאַרגאַנגענהייט פון הונדערטער יאָרן. אויב עס זענען איבערגעבליבן אין יעדן דור איינציקע גלידער און גרויסע טיילן פון יידנטום זענען פאַרניכטעט און פאַרטיליקט גע־וואָרן, האָט דאָך דאָס יידישע פאָלק אָפּגעהיט זיין אייגנאַרט און זיין אייני־קייט, ניט געקוקט אויף דער צעזייטקייט און אויף די אונטערשיידן פון די גלותן אין די פאַרשיידענע לענדער פון זיין פאַרמירונג. בלי־ספק איז אין אַ גרויסער מאָס בייגעשטאַנען אונדזער פאָלק דער גלויבן אין דער יידישער רעליגיע און אין די אוראַלטע מנהגים. אָבער דאָס יידישע פאָלק האָט איצט אַ ריזיק פאַרמעג וואָס ער האָט ניט געהאַט קיינמאָל במשך דעם גלות. ער האָט איצט אַ טרייע, און איבערגעגעבענע און שטאַרקע שוץ אין מדינת־ישראל.

דער אויפקום פון דער מדינה האָט דערוועקט ביי אַלע יידן, אַריינגע־רעכנט דאָס יידנטום פון רוסלאַנד, געפילן פון ליבע און שטאָלץ און האָט באַנייט און פאַרטיפט זייער זעלבסט־באַוווסטזיין ווי איין פאָלק. אויך די יידן, וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן די אלטערנאַטיווע פון עליה, וואָס די פּראָ־קלאַמירונג פון דער זעלבשטענדיקייט האָט זיי אָנגעבאָטן, האָבן דערזען אין דער מדינה אַ נאַציאָנאַלן אייגנטום פאַר זיי. ווען אַ ייד פון אַמע־ריקע אָדער דרום־אַפריקע זאָגט אונדזער רעגירונג, באַ־

ציט ער זיך אין די מיינסטע פאלן צו דער רעגירונג אין ישראל. און דער יידישער ציבור אין די פאַרשיידענע לענדער באַטראַכט די ישראל־רעפּרע־זענטאַנטן פאַר זייערע פאַרשטייער. אין אַ גרויסער מאָס האָט גורם געווען דערצו, בלי־ספק, דער „נס" פון זעלבשטענדיקייט. אָבער אַ שטענדיקער און דויערנדיקער נס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ „נס". און מען דאַרף ניט פאַרגעסן אויף קיין איין מאָמענט, אַז דערווייל איז אין ישראל פאַראַן נאָר 13 פראָצ. פון וועלט־יידנטום. וועט לאַנג אָנהאַלטן די טייערע ליבע־באַציאונג צו דער מדינה, וואָס פאַראייניקט אין דער תקופה דאָס פאָלק, און צי וועט געניג זיין די דאָזיקע פאַרבינדונג אויפצוהאַלטן דאָס יידנטום פון די תפוצות אין די נייע באַדינגונגען, וואָס עס איז אונטערגעוואָרפן?

מיר דאַרפן צולאָזן דעם געדאַנק, אַז היינט זענען פאַראַן אַרום אַ מיליאָן אָדער אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידן אין די פאַרשיידענע לענדער, וואָס האַלטן זיך פאַר קאַנדידאַטן עולה צו זיין אין דער נאָענטסטער צו־קונפט, דער ווילן און די אויסזיכטן עולה צו זיין איז אַ פאַקטאָר וואָס דערציט און דערנענטערט. מען דאַרף אָבער ניט פאַרזען דעם פאַקט — צי ער איז אָנגענעם אָדער ביטער, היסטאָריש באַזירט אָדער טעותדיק — אַז בערך אַכציק פּראָצענט פון די יידן פון די תפוצות ווייסן, אַז זיי וועלן בלייבן אויף זייערע ערטער. זיי דאַכט זיך אויס, אַז זיי האָבן דערגרייכט זייער רו און זייער נחלה דאָרט ווו זיי געפינען זיך. זיי דרינגען אַריין און באַטייליקן זיך אין דעם פּאָליטישן און גייסטיקן לעבן פון זייערע וווינ־לענ־דער, זיי דרינגען אַריין, אויך אין דער אידעאָלאָגיע פון אַסימילאַציע, אין דער ניט־יידישער סביבה און זיי ווערן דאָרט אַבסאָרבירט באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק.

אויך אין די דאָזיקע צענטערן עקסיסטירט אַ חלוצישע באַוועגונג, זאָל זיין אַפילו אַ שוואַכע און אַ קנאַפּע, און מ׳דאַרף איר טאַקע פאַרשטאַרקן און פאַרגרעסערן. ס׳איז דאָ אַן עליה פון יחידים אויך פון ענגלאַנד, פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון קאַנאַדע, פון ארגענטינע און פון די אַנדערע לענ־דער פון דעם סאָרט. אָבער אַ חלוצישע און יחידים־עליה פאַרמינערט ניט דעם פאַרנעם פון דעם פּראָבלעם: צי די צאָל יידן אין די דאָזיקע לענדער וועט ניט ווערן קלענער, ווען ס׳זאָלן אַפילו ניט עולה זיין יעדעס יאָר הונדערטער און טויזנטער, ווי חלוצים, ווי פאַכלייט, ווי אינוועסטירער א. א. וו. (און דערווייל זענען מיר נאָך ווייט אויך פון דער קנאַפּער עליה), און די פראַגע וואָס וועט זיין דער גורל פון די יידן אין די תפוצות, זייערע פאַרבינדונגען צווישן זיך און זייער שייכות צו ישראל, בלייבט אַלץ ווי געווען. יעדעס יאָר וואָס וועט פאַרבייגיין וועט פאַרשאַרפן דעם פּראָבלעם: פון איין זייט וועט זיך אויסקריס־טאַליזירן און פאַרפעסטיקן דער אייגנאַרטיקער, און דער אינדיווידועלער כאַ־ראַקטער און די אַנדערשקייט פון ישראל און פון דער אַנדערער זייט וועט זיך פאַרשטאַרקן דאָס איינזאַפּן און פאַרשלונגען ווערן פון די תפוצות אין

זייער סביבה. וועט אונדז העלפן די ציוניסטישע באַוועגונג? וועט זיך איר־איינגעבן גובר צו זיין די מחיצות, דיפערענצירונגען און דיסטאַנצן און דינען ווי אַ מאָראַלישער גערדאַנקלעכער און אָרגאַניזאַציאָנעלער צעמענט צווישן די טיילן פון פאָלק און מיט וואָס?

***

מיטן אויפקום פון דער מדינה איז דער ציוניזם געשטעלט געוואָרן פאַר אַ האַרבן עקזאַמען. אפשר פאַרן העכסטן עקזאַמען — און האָט אים ניט אויס־געהאלטן, אז מ׳האָט באַקומען די ברירה עולה צו זיין אָדער בלייבן אין גלות, האָבן די ציוניסטישע מאסן צוזאמען מיט די מנהיגים אויסגעקליבן צו בלייבן. מ׳האָט אויפגעקלערט און דעמאָנסטרירט, אַז דער ציוניזם וואָס האָט גע־הערשט אין דער צייט פונעם אויפקום פון דער מדינה באַטייט ניט עליה, איז ניט מחייב קיין אינדיווידועלע אידענטיפיקאַציע מיט די ציון־בויער. אַזאַ איז געווען דער ציוניזם אין אַמעריקע, אין ענגלאַנד, אין דרום אַפריקע, אין דעם רוב מערב־אייראָפּעאישע לענדער. מ׳דאַרף דעם דאָזיקן פאַקט באַטראַכטן מיט קלאָרקייט, אין זיין פולן באַטייט און מיט אַלע קאָנסעקווענצן וועלכע דרינגען אַרויס פון דעם. היסטאָרישע געשעענישן דאַרף מען ניט פאַרדאמען, ניט פסלנען און ניט בייזערן זיך אויף זיי. מ׳דאַרף זיי פאַרשטיין און אָפּשאַצן — און אויך ציען פון זיי די נייטיקע קאָנסעקווענצן, כדי צו ענדערן און מתקן זיין דאָס, וואָס נויטיקט זיך און לאָזט זיך ענדערן און מתקן זיין.

***

גיט שטענדיק און ניט אין יעדן לאַנד איז דער ציוניזם געווען אָפּגעזונ־דערט פון דעם ווילן צו עליה. ווען ס׳וואָלט אַזוי געווען וואָלט בכלל ניט אַנטשטאַנען קיין ציוניסטישע באַוועגונג און זי וואָלט ניט מאַריך ימים גע־ווען. דער כוח און אָביעקט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין משך פון פופציק יאָר איז געווען דאָס אייראָפּעאישע יידנטום וואָס האָט געשטרעבט צו עליה און האָט זיך געגנויטיקט אין אַ יידישער מדינה; ארץ ישראל איז פאַר אים געווען אַן אָרגאַנישע באַדערפעניש.

אין אַמעריקע, איז שוין נאָך ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען דער גרעסטער יידישער צענטער, — אָבער דער ציוניזם האָט געדייעט, אַנט־שטאַנען און זיך אנטוויקלט אין אייראָפּע, און איז אויפגעבויט געוואָרן בעיקר דורך דעם אייראָפּעאישן יידנטום. די צאָל שוקלים פלעגט אָפּשפּיגלען די גרויס און דעם היקף פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און עד־היום איז ניטאָ קיין אַנדער געזעצלעכער און אָרגאַניזאַציאָנעלער מאסשטאַב פעסטצושטעלן די מאָס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אויב מיר זאָלן לויט דעם בודק זיין

די לאגע, ווי זי איז געווען ביים לעצטן קאָנגרעס, ווען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק האָט נאָך געלעבט, — און דאָס איז געווען ביים קאָנגרעס אין זשע־נעוו, אויגוסט 1939, פאַרן אויסברוך פון דער לעצטער וועלט־מלחמה. — באַקומען מיר אַזאַ בילד: צו דעם קאָנגרעס איז פאַרשפרייט געוואָרן 1.417.732 שקלים, פון זיי 375.740 שקלים אין יאָר 1938; 1.041.991 — אין יאָר 1939, אין קאָנגרעס יאָר; אַלס באַווייז פאַר דער מאָס צוגעהעריקייט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע קענען דינען נאָר די שקלים פונעם קאָנגרעס יאָר, אַזוי אַז מיר קענען דורכלאָזן די שקלים פון 1938, און מ׳דאַרף נאָכזען ווי אַזוי זענען די שקלים פונעם קאָנגרעס־יאָר פאַרטיילט געוואָרן לויט די פאַר־שיידענע לענדער. אויב מיר ווילן אויך דאָס מאָל איינטיילן אַלע לענדער אין 5 בלאָקן, ווי מיר האָבן עס אויבן געטאָן (ארץ־ישראל, דער סאָוועטישער בלאָק, אַמעריקע און די ענגלישע קאָמאָנוועלט, „מערב״־אייראָפּע, ס׳הייסט די לענדער מחוץ דעם סאָוועטישן בלאָק, און די איסלאַמישע לענדער) וועלן מיר׳ באַקומען אַזאַ בילד:

1) אין א״י זענען פאַרשפרייט געוואָרן 167.562 שקלים אָדער 16 פראָ־צענט פון אַלע שוקלים אין דער וועלט, די איבערוויגנדיקע מערהייט פון די שוקלים זענען געווען געקומענע פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער;

2) די לענדער וועלכע זענען איצט איינגעשלאָסן אין דעם הייגטיקן סאָ־וועטישן בלאָק, האָבן דעמאָלסט געגעבן 426.565 שוקלים, קרוב צו 40,9 פראָצ. פון אַלע שוקלים אין דער וועלט: (עסטלאַנד — 1.220, בעמען און מערן — 9.840, בולגאַריע — 5.269, אונגאַרן — 21.562, לעטלאַנד — 19.525, ליטע — 21.775, די סלאָוואַקיי — 11.775, פוילן — 179.930, גאַ־ליציע — 95.702, רומעניע — 20.024, בוקאָווינע — 8.067, בעסאַראַביע — 16.734, טראַנסילוואַניע — 15.188).

3) אין אַמעריקע און אין דער ענגלישער קאָמאָנוועלט — 338.140 אָדער 32,4 פראָצענט פון אַלע שוקלים (פאַראייניקטע שטאַטן — 263.741, אין ענגלאַנד — 23.513, דרום אַפריקע — 22.343, קאַנאַדע — 15.220, אַרגענטינע — 8.082, ניי־זעעלאַנד — 355, טשילע — 800, אינדיע — 503, אורוגוויי — 1.892, קאָלאָמביע — 240, מעקסיקע — 1.050, אויסטראַליע — 401).

4) אין מערב אייראָפּע (ס׳הייסט די לענדער מחוץ דעם איצטיקן סאָוועט־טישן בלאָק) — 105.674, אָדער 10,1 פראָצענט פון אַלע שוקלים (דייטש־לאַנד — 51.268, עסטרייך — 19.993, פראַנקרייך — 11.012, יוגאָסלאַוויע — 10.055, בעלגיע — 6.266, האָלאַנד — 4.164, גריכנלאַנד — 3.010, שווייץ — 2.353, דענעמאַרק — 1.007, איטאַליע — 265, לוקסעמבורג — 412, נאָרוועגיע — 223, פינלאַנד — 314, שוועדן — 972);

5) אין די איסלאַמישע לענדער — 4.018 אָדער 0.38 פראָצענט פון אַלע

שוקלים (אדען — 1.000, טוניס — 901, מאַראָקע — 823, מצרים — 690, טערקיי — 500 און ציפערן — 104).

גאַנץ אייראָפּע (אַ חוץ ענגלאַנד און אַ חוץ דאָס רוסישע יידנטום) האָט געגעבן דעם גרעסטן צאָל שקלים אין דער וועלט — (532.239 — 51.1 פּראָצ.), אין דער צייט ווען דער אַמעריקאַנער בלאָק און די בריטישע קאָמאָנוועלט האָבן געגעבן נאָר 336.451 — 32,3 פּראָצענט); אין אייראָפּע (אָן ראַטנפאַרבאַנד און ענגלאַנד) זענען דאַן געווען נאָר ביי זעקס מיליאָן און דריי הונדערט טויזנט יידן, און אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט און בריטישן קאָמאָנוועלט זענען געווען קרוב זעקס מיליאָן יידן.

אין די איסלאַמישע לענדער זענען דאַן געווען ביי אַכט הונדערט טויזנט יידן, פון זיי נאָר 4.018 שוקלים.

דער ציוניזם איז געווען בעיקר אַ באַוועגונג פון מערב־יידנטום, דאָס הייסט פון די אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער יידן, ס׳איז אָבער געווען אַ גוואַלטיקער גרונט אונטערשייד צווישן די אַמעריקאַנער און אייראָפּעאישע יידן. פאַרן אייראָפּעאישן יידנטום, ספּעציעל אין די מזרח־לענדער, אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך, איז דאָס שטרעבן צו א״י געווען ניט קיין אַבסטראַקטע „אַלטרואיסטישע״ לטובת דעם אַנדערן, נאָר אַ פּערזענלעכע שטרעבונג. זיי האָבן געוואָלט א״י פאַר זיך. פון די דאָזיקע לענדער האָט געשטראָמט — אויך וויפל דער מאַנדאַט־רעזשים האָט דערלויבט — אַ חלוציש און פּאָלקסטימלעכע עליה, און ווען ניט די באַגרענעצונגען אין די קאַלקולאַציעס וועגן די אַבסאָרבירונגס־מעגלעכקייטן, — וואָלט די עליה געווען נאָך אַ גרעסערע; דאָס איז ניט געווען קיין פילאַנטראָפּישער ציוניזם וואָס מיינט העלפן אַנדערע, נאָר א אויטאָעמאַנסיפּאַציע ציוניזם, וואָס קאָנדענסירט פּערזענלעכע גאולה מיט נאַציאָנאַלער דערלייזונג. ווען מען האָט דערהערט אין 1937 צום ערשטן מאָל דעם שם המפורש פון אַ „יידישער מדינה״ פון דער בריטישער קעניגלעכער קאָמיסיע און דערנאָך פון דער ענגלישער רעגירונג — איז עס געווען פאַר די אייראָפּעאישע יידן אַ מין משיחישע בשורה. זיי האָבן געוואָלט אַ מדינה ניט פאַר אַן אַנאָנימען פאָלק — נייערט פאַר זיך אליין. די מדינה איז פאַר זיי געווען אַ פּערזענלעכע באַדערפעניש, און זיי האָבן אויך געהאַט די פולע מעגלעכקייט צו בויען די מדינה, ווייל זיי האָבן פאַרמאָגט דעם מענטשן־כוח, קאַפּיטאַל, און אַרבעטס־זאַמקייט, חלוצישע אייגנשאַפטן, גייסטיקן און קולטורעלן פאַרמעגן, וואָס זענען נייטיק אויפצושטעלן אַ יידישע מדינה און אויפצובויען אַ ווירטשאַפט, אַ קולטור און אַן אַרמיי. אָבער די דאָזיקע יידן האָבן ניט זוכה געווען צו זען דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה און ווען די טויערן האָבן זיך ברייט צעעפנט — האָבן זיך די ביידע צעשיידט: די עליה און דער ציוניזם. די עולים זענען ניט געווען קיין ציוניסטן און די ציוניסטן זענען ניט געווען קיין עולים. נאָר אין דער מאָס וואָס ס׳זענען געבליבן רעשטלעך פון מזרח איי־

ראַפּעאישע יידן און מ׳האָט זיי דערלויבט אַרויסצופאָרן — איז נאָך דער ציוניזם געבליבן באַהאַפטן צו עליה. פון די אָריענטאַלישע לענדער איז גע־קומען אַ גרויסע עליה, הגם דאָרטן איז ניט געווען קיין סימן פון אַ ציוניס־טישער באַוועגונג. אין תימן איז ניט געווען אַפילו קיין איין שקל, און כמעט דאָס גאַנצע תימנער יידנטום האָט עולה געווען. אין בבל איז ניט געווען קיין ציוניסטישע באַוועגונג (הגם ס׳איז דאָרט געווען אַ אונטערערדישער חלוציזם) און ס׳האָבן פון דאָרט עולה געווען 124.000, מער ווי ניינציק פּראָצענט פון אַלע איראקער יידן. די דאָזיקע יידן זענען געזעסן אין דאָזיקן לאַנד פון דער צייט פון גלות בבל, און זענען ניט צוריקגעקומען אַפילו אין דער צייט פון דער כורש דעקלאַראַציע, און זיי האָבן זיך אויך ניט גערירט און ניט באַ־וועגט אין דער צייט פון דער באַלפור־לעקלאַראַציע וואָס איז געקומען נאָך 2.500 יאָר. זיי האָבן עולה געווען אין לאַנד ווען ס׳האָט זיך געגרינדעט די מדינה. פון די צפון־אַפריקאַנישע לענדער איז צום לעצטן ציוניסטישן קאָנ־גרעס פון פאַר דער מלחמה געווען 1.724 שקלים, עולה געווען אין לאַנד האָבן — 101.827.

אין טערקיי זענען צום קאָנגרעס פון 1939 פאַרשפּרייט געוואָרן 500 שקלים, און ס׳האָבן עולה געווען 35.000; אין פּערסיען איז אין 1939 ניט געווען קיין איין שוקל און ס׳האָבן עולה געווען 25.593 פּערזאָן.

אַקעגן ווידער האָבן מיר דעם נישטיקן פּראָצענט פון דער אַמעריקאַנער עליה, נישטיק לויט דער צאָל יידן, אויך נישטיק לויט דער צאָל ציוניסטן.

הערצל האָט געזאָגט, אַז דער ציוניזם איז „דאָס יידישע פאָלק אונטער־וועגס״. אָט דער זאַץ האָט אויסגעדריקט דעם תמצית פון דעם ציוניסטישן וועזן, לויט ווי ער איז געוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט אין אייראָפּע. די נייע ווירקלעכקייט האָט סותר געווען די דאָזיקע הנחה.

די אייגנשאַפט פון ניט פאַרגעסן און ניט לערנען איז ניט קיין מאָנאָ־פּאָל פון די בורבאָנען. געדאַנקען־געוווינהייטן, ווען אַפשר זייער באַזע איז רואינירט און זייער קוואַל אויסגעטריקנט, האָבן דאָך ניט ליב צו איבערלאָזן זייער פּלאַץ פאַר נייע געדאַנקען וואָס פליסן אַרויס פון באַנייטע באַדערפע־נישן און פאַרענדערטע באַדינגונגען. אויך די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך ניט באַפרייט פונעם געזעץ פון אינערץ. אָבער די פּראָבלעמען וואָס די נייע יידישע און וועלט־ווירקלעכקייט האָט פאַר אונדז געשטעלט מיט זייער גאַנצער האַרבקייט — איז אונדז מחייב צו רעווידירן די אידעאישע און פּראַקטישע יסודות פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דער מאָדערנער ציוניזם לויט ווי ער איז דעפינירט געוואָרן דורך פּינ־סקער און הערצלען און האָט געווירקט פונעם יאָר 1880 אין דער פאָרעם פון חיבת ציון און פונעם יאָר 1897 אין דער פאָרעם פון דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע, איז געווען ביזן אויפקום פון דער מדינה, לויט ווי מיר האָבן שוין אָנגעצייכנט, צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי פאַרשיידענע יסודות.

דער ערשטער יסוד — איז דער פלאַדיקער און טיפער קשר וואָס האָט עקסיסטירט אין אַלע דורות אינעם האַרצן פון יידישן פאָלק צום לאַנד פון זיינע אבות, און די משיחישע האָפענונגען וועלכע האָבן פולסירט אין יידישן פאָלק פון דער צייט פון די נביאים ביז היינטיקן טאָג. די דאָזיקע האָפענונגען האָבן אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען; זייער מהות אָבער האָט זיך ניט געביטן און וועט זיך ניט בייטן. זיי זענען געקלאַמערט צו דער בשורה וועלכע די יידישע נביאים האָבן מבשר געווען וועגן דער יידישער גאולה און דער וועלט־גאולה. שיבת ציון, דער אויפקום פון מלכות ישראל, איז אַ טייל פון דער דאָזיקער האָפענונג, ער שעפּט זי אָבער ניט אויס. „גאולה" איז עפּעס טיפער און אַלגעמיינער. אין דער אחרית הימים וויזיע פון די נביאים רעדט זיך וועגן אַ צווייג פון ישי'ס שטאַם וואָס אויף אים וועט רוען „גאָטס גייסט, אַ גייסט פון חכמה און פאַרשטאַנד, אַ גייסט פון עצה און גבורה, אַ גייסט פון וויסן און גאָטספאַרכטיקייט, און גערעכטיקייט וועט זיין דער גאַרטל פון זיינע לענדן און גלויבן — דער גאַרטל פון זיינע דיכן". און די גערעכטי־קייט וועט זיך ניט רעדוצירן נאָר פאַר די יידישע קינדער נאָר פאַר אַלע פעלקער, וועלכע וועלן אויסשמידן „זייערע שווערדן אויף רידלען און זייערע שפּיזן אויף שנייד־מעסערס, ס'וועט איין פאָלק קעגן צווייטן ניט אויפהייבן קיין שווערד און זיי וועלן מער ניט לערנען קיין מלחמה". דער רעזשים פון גנאָד און גערעכטיקייט וועט זיך אויסשפּרייטן אויך איבער אַלע בעלי־חיים „און ס'וועט הויזן אַ וואָלף מיט אַ שעפּס און אַ טיגער וועט הויערן מיט אַ ציג און אַ קאַלב און אַ יונגער לייב און פעטע רינד וועלן זיין באַנאַנד און אַ קליינער יינגל וועט זיי אָנפירן — זיי וועלן ניט טאָן קיין בייז און וועלן ניט פאַרדאַרבן אין מיין גאַנצן הייליקן באַרג ווייל דאָס לאַנד וועט פול זיין מיט דערקענטעניש פון גאָט ווי דאָס וואַסער באַדעקט דעם ים" און דער תהילים־זינגער וואָס בעט אויף דעם אומקער פון די געפאַנגענע קינדער פון יעקב און איז מתפלל אויף גאָטס חסד און הילף, אַז ער זאָל ריידן שלום צו זיין פאָלק און זאָל לאָזן רוען כבוד אין אונדזער לאַנד — זעט די פולע גאולה אין אַ וועלט פון חסד און אמת און צדק און שלום, וועלכע פליסן ניט נאָר צווישן די מענטשן, נאָר אינעם גאַנצן קאָסמאָס: „חסד מיט אמת וועלן זיך באַגעגע־נען, צדק מיט שלום וועלן זיך צוקושן. אמת וועט פון דער ערד אַרויסשפּראָצן און צדק וועט אַראָפּקוקן פון הימל" (תהלים פ"ה, י"א־י"ב). און ווען איתן האזרחי, פון די תהלים זינגער רעכנט אויס די גרויסקייט פון זיין בורא און ער רופט אויס מיט התפעלות: „דו האָסט אַן אָרעם מיט גבורה, דיין האַנט איז שטאַרק דיין רעכטע איז דערהויבן" איז ער גלייך מוסיף: „רעכט און גע־רעכטיקייט זענען דאָס געשטעל פון דיין טראָן, גענאָד און אמת זענען פאַר דיין פּנים" (תהלים פ"ט, י"ד־ט"ו). און אין דעם זעלבן קאַפּיטל שעפּט ער אויס אין דריי פּשוטע און דערהויבענע ווערטער דעם העכסטן קאָסמישן און עטישן אמת: „אַ וועלט פון חסד וועט ער אויפבויען". אַ קורצערע סענטענץ, אַ מער

פערפעקטע, אַ מער געהויבענע פון דער וועט איר ניט געפינען אין דער גאַנ־צער וועלט ליטעראַטור. מיטן אָפּשליסן דעם תנ״ך איז איבערגעריסן געוואָרן די נבואה, אָבער די שכינה האָט זיך ניט אָפּגעטאָן. דאָס פאָלק איז אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין באָדן און איז אַוועק אין גלות, און זיין משיחישע וויזיע האָט אים באַגלייט אין אַלע זיינע וואַנדערונגען, און גאָטס שטימע האָט ווייטער געקלונגען אין זיינע אויערן. און זיין האָפענונג אויף אַ צוקונפט פון אומאָפּהענגיקייט און גערעכטיקייט איז ניט צעשטערט געוואָרן און זיך ניט אויסגעלאָזט.

און די זעלבע שטימע פון גאָט רעדט אַצינדערט צום מענטשן ווי זי האָט גערעדט מיט דריי טויזנט יאָר צוריק. אַנדערע מיינען, אַז די שטימע קומט פון הימל און אַנדערע האַלטן, אַז זי קומט פון הארצן, וויכטיק איז די שטימע און ניט דער וכוח פון וואַנען זי קומט. און יעדער איינער איז מסוגל צו הערן די שטימע, אָפּט אָדער זעלטן, מיט קלאָרע אָדער טריבע קלאַנגען, אויב זיין אויער האָט נטיה צום אמת. און אויך צו טויבע און שטומע דערגרייכט די דאָזיקע שטימע.

דער מענטש באַשטייט פון בלוט און פלייש, פאַרשיידענע גלידער, מוס־קולן און ביינער, נערוון, אָדערן און קעמערלעך, און מען קען זיי אונ־טערזוכן, זען, אָנטאַפּן און אַנאַליזירן, אָבסערווירן זייער שפּראַצן, וואַקסן, ווירקן, צערן און אונטערגיין אָבער דאָס אַלץ איז נאָך ניט דער מענטש, אַן דעם אַלץ קען ניט זיין קיין מענטש, — ס׳איז אָבער פאַראַן נאָך עפּעס וואָס מ׳קען ניט זען און ניט תופס זיין, און דאָס איז דער מענטשלעכער יתרון, און אָט דער פלאַימדיקער עפּעס האָט ניט קיין וואָג און קיין מאָס און קיין דימענסיע. אָבער ער איז דאָ אַן אומזעבאַרער און ער ווירקט און באַווירקט, און דורך זיין פאַרמיטלונג פאַרשטייט דער מענטש און איז תופס און טראַכט און זעט פאַראויס און פאַרבינדט זיך מיט די פאַרגאַנגענע דורות און מיט די קומענדיקע צייטן און דרינגט אַריין אין די נעפּלדיקע ווייטקייטן און אין די נאַטור סודות, און שאַפט פּאָעזיע און אַלע קונסט ווערק און ער וויזיאָנירט און שאַפט איין פאַר זיך און פאַר אַנדערע ווערטן און אָנשויאונגען און פאַר־שטעלונגען און געדאַנקען און אידעאַלן, וואָס פאַר זיי קעמפן מענטשן און שטאַרבן. — און אָט דעם אומזעבאַרן און ניט באַגרייפנדיקן עפּעס רופן מיר אָן „גייסט“.

און אַזוי ווי דער אויסזען און דער קול זענען ביי צוויי מענטשן ניט אין אַלץ ענלעך, הגם זייער געבוי איז דער זעלבער, אַזוי איז דער גייסט פון יעדן מענטשן אַנדערש ווי פון דעם אַנדערן, ווען אַפילו אין גרונט גענומען האָבן זיי ביידע אָן ספק עפּעס פון דעם שתפותדיקן און פון דעם אַלגעמיינעם און דער גייסט פון איין מענטשן באַהעפט זיך און פלעכט זיך איין מיט דעם גייסט פון אַ צווייטן מענטשן. און ס׳איז דאָ אַ אינדיווידועלער גייסט און אַ גייסט פון כלל. פון אַ איינצעלנעם מענטשן און פון אַ גאַנצער מענטשלע־

כער קערפּערשאַפט, פון אַ פאָלק. און איין פאָלק איז ניט ענלעך צום צווייטן, הגם אין די פונדאַמענטן פון זייער קיום איז ניטאָ קיין וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן זיי. אָבער עפּעס ספּעציפישעס איז דאָ אין יעדן מענטשלעכן אויסזען, און ס׳איז דאָ עפּעס ספּעציפישעס אין יעדן נאַציאָנאַלן אויסזען און יעדן נאַציאָנאַלן גייסט.

די גריכן זענען פון די צייטן פון האָמערן ביז אַריסטאָטעלן ניט געווען אַנדערש אין זייער קערפּער־בוי און צוזאַמענשטעל פון יעדן אַנדער פאָלק, און זייער לאַנד מיט איר נאַטור און קלימאַט האָט זיך ניט געענדערט ניט פאַר דעם און ניט נאָך דעם. אָבער „עפּעס" האָט דאָס גריכישע פאָלק פאַרמאָגט אין די עטלעכע הונדערט יאָר, עפּעס וואָס מ׳קען ניט אָנטאַפּן, ניט אָפּוועגן און ניט פורעמען; און מיטן כח פון דאָזיקן „עפּעס" האָבן די גריכישע געלערנטע געשאַפן אומשטאַרבלעכע ווערק אין עפּאָס, אין דראַמע, אין קאָמעדיע, אין פּאָעזיע, אין פילאָזאָפיע, אין וויסנשאַפט, אין אַרכיטעקטור, אין סקולפּטור, אין מאַלעריי, אין מוזיק, וואָס קיין שום פאָלק האָט עס ניט געשאַפן ניט פאַר זיי און ניט נאָך זיי, און עד־היום באַוווּנדערט יעדער קולטור־מענטש דעם נס וואָס מיר רופן אָן העליאַס.

אַזאַ ספּעציעלער און גרויסער „עפּעס", מיט אַ פאַרשיידענעם אינהאַלט און אין אַן אַנ׳אַנדער ריכטונג, האָט זיך אַנטפּלעקט ביים יידישן פאָלק גלייך ביים אָנהויב פון זיין אויפשפּראָצן אין דאָזיקן אוראַלטן לאַנד. אָט דאָס פאָלק, ווי אַלע פעלקער, איז געווען איינגעפּאַסט אין דער ראַם פון די שכנותדיקע פעלקער אין דער וועלט־זאָנע וואָס מיר רופן איצט מיטל־מזרח און וואָס מען דאַרף זיי אָנרופן מיט די נעמען פון די תנ״ך לענדער: כנען, מצרים, אשור און בבל. און דאָס פאָלק איז באַווירקט געוואָרן פון זיינע שכנים פּונקט ווי אַלע פעלקער, ווי ס׳זאָגן עדות די ספרי התנ׳ך. און אַפילו משה רבנו אַליין האָט זיך געלערנט זיין אַ פאָלקס־מנהיג ביי יתרו דעם פּריסטער פון מדין. ס׳לאָזט זיך אויסגעפינען אַ שאַרקע ענלעכקייט צווישן די חומש מעשיות וועגן בריאת העולם און וועגן מבול און צווישן די בבלישע און אשורישע מעשיות פון זעלבן מין. און די תהילים הימנען זענען זייער ענלעך צו די קאַפּיטלען פון אַזעלכע ווי די וואָס מ׳האָט אַנטדעקט אין די רעשטן פון דער פאַרצייטיקער מצרישער ליטעראַטור, און דאָ ערשט אַרום 20 יאָר צוריק האָט מען געפונען אַוגאַרישע אויפשריפטן אין ראס־שמרה, וואָס דערמאָנען אונדז מיט זייער סטיל און אינהאַלט געוויסע קאַפּיטלען תנ׳ך. אָבער אַזוי גרויס ווי ס׳איז די ענלעכקייט אַזוי גרויס איז דער אונטערשייד.

און אָט דער אונטערשייד איז דער סוד פון דער ספּעציפישקייט, די גרויסקייט און אייביקייט פון די תנ״ך ספרים און פון דעם פאָלק ישראל. ס׳איז ניט קיין צופאַל, וואָס אַלע שכנישע פעלקער פון ישראל אין דער תנ״ך תקופה זענען פאַרניכטעט געוואָרן און זענען אונטערגעגאַנגען, און אַ זכר פון זיי איז געבליבן נאָר אין רואינען, בערגלעך, אָבעליסקן, פּיראַמידן און אויס־

באַהאַלטענע אויפשריפטן; דאָס פאָלק ישראל אָבער, טראָץ די מאָוימדיקע און אָפטע אומגליקן וואָס האָבן אים געטראָפן אין אַלע דורות, לעבט נאָך און עקסיסטירט און הײַנט אויף זײַן היסטאָרישע קאָנטינואיטעט, און נאָך צוויי טויזנט יאָר האָט ער זיך אומגעקערט פון זײַן צעשפּרייטקייט אין זײַן געבורטס־לאַנד, האָט באַנײַט זײַן מדינה און האָט אויפגעלעבט זײַן אַמאָליקע שפּראַך. און ער איז שטענדיק געווען אַ קליין פאָלק, „דאָס קלענסטע צווישן די פעלקער", און זײַנע קעגנער און שונאים זענען געווען מער שטאַרקערע און מעכטיקערע, און ער האָט זיך פאַר זיי ניט געשראָקן, און האָט זיך ניט אונטערגעגעבן און זייער פיזישער כוח און גײַסטיקע מאַכט האָבן אים ניט פאַרקנעכטעט, און אין זײַן לאַנגער היסטאָרישער רייזע האָט ער געזען אַ סך פון זיי אַראָפּגיין פון דער לעבנס־אַרענע אָן אַ זכר און אָן אַ שפּור. ניט אַנדערש נאָר דער ספּעציפישער „גײַסט" איז אים בײַגעשטאַנען.

און מיט זײַן גײַסט האָט דאָס פאָלק אויסגעפאַנטאַזירט אַ משיח־וויזיע, אַ גאולה־וויזיע, פאַר זיך, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, פאַר דער וועלט. אַ וויזיע וואָס נאָר איין עקסטרעם פון איר איז מקוים געוואָרן אין אונדזער צײַט, אָבער זי איז נאָך גאַנץ ווײַט פון שלמות ווי זי איז געווען; די וויזיע האָט אַ צוועק, זי האָט אָבער ניט קיין סוף, דאָס איז „אַ לייטער וואָס שטייט אויף דער ערד און זײַן שפּיץ גרייכט ביזן הימל". וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צו דעם, דערווײַטערט עס זיך פון אונדז; ווײַל ס'עפענען זיך ברייטע האָריזאָנטן, און איבער אונדזערע קעפּ אַנטפּלעקן זיך נײַע קולמינאַציע־פּונקטן, הויכע, שטײַגנדיקע; און יעדער אויפשטײַג איז נאָר אַ שטאַפּל צו אַ ווײַטערדיקן אויפשטײַג, און דאָס שטרעבן צו דער וויזיע וועט קיין מאָל ניט אויפהערן. די משיח־וויזיע האָט פּולסירט און וועט פּולסירן אין דער פאָלקס־נשמה, און זי איז אי אַלט אי יונג, זי פאַרמאָגט אין זיך דעם פּראַכט פון פאַרצײַטן און די פרישקייט פון דער יוגנט; פון איר האָט אונדזער פאָלק געשעפּט זײַן וווּנדערבאַרע וויטאַליטעט, און אין איר שויס איז געבוירן געוואָרן די מאָדערנע ציוניסטישע באַוועגונג. דאָס וואָס זי האָט באַקומען פון דער משיח־וויזיע איז אַן אייביקער פאַרמעגן וואָס וועט נישט וועלקן, ניט פאַרגיין, ניט פאַרשווינדן ווערן און זיך ניט ענדערן.

אָבער די ציוניסטישע באַוועגונג האָט עפּעס אַליין מחדש געווען: זי האָט מחדש געווען ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, ציוניסטישע פּאָליטיק. אָט דער חידוש האָט געשעפּט פון דער עקסיסטירנדיקערווירקלעכקייט. דער ציוניזם פון פינסקער און הערצל וואָלט ניט מעגלעך געווען אין די פריערדיקע יאָרהונדערטער, ווײַל ס'איז ניט געווען במציאות דער הינטערגרונט, ניט דער אינטערנאַציאָנאַלער און ניט דער יידישער, אַז ער זאָל קענען גדייען. דער מאָדערנער ציוניזם האָט זיך באַזירט אויף דער יידישער און אַלגעמיינער רעאַליטעט פון אייראָפּע אין נײַנצנטן יאָרהונדערט — אויף דער יידישער לאַגע אין די דאָזיקע לענדער, אויף זייער שטייגער לעבן, אויף זייערע לײַדן, אויף

זייער אינערלעכן לעבנס־אינהאַלט, זייער גייסטיקן לעבן, און אויף דעם פּאָ־ליטישן און טעכנאָלאָגישן מצב, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייאונגס־שטרעבונגען, צווישן־פעלקערלעכע באַציאונגען און זייער באַציאונג צו די יידן אין די אייראָפּעאישע לענדער.

אָט די יידישע און אַלגעמיינע רעאַליטעט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט — עקסיסטירט ניט מער, ווייל זי איז אונטערגעגאַנגען אין די צוויי וועלט־מלחמות אין דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט; און די באַזע פון דער פּאָליטישער אידעאָלאָגיע לויט פּינסקער און הערצל איז רו־אינירט געוואָרן. דאָס יידישע פאָלק לעבט איצט אין אַ טעריטאָריעלע און אינטערנאַציאָנאַלע ווירקלעכקייט וואָס האָט ניט קיין שום ענלעכקייט צו דער ווירקלעכקייט אין נייַנצנטן יאָרהונדערט. אַלטע טרייַע ציוניסטן קענען ווייטער לעבן אין אַ פאַרגאַנגענער וועלט פון געדאַנקען און מעשים, ווייל פערזענלעכע איבערלעבונגען האָבן אַ שטאַרקן אינערציע־כוח, אָבער אָט די געפיל־ און געדאַנק איבערלעבונגען פּאַסן שוין ניט צו דער נייער ווירקלעכ־קייט און זיי פאַרבאָגן שוין ניט קיין לייזונג און קיין שייכות צו די נייע פּראָבלעמען ווי זיי פּרעזענטירן זיך אין דער צווייטער העלפט פון צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט. מיטן באַזייטיקן עליה פון ציוניזם שאַפט זיך אַ ליידיקער חלל. ווערט אויסגעליידיקט דער עיקר פון זיין אינהאַלט. די פאַרגאַנגענע איבערלעבונגען קענען ניט אויספילן די ליידיקייט פון דער קעגנוואַרט, און אַ באַוועגונג ווערט ניט אויסגעפילט פון זכות־אבות אַליין.

„דאָס יידישע פאָלק אין וועג” וואָס וועגן אים האָט הערצל געטראַכט און האָט אויף אים אָנגעהאָנגען זיין ציוניסטישע פּאָליטיק און טעטיקייט, איז למעשה געוועזן דאָס יידישע פאָלק אין אייראָפּע, וואָס קען ניט און וויל ניט בלייבן אויף אַן אָרט, דאָס פאָלק וואָס האָט אויף זיינע אַקסלען געטראָגן די ציוניסטישע באַוועגונג און אויף צו פאַרווירקלעכן איר איז עס געווען סטימו־לירט מיט אַ ווילן צו עליה. דאָס פאָלק איז פאַרניכטעט און אומגעבראַכט גע־וואָרן. אַזאַ חורבן וועלכן היטלער האָט געבראַכט אויפן יידישן פאָלק אין איי־ראָפּע — האָט קיין שום שונא־ישראל פאַר אים ניט געוואָגט, און ס'איז אויך קיינער ניט געלונגען עס דורכצופירן. אָבער נאָך מער ווי היטלער האָט שווער געטראָפן דעם יידישן פאָלק וועלכן ער האָט געקענט און פיינט געהאַט, האָט ער געשעדיקט דער יידישער מדינה, וועמענס אנערקענונג ער האָט ניט פאַר־אויסגעזען. ער האָט פאַרניכטעט דעם טרעגער און דעם צענטראַלן און עיקר־דיקן כוח פון דער מדינה. די מדינה איז אַנטשטאַנען — און זי האָט ניט געפונען דאָס פאָלק אויף וועלכן זי האָט געוואַרט. הונדערטער יאָרן האָט זיך דאָס יידישע פאָלק אַרומגעטראָגן מיט דער תפילה־פראַגע: וועט זיך גע־פינען אַ מדינה פאַרן פאָלק? קיינעם איז ניט איינגעפאַלן די דערשיטערנ־דיקע פראַגע — וועט זיין אַ פאָלק פאַר דער מדינה ווען זי וועט אַנטשטיין?

און אַט די פראַגע איז בעצם די הויפּט־פּראָבלעם פון מדינת ישראל, וועלכע
איז אַנטשטאַנען אין אונדזער צייט — — —

**
*

דער ציוניזם האָט אויפגעהערט צו זיין „דאָס יידישע פאָלק אין וועג״,
ווי הערצל האָט מיט רעכט פעסטגעשטעלט אין זיין צייט. דאָס רוב פון
יידישן פאָלק וואָס לעבט אין אונדזער צייט באַטראַכט זיך ניט „אין וועג״
ווי הערצל האָט געזען, נאָר פאַרקערט, ער באַטראַכט זיך פאַרוואָרצלט אין
די לענדער ווו ער וווינט. און אין דעם זין איז ניטאָ קיין אונטערשייד פון
אַ ציוניסט, אַ ניט־ציוניסט און אַ אַנטיציוניסט. אָפּגעזונדערטע און איינצל־
נע זענען עולה אין ישראל אויך פון אַמעריקע — און וועלן בלי ספק אויך
להבא עולה זיין, אָבער דער רוב מנין און בנין פון יידישן פאָלק אין צפון־
אַמעריקע — און דאָס איז איצט דער דעצידירנדיקער צענטער אין דער יידי־
שער פרייער וועלט, מיינען ניט, אַז זיי שטייען „אויפן וועג״ אָדער זיי
קלייבן זיך „אין וועג״. אויך די פיר הונדערט טויזנט ענגלישע יידן — דער
גרעסטער יידישער צענטער אין מערב־אייראָפּע, — זענען ניט ווייט פון די
מיינונגען און די געפילן פון זייערע ברידער אויף יענער זייט אָקעאַן. אויך
דאָ איז פאַראַן אַ גרויסע ציוניסטישע באַוועגונג, מיט טיפע וואָרצלען, וואָס
ציט איר יניקה אויך פון דער בריטישער ליטעראַטור (מילטאָן, בייראָן,
דזשאָרזש עליאָט), און אויך פון די יידישע גדולים אין ענגלאַנד: משה מאָנ־
טעפיאָרע, ד׳איזראַעלי, גאָלדסמיט און פון דער גרופּע איניציאַטאָרן פון דער
באַלפור־דעקלאַראַציע מיט ווייצמאַנען בראש. אָבער דער דאָזיקער יידישער
ציבור — וואָס פאַרמאָגט אַ רייכע ציוניסטישע טראַדיציע — באַטראַכט זיך
ניט „אין וועג״, הגם דער חלוצישער פּראָצענט־זאַץ איז גרעסער פון דעם פון
די פאַראייניקטע שטאַטן. און דאָס זעלבע איז מיטן קאַנאַדישן יידנטום, אַר־
גענטינישן, בראַזיליאַנישן, דרום־אַפריקאַנישן און אַנדערע. ס׳עקסיסטירן
פעסטע פאַרבינדונגען מיט ישראל, די ליבע צו דער מדינה איז גרויס און די
הילף איז אַ היפשע — אָבער זיי קלייבן זיך ניט „אין וועג״.

אַ סך ציוניסטישע עסקנים, דאָס רוב פון ישראל, טענהן צו די אַמערי־
קאַנער יידן און צו די יידן אין אַנדערע מערב־לענדער, אַז דער גורל פון די
אייראָפּעאישע יידן וועט זיי אויך ניט אויסמיידן; פאַר יידן איז: די גאַנצע
וועלט — איין געצעלט; און די יידן וועלן ניט קענען עקסיסטירן אין רו און
שלום אין אַמעריקע און ענגלאַנד אַזוי ווי זיי האָבן עס ניט געקענט אין איי־
ראָפּע. דעם דיאַגנאָז וואָס עס האָבן געשטעלט פינסקער און הערצל איז חל
אויף אַלע יידן אין דער וועלט און ניט דווקא אויף די יידן אין אייראָפּע.
אָבער אין דער טענה איז פאַראַן אַ פאַרזען די בולטע און עסענציעלע אונ־
טערשיידן צווישן דער פּאָליטישער ווירקלעכקייט און היסטאָרישער טראַדי־

ציע פון די אייראָפּעאישע פעלקער און צווישן דער ווירקלעכקייט און טראַ־
דיציע פון דער נייער וועלט, וואָס איז אינגאַנצן קאָנסטרואירט געוואָרן דורך
עמיגראַנטן; צפון־אַמעריקע ספּעציעל, פאַרמירט אַ פּלוראַליסטישע נאַציע,
צוזאַמענגעשטעלט פון אַ סך און פון פאַרשידענע פעלקער, פאַרזאַמלטע פון
אַלע וועלט־טיילן, און זי פאַרמאַגט אויך פאַרשידנפאַרביקע ראַסן; און דאָס
וואָס האָט פּאַסירט אין אייראָפּע מוז ניט געשען אין אַמעריקע, הגם קיינער
קען ניט פאַרזיכערן, אַז דאָרט וועט עס בשום אופן און אין קיינע באַדינגונ־
גען ניט טרעפן. אָבער ס'איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז דאָס אַמעריקאַ־
נישע יידנטום באַטראַכט זיך פאַר איינגעוואָרצלט און איינגעגלידערט אין
די פאַראייניקטע שטאַטן, און עס איז שטאָלץ אויף זיין אַמעריקאַניזם, הגם
עס פאַרלייקנט ניט זיין יידישקייט; פאַרקערט, עס נעמט אַ קענטיקן און
פּרינציפּיעלן אָנטייל אין יעדער יידישער וועלט־אַקציע. און כל־זמן די אַמע־
ריקאַנער ווירקלעכקייט איז אַט אַזוי אַ, און כל־זמן די אַמעריקאַנער יידן
טראַכטן און פילן אַט אַזוי ווי זיי טראַכטן און פילן — און אין דעם געפיל
איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן אַ ציוניסט און אַ ניט־ציוניסט, — וועט
גיט העלפן דאָס אָנשרעקן וואָס קומט מן החוץ, ווען אַפילו דאָס וועט זיך
שטיצן אויף קלאַסישע ציוניסטישע פסוקים און אויף ציטאַטן פון פּינסקערס
און הערצלס רייד. „דאָס אָנשרעקן" וועט גיכער די יידן פאַרטרייבן פון דער
ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווי פאַרטרייבן זיי פון אַמעריקע.

* * *

ביים אָנהויב פון דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה זענען געוועזן ציור־
גיסטן „מאַקסימאַליסטן", וועלכע האָבן געטענהט, אַז מדינת ישראל איז צו־
זאמענגעשטעלט ניט נאָר פון די יידן וואָס וווינען אין איר, נייערט פון אַלע
יידן אין דער וועלט, און יעדן יידן קומט ישראל בירגערשאַפט, אָדער לחל
הפחות יעדן ציוניסט, און די אַלע צוזאמען, די ישראל איינוווינער און די
יידן חוץ לארץ, וועלן בילדן די סוווערעניטעט פון דער מדינה, וועלן באַ־
שטימען איר פּאָליטיק און אירע געזעצן; און די ציוניסטן פון אַלע לענדער
וועלן זיין שותפים אין פאַרוואלטן די מדינה און זיי וועלן האָבן פאַרשטייער
אין דעם ישראל פּאַרלאַמענט און אין דער רעגירונג.

די וואָס טענהן אַזוי האָבן פאַרדרייט און פאַרקרימט אַ ריכטיקע הנחה,
וואָס אויף איר באַזירט זיך די היסטאָרישע מיסיע פון מדינת ישראל, און
האָבן פאַרוואנדלט אַ פּאָליטישן אמת אין אַ קאַריקאַטור. מדינת ישראל איז
ניט באַשטימט נאָר פאַר אירע איינוווינער, נייערט פאַרן גאַנצן פאָלק. דאָס
באַווייזט דער אומקער געזעץ, די טויערן פון לאנד זענען אָפן פאַר יעדן
יידן, און יעדער עולה ווערט גלייך ביים עולה זיין אין לאנד פאַרוואנדלט
אין אַ פולבאַרעכטיקטן בירגער אין לאַנד. נאָכמער: דער גורל פון דער

מדינה און דער גורל פונעם פֿאָלק אין די תפוצות זענען פֿאַרבונדן צווישן זיך. די מדינה וועט ניט קענען בויען איר ווירטשאַפֿט, איר קולטור און איר זיכערקייט און וועט ניט קענען דורכפֿירן דעם קבוץ גלויות אָן דער מיטאַרבעט פֿון יידישן פֿאָלק. פֿון דער אַנדערער זייט, איז די עקזיסטענץ פֿון דער מדינה אַ קוואַל פֿון דערהויבונג און שטאָלץ און אַ טרייע שטיצע פֿאַר אַ בכבודיקער פּאָזיציע פֿון די יידן אינערהאַלב זייערע שכנים. די דערגרייכונגען פֿון דער מדינה הייבן דעם יידישן כבוד אין דער וועלט, און אַ דורכפֿאַל פֿון דער מדינה קען שווער אָנגרייפֿן זייער פּאָזיציע. אָבער אָט די ריכטיקע הנחות באַרעכטיקן ניט דאָס געבן חוץ לאָרץ איינוווינער, אונטערטאַנען פֿון אַנדערע לענדער, בירגער־רעכט און אָנטייל אין דער מלוכה־מאַכט פֿון ישראל, ווען מיר זאָלן אויך אָננעמען אַז די אַנדערע לענדער וועלן דאָס דערלויבן. אַזאַ מין רעזשים וואָלט צונישט געמאַכט די סוווערעניטעט פֿון דער מדינה און וואָלט פֿאַרוואַנדלט אירע איינוווינער אין רעכטלאָזע מענטשן. די איינוווינער פֿון דער מדינה וואָלטן ניט געקענט פֿאַרפֿליכטן די אָפּוועזנדע „בירגער", אונטערטאַנען פֿון פֿרעמדע מדינות, צו צאָלן שטייערן, דינען אין מיליטער, און צו האַנדלען לויט די ישראל־געזעצן, אָבער די „בירגער" אין גלות וואָלטן לויט דער סיסטעם געקענט מיט זייערע שטימען פֿאַרפֿליכטן די ישראל איינוווינער אין זייער פּריוואַטן לעבן, אין זייער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק, אין פֿראַגן פֿון שלום און מלחמה — ד. ה. אין פֿראַגן פֿון לעבן און טויט פֿאַר דער מדינה און אירע איינוווינער. דער „שותפֿות" געדאַנק פֿון די ציוניסטן „מאַקסימאַליסטן" האָט ניט געפֿונען קיין אָפּקלאַנג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג; אָבער אַ סך ציוניסטן אין חוץ לאָרץ, און אפֿשר דאָס רוב פֿון זיי, מיינען אַז בעצם האָט מיטן אַנטשטיין פֿון דער מדינה זיך גאָר ניט געענדערט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און אַזוי ווי זיי זענען געווען ציוניסטן די לעצטע פֿופֿציק יאָר און האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן געטאָן — וועלן זיי זיין און טאָן אויך להבא; דער פֿאַקט, וואָס זיי ווילן בלייבן אויף אָן אָרט, זיי און זייערע קינדער, און ניט עולה זיין, איז ניט קיין נייער. אויך פֿאַרן אויפֿקום פֿון דער מדינה האָבן זיי ניט געהאַלטן, אַז די יידישע מאַסן אין די פּאָראַייניקטע שטאַטן און בתוכם די ציוניסטן וועלן דאַרפֿן איבערוואַנדערן אין לאַנד. און דעריבער האָט זיך גאָרניט געענדערט. דאָס איז די תשובה וואָס דער איבערוויגנדיקער רוב אין דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט זיך אַליין געגעבן, און זיי זענען ניט איין קיין גרונט און קיין באַדערפֿעניש צו איבערקוקן פֿון דאָסניי דעם ציוניסטישן מהות און רעווידירן זיינע וועגן אין ליכט פֿון די ענדערונגען אין דער נייער תקופֿה. ס'איז אויך פֿאַראַן אַ אידעאָלאָגישע באַגרינדונג צו פֿאַרזעצן דאָס „עקסיסטירנדיקע" אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און די באַגרינדונג איז אַ פּשוטע און אויך אַ ריכטיקע: די מדינה האָט נאָך ניט רעאַליזירט די ציוניסטישע וויזיע. נאָר 13

פראַצענט פון יידישן פאָלק וווינען אין לאַנד. מ׳דאַרף נאָך אַריינברענגען יידן פון די אָריענטאַלישע לענדער, וואָס לעבן אין ניט קיין קלענערע פיי־נען, ווי ס׳האָבן געלעבט די מזרח אייראָפּאַישע יידן.

ס׳איז מעגלעך, אַז געוויסע „פאָלקס - דעמאָקראַטיעס" מיט וויכטיקע יידישע ישובים, ווי רומעניע און אונגאַרן, וועלן עפענען זייערע טויערן און וועלן דערלויבן די יידן אַרויסצופאָרן. ס׳איז אפשר אויך דאָ אַ ווייטערער אויסזיכט, אָדער אַן אויסזיכט וואָס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אויך ראַטנ־פאַרבאַנד זאָל זיך צוהערן צו די תביעות פון מדינת ישראל און וועט דער־לויבן די יידן פון ראַטנפאַרבאַנד, די וואָס ווילן עס, עולה צו זיין אין לאַנד. און אויך איצט, אָן אַ גרויסער צוגאַב־עליה, איז נייטיק פינאַנציעלע הילף פון יידישן פאָלק אויף צו אַבסאָרבירן, די הונדערטער טויזנטער וועלכע האָבן ביז איצט עולה געווען, צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד און צו פאַרזיכערן די עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט פון ישראל. ס׳איז אויך נייטיק אַ פּאָלי־טישע הילף, אין דער „און" - פאַרזאַמלונג און אין די לענדער מיטגלידער פון דער „און", און ספּעציעל אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, דער הויפּט פאַקטאָר אין דער גאַנצער פרייער וועלט און דער גרעסטער עקאָנאָ־מישער און פינאַנציעלער כח אין דער וועלט, ווו עס געפינט זיך דער ער־שטער אין גרויס יידישער צענטער אין אונדזער צייט, — און לייסטן די דאָזיקע הילף איז כלומרשט די מיסיע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אָט די אַלע זאַכן זענען בלי־ספק צום גרעסטן טייל ריכטיקע, דאָס אַב־סאָרבירן די דרייפערטל מיליאָן, וואָס זענען אין קנאַפע עטלעכע יאָר אַריינ־געפלאָסן אין לאַנד, שטייגט איבער די מעגלעכקייטן פון אַ יונגער און קליי־נער מדינה, וואָס האָט געציילט ניט מער ווי זעקס הונדערט פופציק טויזנט נפשות.

בויען אַ וויסט און חרוב לאַנד, וואָס געפינט זיך אין קלעם אויך נאָך דער באַפרייאונגס־מלחמה, נייטיקט זיך אין דער הילף פון יידישן פאָלק, און אַ נייע מדינה, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין מלחמה־באַדינגונגען און אין אַ צע־שטערט און רואינירט לאַנד קען ניט דערגרייכן איר עקאָנאָמישע זעלבשטענ־דיקייט מיט איין שפּרונג, און ניט מיט אירע אייגענע כוחות אַליין.

די הילף פון יידישן פאָלק אין אַלע לענדער ווו זיי זענען פריי און ביכולת צו העלפן, וועט נאָך זיין נייטיק אַן אומבאַשטימטע צייט. אָבער די הילף ווערט געגעבן דורך יידן — ווי יידן, און די ציוניסטן האָבן אין דער אַקציע קיין שום פרעפערענץ און באַזונדערקייט. צו הילף דער מדינה זענען מאָביליזירט געוואָרן יידן אָן אונטערשייד, ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, און די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך יידישע קאַנאַלן. די טוערס און די אויפטוען זענען ניט דוקא ציוניסטישע, די אַקציע איז אַן אַלגעמיין־יידישע, און דערפאַר איז זי מצליח און אויף וויפל זי וועט להבא געטאָן ווערן וועט זי ווידער בלייבן אַן אַלגעמיין־יידישע און זי וועט געמאַכט

ווערן דורך די טעטיקע אַפּאַראַטן פון די געמיינדעס, קהילות אָדער ספּע־ציעל־געשאַפענע אינסטיטוציעס צו דעם צוועק; און דאָס זעלבע איז וועגן די פּאָליטישע הילף. אויף וויפל דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אָדער דאָס יידנטום פון אַן אַנדער לאַנד קען מיט זיין פּאָליטישער השפעה העלפן ישראל, ווערט עס געמאַכט דורך אַלגעמיינע קאַנאַלן און מיט אַלגעמיין יידישע אינסטרומענטן און נאָר דעמאָלט ווען עס ווערט געמאַכט אין דער ראַם פון כלל־ישראל האָט עס אַ ווערט.

מדינת ישראל באַקומט אויך מלוכה־הילף, באַזונדערס פון די פּאַראייניקטע שטאַטן. זי האָט באַקומען אַן הלואה פון 135 מיליאָן דאָלאַר פון אַן אַמעריקאַנער אימפּאָרט־און עקספּאָרט־באַנק; זי באַקומט אויך רעקאָמ־פּענסאַציעס פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, זי איז אויך עלול צו באַקומען מיליטערישע הילף. די ישראל־רעגירונג אָרגאַניזירט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אַ גרויסע פּאָלקס הלואה אונטערן נאָמען „די אומאָפּהענגיקייטס־הלואה״, און דערצו איז נייטיק דער גוטער ווילן פון דער אַמעריקאַנער רע־גירונג. אָט־די אַקציע מוז דורכגעפירט ווערן אין אַ דירעקטן משא־ומתן צווישן די פאָרשטייערס פון מדינת־ישראל און די געהעריקע קערפּערשאַפטן אין דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

אויך אין די פּאַרבינדונגען פון ישראל מיט די אויסלענדישע מדינות און אויך אין אירע פאַרבינדונגען מיט די יידישע געמיינדעס אין די תפוצות איז ניט דערלאָזבאַר ס׳זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ מחיצה צווישן דער מדינה און צווישן פאָלק. און עס פאָדערט זיך ניט קיין פאָרמיטלונג פון אַן „יידישער אַגענץ״, ווי דאָס האָט זיך געפאָדערט איידער ס׳איז געוואָרן די מדינה. פאַרקוקן די רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגע־קומען אין ישראל — ווערט ניט איבעראַנדערשן און ניט פאַרקלענערן דעם ווערט פון די דאָזיקע ענדערונגען, און ווערט ניט מבטל זיין זייער יידישן און אינטערנאַציאָנאַלן באַדייט.

די פּאָליטישע אַקטיוויטעט, מיט וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע (יידישע אַגענץ) האָט זיך אויסגעצייכנט פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה — די אונטערהאַנדלונגען אָדער דער געראַנגל מיט דער מאַנדאַט־רעגירונג, איז פאַרביי, אַנשטאָט אַ מאַנדאַט־רעגירונג איז דאָ אַ ישראל־רעגירונג, און אויב דער געדאַנקען־רוטין פון אַ סך ציוניסטן שטערט זיי צו אָנער־קענען די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע און דערלייזנדיקע ענדערונג — בלייבט אָבער דער פאַקט: ס׳איז דאָ אַ יידישע סוווערענע מדינה, זי דערשיינט ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער „און״, זי האָט אַמבאַסאַדאָרן און קאָנסולן אין די הויפּטשטעט פון די פריינדלעכע מלוכות, און די רעגי־רונג, אירע אמבאסאדאָרן און קאָנסולן פירן די אויסערן פּאָליטיק פון מדינת ישראל.

כדי צו שטאַרקן די פּאָזיציע און דעם פּרעסטיזש פון דער ציוניסטי־

שער אָרגאַניזאַציע כלפי פנים און כלפי חוץ — האָט מדינת ישראל באַ־גינסטיקט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ ספּעציעלן סטאַטוס אין מדינת ישראל, הגם די גאַנצע אַרבעט אין לאַנד, וואָס עס מאַכט די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע (די יידישע אַגענץ) האָט געקענט געמאַכט ווערן אפשר נוצלעכער און אָן דופּליקאַציעס, דורך דער רעגירונג גופא.

דער געזעצלעכער סטאַטוס, וואָס ס'האָט באַקומען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און דאָס זיך מטפל זיין פון דער יידישער אַגענץ אין ירו־שלים אין עליה און קאָלאָניזאַציע, פאַרמינערן ניט די פולע סוווערעניטעט פון דער מדינה, און האָבן עס אויך ניט געהאַט בכונה. די אינערלעכע פּראָבלעמען פון ישראל — זייער לייזונג ווענדעט זיך אָן דעם סוווערענעם פאָלק אין זיין לאַנד. צוזאַמענשמעלצן די גלותן, געזונט מאַכן דאָס מלוכה־לעבן, קאָאָרדינירן די רעליגיעזע באַציאונגען און דער מדינה, אויספורע־מען דעם געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן רעזשים, באַשטימען די אוי־סערלעכע פּאָליטיק — אין אַט די אַלע זאַכן קען קיין שום אויסערלעכער אָרגאַניזם, מעג ער זיין אַזאַ ווינטשנסווערטער פאַר ישראל ווי די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע, זיך ניט אַריינמישן. די גאַנצקייט און די אייניקייט פונעם פאָלק אין ישראל, זיין גייסטיקע און סאָציאַלע געשטאַלט, זיין ווירטשאַפטלעכע, מיליטערישע און דערציערישע פעאיקייט איז אָפּהענגיק פון דער פאַרשטאַרקונג פון די אינערלעכע כוחות פונעם פאָלק אין ישראל.

אַ מענטש איז זיך ניט מתקנא אין זיין זון און זיין תלמיד, אויב די ציוניסטישע באַוועגונג באַטראַכט די מדינה ווי אירע אַ קרעאַציע — און ס'איז אין אַ גרויסער מאָס באַרעכטיקט — דאַרף זי ניט קוקן מיט דער מיט קנאה אָדער ווידערווילן אויף דער זעלבשטענדיקייט פון דער מדינה, אויף אַלע אַקטיוויטעטן אין דער מדינה און אין אירע באַציאונגען מיט די אויסלענדישע מדינות. אויב דער מדינה האָט זיך איינגעגעבן צו געווינען די ליבע פון פאָלק און זיין הילף, איז דאָס אַ געווינס פונעם ציוניסטישן געדאַנק און די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף ניט האָבן קיין שום אינטערעס צו בילדן אַ מחיצה אָדער אַ קלין צווישן דער מדינה און צווישן פאָלק.

אָבער אין דער אמתן איז די מדינה אַ קינד ניט נאָר פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג, די מדינה איז די יצירה פון דער יידישער אומה פון אַלע דורות, און ניט נאָר פון אַן אָרגאַניזם וועלכער איז אַנטשטאַנען מיט פופציק אָדער זיבעציק יאָר צוריק.

די פאַקטישע בויערס פון דער מדינה זענען געווען די עולים, און די עליה האָט זיך ניט אָנגעהויבן מיט דעם קאָלאָניזאַציע־ווערק פון דער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַפילו ניט מיט דער פון די חובבי־ציון און פון די גרינדער פון מקוה־ישראל און פתח־תקוה. פונקט ווי די משיחישע האָפענונג אַזוי האָט אויך די עליה אין לאַנד ניט אויפגעהערט אין משך פון די אַלע גלות־יאָרן, און אַלע יידישע שבטים און אַלע דורות האָבן אַ חלק אין דער

עליה. די ציוניסטישע באַוועגונג איז געווען איר ערשטער און וויכטיקסטער שליח אין דער יידישער געשיכטע אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, און איר חלק אין מדינת ישראל איז ניט קיין קלענער, אָבער די מדינה איז ניט נאָר דאָס פּראַקטישע ווערק און גייסטיקער פאַרמעגן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, סיי ווען מיר ציילן אירע יאָרן פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אָדער פונעם קאַטאָוויצער צוזאַמענפאָר.

די כסדרדיקע און דויערנדיקע היסטאָרישע כוחות, וואָס זענען אומפאַרגענגלעך, אינעם אויפבוי פון דער מדינה וואָס מיר האַלטן נאָך איצט ביי איר אָנהייב זענען צוויי: די משיחישע בענקעניש פונעם יידישן פאָלק און די רעאַליזירונגס־חלוצים, די עולים, וועלכע מאַכן די אויפבוי־אַרבעט פון לאַנד מיט זייער קערפּער. אָבער וועלכע ס׳זאָלן ניט זיין די פאַרדינסטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דער שאַפונג פון דער מדינה — איז דער עיקר די שאַפונג און ניט די פאַרדינסטן פון די שעפּער.

די ציוניסטישע באַוועגונג קען פון היינט און ווייטער ניט עקסיסטירן אויסשליסלעך מיטן כוח פון אירע פריערדיקע מעשים אין לאַנד. די אַרבעט ווערט איצט געמאַכט מיט שטאַרקערע מעגלעכקייטן דורך דער מדינה גופא. אין משך פון אַלע אירע טעטיקייט־יאָרן, ביזן אויפקום פון דער מדינה, האָט די אָרגאַניזאַציע אינוועסטירט אין לאַנד אין דער אַנטוויקלונג פונעם ישוב דורכן קרן־קימת און קרן־היסוד 46.823.000 ל״י (קרן היסוד 25.523.000 ל״י, קרן קימת 21.300.000 ל״י). לגבי דער קרן היסוד־טעטי־קייט איז עס א תקופה פון 27 יאָר. קרן קימת איז טעטיק נאָך פון פאַר דער ערשטער מלחמה. אָבער די מדינה האָט אויסגעגעבן אויף באַדינונג און אַנטוויקלונג אין משך פון די ערשטע פינף יאָר עקזיסטענץ 764 מיליאָן ל״י. פון דעם 485 מיליאָן ל״י פון געוויינלעכן ביודזשעט, 278 מיליאָן ל״י פון דעם אַנטוויקלונגס־ביודזשעט. אין דעם חשבון גייט ניט אַריין די הוצאות פון דער באַפרייאונג־מלחמה. דורכשניטלעך האָט די רעגירונג אויסגעגעבן אין איין יאָר קרוב צו 155 מיליאָן ל״י, ד״ה, אַז אין איין יאָר האָט די מדינה אויסגעגעבן מיט אירע מיטלען העכער דריי מאָל אַזויפיל וויפל די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אינוועסטירט אין משך פון איר גאַנצער עקזיסטענץ ביזן אַנטשטיין פון דער מדינה.

פון זינט דעם אויפקום פון דער מדינה זענען געוואַקסן די מיטלען פון דער אַגענץ, אָבער די אַגענץ איז נאָר אַ קאַנאַל פון הוצאות. דער געלט־קוואַל איז ניט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר אין די יידישע קבוצים אין דער וועלט, הויפּטזעכלעך אין אַמעריקאַנער יידנטום. דאָס זאַמלען געלט פאַר ארץ־ישראל, האָט שוין זייט עטלעכע יאָר, נאָך פאַרן אויפקום פון דער מדינה, אויפגעהערט צו זיין דער מאָנאָפּאָל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלגעמיין

יידישע טעטיקייט. ניט די ציוניסטישע סניפים, נאָר די יידישע קהילות — אויב מ׳קען אַזוי אָנרופן די שטאָטישע „פאָנדן״ פאַר די אַלגעמיינע יידישע היצטרכותן — זיי זענען דער הויפטקוואל פון דער פינאַנציעלער הילף. דער קאַמפּיין איז „אַ פאַראייניקטער קאַמפּיין״ פאַר אַלע יידישע הצטרכותן, הגם דער לייבן־חלק ווערט געשיקט קיין ישראל. די ציוניסטיייִזע באַוועגונג וועט האָבן אַ קיום אויב זי וועט אויספילן אַ שליחות וואָס אַנדערע וועלן עס ניט מאכן, און אויב אַט־די שליחות וועט פאַרפליכטן פערזענלעך יעדן חבר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די פעאיקייט פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג משפּיע צו זיין ווענדט זיך ניט אָן דער מדינה און ליגט ניט אין איר רשות. די מדינה קען ניט באַצווינגען די ציוניסטישע באַ־וועגונג אויף די תפוצות. נאָר מיטן כוח פון אירע ווערטן און איר וויזיע איז אַ באַוועגונג מסוגל צו באַצווינגען הערצער, צו אָנפירן מיט מאסן און זיך שטעלן בראש פון אַ פאָלק. און ס׳פרעגט זיך ווידער די שאלה: אין וואָס באַשטייט איצט די מיסיע און די שליחות פון דער ציוניסטישער באַ־וועגונג, נאָכן אנטשטיין פון דער מדינה און נאָך די ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען ביים ייִדישן פאָלק? ניט די ליבע צו דער מדינה. דאָס גע־הערט דעם גאַנצן פאָלק. און ווי אָן אייגנטום פון גאַנצן פאָלק איז עס אַ טייערער יידישער פאַרמעגן, וויכטיק אויך פאַר דער מדינה און אויך פאַרן פאָלק.

אַזוי ווי די מדינה נייטיקט זיך אין פאָלק אַזוי נייטיקט זיך דאָס פאָלק אין דער מדינה. די פראַגע איז, ווי פאַרזיכערט מען אויף לאַנגע יאָר דעם דאָזיקן שייכות. און נאָך מער: ווי פאַרזיכערט מען דעם קיום, אחדות און היסטאָרישע קאָנטינואיטעט פון פאָלק אין גלות, — כל־זמן עס איז אין גלות און כלפּי די וואָס געפינען זיך אין גלות, — וואָס איז דער צעמענט וואָס איז מסוגל אויפצוהאַלטן די פאַרבינדונג פון די פאַרשיידענע תפוצות, אַריינ־געבן אָן אינהאַלט אין דעם יידישן לעבן אין יעדער תפוצה, און אויפהאַלטן דעם שייכות צווישן דער גאַנצער דיאַספּאָרע און ישראל?

אויף דער שאלה איז דאָ נאָר איין־איינציקע תשובה: אַ העברעאישע דערציאונג פון פאָלק אין גלות, איבערגעבן דעם יונגן דור אין באַזיץ דעם העברעאישן לשון, ניט דאָס קענען לייענען אַליין, צי דאַווענען, צי זאָגן קדיש אָדער לייענען די הפטורה, ווי ס׳איז אָנגענומען אין געוויסע שולן אין אַמעריקע, נייערט קענען די שפּראַך ביז לייענען די אַלטע און נייע ליטע־ראַטור און ביז זיך צוזאַמענריידן מיט אַ יידן פון ישראל. דאָס העברעאישע לשון ווי אַ שותפותדיקער קנין און ווי אַ צעמענט וואָס האַלט צוזאַמען אַלע טיילן פון פאָלק אין דער וועלט.

אַט־די אַרבעט ווערט איצט געפאָדערט פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע און פון יעדן ציוניסטישן מאַן און יעדער ציוניסטישער פרוי אין גלות. דאָס איז איר היסטאָרישע שליחות אין דער תקופה. און כדי אַ העברעאישע

דערציאונג זאָל קענען דערפילן איר מיסיע איז נייטיק צו פאַרפליכטן עס פּערזענלעך יעדן חבר און חברה אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין גלות. פאַרפליכטן צו געבן זייערע זין און טעכטער אַ העברעאישע דערציאונג; ס׳איז אַ מוז־זאך צו פאַרפליכטן יעדן שטאָטישן סניף צו סטימולירן דעם העברעאישן חינוך אין דער קהילה און יעדער לאנד־אָרגאַניזאַציע זיך אָפּצוגעבן מיטן העברעאישן חינוך פאַרן גאַנצן יידישן קיבוץ אין זיין לאַנד. ניט אַ העברעאישע דערציאונג אָנשטאָט קיבוץ־גלויות, אָנשטאָט פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַקציעס לטובת דער מדינה; ניט ווי אַן ערזאַץ פון אַ חלוצישער דערציאונג. נאָר לשם קיבוץ־גלויות און כדי צו סטימולירן דעם חלוצישן גייסט אין דער יוגנט, און ניט נאָר לשם דיביידע זאַכן אַליין, נייערט און קודם־כל, לשם דעם קיום פון דער גאַנצקייט און אייניקייט פון־נעם יידישן פאָלק אין די תפוצות און זיינע פאַרבינדונגען מיט דעם באַנייטן היימלאַנד.

צי איז די מדינה בכוח צו ברענגען צו אַ פולן און גאַנצן קיבוץ־גלויות, און דורך דעם צו ליקווידירן דעם גלות און לייזן דערמיט דאָס פּראָבלעם פון דער אייניקייט פונעם יידישן פאָלק? נאָר די געשיכטע וועט אין איר צייט ענטפערן אויף דער גורל פראַגע. דערווייל דאַרפן מיר ניט דערלאָזן צו דער ליקווידירונג פון גלות דורך אויסמישונג און אַסימילאַציע.

די יידישע צעשפּרייטונג איז אַ היסטאָרישער פאַקט, און ניט קיין נייער. אויך ניט קיין באַגלייט־פאַקטאָר צום חורבן בית־שני. די צעשפּריי־טונג איז שוין געווען פאַרן חורבן בית־שני און אויך פאַרן בית־ראשון. דער ציוניזם אין אונדזער צייט האָט קלאָר געמאַכט, אַן יעדן שאָטן פון ספק, אַז ער באַטראַכט ניט די עליה קיין א״י ווי אַ ציוניסטישע פליכט אָדער ווי אַ טייל פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, און ער האָט עס ניט געטאָן בייז־ווילִיק. מאַסן זענען ניט עולה אָן אַ דרוק. נאָר פּערזאָנען וועלכע זענען באַ־שאַנקען מיט חלוצישע אייגנשאַפטן נייטיקן זיך ניט אין קיין אויסערלעכן דרוק, אין קיין עקאָנאָמישן אָדער פּאָליטישן צוואַנג, כדי צו ענדערן זייער לעבן, אַרויסגייין פון גלות און זיך אידענטיפיצירן אין זייער גאַנצן פּערזענ־לעכן לעבן מיט דעם אויפטו פון באַנייען דאָס היימלאַנד און שאַפן די נייע יידישע געזעלשאַפט.

אינערלעכער אומרו, אַ טיפע נשמה־באַדערפעניש אויסצולעבן זיך אין איינקלאַנג מיט דער וויזיע וואָס פּולסירט אין זיין נשמה; דער שאַפונגס־ווילן און די פעאיקייט און דער אינערלעכער דראַנג מיטצואַרבעטן אין דער מעשה־בראשית פון באַנייען דאָס פאָלק און דאָס לאַנד פון די אבות; מאָדע־לירן אַ נייע געזעלשאַפט און שאַפן גייסטיקע דערלייזונגס־ווערטן — דאָס קען מאַכן אַקטיוו אויסדערוויילטע פּערזאָנען וועלכע זענען געבענטשט מיט אַ חלוצישן גאָב. אָבער מאַסן פאַרלאָזן ניט זייערע פלעצער מיטן כוח פון אַן אַבסטראַקטער טעאָריע, ווען אַפילו אירע יסודות זענען ריכטיקע, אַן

דעם אַז ס׳זאָלן אויך ווירקן פאַקטאָרן פון לייד און פיין. און דעריבער האָבן די יידן פון בבל זיך ניט געניייטיקט אין קיין אידעאָלאָגיע, כדי עולה צו זיין און די אַמעריקאַנער יידן און אירע ציוניסטן האָט די אידעאָלאָגיע ניט געהאָלפן.

מיר האָבן געזען די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער וועלט און אין דער לאַגע פון יידישן פאָלק אין די לעצטע הונדערט יאָר. קיי־נער האָט ניט געקענט פאָרויסזען די ענדערונגען מיט הונדערט יאָר צוריק, און קיינער קען ניט וויסן וואָס ס׳וועט פאַסירן אין די קומענדיקע הונדערט יאָר. איינס ווייסן מיר: מיר זענען אַן אייביק פאָלק און אַן אייביק פאָלק דאַרפן מיר בלייבן; מיר זענען געווען אַ פאָלק, וואָס האָט אויסגעפילט אַ היסטאָרישע שליחות אין דער וועלט, און ניט קיין קלענערע שליחות שטייט אונדז פאָר אויך אין דער צוקונפט. די געשיכטע איז געווען מיט אונדז אכזריותדיק ווי מיט קיין שום אַנדער פאָלק, אָבער מיר האָבן אַרויסגעוויזן אַ אײנערלעכע שטאַנדהאַפטיקייט ווי ס׳האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום אַנ־דער פאָלק. דווקא אין דער תקופה ווען ס׳האָט אונדז געטראָפן די שרעק־לעכסטע צרות — האָבן מיר זיך דערמונטערט און באַנייט אונדזער זעלב־שטענדיקייט. מיר וועלן זיך ניט באַנוגענען מיט דעם ביסל פאַרקוילטע רעשטן וואָס מיר האָבן געראַטעוועט פון דער שריפה. און מיר וועלן ניט מוותר זיין אויפן קיום און צוקונפט פון דער דיאַספּאָראַ, צוליב איר נוצ־לעכקייט פאַר דער מדינה און פאַר זיך גופא.

אַ ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכע זאָגט זיך אָפּ פון דעם פּליכט פון עליה, וועט זיך אויסליידיקן פון איר אינהאַלט און וועט פאַר־וועלקט ווערן אויב זי וועט אויך זיך אָפּטרייסלען פון דעם גרונט־געדאַנק, וועלכער האָט עקסיסטירט איידער ס׳איז נאָך געווען עליה און ציוניזם: פון דעם קיום פון יידישן פאָלק און זיין אייניקייט. די מדינה און די פאַר־שטאַרקונג פון דער מדינה איז נאָר איינער פון די מיטלען פאַרן קיום פון יידישן פאָלק אין גלות. אָבער דער מיטל אַליין איז ניט גענוג, ווייל אַ תפוצה וואָס וועט ניט עולה זיין אין עלול זיך צו אַסימילירן און איינגע־שלונגען ווערן צווישן די פעלקער, און ס׳איז דאָ נאָר איין צוגאָב־מיטל אויס־צומיידן אַסימילאַציע — אַ העברעאישער חינוך. נאָר אַזאַ חינוך איז ביכולת אויפצוהאַלטן די אחדות פון יידישן פאָלק. דער קשר צווישן די טיילן אין די תפוצות וועט אויפגעהיט ווערן נאָר דורך אַ העברעאישן חינוך פאַרן יידנ־טום אין גלות. ס׳איז ניט ווייט די צייט ווען אַלע יידן אין גלות וועלן זיך באַנוצן אויך צווישן זיך אויסשליסלעך מיט די לאַנד־שפּראַכן. די רעליגיע, וואָס האָט אויפגעהאַלטן דאָס פאָלק ביזן נייַנצנטן יאָרהונדערט איז צע־בראָקלט געוואָרן, און נאָר טיילן פון פאָלק, גרעסערע אָדער קלענערע, האַלטן זיך אין איר. דער איינציקער צעמענט וואָס קען אויפהאַלטן און

פאַראייניקן די יידן און שטאַרקן זייער זעלישן צוזאַמענבונד מיט דער מדינה — איז דאָס העברעאישע לשון.

מיט דעם לשון ווערט געגעבן דער איינציקער שליסל פאַר אַלע טיילן פון יידנטום אין דער וועלט און פאַר אַלע יידישע דורות אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער צוקונפט; ניט קענענדיק קיין העברעאיש פאַרשטייט ניט דער ייד אויב ער איז אַ רעליגיעזער, וואָס ער דאַוונט. אויב ער איז ניט רעליגיעז — פאַרמאָגט זיין יידישקייט ניט קיין פּאָזיטיוון אינהאַלט.

נאָר די אויבערפלעכלעכע אפיקורסות קען גרינגשעצן די מעכטיקע פונקציע וואָס ס׳האָט אויסגעפילט אין גלות און פילט נאָך אויס אויך איצט די יידישע אמונה אין קיום פון יידישן פאָלק און אין זיין צוזאַמענבונד, און ס׳איז קלאָר, אַז יעדער ייד אין גלות איז נענטער און טרייער צום פאָלק, און אויך זיין קשר מיט ישראל איז מער קאָנסאָלידירט, אין דער מאָס וואָס ער איז ניט דערווייטערט פון זיינע עלטערנס אמונה. אָבער אַפילו דער פרומסטער ציוניסט, אויב ער איז מסוגל צו קוקן מיט אָפענע אויגן אויף אונדזער אַקטועלער ווירקלעכקייט, וועט ניט קענען באַהויפּטן, אַז ס׳איז מעגלעך צוריקצופירן די אַלע יידישע מאַסן צו דער תמימותדיקער און אינטעגראַלער אמונה פון די פריערדיקע דורות. קיין ציוניסט און קיין ייד טאָר ניט מוותר זיין אויף די אַלע יידישע מאַסן וועלכע זענען ניט קיין רעליגיעזע.

אַ העברעאישער חינוך אַליין וועט ניט אויסשעפּן דעם גאַנצן פּראָגראַם פון ציוניזם, אויך נאָך דעם ווי די ציוניסטן באַפרייען זיך פון דער עליה־פליכט. די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף זיך שטעלן בראש פון יעדער לאָקאַלער יידישער אַקטיוויטעט, טעריטאָריעלער און אינטערנאַציאָנאַלער, וואָס קען שטאַרקן די פּאָזיציע פון יידנטום און באַשיצן איר כבוד און אירע רעכט. באַזונדערס דאַרף די ציוניסטישע באַוועגונג גיין בראש פון יעדער אַקציע וואָס איז געצילט צו באַפעסטיקן מדינת ישראל, פאַרשטאַרקן איר עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט און איר פּאָליטישע און מיליטערישע זיכערקייט, און צואיילן דעם פּראָצעס פון קיבוץ־גליות.

די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף באַפעסטיקן דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט צווישן די יידישע קיבוצים אין גלות מיט ישראל, סטימולירן טוריזם, אינוועסטירן קאַפּיטאַלן, ברענגען תלמידים צו לערנען אין די לערן־אַנשטאַלטן פון ישראל און געבן עכטע הילף צו שטאַרקן די חלוצישע באַוועגונג, די עליה פון פאַכלייט, וויסנשאַפט־לייט און ספּעציאַליסטן. אָבער אָן אַ העברעאישן חנוך וואָס זאָל פאַרפליכטן פערזענלעך יעדן ציוניסט צו דערציען זיינע אייגענע קינדער, און אַ קאָלעקטיווע פליכט אויף יעדן סניף, לאָקאַלע און לאַנדס־קאָמיטעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו סטימולירן דעם העברעאישן חינוך דורך די קהילה־אַנשטאַלטן און יידישע אָרגאַניזאַציעס, — האָט דער ציוניזם קיין שום מאָראַליש־אידעאישן ממשות און

קיין היסטאָרישע אויסזיכטן ווי באַלד ער אידענטיפיצירט זיך ניט מער מיט עליה.

אַ העברעאישער חינוך איז ניט נאָר אַ פאַרבאַדינג אויפצוהאַלטן אַ קעגנזייטיקע שייכות און אַ קולטורעלן שקר צווישן גלות און צווישן לאַנד. דער העברעאישער חינוך איז אַ נויטווענדיקייט פאַרן צובונד פון יעדן יידן אומעטום צום מקור פון יידישקייט און איבערצוגעמען די גרעסטע און רייכסטע קולטור־ירושה פון יידישן פאָלק — דעם ספר הספרים אין אָרי־גינאַל.

העברעאישער חינוך איז ניט נאָר דער שפּראַך־לימוד. גרויס און מעכ־טיק איז די וויכטיקייט פון דער שפּראַך, און אין איר זכות זאָגן אונזערע פאַרצייטיקע חכמים, זענען יידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, ווייל „זיי האָבן ניט געביטן זייער לשון און זיי האָבן גערעדט לשון־קודש". אָבער שפּראַך איז ניט מער ווי אַן אינסטרומענט, אַ שליסל צו די אוצרות פון דער יידישער קולטור. דער עיקר איז דער אינהאַלט פון דער יידישער דער־ציאונג. אַ יידישער אינהאַלט וואָס זאָל אויפהאַלטן דעם פאָלק־אחדות און זאָל אויפהיטן זיין שייכות צום עבר און צום עתיד פון דער אומה. דער אינהאַלט איז קאָנסערווירט הויפּטזעכלעך אין ספר־הספרים. אָן דער קענט־שאַפט פון תנ״ך איז ניט פאַראַן קיין יידישע דערציאונג אין ישראל און אין גלות. דער פרומער ייד וועט געפינען אין תנ״ך די קוואַלן און די שיין פון זיין אמונה. און אויך דער ניט־פרעמדער וועט אַנטפּלעקן אין תנ״ך דעם מקור פון דער פאָלקס־פאַרמאַציע, זיינע עפּאָפּעאישע געדאַנקען־ראַנגלענישן מיט דער געצנדינערישער וועלט. גבורה־קאַפּיטלען און פראַכט, די גראַנדיעזקייט פון דער יידישער נבואה, טייערע אוצרות פון פּאָעזיע און חכמה, וויזיע און דענקען, וואָס האָבן ניט זייער גלייכן מיט זייער מאָראַלישן ברען, ריינעם געפיל און מעכטיקן אויסדרוק. אין דעם ספר וועט ער באַגלייטן די פאָלקס־אבות וועלכע האָבן אין פלוג געוואַנדערט איבערן לאַנד ווי בעדואינישע שייכן פון אונדזער צייט, אָבער פון זייערע תמימותדיקע אויפפירונגען, און באַזונדערס די אויפפירונגען פון אברהם, דעם ערשטן ייד פון אַלע דורות, דרינגט אַרויס נשמה־גרויסקייט, העכערע חכמה און מענטשלעכע פּראַכט, געשעפּט פון אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן גאָט פון חסד און אמת, וואָס האָט געלעבט אין זייער האַרצן און האָט באַלויכטן זייער לעבנסוועג.

ער וועט געפינען אין די נביאות פון די יידישע נביאים, די נביאים פון דעם ריינעם אמת און אבסאָלוטע גערעכטיקייט, דעם סוד פון דער גייסטיקער גבורה וואָס איז דעם יידישן פאָלק בייגעשטאַנען אין אַלע דורות.

ער וועט פילן אין יעדן זייטל פון די דאָזיקע אייביקייט־ספרים דאָס מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע שטרעבן צו אחדות; דאָס געמיינזאַמע פונעם מענטשן, פון דעם מענטשלעכן מין, מיטן קאָסמאָס, פון מאַטעריע און גייסט, פון בורא און בריאה, אַט דאָס שטרעבן, וואָס האָט ניט אויפגעהערט

פון זינט די צייטן פון אברהם אבינו, משה רבינו, יידישע נביאים, חכמים פון מיטלאַלטער ביז די גרויסע דענקער פון די לעצטע דורות, ווי שפּינאָזאַ און איינשטיין.

אין דעם ספר וועט ער דערקענען די היסטאָרישע באַזונדערקייט פון זיין פאָלק און זיין אוניווערסאַלע אַלמענטשלעכע מיסיע, וואָס איז גע־קניפּט און געבונדן צווישן זיך. און ער וועט געפינען אינעם תנ״ך עפּעס מער ווי געשיכטע, פּאָעזיע, חכמה, געדאַנק, שכינה־אַנטפּלעקונג. אין דעם ספר־הספרים וועט זיך פאַר אים אַנטפּלעקן די נבואה וועגן דער צוקונפט, די צוקונפט פון זיין פאָלק און די צוקונפט פונעם מענטשלעכן מין, די וויזיע וועגן אחרית הימים, די וויזיע פון גאולה, שלום און גערעכטיקייט, וואָס מ׳האָט פאַרצייטנס געפּרעדיקט אויף די בערג פון ירושלים און נאָך גלאַנצט ער און איז דערפרישנדיק און פאַרכאַפּנדיק ווי אין טאָג ווען מ׳האָט אים געגעבן. און ער טראָגט די אמת־בשורה אַזוי פאַר דער יידישער גאולה ווי אויך פאַר דער לייזונג פון די צוויי גורל־פּראָבלעמען פון דעם מענטשלעכן מין אין אונזער צייט: דאָס פּראָבלעם פון קאַפּיטאַל און אַרבעט אין דער געזעלשאַפט און דאָס פּראָבלעם פון מלחמה און שלום צווישן די פעלקער. אָט דער ספר האָט באַלויכטן מיט אַ הימלישן ליכט דעם טראַגישן און לאַנגן גערANGגל פון זיין פאָלק און האָט צעטריבן די כמארעס פון בלאָנדזשענדיקע פעלקער און דעריבער איז ער געוואָרן דער ספר־הספרים פון די אומות־העולם, און איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע עקן וועלט, ווי קיין שום אַנדער בוך איז פאַרשפּרייט; איז איבערזעצט געוואָרן אין אַלע שפּראַכן און דיאַלעקטן פון די קולטורעלע און ווילדע פעלקער; ער דינט נאָך ביז היינט ווי אַ קוואַל פון רעליגיעזער און מאָראַלישער אינספּיראַציע פאַר דער גייס־טיקער אַריסטאָקראַטיע און פאַר די פּשוטע פאָלקס־מאַסן. אָבער קיינער קען אים ניט געניי אויספאָרשן און זיך מתיחד זיין מיט זיין לויטערן אמת און זיין פּרעכטיקן ליכט און גלאַנץ ווי נאָר אין אָריגינאַל, אין העברעאישן לשון.

אַ העברעאישע דערציאונג באַזירט אויפן תנ״ך וועט יעדן יידנס האַרץ אָנפילן מיט דערקענטעניש פון זיין יידישקייט־אינהאַלט, זאָל ער זיין אַ רעליגיעזער אָדער ניט־רעליגיעזער; ער וועט הויבן זיין כבוד און זיין ווערט אין די אויגן פון זיינע שכנים, — דער רוב פון יידישן פאָלק לעבט צווישן פעלקער וועלכע פאַרגעטערן דעם תנ״ך — ער וועט הייבן זיין זעלבסט־ווערדע ווי אַ מענטש און ווי אַ ייד, און וועט פאַרטיפן זיין גייסטיקן בונד מיט ישראל, — דאָס פאָטערלאַנד פון תנ״ך אין דער פאַרגאַנגענהייט און דאָס היימלאַנד פון זיין פאָלקס־זעלבסטשטענדיקייט אין דער קעגנוואַרט און אין דער צוקונפט.

דער העברעאישער חינוך אַנטהאַלט ניט די גאַנצע ציוניסטישע תורה. אָבער אָן אַ העברעאישן חינוך, ווי אַ פּערזענלעכע און קאָלעקטיווע פאַר־פליכטונג ווערט די ציוניסטישע תורה געפעלשט. אָן דעם איינפירן דעם

העברעאישן חינוך אין די תפוצות איז ניטאָ קיין שום גאַראַנטיע פאַרן קיום פון יידישן פאָלק אין גלות, און ס׳איז ניטאָ קיין שום מיטל אויפצוהאַלטן זיין איינהייטלעכקייט און זיין באַציאונג צו ישראל.

***

דער ציוניזם איז אַ טרייער דראַנג צו נצח ישראל, און נצח ישראל איז אויסגעדריקט אין דיביידע: אין מדינת ישראל און אין ספר־הספרים.

# אינהאלט


| | זייט |
|---|---|
| *** — מ. רעגאַלסקי | 7 |
| דוד בן־גוריון (שטריכן צו זיין פּערזענלעכקייט) — יהודה ארז | 9 |
| אין קאַמף פאַר אַ יידישער מדינה | 61 |
| שליחות און אייגנאַרטיקייט | 83 |
| אַנשטאָט אַ סך־הכל | 135 |
| די „נחשון“־אָפּעראַציע | 143 |
| אַזעלכע זענען זיי געווען | 147 |
| פאַר דעם המשך פון חלוציזם | 159 |
| צו די חלוצים אין די מערב־לענדער | 167 |
| שיבת־ציון און די יידישע קולטור | 171 |
| חינוך און רעליגיע | 183 |
| די פאָן פון פאָלק און די פאָן פון ארבעט | 199 |
| דער געזעץ וועגן אהיימקער | 209 |
| אין די טריט פון דבורה הנביאה | 215 |
| אַ רעזשים פון פשרה | 225 |
| אויסערן־פּאָליטיק און זיכערקייט | 235 |
| נצח ישראל | 259 |

די איבערזעצונג פון די אַרבעטן איינ־
געשלאָסענע אין דעם באנד איז גע־
מאַכט געוואָרן דורך די ה״ה: חנן
אַיאַלטי, עקיבא מאָזעס, י. פּאַלאַטיצקי,
אַ. אַ. פישער, אפרים צרפת און
ד. שישאַצקי.
די קאָרעקטור — יוסף פּאָפּאָווסקי.

פאַרלאַג
פועלי ציון-התאחדות

דירעקטאָר:
ש. קאַטשערגינסקי

פאַרלאַג-אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

## דערשינענע ביכער:

א. דוד בן גוריון — נצח ישראל

## אין צוגרייטונג:

ב. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף

ג. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות-פאָלק

ד. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט

ה. מ. דוואָזשעצקי — מחשבות פון אַ צוריקגעקומענעם

ו. ה. לייוויק — נייע לידער

ז. אני מאמין — אַנטאָלאָגיע פון יידישן ווידערשטאַנד

ח. מלך ראַוויטש — דין-וחשבון פון אַ נסיעה קיין ישראל

Este libro se terminó de imprimir el día 30 de Abril de 1954, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman — Av. Corrientes 1976 - Buenos Aires.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyrigth by
Editorial Mapai, Israel

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

**Editado por la**
**EDITORIAL "KIUM"**
**Ayacucho 352**

*DAVID BEN GURION*

# NÉTZAJ ISRAEL

## (LA ETERNIDAD DE ISRAEL)

EDITORIAL "KIUM"
BUENOS AIRES
1954